STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00900

YIDISHE SHRAYBER IN AMERIKE

Ber Green

Permanent preservation of this book was made possible by
An Anonymous Donor

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בער גרין

יידישע שרייבער אין אַמעריקע

בער גרין

יידישע שרייבער אין אמעריקע

איקוף פארלאג

ניו יארק, 1963

ארויסגעגעבן מיט דער הילף פונעם
בער גרין בוך־קאָמיטעט
ר. יוקלסאָן, פאָרזיצער
ש. בעקער און שמואל קאָרן, סעקרעטאַרן

YIDDISH WRITERS IN AMERICA

by BER GREEN

Published by YKUF, New York, 1963
Copyright: Ber Green, 1963, New York

Printed in U. S. A.
Prompt Press, 418 West 25th Street, New York, N. Y.
209

שער־בלאַט געצייכנט פון י. זעלדין

פון זעלבן מחבר:

„בלומען אונטער שניי" (לידער), ניו־יאָרק, 1939

גרייט צום דרוק:

1) בוך לידער, 2) צווייטער באַנד עסייען

אינהאַלט

1.

זייט
צו די לייענער ....
יעקב־צבי סאָבעל 9
מאָרים ווינטשעווסקי 15
מאָרים ראָזענפעלד 33
דוד עדעלשטאַט 52
יוסף באָוושאָווער 66
יהואָש 75
אברהם ליעסין 86
לעאָן קאָברין 93
ה. רויזענבלאַט 101
יוסף ראָלניק 105
שלום אַש 111
אייזיק ראַבאָי 119
י. י. שוואַרץ 131
משה־לייב האַלפּערן 136
צבי הירשקאָן 146
ש. דייקסעל 150
ציליע דראַפּקין 155
ל. מילער 160
שרה באַרקאָן 176
זייט
גינאַ מעדעם 179
משה באַרנשטיין 183
ז. ווײַנפּער 185
ב. י. ביאַלאָסטאָצקי 200
נ. ב. מינקאָוו 207
ברוך גלאַזמאַן 219
סעם ליפּצין 223
לייב סאָברין 232
שלום שטערן 237
דאָרע טייטלבוים 243

2.

ראובן ברײַנין 251
קלמן מרמר 258
מ. אָלגין 261
ישראל־בער ביילין 281
יעקב מעסטל 288
משה כץ 299
נחמן מייזיל 320
פּ. נאָוויק 330

צו די לייענער

בער גרין

די אַרטיקלען, אָפּהאַנדלונגען און עסייען, וואָס גייען אַריין אין אָט־דעם בוך, זיינען געשריבן און פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פאַרשיידענע ציטן און צו באַזונדערע געלעגנהייטן. דאָך האָף איך, אַז צוזאַמענגענומען גיבן זיי אַ באַשטימטן באַגריף וועגן וויכטיקע פעריאָדן אין דער געשיכטע פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, וועגן דורות שאַפער און יחידים־שאַפער און זייערע שאַפונגען, און שטעלן־צוזאַמען איין גאַנצעס.

די אָפּהאַנדלונגען וועגן די שרייבער — איןביידע אָפּטיילן — ווערן געגעבן אין כראָנאָלאָגישן סדר, לויט די יאָרן פון זייער געבוירן.

דער צוועק פונעם בוך איז צו סטימולירןביים לייענער דעם אינטערעס צו שעפּן דירעקט פון די קוואַלן פון יידיש־שאַפן. איך האָף, אַז דער בוך וועט ברענגען נוצן דעם לייענער.

נאָך פען־פּאָרטרעטן, עסייען און אָפּהאַנדלונגען וועגן שרייבער וועלן קומען אין די געפּלאַנעוועטע וויטערדיקע בענד.

***

דער בוך דערשיינט מיט דער הילף פונעם „איקוף"־פאַרלאַג און פון אַ בוך־קאָמיטעט פון פריינט און קאָלעגן. איך דריק דאָ אויס אַ האַרציקן דאַנק דעם פאָרזיצער פונעם קאָמיטעט, ר. יולקסאָן, און דעם סעקרעטאַר — שמואל קאָרן. זאָל דאָ דערמאָנט ווערן מיט כבוד דער פריציייטיק־פאַרשטאָרבענער סעקרעטאַר פונעם בוך־קאָמיטעט, שמואל בעקער, דער פאַרדינסטפולער קולטור־געזעלשאַפטלעכער טוער, וואָס האָט אַריינגעלייגט אַ סך מי אין דער אַקטיוויטעט פונעם קאָמיטעט.

אַ האַרציקן דאַנק און אַ יישר־כוח צו אַלע פאָרויס־אַבאָנענטן און „ספּאָנסאָרס", וואָס האָבן מיט זייער מיטהילף מעגלעך געמאַכט די דערשיינונג פונעם בוך.

אַ דאַנק אויך די פריינט נחמן מייזיל און נ. הייקין פאַר זייער טעכנישער הילף.

צו אַלעמען — אַ דאַנק.

ב. ג.

ניו־יאָרק, יוני, 1963

1

יעקב־צבי סאַבעל

(1913־1831)

דאָס ערשטע יידיש־ביכל אין אַמעריקע איז דערשינען אין ניו־יאָרק אין 1877. דאָס איז געווען אַ קליינע לידער־זאַמלונג אין העברייאיש און אין יידיש, אונטער די נעמען: „שיר זהב לכבוד ישראל הזקן" און „ישראל דער אַלטע". דער מחבר פון אָט־דעם ביכל איז געווען דער משכיל און דיכטער יעקב צבי סאָבעל (1913־1831).

אָט־דאָס ביכל אין העברייאיש און אין יידיש (אָדער ווי דער פּראָ־פּעסאָר סאָבעל דערקלערט אויפן שער־בלאַט: „איבערזעצט אין יודיש דייטש") באַשטייט פון פיר לידער אין העברייאיש, און פון די ערשטע דריי פון אָט־די לידער — אין יידיש, איבערגעדיכטעט דורך דעם מחבר גופא. די פיר לידער זיינען: „הדבורה" (די בין), „ישראל הזקן" (דער אַלטער ישראל), „תלמיד הכם פולני באמוריקא" (אַ פּוילישער תלמיד־חכם אין אַמעריקע) און „חתן וכלה או גמול היהודים ברוסיה" (חתן־כלה אָדער דער לוין פון די יידן אין רוסלאַנד).

אין דעם פּערטל־יאָריקן זשורנאַל „פּנקס" פון דער אַמעריקאַנער סעק־ציע פונעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט („ייוואָ"), באַנד 1 (יולי־דע־צעמבער, 1947) האָט קלמן מרמר פאַרעפנטלעכט אַ וויכטיקע אָפּהאַנדלונג וועגן יעקב צבי סאָבעלן: „דער פּראָפעסאָר פונעם ערשטן יידישן ביכל אין אַמעריקע און זיין ווערק". מרמר האָט דאָרט פאַרעפנטלעכט, מיט דערקלע־רונגען, דאָס גאַנצע דריטע ליד פון סאָבעלס לידער־זאַמלונג — דאָס ליד „דער פּאָלנישער תלמיד־חכם אין אַמעריקע" (צוועלף 12־שורהדיקע סטראָפעס).

עס איז כדאי דאָ צו ברענגען אַ פּאָר ביאָגראַפישע שטריכן וועגן דעם פּאַרפּאַסער פונעם ערשטן יידיש־ביכל אין אַמעריקע. יעקב־צבי סאָבעל איז געבוירן געוואָרן אין 1831, אין שאַוועל, קאָוונער גובערניע. זיין פאָטער ר׳ יצחק איז געווען אַ דיין. יעקב צבי האָט געלערנט אין שאַוועל און האָט דאָרט חתונה געהאַט. ער איז שפּעטער געוואָרן אַ מלמד אין קעלם און אַ ראש־ישיבה אין קאָוונע. דערנאָך איז ער געווען רב אין סלאָבאָדקע (לעבן קאָוונע) און מגיד אין ווילנע. ער האָט זיך געגומען באַקענען מיט דער השכלה־ליטעראַטור, שטודירט רוסיש און דייטש, און געפּרוווט אַריינטרעטן אין דער ווילנער ראַבינער־שול.

ער האָט דריי יאָר שטודירט אין דער ראַבינער־שול אין זשיטאָמיר, וואו ער איז אויך געווען אַ לערער. נאָכדעם ווי ער האָט פאַרענדיקט שטודירן אין דער ראַבינער־שול, האָט ער זיך באַזעצט צוזאַמען מיט זיין הויז־געזינד

אין אָדעס. ער איז אַריינגעטראָטן אין דעם מאַטעמאַטישן אָפּטייל פונעם אָדעסער אוניווערסיטעט. כּדי מפרנס צו זיין זיך און זיין פאַמיליע, האָט ער געעפנט אַ פּריוואַטע קינדער־שול, ווי אויך אַ ליי־ביבליאָטעק. ער האָט אויך מיטגעאַרבעט אין העברייאישע צייטשריפטן. ער פלעגט זיך אין אָדעס טרעפן מיט די דאָרטיקע שרייבער־משכּילים.

פּסח, דעם 9טן אַפּריל, 1871, איז אין אָדעס פאָרגעקומען אַ מוראדיקער פּאָגראָם. די כוליגאַנעס האָבן דאַן צעפּלינדערט סאָבעלס פאַרמעגן, צעראַ־בירט זיין ליי־ביבליאָטעק. ער האָט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן רוסלאַנד. ניט אַזוי גרינג איז אים אָבער, ווייזט אויס, אָנגעקומען אַרויסצוואַנדערן. ערשט אין יולי, 1876, איז ער אָנגעקומען קיין אַמעריקע.

פאַר דעם היימישן למדן און משכּיל האָט זיך ערשט דאַן אָנגעהויבן אַ נייַ קאַפּיטל פון שוועריקייטן און אַנטוישונגען, וועלכע ער ברענגט טיילוויז אַרויס אין דעם דריטן ליד (אָדער פּאָעמע) אין זיין לידער־ביכל.

זיינע אַנטוישונגען האָט ער אויך (אויף אַ קינסטלעריש־אומבאַהאָלפענעם אופן) געשילדערט אין אַ לאַנגער פּאָעמע, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אַרום צען טעג נאָך זיין איינוואַנדערן קיין אַמעריקע. אָט־די פּאָעמע — „די דריי פּרינציפּן פון דער תורה אָדער עולם התהו" — האָט ער פאַרעפנטלעכט אין דריי פאָרזעצונגען אין „יידישע גאַזעטן" (יולי 28, אויגוסט 4 און 19, 1876). אין אָט־דער פּאָעמע פּריידיקט ער, אַז יידן זאָלן זיך דערווייטערן פון אָבער־גלויבנס, אַנטוויקלען טאָלעראַנץ און הומאַניזם, העלפן אויסראָטן קבצנות. ער דריקט־אויס זיין אַנטוישונג: ער האָט דאָ אין נייעם לאַנד אָנגעטראָפן אַ „יידישע יוגנט" — „אָן ערציאונג, אָנע זיטן אונד טוגנט"...

אין זיין ערשטן ליד „די בינע" („די בין") אין זיין לידער־זאַמלונג דער־קלערט סאָבעל, אַז ער שרייבט זיינע לידער כּדי צו פאַרשאַפן פאַרגעניגן פאַר זיך און פאַר די לייענער — פּונקט, הייסט עס, ווי דאָס טוט די בין, וואָס שטרעבט פון איר „האָניגע אַנדערן צו געבן" — „זיך פערגעניגען אונד פערגעניגען פערשאַפען".

אין זיין צווייטן ליד „ישראל דער אַלטע" (דריי־און־צוואַנציק זעקס־שורהדיקע סטראָפעס) ברענגט ער אַרויס די רדיפות אויפן יידישן פאָלק אין משך פון דורות און אונטערשטרייכט, אַז אַ ייד דאַרף זיין שטאָלץ מיט זיין פאָלק.

פאַר אונדז וועט זיין אינטערעסאַנט אָפּצושטעלן זיך אויפן דריטן ליד (אָדער פּאָעמע) אין דעם ביכל: „דער פּאָלנישער תלמיד־חכם אין אַמע־ריקע", וואו דער מחבר ברענגט־אַרויס די איבערלעבונגען, דער עיקר אַנ־טוישונגען, פונעם פּוילישן (אָדער ליטווישן) למדן און משכּיל אין דעם גאָל־דענעם לאַנד, אין דעם „פרייען לאַנדע".

עס איז באַקאַנט, אַז די ערשטע עפּאָכע פון דער אַמעריקאַניש־יידישער ליטעראַטור ווערט כאַראַקטעריזירט דורך די סאָציאַלע מאָטיוון פון אירע שרייבער, דורך זייער רעאַליזם, דורך זייערע שילדערונגען פונעם יידישן אימיגראַנטישן לעבן אין אַמעריקע. ביי סאָבעלן, דעם פאָרגייער פון יענער

עפּאָכע, דעם שרייבער פונעם טרב און סאַמע־אָנהייב תקופה פון דער אַמעריקאַניש־יידישער ליטעראַטור, געפינט מען שוין אין זיין פּאָעמע „דער פּאָלנישער תלמיד־חכם אין אַמעריקע“ בוילעטע אָנדייטונגען אויף סאָציאַלער אָריענטירונג. ענלעך צו די רוסיש־יידישע משכילים־שרייבער פון זיין עפּאָכע און להיפּוך דער פּלעיאַדע אַמעריקאַנער „יונגע“ פונעם אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, פאַרמאָגט סאָבעלס ליד רעאַליסטישן אינהאַלט, אָפּשפּיגלונג פון דער סאָציאַלער סביבה און סוביעקטיוון צוגאַנג צו אָט־דער סביבה, — אַ צוגאַנג פון אומצופרידנקייט, פון אַנטוישונג, פון (שטילן) פּראָטעסט.

דורך די פּערזן, וואָס שילדערן די לעבנס־באַדינגונגען און איבערלעבונגען פונעם יידישן פּעדלער אין די זיבעציקער יאָרן פונעם לעצטן יאָרהונדערט אין אַמעריקע, ווערט געוואָרפן אַן אויטאָביאָגראַפיש ליכט אויפן שרייבער גופא.

אין דעם „המליץ“ (נומער 39, יאָר 1866) האָט דער דעמאָלסטדיקער יונגער העברייאישער קריטיקער אברהם אורי קאָוונער פאַרגעוואָרפן די העברייאישע דיכטער, משוררים, אַז זיי שרייבן „לידער צוליב לידער, צוליב פאַרגעניגן, מליצות אָן אַ סוף... אָבער נישט צוליב דעם אינערלעכן געדאַנק פון ליד, נישט צוליב נוצן“... סאָבעל האָט, קענטיק, געשטעלט דעם טראָפּ אויף נוצן. דער גרונט־שטריך אין זיין ליד איז רעאַליזם. דער טרייב־מאָטיוו — געזעלשאַפטלעכע ניצלעכקייט. נישט „זאָגן צוליב זאָגן“, נאָר — ציל־געווענדקייט, ציל־באַוואוסטזיניקייט.

דאָ, אין זיין ליד, הערט זיך דער פּראָטעסט — אמת, שטילער, אָפּט אומבאַהאָלפענער — פונעם מענטש, פונעם משכיל, וואָס איז איבערגעגאַנגען פון רבנות צו השכלה און וואָס האָט געהאַלטן פאַר זיין וויכטיקסטער מיסיע אין לעבן: צו קעמפן קעגן דער פינצטערניש פון אַבערגלויבנס, פאַרשפּרייטן בילדונג, פאַרפלאַנצן אויפקלערונג צווישן די יידישע פאָלקס־מאַסן. אָט־דער משכיל האָט פּראָטעסטירט קעגן דער גראָבער, האַרטער רעאַליטעט פון דער אַמעריקאַנער סביבה, וואו „גייסט“ ווערט ווייניק־וואָס געצערטלט, וואו דער „כבוד־התורה“ איז במחילה מכולהדיק און וואו „תורה מיט חכמה איזט ביי איהנען זאָ ווייט“. און דעריבער זיין קלאָגן זיך:

„זאָ זעהען וויר היער דער חריף דער קלוגע,
איזט גלייך געשאַטצט ווי דער בור דער משוגע“.

עס פּראָטעסטירט דער היימישער משכיל קעגן דער פאַרגרעבטקייט, וואולגאַריזירונג און פאַרשוועכונג פון גייסטיקע ווערטן, קעגן געלט־גייציקייט און געלט־פאַרגעטערונג:

„זאָ לעבע איך היער אין דער נייען וועלט
ביז איך ערווערבע מיך איין ווייניג געלד.
איך האָב שאָן געלד, בין איך דאָך קיין פול,
מאַן צאהלט מיך שאָן אונטער דזענטללייט“.

דער היימישער תלמיד־חכם, וואָס האָט פון יענער זייט ים אַריבערגע־בראַכט מיט זיך אַ וועלט מיט חלומות וועגן „דעם פרייען לאַנדע", וועגן אַ פּראָדוקטיוון לעבן פון פּאַרמעריי, מלאכה און בילדונג, ווערט ווי אי־בערנאַכט פאַרוואַנדלט אין אַ „פּעדלער". ער כאַפּט זיך אויף אויפן צווייטן טאָג מיט אַ נייעם פּרנסה־העיקר: מיט אַ פּעקל סחורה־וואַרג צום אַרומ־טראָגן און פאַרקויפן. ער ווערט אַ קאַראַבעלניק, אַ פּאַקנטרעגער.

דער מחבר סאָבעל מאָלט דעם געמיט־צושטאַנד פון אָט־דעם בן־תורה מיטן נייעם „האָרב" אויף די פּלייצעס:

„איך זיהע: איין לאַסט אויף מיינעם ריקקען,
איך טראַגע עס איבער קראַפט איבער מאַכט,
נישט דאָ מיט וואָס זיך צו ערקוויקען;
אַך אוי, וועה איזט מיר!
איך קריעכע אויף אַללע פיער,
צו נאַכטען אירגענד ביי איינעם פאַ(ר)מער,
איך שטעה אויף מאָרגען,
פאַלל קומער, פאַלל זאָרגען,
עס איזט איין עלענד, איין יאַממער!"

די געשטאַלט פונעם תלמיד־חכם, דעם „פּאָלנישעס יודעל" זעען מיר ניט דורך דירעקטע בילדער אָדער באַשרייבונגען, נאָר דורך דעם שריי־בערס שטעלונג צו דער אַרומיקער סביבה, דורך זיין משכילישער פּסיכאָ־אידעאָלאָגיע.

זיין פּאָעמע האָט פאַר אונדז אויך אַ היסטאָריש־שטייגערישן ווערט. דער היימישער משכיל איז פאַרביטערט קעגן דער „יענקיזירונג", געמיינט: אַסימילירונג, וואָס איז דעמאָלט געווען באַזונדערס שטאַרק פאַרשפּרייט צווישן די יידישע גבירים. ער זאָגט, אַז דער „עגל־הזהב", צו וועלכן די גבירים בויען־אויף אַ טעמפּל, „קאָסט אַ מיליאָן" דער „יודישער אָרעמער נאַציאָן".

דער שרייבער לאַכט־אָפּ פון די אַסימילאַטאָרישע טענדענצן, וואָס זיינען איבערגעפלאָכטן מיט וויסטער עם־האָרצישקייט און דערגייען אָפט ביז צו לעכערלעכקייט. ער גיט אונדז אומדירעקט אַ בילד פונעם דעמאָלסטדיקן לעבנס־שטייגער, שילדערנדיק „שוין־אַרויפגעאַרבעטע" יידישע פּעדלערס אין אַ קלוב:

„איין יינקע [1] שטרייט ווירד דאָרט געשטריטען:
איך בין יינקע! דען איך רופע מיין וויב „וויף".
ניין, איך בין יינקע! וואָלטע דער צווייטע ביטען;
דען איך וויים ביים עשען צו האַלטן פּאָרק ענד נייף [2]
אונד מיין מיסיס [3] האָט איין גאָלדען ציין
אונד מיין מיסיס האָט אַללע נייע ציין!

---

1. יינקע — יענקי, אַמעריקאַנער.
2. פּאָרק ענד נייף — גאָפּל און מעסער.
3. מיסיס — פרוי, וויב.

אונד איך געהע סאַנדייא [4] אין צאָרץ [5] באַשטענדיג!
אונד איך קייף טאַבאַק אונד קענדע [6] זיסע!
אונד איך לעגע אויף דעם טישביידע פיסע,
וועהרענד איך גיעב (וואָס ניכט אַנשטענדיג)!
אונד מיין מיסיס קענן ווי איין יינקע קוויטצען!
אונד מיין מיסיס פּלוידערט אונד רעדט פּוילע וויטצען!"

דער שרייבער לאַכט ביטער אָפּ פון דער קולטורעלער פלאַכקייט און הינטערשטעליקייט צווישן אָט־די שיכטן: ער רייסט־אַרונטער זייער פּוסטע באַרימערישקייט מיט זייערע פּוסטע פּרעטענזיעס אויף כלומרשטער געבילדעטקייט:

„אונד מיין זאָהן איזט ווי איין רעפּובליקאַן [7] סמאַטה [8]!
אונד מיין זאָהן איזט איין וואַהערער דעמאָקראַטה!
אַמעריקאַ פאַרדאַנקט אונז פיר איהר קולטור".

דאָ זעען מיר פאַר זיך ניט קיין איזאָלירטע פאַלן אָדער אינדיווידואַליטעטן, נאָר סאָציאַלע טיפּן, רעפּרעזענטאַנטן פון גאַנצע שיכטן, וועלכע דער שרייבער מאָלט ניט גלאַט צוליב מאָלן, נאָר כדי אַרויסצוברענגען אַן אידייע, כדי צו ברענגען צו אַן ענדערונג. אַן אַנדייט פון חוזק, געצילט קעגן דעם סאָציאַל־פּאָליטישן באַביטיזם, געפינט איר אין די שורות:

„צוואָהרע, ביי זיך האָב איך נור איין סענט,
אונד מיין זאָהן קענן זיין פּילייכט פּרעזידענט!"

די שרייבערישע מיטלען, וואָס ווערן דאָ אָממערסטן באַנוצט, זיינען ביטערע איראָניע און סאַרקאַזם, — מעטאָדן, וואָס זיינען אַנגעווענדט געוואָרן דורכן גרעסטן טייל יידישע שרייבער שוין אין דער סאַמע ערשטער עפּאָכע פון דער יידישער ליטעראַטור (באַזונדערס, אַקסענפעלד).

פון קינסטלעריש־דיכטערישן שטאַנדפּונקט זיינען סאָבעלס לידער פון אַ גאַר־קנאַפּן ווערט. זיי זיינען נאָך ניט קיין פּאָעזיע. זיי האָבן סיגנאַליזירט דעם אָנקום פון דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע. זיי זיינען אָבער אַ וויכטיקער און אינטערעסאַנטער דאָקומענט פון אַ פאַרגאַנגענער עפּאָכע. אויך פילאָלאָגיש זיינען סאָבעלס לידער אַ קנאַפּע געווינס. חוץ דעם פּרעוואַלירנדיקן דייטשמערישן עלעמענט, סיי אין שפּראַך־געברויך, סיי אין וואָרט־בילדונג און זאַץ־בוי, באַמערקט זיך אַ באַדייטנדיקע צאָל אַמעריקאַנער אויסדרוקן און ווערטער, וואָס האָבן זיך נאָך ניט איינגעוואָרצלט אין דער יידישער ליטעראַרישער שפּראַך, און וואָס קוקן־אויס ווי „ווילדפלייש". אַזוי טרעפט איר ביי אים, למשל: „צאָרץ" (טשוירטש), „פּאָטסען" (פאַר־

4. סאַנדעי — זונטאָג.
5. טשוירטש — קלויסטער.
6. קענדי — צוקערקעס.
7. רעפּובליקאַנער — אָנהענגער פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי.
8. סמאַרט — קלוג.

טשון), „סמאַטה" (סמאַרט), „דינער", א. אַז. וו. דאָס האָט ביי אים געזאָלט זיין ווי אַ מין באַרעכטיקונג פון דער שפּעטערדיקער אייב קאַהאַנישער „טעאָריע" פון „פּאַטעיטאָ־יידיש", — אַ באַרעכטיקונג, וואָס ווערט דיקטירט דורך דער נאַטירלעכער שפּראַך־אַרעמקייט, דורך דעם גראַם, און אויך, קאָנטיק, צוליב דיזעלבע „רעאַליסטישע" טעמים.

אָבער סיי־ווי: דער משכיל, דער אויפקלערער און פריידיקער יעקב־צבי סאָבעל האָט אונדז איבערגעלאָזט אַ וויכטיקן קולטור־היסטאָרישן דאָקומענט. ער האָט געהאָלפן באַלייכטן די יידישע סביבה פון זיין צייט. ער בלייבט פאַרצייכנט אין אונדזער יידישער ליטעראַטור־געשיכטע אַלס דער מחבר פונעם ערשטן יידיש־ביכל אין אַמעריקע.

עס וואָלט געווען אַ דאַנקבאַרע אַרבעט פאַרן פאָרשער פון סאָציאַלע מאָטיוון אין דער ערשטער תקופה אָדער אָנהייב־תקופה פון דער אַמעריקאַנער־יידישער ליטעראַטור צו געפינען עטוואָס־נאָך (מעגלעך אין דער אַמעריקאַנער־יידישער פּרעסע פון יענער צייט) פון דער פאַרבליבענער ליטעראַרישער ירושה פון יעקב צבי סאָבעל.

אויגוסט 29, 1954.

מאָריס ווינטשעווסקי

(1932־1856)

פּיאָנער פון יידישן פּראָלעטאַרישן ליד אין אַמעריקע

.1

מיט ליבשאַפט און פאַרערונג דערמאָנען מיר דעם נאָמען פון מאָריס ווינטשעווסקי, „זיידע״ פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, „זיידע״ פון דער יידישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

מיר שאַצן הויך זיין רייכע גייסטיקע, ליטעראַרישע ירושה, זיין פאָלקסטימלעך, פלאַמיק „ליד פאַרן גרינגער פון לעבן דעם פרייען״. מיר שאַצן אָפּ זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, ווי אויך פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער אַרבעטער־דיכטונג, פאַר דער באַרייכערונג פון דער יידישער שפּראַך.

ער איז געווען אַקטיוו אין אַ סך געביטן פון יידישן וואָרט־שאַפן: אַלס פּאָעט, אַלס פּעליעטאָניסט, אַלס שרייבער פון פאַבלען, פּאַראָדיעס, דערציילונגען, איינאַקטערס און דראַמעס, דערינערונגען. און אין אַלע זיינע שאַפונגען איז זיין וואָרט געווען ענג פאַרבונדן מיטן קאַמף פונעם אַרבעטער־קלאַס פאַר אַ בעסערן און שענערן מאָרגן.

זיין ליטעראַרישע טעטיקייט האָט ער אָנגעהויבן אַלס אַ פּראָפּאַגאַנדיסט פאַר סאָציאַליזם אין העברייאיש. זיין שטורעם־און דראַנג־פּעריאָד איז געווען אין זיין לאָנדאָנער עפּאָכע, אין די אַכציקער און ערשטע ניינציקער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט, ווען ער האָט רעדאַקטירט דאָס וואָכנבלאַט „דער פּוילישער אידל״ און דערנאָך די צייטונג „אַרבעטער־פריינט״ (געגרינדעט אין יולי 1885). אין יענעם פּעריאָד האָט זיך באַזונדערס קרעפטיק און פריש צעבליט זיין יידיש קעמפעריש ליד.

אין זיינע ערשטע יידישע לידער האָט ער געשילדערט די אַרבעטער פון זיין צייט, זייער נויט און עלנט אַלס קרבנות פון שרעקלעכער עקספּלואַטאַציע. דערנאָך קומען זיינע קרעפטיקע קאַמף־לידער, פול מיט שאַרפן פּראָטעסט קעגן סאָציאַלער אונטערדריקונג, פול מיט רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס

און ברען. אין יענע לידער וועקט ער און רופט דעם אַרבעטער צום קאַמף פאַר אַ בעסער לעבן.

צו יענעם פעריאָד געהערן זיינע אומפּאַרגעסלעכע לידער: „עס רירט זיך", „אַ קאַמף־ליד", „וויקלט פאַנאַנדער די פאַנען די רויטע", „מיינע פאָלקס־לידער", „אַ בעזים און אַ קער" און פיל אַנדערע פּראָכטיקע, רירנ־דיקע פריהייט־לידער, וואָס זיינען באַלד געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער און באַ־ליבט צווישן די יידישע אַרבעטער פון ענגלאַנד און אַמעריקע.

אַט־די לידער זיינען דורכגעדרונגען מיט רעוואָלוציאָנערן מוט, מיט גלויבן אין די כוחות פונעם אויפשטייענדיקן, וואַקסנדיקן אַרבעטער־קלאַס, דער רוקנביין פונעם פאָלק. ער רופט: „וועקט־אויף די אָרעמע לעבעדיק־טויטע". ער ווייזט־אָן: „דאָ איז פריהייט, דאָס ליכט, די גערעכטיקייט; דאָרטן — דער יאָך און די נאַכט און די שלעכטיקייט". ער שאַלט־אויס: „ברידער, מאַרשירט מיט אונדז היינט!".

פיל פון זיינע לידער קלינגען קרעפטיק און צייטיק אויך היינט. העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט נאָכדעם ווי זיי זיינען געשריבן. זיין „אַ בעזים און אַ קער", וואָס רופט אויסצוקערן און אויסצוראַמען „אַלע דאַרמאַיעדניקעס", דעם „פלאַפּערמאַן, כאַפּערמאַן און קלאַפּערמאַן", איז פריש און אַקטועל אויך היינט־צו־טאָג.

מיט גרויס באַשיידנקייט האָט ווינטשעווסקי געשריבן וועגן זיין ליד, ווי וועגן „איינפאַכע רייד אָן אַ קלאַנג", „טענער אָפט ווייניק מעלאָדישע". עס איז אָבער קיין ספק ניט, אַז זיינע לידער, און דווקא די „לידער פון קאַמף, פון טריאומף, פון נקמה", האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט פיינעם קלאַנג, מיט פיינעם ריטעם, מיט גאַר היפשע טעכנישע דערגרייכונגען, אָפּגערעדט שוין וועגן דער קראַפט און פולקייט פון זייער אינהאַלט, פון זייער אידיי־אישקייט. דורך אַט־די לידער זיינען געקומען צום אויסדרוק די פאָלקס־ליידן, דער „טרויער־געזאַנג" פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, זייער אָנגעזאַמל־טער צאָרן, ווייטאָק און פּראָטעסט קעגן די בעזווינס און מופּטים פון יע־נער צייט.

זיין קאַמף־ליד האָט ווינטשעווסקי שפּעטער ווייטער פאָרגעזעצט און אַנטוויקלט נאָך זיין קומען קיין אַמעריקע (אין 1894). ער האָט שפּעטער, אויף זיינע עלטערע יאָרן, דערלעבט צו זען דעם זיג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אין עלטער פון קרוב צו זיבעציק יאָר האָט ער געשריבן אַ „למנצח געזאַנג" צום „קלינג מיט זיין קלאַנג", צו די „רויטע חיילים, וואָס מיט קונסט, מיט פאַרשטאַנד", בויען זיי די נייע וועלט. זיינע שילדערונגען אין דער „פריהייט" וועגן זיין באַזוך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען פול מיט באַגייסטערונג פאַרן לאַנד פון סאָציאַליזם.

דעם „זיידנס" לעבן איז געווען רייך, פּילפאַרביק, אינגאַנצן געווידמעט דעם פאָלק, דער מענטשהייט. ער האָט געלעבט און איז געשטאָרבן, „באַזינ־גענדיק די מענטשהייט וואָס דערוואַכט". ער איז געשטאָרבן אַ קאָמוניסט. אַ שטאָלצער יידישער אַמעריקאַנער קאָמוניסט. זיין טויט איז באמת געווען

„אַ זונען־אונטערגאַנג מיט פֿאַרבן, אַן אונטערגאַנג וואָס לעבט אין שטאַרבן", ווי ער האָט געוואונטשן אין זיין ליד „איינציקער פֿאַרלאַנג" אין עלטער פון פופציק יאָר.

אונדזער „זיידע" האָט באַרייכערט דאָס יידישע לעבן, די יידישע ליטעראַטור און שפראַך. זיין קאַמף־ליד איז געווען גאָר אַ נייער מוסטער אין דער יידישער פּאָעזיע. זיין גייסטיקע ירושה איז רייך און קאָן אונדז העלפן אויך אין אונדזערע הייַנטיקע קאַמפן קעגן דער רעאַקציע. דעם „זיידנס" ליד וועט תמיד לעבן און קלינגען אין הארצן פון פֿאָלק.

מערץ, 1948

2.

„געשטאָרבן בין איך ניט. שטאַרבן ליגט איבערהויפּט ניט
אין מיין נאַטור". (מ. ווינטשעווסקי)

מאָריס ווינטשעווסקי (בן־ציון נאָוואכאָוויטש) — געבוירן דעם 9טן אויגוסט, 1856, געשטאָרבן דעם 18טן מערץ, 1932.

דער זיידע, דער פּיאָנער.

דער זיידע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ענגלאַנד און דערנאָך אין אַמעריקע. דער פּיאָנער פון יידישן אַרבעטער־ליד.

דער ערשטער.

דער ערשטער פון די יידישע פּראָלעטאַרישע דיכטער דאָ אין לאַנד.

פּאָליטיש — פּאָרגעשריטענער, רייפער, קעמפערישער, אויסגעהאַלטענער, ניכטערער פון די אַנדערע יידישע אַרבעטער־דיכטער פון זיין עפּאָכע: דוד עדעלשטאַט, יוסף באָווישאָווער און, טיילוויי, מאָריס ראָזענפעלד.

דעריבער אויך — אַ סך מער פאַרהאַסט, ווי זיי, אין די קרייזן פון דער רעאַקציע.

ווינטשעווסקי — דער דיכטער־ישער רופער און וועקער, דער זינגער פון אַרבעטער־לעבן און קאַמף, דער ערשטער פּאָעט פון דער פּאַראויסגייענדיקער, קעמפנדיקער יידישער אַרבעטער־שאַפט — דער ערשטער יידישער פּאָעט פון קלאַסנקאַמף.

זיין וועג האָט זיך געצויגן פון השכלה צו קאָמוניזם. זיין וועג האָט געפירט פון אהרן ליבערמאַנס „האמת" (1877) דורך זיין (ווינטשעווסקיס) „אמת" (1895) צום מאָסקווער „עמעס".

העכער פופציק יאָר פון זיין פּראָדוקטיוון, מיפולן, שעפערישן 77־יאָריקן לעבן זיינען געווען אָנגעפילט מיט געזעלשאַפטלעך־ליטעראַרישער טעטיקייט.

די וויכטיקע געאָגראַפישע און פּאָליטיש־פּאָעטישע עטאַפּן פון זיין לעבן האָבן געפירט פון זיין געבורטשטעטל יאַנאָווע (געוועזענער קאָוונער גובערניע) צו קאָוונע, ווילנע, אָריאָל — קעניגסבערג — קאָפּענהאַגען — פּאַריז — לאָנדאָן — ניו־יאָרק — באָסטאָן — מאָסקווע — ניו־יאָרק.

ליטעראַריש, דיכטעריש־פּובליציסטיש זיינען די שטופּן פון זיין אַנט־וויקלונג געווען: אַנטייל אין העברייאישן זשורנאַל „אסיפת חכמים" (קע־ניגסבערג); ערשטער רעדאַקטאָר פון סאָציאַליסטישן וואָכנבלאַט אין יידיש: „דער פּוילישער אידל"; סאָציאַליסטישע בראשור אין יידיש „יהי אור!"; ערשטע יידישע אַרבעטער־לידער (אין לאָנדאָנער „אַרבעטער־פריינט"); אַר־טיקלען איבער אַרבעטער־ענינים (דער לאָנדאָנער פּעריאָד 1884 ביז 1894 דער סאַמע שעפעריש־סטער); רעדאַקטאָר פון וועכנטלעכן „אמת" (באָסטאָן, 1895), רעדאַקטאָר פון „צוקונפט" (1907־1909); נייע אַרבעטער־לידער און מיטאַרבעטער פון דער „פריייהייט".

ער האָט געהאָלפן אויסשמידן, אויסהאָמערן, אויספיילן דאָס וואָרט פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער דיכטונג.

זיין שאַרפער וואָפן איז געווען די בייסיקע, גאַליקע סאַטירע: „אַ בע־זים און אַ קער" (1886). ער האָט גערופן די אַרבעטער צו נעמען דעם מעכ־טיקן בעזים אין האַנט — „און אַ קער!":

„גענוג, איך וויל ניט פּיטערן
קיין לײדיקגייער מער;
גענוג פאַר פירשטן ציטערן,
אַ בעזים מיר אַהער!"

דאָס איז געווען אַ פּלאַמיקער, סאַטירישער רוף קעגן אַלע פּאַראַזיטן און פּיאַווקעס אויפן לייב פון דעם אַרבעטער־קלאַס, קעגן דעם „לאָרד און אַדלמאַן", קעגן „מיטלמאַן, טיטלמאַן, קיטלמאַן".

די פיילן פון זיין קרעפטיקער סאַטירע האָט ער געצילט קעגן די פאַר־רעטער אין די רייען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג; קעגן די גאָטס סטראַפּ־טשעס, וואָס „קומען און פאַררעדן אייך דעם שמערץ מיט פרומע רייד, און גיבן אין גן־עדן אייך נחמות — נאָכן טויט" (1891). ער האָט געלאַכט דאָס גרעסטע געלעכטער פון די „גבורים אין רעדן, אָבער פליגן אין טאָן" (1877), אויך פון די „ביזנעס־סאָציאַליסטן" (1922).

ער האָט געוואוסט און פאַרשטאַנען דעם באַדייט פון עכטן, קעמפערישן, ווירקזאַמען, דיכטערישן וואָרט, פון אמתן פריייהייט־ליד. ער האָט געוואוסט, אַז „צום קאַמף וועט מען באַדאַרפן — אַ באַגייסטערטן געזאַנג" (1891).

זיין געזאַנג איז געווען באַגייסטערט און האָט באַגייסטערט, און רופט נאָך אויך איצט אַרויס באַגייסטערונג.

ער האָט געהאַלטן אַלע זיינע דיכטערישע חושים אָפן פאַר „לידער גע־זונגענע מיט אַ געוויין", פאַר „לידער פון פאָלקס־ליידן".

ער האָט געטרוימט פון צייטן, ווען „קיינער זאָל מער ניט זיין בלאַס"; ווען „די פאַרב פון נויט, ליבע ברידער, זאָל ניט טראָגן דאָס פּנים פון אַר־בעטער־קלאַס" (1889). ער האָט געחלומט וועגן „אַ וועלט באַזעצט מיט פריינט און ברידער".

סאַראַ שרעקלעכן, ביטערן האַס ער האָט געטראָגן אין האַרצן און אין

ליד צום „גאָט מאַמאָן“, דעם גאָט פון גאָלד און מלחמה, „אַ זאַטער גאָט, אַ דיקלעכער“, וואָס נוצט „סאָלדאַטעלעך — מיט ביקסעלעך, האַרמאַטעלעך מיט פולווער און מיט שראָט!“ (1892).

ער האָט געזונגען מוטיק און מונטער; געזונגען פון אַ לעבן פון טרערן און פון קאַמף; געשטורעמט די פעסטונגען פון דער רעאַקציע, פון קאַפּיטאַליסטישער אונטערדריקונג און אירע משרתים.

די טעמע פון זיין ליד איז געווען: נויט, עלנט, דחקות, וואַקסנדיקער פּראָטעסט, שטייגנדיקער קאַמף. זיינע געשטאַלטן זיינען געווען: אַרבעטער, האָרעפּאַשניקעס, יגיע־כפּימניקעס, באַלמעלאָכעס, די „וואָס זעגן און הובלען און שניצן טאָג־טעגלעך, וואָס ציען די דראַטווע און קנעטן די ליים“; די „וואָס אַקערן, זייען און באַקן דאָס ברויט“; די „וואָס שפּינען די וואָל און נייען די קליידער“.

זיין אידייאיש־קינסטלערישע יניקה האָט ער געצויגן: פון לעבן און קאַמף פון די אַרבעטער־מאַסן; פון די נביאים; פון די פרייהייט־דיכטער אין אַ ריי לענדער.

זיינע מאָטיוון האָבן זיך געצויגן פון טרערן־ליד צום קאַמף־ליד, צום „טריסט־געזאַנג“ — ביז צום „למנצח־געזאַנג“: אַ געזאַנג פון ליבשאַפט און לויב צום לאַנד פון סאָציאַליזם, וואָס ער האָט זוכה־געווען צו זען (אין 1924־1925).

ער האָט אין זיין דיכטערישער וויזיע געזען:

„אַ זונען־אונטערגאַנג מיט פאַרבן
אי העל, אי רויט: פון פלאַמען און פון שלום;
אַן אונטערגאַנג וואָס לעבט אין שטאַרבן,
קען טויטן, אָבער ניט פאַרדאַרבן“. (1906)

סאַראַ נביאישקייט אין אָט־דעם ליד „מיין איינציקער פאַרלאַנג“! דער פאַרלאַנג פונעם ערלעכן דיכטער און קעמפער איז מקוים געוואָרן. דער אונטערגאַנג איז געווען אַזאַ וואָס „לעבט אין שטאַרבן“. דער זעער פון דעם „שיינעם, קלאָרן זונען־אונטערגאַנג“ איז אין האַרצן פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן ניט געשטאָרבן; און דער טויט קאָן „ניט פאַרדאַרבן“ זיין „פרייהייטס־גייסט“, זיין העלן אָנדענק, זיין קעמפעריש ליד. „דער גוף איז געשטאָרבן — דער גייסט אָבער ניט“.

דער „זיידע“ פון דער יידישער פּראָלעטאַרישער דיכטונג, איינער פון די ערשטע יידישע סאָציאַליסטישע פירער אין אַמעריקע, האָט אין משך פון זיין גאַנץ לעבן געטריי געדינט מיט זיין וואָרט און טאַט די אינטערעסן פון די אַרבעטער, פון די עקספּלואַטירטע, פון די אונטערדריקטע און באַליידיקטע. אַ געוויסע צייט, אין זיין אַמעריקאַנישן פעריאָד, האָט ער דורכגעמאַכט אידעאָלאָגישע וואַקלענישן, שטרויכלונגען, געמאַכט פּאָליטישע טעותן. שפּעטער, ווען ער האָט טיפער און גרינטלעכער באַנומען דעם מאַרקסיזם און מיט פרייד אויפגענומען דעם געבורט פון דער סאָציאַליסטישער מלוכה

אויף אַ זעקסטל פונעם ערד־קיילעך, האָט ער שטאַרק חרטה געהאַט אויף זיינע טעותן און וואַקלענישן.

דער „זיידע״ געהערט אינגאַנצן צום פּאַרגעשריטענעם אַרבעטער־קלאַס. פיל פון זיינע לידער זיינען באַליבט ביי ברייטע אַרבעטער־מאַסן; זיי ווערן געזונגען דורך כאָרן, דעקלאַמירט, פאַרגעלייענט אין יידישע ישובים אין פיל לענדער. דורות יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן האָבן געלערנט און הנאה געהאַט פון דעם „זיידנס״ שאַרפזין און חריפות אין זיינע פעליעטאָנען „צעשלאָגענע געדאַנקען פון אַ משוגענעם פילאָסאָף״. זיין ליבשאַפט צו די אָרעמע, באַוואוסטע, געדריקטע, פאַרשטויסענע, האָט ער אויסגעזונגען אין צערטלעכע, ליכטיקע, פשוטע יידישע ווערטער. זיין יידיש האָט ער געשעפּט פונעם פאָלקס־לעבן, פון אַלטע יידישע קוואַלן, פון דער יידישער השכלה־ליטעראַטור, פון דער ניי־אַנטשטאַנענער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

די האַרץ־פעדים פון זיין ליד ציען זיך פון ישעיה און עמוס, פון שעלי און פרייליגראַט, צום יידישן רעוואָלוציאָנערן ליד אין די ערשטע יאָרן פון און נאָך 1917 אין סאָוועטנלאַנד, צום יידישן אַרבעטער־ליד, פּראָגרעסיוון ליד פון אונדזער צייט אין צפון־און לאַטיין־אַמעריקע און אייראָפּע.

זיין ענערגיש, אַקטיוו לעבן איז געווען רייך אין אויפטוען און דערגרייכונגען. ער האָט אין אַ באַדייטנדיקער מאָס באַרייכערט די יידישע ליטעראַרישע שפּראַך. ער האָט אין אונדזער יידיש אַריינגעבראַכט אַ שלל מיט נייע אויסדרוקן, וואָרט־קאָמבינאַציעס. ער האָט אין דעם יידישן ליד אַריינגעפירט אַ ריי פאַרשיידענע ריטמען, קינסטלערישע פּרוּוון, מעטאָדן.

דער „זיידע״ פון יידישן אַרבעטער־ליד האָט איבערגעלאָזט אַ רייכע ליטעראַרישע ירושה: לירישע, סאַטירישע לידער, דראַמאַטישע פּאָעמעס, באַלאַדעס, פעליעטאָנען, משלים, עפּיגראַמען, פּובליציסטישע אַרטיקלען, פּאַראָדיעס, סקיצן, דערציילונגען, באַשרייבונגען, איינאַקטערס, קורצע ביאָגראַפיעס, דראַמען, מעמואַרן (ערינערונגען), שפּריכווערטער; אויך איבערזעצונגען פון ראָמאַנען (וויקטאָר הוגאָס „לע מיזעראַבל״, און אַנדערע) און דערציילונגען, פון איבסענס „נאָראַ״ און אַנדערע. אָט־די ברייט־פאַרצווייגטע ירושה דאַרף מען לייענען, שטודירן, פאַנאַנדעראַרבעטן, באַנוצן. אין 1927־1928 האָט די „מאָרגן־פרייהייט״ אַרויסגעגעבן דעם „זיידנס״ „געזאַמלטע ווערק״ אין צען בענד, מיט אַ פּרעכטיקן בוך פון ווינטשעווסקיס געטרייען פריינט און ביאָגראַפער, קלמן מרמר: „מאָריס ווינטשעווסקי — זיין לעבן, ווירקן און שאַפן״.

דער „זיידע פונעם יידישן סאָציאַליזם״ האָט געגלויבט אין דעם זיג פונעם אַרבעטער־קלאַס. אָט־דעם זיג האָט ער געזען אין סאָוועטן־לאַנד, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס כבוד און פּאַראַד. די איינדרוקן פון זיין באַזוך אין לאַנד פון סאָציאַליזם האָט ער פאַרעפנטלעכט אין דער „מאָרגן־פרייהייט״, וואו ער האָט געדרוקט אַרטיקלען, פעליעטאָנען, באַשרייבונגען, זכרונות, שילדערונגען ביז די כוחות האָבן אים געדינט צו שרייבן.

אין איינעם פון זיינע לידער, אין אַ מין צוואה־ליד, האָט דער „זיידע״

געבעטן „מיטנעמען זיין נשמה" אין דעם וויטערדיקן קאַמף קעגן „דער הערשאַפט פון דער נאַכט". אַט־די צוואה ווערט דורכגעפירט. אין דעם קאַמף פאַר שלום, פאַר ליכט, פרייהייט, פּראָגרעס און קולטור לעבט אויך די נשמה, דער קאַמף־גייסט פון אונדזער ליבן „זיידן".

מערץ 16, 1952.

.3

דער „זיידע" פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, מאָריס ווינטשעווסקי, איז אויך געווען דער „זיידע" פון אונדזער יידישן פּראָלעטאַרישן ליד. פאַר אים זיינען געקומען די דיכטער: אליקום צונזער, אברהם גאָלדפאַדען, מיכל גאָרדאָן, וועלוול זבאַרזשער. ער האָט זיי איבערגעשטיגן סיי אין אינהאַלט, סיי אין פאָרם פון זיין ליד. ער איז געווען דער ערשטער יידישער אַרבעטער־דיכטער.

ער איז געקומען מיט רעוואָלוציאָנערן גייסט און אינהאַלט אין זיין ליד. ער איז געקומען מיט רייכע קינסטלערישע מיטלען: מיט דיכטערישער טעכניק, מיט פיינער ריטמיק. ער האָט געבראַכט דעם צויבער פון עכטער פאָלקסטימלעכקייט אין דעם יידישן ליד. ער איז געווען איינער פון די עלטסטע פּיאָנערן פון אונדזער דיכטונג. ער איז געווען פון יענע באַדייטנדיקע דיכטער אונדזערע, וואָס האָבן געהאָלפן איבערשאַפן דאָס פאָלקס־ליד אין ליד פון פאָעט, פונעם אינדיווידועלן פאָעט.

דורות יידישע אַרבעטער האָבן זיך דערצויגן אויף ווינטשעווסקיס ליד: אויף זיין סאָציאַלער ליריק, אויף זיינע קאַמפּס־מאַטיוון, אויף זיינע סאַטירעס און עפּיגראַמען, ווי אויך אויף זיינע דערציילונגען, פעליעטאָנען, ראָמאַנען, דראַמען, פאַבלען, פובליציסטיק.

ער האָט געווידמעט זיין גרויסן דיכטער־טאַלאַנט דעם קאַמף פאַר אַ בעסערן און שענערן מאָרגן. ער האָט דורך זיין שטורמישן און ברויזנדיקן ליד גערופן און געוועקט די אַרבעטער־מאַסן. זיינע לידער פון קאַמף, פון צאָרן און פּראָטעסט, ווי אויך זיינע „לידער געזונגענע מיט אַ געוויין, לידער געיאָמערטע מיט אַ געזאַנג", האָבן געקלונגען אין אַרבעטער־היימען און אין די תפיסות. ער האָט זיך אַליין באַצייכנט אַלס „פאָלקס־לייד־פאָעט", אַלס דיכטער פון „טרויער־געזאַנג". פון זיין גרויסן דיכטערישן האַרץ האָבן אין געלייטערטער פאָרם פון ליד אַרויסגעזונגען די ליידן פון אָרעמען, אונטערדריקטן, געפּלאָגטן פאָלק.

***

שוין אין די אַכציקער יאָרן (פון לעצטן יאָרהונדערט) אין לאָנדאָן האָט זיין דיכטערישע נשמה איינגעזאַפּט אין זיך דעם „אָפּקלאַנג פון דעם אָרעמאַנס שמערץ־געשריי". פאַר זיינע פיזישע און דיכטערישע אויגן זיינען

דורכגעגאַנגען די „אייביק־פאַרצרהטע, אייביק־פאַרמאַטערטע". ער האָט דאַן געגעבן דעם יידישן לייענער, דער יונגער יידישער אַרבעטער־דיכטונג זיינע לידער פון שרעקלעכער נויט, פון דער ליידנדיקער אָרעמשאַפט אין לאָנדאָן: „דריי שוועסטער", „לאָנדאָן ביינאַכט", „צוויי געסלעך", א. אַנד. ער האָט געגעבן אַ דיכטערישן תיקון צו די „פאַרשטיקטע געשרייען פון פאָלק".

אין יענעם פעריאָד איז דער „זיידע" אויך געקומען מיט זיינע קרעפ־טיקע קאַמף־לידער. ער האָט גערופן: „אין די גאַסן, צו די מאַסן"; „הערט, קינדער, ווי עס ריגט זיך".

דער ליבער „זיידע" האָט הערלעך באַזונגען די העלדישע קעמפער פאַר אַ ליכטיקן מאָרגן פאַר דער מענטשהייט. ער האָט קרעפטיק געזונגען „אַ ניגון אַ ניעם, אַ ליד פאַרן גרינדער פונעם לעבן דעם פרייעם" (אין זיין ליד „פאַרן קלינג").

ער האָט זיך באַצויגן מיט טיפער ליבשאַפט און מיט גרויס דרך־ארץ צו אונדזער מאַמע־לשון יידיש. ער האָט געגלויבט אין „אונדזער לשונס אומשטערבלעכקייט". ער איז געווען איינער פון די אַקטיווע, ענערגישע, שעפערישע צעאַקערער פונעם יידיש־פעלד און פאַרזייער פונעם יידישן לשון. שעפנדיק מיט פולע הויפנס פון די לויטערע קוואַלן פון דער פאָלקס־שפּראַך, האָט ער מיט רעכט און מיט פאַרדינטן שטאָלץ געקענט זאָגן:

„פון יידישע ווערטער, אַלט־מאָדישע,
פון איינפאַכע רייד אָן אַ קלאַנג,
פון טענער אָפט ווייניק מעלאָדישע,
פאַרפאַס איך מיין פראָסטן געזאַנג".

ער האָט טיף באַנומען און דורך ליד און פּראָזע קלאָר באַטאָנט דעם גרויסן באַדייט פון פּאָעזיע, פון געזאַנג, ווי אַ וואָפן אין קאַמף פאַר אַ וועלט פון פרייהייט און ברידערלעכקייט. ער האָט פּראָקלאַמירט: „זאָל לעבן דאָס לעבן, באַגלייט פון געזאַנג". ער האָט אויסגערופן: „זינג־זינג־זינג זינגענדיק, קומט־אָן די נייע צייט". ער האָט גערופן: „צו בויען דאָס לעבן מיט קונסט, מיט פאַרשטאַנד".

דער „זיידע", וועלכער האָט בכלל באַדייטנדיק באַרייכערט די יידישע שפּראַך און ליטעראַטור און האָט געהאַט אַ געזונטע, שעפערישע ווירקונג אויף דורות פּראָגרעסיווע יידישע שרייבער, האָט זיך באַצויגן מיט טיפן ערנסט צום ליטעראַרישן וואָרט, צום ענין ליטעראַטור. ער האָט דורך זיין שאַרפער סאַטירע אויסגעלאַכט די שרייבער, וואָס קוקן אויף זייער ליטע־ראַרישער פּראָדוקציע ווי אויף אַ סחורה. ער האָט זיי באַצייכנט אַלס „לי־טעראַרישע קרעמער". וועגן ברענגען אויף דער וועלט אַ נייע ליטעראַריש ווערק, האָט ער (אין זיינע אַפאָריזמען) דערקלערט: „ביי מיר ווערט דאָס ניט געמאַכט, נאָר געבוירן. און דערפאַר איז דאָס טראָגן ניט לייכט און די געבורט פאַרבונדן מיט חבלי־לידה".

* *
*

רעדנדיק וועגן דער ראָל פון שרייבער, האָט ער איז זיינע טרעפלעכע אַפאָריזמען אָנגעוויזן:

„פאַראַן פיר מינים שרייבער, ואלו הן: שריבער, אָנשרייבער, פאַר־שרייבער און איבערשרייבער. די לעצטע קאָפּירן בלויז אַנדערע; די פאַר־שרייבער קלייבן כסדר מאַטעריאַל און שרייבן קיינמאָל ניט; אָנשרייבער זיינען די, וואָס שרייבן — צי זיי האָבן מאַטעריאַל, צי ניט; שרייבער זיינען די, וואָס קלייבן בוי־שטיינער, האָבן אַ פּלאַן, מאַכן זיך צעמענט און בויען דאָן זייער ליטעראַרישן בנין".

דער „זיידע", ווי איר זעט, האָט געהערט וועגן אַנווענדן דעם פּראָצעס פון באַוואוסטזיניקייט, פּלאַנמעסיקייט, טאַלק און סיסטעם ביים בויען אַ לי־טעראַרישן בנין". (אגב, צו זיינע „פיר מינים שרייבער" וואָלט מען גע־דאַרפט צוגעבן נאָך איין מין: אויסשרייבער, דאָס הייסט, יענע קאַטעגאָ־ריע שרייבער, וואָס לויט דער איינשטעלונג פון „קונסט צוליב קונסט" צי אין געיעג נאָך געלט אָדער „קאַריערע", רייסן זיי זיך אָפּ פון פאָלק און פון פאָלקס־לעבן און ווערן מיט דער צייט אויס שרייבער).

דער „זיידע" האָט אין זיין לעבן און שאַפן געטרוימט דעם ישעיה־טרוים פון „והיה באחרית הימים" — וועגן אַ וועלט פון שלום און פעלקער־פריינטשאַפט, אַ וועלט אָן מלחמות און ראַסן־האַס, „אַ וועלט באַזעצט מיט פריינט און ברידער, מיט מענטשנליבע פאַר איר פונדאַמענט" („מיין איינצי־קער פאַרלאַנג", אויגוסט 9, 1906). ער האָט אין זיין ליד „אַ בעזים און אַ קער" געוויזן דעם לייענער אַ וועלט אָן פּאַוועקעס אויפן לייב פון פאָלק, אַ וועלט אַ נייע און באַפרייטע — „קיין פלאַפּערמאַן, קיין כאַפּערמאַן, קיין קלאַ־פּערמאַן ניט מער!".

**
*

ווינטשעווסקי, דער פיינער סטיליסט, דער פרייהייט־קעמפער און בויער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע און איינער פון די גרינדער און בויער פון דער „פרייהייט", האָט געהאַט אַ באַזונדערס גרויסע השפּעה אויף די שאַפונגען פון די אַרבעטער־דיכטער מאָריס ראָזענפעלד, דוד עדעלשטאַט און יוסף באָוושאָווער.

„איך בין פאַרליבט אין זיינע צייל־ן", האָט עדעלשטאַט געשריבן אין אַ ליד („צום משוגענעם פילאָסאָף", מערץ, 1890), געווידמעט ווינטשעווסקין.

דער זיידע, פון וועמען און ביי וועמען פיל יידישע שרייבער האָבן אַ סך געלערנט (אין פּיל־פּיל פרטים), האָט געצויגן זיין יניקה און איז היפּש געווען באַאיינפלוסט פון די ברידערלעכקייט־אידייען פון די נביאים, פונעם רוסישן פרייהייט־דיכטער ניעקראַסאָוו, פון די דייטשע וואָרט־קינסטלער הער־וועג, פריליגראַט און היינע, פון דעם פראַנצויזישן מייסטער וויקטאָר הוגאָ, פון די ענגלישע דיכטער טאָמאַס הוד און וויליאַם מאָריס. ער האָט אַריינ־געבראַכט (דורך איבערזעצונג און איבערדיכטונג) אַ סך אידייען־עשירות און שיינקייטן פון אַנדערע שפּראַכן און ליטעראַטורן אין אונדזער יידישן לי־טעראַרישן אוצר.

לאָמיר אין די איצטיקע טעג, ווען די שונאים פון מענטשלעכער קולטור זוכן צו דערשטיקן פרייע געדאַנקען און שפרייטן דעם וויסטן חושך פון אומ־וויסנקייט, באַגלייט פון שרעק, אויסרופן מיט אונדזער „זיידן״: „יהי אור!״ — זאָל ווערן ליכטיק! לאָמיר איבעראַנייעס אַריינבליקן אין די פערלדיקע ווערק פון מאָריס ווינטשעווסקי: עס וועט אונדז ליכטיק ווערן אין די אויגן, אין די מוחות און אין די הערצער!

מערץ 21, 1954.

4.

מאָריס ווינטשעווסקי ווערט מיט רעכט באַטראַכט אַלס דער ערשטער יידישער פּראָלעטאַרישער שרייבער. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר אַזאַ ליטעראַטור; דער ערשטער, וואָס האָט אַריינגעבראַכט פּראָלעטאַרישע אידעאָלאָגיע אין זיין שרייבן; דער ערשטער מיט אַ פּראָלעטאַרישן קלאַסן־צוגאַנג צום קינסטלערישן וואָרט.

דער קלאַסן־אינהאַלט, די רעוואָלוציאָנערע אידייע, די פּראָלעטאַרישע איינשטעלונג און ציל־געווענדטקייט גייט־דורך ווי אַ רויטער שנור דורך אַלע זיינע ווערק. און דעריבער די הויכע אָפּשאַצונג, די ליבשאַפט און איבער־געבנקייט מצד די אַרבעטער־מאַסן, און דער גאַליקער האַס מצד די שונאים פון אַרבעטער־קלאַס.

דעריבער די ביטול־באַציאונג און באַוואוסטזיניקע אונטערשאַצונג מצד די בורזשואַזע קלאַסן־עסטעטן, — אַ באַציאונג, וואָס האָט אַ געוויסע צייט געהאַט אויך אַ שליטה אין אונדזער אייגענעם לאַגער — אַ באַציאונג, וואָס האָט געזוכט צו רעדוצירן דעם קינסטלערישן ווערט פון ווינטשעווסקיס פּאָ־עזיע, ווי בכלל פון דער אַמעריקאַנישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־פּאָ־עזיע (באָוושאָווער, עדעלשטאַט, ראָזנפעלד) צו רעטאָריק, צו טרוקענער סכעמאַטישקייט, צו „נאַקעטע ליניעס״, צו „געגראַמטער געדאַנקלעכקייט״. די דאָזיקע באַציאונג האָט מען דערנאָך אַריבערגעטראָגן אויך צו די „איי־ניקלעך״, די יידישע סאָוועטישע דיכטער, וואָס האָבן פאָרגעזעצט די רע־וואָלוציאָנער־קינסטלערישע טראַדיציעס פון די פּיאָנערן פון דער יידיש־פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. זיי זיינען באַטיטלט געוואָרן ניט אַנדערש ווי מיטן נאָמען „פּראָקלאַמאַטיווע גאָרנישטלעך״.

דעם זיידנס פּראָדוקטיווע ליטעראַרישע טעטיקייט האָט אַרומגעכאַפּט פיל געביטן. ער האָט זיך אָבער באַזונדערס באַליבט געמאַכט צווישן די ברייטע יידישע אַרבעטער־מאַסן דורך זיינע לידער. מיר וועלן זיך דאָ פּרו־בירן אָפּשטעלן בלויז אויף אָט־דער זייט פונעם זיידנס רייכער, פאַרשיידנאַר־טיקער ליטעראַרישער פּראָדוקציע.

דעם זיידנס לידער האָבן אים אויפגעשטעלט אַ קיינמאָל־אומפאַרגעס־לעכן מאָנומענט נאָך ביים לעבן. זיינע לידער זיינען באַלד און אין משך פון דריי דורות געווען דאָס פאַרמעגן פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן. זיינע

לידער זיינען געזונגען געוואָרן ביי רעוואָלוציאָנערע מאַסן־אַרויסטרעטונגען, און אויך הינטער די תפיסה־גראַטעס. זיי האָבן גערופן און געוועקט, באַוואוסטזיניקט און אָרגאַניזירט די אָפּגעשטאַנענע און צעטומלטע אַרבעטער־שיכטן, געקרעפטיקט די רעוואָלטירנדיקע אין זייערע קאַמפן. זיי האָבן געהאַט אַ מאָביליזיר־ווירקונג.

דעם זייִדנס ליד איז געווען קאַמף, אַן אָרגאַנישער באַשטאַנד־טייל פון זיין אַלגעמיינער ענערגישער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. און גערעכט איז זיין ביאָגראַפער, קלמן מרמר, ווען ער באַמערקט (אין „פאָרווערט“ צום באַנד 1 פון ווינטשעווסקיס „געזאַמלטע ווערק“): „ווינטשעווסקיס אַלע שריפטן זיינען בלויז אָפּקלאַנגען פון זיינע פופציק יאָר דינסט אין דער אַרמיי פונעם אַרבעטער־קלאַס“. דעם זיידנס לידער זיינען אויפן סאַמע ענגסטן אופן פאַרבונדן מיט זיין רעוואָלוציאָנערער אַרבעט: זיי זיינען דער בוילעטסטער אויסדרוק פון אָט־דער אַרבעט; זיי זיינען זיין שאַרפער כלי־זיין אין קלאַסן־קאַמף — אין זיין דינסט צום אַרבעטער־קלאַס.

ווינטשעווסקיס ליד איז דורכאויס סאָציאַל. שוין אין זיין ערשטער לידער־זאַמלונג (1885) איז דער גרעסטער טייל לידער דירעקט גענומען פון אַרבעטער־לעבן. דער רעוואָלוציאָנערער טוער און אויך דער זינגער פון דער נויט און עלנט פון די לאָנדאָנער פאָלקס־מאַסן. די לידער זיינען דורכגעזאַפּט מיט די ליידן פון די נויט־געפייניקטע מאַסן. עס מערקט זיך שוין אָבער אין זיי דער איבערגאַנג פון דיכטערס טיפן מיטליידן און נויט־באַזינגען צו זיינע שפּעטערדיקע שטורעם־און צאָרן־לידער, צו זיינע קאַמף־לידער.

שוין זיינע ערשטע לידער האָבן ניט בלויז רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט — זייער אינהאַלט איז אויך קאָנקרעט, גאַנץ אָפּט אינגאַנצן אויסגעהוילט פון אַבסטראַקציעס. שוין בלויז די נעמען פון אייניקע פון אָט־די לידער אילוסטרירן דאָס: „אָרעם מיידעלע“, „אַ חודש אָן אַרבעט“, „דער יתומל“, „אַ מיידעלע אין דער סיטי“, און אַז. וו. דעם זיידנס פּאָליטיש אויער איז אָנגעשטרענגט און סענסיטיוו צו יעדער וויכטיקער אַנטוויקלונג אין דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער סיטואַציע אינעווייניק אין לאַנד און אויסלאַנד. די היימאַרקעט־דעמאָנסטראַציע אין שיקאַגאָ רופט באַלד אַרויס ביים זיידן אַ טיפן אָפּקלאַנג, וואָס געפינט זיין אויסדרוק אין זיין ליד: „עס רירט זיך!“

הערט איר, קינדער, ווי עס רירט זיך,
מערקט איר, אַז דער סוף קומט אָן ?
פאָרווערטס, קינדער, ס׳מאַרשירט זיך
ליכטיק ביי דער רויטער פאָן !

דאָס יאָר 1887, וואָס האָט אין זיך געטראָגן אַ ריי אַרבעטער־שטורעמס און מיט זיך געבראַכט די דערמאָרדונג פון די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־פירער אין שיקאַגע, האָט צווישן אַנדערע לידער ביים זיידן אַרויסגערופן זיין „מאַר־

סעליעזע״. אָט־דאָס ליד איז באַזונדערס קרעפטיק צוליב זיין אומגעוויינלע־כער דירעקטקייט:

האָט איר ווירקלעך מורא פאַר האַרמאַטן,
פאַר אַ ביקס, אַ שפּיז אָדער אַ שווערד?
גייט איר דען ניט פאַר דער צייט אין דר׳ערד
טויזנטוויז, ווען אויך ניט דורך סאָלדאַטן?

ווינטשעווסקיס לידער זיינען דווקא באַזונדערס עפעקטיוו צוליב זייער „פּרימיטיווער פאָלקסטימלעכקייט״ און דירעקטן צוגאַנג. זיי באַווירקן דעם לייענער מיט דער עכטער, ניט־געקינצלטער פּשטות און מיטן רעוואָלוציאָ־נערן טעמפּעראַמענט פון דיכטער, וואָס אָטעמט מיט אַ באַזונדערער אינ־טימיטעט, וואָס וויטאָקט און ברויזט פאַר די ליידן און מיט די פּראָטעסט־און צאָרן־עמאָציעס פונעם אַרבעטער־לייענער. דאָס דערקלערט אויך די האַר־מאָנישע איינהייטלעכקייט און גאַנצקייט צווישן דער פאָרם און אינהאַלט, וואָס איר געפינט אין ווינטשעווסקיס לידער, זיי זיינען ביי אים גאַנץ אָפט איין איינס, איינגאַנצן צונויפגעגאָסן, אומאָפּטיילבאַר.

פּונקט ווי ביי די אַנדערע פּיאָנערן פון פּראָלעטאַרישער דיכטונג (באָוו־שאָווער, עדעלשטאַט און ראָזענפעלד), איז אויך ביי ווינטשעווסקין אַ דאָ־מינירנדיקער עלעמענט: דער „סאָציאַל־סענטימענטאַליזם״. די סאָציאַלע ליריק, וואָס ווערט אַרויסגערופן און שטאַרק אַקצענטירט דורך דעם „שרעק־לעכן דלות״ אַרום אים. אָט־די לידער זיינע „פון דעם גלות אין זיין גאַנ־צער נאַקעטקייט, אָפּגעריסנקייט, פאַרשלאָגנקייט״ האָבן אין זיך אויפגעהיט אַזוי פיל פרישקייט און וואַרעמקייט, אַז נאָך היינט־צו־טאָג קאָנען זיי מיט דער זעלביקער ווירקזאַמקייט און קראַפט אָנגעווענדט ווערן אויפן איצטיקן קריזיס־דלות איבער דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט.

ווינטשעווסקי באַטראַכט זיך, ווי דער וואָס דאַרף אין זיך איינזאַפּן און טראָגן די „פאָלקס־ליידן״ און זיין זייער אויסדריקער, זייער זינגער. אָט זיי־נען אַ פּאָר פערזן פון זיין ליד „לידער פאַר מיר״, וואָס קלינגען ווי אַ פּראָג־ראַמאַטישע דערקלערונג פאַרן וועג פון פּראָלעטאַרישן דיכטער:

לידער פון שטערן אין הימל ביינאַכט,
לידער פון הערלעכקייט אין דער נאַטור,
לידער פון גרעזעלעך, קוויטעלעך, פּראַכט,
גייען מיין אויער פאַרביי אָן אַ שפּור.

לידער געזונגענע מיט אַ געוויין,
לידער געיאָמערטע מיט אַ געזאַנג,
לידער פון פאָלקס־ליידן — נאָר די אַליין
האָבן אַ זין פאַר מיר, האָבן אַ קלאַנג.

אָט־דאָ, אויב איר ווילט, האָט איר די ליניע, די אָפּגעגרענעצטקייט צווישן דעם בורזשואַזן שרייבער, וואָס איז גענייגט צו צאַצקען זיך און פאַרשפּילן זיך מיט „גרעזעלעך, קוויטעלעך, פּראַכט״ (אָדער גאָר „מיט אַ

פליג״...) און דעם פּראָלעטאַרישן שרייבער, וואָס לעבט און קעמפט צוזאַ־מען מיט זיין קלאַס, און וואָס זיין אויער איז תּמיד וואַך צום געוויין און גע־יאָמער פון זיין קלאַס, — און וואָס אָט־דער יאָמער איז אַ ווייטערדיקע שטויס־קראַפט, אַ טרייב־מאָטיוו פאַר שטורמישן פּראָטעסט, פאַר רוף צו רע־וואָלוציאָנערער אַקציע. אַזוי, אַז ווינטשעווסקיס „לידער געיאָמערטע מיט אַ געזאַנג״ זיינען נישט געזונגען געוואָרן גלאַט צוליב „וועלט־שמערצן״ אָדער מחמת סימפּאַטיע מיטן „אָרעמען אַרבעטאָרער״ — אין זיי איז ניט געווען קיין סימן פון אַזאַ „צער־בעלי־חיים״־צוגאַנג. אין זיי האָט זיך אויך ניט געפילט דער שפּעטערדיקער רייזען׳ישער ״„אָרעמאַנסקער״ טאָן. וויט דער־פון. זיי טראָגן מיט זיך קרעפּטיקע אַגיטאַציע. זיי וועקן, רודערן־אויף, לאָזן ניט רוען און ווייזן דעם וועג, די ל״ניע, דעם קלאָרן ציל פון קאַמף, פון רע־וואָלוציאָנערער מאַסן־אַקציע, — דעם וועג, וואָס פירט „אין די גאַסן צו די מאַסן״. זיינע ערשטע לייד־מאָטיוו־לידער זיינען שוין צו דער זעלביקער צייט זיינע שפּעטערדיקע „לידער פון קאַמף, פון טריאומף, פון נקמה״.

דעם זיידנס לידער דערהויבן זיך אָפט אַזוי הויך אין גראַד פון אינער־לעכן פייער און עכטן דיכטערישן עקסטאַז, אַז דער טאָן זייערער הויבט אָן קלינגען „פּראָפעטיש״.

אָט־דער טאָן איז געווען אָן עכטער און נאָענטער צו דער אויפנאַם־פעיאיקייט פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן. מיט רעכט ווייזט־אָן י. בראַנ־שטיין אין זיין בוך „אַטאַקע״, אַז בלויז די בירגערלעכע עסטעטיקער און פיינשמעקער האָבן באַטראַכט אָט־דעם טאָן אַלס „פּראָקלאַמאַציע־טאָן, פול מיט פּאַטעטישע אָנגעצויגענע אויסדרוקן״. (אָט־דער ריין־בורזשואַזער צוגאַנג האָט געפונען זיין נאָכקלאַנג אויך ביי אַ טייל פון אונדזערע אייגענע ליטעראַ־טור־מבינים!). פאַר דעם יידישן פּראָגרעסיווער אַרבעטער איז אָט־דער טאָן געווען הימיש און עפעקטפול. דעם זיידנס „אַ בעזים און אַ קער״ האָט געקראָגן גוואַלדיקע פּאָפּולאַריטעט. און ביז היינט־צו־טאָג האָבן נאָך ניט פאַרלאָרן זייער ווירקונג און קראַפט פון דירעקטער ווענדונג די פערזן:

איך דאַרף ניט מער קיין פּרעדיקער,
אַ בעזים און אַ קער!

קיין פּרעדיקער, קיין גנעדיק־הער,
קיין לײדיק גײער מער!

די פיינשמעקערישע גריבלענישן וועגן „פּאַטעטישער אָנגעצויגנקייט״ אין אָט אַזעלכע און ענלעכע טענער וועלן מיר איבערלאָזן צום פּראָ־פעסיאָנעלן בורזש־ליידיקגייער — צום „פלאַפּערמאַן״ פון די ליטעראַ־רישע געמויזעכצן פון איסט בראָדוועי. מיר וועלן דערצו בלויז צוגעבן: דער „פּראָפעטישער״ טאָן פון דער ערשטער פּראָלעטאַרישער דיכטער־פּלע־יאַדע האָט זיך אַריבערגעטראָגן דורך דורות און לענדער אַזש „מעבר לים״ — ער קלינגט הויך און גאַנץ פריש און לעבעדיק ביי אייניקע סאָוועטישע דיכטער (באַזונדערס אינעם באַלדיקן נאָך־אָקטאָבער־פּעריאָד). שוין אָפּגע־

רעדט דערפֿון, אַז זײַן אײַנפֿלוס מערקט זיך אויך אין דער הײַנטיקער ייִדיש־פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

אַ באַזונדערן אינטערעס רופֿן־אַרויס דעם זײַדנס הומאָריסטיש־סאַטירישע לידער, וואָס שלאָגן נאָך הײַנט גאַנץ שטאַרק מיט זייער שאַרפֿקייט, אומבארחמנותדיקייט און שנײַדיקער פּראָזשעקטאָרישקייט.

דעם זײַדנס בײַטראָג צו דער ייִדישער און באַזונדערס צו דער ייִדיש־פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, זײַן באַרײַכערן און פֿאַרשענערן די ייִדישע פֿערזן־טעכניק איז אומגעהויער גרויס און נאָך נישט גענוג אָפּגעשאַצט געוואָרן. און כאָטש ווינטשעווסקי האָט באַשיידן געזאָגט וועגן זײַנע אייגענע לידער:

דאָך מאַך איך די לידער צום זינגען ניט,
אַ זיפֿץ איז פֿאַר זיי האַרמאָניע,
דערום מאַכט ניט אויס אויב זיי קלינגען ניט
און אויב אין זיי פֿעלט מעלאָדיע.

(„מײַנע פֿעלקסל־דער״ 1891).

און כאָטש ער רופֿט אָן זיך ליד — „פּראָסט געזאַנג״, דאַרף קלאָר באַטאָנט ווערן דער פֿאַקט, וואָס קלמן מרמר ברענגט אַרויס אין זײַן אָפּשאַצונג פֿון ווינטשעווסקין (געזאַמלטע ווערק פֿון מאָריס ווינטשעווסקי, באַנד 1, ז״ז 374־377), אַז דער זײדע האָט „אַ סך געפֿײַלט און געשליפֿן״, אַז דער זײדע פֿלעגט זיך אָנשטרענגען ניט אַרויסצולאָזן קיין „רוי־פּראָדוקט״. אַז ער פֿלעגט אַ סך אַרבעטן אויפֿן בוי פֿון פֿערז. און כאָטש דער זײדע גיט אַליין אַ ריכטיקע זעלבסט־אָפּשאַצונג פֿון זײַנע לידער און כאַראַקטעריזירט זיי ווי „דער אָפּקלאַנג פֿון טעגלעכע פֿאַרשטיקטע געשרייען פֿון פֿאָלק״, ווייסן מיר אָבער נאָך: אַז אָט־דער אָפּקלאַנג פֿון די „געשרייען פֿון פֿאָלק״ האָט דאָך געפֿונען זײַן ברייטסטן, וואַרעמסטן, קאַמף־גרייטסטן אָפּקלאַנג בײַ די אַרבעטער־מאַסן, וואָס האָבן געלייענט און געזונגען דעם זײַדנס לידער. אַזוי אַז דער טעקסט אין זײַדנס לידער איז שוין ווײַט ניט קיין „זיפֿץ אָן אַ טאָלק״, און די מוזיק פֿאַרן זײַדנס לידער איז שוין גאָר ניט קיין „קלעגלעכע״ — והראיה, אונדזערע פֿאָלקס־כאָרן, וואָס שטורעמען־אויף די אַרבעטער־אוידיענץ מיטן זײַדנס „פּראָסטן געזאַנג״.

מערץ, 1932.

.5

ווען מיר רעדן וועגן אונדזער ליבן זײדן מאָריס ווינטשעווסקי (1856־1932), איינעם פֿון די גרינדער און ערשטע מיטאַרבעטער פֿון דער „מאָרגן־פֿרײַהייט״, האָבן מיר אינזינען סײַ דעם גרויסן אַרבעטער־דיכטער, פּיאָנער פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־פּאָעזיע, סײַ דעם גרויסן שרײַבער פֿון פּראָזע. די צען בענד, וואָס דער „פֿרײַהייט״־פֿאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן אין 1927־1928 (רעדאַקטירט פֿון קלמן מרמר), שליסן־אײַן ווינטשעווסקיס לידער, דראַ־

מען, פאַבלען, עפּיגראַמען, פּאַראָדיעס, פּובליציסטיק, לעבנס־באַשרייבונגען, דערינערונגען.

דאָ ווילן מיר זיך באַזונדערס אָפּשטעלן אויף ווינטשעווסקיס צוגאַנג צו ענינים פון ליטעראַטור, צו שרייבער און זייערע ווערק. אַ טייל פון אָט־דעם מאַטעריאַל איז אַנטהאַלטן אין דעם באַנד אַכט פון די צען „געזאַמלטע ווערק": „מענטשן און ווערק". אַנדערע אָפּשאַצונגען זיינען צעוואָרפן אין אַנדערע בענד, דער עיקר אין זיינע זכרונות.

פון די אַלע ליטעראַריש־קריטישע אָפּשאַצונגען באַקומען מיר אַ בילד פון אַ גרויסן פּובליציסט מיט אַ סאָציאַליסטישן צוגאַנג צו ליטעראַטור, אַ בילד פון אַ קעמפער פאַר דער פּראָגרעסיווער אידייע אין ליטעראַטור, אַ הויך־געלערנטן, אַ דענקער, וואָס האָט זיך געפילט היימיש ניט נאָר אין דער העברעיִשער און יידישער ליטעראַטור, וואו ער האָט פאַרנומען אַ חשוב פּלאַץ אַלס שאַפער, נאָר אויך אין דער וועלט־ליטעראַטור. זיינע זכרונות און אָפּשאַצונגען וועגן גרויסע קולטור־פּערזענלעכקייטן, שרייבער, דענקער און זייערע ווערק זיינען אַן אומשעצבאַרער אוצר פאַר דעם ליטעראַטור־פאָרשער, ווי בכלל פאַר די ברייטע קרייזן יידישע לייענער.

מיר לייענען און פאַרטיפן זיך אין דער רייכער וועלט פון ווינטשעווסקיס געדאַנקען, און מיר זעען ווי דער זיידע פון דער יידישער אַרבעטער־דיכ־טונג אין אַמעריקע און פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג זעצט־פאָר אַזוי קרעפטיק און הערלעך די גרויסע פּראָגרעסיווע טראַדיציע פון טשער־נישעווסקי, פּיסאַרעוו, ניעקראַסאָוו.

מיט גרויס באַגייסטערונג האָט אונדזער זיידע געשריבן וועגן זיינע צוויי ליבלינגען: לודוויג בערנע און משה לייב ליליענבלום. מיט גרויס וויסן האָט ער געשריבן וועגן מאַרקסן און ענגעלסן, וועגן ווילהעלם ליב־קנעכט, משה העס, בעבעל, וויליאַם מאָריס, איבסען, י. ל. פּרץ. גאָר באַריכותדיק און ברייט־אומפאַסנדיק האָט ער געשריבן וועגן פערדינאַנד לאַסאַל, עלעאָנאָראַ מאַרקס, יודזשין וויקטאָר דעבס, יעקב גאָרדין, אהרן ליבערמאַן. (וועגן אייניקע פון אָט־די פּערזענלעכקייטן האָט ער געשריבן אין זיינע לידער: מאַרקס, ענגעלס, לאַסאַל, וויליאַם מאָריס, וויקטאָר הוגאָ.) מיט באַזונדערער ליבשאַפט האָט ער געשריבן וועגן דעם גרויסן אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישן אַרבעטער־פירער יודזשין וויקטאָר דעבס און וועגן דעם פאָ־טער און רעפאָרמאַטאָר פונעם מאָדערנעם יידישן טעאַטער, דעם גרויסן ראַ־דיקאַלן דראַמאַטורג יעקב גאָרדין, וועלכער איז געווען איינער פונעם זיידנס נאָענטסטע פריינט. אַ פּרעכטיק בילד פון דער קאָליר־פולער פּערזענלעכקייט יעקב גאָרדין איז פאַראַן אין דעם זיידנס ווערק „אַ טאָג מיט יעקב גאָרדין" (איינגעשלאָסן אין באַנד אַכט), ווי אויך אין ווינטשעווסקיס באַגייסטערטע אַרטיקלען וועגן גאָרדינס פּיעסן.

אויפן לייענער פון ווינטשעווסקיס אַרטיקלען, אָפּהאַנדלונגען, זכרונות, אָפּשאַצונגען מוזן מאַכן אַ שטאַרקן איינדרוק דעם זיידנס טיפע קענטעניש־ן וועגן די ליטעראַרישע (און אַנדערע) ענינים, וואָס ער באַהאַנדלט, זיין קאָ־

לאַסאַלער זכרון, זיין קלאָרער, לויטערער פשוטהדיקער סטיל, זיין כוח אין מסביר־זיין אַן ענין, זיין פייאיקייט אויסצושיילן דאָס עיקרדיקע און כאַראַק־טעריסטישע אין אַ שרייבער און אין זיינע ווערק.

אָט, למשל, וועגן גאַרדינען שרייבט דער זיידע: „וועלכע פיעסע איר זאָלט ניט אַריינגעמען אין האַנט, אויף וועלכער שטעלע איר זאָלט דאָס בי־כעלע ניט עפענען, וועט איר אומעטום געפינען לעבעדיקע מענטשן, לעבע־דיקע יידישע טיפּן. לויטער פּערזאָנען, וועלכע זיינען ניט קינסטלעך באַ־שאַפן געוואָרן, נאָר אַזעלכע וואָס שטייען אייך קלאָר פאַר די אויגן, זיי מיט זייערע ליידן און פריידן, מיט זייער גליק און זייערע שמערצן, מיט זייער פיינקייט און זייער גראָבקייט, מיט זייער ליבע און זייער האַס". דער זיידע זעט־פאָראויס, אַז גאָרדינס דראַמען, „זיינע גייסטקינדער", „וועלן בלייבן לעבן". ער אונטערשטרייכט: „כמעט יעדע איינציקע פון זיינע [גאָרדינס] דראַמען איז אַ סאָציאַלע פּראָבלעם, אַ טייל פון דער גרויסער סאָציאַלער פראַגע, וועלכע באַשעפטיקט כסדר זיין מוח און באַוועגט כסדר זיין האַרץ".

אין זיין אָפּהאַנדלונג וועגן דעבסן, דעם פאָנען־טרעגער פון דער סאָ־ציאַליסטישער אידייע, ווינטשעווסקיס אידייע, שטעלט זיך דער זיידע די פראַגע: „במה כוחו גדול?" — אין וואָס שטעקט דעבסעס כוח? ער פרעגט: „ווי קומט עס, אַז דער נאָמען דעבס — בלויז דער נאָמען — רופט־אַרויס געפילן ביי מיליאָנען מענטשן, וואָס אַנדערע נעמען האָבן ניט אַרויסגערופן אין אַנדערע לענדער, און דעבס איז קיינמאָל ניט געווען אַזאַ געלערנטער ווי לאַסאַל, אַזאַ שרייבער ווי פּלעכאַנאָוו, אַזאַ לאַנג־יאָריקער פּאַרלאַמענטאַ־ריער ווי בעבעל, און אַזאַ שטורעם־באַוועגונג ווי ווענדעל פיליפּס, אַזאַ זשור־נאַליסט ווי וויקטאָר אַדלער און אַנדערע, וואָס איך וואָלט געקאָנט אָנרופן?

„איז דער תירוץ: האַרץ, נשמה, מענטשן־ליבע! ווי גיט מען אָבער אייך דאָס צו פאַרשטיין?

„אין פלוג האָט יעדער פון אונדז אַ האַרץ און עפּעס אַזוינס ווי אַ נשמה; מענטשן־ליבע איז מער אָדער ווייניקער אויך ביי אונדז אַלעמען פאַראַן. מיט וואָס צייכנט זיך אויס דעבס?

„ער צייכנט זיך פון אונדז אַלעמען אויס דערמיט, וואָס ער איז דאָס, וואָס מיר האָבן. האַרץ, נשמה, ליבע — דאָס איז ער; ער איז לויטער האַרץ, אַ גרויסע נשמה און די מענטשן־ליבע אַליין".

אָט ווי דער זיידע האָט ריכטיק געשטעלט דעם טראַפּ, אַנאַליזירנדיק דעם אַרבעטער־פירער, פאָלקס־טריבון און מענטש דעבס. ער כאַפּט־אויף דאָס סאַמע וועזנטלעכע. און נאָך עפּעס: ער זעט אין דעבסעס נשמה דאָס ליכט פון די נביאים. „און ווי זיי, — דערקלערט ער, — „איז ער אַ פּאָעט, אַן אמתער, גאָט־געבענטשטער" פּאָעט. דער געוויינלעכער אמת קריגט ביי אים אַ דיכטערישן אויסדרוק".

פון גאָר גרויסער באַדייטונג פאַר דער פאָרשונג פון דער סאָציאַליסטי־שער אויפקלערונג ביי יידן, אין יידיש און העברייאיש, זיינען ווינטשעווסקיס זכרונות און באַשרייבונגען וועגן דעם פּיאָנער פון סאָציאַליזם אהרן־שמואל

ליבערמאַן, רעדאַקטאָר פונעם העברייאישן סאָציאַליסטישן זשורנאַל „האמת״ אין 1877 — וועלכער „האָט דער ערשטער גענומען רעדן סאָציאַליזם צו די יידן אין דעם לשון פון ישעיה בן אָמוץ״.

ווינטשעווסקי, וועלכער האָט זיך אין 1877 דורכגעשריבן מיט ליבערמאַנען און מיט צוויי יאָר שפּעטער באַקענט זיך מיט אים, גיט אין דעם באַנד 9 („ערינערונגען״) אַ טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיק וועגן אָט־דער וואונדערלעכער, לעגענדאַרער פּערזענלעכקייט: „...ליבערמאַן איז ניט געווען גלאַט אין דער וועלט אַריין אַ סאָציאַליסטישער אַגיטאַטאָר, וועלכער האָט געשריבן העברייאיש, נאָר טאַקע אַ שריפטשטעלער, אַ ליטעראַט אין דעם פולן זין פון וואָרט, דערביי אָבער אַ סאָציאַליסט. אין אמתן איז ער געווען אפילו אַן עסטעטיקער, וואָס איך וואָלט רופן אַ ליטעראַרישן בעל־מפונק״.

אָנווייזנדיק אויף ליבערמאַנס „געטאַקטן, פּאָלירטן ליטעראַריש־ריינעם לשון־קודש״ און אויף זיין שווערן סטיל, האָט דער זיידע דערקלערט: „פון זיין שרייבן האָט מען שוין געקענט זען, אַז ער, וועלכער איז געווען אַ פול־שטענדיק אייראָפּייאיש־געבילדעטער מענטשן, איז געבליבן אַ תלמודיסט, דאָס הייסט, אַ גמרא־קעפּל, אַ למדן, אַ חריף, אַ מענטש, וואָס האָט האַלט צו זען, ווי דער לעזער קנייטשט דעם שטערן, צופּט דאָס בערדל״...

דער זיידע ווייזט דערביי אויך אָן אויף ליבערמאַנס „אַמביציע צו רע־פאָרמירן די אַלטע העברייאישע שפּראַך״. ער אונטערשטרייכט, אַז פון ליבערמאַנס שרייבן „האָט מען אויך געקענט זען אַ ליבנדעס האַרץ, אַ שאַרפן מוח, אַ נשמה פון אַ קינסטלער״.

אָפּשטעלנדיק זיך אויף דער העברייאישער פּאָעזיע פונעם סאָציאַלן רע־פאָרמאַטאָר דר. יצחק קאַמינער, האָט דער זיידע, ווידער, אויסגעטיילט דאָס סאַמע תמציתדיקע אין פּרט פון אינהאַלט און פאָרם. ער ווייזט־אָן: „קאַמינער איז, נעמלעך, געווען דער ערשטער אויסצונוצן דעם פּאָפּולערן, ביי יידן זייער באַליבטן, מיטלאַלטערלעכן ‚פּזמון', כדי אויסצודריקן היינטיקע אונדזערע ליידן און קאַמף און האָפענונגען״. רעדנדיק וועגן דעם אינהאַלט פון קאַמינערס ליד, ווייזט־אָן דער זיידע, אַז „קאַמינערס ליבע און איבער־געגעבנקייט צו זיין פאָלק האָבן ‚דורך־און־דורך אַ סאָציאַלן אונטערשלאַק״.

ווינטשעווסקי, דער ערשטער יידישער פּראָלעטאַרישער דיכטער, איז ווייט אַריבערגעשטיגן סיי אין אינהאַלט, סיי אין פאָרם, די דיכטער, וואָס זיינען געקומען אין דער יידישער פּאָעזיע פאַר אים, ווי אליקום צונזער, אברהם גאָלדפאַדען, מיכל גאָרדאָן, א. אַנד. אָנווייזנדיק אויף דעם עיקר־דיקן אין ליד: אינהאַלט, אידייע, געדאַנק, געפיל, וויזיע, האָט ער אויך ניט פאַרפעלט צו אונטערשטרייכן די נויטיקייט און וויכטיקייט פון גע־העריקער, פּאַסיקער פאָרם, פון מעטריק, פערזן־טעכניק, ריטם, ניגון. ער, דער גרויסער מייסטער פון ריטם, האָט קריטיקירט די איבנדערמאָנטע דיכ־טער פאַר פאַרנאַכלעסיקן דעם עלעמענט פון ריטם אין זייער ליד. אין באַנד צען („ערינערונגען״) שרייבט ער: „ניט נאָר צונזער און גאָלדפאַדען, נאָר אויך מיכל גאָרדאָן און — וואו ער האָט זיך צו אונדז ‚אַראָפּגעלאָזן'

— אפילו דער גרויסער יהודה־לייב אַליין האָבן פון קיין ריטם אין יידיש ניט געוואָלט וויסן״.

אַ קעגנער פון קונסט לשם קונסט, האָט ער גוט געוואוסט דעם צויבער און כּוח פון ליד, ווי אַ וואָפן אין קאַמף. ער האָט אין זיין עסיי „מיין אַר־בעטער־מוזע״ (באַנד צען) קלאָר געמאַכט: „...ביי מיר איז דער דרוש מיטן געזאַנג פאַרשמאָלצן, נאָר די ווערטער, אַזוי גוט ווי דער טראָפּ, זיינען ערלעך. דאָס הייסט, זיי קומען אַרויס אַזוי, ווי איך פיל אין דעם געגעבענעם אויגנבליק, ניט אַנדערש, ניט אַפעקטירט״.

אָפּשאַצנדיק באַשיידן דעם כאַראַקטער פון זיין אייגענער פּאָעזיע, האָט דער זיידע דערקלערט: „געוויס, איך בין ניט אַ וועקער אַליין. איך בין אויך אַ מענטש און לעב, און ליב, און לייד, און ווירק. לעב, בקיצור, אַ פּערזענלעכן לעבן. אויך זע איך, און מיין האַרץ רופט זיך אָפּ אויף די ליידן און פרייד׳ן אַרום מיר, און אין אַלדי יאָרן זינג איך, זיפץ איך, לאַך איך, חלום איך פאַר זיך אַליין, אין מיין רשות־היחיד. דאָס געפינט אַלץ ביי מיר אַן אויסדרוק. מיין אָרעמע מוזע ברענגט דאָס אַלץ ווי־עס־איז אַרויס. אין מיין זאַמלונג איז אַ סך דערפון אַריין. און ביסלעכווייז פאַרעפנטלעך איך אַלטע און נייע אַזעלכע זאַכן״.

אין זיינע זכרונות (באַנד 9) דערקלערט ער אונדז זיין פילאָסאָפיע פון ליד: „יעדעס ליד, אויך לויט מיין איצטיקער מיינונג, דאַרף האָבן אַ וועלכן־עס־איז אינהאַלט. אַט־דער אינהאַלט קען זיין אַ דערציילונג, אַ געדאַנק אָדער אַ געפיל. אויב דער דיכטער גיט אונדז ניט אין זיינע לידער איינע פון די דריי זאַכן, גיט ער בלויז אַ בינטל ווערטער און קלאַנגען, וואָס האָבן קיין שום ווערט, אַחוץ פון גרישקעס שטאַנדפונקט [אין גאָגאָלס ,טויטע נשמות׳], וועלכער האָט געפונען גרויס קונסט אין דעם, וואָס פון אַלע מינים בוכשטאַבן קען מען צוזאַמענשטעלן אַלערליי מינים ווערטער!״ (אוי, ווי ריכטיק, באַ־זונדערס ריכטיק אין אונדזער איצטיקער צייט, ווען עס פעלן אָפט אַלע דריי אויבן־אויסגערעכנטע עלעמענטן אין אַ ליד!).

דער זיידע, דער פּיאָנער פון יידישן סאָציאַליזם, איז געגאַנגען, ווי ער ווייזט אַליין אָן, „אין די דרכים פון ניעקראַסאָוו, פרייליגראַט, הערוועג, וויק־טאָר הוגאָ״. ער האָט אַריינגעבראַכט גרויס עשירות אין אונדזער פּאָעזיע, אין אונדזער פּראָזע, אין אונדזער ליטעראַטור־אָפּשאַצונג.



מאָריס ראָזענפעלד

(דעצעמבער 26, 1862 — יוני 22, 1923)

„דיין פען זאָל אַ פידל צוגלייך
און אַ שווערד זיין".

מאָריס ראָזענפעלד

וואָס מער יאָרן עס גייען אַוועק זינט ס'איז פאַרגאַנגען די זון פונעם גרויסן, וועלט־באַרימטן אַמעריקאַניש־יידישן אַרבעטער־דיכטער מאָריס ראָזענפעלד (1862־1923), אַלץ מער זעט מען אַרויס, שפּירט מען, פילט מען זיין קראַפט אַלס אַ ריז אַ דיכטער, אַ וועלט־פּאָעט. ער איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע, גרעסטע דיכטער ביים יידישן פאָלק, דער אָריגינעלסטער, אַמעריקאַנישסטער און מעכטיקסטער פון דער שעפערישער גרופּע יידישע פּראָלעטאַרישע פּיאָנערן־דיכטער פון זיין דור, וואו דעם אויבן־אָן, האָבן, חוץ אים, פאַרנומען: מאָריס ווינטשעווסקי, וועלכער האָט אָנגעהויבן פאַר אים, און דוד עדעלשטאַט און יוסף באָוושאָווער, וועלכע האָבן אָנגעהויבן נאָך אים.

ראָזענפעלד, דער סאַמע באַדייטנדיקסטער, אָנגעזעענסטער פאָרשטייער פון דער פּיאָנערישער יידישער אַרבעטער־פּאָעזיע (מיט אַלע זיינע היפּשע חסרונות, דורכפאַלן, דורכרייסן אידעאָלאָגיש און קינסטלעריש) איז געווען אַ דינאַמישע, קאָליר־פולע, שאַפערישע און טראַגישע פּערזענלעכקייט, מיט אַ סך אימפּעט, שוואונג און ברען, — אַ היסטאָרישע פיגור, אַ קינסטלער פון גאָר אַ הויכער מדרגה, מיט גרויסע פאַרדינסטן פאַר אונדזער ליטעראַטור.

שווער, ביטער, אָרעם, פול מיט דאגות־פּרנסה, איז געווען דאָס לעבן פון אָט־דעם גרויסן יידישן אַרבעטער־דיכטער, דעם שאַפּ־אַרבעטער. שניי־דער בן שניידער (משה יאַנקל אָדער אַלטערל אפרימס), אָפּערייטאָר (אַר־בעטער ביי שניידער־מאַשין) און פּרעסער, וועלכער האָט זיך יאָרן־לאַנג אָנ־געפּלאָגט אין די ווייסטע, פינצטערע גיהנומישע „שוויץ־שעפּער" אונטער די שווידערלעכסטע באַדינגונגען — פריער אין לאָנדאָן, וואוהין ער איז געקומען פון ליטע אין עלטער פון 20 יאָר, און דערנאָך — אין אַמעריקע, זינט ער איז אַהער געקומען אין 1886. ער, דער שטאָלצער, שטורמישער, בונטאַרי־שער, טיף־לייַדנדיקער, צער־פולער פּאָעט, וואָס האָט זיין ערשט ליד פאַר־עפנטלעכט אין 1886, האָט גאָר זיין צער, ווייטאָג און פאַרביטערטקייט אויס־

געגאָסן דורך זיין ליד — צוערשט אין אַ רויער, אומגעהובלטער פאָרם, אין גערעאַנגל פאַר געלייטערט וואָרט, און דערנאָך — אַלץ מער קינסטלעריש, רייף, געשליפן, פאַרענדיקט. ער האָט געחלומט וועגן פטור ווערן פון שאַפּ; ער האָט געצאָרנט קעגן דער בלוטזויגערישער עקספּלואַטאַציע אין די שוויץ־פאַבריקן; און שפּעטער, ווען ער האָט זיך פון דאָרט אַרויסגעריסן — האָט ער געברויזט קעגן דער סמ׳יקער סביבה אין די „שרייבאַרניעס“, אין די רעדאַקציעס פון שרהזאָנס „גאַזעטן“ און „טאַגעבלאַט“ און אויך „פאָרווערטס“. פונוואַנען ער איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן (צוויי יאָר פאַר זיין טויט איז ער אָפּגעזאָגט געוואָרן דורך די באַלעבאַטים פון די „בלעטער“).

זיין שאַרפסטע פּאָעטישע איבערלעבונג איז געווען די שאַפּ־דערפאַרונג. ער האָט עכט, קאָנקרעט און רעאַליסטיש באַוויזנט און געשילדערט דעם „אומעט פון די שעפּער“, די סביבה פון אַרבעטערס נויט אין זיין שוויץ־פאַבריק און אין זיין אָרעמער, חרובער טענעמענט־היים אונטערן יאָך פון הויטשינדערישן לענדלאָרד. ער איז געווען אונדזער קרעפטיקסטער, ליידנ־שאַפטלעכסטער, עמאָציאָנעלסטער, טעמפּעראַמענטפולסטער דיכטער פון נויט־לידער און צער־און צאָרן־געזאַנגען, זינגער פון שאַפּ־לידער, פון וואָכעדיקן, טאָג־טעגלעכן אַרבעטער־לעבן.

ער האָט זיך באַטראַכט אַלס דעם דיכטערישן שליח־צבור פון אָרעמען, שרעקלעך־באַ׳עוולה׳טן שניידער, דעם „העלד פון שער און אייזן“ — אַלס שילדערער און מאָלער פון זיין הונגער, נויט, דחקות, פּלאָג און פּיין, בענקשאַפט נאָך אַ טראָפּן רו — און וואַקסנדיקן געפיל פון פּראָטעסט קעגן אומרעכט און ווילקיר. זיין שאַפּ־ליד, ראָמאַנטיש און רעאַליסטיש, אָנגעזאַפּט מיטן צער פון שאַפּ־אַרבעטער, איז ניט בלויז געזאָגט, נאָר געזונגען; ניט שורה, נאָר שירה; ניט בלויז כוונה, נאָר בילד, געשטאַלטיקונג פון שאַפּ־מענטשן.

ראָזענפעלדס שורש, דער הויפּט־כוח און הויפּט־באַדייט פון זיין שאַפן שטעקט אין זיינע אומפאַרגלייכלעכע, אמתדיקע שאַפּ־געזאַנגען, אַרבעטער־לידער, פּראָטעסט־לידער, צאַרטדיקע, מאָנענדיקע, שטראָפנדיקע, אַרויסרופערישע לידער פון קלאָגן און אָנקלאָגן. לידער פון אַרבעטער־קאַמף, פון אַרבעטער־קלאַס — פון קלאַסן־קאַמף און קלאַסן־פּראָטעסט. — לידער מיט קאָנקרעטע בילדער. אָפט מיט סימבאָלישע אָנדייטונגען.

„...דיין פען זאָל אַ פידל צוגלייך און אַ שווערד זיין“. ראָזענפעלד האָט באַטראַכט זיין ליד ווי אַ וואָפן אין קאַמף קעגן שונא. זייער אָפט איז דער וואָפן געווען שאַרף, שניידיק: „שניידער בין איך און וועל שניידן אײמער מער און מער“.

ראָזענפעלדס געשטאַלט פונעם „בלייכן אָפּערעיטאָר“ בלייבט איינגעקריצט אין אונדזער ליטעראַטור לדור־דורות, ווי פיל אומפאַרגעסלעכע געשטאַלטן ביי מענדעלען, שלום־עליכמען און פּרצן.

זיינע שאַפּ־לידער זיינען קיינמאָל ניט געווען אַבסטראַקט. דאָס איז טאָקע ער אַליין געווען דער „בלייכער אָפּערעיטאָר“ אָדער „דער אַלטער שניידער“.

דאָס איז טאַקע זיין הייסע טרער געפאַלן אויפן גליענדיקן פרעס־אייזן. דאָס האָט ער אויף זיין אייגענעם לייב געטראָגן דעם שווערן יאָך פון שוויץ־שאַפּ. ער איז געווען פלייש־און־ביין פון דער יידישער ביטער־אונטערדריקטער, געיאָגטער און געפּלאָגטער אַרבעטער־מאַסע, וועמען ער האָט באַזונגען און געזוכט צו דערהויבן אין זיין ליד. ער איז געווען שטאָלץ מיט זיין „פען און שער". ניט מיט טינט, נאָר מיטן בלוט פון האַרצן האָט ער געשריבן זיין סאָציאַל ליד אָדער גאַליקע סאַטירע. זיין הייסע טרער, וואָס „קאָכט און קאָכט און זידט ניט איין", האָט אַרויסגערופן גליענדיקע טרערן ביי פיל טויזנטער און טויזנטער יידישע האָרעפּאַשניקעס. דאָס האָט ער פערזענלעך, ווי אַ יחיד, און ניט נאָר סאָציאַל, געטראָגן אַ שאַרפן האַכ צום באָס דעם „שפּין", וואָס „פאַנגט און זויגט די אָר׳מע פליגן". ער, דער שאַפּ־מקונן, דער דיכטער פון „קאָרנער וויי־און־עלנט", האָט געיאָמערט און געקלאָגט, געצאָרנט און געשאָלטן, אויסגעגאָסן כל חמתו, די גאַנצע תוכחה אויף די באָסעס. ער, דער דיכטער, וואָס האָט ליב געהאַט די פידל, וואָס איז געווען פול מיט נגינה און האָט געקענט זיין צאַרט און איידל אין זיינע ריין־לירישע, אינדיווידועלע לידער, האָט אָפט געניצט דעם מעטאָד פון ווערטער־בייטשן. ווערטער־אייזערנע ריטער, קעגן די פּיאַוקעס, די עקספּלואַטאָרס. זיינע שאַפּ־מאָטיוון האָבן געענערט און דערהויבן דעם דיכטער אין אים.

דער גרויסער דיכטער פון טרויער־געזאַנג, דער קלאָגער און אָנקלאָגער, האָט באמת „דעם אַרבעטערס יאָך, זיין לייד און זיין בראָך, פאַרמסרט פאַר דער גאַנצער וועלט". זיין פערזענלעכער, אינדיווידועלער מאָטיוו האָט זיך ביי אים אָפט צונויפגעגאָסן מיטן סאָציאַלן און איז געוואָרן איינס — אמתע סאָציאַלע ליריק. ער האָט געקלאָגט אויף זיין אייגענעם בראָך, ווי אַ טיף־ליידנדיקער פון די שבעה מדורי גיהנום פונעם שוויץ־שאַפּ, און אויפן בראָך פון זיינע געפּלאָגטע ברידער און שוועסטער, קרבנות פון מערדערלעכער, אומרחמנותדיקער עקספּלואַטאַציע. ניט קיין זייטיקער באַאָבאַכטער איז ער געווען, נאָר אַליין אַ לאַנגיאָריקער קרבן פון דער „בויט מיט אירע ביינער־פינגער", פון עלנט, ברוטאַלער אונטערדריקונג. אָט איז זיין זעלבסט־כאַראַקטעריסטיק:

„אָ ניט קיין צוקוקער געווען
בין איך צו דעם באַרויבטנס קלאָגן,
דאָס איז מיט מיר אַליין געשען,
אַליין די אומגליקן געטראָגן.

— — — — — — — — — — — — —

כ׳האָב יעדן טאָג אַ שטיק פון זיך
געמוזט באַווייגען און דערשטיקן.
אַזוי בין איך געוואָרן איך,
דער דיכטער פון די שוויץ־פאַבריקן".

(„פאַרוואָס איך בין איך")

פון צער האָט דער דיכטער אויסגעשמידט האַרציקע ניגונים, אין וועלכע דער עלנט פון די שעפער איז געקומען צום אויסדרוק. באַקומען האָט זיך אַ דערהויבנדיקער צער.

ראָזענפעלד — דאָס איז הויפּטזאַכלעך פּאָעטישע גבורה, אימפּעט, שוואונג, ניאַגאַראַ־וואַסערפאַל, רויער כוח, שטורעם, ספּאָנטאַנקייט, דינאַמיק. ראָזענפעלד אין זיין וויכטיקסטן שאַפערישן פּעריאָד, אין זיין בלי־פּעריאָד, אידער ער איז אַריבערגעגאַנגען פונעם רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־לאַגער אין דעם קליינבירגערלעכן, נאַציאָנאַליסטישן לאַגער, — צו פרומקייט־מאָטיוון און ציון־לידער, — איז געווען כולו האַרץ, פלאַם־פייער, וואולקאַן. ער איז געווען באַוואוסטזיניק וועגן זיין טיטאַניש־דיכטערישער גבורה, וואָס איז געווען שטורמיש, ברייט־שטראָמיק, פלייצנדיק. ער האָט וועגן דעם געזונגען אין זיינע לידער, געבנדיק אַ זעלבסט־פּאָרטרעט פון זיינע אינערלעכע שטורעמס: „...מיט אַ פלאַם לעבט־אויף מיין ליד", „מיין ליד האָט זיך ווי אַ לאַוואַ דורכגעבראָכן", „מיין ליד איז מיט אַ ווילדן ברען ביי מיר אַרויסגעקומען".

ריכטיק ווי געלד! „מיט אַ פלאַם", „ווי אַ לאַוואַ", „מיט אַ ווילדן ברען". זיין ליד האָט געגליט און געברענט ווי פייער, דורכגעבראָכן זיך ווי אַ לאַוואַ — און דעריבער מיט זיך געטראָגן אויך רויך, שטיינדלעך, אַש. דאָס געלד פונעם ליד, פון דער רויער קראַפט, איז אָפט געווען באַגלייט מיט אַ סך רויש־טאָף. די אומגעצוימטקייט פונעם הילכיקן, רוישיקן, פייערדיקן פערז האָט אָפט גורם געווען, אַז די פאָרם פונעם ליד זאָל צומאָל זיין פּרימיטיוו, ניט־קולטיווירט, — ניט־געשליפענע דימענטן. דער טאָן פון זיין סאָציאַלן אָדער לירישן ליד איז תמיד געווען אויפריכטיק, ערלעך און עכט — נאָר ס'האָט צייטנווייז געפעלט די לייטערונג און געלייטערטקייט, ראַפינירונג און ראַפינירטקייט פון וואָרט, — דער קינסטלערישער קאָנטראָל. דער גרויסער דיכטער איז אין זיין וואולקאַנישן אויסברוך אָדער אויפפלאַם צייטנווייז אַריינגעפאַלן אין רעטאָריק, מליצה, באַנאַליטעט אָדער אפילו וואולגאַריטעט, וואָס האָט געקענט איבערפירן אָדער קאַליע מאַכן דעם איינדרוק פון גאָר פיינע, זעלטן־שיינע, הויך־קינסטלערישע לידער. ס'איז פשוט צום שטוינען פון די אָפטע פאַלן, ווען דער דיכטער פון אַזאַ הויכן קאַליבער — אַ דיכטער כמעט אַ קלאַסיקער לויט זיין באַדייט, בייטראַג, אָרט און ווערט אין אונדזער ליטעראַטור — האָט אין זיין אומגעצאַמטן אויפברויז גענוצט שאַבלאָנע, שטאַמפּאָווע ווערטער און אויסדרוקן, גוזמאות און איבערטרייבונגען אָדער גלאַטע הוילע פראַזן, וואָס האָבן אָפּגעשוואַכט אַ גוט אָדער קרעפטיק ליד — אַזעלכע אויסדרוקן ווי „הייליקייטס קרוין" צי „הימלס פאַרשוין" און ענלעכע. אין זיין אויפברויז האָט אים דער חוש פאַר קינסטלערישער מאָס און וואָג ניט תמיד געטריי געדינט. ער איז דאַן ניט געווען דער וואַכזאַמער קאַפּיטאַן ביים רודער פון דער שיף אין צעשטורעמטן ים.

אָט איז בלויז איין „מוסטער" פון זיין פראָזע אין גראַמען (פון אַ ליד, געשריבן אין פרילינג 1899):

„דיכטער! גענוג איך פאַנטאַזירן,
הערט־אויף אין דער לופט צו שוועבן,
פּרואווט זיך בעסער אינטערעסירן
אין דעם מאַטעריעלן לעבן".

צוליב זיין אַריינפּאַלן אין שאַבלאָן פלעגט ער טאַקע אונטערשאַצט ווערן. מען דאַרף אינזינען האָבן, אַז ראָזענפעלד האָט אָנגעהויבן „פאַרבראַגנע־גען" זיינע לידער צום אַרבעטער־עולם פון דער פּלאַטפאָרמע, פון דער טריבונע, וואו דאָס וואָרט דאַרף זיך קודם־כל דערטראָגן צום אויער. ניט קיין „קול דממה דקה", נאָר אַ הויך, הילכיק, דונערדיק וואָרט האָט זיך גע־פאָדערט פאַר זיין אוידיטאָריע. אָט־דער דעקלאַמאַטאָרישער טאָן האָט זיך שוין שפּעטער אַריינגעכאַפּט אויך אין זיינע בעסערע, מער געלייטערטע, מער פאַרטיפטע לידער.

*****

דער ווייניער און קלאָגער, דער „טרערן־מיליאָנער", וועלכער בעט זיך ביי זיין מוזע: „דערקלער פאַרוואָס איך האָב געוויינט" (אין ליד „פאַרוואָס איך בין איך"), איז אויך געווען אַ זעער און טרוימער, אַ רעוואָלוציאָנערער גלויבער אין זיג פון סאָציאַלן יושר, פון „דאָס געזונטע", וואָס וועט „שטענ־דיק ווידערשטיין די צייט": דען אַלץ, וואָס איז געזונט, דאָס זע איך בלייבן". ער האָט געגלויבט באמונה שלימה, אַז:

„דער גייסט ווערט קיינמאָל ניט פאַרלענדט,
עס קאָן די גרוב אים ניט פאַרשלינגען.
די תליה איז זיין מאָנומענט,
פון וועלכע יונגע דורות זינגען". („פריהייטס אייביקייט")

אייביקע פון זיינע סאָציאַלע און לירישע לידער זיינען בלוט־רויטע רויזן פון אַ צאַפּלדיק, פלאַטערדיק, צעוויטיקט און צעשטורעמט האַרץ:

„איך ליב דעם ווינט, איך ליב דעם ים,
דען ווי דער ערשטער בין איך עלנט
און ווי דער צווייטער רוישט מיין האַרץ".

(„האַרבסט־בלעטלעך")

פּראָסט־פּשוט, ניט־„דיכטעריש", אָבער פול מיט ווי און צאָרן, מיט ברען און פייער, פול מיט ציינד־שטאָף און אויפרייס־קראַפט, מיט פּראָטעסט און רעוואָלט קלינגט ראָזענפעלדס אויסרוף צו די גבירים און מאַכט־האָבער:

„וואָס רוקט איר אַלץ די פלייש אין זיך
און שמייסט צו מיר די ביינער?
וואָס מיינט איר, וואָס? אַ הונט בין איך,
אַ הונט מיט קהלשע ציינער?"

טראַציק און אַרויסרופעריש קלינגט זיין פערז:

„אַ סוף זאָל דאָס נעמען מיט נאָדל און שער!
איך בין מער קיין שניידער, איך אַרבעט נישט מער!
איך טו מער קיין שניט נישט, איך טו מער קיין שטאָך, —
געענדיקט אַן עסק און כאַפּט עס אַ בראָך".

ראָזענפעלד, דער שניידער, ראָזענפעלד, דער דיכטער, האָט גערעדט מיט מוט, שטאָלץ און זעלבסט־ווירדע וועגן זיין שאַפּ־אַרבעט, ווי אומדערטרעגלעך זי איז ניט געווען. ער האָט געוועקט דעם פּראָלעטאַרישן באַוואוסטזיין ביים ברודער־אַרבעטער:

„זיי שטאָלץ אויף דיין אַרבעט! זי גיט דיר דאָס רעכט
די פּרוכט פון דער וועלט צו געניסן.
זיי מוטיק, זיי מענטשלעך און זיי נישט קיין קנעכט —
דיין ווערט און דיין אָרט זאָלסטו וויסן!" („צום אַרבעטער")

שטאָלץ, מונטער, קעמפעריש האָט געקלונגען זיין אַרבעטער־מאַרש־ליד: „מיר זיינען פריהייטס־סאָלדאַטן":

„מיר זיינען סאָלדאַטן אין פריהייט־אַרמיי
און שטייען גאַנץ פעסט אין די רייען —
מיר קומען באַפרייען די וועלט פון איר וויי,
די מענטשהייט פון קנעכטשאַפט באַפרייען".

דערפילנדיק זיך ווי אַ דיכטער פון אַ נייער צייט, ווערט ער אַ וועקער און רופער, אַן אָנזאָגער און נביא פון דער אָנקומענדיקער, נייער צייט פון פריהייט און באַפרייאונג:

„זיין געזאַנג ווערט אַ געוויטער,
הילכט און ליאַרעמט מיט אַ ציטער:
הייבט זיך אויף און ווערט באַפרייט!."
(„די נייע צייט")

ראָזענפעלדס פריהייט־ליד האָט זיך אַריינגעוועבט אין דער האַרמאָניע פון אַלע פריהייט־זינגער און טרוימער, וויזיאָנערן פון אַ פרייער, פריד־לעכער ברידערלעכער פעלקער־משפחה, אָן צוואַנג, אָן מלחמה, אָן עקספּלו־אַטאַציע. אָט ווי עס הייבט זיך אָן זיין ליד „רוסלאַנדס צוקונפט־ליד" (אַריין אין דריטן באַנד פון זיינע שריפטן, פּראָזע, (1908) — אַ גרוס צו די שמאַכטנ־דיקע רעוואָלוציאָנערע קעמפער קעגן צאַרישן רעזשים, צו די פאַרשיקטע אין סיביר:

„טראָגט זיך, טראָגט זיך, פריהייטס קלאַנגען,
נאָך סיביר אין קאַלטן נאָרט,
דען צעבראָכן רוסלאַנדס צוואַנגען
האָבן די, וואָס ליגן דאָרט!
דאָרט, אין איינזאַם־וויסטן צפון,
אָפּגעשניטן פון דער וועלט, —
וואו זיי שמאַכטן און זיי האָפן
אין דער טויטקייט פון דער קעלט, —

דאָרט אַהין, אין יענע שנייען,
דורך מדבריות, פראָסט און אייז,
יאָגט זיך, טראָגט זיך, פרייד־געשרייען,
טראָגט די העלדן זייער פרייז!
זאָל צעקלינגען אייער גוואַלד
הייס און קרעפטיק, שטאַרק און באַלד!
ביז די ווענט פון סאַכאַלין
זאָל דער פרייהייטס־ליד אַהין, —
טראָגט די העלדן זייער פרייז!"

מעכטיק און פּראָפעטיש האָט געקלונגען זיין דיכטערישע אָנקלאַגע קעגן דעם רויבערישן בלוטזויגערישן קאַפּיטאַליזם. נביאיש האָט ער אָנגעזאָגט די עקספּלואַטאַטאָרס:

„צעשמאָלצן וועט ווערן דער גאָלדענער געץ,
פאַר וועלכן איר קניט און איר פלאַטערט,
און איר, אין זיין הייסע און בלוטיקע פעטס,
וועט ווערן צעקאָכט און גע׳פּטר׳ט". („אַ נבואה")

ענלעך צו באָושאָווערס פּאָעטישער נבואה אין דער פּאָעמע „רעוואָלד־ציע" האָט געקלונגען ראָזענפעלדס אָנזאָג פונעם יום־הדין, פונעם גערעכטן פאָלקס־צאָרן, פון דער מעכטיקער גערעכטיקייט, וואָס וועט סוף־כל־סוף קו־מען און משפּטן:

...„אַזוי ווי איר קאָנט דאָס געפערלעכע מויל
פון ווילדן וואולקאַן נישט פאַרמאַכן —
אַזוי וועט איר אויך נישט פאַרמאַכן דעם קראַטער פון צאָרן!"
(„אַ נבואה")

דעם טומל פון שאַפּ און די ביטערע קרעכצן פון די שאַפּ־אַרבעטער האָט ער, דער מוזיקער פון וואָרט, דערהויבן, איבערגעגאָסן אין פּאָעזיע:

„עס רוישן אין שאַפּ אַזוי ווילד די מאַשינען,
אַז אָפטמאָל פאַרגעס איך אין רויש וואָס איך בין;
איך ווער אין דעם שרעקלעכן טומל פאַרלאָרן,
מיין איך ווערט דאָרט בטל, איך ווער אַ מאַשין".
(„די סוועט שאַפּ")

„מיין איך ווערט דאָרט בטל, איך ווער אַ מאַשין"! — ווי עכט, ווי פיינ־פול קלינגען אָט־די ווערטער, וואָס גיבן־איבער דעם דיכטערס ווייטאָג, דער ווייטאָג פון מיליאָנען עקספּלואַטירטע „איכן", אויפן ווילדן געיעג ביי דער אַרבעט אין די שוויץ־שעפּער, אויפן גורל פון מענטשנס פּערזענלעכקייט, וועלכע ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ מאַשין, צעריבן, צעמאָלן, צעשטויבט אונ־טער די אייזערנע רעדער פון טאָג־טעגלעכער, אומאויפהערלעכער, לאַנג־שטונדיקער, אוממענטשלעכער עקספּלואַטאַציע, פון „אַרבעט און אַרבעט אָן חשבון".

דער פּרעכטיקער אַרכיטעקט פון פערז און מוזיקער פון וואָרט איז אויך

געווען אַ וואונדערלעכער מאָלער, אַ געניטער מישער פון פאַרבן, אַ מייס־טערהאַפטער שאַפער פון וואָרט־בילדער:

„מיט הימלס פייערדיקע פערד
אין מאָרגנס רייטוואָגן געשפּאַנט
פאָרט־אָן דער טאָג און וואַרפט אויף דר'ערד
אַראָפּ זיין שטראַלנדן געוואַנט". („מאָרגן")

אָדער:

„פאַרדאַמטע פרעסערקע, אַ, בייזע ערד,
וואָס דיין צערייצטע האַלדז שלינגט אַלץ אַריין,
און לאָזט נאָר איבער לעבעדיק די פּיין". („ערד")

זיין ליד איז געקומען פון פאָלק, פון פאָלקס פּיין און ליידן. זיין ליד האָט געגליט פאַר זיינע „אָרעמע ברידער". ער האָט מיט רעכט געקענט אויסרופן אין זיין ליד „צום פאָלק":

„איך שענק דיר מיינע הערצלעכסטע געזאַנגען,
מיין קראַפט און מיין נשמה, ריינעם לעבן".

***

מען מוז אין ראַזענפעלדס לידער קענען אויסטיילן דאָס ביסל פּסולת פונעם גרויסן אוצר סולת. מען דאַרף אונטערשטרייכן די גרויסע מעלות פון קלאָרקייט, דירעקטקייט און פשטות פון זיין דיכטערישן וואָרט, וואָס האָט זיך באַלד דערטראָגן צום יידישן אַרבעטער־לייענער פון זיין דור, וועלכער איז קולטורעל געווען היפּשלעך פּרימיטיוו. מיט דער צייט האָט ער זיך אויך דערשלאָגן צו לויטערקייט פון פּאָעטישן אויסדרוק. געהאָלפן שטאַרק האָבן אים: זיין רייכע וועלט פון געפילן, זיין רייכער כוח הדמיון (פאַנטאַזיע). מען דאַרף געדענקען זיין רייכן פאַרבן־געמיש, די עשירות פון זיינע מוזיקאַלישע קלאַנגען, פון פּאָעטישע בילדער, זיין רייכן אוצר פון יידיש לשון.

עס זיינען אין זיינע לידער־זאַמלונגען פאַראַן, פאַרשטייט זיך, אויך שלעכטע פערזן, אויך אַ היפּשע צאָל וואולגאַריזמען אין לשון און ליד, אַזעלכע אויס־דרוקן ווי „סיינק צו סיינק", „מיט אַ געטלעכן געליינק", „אירדיש" און אַנ־דערע. זיי ווערן אָבער בטל לגבי זיינע פיל אויפבּרויזנדיקע, אויפרודערנ־דיקע סאָציאַלע און לירישע לידער, אייניקע פון זיי באַזעלט מיט פּאָעטיש־פילאָסאָפישע אידייען.

צווישן זיינע אומפאַרגעסלעכע, אומשטערבלעכע סאָציאַלע לידער זיינען: „מיין יינגעלע", „דער בלייכער אָפּערייטאָר", „דער טרערן־מיליאָנער", „פאַר־צווייפלונג", „די סוועט־שאַפּ" (קרעפּטיקער ווי עדווין מאַרקהעמס באַרימט ליד „דער מאַן מיטן גראַבאייזן"), „די רויטע בהלה" (וועגן דעם „טראַיענגל־פייער"), „אַ טרער אויפן אייזן". אין אוצר פון זיינע וואונדערלעכע סאָציאַלע לידער (מיט אַלע זייערע חסרונות און שוואַכקייטן) גייען אויך אַריין די לי־דער: „די נבואה", „וואוהין", „די ערשטע ווערדזשעס", „אָרעמער געזינד",

„די נאַכטיגאַל צום אַרבעטער“, „צו די בלומען אין האַרבסט“, „אויפן טויטן גאָרטן“, „וואָס איז די וועלט ?“ („אַ רוף צו גלייכהייט“), „העלדן“, „דערפאַר“, „צום אַרבעטער“, „מיר זיינען פריקהייט־סאָלדאַטן“, „די נייַע צייט“.

אין אַט־די לידער זעען מיר אים אַליין ווי אַ וואולקאַן מיט אַ „קראַטער פון צאָרן“. ער האָט ביטער געקלאָגט אויף זיינע אייגענע צרות, נויט און ליידן — און זיי זיינען דאָך געווען די צרות און וויטאָקן פון מאַסן אַנדערע ברידער און שוועסטער אין די גיהנומדיקע שעפּער און אין די פינצטערע דלות־טענעמענטס. ווי געזאָגט: זייערע פּראָטעסטן, קללות, גוואַלדן, צער־אויסרופן, צאָרן־געשריי־ען קעגן דער סיסטעם פון שווידערלעכער עקספּלואַטאַציע האָבן אַלץ־מער און מער געקראָגן פּאָעטישן אויסדרוק און לבוש אין זיינע שאַפּ־לידער.

דער דיכטער פון שטורעם און ברויז, פון פייערדיקן טעמפּעראַמענט, האָט געהאַט אַ שאַרפן חוש פאַר פאָרם און ריטם — אַ חוש, וועלכן ער האָט יאָרן־לאַנג אַלץ מער אַנטוויקלט, שטודירנדיק ביי דער יידישער דיכטונג און וועלט־דיכטונג (פּויליש, דייטש, ענגליש, העברייאיש). אין פיל פון זיינע קלאָג־לידער איז פאַראַן דער ריטם פון מאַשינען אין שוויץ־שאָפּ, און פון דער האָרעפּאַשנער ניו־יאָרק. דער דיכטער מיט אַ טראַגישער לעבנס־געשיכטע איז דער עיקר געווען דער שאַפער פון פיל רירנדיקע, מעכטיקע געזאַנגען, דורכגענומען מיט פּאַטאָס און ליריזם. ער איז געווען באַווירקט פון יהודה הלוי, ש. פרוג און היינריך היינע (ער האָט אויך איבערגעדיכטעט היינעס „פּרינצעסין שבת“ און איז געווען דער מחבר פון אַ ביאָגראַפיש ביכל וועגן היינען). אין זיינע לידער איז אויך פאַראַן די השפּעה פון דער סאָציאַלער ליריק פונעם ערשטן סאָציאַלן מאָדערנעם יידישן דיכטער, ווינטשעווסקי, און פון עדעלשטאַט און באָווישאָווער. ער איז געווען פון די סאַמע ראשונים אין דער מאָדערנער יידישער דיכטונג. ביז אים: פאָלקס־ליד, בדחנות; ביז אים און בעת זיין שאַפן: פרוג, ווינטשעווסקי. מיר שאַצן אים אָפּ ווי אַ דיכטער־פּיאָנער פון גרויסער היסטאָרישער באַדייטונג, ווי אַ וועלט־דיכטער, אַ שטאָלץ פון אונדזער ליטעראַטור, ווי אַ מייסטער פון יידיש לשון מיט אַ גרויסער שפּראַך־עשירות, מיט אַ פאָלקסטימלעך, מעכטיק, ריין לשון, ווי אַ מייסטער פון ווערסיפיקאַציע.

ער איז מיט רעכט געווען שטאָלץ מיט זיין שפּראַך־מייסטערשאַפט, מיט זיין כוח צו שטעלן דאָס יידיש לשון אין רשות פון זיין ליד, אַז עס זאָל דורך וואָרט־בילד געבן אַ תיקון צו די ברויזנדיקע כוואַליעס פון זיינע געפילן — צאָרן, בענקשאַפט, ליידן, האָפענונגען:

„מיין שפּראַך איז ברייט ווי אַלע ימען,
און שיין, ווי מאַי אין פולן בליען,
איך זינג, און מיינע לידער גליען
אין טויזנט־פאַרבעדיקע פלאַמען“. („אידיש“)

אין אַן אַנאַליז פון זיין שאַפן דאַרף מען תמיד האַלטן פאַרן אויג די עפּאָכע און די סאָציאַלע סביבה — ווען און וואו ער האָט אויסגעשמידט זיין

ליד. מען דאַרף אינזינען האָבן די ביטערע סאָציאַל־פּאָליטישע, עקאָנאָמישע, קולטור־היסטאָרישע אומשטענדן, אונטער וועלכער דער שניידער ראָזענפעלד און שפּעטער דער ציטונג־מיטאַרבעטער ראָזענפעלד האָט געזונגען און צייטנ־ווייז געזאָגט זיין ליד. מען דאַרף תמיד געדענקען די אָרעמע יידישע איסט־סאַיד, דעם ערשטן אימיגראַנטן־דור, וואָס איז געקומען אַהער אין די אַכ־ציקער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט — ווען יידישע שניידער־אַר־בעטער פלעגן אויף זייערע פּלייצעס טראָגן זייער ניי־מאַשין פון שאַפּ צו שאַפּ, פון איין אַרבעטס־פּלאַץ צום צווייטן, און ווען מען פלעגט פּראַצעווען פון פאַרטאָג ביז ביינאַכט. מען טאָר ניט פאַרגעסן די גרויזאַמע סביבה פון דער דאַלאַר־הערשאַפט, די סביבה פון קולטורלאָזיקייט, ווען די ערשטע מסירת־נפשדיקע אָנהויבן פון אָרגאַניזירן אַרבעטער־יוניאָנס זיינען געמאַכט געוואָרן. אַליין אַן עקספּלואַטירטער שאַפּ־אַרבעטער, מיט אַן אָרעמען קול־טור־באַגאַזש ביי זיין אָנקומען אַהער אין לאַנד, מיט אַ ליבשאַפט צום יידישן פאָלקס־ליד און קינסטלערישן ליד, האָט ראָזענפעלד אַ סך געלערנט פונעם לעבן פון זיינע שאַפּ־ברידער און שוועסטער און פון די סאָציאַליסטישע אי־דייען, וואָס האָבן געהאַדערעט זיין ליד.

ער האָט קינסטלעריש־דיכטעריש, אויפריכטיק און רעאַליסטיש, גע־שטאַלטיקייט אַ גאַנצן, באַדייטנדיקן פּעריאָד אין אַמעריקאַנער יידישן לעבן — דעם טרויעריקן פּעריאָד פון דער שוויץ־שאַפּ־סיסטעם. ער שטייט באַלד אין דער ערשטער ריי נאָך אונדזערע דריי קלאַסיקער: מענדעלע, שלום־עליכם, פּרץ. די קראַפט פון אמת, פון מאַנען סאָציאַלן יושר האָט געשלאָגן ווי אַ טיפער ליכטיקער קוואַל פון זיינע אַרבעטער־לידער — ליטעראַרישע דענקמעלער פון אַ ביטערן פּעריאָד אין לעבן פון די יידישע אַרבעטער־אימיגראַנטן.

**
*

מיר האָבן שוין פריער אָנגעדייטעט אויף סתירות, ווידערשפּרוכן, געגנ־זאַצן, קאָנטראַסטן אין ראָזענפעלדס שאַפן, אין פאָרם און אינהאַלט. אַהער גייט אויך אַריין אַריבערגיין פון סאָציאַלן ליד צום נאַציאָנאַלן און דער עיקר פרום־נאַציאָנאַליסטישן (אויך ציוניסטישן) ליד, וואו ס'האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן זיין נאַטירלעכע גבורה פון אַרבעטער־ליד, וואו ס'האָט גע־פעלט די קראַפט פון איבערצייגונג. אַ מין געקינצלטקייט און אָפּגעשוואַכט־קייט האָט זיך געפילט אין אַט־די לידער — ניט צוליב זייערע יידישקייט־מאָטיוון, נאָר צוליב דער פלוצימדיקייט און אומדערוואַרטקייט פון זיינע פרומע רעליגיעזע מאָטיוון, מאָטיוון פון תשעה באב, אלול, שופר־בלאָזן. אָנ־שטאָט דראַמע — מעלאָדראַמע; אָנשטאָט פולבלוטיקייט — בלוט־אָרעמקייט. אָנשטאָט דעם פריערדיקן עכטן נשמה־ניגון — נאָכגעזוכטע פרעמדע מאָטיוון, כדי צוצופּאַסן זיך (צוליב פּרנסה) צו די פאָדערונגען און דערוואַרטונגען פון דער פרום־באַלעבאַטישער פּרעסע, וועמען סאָציאַליסטישע מאָטיוון זיינען

געוועז פרעמד און פיינטלעך. אַנשטאָט אַרבעטער־מאַרש („מיר זיינען סאָל־דאַטן אין פרייהייטס־אַרמיי״) — זיין גלות־מאַרש. אַנשטאָט דעם עקסטאַז פון אַרבעטער־סאָלידאַריטעט, פונעם אַרבעטער יום־טוב, דעם ערשטן מאַי — ענטוזיאַזם (כלומרשטער) פאַר לולב און אתרוג! אָט־די „נייע״ טענער האָבן געקלונגען פריקרע און אומעכט. אָט־די ווידערשפּרוכן אין אידעאָלאָגיע, ווי אויך די סתירות אין זיין שפּראַך (ריינער יידיש — און דייטשמעריזם), אין גראַם, בכלל אין פאָרם (רוי — און קינסטלעריש) האָבן אָפּט פאַרשאָטנט זיין גרויסקייט אַלס דיכטער, האָבן געפירט צו מיספאַרשטענדעניש און אונטערשאַצונג. פאַר פיל לייענער און שרייבער איז שווער געווען צו באַנעמען די ווידערשפּרוכן צווישן פלאַם־פייער און — וואַסער; צווישן צמצום פון וואָרט און — לויזקייט; צווישן אידעלע, טיף־הומאַניסטישע אידייען און — פלאַכקייט.

קלאָר איז: ראָזענפעלדן איז קיינמאָל ניט געלונגען צו האַרמאָנירן זיינע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע מאָטיוון, שאַפן פון זיי איין גאַנצקייט, איין זינגענדיקן יש, איין געזאַנג. ער האָט אָט־די מאָטיוון געגעבן באַזונדער, איינעם אָפּגעריסן פונעם צווייטן. צווישן זיינע נאַציאָנאַלע מאָטיוון זיינען: „דער יידישער מאַי״, „די חנוכה־ליכט״, „אונדזער שיף״, „אַ גלות־מאַרש״, „אויפן ברזים פון ים״, „ירושליב״, „שולמית״, „די האַרפע און דער סידור״, „גלות״, „יידישער פּנקס״, „פּסח״, „סוכות״, „משה״, „ליל שמורים״, „יהודה המכבי״, „ברכי נפשי״, „מתן תורה״, „די היסטאָרישע פּעקלעך״, א. אַנד.

ס׳איז אויסגעקומען, ווי דער גרויסער דיכטער, וואָס האָט יאָרן־לאַנג גע־הונגערט, געפּלאָגט זיך, אויסגעריסן געוואָרן, ווידמענדיק זיך צום יידישן ליד — צום שאַפן ווי אַ דיכטער־פּראָפעסיאָנאַל זיין עכט, קרעפטיק אַרבע־טער־ליד — האָט אין די לעצטע צען־פופצן יאָר פון זיין אָרעם, שווער לעבן אַרונטערגעלאָזט די דיכטונג־פאָן, וואָס ער האָט אַזוי מוטיק און שטאָלץ גע־טראָגן. זיין דיכטערישער כוח איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן. די „חנוכה־לעמפּ־לעך״ האָבן געשיינט מיט אַ בלאַסן שיין. ווען ער האָט זיך אָפּגעריסן פון זיין שורש, פונעם אמתדיקן באָדן פון זיין ליד, פון זיין סאָציאַלער סביבה און טעמאַטיק, פאַרוואַנדיק אַריבערפלאַנצן זיך אין דער באַלעבאַטיש־בורזשו־אַזער סביבה, האָט זיך זיין דיכטערישע גבורה אָפּגעטאָן פון אים. אָפּגעשוואַכט איז געוואָרן דער שטאָלצער אַרבעטער־טאָן פונעם דיכטער, וואָס האָט באַזונגען דעם אַרבעטסמאַן, „דעם מענטש, וואָס שאַפט דער מענטשהייטס גײַ־טער״; פונעם פּראָלעטאַרישן פּאָעט, וואָס האָט (אין זיין סאַטירישן ליד „לאַטוטיס״) אויסגערופן: „איך בין אַ ,לאַטוטיס׳, ניקסן זייט איר, — דאָס איז וואָר״.

און ווידער: ניט זיין אַריבערגיין צו יידישע מאָטיוון, צו טעמאַטיק פון יידישער סביבה, צו געבן אויסדרוק צו יידישע שטימונגען, האָט אָפּגע־שוואַכט זיין ליד — עס איז געווען די נאַציאָנאַליסטישע באַאַרבונג, דאָס פּרוּוון פאַרבינדן מאַרקסן מיטן סידורל. באַקומען האָט זיך אָפּט אַ ניט־רייפער פּראָדוקט פון גע׳מלאכה׳טקייט, געמאַטערטקייט. עס האָט פאָרט ניט

איבערצייגט זיין פֿאַרזיכערונג (אין ליד „דאָס בענקען"), אַז: „וואו איך זאָל זוכן גיין רו און גליק, אימער אין ציון פֿאַרבלאָנדזשעט מיין בליק".

אגב, וועגן זיינע ווידערשפּרוכן, וועגן זיין געפֿילן־„ויתרוצצו" האָט דער דיכטער אַליין בילדלעך און קרעפֿטיק געשריבן:

„...כ'האָב געקלאַפּט אין אַלע שויבן,
וואו כ'האָב נאָר באַמערקט אַ שיין...
ווי, מיך האָט געקוועלט דער גלויבן!
ווילד געקוועלט דעם צווייפֿלס פּיין!

„אַלט בין איך און גראָ געוואָרן
פֿון דעם שרעקלעכן מיש־מאַש.
אין מיין בוזעם טראָג איך יאָרן,
טראָג איך פֿלאַמען, טראָג איך אַש".

**
*

ס'איז אָפט אין איניקע אָפּשאַצונגען פֿון ראָזענפֿעלדס פּאָעזיע געוועזן אַ טענדענץ צו מינימיזירן דעם ווערט פֿון זיין ריין־אינדיווידועלן, לירישן ליד. דאָס וואָלט בפירוש געמיינט אַ פֿאַרשמעלערונג פֿון זיין באַדייטונג אַלס דיכטער. דער דיכטער, וואָס האָט דערהויבן דעם קרעכץ פֿון שאָפּ־אַרבעטער צו דער מדרגה פֿון ליד, האָט געשאַפֿן פֿיל פּרעכטיקע לירישע, טיף־מענטש־לעכע לידער — צווישן זיי אויף מאָטיוון פֿון אומעט, איינזאַמקייט, שרעק, טויט, זכרונות פֿון קינדהייט און יוגנט, פֿונעם טייך באָקשאַ אין זיין ליטווישן געבורט־שטעטל באָקשאַ, וואו זיינע עלטערן און זיידעס פֿלעגן כאַפּן פֿיש. זיינע ליבע־לידער, געשריבן מערסטנס אויף די עלטערע יאָרן, זיינען שוואַך און צו־סענטימענטאַל. קרעפֿטיק און בילדער־רייך זיינען פֿיל פֿון זיינע נאַטור־לידער (צווישן זיי די לידער־סעריעס „הערבסט־בלעטלעך" און „אלול־מעלאָדיען"). דער דיכטער פֿון צאָרן אין זיינע שאָפּ־לידער איז אויך דער דיכטער פֿון צערטלעכקייט אין אַ סך פֿון זיינע ריין־לירישע לידער, לידער מיט אוניווערסאַל־מענטשלעכע מאָטיוון, אָנגעזעטיקט מיט פֿאַרב און מוזיק. צווישן זיי זיינען: „דאָס בלימל", „ווינטער", די לידער אויפֿן טויט פֿון זיין איינציקן פֿופֿצן־יאָריקן זון („אַלע שוויגן" א. אַנד.), „צו די בלומען אין הערבסט", „אויפֿן טויטן גאָרטן", „דער אייביקער סוד", „וואָלט ווהיטמאַן", „גרויע האָר", א. אַנד. אין פֿיל פֿון אָט־די לידער קומט בוילעט צום אויס־דרוק דעם דיכטערס שאַרפֿער חוש פֿאַר קלאַנג און ריטם, פֿאַר פֿרישן גראַם, פֿאַר וואָרט־ניואַנסן. איניקע פֿון אָט־די שטימונגספֿולע לידער צייכענען זיך אויס מיט זייער טרייסטנדיקן, לאַשטשנדיקן וואָרט. אין אַ צאָל פֿון זיי האָט ראָזענפֿעלד אַריינגעבראַכט נייע טענער און בילדער — פֿריש אויך אין אונדזער איצטיקער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע. באַזונדערס — אין זיינע נאַטור־לידער, וואו דער דיכטער ווערט איינס מיט דער נאַטור.

די „יונגע", וואָס זיינען געקומען מיט נייע פֿאָרמען, מיט ראַפֿינירטע, דינע פֿערזן, מיט אַן אַקצענטירונג פֿון עסטעטיק, פֿון פֿאָרם און ניואַנסן פֿון טאָן און פֿאַרב (אָפֿט אויפֿן חשבון פֿון אינהאַלט, און, דער עיקר, פֿון סאָציאַלן

אינהאַלט) האָבן אויף אַ זייער ניט־ראַפינירטן אופן באַליידיקט דעם גרויסן האַלב־פּאַראַליזירטן, האַלב־בלינדן, פיזיש־קראַנקן און צעבראָכענעם דיכטער (ראָזענפעלד איז טיילווייז פּאַראַליזירט געוואָרן אין 1906, אין עלטער פון 44 יאָר). פאַר זיי איז זיין סאָציאַל־שאַרף, נביאיש־רופעריש ליד געווען „דעקלאַמאַציע". אייניקע פון זיי האָבן אָבער געמוזט צוגעבן די אָריגינעלקייט, די קראַפט און פרישקייט פון זיינע בילדער און אימאַזשן און די צויבער־מוזיק אין זיינע נאַטור־לידער, באַזונדערס אין יענע, וואו ער באַזינגט רויע נאַטור־קראַפט. אייניקע פון די פריערדיקע „יונגע" זיינען אפילו, ווילנדיק צי ניט־ווילנדיק, באַווירקט געוואָרן פונעם גרויסן דיכטער אין זייער אייגענעם שאַפן (משה לייב האַלפּערן, א. אַנד.). וועגן דער געזונטער השפּעה פון ראָזענפעלדן (ווי פון ווינטשעווסקין, עדעלשטאַטן און באָווּשאָווערן) אויף די פּראָגרעסיווע יידישע שרייבער אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער, ווי אויך אויף די יונגע יידישע סאָוועטישע שרייבער, איז גאָר קיין פראַגע ניט.

גרויסע דיכטערישע וויזיע, פילאָסאָפישע פאַרטיפטקייט, אַ שפע פון אייגנאַרטיקע בילדער און פאַרבן איז פאַראַן אין ראָזענפעלדס וואונדערלעכן ליד וועגן בערג.

„אָ, איר אוראַלטע, אומבאַזיגבאַרע עדות
פון אומשטערבלעכקייט ! גייסט דערהויבענער,
געקרוינט מיט אומענדלעכקייט און כוח,
אויף וועמענס רוקן די צום הימל שוועבנדע,
שטערן־ווינקנדע און לופט־דורכפליענדע אָדלער
רוען פון זייערע וואָלקנרייזעס ; איר ווערדע־פולע,
גאָט־האַלטנדע, הייליקייט־אָטעמענדע טריבונעס,
פון וועמענס שוידערנד־ערנסטער ריזנהויכקייט
עס ווייעט דער יצירה־פרישער באַלזאַם־דופט
פון לעבן ; איר נשמה־גרויסע, צום נסתר —
שטייגנדע מלאָכים־לייטערס : —
בערג !"

דאָ האָט איר נייע פאָרם אין האַרמאָניע מיט דיכטערישער מעדיטאַציע, מיט געדאַנקען־רייכן אינהאַלט. דאָ האָט איר טיטאַנישע דיכטערישע גבורה.

און אָט ווי ראָזענפעלד זעט און ווייזט דעם הימל אין דער סביבה פון דער אָרעמער איסט־סאַיד :

„...ווי אַן אַלטער בעטלער שלאָפט דער הימל,
צוגעדעקט מיט שמאַטעס איבערן קאָפּ".

דער דיכטער פרואווט צוהערן זיך שטיל און מיט יראת־הכבוד צו די סודות פון יצירה, פון וועלט־באַשאַף אין זיין צערטלעך־שיין ליד „דאָס בלימל" :

„בלימל ביי דעם ברעג פון שטראָם,
וואו די וואַסערס קוועלן,
טיפע סודות פון תהום
הערסטו אין די וועלן".

מען דאַרף אויך דערמאָנען ראָזענפעלדס פאָלקסטימלעכע באַלאַדן און פאָלקס־לעגענדן („די כלה פון די בערג", „דער יידישער סאָלדאַט", „שדים"), מעשיות און תנ"ך־קאַפּיטלעך.

אַ באַזונדער אָרט אין ראָזענפעלדס שאַפונגען פאַרנעמען זיינע סאַטירישע לידער און סאַטירישע עפּיגראַמען. אָפט איז זיין סאַטירע ביטער, שאַרף, בייסיק, געצילט קעגן סאָציאַלע אומרעכט, טיילוויז אויפן חשבון פון קהלשע בעלי־טובות, גרעגדע־פירער („העסטער סטריט"). צווישן זיי זיינען פאַראַן אויך אַפּיקורסישע לידער („גאָט פאַרלאָזט נישט"). פול מיט שפּאָט און מיט ביטערער איראָניע זיינען זיינע לידער: „דער קאַלוואַריער ,דאַטש'," „דער לאַטוטיס", „דער „שטאָט־פּאַרזאָרגער", „ברויט מיט טיי", „מאָנאָלאָג פון אַ סטרייק־ברעכער", א. אַנד.

אין זיין „גאָט פאַרלאָזט נישט" טוט זיך דער סאַטיריקער אַ זאָג:

„ווי וואויל איז דעם מענטשן, וואָס גאָט איז זיין שפּייזער —
אויפן לעצטן פּאַל הייסט ער אים גיין אין די הייזער".

אין דער סאַטירע „ברויט מיט טיי" קומט אַ פּראָטעסט קעגן דער אָרע־מער דיעטע פון „גאָר ברויט מיט טיי, און ברויט מיט טיי". אין צאָרן קעגן אַזאַ סאָרט יושר רופט־אויס דער קבצן:

„נו, איצט פאַרשטיי איך, גאָט, איך גלויב,
אַז ערדס עשירות קומט דורך רויב, —
איך קריך ניט מער פאַר דיר אין שטויב".

מיר גייען דאָ ניט אַריין אין אַן אָפּשאַצונג פון זיינע פאַרבנרייכע דער־ציילונגען און סקיצן פון יידישן אַרבעטער־לעבן, אין זיינע לעבעדיקע רייזע־לידער, אַרטיקלען און פעליעטאָנען. מיר ריידן דאָ הויפּטזעכלעך וועגן ראָ־זענפעלדן דעם דיכטער, וועלכער האָט געקראָגן אויך אָנערקענונג און רום ביי די אומות העולם נאָך דעם ווי זיינע לידער זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אין ענגליש (דורך פּראָפ. ל. ווינער), אין דייטש (דורך בערטאָלד פייוועל, מיט אילוסטראַציעס פון א. מ. ליליען), אין טשעכיש (דורך פּראָפ. יאַראָסלאַוו ווּעכליצקי), אין פּויליש (דורך ישראל וואַלצמאַן), אין רוסיש (דורך אַ ריי שרייבער) און אין אַנדערע שפּראַכן.

קלמן מרמר, וועלכער האָט גוט געקענט ראָזענפעלדן פּערזענלעך, באַ־צייכנט אים (אין זיין אויבן־דערמאָנטן בוך) אַלס אַ „צאַרט־פילנדיקן", „באַ־שיידענעם און דאַנקבאַרן מענטשן".

פאַרשטייט זיך, אַז די ראָזענפעלד־פּערזענלעכקייט זעען מיר הויפּטזאַכ־לעך אין די לידער, אין דער פּאָעטישער ירושה פונעם גרויסן דיכטער. מער פּרטים פון אָט־דער טראַגישער, שאַפערישער פיגור, ווי אויך פון זיין ביאָ־גראַפיע (באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע איינצלהייטן), געפינען מיר אויך אין דער זאַמלונג פון זיינע בריוו (מיט אַן אַריינפיר און דערקלערונגען פון י. ליפשיץ, „ייווא", בוענאָס־איירעס, 1955). אין דער זאַמלונג גייען־אַריין 134 בריוו צו 21 מענטשן (צווישן זיי פּראָפ. ל. ווינער, שאול גינזבערג, יעקב

דינעזאָן, קלמן מרמר, ראובן ברייניןֿ, אַב. קאַהאַן). זיי זיינען געשריבן געוואָרן פון 1892 ביז 1919. מיר זעען דורך זיי די טראַגיק, פאַרביטערטקייט, פיין און יסורים פונעם גרויסן שרייבער, זיין צאָרן קעגן די שאַפּ־באָסעס און צייטונג־באָסעס, קעגן דער סביבה, וואו ער האָט געפילט, אַז זיינע דיכטערישע פלאַמען ווערן — אַש...

***

נאָכדעם ווי ס'איז אין 1888 אין ניו־יאָרק דערשינען ראָזענפעלדס ערשט ביכל לידער, „די גלאָקע" (נאָענט פון דרייסיק לידער), האָט עס דער לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד" באַצייכנט ווי אַ „זאַמלונג פון רעוואָלוציאָנערער פּאָעזיע". דער מחבר איז באַצייכנט געוואָרן אַלס „יונגער רעוואָלוציאָנערער פאָלקס־פּאָעט". אין די 90ער יאָרן, ווען ס'איז דערשינען אַ זאַמלונג פון ראָזענפעלדס לידער אין דער ענגלישער איבערזעצונג פון פּראָפ. לעאָ ווינער, וועלכער האָט געהאָלפן פּאָפּולער מאַכן דעם דיכטער פון דער האָרעפּאַשנער יידישער איסט־סייד, האָבן אייניקע אַמעריקאַנער ליטעראַטור־קריטיקער מיט ענטוזיאַזם באַצייכנט ראָזענפעלדן אַלס אַ וועלט־דיכטער פון גרויס באַדייטונג.

סוף 1897 און אָנהויב 1898 איז (אין „דער נייער גייסט", ניו־יאָרק) פאָרגעקומען אַ הייסע דעבאַטע וועגן ראָזענפעלדס פּאָעזיע. דער ליטעראַטור־קריטיקער ל. בודיאַנאָוו האָט (אין זיין אַרטיקל „אַ בלאָנדזשענדיקער פּאָעט") באַצייכנט ראָזענפעלדן אַלס אַן אַרבעטער־דיכטער, וואָס זיין יידישקייט צעטומלט אים, שוואַכט־אָפּ זיין קראַפט און מאַכט פון אים אַ פּערזן־שרייבער (אָנשטאָט פּאָעט). לעאָן קאָברין האָט אָנגעוויזן אויף דער נאַציאָנאַלער פאָרם פון ראָזענפעלדס אַרבעטער־ליד און אים באַטיטלט אַלס אַ דיכטער פון יידישן פאָלק. יעקב מילך האָט אונטערשטראָכן דעם יידישן פּראָלעטאַרישן מאָטיוו אין ראָזענפעלדס לידער און האָט דערקלערט: „ראָזענפעלדס הויפּט־שטאַרקייט באַשטייט אין דעם... וואָס אין אים שפּיגלען זיך אָפּ, דורך אַ יידיש שפּיגעלע און אַ יידישער פאַרבינדונג, די ליידן, די קאַמפן, דאָס שטרעבן און די האָפענונגען פון אַרבעטער־קלאַס".

דער יידישער אַרבעטער־דיכטער פון יענעם פּעריאָד, דוד עדלשטאַט (1899־1875) האָט אין אַ ליד „מיינע געפילן" אויסגעדריקט זיין באַגייסטערונג פאַר ראָזענפעלדן, דעם „אַרי שבחבורה", נאָכן איבערלייענען זיין ליד „פרילינג־געזאַנג". לעמפּערט האָט געשריבן:

> אָ, הערלעכער דיכטער! נאַטורס גרויסער זינגער,
> דו וועקסט אין מיר אויף אַזאַ מאָדנעם געפיל,
> איך הער דיינע לידער, מיר דוכט, אַז זיי זינגען
> די זעלבע, וואָס האָבן באַגייסטערט מיך פיל".

מ. אָלגין האָט אין זיינע צוויי אַרטיקלען וועגן ראָזענפעלדן (אין בוך „קולטור און פאָלק", איקוף־פאַרלאַג, 1949) אונטערשטראָכן ראָזענפעלדס גרויסע היסטאָרישע באַדייטונג. ער באַצייכנט ראָזענפעלדן אַלס „איינעם

פון די ערשטע פּראָפעסיאָנעלע יידישע דיכטער": „ער איז אפשר געווען דער ערשטער קראַפטפולער יידישער דיכטער", „ער האָט געהאַלטן הויך די פאָן פון דיכטונג". אַלגין דערמאָנט (אין זיין אַרטיקל, אָפּגעדרוקט אין „מאָרגן־פרייהייט" פון 24טן יוני, 1923), אַז „אין די לעצטע צען־פופצן יאָר איז ער [ראָזענפעלד] פאַרקראָכן אין אַ זומפּ, וואָס האָט געעקלט אפילו זיינע פריינט". דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור־קריטיקער וויניץ־אָן: „מיר נעמען פון ראָזענפעלדן זיין שילדערן דאָס לעבן פונעם אַרבעטער, ...זיין האַס צום עקספּלואַטאַטאָר, ...דעם אַרבעטער־שטאָלץ, די אַרבעטער־ווירדע ...זיין רוף צום קאַמף, ...זיין אַמכאָדיקן טאָן, ...די מעטאָדע פון נוצן דאָס ליד אַלס געווער. ...מיר נעמען די ירושה און גייען ווייטער — צו נייערער, גרעסערער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור".

דר. חיים זשיטלאָווסקי האַלט (אין זיין בוך עסייען „וויזיע און געדאַנק", איקוף־פאַרלאַג, 1951), אַז ראָזענפעלדס „גבורה ליגט דאָרטן, וואו ער האָט צו טאָן מיט דער נאַטור און מיט דעם אינדיווידועלן לעבן פון דעם מענטשן, מיט יענע אייביקע פרייד און אייביקע ליידן, וואָס בלייבן די אייגענע פאַר אַלע דורות". ער האַלט, אַז ראָזענפעלדס „נאַציאָנאַלע ליריק איז אַ ביסל בעסער איידער די סאָציאַלע, אָבער ליידט שטאַרק פון געקינסטלטן פּאַטאָס און ביליקער התפעלות". אין זיין אַרטיקל (1910) וועגן ראָזענפעלדס צוויי בענד פּאָעזיע און איין באַנד פּראָזע וויניץ־אָן דר. זשיטלאָווסקי: „אַלע דריי בענד האָבן אַ רייכן שפּאַנד־ווערט, וואָס טאָר ניט אונטערגעשאַצט ווערן אין דעם איצטיקן אַנטוויקלונגס־פּעריאָד פון אונדזער ליטעראַטור".

דער געטרייער פּראָגרעסיווער ליטעראַטור־פאָרשער קלמן מרמור האָט (אין זיין בוך „דער אָנהויב פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע", „איקוף"־פאַרלאַג, 1944) אונטערשטראָכן: „ער [ראָזענפעלד] איז אַליין געווען דער העלד פון זיינע לידער. ער האָט באַוויינט זיין אייגענעם שיקזאַל אין דעם ,סוועט־שאַפּ'... שער און אייזן זיינען פאַר מאָריס ראָזענפעלדן ניט קיין שטומע באַשעפעניש. רירט ער זיי אָן מיט זיין צויבער־פען, אַזוי הויבן זיי אָן צו רעדן... די פען און די שער גייען ביי מאָריס ראָזענפעלדן האַנט אין האַנט... ער האָט געפילט, אַז כאָטש ער איז ביי זיין לעבן פאַרגעסן געוואָרן, איז ער דאָך אומשטערבלעך".

דר. מ. פינעס האָט אינעם צווייטן באַנד פון זיין „געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור" (וואַרשע, 1911) אין אַ לענגערער אָפּהאַנדלונג וועגן ראָזענפעלדן אָנגעוויזן: „אין אַ גאַנצער ריי לידער טרעט ער אַרויס אַלס דער אויסדריקער פון די פאָלקס־פאַרלאַנגען, אַלס נביא פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע". ...„לויט דער שיינקייט פונעם פערז האָט ראָזענפעלד נישט קיין גלייכן אין דער יידישער ליטעראַטור".

דער ליטעראַטור־קריטיקער ב. ריווקין האָט (אין זיין בוך „גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע („איקוף"־פאַרלאַג, 1948), אַרויסגעבראַכט אייניקע אינטערעסאַנטע געדאַנקען אין שייכות צו ראָזענפעלדס אָרט אין אונדזער ליטעראַטור. ריווקין וויניץ־אָן: „מאָריס ראָזענ־

פעלד איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַרויסבאַפרייט זיין ליד פון אונ־טער דער תכלית־דיסציפּלין. דער ערשטער צו דערהייבן ס׳תכלית־ליד צום פּאָעטישן ליד. ...ניגון האָט זיך געזונגען אין אים. איידער ער איז באַווירקט געוואָרן פון וועלכער־עס־איז אידייע". באַלד אָבער אונטערשטרייכט ריוווקין: „אפילו דאָס פּאָעטישע ליד ראָזענפעלדס איז סיי־ווי, מיט זיין וויסן און אָן זיין וויסן, אַנגעשטעלט געווען אויף תכלית — עס דערפילט אַ באַשטעלונג". ריוווקין זעט די פאָלגנדיקע דריי הויפּט־פאַרדינסטן אין ראָזענ־פעלדס שאַפן: „ער, דער ערשטער דאָ, האָט אויסגעהאָדעוועט דעם פּאָעט אין זיך, זאַמלענדיק טראָפּן פאַר טראָפּן פּאָעט־באַוואוסטזיין"; „ער האָט זיך געעפנט אַ צוטריט צום קוואַל פון יידישע שטימונגען"; „אים איז געלונגען אויפצוהייבן דאָס אידייאישע אַרבעטער־ליד צו אַ פּאָעטישן ליד". מיר קענען פולשטענדיק מסכים־זיין מיט ריוווקינס געדאַנק, אַז „דאָס האָט ער [ראָזענפעלד] דעם סאָציאַליזם געהאָט צו פאַרדאַנקען, וואָס דער פּאָעט אין אים האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט און איז אַרויסבאַפרייט געוואָרן". מיר קענען מיט אים ניט מסכים זיין, ווען ער דערקלערט, אַז „ראָזענפעלד האָט נישט אַריבערגעשפּרייזט זיין דור". דער פאַקט איז, אַז ראָזענפעלדס דיכטערישע השפּעה גייט איבער פון דור צו דור, אַז זי שפּירט זיך אין די לידער אויך פון די היינטיקע יידישע דיכטער, אַז אויך דער איצטיקער דיכטער־דור קאָן אַ סך לערנען ביי ראָזענפעלדן אין פּרט פון אויסדריקן די ווייען און האָפענונגען פון די יידישע פאָלקס־מאַסן.

דער דיכטער און ליטעראַטור־פאָרשער נ. ב. מינקאָוו האָט אין זיין פּאָרטיפּטער עסיי וועגן ראָזענפעלדן (אין בוך „יידישע קלאַסיקער פּאָעטן", ניו־יאָרק, 1937) אונטערגעצויגן אַ סך־הכל: „צו זיין [ראָזענפעלדס] באַניי־אונג אין דער יידישער פּאָעזיע זאָל צוגעשריבן ווערן:

„זיין דינאַמישער שוואונג, וואָס פלעגט, צייטנווייז, דערהייבן זיין ליד ביז פּאַטאָס און עקסטאַז.

„זיין אומדערוואַרט־סובלימירטער, פּאָעטישער איבערברוך פון איין שטי־מונג אין דער צווייטער; און

„זיין קערנדיקער, פול־טאָניקער ליריזם, וואָס פאַרלירט ניט זיין פול־קייט און טאָן־אַרט אין געלייטערטע מאָמענטן פון לאַמענט און מעלאַנכאָליע".

דער דיכטער און ליטעראַטור־קענער מרדכי יאָפע האָט אין זיין בוך עסייען „רינגען אין דער קייט" (ניו־יאָרק, 1939) אונטערשטראָכן, אַז ראָזענ־פעלד „איז געווען דער דיכטער־פענאָמען פון — סתירות". אָנווייזנדיק אויף אַ צאָל פון אָט־די סתירות איז יאָפע געקומען צום אויספיר: „די אַלע סתירות האָבן, נאַטירלעך, שטאַרק פאַרטונקלט זיין געשטאַלט, — זיי האָבן אָבער ניט צעריבן אים אין ראַד פון צייט. ער האָט דערגרייכט די נישט־פאַרגענגלעכע מדרגה פון באַווייזן ווידער זיך, און לאָזן זיך דערזען אין גרויסן שיין פון עכטקייט". ...„נאָכן טויט שטייט ער ווידער אויף צו לעבן".

אין זיין בוך עסייען „פיגורן" (ניו־יאָרק, 1928) האָט ש. צ. זעצער באַ־צייכנט ראָזענפעלדן אַלס יידישן קלאַסיקער־פּאָעט. זעצער שרייבט: „וואָס

אָנבאַלאַנגט דער פּאָעטישער גבורה, מיט וועלכער דער פאַרשטאָרבענער דיכ־טער האָט זיך אין אַזאַ גרויסער מאָס אויסגעצייכנט, דעם וואונדערבאַרן ריטם פון די מערסטע לידער זיינע, די פולבלוטיקע אויסדרוקס־פאָרמען, אין וועלכע ער האָט זיינע דיכטערישע מאָטיוון פאַרקערפּערט, איז ער, אָן צווייפל, דער גרעסטער דיכטער אין אונדזער ליטעראַטור אין יידיש... מען קען ניט צונויפמישן ראָזענפעלדן דעם דיכטער פון זיין גלאַנץ־פעריאָדע מיט ראָזענ־פעלדן דעם דיכטער פון די לעצטע צוועלף־פופצן יאָר". אויף די טענות פון אייניקע קריטיקער וועגן „אומקולטורקייט" ביי ראָזענפעלדן ענטפערט ש. צ. זעצער: „אַזוינע ריזיקע טאַלאַנטן, ווי ראָזענפעלד, זיינען אַליין קולטור". און ער קומט צום אויספיר: „יאָ, פיל מער, ווי נאָר אַ פאָלקס־פּאָעט איז מאָריס ראָזענפעלד. ער איז אונדזער ערשטער גרויסער קלאַסיקער דיכטער; ער איז אונדזער ערשטער אמת־גרויסער פּאָעט געווען".

ב. וולאַדעק האָט אין צוויי אַרטיקלען (1907 און 1923, איינגעשלאָסן אין דעם בוך: „ב. וולאַדעק — זיין לעבן און שאַפן", רעדאַקטירט פון יעפים ישורין, ניו־יאָרק, 1936) באַצייכנט ראָזענפעלדן אַלס „דעם גרויסן שניידער, וואָס שטעפּט־אויס אויפן גרויען פאָן פון דער גרויער אַלטעגלעכקייט פונעם אַרבעטער־לעבן די קינסטלערישע, בלוטיקע קווייטן פון ענויים און שמערץ"... ראָזענפעלד „האָט איבערגעלאָזן אַזאַ טיפן דויערנדן איינדרוק אויף אונדזער דיכטונג, אַז כל־זמן יידיש וועט זיין די שפּראַך פון די יידישע מאַסן, וועט ער ווערן באַטראַכט אַלס איינער פון די גרעסטע פּאָעטן, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט".

דער דיכטער און עסייאיסט ב. י. ביאַלאָסטאָצקי האָט אין זיין בוך עסייען „חלום און וואָר" (ניו־יאָרק, 1956) אויך אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק, אַז ווען מען וויל אָנצייכענען „דעם הויפּט־סימן פון ראָזענפעלדס פּאָעטיק מוז מען אונטערשטרייכן איבער אַלץ זיין שאַפּ־מאָטיוו"; אַז „ראָזענפעלדיש, נוסח־דיק, איז ער אין זיינע שאַפּ־לידער". ביאַלאָסטאָצקי, וועלכער באַצייכנט ראָזענפעלדן אַלס „דעם ערשטן פולן, פאַרביקן יידישן ליריקער", ווייזט אָן: „ראָזענפעלדס אימפּעטיקייט האָט געווירקט ווייט און ברייט. זיין ברום, זיין אויסגעשריי, האָט אויך געווירקט אויף פיל שפּעטערע נייע פּאָעטן, אויף משה־לייב האַלפּערן און אויף אַנדערע". ראָזענפעלד, האַלט ער, וואָלט גע־קענט ווערן דער קלאַסיקער פון יידישן מאָדערנעם ליד, נאָר געשטערט האָט אים „די אָנגעהויפּטקייט פון אַלערליי מאָטיוון": „ער האָט די אַלע מאָטיוון ניט געבונג צוזאַמענגעהעפּט, ניט צוזאַמענגעגאָסן אין איין פּאָעטישן נוסח און ניט צוזאַמענגעבונדן אין איין פּאָעטישער איבערלעבונג. יעדער מאָטיוו גייט זיך אַזוי ווי באַזונדער, איינער אַליין".

ריכטיק האָט אָנגעוויזן מ. אָלגין (אין „קולטור און פאָלק"), אַז „דאָס, וואָס איז נאָך אים [ראָזענפעלדן] געבליבן, איז אַ מאָנומענט, אַ שטיק גע־שיכטע, אַ גאַנצער פּאַס אין דער יידישער קולטור־אַנטוויקלונג, אַ טיפער צייכן איינגעקריצט אין האַרצן פון דורות" (ז' 195).

אין „האַרצן פון דורות" בלייבט לדור־דורות ראָזענפעלדס רייכע פּאָ־

עטיישע ירושה. זיין ניגון לעבט אין דער נשמה פון פאָלק. לאָמיר איצט, צו ראָזענפעלדס קומענדיקן 100סטן געבוירנטאָג, ווידער צוטוליען צו זיך זיין ליכטיקן אָנדענק, זיין ירושה, זיין שאַפונגס־גייסט, זיין ליד וואָס איז אַריין אין פאָלק. זאָלן די יידישע פאָלקס־מאַסן אויפסניי לייענען, שטודירן ראָזענ־פעלדן, אָנשעפּן זיך מיט כוח און מוט פון זיינע לעבעדיקע שאַפונגען, דורכ־פירן ראָזענפעלד־אָוונטן, פאָרומס, סימפּאָזיומס, קורסן, סעמינאַרן, אַרויסגעבן נייע זאַמלונגען פון זיינע געקליבענע ווערק, טראָגן הויך די פאָן פונעם „בלייכן אָפּערייטאָר“, וואָס איז געוואָרן איינער פון די שענסטע זינגער פון פאָלק.

1962



דוד עדעלשטאַט

(1892—1866)

עדעלשטאַט איז געווען איינער פון די פיר פּיאָנערן פון דער יידישער אַרבעטער־דיכטונג אין אַמעריקע: דער דריטער (אין צייט) נאָך מאָריס ווינטשעווסקין און מאָריס ראָזענפעלדן; זיין רעוואָלוציאָנערע טראַדיציע אין דער דיכטונג איז פאָרגעזעצט געוואָרן דורך זיין ייִנגערן קאָלעגע, יוסף באָוושאָווער.

וועגן עדעלשטאַטן קאָן מען בפירוש זאָגן: געלעבט — געקעמפט. זיין קורץ, פּיינפול, טראַגיש לעבן איז געווען אַ לעבן פון קאַמף פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס. דער „טרערן־פּאָעט", דער טרוימער און קעמפער, האָט באמת געווידמעט זיין גאַנצן טאַלאַנט, אַלע זיינע כוחות, זיין לעבן, דעם קאַמף פאַר פרייהייט. זיין הויך־עטישע דיכטערישע פּערזענלעכקייט האָט אַרויסגערופן דרך־ארץ אפילו ביי זיינע פּאָליטישע געגנערס. ער איז געווען באַליבט און פּאָפּולער צווישן ברייטע מאַסן יידישע אַרבעטער און האָרעפּאַשניקעס, וועמען ער האָט געהייליקט זיין ליד. זיין אָנדענק און ליד איז געבליבן הערלעך און טייער אין האַרצן פון גרויסע יידישע פאָלקס־מאַסן אומעטום.

דוד עדעלשטאַט איז געבוירן געוואָרן דעם 21טן מאַי, 1866, אין קאַלוגע, רוסלאַנד. זיין פאָטער איז געווען אַן אַרבעטער אין אַ זעג־מיל. דער יונגער דוד האָט געקראָגן אַ קנאַפּע יידישע דערציאונג. ער האָט געלערנט עברי ביי אַ ליטווישן מלמד, און שטודירט רוסיש ביי אַ רוסישן לערער. שוין אין עלטער פון 9 יאָר האָט ער אָנגעהויבן שרייבן רוסישע לידער. באַזונגען די נאַטור, געשריבן לידער צו פאַרשידענע געלעגנהייטן. אין עלטער פון צוועלף יאָר אָפּגעדרוקט אַ ליד אין דער אָרטיקער צייטונג „גחבערנסקיא וועדאָמאָסטי". ער האָט געהערט „גוטע מיינונגען" וועגן זיין רייפנדיקן טאַלאַנט. אין זיין דערציילונג „ווערא" האָט ער מיט יאָרן שפּעטער דערמאָנט, אַז אין עלטער פון פופצן יאָר איז ער שוין צווישן זיינע פריינט געווען באַקאַנט אַלס „פּאָעט". ער איז אין יענע יאָרן געווען באַזונדערס באַגייסטערט פאַר די לידער פון די רוסישע דיכטער ניקיטין און ניעקראַסאָוו.

אין 1880 איז ער געקומען קיין קיעוו. זיין עלטערער ברודער, אַבראַשאַ, האָט דאָרט געהאַט אַ שוסטער־וואַרשטאַט. אַהין פלעגן קומען סטודענטן, פּאָלקיסטן. דעם 8טן מאַי, 1881, האָט דער יונגער, סענסיטיווער בחור, דער

שפּעטערדיקער אַנאַרכיסטישער טוער, דורכגעלעבט אַ שווערלעכן צאַרישן פּאָגראָם אויף יידן אין קיעוו. ער האָט צוזאַמענגעבראָכן, איז געלעגן אין קיעווער שפּיטאָל. דר. מאַקס מאַנדעלשטאַם האָט אים שפּעטער געגעבן אַר־בעט אין קאָמיטעט פאַר הילף צו די פּאָגראָם־געליטענע.

אונטערן איינדרוק פון די שווערע פּאָגראָם־איבערלעבונגען איז עדעל־שטאַט אין 1882, צוזאַמען מיט אַ גרופּע סטודענטן „עם עולם", געפאָרן קיין אַמעריקע. ער האָט זיך באַזעצט אין סינסינעטי, אָהאַיאָ. דאָרט האָבן גע־וואוינט זיינע צוויי עלטערע ברידער (פון איין מאַמען). אויפן וועג האָט ער אָנגעשריבן צוויי רוסישע לידער: „אַ נאַכט אויפן אַטלאַנטישן אָקעאַן" און „אויפן אָקעאַן".

אין סינסינעטי האָט ער די ערשטע פאַר יאָר אָנגעהאַלטן זיין אינטע־רעס אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד. ער האָט זיך באַ־קענט מיטן אָרטיקן קליינעם יידישן קרייז ראַדיקאַלן, שניידער־אַרבעטער. ער איז אַליין געוואָרן אַ שאָפּ־אַרבעטער; געהאַרעוועט ביי אַ „באַטן־האָל" מאַשין (מאַשין צו מאַכן לעכלעך פאַר קנעפּלעך). ער האָט גענומען שטודירן ענגליש, באַקענען זיך מיטן צושטאַנד און מיט די פּראָבלעמען פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג. אין 1885 איז ער געוואָרן אַ מיטגליד פון דער אָרטיקער „יידישער אינטערנאַציאָנאַלער גרופּע". אַ שטאַרקע ווירקונג האָט אויף אים געהאַט אַלבערט פּאַרסאָנס, דער דעמאָלטדיקער רעדאַק־טאָר פונעם אַנאַרכיסטישן וואָכנבלאַט אין ענגליש, „אַלאַרם", אין שיקאַגע.

אין 1886 האָט דער צוואַנציק־יאָריקער עדעלשטאַט אָנגעהויבן ווערן אַק־טיוו אַלס אַן אַרבעטער־טוער. ער איז געווען טעטיק אין דער קאַמפּאַניע פאַר דעם גענעראַל־סטרייק פונעם 1טן מאַי אין יענעם יאָר; ער האָט גע־פּרואווט העלפן גרינדן אַ יוניאָן פון זיין שניידער־פאַך. ער האָט דערייבער טאַקע פאַרלוירן זיין „דזשאַב" און איז אַפּגעפאָרן קיין ניו־יאָרק. אין אָק־טאָבער פון יענעם יאָר איז זיין פאַמיליע אָנגעקומען קיין אַמעריקע. ער איז דאַן מיט זיין פאַמיליע געפאָרן צוריק קיין סינסינעטי.

דער טויט־אורטייל אויף די שיקאַגער אַרבעטער־מאַרטירער (דעם 11טן נאָוועמבער, 1887) האָט עדעלשטאַטן שטאַרק אויפגערודערט. ער איז דאַן אַרעסטירט געוואָרן פאַר באַטייליקן זיך אין די פּראָטעסט־מיטינגען. שפּע־טער איז ער אַפּגעפאָרן קיין ניו־יאָרק, געהאָרעוועט אין די שוויץ־שעפּער, צוריקגעפאָרן „אַהיים", געליטן אַרבעטלאָזיקייט, און אין נאָוועמבער 1888 צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק. ער האָט אָנגעהויבן באַטייליקן זיך דירעקט אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג.

אין אָנהויב פון 1889 האָט ער ווידער פאַרזוכט דעם טעם פון נויט, הונ־גער, אַרבעטלאָזיקייט. ער האָט אָפּגעדרוקט צוויי לידער אין רוסיש („פּראָ־לעטאַריער", „די פּיס"). ער איז געוואָרן טעטיק אין דער אַנאַרכיסטישער גרופּע „פּיאָנערע דער פרייהייט". דעם 15טן פעברואַר פון יענעם יאָר האָט יענע גרופּע אָנגעהויבן אַרויסגעבן די וואָכן־צייטונג „די וואַרהייט", וועלכע איז אונטערגעגאַנגען דעם 12טן יולי, 1889. עדעלשטאַט איז געוואָרן אַ

מיטגליד פון דער רעדאַקציע צוזאַמען מיט אַ צווייטן מיטגליד הלל זאָלאָ־טאַראָוו. אין ערשטן נומער פון דער צייטונג איז דערשינען זיין ערשט ליד אין יידיש: אַ באַגריסונג־ליד: „צורוף דער ,ווארהייט׳.״ שוין אין יענעם ערשטן ליד זיינעם האָט ער גערופן די נייע צייטונג: „באַגייסטער, פּאַראַיי־ניק דיינע אָרעמע ברידער! הייב־אויף דעם געפּאַלענעם קנעכט. צעברעך זיינע קייטן, באַפריי זיינע גלידער און גיב אים דאָס מענטשלעכע רעכט!...״

ער האָט אָפּגעדרוקט צוואַנציק אַרבעטער־לידער, קאַמף־לידער אין דער „ווארהייט״; אכט פון זיי ווערן נאָך ביז איצט געזונגען. צווישן יענע ערשטע לידער זיינע זיינען געווען: „געדאַנקען אין פאַבריק״, „אין קאַמף״ (שטאַרק געליבט דורך מאָריס ראָזענפעלדן), „די צוואה״, „נאַטור און מענטש״, „אין לאַנד פון די פּיראַמידן״, „מיין לעצטע האָפענונג״, „דער אַרבעטער״, „דער שניידער״, „דער וועקער״, און אַנדערע. איניקע לידער האָט ער איבערגע־אַרבעט פון זיינע אייגענע רוסישע לידער. בלויז אַ פּאָר לידער (אין יידיש און רוסיש) האָט ער געווידמעט זיינע קורצע ראָמאַנען. די מערסטע, אָדער כמעט אַלע, לידער זיינע געווען לידער פון אַרבעטער־קאַמף, רופן צו קאַמפן פאַר באַפרייאונג. זיינע לידער האָט ער באַטראַכט ווי אַ געצייג אין קאַמף. זיין מוזע האָט ער אַליין באַצייכנט אַלס „פּראָלעטאַרישע מוזע״.

ער האָט אַלץ ווייטער געליטן נויט, געלעבט אין דחקות. ווען ער איז אין יענעם יאָר צוריקגעפאָרן קיין סינסינעטי, איז ער שוין געווען באַקאַנט אַלס אַ „יידישער דיכטער״. דאָרט האָט ער מיטגעאַרבעט אין דעם ראַדי־קאַלן אַרבעטער־פאַראיין „טרוטסיקערס״ („זוכערס פון אמת״).

אין 1890 איז עדעלשטאַט געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון דער פריוואַ־טער סאָציאַליסטישער צייטונג „מאָרגנשטערן״ (געגרינדעט דעם 17טן יאַ־נואר פון יענעם יאָר). ער האָט דאָרט אָפּגעדרוקט, אונטערן פּען־נאָמען „פּאָס־קאָרעל״, אַ פּאָר צענדליק לידער אויף מאָטיוון פון אַרבעט,ליידן, נויט, דחקות, „קייטן־מוזיק״.

דעם 4טן יולי, 1890, האָט אין ניו־יאָרק אָנגעהויבן דערשיינען די אַנאַר־כיסטישע צייטונג „פריייע אַרבעטער שטימע״, און עדעלשטאַט איז געוואָרן אירער אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער. אין דעצעמבער פון יענעם יאָר איז ער, לויט דער איינלאַדונג פונעם דעמאָלטדיקן רעדאַקטאָר פון דער צייטונג, געקומען צו דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן די צייטונג. ער איז דאַן דערוויילט געוואָרן אַלס דער אַנאַרכיסטישער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג (דר. י. א. הורוויטש איז דער־ווילט געוואָרן אַלס דער סאָציאַליסטישער רעדאַקטאָר). עדעלשטאַט האָט זיך באַצויגן מיט טיפן ערנסט צו זיין שווערער רעדאַקציע־אַרבעט, וועלכע ער האָט אָנגעהאַלטן ביז העכער אַ יאָר פאַר זיין טויט. ער האָט רעדאַקטירט מאַנוסקריפּטן, געשריבן פאַר דער צייטונג לידער, אַרטיקלען, דערציילונגען, סקיצן און בילדער. ער איז געוואָרן אַלץ מער אָנגעזעען אין די אַנאַרכיס־טישע קרייזן. ער האָט אין יולי פון יאָר 1891 אָנגעהויבן שטאַרק ליידן פון שווינדזוכט. סוף אָקטאָבער איז ער אָפּגעפאָרן געוואָרן קיין דענווער, קאָ־

לאָראַדאָ. אין ניו־יאָרק האָט מען אין ארבעטער־קרייזן גענומען שאַפן הילף צו קענען אים אויסהאַלטן אין דענווער, אין אַ „באָרדינג־הויז", וואָס זיין שוועסטער שרה האָט אויפגעהאַלטן, אויך פאַר אַנדערע שווינדזוכט־קראַנקע. אויך אין דענווער האָט ער, אַ קראַנקער און צעבראָכענער, ווייטער געשריבן לידער, געשאַלט מיטן „קריגס־טראָמפּייט". פיר טעג פאַר זיין טויט האָט ער אַנגעשריבן זיין ליד „צום קעניג־טויט". ער האָט זיך געבעטן: „איך בין נאָך יונג — לאָז מיך ענדיקן מיין טרוים". דריי טעג פאַר זיין טויט האָט ער אין זיין „צייט־ליד" אויסגעדריקט אַנטוישונג אין זיינע אַנאַרכיסטישע „אַלטע קאַמעראַדן", וואָס נאָר „זיי שלאָפן, זיי שנאָרכען, עס גייט זיי ניט אָן".

אין יאַנואַר, 1892, איז דערשינען זיין לידער־בוך „פאָלקס־געדיכטע פון ד. עדעלשטאַט", אַרויסגעגעבן דורך דער „פרייע אַרבעטער־שטימע". דעם 17טן אָקטאָבער, 1892, איז דוד עדעלשטאַט געשטאָרבן אין דענווער, אין עלטער פון 26 יאָר. ביי זיין טויטן בעט איז געווען זיין שוועסטער סאָניע (שרה). אין 1915 איז אויף זיין קבר אויפגעשטעלט געוואָרן אַ מאָנומענט.

נייע, פאַרשיידענע אויפלאַגעס און זאַמלונגען פון עדעלשטאַטס לידער און פראָזע זיינען דערשינען אין אַמעריקע, רוסלאַנד און ענגלאַנד. אין מאַי 1909 איז אין לאָנדאָן דערשינען אַ פולסטע אויסגאַבע פון עדעלשטאַטס „שריפטן", וועלכע איז אויך ניט קיין פולע. אַ ריי אויסגאַבעס פון זיינע ווערק זיינען דערשינען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אַ מאָנומענטאַל ווערק, אַ פּרעכטיקע עדעלשטאַט־ביאָגראַפיע, „דוד עדעלשטאַט", פונעם גלענצנדן לי־טעראַטור־פאָרשער קלמן מרמר, איז דערשינען אין דעם ניו־יאָרקער „איקוף"־פאַרלאַג אין 1950. דאָס ווערק — אַן אוצר מיט אינפאָרמאַציע וועגן עדעל־שטאַטס לעבן און שאַפן — אַנטהאַלט אויך בריוו פונעם יונג־פאַרשטאָרבענעם דיכטער, אַ ביבליאָגראַפיע, אַנמערקונגען, פאָטאָגראַפישע בילדער, און אַנד.

אין משך פון די קנאַפּע פיר יאָר פון זיין שאַפן אין יידיש האָט עדעל־שטאַט אָנגעשריבן אַן ערך פון 140 לידער, פּופּצן דערציילונגען און בילדער און פּופּציק אַרטיקלען. אייניקע פון זיינע שאַפונגען זיינען געבליבן ניט־פאַרעפנטלעכט. זיין רייכע ליטעראַרישע ירושה, אַ וויכטיקער ביישטייער צו דער יידישער אַרבעטער־דיכטונג, פאַרנעמט אַן אָנגעזעען אָרט אין דעם קול־טור־אוצר פון די יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן.

אָקטאָבער 17, 1952.

2.

„צום פאָלק וועל איך פון קבר זינגען און וועל באַגייסטערן זיין האַרץ".
(פון דוד עדעלשטאַטס „מיין צוואה")

דער יידישער אַרבעטער־דיכטער דוד עדעלשטאַט האָט זיך באמת אויפ־געשטעלט אַ מאָנומענט אין האַרצן פונעם יידישן אַרבעטנדיקן פאָלק. זיינע פלאַמיקע, עכטע, רעוואָלוציאָנערע לידער זינגט מען נאָך עד־היום אומע־טום, וואו יידישע האַרעפּאַשניקעס לעבן און ווירקן. ער האָט געלעבט בלויז זעקס־און־צוואַנציק יאָר; ער האָט געשריבן און געדרוקט יידישע לידער

בלויז פיר יאָר, און דאָך איז זיין שאַפן אַ וויכטיקער ביטראַג צו דער יידישער אַרבעטער־דיכטונג, צו דער גאַנצער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע.

זיין יידיש ליד איז געווען דורכאויס געווידמעט דעם לעבן און קאַמף פון די יידישע עקספּלואַטירטע, ליידנדיקע אַרבעטער. זיין דיכטערישע שטים איז געווען די שטים פון אַרבעטער־ליידן און פּראָטעסט, צער און צאָרן, פאַרביטערונג און אַנטריסטונג.

עדעלשטאַט, דער ערלעכער שאַפּ־אַרבעטער, וועלכער האָט געהונגערט, געליטן פון שווינדזוכט און איז אַזוי יונג אַרויסגעריסן געוואָרן פון די אַרבעטער־רייען; דער צאַרטער דיכטער און דערציילער, דער רעוואָלוציאָנערער ליריקער; דער מסירת־נפשדיקער אַרבעטער־טוער; די ריינע אידעאַליסטישע פּערזענלעכקייט, — איז אויסגעוואָקסן ממש אין אַ לעגענדאַרער געשטאַלט, אין אַ מאַרטירער־געשטאַלט, שטאַרק־באַליבט און טיף־איינגעבאַקן אין האַרץ פון יידישע אַרבעטער אומעטום. זיין ליד האָט מען אין משך פון יאָרן געזונגען מיט ברען און מיט האַרץ־פּלאַטערניש אין די היימען, אויף אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען און פייערונגען, אויף דעמאָנסטראַציעס, אויף „סקאַדקעס“ און אין תפיסה.

ווייל מען ווי געהעריק אָפּשאַצן דוד עדעלשטאַטן אַלס יידישן דיכטער, אַלס קינסטלער; ווייל מען ווי געהעריק באַנעמען דעם ליטעראַרישן, און ניט בלויז דעם קולטור־היסטאָרישן, באַדייט פון זיין שאַפן, מוז מען איבערזען די היסטאָרישע באַדינגונגען, אין וועלכע ער האָט געווירקט און געשאַפן. כדי צו קענען באַנעמען זיינע אויפטועך און דערגרייכונגען פאַר דעם יידישן אַרבעטער־ליד, מוז מען זיך באַקענען מיטן היסטאָרישן, געזעלשאַפט־לעך־פּאָליטישן הינטערגרונט, מיט דער עפּאָכע און סביבה, אין וועלכער ער האָט געלעבט, געקעמפט און געשאַפן.

מען דאַרף געדענקען, אַז עדעלשטאַטס קורצער און פרוכטבאַרער שאַפונג־פעריאָד אין יידיש (1889־1892) איז פאָרגעקומען אין סאַמע אָנהויב פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און אַרבעטער־פּאָעזיע אין אַמעריקע, און בכלל פון דער יידישער מאָדערנער דיכטונג. עדעלשטאַט האָט אָנגעהויבן פאַרעפנט־לעכן זיין יידיש אַרבעטער־ליד אינגאַנצן עטלעכע יאָר נאָכדעם, ווי מאָריס ווינטשעווסקיס אַרבעטער־לידער האָבן זיך באַוויזן אין דרוק און צוויי יאָר נאָכדעם ווי עס האָט אַ קלונג געטאָן מאָריס ראָזענפעלדס אַרבעטער־ליד. עדעלשטאַט, קאָן מען זאָגן, איז געשטאַנען ביים וויגעלע פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער דיכטונג דאָ אין לאַנד.

פונעם סאַמע אָנהויב פון זיין ליטעראַרישן שאַפן, ביזן סוף פון זיין יונג־פאַרשניטענעם לעבן, איז זיין באַציאונג צום ליד געווען ווי צו אַ וואָפן אין קאַמף פאַר אַ ליכטיקן מאָרגן פאַר די עקספּלואַטירטע און אונטערדריקטע. די סאָציאַלע פונקציע פון זיין ליד איז געווען: וועקן, רופן, אָרגאַניזירן דעם קלאַסן־באַוואוסטזיין פונעם יידישן אַרבעטער, ניט מיד ווערן און ניט אויפהערן צו רופן אים צום קאַמף פאַר זיין פולער באַפרייאונג.

זיינע לידער, האָט ער דערקלערט, זיינען געבוירן געוואָרן „אין דער

פינצטערער וועלט פון שקלאַפעריי״, און זיין באַגייסטערונג האָט ער געשעפּט „אין קאַמף קעגן שקלאַפעריי״.

זיין באַציאונג צו דיכטונג האָט ער פיל מאָל קלאָר געמאַכט: „דער דיכטער דאַרף פריער פון אַלץ זיין אַ מענטש. ...אַלס אַ דיכטער, דאַרף זיין זיין האַרץ מיט אַלע לײַדנדע. אַלס אַ מענטש, מוז ער קעמפן פאַר דיזע לײַדנדע״. דער אמתער דיכטער, האָט ער אָנגעוויזן, „קעמפט פאַר דעם פרייען גייסט, פאַר דער באַפרייאונג פון די פאַרשקלאַפטע״. און ער האָט אַליין בפירוש געקעמפט פאַר די „לײַדנדע״, און זיין האַרץ איז געווען „מיט אַלע לײַדנדע״.

אין זיין ליד „צו מיין פעדער״ רופט ער אָן זיין פעדער: „מיין גייס־טיקע שווערד״. אין זיין ליד „צו מיינע לעזער״ רעדט ער וועגן דעם געוויש פון „אַ טייך פון מענטשלעכע טרערן, צעמישט מיט דעם דיכטערס בלוט״. זיין מוזע באַצייכנט ער אַלס „אַ קריגס־טרומפייט״; זיינע לידער רופט ער — „שטורעם־לידער״. שוין אין אַן ערנסט־קראַנקן צושטאַנד זעט ער זיך אין זיין ליד „אויפן שלאַכט־פעלד״ אַלס אַ „פאַרוואונדעטן זעלנער אין פעלד״; זיין באַגער איז „וואַרפן זיך אויפדאָסניי אין דעם קאַמף״.

קלמן מרמר, דער וואונדערלעכער ליטעראַטור־היסטאָריקער און פאָר־שער, גיט־איבער אין זיין גלענצנדן ווערק „דוד עדעלשטאַט״ („איקוף״־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1950), לויט דער אינפאָרמאַציע פונעם דיכטערס אַ מיט־צייטלער, אברהם יהדעלעוויטש פון דענווער:

„אַ קורצע צייט פאַר זיין טויט פלעגט ער [עדעלשטאַט] זיך באַקלאָגן אויף די פאַעטן פון זיין צייט, דאָס אָנשטאָט צו וועקן און רופן דעם אַר־בעטער צום קאַמף, פלעגן זיי בלויז וויינען אויף דעם שיקזאַל פון דעם גע־פּלאָגטן אַרבעטער־פאָלק. — — — אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן, ווען ער האָט שוין פון בעט נישט געקאָנט אַרויסגיין, פלעגט ער זיך נאָכפרעגן אויף געוויסע שטרייקן, וועלכע זיינען אָנגעגאַנגען דעמאָלט״.

די הויפּט־קראַפט פון עדעלשטאַטס ליד איז באַשטאַנען אין זיין טיפער אויפריכטיקייט, ערנסטקייט, האַרציקייט, ערלעכקייט, עכטקייט פון געפיל און שטימונג. זיין וואָרט האָט געצויבערט, און ווירקט נאָך איצט, מיט דער פרישקייט פון תמימות, מיט דער לויטערקייט פון פשטות. מען שפירט ביים לייענען און הערן זיין ליד דעם הייסן אָטעם, דעם האַרץ־קלאַפּ פונעם דיכ־טער, זיין רעוואָלוציאָנערן, העלדישן, סאָציאַלן פּאַטאָס. דער דיכטער האָט געשעפּט זיין באַגייסטערונג פון די טיפע קוואַלן פונעם אַרבעטערס לעבן און קאַמף, לײַדן און האָפענונגען, און ער האָט געקענט באַאיינפלוסן און באַ־גייסטערן מאַסן לייענער. ער האָט געהאַט טיפן, גליאיקן גלויבן אין דעם ענדגילטיקן זיג פונעם אַרבעטער־קלאַס, און ער האָט געקענט אָנצינדן דעם פייער פון אָט־דעם גלויבן אין האַרץ פון די קרבנות פון שרעקלעכער עקס־פּלואַטאַציע.

זיין וואָרט האָט „געטראָפן אין פינטל״. ער איז געקומען מיט מאָטיוון, וואָס זיינען געווען לייב־נאָענט דעם לייענער, דעם יידישן האָרעפּאַשניק:

מאַטיוון פון עלנט און נויט, פון פּיין און ליידן, פון קאַמף פאַר פרייהייט. ער האָט געריפן פיל מאָל, און אויף פאַרשיידענע אופנים, „די לייזנדע ערד פון קייטן, פון טרערן באַפרייען" (אין ליד „צום יידישן פּראָלעטאַריער"). ער האָט צעשאָלט דעם רוף: „קלינגט איבעראַל אין די פרייהייט־גלאָקן! פאַר־זאַמלט די ליידנדע קנעכט! און קעמפט באַגייסטערט, קעמפט אומדערשראָקן פאַר אייערע הייליקע רעכט!" און, ווידער, עכט און אויפריכטיק האָט גע־קלונגען זיין פאַרזיכערונג:

„פאַר אַלעס וואָס מענטשן איז הייליק און טייער,
האָב איך געריפן צום קאַמף מיט געוויין;
אין מיין האַרץ האָט געפלאַקערט אַ הייליקער פייער,
מיין לעבן, מיין גאָט וואַר די מענטשהייט אַליין!"

(„מיין לעצטע האָפענונג")

ער האָט באַזונגען העלדן פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף, פון באַפרייאונג־קאַמף (לואיזע מישעל, סאָפיאַ פּעראָווסקאַיאַ, דזשאָן בראַון, אַלבערט פאַר־סאָנס, לואיס לינג, אויגוסט שפּיז, א. אַנד.).

ער, דער רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיקער, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ געזונטן, ליכטיקן קלאַסן־אָפּטימיזם. ער האָט געגלויבט באמונה שלמה, אַז „דער שטורעם מוז קומען (אין ליד „דער קומענדער שטורעם"), אַז „אויף אין מיין קבר וועל איך הערן מיין פרייעס ליד, מיין שטורעם־ליד". אָט־די רעוואָלוציאָנערע מונטערקייט, דער גלויבן, געשטיצט אויפן געפיל פון סאָ־ציאַלן יושר, קומט צום אויסדרוק אין אַ סך פון זיינע לידער:

„מיט דופטנדע בלומען, מיט גאָלדענע שטראַלן
וועט פרייהייט באַצירן די ערד!"

(„וואַכט־אויף!")

„אויפגיין מוז די זון פון פרייהייט,
קומען מוז דער פרייהייט־טאָג!"

(„די טאָגעס־פראַגע")

מען דאַרף געדענקען, אַז ווען דער זעכצן־יאָריקער בחור פון קאַלוגע, טיף־רוסלאַנד, איז געקומען קיין אַמעריקע, איז ער געווען רוסיפיצירט. ערשט דאָ אין לאַנד האָט ער זיך גענומען לערנען ריידן און שרייבן יידיש. זיין יידיש־שול איז געווען דער „סוועט־שאַפּ", די סביבה פון יידישע שניידער־אַרבעטער. ער איז געקומען צו דער יידישער ליטעראַטור מיט דיכטערישער דערפאַרונג אין רוסיש, אָבער ער האָט דאָ דורכגעמאַכט אַ שווערן פּעריאָד פון ראַנגלען זיך אויף צו באַהערשן דאָס יידישע לשון. מיט טיפן ערנסט האָט ער גענומען לערנען די פאָלקס־שפּראַך, וואָס ער האָט ליב באַקומען; די שפּראַך, אין וועלכער ער האָט אַנטדעקט מוזיקאַלישקייט און פּלאַסטיק, גרויסע מעגלעכקייטן פאַר פאָעטישן אויסדרוק.

עס איז דעריבער קיין חידוש ניט, וואָס אין זיינע יידישע לידער, באַ־זונדערס אין סאַמע אָנהייב פון זיין שאַפן, זיינען פאַראַן דייטשמעריזמען,

רוסיציזמען, אַנגלאַציזמען. דער דיכטער האָט אָבער געאַרבעט שווער אויף צו באַרייכערן און לייטערן זיין יידיש לשון. ער האָט בכלל מיט גרויס ערנסט געאַרבעט אויף זיין ליד: געשליפן, פּאָלירט, איבערגעשריבן פיל מאָל, אַריינגעבראַכט ענדערונגען.

יאָ, ער האָט זיך אַנגעשטויסן אין שפּראַך־שוועריקייטן. עס זיינען געווען פאַלן פון אומבאַהאָלפנקייט, אָדער שוואַכקייט, צי אָרעמקייט אין פאָרם, אין ריטם, אין ליד־געבוי. דאָס פעלד איז געווען רוי; קיין פיל מוסטערן אין יידיש זיינען ניט געווען. און דאָך זעט מען קינסטלערישע רייפונג און אַנטוויקלונג. דאָך זעט מען, ווי אפילו אין פרט פון פאָרם, פון סטיל, האָט דער יונגער, טאַלאַנטפולער דיכטער אַריינגעבראַכט דערגרייכונגען, נייקייטן פאַר זיין צייט: פיינע מעטאַפאָרן, פאַרגלייכן, עפּיטעטן, סימבאָלן (קייטן, שטורעם, ים, א. אַנד.); פאַרשיידענע גראַם־פאָרמען.

יאָ, עס זיינען געווען צו־אָפטע ווידערהאָלונגען פון מאָטיוו און טעמע. דער דיכטער האָט אָבער באַוויזן צו וואַריאירן זיי, אַריינברענגען פרישקייט פון טאָן, נייע קינסטלערישע אויסדרוקן.

מען דאַרף איינזינען האָבן, אַז די אַנאַרכיסטישע עלעמענטן אין זיין דיכטונג, דאָס ניט קענען האַלטן אַן אויג אויף די קאָנקרעטע, טאָג־טעגלעכע „פּראָזאַאישע" קאַמפן פונעם אַרבעטער־קלאַס, דער אומגלויבן אין כסדרדיקע פּאָליטישע קאַמפן פאַר פאַרבעסערונגען, האָבן געהאַט די ווירקונג פון באַגרענעצן זיין דיכטערישן שוואונג, פון דערפירן אים פון צייט צו צייט צו מליצה און אַבסטראַקציע. אָט־די חסרונות, אידייאיש־קינסטלערישע, דאַרף מען איינזען, ווי מען דאַרף בכלל ניט אידעאַליזירן די גרויסע און ווירקנדיקע פערזענלעכקייט פונעם דיכטער און קעמפער, נאָר זען זי אין די היסטאָרישע ראַמען פון איר צייט, פונעם עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און קולטורצושטאַנד פון די יידישע אַרבעטער אין יענער צייט.

פאַרשטייט זיך, אַז די הויפּט־ווירקונג, די דירעקטע ווירקונג אויפן דיכטערס ליד, האָט געהאַט די שווידערלעכע לאַגע, אין וועלכער די אונטערדריקטע, עקספּלואַטירטע יידישע מאַסן האָבן זיך דאַן, אין די אַכציקער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט, געפונען אין אַמעריקע. דער פּיאָנער פון רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־ליד און אַרבעטער־קאַמף האָט אָבער מיט זיך מיטגעבראַכט דיכטערישע קולטור; ער האָט אַ סך געלערנט פון היינען, ניקיטינען, ניעקראַסאָוון. אַ גרויסע, געזונטע ליטעראַרישע השפּעה האָט אויף אים געהאַט דער „זיידע" פון דער יידישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, מאָריס ווינטשעווסקי. אַ היפּשע צאָל פון זיינע לידער האָט עדעלשטאַט געשאַפן לויט די מוסטערן, מאָטיוון, טעמעס פון ווינטשעווסקיס לידער. דעם „זיידנס" ווירקונג שפּירט מען אין עדעלשטאַטס לידער: „צורוף דער וואָרהייט", „אין קאַמף", „די פריהייט־געטין", „אַ טרויעריקער געלעכטער" א. אַנד. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס דיכטעריש־קערנדיקע, תוכיקע, אינדיווידועלע אין אָטדי לידער איז עדעלשטאַטס פּאָעזיע גופא.

אין אַ צאָל פון עדעלשטאַטס לידער איז פאַראַן אויך די השפּעה פון אַן

אַנדער פּיאָנער פונעם אַרבעטער־ליד, פונעם שניידער־אַרבעטער מאָריס ראָזענפעלד, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט דער קאָנקרעטקייט און רעאַלקייט אין שילדערן דעם אַרבעטערס נויט, די שאַפּ־סביבה.

עדעלשטאַט גופא האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף זיין ליטעראַריש־אידייאישן נאָכפאָלגער און פאַרזעצער, יוסף באָוושאָווער. אָט־דער קרעפּ־טיקער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־דיכטער (1873־1915) האָט אַ סך גע־לערנט פון עדעלשטאַטן. ער האָט פאַרטיפט און איבערגעדיכטעט אויף זיין אייגענעם אופן אַ צאָל עדעלשטאַט־מאָטיוון, דערגרייכנדיק אַ העכערע שטופע פון קינסטלערישער מייסטערשאַפט. עדעלשטאַטס לידער זיינען אָבער טי־פער פאַרוואָרצלט אין דעם לעבן פון די יידישע אַרבעטער, כאָטש אידעאָ־לאָגיש שטייען זיי אויף אַ נידעריקערן שטאַפּל, ווי ווינטשעווסקיס פּאָעזיע.

עדעלשטאַט, וועלכער איז געווען ווייט פון מאַרקסיזם, קאָן ניט באַטראַכט ווערן ווי אַן אויסגעהאַלטענער פּראָלעטאַרישער דיכטער. זיין דיכטונג, ווי זיין פּובליציסטיק, איז דורכגענומען מיט דער קליינבירגערלעכער אַנאַרכיס־טישער אידעאָלאָגיע. (אַ באַזונדער קאַפּיטל איז עדעלשטאַטס טעטיקייט אַלס אַנאַרכיסטישער רעדאַקטאָר פון דער „פרייע אַרבעטער־שטימע", זיינע דער־ציילונגען און זיינע אַרטיקלען.) זיין ביישטייער צום יידישן פּלאַמיקן אַרבעטער־ליד איז אָבער אומגעהויער גרויס. צוזאַמען מיט די דיכטער ווינטשעווסקי, באָוושאָווער און טייללוויז ראָזענפעלד האָט ער געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף די יונגע יידישע אַרבעטער־דיכטער אין די צוואַנציקער יאָרן פונעם איצטיקן יאָרהונדערט. די קליינבירגערלעכע און נאַציאָנאַליסטישע קריטיק און עסטעטיק האָט אים געפּרואווט פאַרשוויגן אָדער פאַרשרייען — פאַר־שרייען אַלס אַן אַגיטאַטאָר און פּראָפּאַגאַנדיסט אין גראַמען. די אויפגאַבע פון דער פּראָגרעסיווער יידישער ליטעראַטור און קריטיק איז אַרויסצוהייבן, ריכטיק אָפּשאַצן דעם פולן קינסטלעריש־אידייאישן באַדייט פון עדעלשטאַטס שאַפן; העלפן דעם פאָלק ווי געהעריק אויסצונוצן זיין רייכע ליטעראַרישע ירושה.

אָקט. 19, 1952.

3.

אַ באַגעגעניש מיט שרה (סאָביע) טעלסאָן־עדעלשטאַט, די שוועסטער פונעם פּיאָנער פון דער אַמעריקאַנער יידישער אַרבעטער־דיכטונג, דוד עדעלשטאַט. סאַראַ רירנדיקער, באַגייסטערנדיקער מאָמענט! סאַראַ געפיל פון יראת־הכבוד עס נעמט מיך אַרום!

שטראָמען געדאַנקען לויפן מיר האַסטיק דורך אין קאָפּ: די ליכטיקע געשטאַלט פונעם אַרבעטער־דיכטער און קעמפער, דוד עדעלשטאַט; די היס־טאָרישע עפּאָכע, אין וועלכער ער האָט געווירקט; און זי — זיין שוועסטער, וועמען ער האָט געשיקט אַזוינע וואַרעמע בריוו, און וועמען ער האָט גע־ווידמעט איניקע פון זיינע פערזן.

איך זאַפּ־איין אין מיין זכרון דעם אויכזען פון אָט־דער הערלעכער גע־

שטאַלט: אַן עלטערע פרוי, מיט טיפע שפּורן פון שווערע ליידן און איבער־לעבונגען אין איר פאַרמאַטערטן פּנים, מיט אַ יוגנטלעכן פלאַם אין אירע קלוגע אויגן. איך קאָן מיין בליק ניט אָוועקנעמען פון אָט־דער פיינער, גע־בילדעטער אינטערעסאַנטער פּערזענלעכקייט. אין מיין געדאַנק בליצט־פאַרביי דאָס אומפאַרגעסלעכע בילד, ווען דער יונגער, 26־יאָריקער רעוואָלוציאָ־נערער דיכטער איז — צוריק מיט זיבעציק יאָר — אויסגעגאַנגען אויף אירע אָרעמס אין אַ הויז אין דענווער, קאָלאָראַדאָ, ביינאַכט, דעם 17טן אָק־טאָבער, 1892, און ווען זי, אַ פּרעכטיק מיידל, קוים אַכצן יאָר אַלט, איז אַרויסגעלאָפן אויף דער פּאָסטער, שטומער, פינצטערער גאַס און געיאָמערט און דורכגעלעכערט די קאָלאָראַדער נאַכט מיט אירע ווייגעשרייען.

ניין, ניט קיין אָפיציעלער „אינטערוויו“ איז דאָס געווען. דער שמועס וועגן עדעלשטאַטן דעם דיכטער, דעם אַרבעטער־טוער, דעם רעדאַקטאָר, דעם מענטש, האָט זיך אַזוי נאַטירלעך און אינטים פאַרבונדן און אַנטוויקלט און געפּלאָסן און איידער כ׳האָב זיך אַרומגעקוקט האָט זיך איינגעשטעלט אָט־די וואַרעמע פריינטשאַפט־פאַרבינדונג, ווען מענטשן פאַרשטייען זיך אַזוי קלאָר, גלייך ווי זיי קענען זיך שוין לאַנגע־לאַנגע יאָרן. און סך־הכל איז דאָס געווען מיין סאַמע ערשטע באַגעגעניש מיט אָט־דער גוטער, צאַרטער, העכסט־געבילדעטער פרוי, די ייִנגערע שוועסטער פונעם דיכטער, וועלכער וואָלט איצט אַלט געווען זעקס־און־אַכציק יאָר.

און אין משך פונעם שמועס האָב איך פאַרגעלייענט פאַר איר, דער גע־טרייער און אינטעליגענטער שוועסטער, מיינע צוויי אַרטיקלען אין דער „מאָרגן־פרייהייט“ (פונעם 17טן און 19טן אָקטאָבער, 1952), און זי האָט זיי אויפמערקזאַם אויסגעהערט און אויסגעדריקט אַ גוטע מיינונג וועגן זיי.

און סאַראַ איבערלעבונג עס איז געווען צו זען און הערן, ווי די ליבע ייִנגערע שוועסטער האָט אין משך פונעם שמועס אויף אויסנווייניק דעקלאַ־מירט עדעלשטאַטס רוסישע פאַרעפנטלעכטע און ניט־פאַרעפנטלעכטע לידער און אייניקע פון זיינע יידישע לידער! און מיט וואָס פאַר אַ ברען זי האָט רעציטירט אָט־די לידער! און בעת־מעשה האָט אין אירע אויגן אויפגע־לויכטן דאָס פייער פון יוגנטלעכקייט, פון גלויבן, פון געטריישאַפט צום אַר־בעטער־קלאַס, פון ליבשאַפט צו דער מענטשהייט. און אין דער דירה (פון שרה עדעלשטאַט־טעלסאַן און איר זון, שנור און אייניקל) האָט געלעבט און געלויכטן דער עדעלשטאַט־גייסט!

ס׳האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אַן אינטערעסאַנטער שמועס וועגן דער סאָציאַלער פונקציע פון ליטעראַטור, וועגן אינהאַלט און פאָרם, וועגן דער אַלטער רוסישער פּאָעזיע, און ווידעראַמאָל זיינען מיר צוריקגעקומען צו דער עדעלשטאַט־טראַדיציע.

אין אינטימע שטריכן, האַרציק און ליבלעך, האָט סאָניע עדעלשטאַט גע־שילדערט די וואַרעמע, ליבע, עטישע, עכט־מענטשלעכע פּערזענלעכקייט פון איר ברודער, ווי ער האָט זיך אויף אייביק איינגעקריצט אין איר ברילִיאַנ־טענעם זכרון.

מיט אַן אָנגענעמער, קלאָרער שטים דערציילט סאַניע, ווי דוד („דאַ־וויד” אָדער „דאַווידקע”) האָט שטאַרק ליב געהאַט די גאַנצע פאַמיליע — די עלטערן, די ברידער, די שוועסטער, אַלע קרובים. זי דערציילט וועגן זיין געטריישאַפט און צוגעבונדנקייט צו דער משפחה, וועגן זיין זאָרג איבער זייער עקאָנאָמישן מצב. און זי דערציילט, אַז זיין טיפע ליבשאַפט צו דער פאַמיליע איז געווען באַזונדערס געענערט און געקרעפטיקט דורך דעם, וואָס אים איז געווען שטאַרק נאָענט און טייער די ערלעכקייט פון אָט־די האָרע־פּאַשניקעס. און סאַניע ציטירט איינדרוקספול און שיין איר ברודערס רוסיש קרעפטיק ליד „פאַמיליע־פּאָרטרעט”, כדי צו אילוסטרירן איר געדאַנק.

אין יענעם ליד, פול מיט פּאַטאָס און צערטלעכקייט, באַזינגט דער דיכ־טער יעדן מיטגליד פון זיין משפחה: דעם פאָטער, וואָס „אָטעמט מיט פּאַט־ריאַרכאַלער ערלעכקייט”; זי, די שוועסטער; אַ ברודער, וועמען ער באַ־צייכנט אַלס „ליידנדן אין דעם לעבן דעם שווערן”. אין דעם ליד קומט ער צום אויספיר, אַז „די נויט — איז אונדזער לעבנס־טיראַן”, אָבער „דערפאַר איז אונדזער געוויסן ריין”.

אומדירעקט שילדערט סאַניע אַ פּאָרטרעט פון די משפחה־מיטגלידער, די עלטערן, די ברידער, וואָס זיינען שוין ניטאָ. זי דערציילט, ווי דער פאָטער, משה, דער ערלעכער יידישער האָרעפּאַשניק, האָט שטאַרק ליב גע־האַט דוד, אים גוט פאַרשטאַנען און אים געגעבן פולע פרייהייט פון קליי־נערהייט־אָן. זי דערציילט, ווי אַלע אין דער משפחה האָבן דודן „ליב געהאַט און ממש פאַרגעטערט, ניט נאָר אַלס פּאָעט, נאָר אַלס ערלעכע, ריינע פּער־זענלעכקייט, מיט שיינע, טיף־מענטשלעכע געפילן”.

זי דערציילט וועגן דער שיינער, וואַרעמער, האַרציקער ליבשאַפט צווישן ברודער און שוועסטער: אַז זי איז געווען צו אים מער ווי אַ שוועסטער: פאַרשטאַנען אים און תמיד געזוכט צו פאַרשטיין אים. און ער — ער איז געווען איר לערער און דערציער. ער האָט זיך באַמיט, אַז זי זאָל קריגן אַ ברייטע בילדונג, אַז זי זאָל פאַרטיפן און באַרייכערן איר וויסן וועגן פראַגן פונעם אַרבעטער־קלאַס. ער פלעגט איר עצה׳ן צו לייענען אַ סך, לייענען וויכטיקע ווערק; ער פלעגט איר שיקן ביכער פון ניו־יאָרק קיין סינסי־נעטי. ער איז פאַר איר געווען און געבליבן — דערציילט זי — איינער פון די שענסטע מענטשן, וואָס זי האָט ווען־עס־איז באַגעגנט. ניט איין מאָל פלעגט זי אויף אים קוקן ווי אויף ממש אַ „הייליקן מענטשן”. זי פלעגט תמיד באַוואונדערן, — דערקלערט זי, — ווי ער טוט זיך אויס פון זיין פּער־זענלעכן „איך”, ווי ער לייזט זיך אויף אין זיין ליבשאַפט צו דער מענטש־הייט. „זיין אייגענע פּערזענלעכקייט האָט פאַר אים ניט עקזיסטירט. דער עיקר איז ביי אים געווען די מענטשהייט, איר באַפרייאונג, איר מאַרש־פאָראויס”.

אַזאַ איז אויך געווען זיין צוגאַנג צום ליד. ער האָט געוואָלט דורכן ליד אַוועקגעבן אַ שטיק האַרץ דער מענטשהייט. זיין האַרץ האָט ער אַריינגעטאָן אין זיין ליד. כאָטש ער האָט גוט געוואוסט דעם ווערט פון פאָרם, פון ריטם,

קלאַנג, גראַם, האָט ער אָבער דער עיקר געלייגט געוויכט אויף דער אידייע, אויף דעם אינהאַלט, אויף דעם אידעאַל. ער האָט הויפּטזעכלעך געזוכט צו געבן פּאַטעטישן אויסדרוק צו דיליידן פון זיינע ברידער־און שוועסטער־אַר־בעטער, ווייזן דעם אומרעכט קעגן די עקספּלואַטירטע און אונטערדריקטע. פאָרם און אינהאַלט זיינען אין זיינע לידער געפלאָסן צוזאַמען ווי איין אייג־הייט, ווייל „ער האָט געהאַט אַ נאַטירלעכן געפיל אויסצודריקן זיך אַמ־שענסטן״. עדעלשטאַטס פּאָדערונג צו דיכטונג און צו דיכטער — ווייזט־אָן זיין שוועסטער סאָניע — קאָן מען זען אויך פון זיין ווענדונג צו זיין יינגערן ברודער יערמישאַ (ירמיה) טאַקע אין דעם אויבן־דערמאָנטן רוסישן ליד „פאַמיליע־פּאָרטרעט״. דער דיכטער זאָגט דאָרט צו זיין קליינעם ברודער (אין מיין פרייער איבערזעצונג):

„ס׳איז מעגלעך, אַ דיכטער וועסטו זיין —
גאַנץ פיין, מיין פריינט. נאָר פאַרצייכן אין זכרון:
מיט פרייהייט, אמת און מיט שיין
באַלויכטן זאָלסטו דעם וועג פון דיינע יאָרן״.

מיך האָט אינטערעסירט צו וויסן: צי האָט עדעלשטאַט ליב געהאַט צו שרייבן זיינע לידער ביחידות, צי האָט אים ניט געאַרט, ווען אַנדערע משפּחה־מענטשן זיינען געווען דערביי? צי האָט ער ליב געהאַט פאַרצולייענען זיינע נייע לידער פאַר פריינט, און פאַר איר, זיין שוועסטער סאָניע? צי האָט ער מיט איר גערעדט וועגן זיינע שוועריקייטן מיט יידיש, און וואָס איז בכלל געווען זיין באַציאונג צו יידיש, לויט זיינע שמועסן מיט איר? צי זיינען געווען ליבע־מאָמענטן (ראָמאַנען) אין זיין קורצן לעבן? צי פלעגט ער אָפט רעדן מיט איר וועגן ליטעראַטור?

אויף אַט־די אַלע פראַגן האָט סאָניע געגעבן קלאָרע, אינטערעסאַנטע ענטפערס. זי האָט דערציילט, ווי עדעלשטאַט פלעגט שרייבן זיינע לידער אין איר אַנוועזנהייט, און ווי ער פלעגט אַמאָל אַרומשפּאַנען אַן אומרואיקער אי־בערן צימער הין־און־צוריק, זוכנדיק אַ געהעריק, פאַסיק, בויטיק יידיש וואָרט. זי געדענקט די שיין פון פרייד אויף זיין פנים אין יענע מאָמענטן.

עדעלשטאַט, האָט זי דערציילט, פלעגט פאַר איר אָפט פאַרלייענען זיינע נאָך־ניט־געדרוקטע לידער, פרעגן איר מיינונג און זיך שטאַרק רעכענען מיט אָט־דער מיינונג. פון צייט צו צייט פלעגט ער אויך פאַר נאָענטע פריינט פאַרלייענען זיינע נאָך־ניט־פאַרעפנטלעכטע לידער.

אין דעם קרייז פון דער עדעלשטאַט־פאַמיליע האָט מען גערעדט רוסיש. עדעלשטאַט האָט זיך גענומען לערנען, באַהערשן דאָס יידישע לשון, ווייל ער האָט איינגעזען, אַז דאָס איז די שפּראַך פון די ברייטע יידישע האָרע־פּאַשנע מאַסן. זיין הויפּט־אידעאַל איז געווען „העלפן באַפרייען די וועלט״. אַט־דעם קאַמף, האָט ער געפילט, דאַרף מען פירן צווישן די יידישע מאַסן אויף יידיש. ער האָט זיך דעריבער גענומען מיט גרויס פלייס און עקשנות

צו באַמייסטערווען די יידישע שפּראַך. „ווען מען מוז אַריבערשווימען אַ טייך, כדי זיך צו ראַטעווען, מוז מען זיך אויסלערנען שווימען״, אילוסטרירט סאָניע איר געדאַנק.

סאָניע געדענקט שמועסן מיט איר ברודער וועגן ליטעראַרישע ענינים, און זי ווידערהאָלט: אין אָט־די שמועסן פלעגט ער אָנווייזן, אַז דער אמתער דיכטער האָרף זיין פאַרבונדן מיטן קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט.

וואָס איז שייך ליבע־מאָמענטן, דערקלערט מיר סאָניע, איז איר ברודער „געווען פאַרליבט בלויז אין דער מענטשהייט״. צו אַנאַ נעטער און אַניוטאַ וואָלפסאָן, וועלכע ווערן דערמאָנט אין די עדעלשטאַט־בריוו (אין קלמן מרמרס בוך „דוד עדעלשטאַט״) האָט ער זיך באַצויגן מיט ליבשאַפט, ווי צו נאָענטע פריינט.

קליינערהייט, דערציילט סאָניע, האָט זי שטודירט אין אַ פּאַנסיאָן אין פּעטערבורג. אין עלטער פון קנאַפּע דרייצן יאָר איז זי (אין 1886) מיט איר פאַמיליע געקומען קיין אַמעריקע, וואוהין דוד איז אָנגעקומען אין 1882. די לעצטע פופציק יאָר האָט זי געוואוינט אין ניו־יאָרק.

אין משך פונעם שמועס האָט זי, כדי צו אילוסטרירן געוויסע געדאַנקען און איינדרוקן, ציטירט גאַנצע לידער, מערסטנס פרייהייט־מאָטיוון, פון די רוסישע דיכטער ניקיטין, ניעקראַסאָוו, קאָלצאָוו, פושקין, ליערמאָנטאָוו, וואָס זיינען געווען נאָענט און טייער איר ברודער. זי האָט דערמאָנט, אַז אַ סך פון עדעלשטאַטס רוסישע לידער זיינען נאָך ביז איצט ניט איבערגעזעצט געוואָרן אויף יידיש. זי האָט, אגב, באַדויערט, וואָס זי איז ניט באַקאַנט מיט דער נייער רוסישער (סאָוועטישער) ליטעראַטור.

אין פאַרלויף פונעם שמועס האָט זי שטאַרק געלויבט די אויפטוען פון מאָריס ווינטשעווסקי און יוסף באָנשאָווער פאַר דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס און פאַר דער יידישער אַרבעטער־פּאָעזיע. זי האָט אויך געהאַט אַ סך לויב און באַגייסטערונג פאַר קלמן מרמרן און פאַר זיין מאָנומענטאַלן ווערק וועגן עדעלשטאַטן, ווי בכלל פאַר זיינע אָפּהאַנדלונגען איבער די פּיאָנערן פון דער יידישער אַרבעטער־ליטעראַטור אין אַמעריקע. זי האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דער אַרבעט פון דער „מאָרגן־פרייהייט״ און געוואָלט וויסן וואָס מער וועגן אָט־דער צייטונג, וועגן אירע מיטלען פון עקזיסטענץ, א. אַז. וו. זי האָט שטאַרק באַדויערט, וואָס זי האָט ניט געקענט (מחמת דעם געזונט־צושטאַנד) קומען צום „איקוף״־סימפּאָזיום וועגן דעם לעבן און שאַפן פון דוד עדעלשטאַט.

אַ באַגייסטערטער פון אָט־דער באַגעגעניש בין איך שפּעט אין נאָוועמבער־אָוונט געפאָרן אַהיים, און ווידער געבלעטערט די וואַרעמע, אינטימע בריוו פונעם וואונדערלעכן יידישן אַרבעטער־דיכטער צו זיין שוועסטער סאָניע, און זיך אָנגעשטויסן אין אַזעלכע שורות און ווענדונגען: „יאָ, דו ביסט פּונקט יענע גוטע, וואוילע סאָניע, וואָס איך שטעל זיך שטענדיק פאָר״ (מאַי

פּעב. 28, 1889); „איך פיל גליקלעך, וויסנדיק, ווי דו האָסט מיך ליב" (פעב. 28, 1891); „אין קומענדיקן נומער וועל איך אָפּדרוקן אַ ליד און איך וועל עס דיר ווידמען, ווייל איך האָב קיינעם ניט אַזוי ליב ווי דיך" (מערץ 5, 1891). און אין מיין זכרון שווימט־אויף דאָס ליד „סאָפיאַ פּעראָווסקאַיאַ", וואָס איז דעם 13טן מערץ, 1891, געדרוקט געוואָרן אין דער „פרייע אַר־בעטער־שטימע" און וואָס איז „געווידמעט צו מיין שוועסטער שרה עדעל־שטאַט". אין מיינע אויערן קלינגען די שטילע, אָנגענעמע טענער, מיט וועלכע סאָניע האָט ערשט ציטירט פאַר מיר לידער פון איר ברודער, דוד עדעלשטאַט.

דעצ. 28, 1952

יוסף באָוושאָווער

(1915-1872)

.1

יוסף באָוושאָווער — איינער פון די וויכטיקסטע פּיאָנערן פון דער ייִדי־שער פּראָלעטאַרישער פּאָעזיע אין אַמעריקע.

באָוושאָווערס ביאָגראַפיע איז מער־ווייניקער באַקאַנט, כאָטש פיל איינצל־הייטן פון זיין לעבנס־געשיכטע דאַרפן נאָך שטודירט ווערן. ער איז געבוירן געוואָרן דעם 30טן סעפּטעמבער, 1872, אין ליבאַוויטש, מאָהילעווער גובער־ניע, אין אַ משפּחה פון סוחרים און לומדים. יינגלווייז האָט ער געאַרבעט אין אַ מעל־געשעפט. אין עלטער פון אַכצן יאָר איז ער געקומען קיין אַמעריקע. ער איז דאָ געוואָרן אַ פעלץ־אַרבעטער (פאַריער). ער איז אינגיכן אַריינגע־צויגן געוואָרן אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. ער האָט גענומען שרייבן רעוואָלוציאָנערע לידער און זיי פאַרלייענען טאַקע אין שאַפּ. זיינער אַ ברו־דער האָט פאַר אים געעפנט אַ שפּייז־געוועלבל (גראָסערי), אָבער ער האָט אין משך פון אַ קורצער צייט צעטיילט די סחורה צווישן גוטע פריינט. ער האָט זיך אַ צייט אָפּגעגעבן מיט אַרבעטן אויף פּיעסן פאַרן יידישן טעאַטער, און מיט געבן לעקציעס אויף דייטש. ער האָט אָפט אונטערגעהונגערט. ער האָט צען חדשים שטודירט ענגלישע ליטעראַטור אין יעיל קאָלעדזש.

ער איז געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער אַלס יידישער אַרבעטער־דיכטער אין אַמעריקע און אין ענגלאַנד. זיינע לידער, סקיצן, בילדער, אָפּהאַנדלונגען האָט ער געדרוקט אין לאָנדאָנער „אַרבעטער פריינד", אין ניו־יאָרקער „פרייע אַר־בעטער־שטימע", א. אַנד. איניקע פון זיינע לידער האָט ער אָפּגעדרוקט אין זיין אייגענער איבערזעצונג אין דער אַנאַרכיסטישער צייטשריפט „ליבערטי" אונטערן פּסעוודאָנים באַזיל דאַהל. בענדזשאַמין טאַקער, דער רעדאַקטאָר פון „ליבערטי", האָט פאַרעפנטלעכט אַ באַגייסטערטן אַרטיקל וועגן באָוו־שאָווערס פּאָעזיע. אין דער האַרטער, קאַלטער, ברוטאַלער סביבה פון קאַ־פּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע האָט באָוושאָווער, אַ גוואַלדיק־ברויזנדיקע, אומרואיקע נאַטור, שוין אין עלטער פון 22 יאָר אָנגעהויבן אַרויסווייזן

סימנים פון טיפער מעלאַנכאָליע, פון פינצטערער מרה־שחורה, פון פּסיכי־שער קראַנקהייט. זינט 1899 האָט ער אָפּגעפינצטערט זעכצן ביטערע יאָר אין אַ שווערער מעלאַנכאָליע ביזן 25טן דעצעמבער, 1915, ווען ער איז געשטאָרבן.

איינצלהייטן פון זיין לעבנס־געשיכטע קאָן מען געפינען אין קלמן מרמרס „יוסף באָוושאָווער" ביאָגראַפיע, אינעם יאָרבוך פון אַמעריקאַנער אָפּטייל "ייוואָ", באַנד 2, ניו־יאָרק, 1939, ז"ז 32־101; אין מרמרס בוך „דער אָנ־הויב פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע" („איקוף"־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1944); אין מיכאל קאָהנס אָפּהאַנדלונג וועגן באָוושאָווערס לעבן און שאַפן, אין דעם באַנד פון באָוושאָווערס „געזאַמלטע שריפטן", אַרויסגעגעבן דורך דער „פרייע אַרבעטער־שטימע" אין ניו־יאָרק אין 1911 (צווייטע אויפ־לאַגע אין 1916); אין ז. רייזינס „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור"; אין דער סאָוועטישער זאַמלונג פון באָוושאָווערס „געקליבענע לידער", 1918, אין אַ פאָררעדע פון ש. אָגורסקי, און אין אַנדערע סאָוועטישע זאַמלונגען.

דער אויבן־דערמאָנטער באַנד „געזאַמלטע שריפטן" אַנטהאַלט חוץ באָוו־שאָווערס לידער, אויך אַנדערע אָפּטיילונגען: געדאַנקען, בילדער און סקיצן, עסייען וועגן פּאָעזיע, וועגן היינריך היינע, ראַלף עמערסאָן, וואָלט וויטמאַן און עדווין מאַרקהאַם. אָט־די מאַטעריאַלן גיבן אַ באַגריף וועגן באָוושאָווערס פיינער ערודיציע, וועגן זיין פאַרטיפונג אין ליטעראַרישע ענינים, וועגן זיין ערנסטן צוגאַנג צו פראַגן פון ליטעראַטור.

מען דאַרף אינזינען האָבן, אַז דער טראַגישער, יונג־פאַרשטאָרבענער אַר־בעטער־דיכטער מיט אַ גרויסן טאַלאַנט, מיט אַ זעלטענעם זכרון און מיט אַ היפשער קולטור, האָט געשאַפן בלויז עטלעכע געציילטע יאָר (אין די ניינ־ציקער יאָרן). ער איז באַלד אָנערקענט געוואָרן אַלס דער ווירדיקער יורש און פאָרזעצער פונעם אַרבעטער־דיכטער און רעוואָלוציאָנערן ליריקער דוד עדעלשטאַט ((1866־1892), וועלכער איז געקומען קיין אַמעריקע מיט אַ צען יאָר פריער און וועמענס שאַפונג־פעריאָד עס איז געווען פון 1889 ביז 1892. באָוושאָווער האָט אונדז איבערגעלאָזט אַ רייכע, באַדייטנדיקע ירושה, — ווערק, פון וועלכע עס קאָנען און דאַרפן אַ סך לערנען סיי די אַרבעטער־מאַסן, סיי די שרייבער פון היינט.

אין דער יידישער אַרבעטער־דיכטונג פון אַמעריקע אין די אַכציקער און ניינציקער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט פאַרנעמט באָוושאָווער גאָר אַ חשוב אָרט. שוין ביי זיין לעבן פלעגן איניקע פון זיינע לידער אָפט דעקלאַמירט ווערן. איניקע פון זיינע שאַפונגען זיינען אַריינגענומען געוואָרן אין כרעס־טאָמאַטיעס. לויטן גייסט פון זיינע שאַפונגען איז ער געשטאַנען באַזונדערס נאָענט צום יונג־פאַרשטאָרבענעם דוד עדעלשטאַט.

ביידע, באָוושאָווער און עדעלשטאַט, זיינען געווען פאַרבונדן צווישן זיך ניט נאָר פּאָליטיש און אידייאיש (ביידע — אַנאַרכיסטן), נאָר אויך קינסט־לעריש. אין אַ היפשער צאָל פון זייערע לידער טרעפט איר ענלעכע סו־זשעטן, טעמעס, מאָטיוון, בילדער. באָוושאָווער איז געווען היפשלעך באַווירקט פון עדעלשטאַטן (פונקט ווי עדעלשטאַט איז אין אַ געוויסער מאָס געשטאַנען

אונטער דער השפעה פונעם „זיידן" פון דער יידישער פראָלעטאַרישער ליטעראַטור, מאָריס ווינטשעווסקי, 1932־1856), נאָר ער האָט אים קינסטלעריש איבערגעשטיגן: ער איז געשטאַנען העכער פון אים אין רייכקייט פון שפראַך און אין שיינקייט פון פאָרם, אין פּאָעטישער מייסטערשאַפט, אין דיכטונג־מיטלען. ער האָט קינסטלעריש פאַרטיפט אַ סך פון עדעלשטאַטס סוזשעטן, עמאָציעס, אידייען, בילדער, געדאַנקען. ביישפּילן פון ענלעכקייט אין מאָטיוון ביי ביידע אַרבעטער־דיכטער געפינט איר אין באָוושאָווערס ערשטע לידער (1892) „צום ווינט", „צו די שטערן", „דער בלומען־איבדזל", „צום שקלאַף", „פון מיין אַלבאָם", און אין זיינע שפּעטערדיקע לידער (1893): „דער פראָסט", „מערץ־געדאַנקען", „צום קעמפער" און אין עדעלשטאַטס לידער: „צו מיין פעדער", „שטערן און בלומען", „דער רויטער זעגל", אַ טרויעריקער געלעכטער", „פון מיין טאָגבוך", „פאַרבלוטיקטע גייסטער", „מערץ־בילדער", „צו אַ פריינט". באָוושאָווערס ליד „שרייבנדיק" אָדער „ביים שרייבן" דערמאָנט אויך אין עדעלשטאַטס „פאַרבלוטיקטע גייסטער" און אין ווינטשעווסקיס „דאָס געשפענסט"; באָוושאָווערס מאָטיוו אין זיין ליד „אַ מאָנאָלאָג פון דער דומהייט" דערמאָנט אין עדעלשטאַטס „אַ טרויעריקער געלעכטער". בכלל גערעדט, קאָן מען זאָגן, אַז בעת אין עדעלשטאַטס ליריק איז פאַראַן מער האַרץ, איז אין באָוושאָווערס קרעפטיקע לידער און פּאָעמעס פאַראַן מער קאָפּ, געדאַנקלעכקייט, אויך מער שטורעם און ברויז.

ש. אַגורסקי האָט אין זיין פאָררעדע צו דער ערשטער סאָוועטישער זאַמלונג פון באָוושאָווערס לידער געשריבן מיט גרויס באַגייסטערונג, אַז „שיין און מעכטיק איז געווען באָוושאָווערס פראָפעטישע שטימע". איז דאָס אַוודאי ריכטיק. אַ „פראָפעטישע שטימע" — די שטים פון דער יונגער רעוואָלוציאָנערער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע האָט דאַן ערשט גענומען אויפשטייגן, וואַקסן און אַנטוויקלען זיך. אָבער ניט דאָס „פראָפעטישע" איז געווען דער עיקר אין זיין דיכטונג, נאָר דאָס פראָלעטאַרישע, אַרבעטערשע, רעוואָלוציאָנערישע. מען דאַרף דיפערענצירן: בעת דער „זיידע" פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, ווינטשעווסקי, איז געווען אַ מאַרקסיסט, אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, וועלכער איז אויף זיינע עלטערע יאָרן געוואָרן אַ קאָמוניסט, זיינען עדעלשטאַט און באָוושאָווער געווען אַנאַרכיסטן (עדעלשטאַט אַקטיוו), און מאָריס ראָזענפעלד (1923־1862), וועלכער באַלאַנגט אויך טיילווייז צו אָט־דער גרופּע, איז געווען אַ זינגער פון שאַפּ־מאָטיוון, פון שניידער־לידער, אַן אַרבעטער־דיכטער, וועלכער איז שפּעטער באַווירקט געוואָרן פון נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען און אידייען.

מען דאַרף אינזינען האָבן דעם היסטאָרישן פעריאָד, אין וועלכן זיי האָבן געשאַפן. מען דאַרף אינזינען האָבן בכלל דעם צושטאַנד פון דער יידישער ליטעראַטור אין יענער צייט. ערשט דאַן ווערט קלאָר די וויכטיקייט פונעם ביישטייער פון די פיאָנערן פון דער יידישער אַרבעטער־פּאָעזיע פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג, פאַר דער פראָלעטאַרישער ליטעראַטור און בכלל פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער פּאָעזיע.

ווי באַקאַנט, האָבן בורזשואַזע יידישע שרייבער אין פאַרשיידענע צייטן געפּרוּווט מיניםיזירן און מאַכן צו קליינגעלט דעם קינסטלערישן באַדייט פון די שאַפונגען פון די אויבנדערמאָנטע גרונטלייגער פון דער יידישער אַר־בעטער־פּאָעזיע אין אַמעריקע. די בורזשואַזע פיינשמעקער פלעגן שרייען, אַז די שאַפונגען פון אַ ווינטשעווסקי, עדעלשטאַט, באָוושאָווער און טייטלוויז ראָזענפעלד זיינען גאָר קיין פּאָעזיע ניט. זיי פלעגן טענהן, אַז דאָס איז ניט מער ווי פּראָפּאַגאַנדע אין פערזן, עדיטאָריעלס אין גראַמען, „געגראַמטע גע־דאַנקען"; אַז דאָס איז אַ „נאַקעטער סטיל" אָן אימאַזשן און בילדלעכקייט, אַ „פּראָקלאַמאַציע־סטיל", וואָס פּאַסט זיך בלויז פאַר פלוגבלעטלעך, אַ „פּראָקלאַמאַציע־רעטאָריק". זיי האָבן ניט געזען און ניט געוואָלט זען, אַז די יידישע אַרבעטער־דיכטער פונעם סוף פון לעצטן יאָרהונדערט האָבן געטאָן פּיאָנערן־אַרבעט אין פּרט פון אויסשמידן, אויסהאַמערן אַ פּאַסיקן, גע־הערי‍קן סטיל, אַ פּאָעטישן פּראָלעטאַרישן סטיל, וואָס זאָל האַרמאָנירן מיט די מאָטיוון פון ביטערער נויט און עקספּלואַטאַציע, פון איין זייט, און פון די שטימונגען און אָנהויבן פון שאַרפן צאָרן, פּראָטעסט און קאַמף, פון דער צווייטער זייט.

פאַרשטייט זיך, אַז אין באָוושאָווערס פּאָעזיע, ווי אין די לידער פון ווינ־טשעווסקי, עדעלשטאַט און ראָזענפעלד, איז פאַראַן אַ היפּש ביסל פּראָזאַ־אישקייט און אָפּטמאָל אפילו רויקייט פון פאָרם, צופיל „נאַקעטקייט" פון וואָרט, ניט געניג בילדלעכקייט. ס'איז אויך אמת, אַז איר טרעפט אין זייערע לידער אַ סך „דייטשמעריזמען" און רוסיציזמען; אַז איר געפינט אין דער שפּראַך פון באָוושאָווערס ליד אַזוינע ווערטער, ווי „זאַגע", „ראָזע", „אַי־מער", „צעראָניעט", „לאַמפּע", „געצעגערט", „בלומע", א. אַנד. אָבער מען דאַרף וויסן און אײנזינען האָבן, אַז אין אַ גאַנצער ריי היסטאָרישע תקופות איז דער עלעמענט פון פּראָזאַאישער געדאַנקלעכקייט, פון „דערהויבענע אמתן", אידייאישקייט און כוונות, אויסגעדריקט אין סטיל פון פּראָקלאַ־מאַציע, געווען פאַרלייגט אין סאַמע יסוד פון דער פּאָעזיע. אַלס ביישפּילן קאָנען דינען: די פּאָעזיע פון די רוסישע דיכטער־דעקאַבריסטן (רילעיעוו, א. אַנד.); דער סטיל פון די סאָוועטישע דיכטער אין די יאָרן פון בירגער־קריג; דער סטיל פון די פראַנצויזישע דיכטער אין די צייטן פון די רע־וואָלוציעס אין פראַנקרייך, א. אַנד. די „פּראָזאַאישקייט" אין דער דיכטונג פון באָוושאָווער צי עדעלשטאַט איז געווען נאַטירלעך און כאַראַקטעריסטיש פאַר יענעם „שטורעם־און דראַנג"־פּעריאָד אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע, דער פּעריאָד פון דער אַנאַרכיסטיש־אוטאָפּיסטישער יידישער אַרבעטער־פּאָ־עזיע אין אַמעריקע.

אָבער קיינער קאָן ניט לייקענען די פּאָעטישע גבורה און עכטקייט אין באָוושאָווערס לידער. אויך דער אויבן־דערמאָנטער „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור" גיט־צו, אַז באָוושאָווערס הימן „אַ געזאַנג צום פאָלק" איז „אַ פּערל אין דער יידישער פּאָעזיע".

און אָט ווי עס „אַרבעט" אידייאישע און סאָציאַלע קרובהשאַפט: די

מאַטיוון, פּאָעטישע אויסרופן און אויסגעשרייען פון באַוושאַווערן און די אַנדערע דריי יידישע אַרבעטער־דיכטער האָבן שפּעטער מיט יאָרן (אין די ערשטע יאָרן פון און נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע) אָפּגעהילכט אין די לידער פון די יונגע סאָוועטישע אַרבעטער־דיכטער. באַוושאַווערס ליטע־ראַרישע טראַדיציע איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן (בילדער און געשטאַלטן) אין דער נאָך־אָקטאָבערדיקער יידישער פּאָעזיע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און אין דער יידישער פּראָלעטאַרישער פּאָעזיע אין אַמעריקע און אַנדערע לענ־דער אין די צוואַנציקער און שפּעטערדיקע יאָרן פונעם איצטיקן יאָרהונדערט. די זוימען פון די יידישע פּראָלעטאַרישע לידער פון די אַכציקער און ניינ־ציקער יאָרן זיינען אויפגעגאַנגען אין די פּרוכט פונעם אָקטאָבערישן און נאָך־אָקטאָבערישן ליד. באַוושאַווערס מוזע — אַ באַאיינפלוסטע פון דער ביבל, פון וואָלט וויטמאַן, פון עדעלשטאַט — האָט מיט אירע וויכערס און שטור־רעמס, מיט מאָטיוון פון מעכטיקן קלאַסן־צאָרן, פון „רויטע לאַווע" און „בלוט־רויטע פאָנען" אָפּגעקלונגען אין די ערשטע, יונגע יידיש־סאָוועטישע לידער, און זייער עכאָ האָט זיך דערהערט אויך אין ליד פון פיל פּראָגרעסיווע, פּראָ־לעטאַרישע שרייבער אין אַנדערע לענדער.

ביישפילן: באַוושאַווערס שטאָלצע געשטאַלט פונעם „פרייען מענטשן", וואָס איז „שטאָלצער פון אַ גאָט" („אַ שטיקל שטויב אין גרויסן, ברייטן וועלט־רוים, דאָך שטאָלצער פון אַ גאָט דורך זעלבסטבאַוואוסטזיין") איז שפּע־טער מיט יאָרן ווידערהאָלט געוואָרן אין פיל לידער און ענלעכע מאָטיוון וועגן מענטשלעכע ריזן־געשטאַלטן אין די ווערק פון יידישע סאָוועטישע דיכטער (באַזונדערס אין די לידער פון חיים גילדין, מ. יודאָוויץ, ז. אַקסעל־ראָד, א. אַנד.). באַוושאַווערס געזאַנג צו „די מאַשינען בלאַנקע, די ריזיקע אייזערנע שקלאַפן, וואָס היטן די מענטשלעכע כוחות און העלפן די רייכ־טימער שאַפן", האָט שפּעטער קרעפטיק אָפּגעקלונגען אין די שאַפּ־לידער פון אונדזערע אַמעריקאַנער יידישע „פּראָלעטפּען"־דיכטער און אין די לידער פון באַפרייטער מי, פון מאַשינען און טראַנסמיסיעס אין סאָוועטיש־יידישן ליד, אין די נייע סאָוועטיש־יידישע „אינדוסטריעלע ריטמען", „האַמער־קלאַנ־גען", געזאַנגען פון שטאָל און אייזן אין דער סאָציאַליסטישער בויאונג. נאָך ביישפילן וואָלט מען געקענט ברענגען אָן אַ שיעור.

דעצ. 24, 1950

.2

אין באַוושאַווערס לידער (לירישע־פילאָסאָפישע) קומען אויך אינדיווי־דועלע אָדער אפילו אינדיווידואַליסטישע שטימונגען צום אויסדרוק, אָבער דער הויפּט־טראָפּ איז געשטעלט אויף דעם קאַמף־מאָטיוו, דער עיקר אויף וועקן די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן צום קאַמף פאַר פרייהייט. פּונקט ווי עדעלשטאַט, האַלט ער פאַר דער וויכטיקסטער סאָציאַלער פונקציע פון זיין ליד צו „וועקן און באַקלאָגן", כל־זמן דער אַרבעטער וועט „טראָגן געדולדיק

די שענדלעכע קייט" פון לוין־שקלאַפעריי (אין ליד „צום אַרבעטער"). אין זיין ליד „צו מיין מוזע", בעט ער די מוזע:

ביז איך וועל פאַלן, באַלייכט מיר מיין זינען,
צו וועקן די ברידער, וואָס זיינען פאַרגרייזט...

(אגב, זיין אויסדרוק „באַלייכט מיר מיין זינען" און אייניקע אַנדערע ענ־לעכע אויסדרוקן זיינען אינטערעסאַנטער פאָרש־מאַטעריאַל פאַר פסיכיאַטאָרן אַלס אַנדייטונגען אָדער וואונקען פונעם דיכטער אויף די סימנים פונעם אומ־גליק, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אויף אים.)

פונקט ווי עדעלשטאַט האָט באַצייכנט זיין פעדער אַלס זיין „גייסטיקע שווערד", אַזוי האָט באַוושאָווער אויסגערופן צו זיין מוזע (אין ליד „צו מיין מוזע"):

דו הימלשע טאָכטער, דו הייליקע, פיינע —
נאָר דו ביסט מיין וואָפן, נאָר דו ביסט מיין שווערד.

דער דיכטער־קעמפער, דער דיכטער וועלכער האָט גערעדט וועגן „די ליד, וואָס יעטווידער אות איז אַ טרער", האָט פאַרשטאַנען, אַז פּאָעזיע, ווי ליטעראַטור בכלל, איז וואָפן און אַז דער רעוואָלוציאָנערער קעמפער מוז זיין פאַרבונדן מיט די מאַסן, מוז זיין דער שליח־ציבור פון די מאַסן, דער קינסט־לערישער אויסדריקער פון זייערע ליידן, שטרעבונגען, האָפענונגען. אין זיין ליד „צו מיינע ברידער" האָט ער שיין און ערלעך געזונגען:

די פידל בין איך,
די סטרונע זייט איר.
נאָר איר קענט דעם קלאַנג
דערוועקן אין מיר.

דער דיכטער — די פידל, די פאָלקס־מאַסן — די סטרונעס! די מוזע איז באַרופן צו „וועקן די ליידנדע ברידער, וואָס יאָמערן שטיל". דער דיכ־טער־רעוואָלוציאָנער, דער מאָנער און וועקער, דער טרערן־דיכטער און קעמ־פער, האָט געטרוימט:

ווי אַ ליכט־טורעם וועל איך זיין
אין דער וועלט פון שמערץ און פיין.

אָבער ער, דער קענער און פאָרשער פון פּאָעזיע, האָט געוואוסט און פאַרשטאַנען, אַז ס'איז ניט גענוג בלויז צו קלאָגן און יאָמערן אין ליד, אַז כדי דאָס קאַמף־ליד זאָל זיין דערהויבן און קינסטלעריש־ווירקזאַם, מוז דער דיכטער שטרעבן צו געפינען אַלץ פּאַסיקערע פאָרמען פאַרן אינהאַלט פון ליד. זיין צוגאַנג צום דיכטערישן וואָרט איז געווען אַן ערך טיפער און ווייט־גרייכנדיקער, ווי ביי עדעלשטאַטן. זיין באַציאונג צום פּאָעטישן וואָרט מאַכט ער אַליין קלאָר אין אייניקע פון זיינע לידער. זיין ליד „דיכטונג־לוסט" הויבט ער אָן מיט די שורות:

ווי דער דיאַמאַנטן־שלייפער זיץ איך,
און איך פוץ די לידער מיינע.

אין זיין ליד „שרייבנדיק" (אָדער „ביים שרייבן") דערציילט ער ווי ער האָט „מיטן פעדער געצאַצקעט די גראַמען", ווי ער האָט „פיל מאָל יעדע שורה אַלץ איבערגעשריבן", כּדי דער טאַקט זאָל „מוזיקאַלישער קלינגען", ווייל — „ווייל הייגטיקע צייטן...מען וויל, מען זאָל זינגען..." ער האָט פאַרשטאַנען די שווערקייט פון פאַלירן און שלייפן דאָס וואָרט, די „דיאַמאַנטן"; ער האָט געוואוסט דעם ווערט פון פאָרם. בעת ער האָט געשטעלט דעם טראָפּ אויף אינהאַלט, אויף געדאַנקלעכקייט, אויף אידייאישקייט, האָט ער ניט פאַרזען די נויטיקייט און וויכטיקייט אויך פון פאַסיקער פאָרם. אין זיין עסיי „וועגן פּאָעזיע" האָט ער דערקלערט: „גוטע פּאָעזיע איז די, וועלכע דריקט־אויס די טיפסטע, שענסטע, העכסטע, העדהאַבנסטע געדאַנקען, און די רייכסטע, שענסטע און טיפסטע געפילן אין דער שענסטער און פאַסטדסטער פאָרם". דער דיכטער, פאָדערט ער, דאַרף „לערנען צו דענקען גרויס און לאָגיש".

אַליך אַ מוזיקאַליש־באַגאַבטער (מיט אַ פּראַקטיקער טענאָר־שטים), האָט ער געהאַט אַ שאַרפן חוש פאַר מוזיקאַלישקייט אין ליד, פאַר ניואַנסן פון קאָליר און טאָן, אויך פאַר דיכטערישער קאָנסטרוקציע. אָבער ער האָט (שוין אין זיין צייט) געוואָרנט קעגן אַריינפאַלן אין פאָרמאַליזם, קעגן אונטער־שטרייכן די פאָרם אויפן חשבון פון אינהאַלט, פאַר אידייאישקייט און קעגן אידייענלאָזיקייט, קעגן דער שרעק פאַר פשטות, פאַר פשוטע, „פּראָסטע רייד".

אין דעם דערמאָנטן ליד „שרייבנדיק", וועגן די „צרות און פּלאָגן" פון די אַרבעטער־מאַסן, וואָס קומען ווי „געהיימע געשפּענסטער" צום דיכטער אין צימער און בעטן זיך ביי אים אַ קינסטלערישן תיקון, זאָגן די „צרות און פּלאָגן" מיט ביטערער איראָניע צום דיכטער:

אונדז ווילסטו אין שורות און פערזן פאַרצאַמען,
פאַרשיינען, פאַרפּוצן, פאַרגלעטן מיט גראַמען!
דו נאַר! ניין, ניט אונדז וועסטו קענען באַשרייבן!
מעגסט וואַכן און יאָרן נאָך גריבלען און קלייבן.

אין אַנדערע ווערטער, באַוואוסטער האַלט, אַז די ביטערע נויט, די „צרות און פּלאָגן" קאָן מען אַמבעסטן ברענגען צום קינסטלערישן אויסדרוק, ניט דורך „פאַרשיינען, פאַרפּוצן", נאָר דורך „פּראָסטע רייד". אין זיין ליד „אַ גאָלדענע פעדער" דערקלערט ער ווידער, אַז דעם קאַמף־און פרייהייט־מאָטיוו קאָן מען ניט איבערגעבן אָן אַ פעלער מיט אַ „גאָלדענער פעדער". „זי [די גאָלדענע פעדער] האָט מיך געבלענדעט און איך האָב איר שיינקייט באַטראַכט, האָך, אָך! אין מיין פרייהייט־ליד האָב איך אַ פעלער געמאַכט..." דאָס פאַרשפּילן זיך צו־פיל מיט פאָרם, מיט דער געצאַצקעטער פראַזע, מיט דער גאָלדענער פעדער, קאָן, הייסט עס, פירן צו „מאַכן פעלערן" — אידיאיש און קינסטלעריש.

פיל פון באַוואוסטערס לידער — כאָטש דאָ־און־דאָרט מיט שאַבלאָנע, אָפּגעבליאַקעוועטע, אָפּגעריבענע ווערטער און אויסדרוקן — זיינען נאָך עד היום קינסטלעריש קרעפטיק און ווירקנדיק. צו זיינע בעסטע שאַפונגען

געהערן, אָן ספק, זיינע פּאָעמען: „רעוואָלוציאָן" און „אַ געזאַנג צום פּאָלק" — אמתע קינסטלערישע מייסטערווערק, וואָס ווייזן וויפל גרויסע פּאָעטישע ווערק מען וואָלט נאָך געקענט דערוואַרטן פון אָט־דעם באַדייטנדיקן דיכטער.

גוואַלדיק־שיין זיינען זיינע נאַטור־בילדער און מאָטיוון. אויך די נאַטור־עלעמענטן שפּאַנט ער איין צו דינסט דעם פרייהייט־קאַמף. אין זיין ליד „מיין געבעט" ציטערט ער אַריינצופאַלן אין דער נאַטור־צויבער־נעץ און אַזוי־אַרום דערוויטערט ווערן פון טאָג־טעגלעכן קאַמף פון די אַרבעטער־מאַסן. ער בעט זיך ביי דער נאַטור זי זאָל אים לאָזן צורו, זי זאָל איינשטילן אירע „זיסע אַקאָרדן", ווייל „דיין ליד וויל מיין ליבע צום שוואַכן דערמאָרדן". אין זיין ליד „צום ווינט" בעט ער דעם ווינט צו צעטראָגן אויף זיינע פליגלען „די הייסע ווערטער פון מיין פען", וואָס אונטער זיי „קאָן מען פייער זען", צו ברענגען אָט־די „פלאַמען־ווערטער צו מענטשלעכע הערצער, און וועק דאָרט אויף דעם פרייהייטס־פלאַם!"...

ס'וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז דער סטיל פון באָוושאָווערס פּרעכטיקן ליד איז אַן איינהייטלעכער, אַן „אויסגעהאַלטענער", פון איין טייג געקנאָטן. ניין, זיין סטיל איז ווייט ניט קאָנסעקווענט (און האָט דאָס ניט געקענט זיין). איר האָט דאָ אַ געמיש און איבערפלעכט פון טרערן־געזאַנג און פון ברויזנדיקער שטורמישקייט און וויכערדיקייט: אַ מוזע פון „וועקן און באַקלאָגן" צוזאַמען מיט רעוואָלוציאָנערן, פלאַמענדיקן פּלאַקאַט; „הויכן סטיל", מיט לירישער פאַרליבטקייט אין נאַטור, מיט שטייגער־בילדער (ניט קיין סך) פון סאָציאַלן סענטימענטאַליזם און גלאַט סענטימענטאַליזם.

אין דעם זעלבן באַנד פון זיינע געזאַמלטע לידער טרעפט איר אַ מעכטיק געזאַנג צום „מענטשלעכן שכל", וואָס באַצווינגט די גרויסע קראַפט פון דער נאַטור, און — טרערן־לידער: „איך קען זיך ניט העלפן — עס כלי־פּעט מיין פידל, זי יאָמערט, זי וויינט אויף דיין צו־גרויסן שמערץ" (איך ליד „צום אַרבעטער"). פון איין זייט — סאַטירישער, אפּיקורסישער, אַנטי־רעליגיעזער טאָן (אין זיין ליד „צום גלויביקן" א. אַנד.), און פון דער צווייטער זייט — אַ נביאישע, „פּראָפעטישע שטים", גענומען ביי דער ביבל (וואָס דאָס איז גראָד בכלל ניט לגנאי, נאָר לשבח). דאָס אַלץ ווייזט די שוועריקייטן און ראַנגלענישן פונעם דיכטער באָוושאָווער (צוזאַמען מיט דער גאַנצער גרופּע פון די עלטערע אַרבעטער־דיכטער) אין קאַמף פאַר אויסהאַמערן אַ נייעם, געהעריקן סטיל — דעם סטיל פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג. דאָס איז די דיאַלעקטיק פון אַ סטיל — דער סטיל פון אַ קלאַס. און פון די אַלע ראַנגלענישן — דאַרף געזאָגט ווערן — איז דער זיגער אַרויסגעקומען באָוושאָווער דער רעוואָלוציאָנערער דיכטער: דער איבער־וועגנדיקער עלעמענט אין זיין שאַפן, דער לייט־מאָטיוו אין זיין ליד איז דער מאָטיוו פון קאַמף פאַר פרייהייט, דער טאָן פון „גלוטיקער לאַווע", פון שטור־מישן קאַמף, דער טאָן פון דער „רעוואָלוציאָן", וועלכע קומט, „ווי אַ שטאָל־צער קאָמעט, ווי די זון, ווען עס הויבט אָן צו טאָגן", דער מעכטיקער רוף אין „אַ געזאַנג צום פאָלק":

און נעם די געירשנטע אוצרות און נעם פון דיין אַרבעט די פּירות,
און שאַפנדיק לעב און געניסנדיק שאַף אין די פרייערע דורות!

באָרשאָווער, וועלכער איז געשטאַנען אונטער ווהיטמאַנס השפעה, האָט אין זיין באַגייסטערטן אַרטיקל וועגן דעם גרויסן דיכטער פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע, באַצייכנט אים אַלס אַ „שטאַרקן פּאַרטייזדיקער און פריידיקער פון וואָרער פרייהייט אין יעדער הינזיכט". אין זיין ליד „צום אָנדענק פון דוד עדעלשטאַט" (געשריבן אין טאָג פון עדעלשטאַטס טויט), האָט באָרשאָווער באַצייכנט דאָס פרייהייט־ליד פונעם צאַרטן דיכטער אַלס „יענע ליד, וואָס יעדע שורה איז אַ שטאַרקער קריגס־סיגנאַל" אין קאַמף פאַר פרייהייט. אָט־די באַצייכענונגען פּאַסן זיך אַמבעסטן צו באָרשאָווערן גופא. זיין ליד פון קאַמף לעבט צווישן די יידישע אַרבעטער־מאַסן. זיין דיכטערישע געשטאַלט וועט ניט פאַרגעסן ווערן. זיינע בייטראָגן וועלן געניצט ווערן. זיינע פערזן וועלן רעגן און וועקן דיכטער צו טראָגן ווייטער און טיפער זייערע „ווערטער־פלאַמען" צווישן אַלע פאַרפאַלגטע און אונטערדריקטע.

דעצ. 27, 1950



יהואָש

(1927־1870)

„די פּאָסט האָט צו מיר היינט געבראַכט פון ווייט, איבער אַזוי פיל ימען, אַ טיפן, שניידנדיקן טרויער... מיין וואַנדערנדיקע דיכטערין האָט געוויינט אויפן הויכן קול“... אַזוי האָט סוף פעברואַר, 1927, געשריבן פּרץ הירשביין, ווען עס זיינען צו אים אָנגעקומען קיין אינדיע, וואו ער האָט דאַן פאַרבראַכט מיט זיין לעבנס־באַגלייטערין, „די ליטעראַרישע בלעטער“ מיט דער ידיעה, אַז דער גרויסער דיכטער יהואָש (יהואָש־שלמה בלומגאַרטן) איז אויסגעשריבן געוואָרן פונעם „ספר החיים“.

אַ טיפער טרויער האָט דאַן אַרומגענומען די ברייטע יידישע לייענער־און שרייבער־קרייזן איבער גאָר דער וועלט. דער פּריציייטיק־פאַרשטאָרבענער פּאָעט, דער וואונדערלעכער איבערזעצער־איבערדיכטער פון גאַנץ תנ״ך, האָט זיך אין זיין קורצן, שאַפערישן 56־יאָריקן לעבן (1927־1871) באַליבט געמאַכט ביים פאָלק, ווי אַ דיכטער פון גאָר אַ הויכער מדרגה, ווי אַ שיינע עטישע פערזענלעכקייט, ווי אַ גרויסער יידיש־פאָרשער און בכלל ווי אַ קולטור־פערזענלעכקייט מיט גרויסע ביייטראָגן און פאַרדינסטן פאַר דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור.

אין פאָלק איז געבליבן ליב און טייער די דיכטערישע יהואָש־געשטאַלט, די פערזענלעכקייט פונעם גרויסן יהואָש, פונעם לונגען־קראַנקן צאַרטן סענסיטיוון דיכטער, — איינער פון די וויכטיקסטע, אָנגעזעענסטע יידיש־שאַפער פון אונדזער צייט. זיין געראַנגל פאַר לעבן און שאַפן, זיין העראָאישער קאַמף אין משך פון יאָרן אין רחובות, אין עגיפּטן, אין די קאָלאָראַדאָ־בערג קעגן דער פאַרצערנדיקער לונגען־קראַנקהייט, זיין אומאויפהערלעכע שאַפונגס־אַרבעט אויף זיינע אייגענע דורכגעלויכטענע, ציטערדיק־פלאַטערדיקע, פאַרטיפט־פאַרקלערטע לידער („ציטער־קלאַנגען“, ווי פּרץ האָט זיי מיט ליבשאַפט גערופן) און אויף זיין מאָנומענטאַלן, דויער־האַפטן, קלאַסיש־געוואָרענעם לעבנס־ווערק — „די שאַפונג פון אַ יידישן תנ״ך“, וואָס איז ביי אים „געווען דער חלום פון אַ לעבן“, — דאָס אַלץ איז טיף איינגעקריצט אין זכרון פון פאָלק.

„כ׳האָב היינט געזען אַרונטערנידערן דיך אין דיין גרוב,
און איצטער אין דער שטילער, שטילער אָוונט־שעה
דיין לידער־בוך מיט מיר און דו ביסט דאָ, ביסט דאָ!“
(ז. ווײנפּער אין ליד „נאָך יהואָשעס לוויה“)

יאָ, גרויסער יידישער דיכטער יהואָש, דו ביסט דאָ, ביסט דאָ! אויך

איצט, צו שלשים יאָר נאָך דיין פּריצייטיקן אַוועקגיין פון אונדז, לעבט און ווירקט דיין דיכטעריש־געלייטערט, געשליפן וואָרט מיט פולער קראַפט און איבערצייגנדיק.

יהואָש, דער לירישער דיכטער פון דינעם, אויסגעקלאָרטן מוזיקאַלישן וואָרט, איז געווען דער דיכטער פון אידייען, שטימונגען, געפילן. ער, דער גרויסער פּרעציאַנער, תלמיד, פריינט און נאָכפאָלגער פון י. ל. פּרץ, האָט כסדר געאַרבעט אויף זיין ליד, ניט מיד געוואָרן צו שלייפן, פיילן זיין וואָרט, תמיד געשטרעבט צו פולער שלימות, צו האַרמאָניע צווישן אידייע און פאָרם. ער, דער גרויסער מתמיד, האָט דערגרייכט זיין העכסטע מייסטערשאַפט אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן. ער איז ניט געבליבן היגטערשטעליק לגבי דעם גרויסן פאָרשריט פון דער מאָדערנער יידישער דיכטונג, וועלכע האָט מיט ריזן־שריט אַ שפּרייז געטאָן פאָראויס אין פּרט פון פערזן־בוי, טעכניק, וואָרט־מייסטערשאַפט, גראַם, ריטם. ער איז געגאַנגען כסדר פאָראויס — ניט בלויז אין אינהאַלט, לויט די עיקר־מאָטיוון זיינע, נאָר אויך אין פּרט פון פאָרם.

אַרום צוואַנציק יאָר פון זיין שווערן לעבן (אַ לעבן פון עקאָנאָמישע דאגות) האָט ער, גלייכצייטיק מיט דער שאַפונג פון זיינע אייגענע לידער, געווידמעט דער איבערדיכטונג פון דער ביבל — זיין מלאכת־הקודש. דורך אָט־דער יידישער ביבל־שאַפונג האָט ער אויפגעשטעלט אַ לעבעדיקן מאָנומענט זיך, דעם דיכטער, ווי אויך, און דער עיקר, דער יידישער שפּראַך, אונדזער יידישער ליטעראַטור. ער האָט דורך זיין מייסטערהאַפטער ביבל־איבערדיכטונג אויפגעהיט גאַנצע אוצרות פון אונדזער יידיש־לשון. די ביבל־איבערזעצונג איז געווען זיין ליבלינג־אַרבעט, וועלכער ער האָט מיט גרויס התלהבות, ליבשאַפט און טאַלאַנט געווידמעט זיינע יאָרן, כוחות, קענטעניש. דורך זיין ביבל־איבערדיכטונג איז ער פאַר אונדז נתגלה און נתעלה געוואָרן אין זיין פולער קינסטלעריש־שאַפערישער גרויס.

אין זיין אויבן־דערמאָנטן אַרטיקל („יידישע קולטור", מאַי, 1947) האָט פּרץ הירשביין געשריבן וועגן יהואָשן: „פון דער ביבל האָט ער גערעדט מער ווי פון זיינע לידער [מיין אונטערשטרייכונג. — ב. ג.]. כאָטש יעדעס ליד האָט ער באַדאַרפט אויסדיכטן, און די ביבל האָט ער זיך געשטאַרקט איבערצודיכטן און מיט דעם אונטערצושטעלן אַ פונדאַמענט דער אויף דער זאַמד אויפגעשטורעמטער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור".

אַזאַ טיפער, רירנדיקער, צערפולער געפיל פון עלנט און איינזאַמקייט האָט אָפט אַרויסגעאומעטיקט פון יהואָשעס אויגן און פון זיין פאַרבנרייכן, קלינגענדיקן, חלומדיקן ליד. אברהם רייזען האָט אין זיין ליד „יהואָש" (1930) אַזוי כאַראַקטעריזירט יהואָשן דעם דיכטער און מענטש:

„אין איינזאַמקייט אַליין, אַליין
האָט ער געזען די וואָלקן גיין;
האָט ער געזען די זון אין פּראַכט,
איר אויפגאַנג, נאָך דער לאַנגער נאַכט".

שוועך האָט געדריקט די אַרומיקע ביזנעס־אַטמאָספער, די גרויע פּראָ־זאַאישע פאַרגעלטעוועטע ווירקלעכקייט, די אייביקע דאגה פון פּרנסה, פון „מאַכן אַ לעבן" — און דער פיזיש־קראַנקער דיכטער פון רוחניות האָט זיך אין זיין אַליינקייט אָפּט איינגעשלאָסן אין די דלד אמות (און הויכע וועלטן פון זיין ליד, אין אָפּגעזונדערטקייט, אין זיין קליינער דירה אויף ווהיטלאַק עוועניו, בראָנקס. דאָרט האָט ער זיך מתבודד געווען מיט זיין דיכטערישער מוזע, דאָרט „אין געוועב" (דער נאָמען פון צוויי פון זיינע לידער־בענד, דערשינען אין 1919 און 1921), האָט ער געוועבט דעם גאָלדענעם פאָדעם פון זיין ליד, פון וועלכן ס'האָט אַרויסגעשטראַלט זיין „איך", זיין ליידנדיקע פּערזענלעכקייט — „אַ נאָמען הייליק־אויסגעשמידט פון אַלטן גאָלד — יהואָש" (א. סוצקעווער).

און אין יענע שווערע ביחידות־מאָמענטן האָט ער געגאַרט נאָך מנוחה ושלווהדיקייט, נאָך רו; האָט ער געזונגען:

„באַשער מיר איצט די רו.
נישט געפעכט, נישט געלוסט,
נאָר רו".

אין זיין לעכצן נאָך רו איז אויך געווען דאָס גאָרן אָפּצורוען זיך פון די אומבאַרעכטיקטע, נאַרישע חוזק־פייַלן, וואָס דיכטער פון דער גרופּע און ריכטונג „יונגע" האָבן געצילט קעגן אים, ווי קעגן אַן „עלטערן", כאָטש אין זיין שאַפערישן גייסט, אין זיין דיכטונג, אין זיין אויפפאַסונג פון ליד, אין זיין אייביקן שטרעבן צו דער דערהויבונג פון דיכטערישן וואָרט איז ער געווען באמת יונג ביזן סוף פון זיין לעבן.

די „יונגע" האָבן אים באַקעמפט, מינימיזירט זיין ביישטייער צו אונדזער דיכטונג. זיי האָבן געטענהט: זיין „עברי" איז צו־שווער, צו־האַרב, זיין סטיל — צו־האַרט, זיין לשון איז (לויט זייער באַנעם) ניט גענוג מוזי־קאַליש, און — זיין ליד לייַדט פון צופיל „געדאַנקלעכקייט", צופיל אינטע־לעקטואַליזם. די שרייבער, וואָס האָבן אַרויסגעשטעלט אָט־די טענות און וואָס האָבן אַרויסגעוויזן ביטול צו יהואָשן, דעם עכטן פאַרזעצער פון דער פרץ־טראַדיציע אין אונדזער ליטעראַטור, האָבן, קענטיק, פאַרזען (אָדער ניט געוואָלט זען!) די באַדייטונג פון זיין פילאָסאָפישן ליד געבוירן אין מעדיטאַציע, פון זיין השתפכות־הנפשדיקן אָדער חשבון־הנפשדיקן ליד, וואָס האָט צומאָל מיט תהלימדיקער קראַפט אַרויסגעשטראָמט פון זיין געפיי־ניקטן ביבל־באַאיינפלוסטן גייסט, פון זיין דיכטעריש־דענקערישער באַפליגל־טער וויזיע.

איינער פון די דעמאָלטדיקע „יונגע", דער ביז גאָר טאַלאַנטפולער הו־מאָריסט־סאַטיריקער משה נאַדיר, האָט גאָר ביטער געחוזקט פון יהואָשעס ווערק „פון ניו־יאָרק ביז רחובות און צוריק". נאַדיר האָט געשפּאָט: „ער [יהואָש] פאָרט שרייבנדיק און שרייבט פאָרנדיק", „דאָס גאַנצע בוך טריפט מיט זונענשיין און לבנה־שטראַלן", „עס איז אַ יובעליר־געשעפט, וואָס באַ־שטייט פון לויטער שויפענצטער", „יהואָש דענקערט דורכאויס און פול־

שטענדיק און אַהין און צוריק", א. אַז. וו. (פון אַרטיקל „יהואָש" אין נאַדירס בוך „מיינע הענט האָבן פאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט", ניו־יאָרק, 1919).

איניקע פון די „יונגע" האָבן ממש געפירט אַ „קאַמפּאַניע" פון מבטל־זיין, „אַרונטעררייסן" יהואָשן, דעם דיכטער פון לויטערער יידישער ליריק, פון עכט־יידישע און אויך אוניווערסאַלע, אַלמענטשלעכע מאָטיוון. און ער — דער מייסטער פון אונדזער דיכטונג, דער ממשיך פון פרצן, האָט עקשנותדיק, ממש מסירת־נפשדיק, העראָאיש, מיטן בלוט פון האַרצן געאַרבעט אויף זיין ליד, געאַרבעט אומאויפהערלעך איך נאָכאַנאַנד און ווידעראַמאָל און פיל מאָל איבעראַנדערשן זיין תנ"ך־איבערזעצונג, זיין גרויסע מתנה צו אונדזער לשון, צו אונדז און צו די קומענדיקע יידישע דורות. ער האָט געמייסטערוועט זיין וואָרט, אַז עס זאָל ווערן די פּאָסיקע כלי פאַר זיין דיכטערישער שטימונג, עמאָציע, מחשבה, וויזיע. ער איז דערגאַנגען, דורך שווערער מי און עקשנות, צו דער מדרגה פון אַ מייסטער פון אונדזער דיכטערישן וואָרט.

שוין דער אָנהייב פון זיין יידיש־שאַפן איז געווען גראַאָטן און האָט אָנגעזאָגט דעם אָנקום פון אַ חשובן, וויכטיקן יידישן דיכטער. אונדזער גרויסער י. ל. פרץ האָט געהאַט דעם כוח צו דערזען דעם אויפשפּראָץ פון יהואָשעס יונגן טאַלאַנט. פרץ האָט אין זיין זאַמלבוך „אידישע ביבליאָ־טעק" אָפּגעדרוקט מיט גרויס פרייד אייניקע פון יהואָשעס ערשטע לידער, און האָט אויף זיי געמאַכט אַ „שהחיינו". אָט־די לידער זיינען געבראַכט געוואָרן צו פרצן דורך יהואָשעס שוואָגער בן־אביגדור (ל. שאַלקאָוויטש) פורים־צייט, 1890. שפּעטער, עטלעכע טעג נאָך פסח אין יענעם יאָר, איז דער יונגער, קוים 20־יאָריקער יהואָש געקומען פון זיין שטעטל ווערזש־באָלאָוו (ווירבאַלין), סואוואַלקער געגנט, קיין וואַרשע, און האָט זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט פנים־אל־פנים מיטן גרויסן קלאַסיקער, מיטן דאַן פערציק־יאָריקן י. ל. פרץ. געווען איז עס אַ שאַפערישע, פרוכטבאַרע באַ־געגעניש. צווישן ביידע דיכטער האָט זיך פאַרקניפּט אַן אייביקע פריינט־שאַפט. ביידע זיינען דאָך אין גייסט, אין וויזיע געווען אַזוי נאָענט איי־נער צום אַנדערן. פרץ, דער „טאַטע" פון אונדזער ליטעראַטור, דער פריינט און דערמוטיקער פון יעדן עכטן טאַלאַנט, האָט אָנגעקוואָלן פון דער אָרי־גינעלקייט פון יהואָשעס דיכטערישן וואָרט. ער האָט געשעפּט נחת פון יהואָשעס ערשטע לידער „ר' מתיא", „מזמור שיר ליום השבת", „בית שני" — פון די מאָטיוון פון דער אַלטער יידישער פאַרגאַנגענהייט.

פרץ האָט אַרויסגעוויזן צום יונגן, אָנפאַנגערישן דיכטער אַ זעלטן־שיינע, וואַרעמע, באַגייסטערנדיקע באַציאונג. ער האָט אים מיט ליבשאַפט גערופן: „אונדזער בייראָן".

אַ פּאָר חדשים נאָך זיין באַגעגעניש מיט פרצן איז דער קוים 20־יאָרי־קער יהואָש אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע (1890). די פריינטשאַפט האָט אָנגע־האַלטן. אין אַ בריוו אין 1892 האָט פרץ, דער פירער און מורה־דרך פון דער יידישער ליטעראַטור, געמאָנט ביים יונגן יהואָשן לידער פאַר דער „יידישער ביבליאָטעק". „אויב איר וועט מיר נישט שיקן אייערע לידער,

וועט דאָס דריטע בוך פון דער „ביבליאָטעק' אַרויס אינגאַנצן אָן לידער״, האָט דער גוטער, מאָנענדיקער פרץ געוואָרנט.

באַזונדערס שווער, ביטער זיינען געווען יהואָשעס ערשטע יאָרן אויפן היגן, אַמעריקאַנער באָדן. נייע סביבה, נייע באַדינגונגען. עס האָט געוויעט אַ קעלט. עס זיינען געקומען איינפלוסן פון ענגליש, פון דער ענגלישער ליטעראַטור. די דיכטערישע שפּראַך פונעם יונגן פּאָעט איז געוואָרן האַרטלעך, באַווירקט פון אַנגליציזמען, פון ענגלישן וואָרט־בוי. די האַרציקייט, פליסיקייט, נאַטירלעכקייט פונעם היימיש־יידישן, ווייכן, מילד־פּאָעטישן וואָרט האָט זיך ביסלעכווייז אויסגעוועפּט. דאָס איז געווען דער ערשטער אַמעריקאַנישער פּעריאָד אין דעם דיכטערס שאַפן; זיין פּעריאָד פון ראַנגלען זיך פאַר דעם פּאַסיקסטן, עכט־יידישן דיכטערישן וואָרט, פאַר צמצום פון אויסדרוק, דייטלעכקייט און פּרעציזקייט פון וואָרט. דאָס איז געווען די אַרבעט פון אַ דיכטער אַ פּיאָנער אין אַ פּיאָנערישער פּאָעזיע: די אַרבעט פון אָפּראַמען פּסולת און אַרויסאַנטפּלעקן דעם טולת פון פּאָעטישן וואָרט, די אַרבעט פון מגלה־זיין אין אונדזער יידיש לשון אַלע פאַרבאָרגענע פּאָעטישע שיינקייטן.

די רעזולטאַטן פון יהואָשעס דיכטערישער טעטיקייט פון יענעם ערשטן, שווערן, נאָך־ניט־מייסטערישן פּעריאָד זיינען פאַרעפּנטלעכט געוואָרן אין 1907 אין זיין ערשטער אויסגאַבע „געזאַמלטע לידער״ (388 ז״ז). אין יענע לידער זיינען שטאַרק ניכר דריי איינפלוסן: די השפּעה פון תנ״ך, פון פּרצן, פון היינריך היינע (אין די ליבע־מאָטיוון און ראָמאַנצן). דער גרויסער פּרץ האָט מיט ענטוזיאַזם אויפגענומען יענע אויסגאַבע. „איר האָט אונדז אַ פּראַכטפולע מתנה געגעבן!״, האָט דאַן פּרץ געשריבן צום 36־יאָריקן יהואָשן. פּרץ האָט אים אָבער דערביי פריינטלעך־חבריש געוואָרנט קעגן אַרונטערפאַלן אונטער היינעס איינפלוס: „די ראָמאַנצן, אָנגעשטעקט מיט היינע, פילן זיך שלעכט נאָך — היינע״... פּרץ האָט יהואָשן אויך גערופן צוריקצוגיין צום היימישן סטיל פון זיינע אַמאָליקע „וואַרשעווער זאַכן״; „באַפרייט איך פון ענגליש־אַמעריקאַנישן סטיל, יוערט צוריק אונדזער, צוריק פליסנדיק! צוריק — ציטער־קלאַנגען!״

דער איידעלער יהואָש, פּרצעס באַגייסטערטער חסיד, נאָכפאָלגער און פאַרערער, האָט זיך צוגעהערט צו דער גוטער עצה פונעם עלטערן דיכטער, פון זיין ערשטן רעדאַקטאָר, פון זיין ליטעראַרישן מדריך. ריכטיק האָט באַמערקט נחמן מייזיל אין אַן עסעי „פּרץ און יהואָש״ אין זיין בוך „פּרץ און זיין דור״: „פּרץ און יהואָש — זיי זיינען אין תוך, אין זייער יסוד, אין זייערע וויזיעס געווען פיל נעענטער און אייגענער, ווי מיר אַליין האָבן זיך אַלעמאָל פאָרגעשטעלט״). יהואָש האָט געפירט אַ ביטערן קאַמף פאַר דער אויסלייטערונג פון זיין וואָרט. אין אַן עסעי, וואָס האָט אפשר געקלונגען צו־שאַרף, צו־קריטיש, כאָטש מיט אַן אויסדרוק פון גרויס אָנערקענונג צום טאַלאַנטפולן, קאָליריפולן דיכטער, האָט מ. אָלגין אין 1915 אָנגעוויזן: „יהואָשעס שפּראַך איז, דאַכט זיך, די גרעסטע הינדערניש אויפן וועג פון זיין פּאָעטישן

שאַפן. עס קומט־פאַר אַ האַרטע, אַנגעשטרענגטע, פאַרביטערטע מלחמה צווישן אים און דער שפּראַך. ער ראַנגלט זיך מיט אַלע זיינע כוחות, ער אַרבעט און מיט זיך מיטן שוויס פון זיין פּנים — און ניט שטענדיק גייט ער אַרויס דער זיגער. געוויינלעך האָט ער מער צו זאָגן, ווי עס דערלויבן אים די גרענעצן פון זיין שפּראַך" (פון אַלגינס בוך „אין דער וועלט פון געזאַנגען", ניו־יאָרק, 1919). און דער שוין דערמאָנט־ערנסטער ליטעראַטור־פאַרשער אַלגין האָט געבראַכט פיל ציטאַטן פון יהואָשעס לידער צו אי־לוסטרירן און באַקרעפטיקן זיין אויספיר. שוין דאַן האָט זיך אַלגין באַמיט צו דערגרונטעוועז זיך צום מקור, מהות און איכות פון יהואָשס שאַפן, צו זיין אָרט אין אונדזער ליטעראַטור, צו זיינע גרונט־מאָטיוון. ער האָט דער־ביי געהאַלטן פאַר נויטיק אָנצואווייזן: „ער [יהואָש] האָט אַ ווערטער־שאַץ אפשר אַ רייכערן ווי אַנדערע דיכטער. אָבער אַז ס'קומט צום שרייבן, זיינען די ווערטער־קאָמבינאַציעס אַזוי האַרט, טרוקן, שווער אַראָפּצושלינגען — און אַזוי ווייניק מעלאָדיש".

עס האָט דעם עכטן דיכטער יהואָש גענומען יאָרן פון שווערער מי צו באַפרייען זיך פון אָט־די אויבן־אָנגעוויזענע שפּראַכלעכע שטערונגען און סטיל־חסרונות. ער איז נאָך יאָרן מי אַרויס דער זיגער — דער געבענטש־טער זינגער, אויך אין פּרט פון מעלאָדיע, נגינה, פון קלאַנג און טאָן, אין מוזיקאַלישקייט, אויך אין רייכער בילדלעכקייט, אין אימאַזש, אין מאַלעריי פון דיכטונג.

אין משך פון זיין גאַנץ לעבן האָט דער ליכטיקער דיכטער יהואָש גע־שעפּט זיינע מאָטיוון, איינפלוסן פונעם תנ"ך, פונעם „ספר הספרים"; פון נאַטור; פון דער יידישער פאַרגאַנגענהייט און געגנוואַרט, פון אוניווערסאַלע וועלט־ענינים; פון די דורותדיקע קוואַלן פון דער אַלמענטשלעכער קולטור; פון די טיפעניש פון זיין דיכטערישן איך. יהואָש האָט זיך אין די ערשטע פעריאָדן פון זיין שאַפן אָפּגעגעבן מיט נאַציאָנאַלע מאָטיוון, מיט מאָטיוון פון „חיבת ציון", מיט ענינים, טעמעס, בילדער, געשעענישן און געשטאַלטן פון דעם אַלטן יידישן עבר, פון תנ"ך, תלמוד. ער האָט געשעפּט פולע הויפנס פון מאָמענטן און קאַמפן פון דער אַלטער יידישער געשיכטע, פון די קולטור־אוצרות פון אונדזער פאָלק. ער האָט, דער ערשטער נאָך ש. פרוגן, געשעפּט מאַטעריאַלן פון דער אגדה, באַאַרבעט, איבערגעדיכטעט אַלטע יידישע פאָלקס־לעגענדעס, און געפונען פאַר זיי פאַסיקע יידישע פּאָעטישע פאָרמען. ער האָט דערביי אויך ניט צוריקגעהאַלטן זיין דיכטערישן בליק פון די סאָציאַלע קאַמפן פון היינט, פון דער געשיכטע פון זיין צייט. אַ דיכטער־באַאָבאַכטער מיט אַ שאַרף אויג און אַ שאַרף געהער, בכלל מיט שאַרפע חושים, אַ טראַכטער און באַטראַכטער, אַן אַריינבליקער אויך אין דער צו־קונפט, האָט זיין האַרץ אָפט געבלוטיקט אויף די סאָציאַלע אומרעכטן.

ריכטיק האָט באַמערקט אַלגין שוין אין זיין אויבן־דערמאָנטער עסיי פון 1915: „יהואָש איז אין זיינע גרעסטע־אַפּטלעכע לידער מערסטנטייל פּראָגרעסיוו... ער זינגט פון קאַמף, ער זינגט פון טאַט, ער זינגט פון ליכט,

ער זינגט פון אַ גאָלדענער צוקונפט — ער גלויבט אין לעבן און אין דעם זיג פון גוטן — און זיינע געזאַנגען זיינען פול מיט אַ קראַפטפולן פּאַטאָס". און ציטירנדיק פון יהואשעס לידער, באַמערקט אַלגין: „אין די דאָזיקע און ענלעכע לידער איז יהואש אונדזווער, אַן איינענער, אַ נאַענטער, אַ מענטש וואָס דריקט־אויס אין אַ פּאַסנדער פאָרם די שטרעבונגען פון די פּאָרגעשריטענע אינטעליגענטע קרעפטן פון זיין צייט".

די האָריזאָנטן פון יהואשעס דיכטערישער וועלט זיינען געוואָרן אַלץ ברייטער, זיין טעמאַטיק אַלץ רייכער, זיין ליד אַלץ רייפער. ער איז בסדר געשטיגן. ער איז געוואָקסן אַ פילזייטיקע ליטעראַרישע פיגור. מיט דער צייט איז ער, דער דיכטער פון שטילקייט, פון שטילן טאָן, פון קול דממה דקה, געוואָרן איינער פון אונדזערע קרעפטיקסטע דיכטער פון נאַטור און ליבע.

אין פיל פון זיינע לידער קלינגט אַ טרויעריקע, אפילו אַבלדיקע מע־לאָדיע — דער צער, וואָס וויטאַקט־מיט מיטן צער פון לייזנדיקן פאָלק, ווי אויך דער פּערזענלעכער צער, וואָס וויינט אַרויס „ממעמקים", „פון אינעווייניק אַרויס" (יהואשעס אויסדרוק). באַזונדערס שפּירט מען אָט־דעם צער און ווי אין דעם דיכטערס ליבע־לידער. דאָרטן שוועבן־פאַרביי „שוואַרצע קבר־שאָטנס", „מתים וואָס טאַנצן", „נאַטורס מרה־שחורה".

גאָר היימיש, אינטים, דערלייכטערט, צומאָל אויסגעטאָן פון ערדישער דאגה, פילט זיך דער דיכטער מיט דער נאַטור. דאָס קומט צום אויסדרוק אין זיינע פּרעכטיקע, דערהויבענע ליכטיקע נאַטור־געזאַנגען, באַזונדערס אין זיינע פיל ליכט־לידער און דער עיקר אין די מאָלערייען און שילדערונגען, לידער און בילדער פון נאַטור־שטילקייטן: זון־אויפגאַנג, זון־פאַרגאַנג, נאַכט, שניי, אַ שטיל טייכל, א. אַנד. אין אַ ליד צו פרילינג זינגט ער אויס אַ פאַרלאַנג: „זיבנגען אין דופטיקן שווייגן דיין רום". אין אַן אַנדער נאַטור־ליד רעדט ער וועגן „אַ דופטיקן זיפץ און אַ וויכן", וואָס „איבערן פעלד זיך צעווייעט". אין פיל פון זיינע נאַטור־לידער האָט יהואש געפונען דעם פּאַ־סיקסטן זיווג פון קלאַנג און בילד, וואָרט און פאַרב, אינהאַלט און פאָרם. אין אייניקע פון יענע לידער שאַפט ער ממש סימפאָניעס פון קלאַנגען און פאַרבן, איז ער דער דיכטער מוזיקער־מאָלער: ער ווערט איינס מיט דער נאַטור, ער זינגט זיך אַריין אין אירע שיינקייטן; זיין געזאַנג און איר גבורה ווערן אַן אחד. אַזוי האָט ער אויך אַנטפּלעקט דיכטערישע קראַפט און איגנאַרטיקייט אין זיינע ליבע־לידער (מערסטנס צער־דורכגעוועבטע), אין זיינע פיינע אַלעגאָריעס, אין זיינע פאַבלען, אין וועלכע עס קומט צום אויס־דרוק די דורותדיקע חכמה פון פאָלק און פון לעבנס־דערפאַרונג.

זיינס אַ נאַטור־און ליבע־ליד „זונען־אונטערגאַנג" (פון „געזאַמלטע לי־דער") האָט ער פאַרענדיקט אויף אַזאַ פּערזאָניפיצירנדיקן אופן:

„אַט פאַלט זי [די זון] פלאַמענדיק אַרויף
אויף איר געליבטנס קאַרק,

און קושט מיט הייסער ליבעסגלוסט
איר חתן־ריז, דעם באַרג..."

דער דיכטער יהואָש האָט זיך אָפּט אין זיינע לידער אידענטיפיצירט מיטן פאָלק. ער האָט זיך אויסגעדריקט: "פון זיין [דעם פאָלקס] דענקען, פון זיין שטרעבן, ציטערט דורך מיין ברוסט דער שטראַל". עס איז געווען נאַטירלעך, אַז ער זאָל אַרויסטרעטן קעגן אידייענלאָזיקייט אין דער פּאָעזיע — אָן אָפּטע דערשיינונג, און אפילו אַ "טעאָריע", אַ "לערע", ביי איניקע פון די "יונגע", וועלכע זיינען אַוועק צו פאָרמאַליזם אויפן חשבון פון אינ־האַלט און אידייע. אין זיינעם אַ כאַראַקטעריסטישן ליד, אַ מין פּאָעטישע עסעי "ווי עס ווערן לידער פאַרפאַסט", ברענגט־אַרויס דער דיכטער יהואָש צוויי גרונט־פּרינציפּן אין זיין באַנעמען דעם ענין פּאָעזיע: א) די אידייע, דער געדאַנק דאַרף פאַרנעמען אַ עיקר־אָרט אין ליד, דאַרף דורכנעמען דאָס ליד; פּרעכטיקע קלאַנגען און פאַרבן אַליין, אָן אידייע, שאַפן נאָך ניט קיין ליד:

"שיינע פאַרבן וועלכע בלאַנקען
קענען קיינמאָל שטאָט געדאַנקען
ניט באַשאַפן אַ געדיכט".

ב) אין דערזעלבער צייט איז נויטיק, אַז די אידייע זאָל קריגן די פּאַסיקע פּאָעטישע פאָרם, זאָל זיך האַרמאָניש באַהעפטן מיט פאָרם, ווערן איינס, אין גאַנצקייט; דערביי דאַרף יעדע טעמע קריגן איר ניגון, איר מוזיק, איר געהעריקן ריטם:

"אַזוי ווען די טעמע באַנייט זיך,
פאַרענדערט זיך תמיד און בייט זיך
דעם אמתן דיכטערס מוזיק".

אָט־די פּרינציפּן איז אים אין אַ גרויסער מאָס געלונגען צו פאַרקער־פּערן, דורכפירן אין דער פּראַקטיק — אין זיינע לידער, באַזונדערס אין דעם שפּעטערדיקן פּעריאָד פון זיין שאַפן, אין די לעצטע יאָרן ערב זייך זון־אונטערגאַנג.

געדענקען דאַרף מען תמיד: דער אָנהויב פון זיין ליד איז געווען אין דעם פּיאָנערן־פּעריאָד, ווען ש. פרוג, מאָריס ווינטשעווסקי און מאָריס ראָזענ־פעלד האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט פון דער יידישער דיכטונג. יהואָש האָט באַוויזן צו באַהעפטן זיך מיט די פּאָעטישע טענער פון די שפּעטער־דיקע פּעריאָדן פון יידיש־שאַפן און אין אַ געוויסן זין צו ווערן אַ פאָראויס־גייער פון דער יינגסטער מאָדערנער יידישער דיכטונג. זיין ליד (פון זיין שפּעטערדיקן פּעריאָד) קלינגט נאָך אויך איצט פריש, מאָדערן, רייף, ניט הינטערשטעליק לגבי די גייסטע פאָרם־און טעכניק־דערגרייכונגען.

פאַראַן, מעגלעך, אַן אמת אין ב. ריווקינס טרעפלעכער באַמערקונג, אַז "אין ערשטן יאָרצענדליק איז ער [יהואָש] געווען אַ שלעכטער איבערזעצער פון דעם פיין־פילנדיקן פּאָעט אין אים... ער האָט אין דעם ערשטן יאָר־צענדליק נישט פאַרמאָגט קיין פּאַרטיקן אומזיסטן שפּראַך־אינסטרומענט". דערפאַר טאַקע דאַרף מען באַזונדערס באַוואונדערן יהואָשעס כסדרדיקע אַר־

בעט אויף זיין אינסטרומענט, ביז ער האָט זוכה געווען אַריינצוברענגען אַ גרויס פאַרמעגן פון שפּראַך (און אידייען און טעמאַטיק) אין אונדזער ליטעראַטור. דאַרף מען ביים באַהאַנדלען יהואשעס ליטעראַרישע ירושה, זיינע ריזיקע ביישטייערונגען צו אונדזער לשון און ליטעראַטור, אינזיינען האָבן זיינע דערגרייכונגען אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, אינזינען האָבן, ווי ב. ריווקין באַמערקט, אַז: „אפילו מיט זיין גרעסטן גאנג האָט ער [יהואש] געהאָלפן דער ליטעראַטור זיך אַרויסראַנגלען פון איר פּיאָנערישן צושטאַנד" און „ער האָט דערגרייכט, אַז מיט דער שפּירעוודיקייט פון זיין לשון, מיט זיין אַפּרופּיקייט, מיט דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון זיינע טעמעס האָט ער געקאָנט מיטגיין און פאָראויסגיין דעם ליד פון דעם מאָדערנסטן פּאָעט". ער האָט דערגרייכט אַ מדרגה פון שאַפן לידער, וואָס זיינען ניט חיי־שעהדיק, נאָר וואָגיק, לויכטנדיק, פאַרטיפט, דויערהאַפט, אַ וויכטיקער קערן אין אונדזער פּאָעטישער ליטעראַטור.

סאַראַ וואונדערלעכער „גלגול פון אַ ניגון"! אַנגעהויבן האָט ער, דער יונגינקער יהואש, מיט מעלאָדיעס פון הימלישע ספערן (מיטן צוגאַנג, אַז „השמים שמים לפּאָעט"), מיט זיין „מזמור שיר ליום השבת!", מיטן געזאַנג „פון זונען און שטערן, בלומען און ריזן־בוימער, גן־עדן פויגל און שניי־ווייסע מלאכים". מיט דער צייט האָט ער דערהערט די וויי־געשרייען, קרעכצן און זיפצן פון די בני־אדם אויף דער פּראָזאאישער ערד, ליב באַקומען די ערד, זיך מתחבק געווען מיט די גאולה־מאָטיוון און קאַמפן פון פאָלק, זיך צוגעהערט צו די ריטמען פון זיין צייט, און פון דעם אַמעריקאַנער באָדן, געליטן מיט אַלע וואָס זיינען „געפּייניקט פון נויט און פון הונגער געפּלאָגט", דורכגעפּלאָנטערט און דורכגעליטן דעם פּיין, די יאָגענישן און בענקשאַפטן פון ליבע, געפונען אַ תיקון פאַר זיינע לײַדן אין לידער פון דער נאַטור, אין געזאַנגען צום לעבן, געזוכט און געפונען דעם וועג צו זיך און דורך זיך צום ליידנדיקן מענטש און צו די גבורות פון ברודער און שוועסטער מענטש. און דערזעען האָט ער, אַז „ער [דער מענטש] איז די וועלט, ער איז אַ מיליאָן זונען־סיסטעמען... ער איז ווינט און גראָז און שטערן. און ער איז די אומענדלעכקייט אַליין" — אַ פילאָסאָפיע, וואָס איז נאָענט צום געדאַנקען־גאַנג פונעם פּיאָנערישן אַרבעטער־דיכטער יוסף באָווסהאָווער (1873־1915), וועלכער האָט שטאָלץ געזונגען:

> „אַ שטיקעלע שטויב אין גרויסן, ברייטן וועלט־רוים,
> האָך שטאָלצער פון אַ גאָט דורך זעלבסטבאַוואוסטזיין,
> האָב איך, אַ טרוימער, געוואַנדלט דורך דעם לעבן".

יהואש, דער טיף־פאַרוואָרצלטער אין דעם באָדן פון יידישער געשיכטע און לעגענדע, האָט געזוכט אַלץ מער צו באַהעפטן זיך מיט וועלט, מיט מענטשהייט, מיט אוניווערסאַלע מאָטיוון, מיט מענטש. לויבנדיק פּרצן דעם דיכטער און מענטש, האָט ער זיך אויסגעדריקט: „די וועלט ביי פּרצן איז דער מענטש... אַזוי ווי דער מענטש איז אייגנטלעך די נשמה".

און אויסגעדריקט האָט ער שאַרף און פלאַמיק זיין האַס צו די שונאים

פון פאָלק (אין אַזוינע לידער, ווי „פאַררעטער", „קין" און פיל אַנדערע), זיין ליבשאַפט צו פרייהייט־קעמפער („מאַקסווינני", א. אַנד.), זיין ווייטאָק פון צו־זען מענטשלעכע נויט:

„און ווערסטו פון דיין ברודערס נויט דיין אויג פאַרדעקן,
איז דאָ אַן אויג וואָס זעט,
איז דאָ אַ האַנט וואָס ווייט
פון הימל אָדער ערד אַקעגן דיר זיך שטרעקן"...

אין די 27 יאָר, וואָס יהואָש האָט געלעבט אין אַמעריקע (מיט דער אויסנאַם פון זיין וווילן אין ארץ־ישראל און עגיפּטן — פון יאַנואַר, 1914 ביז יולי, 1915), האָט ער זיך פאַרקניפּט מיטן אַמעריקאַנער באָדן, געזונגען פון און צו אַמעריקע. צווישן אַט־די מאָטיוון זיינען: „צו מאָריס ווינ־טשעווסקין", „ביי די קאָלאָראַדער בערג", „פון די קעטסקיל־בערג", „קינס שולד" (וועגן די קרבנות פון דעם „טראַיענגל פייער"), „דער וועסטער־נער", „בראָדוועי", „סאָבוועי", „לינטשען", „וואולוואָירט בילדינג", „גע־פעלשט", און אַנדערע.

נביאישער צאָרן דונערט־אַרויס פונעם ליד וועגן דער ראַסיסטישער לינ־טשעריי פון אַ נעגער. אַ זעלטענע שיינקייט ליכטיקט אין דעם סאָבוועי־ליד מיטן אומדערוואַרטן בליץ: אין דער מענטשן־מענגע אין סאָבוועי

„דריקט זיך שמייכלענדיק אַריין אין קנויל
אַ דין יונג מיידל,
מיט אַ הענגל מאַי, אַרויפגעשטאָכן אויף איר יאַק".

דורך זיין „קינס שולד" שיקט ער אַ קללה צו די „פּריסטער פון אַפּגאָט מאַמאָן", וואָס האָבן אין זייער געלט־גייציקייט „די שטים פון דער אייגענער נשמה פאַרשטיקט". מיט פיעטעט און צערטלעכקייט איז געשריבן דאָס ליד צו מאָריס ווינטשעווסקין, דעם „זיידן" פון דער יידישער פּראָלעטאַרישער פּאָעזיע און פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע (צו זיין 50טן געבוירנטאָג).

לויבנדיק דעם גוטן זיידן, וואָס איז „פון לעבנס־זומפּ אַרויסגעקומען ריין ווי גאָלד", שליסט יהואָש זיין אַכט־פּערזון־ליד (1906) מיט די שורות:

„אָ, גוטער, זיסער זיידעניו,
עס איז קיין צייט פאַר בלומען ניט,
דאָך דיר געהערט די פיינסטע קרוין,
צו דיר געהערט דאָס שענסטע ליד".

חוץ די אויבן־דערמאָנטע ווערק, איז יהואָש, אַ קלאַסיקער אין אונדזער ליריק, אויך געווען דער פאַרפאַסער פון די ביכער „פון דער וועלט און יענער" (פּראָזע), „אין זון און נעבל" (לידער), פון אַ „יידיש ווערטערבוך" (צוזאַמענגעשטעלט צוזאַמען מיט זיין פריינט, דר. חיים ספּיוואַק), פון דראַמאַ־טישע פראַגמענטן „הורקנוס", „שאול", „שונמית", „די מצורעים"), פון פיל פאַליטישע, הומאָריסטישע און סאַטירישע לידער, פון מעשהלעך און אַפאָ־ריזמען, פון פּרעכטיקע פילאָסאָפיש־פאַרטראַכטע עסייען: „וועגן נאַטור־שיל־דערונגען אין דער יידישער ליטעראַטור" („צוקונפט", 1911) און „דער תנ"ך

— דאָס מענטשלעכסטע בוך, דער בונד צווישן פעלקער" („ליט. בלעטער", 46 און 47, 1925), א. אַנד. ער איז געווען דער איבערדיכטער פון אייניקע פּאָעמען פון דער וועלט־ליטעראַטור און פון לאָנגפעלאָס באַרימטן ווערק „דאָס ליד פון היאַוואַטאַ" (אין בוכפאָרם אין 1910, אין ניו־יאָרק; אין פאַרזעצונגען, אין „צוקונפט", 1906).

איינער פון אונדזערע גרעסטע דיכטער באַרג־אַרויף־שטייגער, מעפּי־לים, איז יהואָש מיט דער צייט אויך געוואָרן איינער פון אונדזערע גע־בענטשטע מחדשים, באַנייער, אַריינברענגער פון נייעם אינהאַלט, פון נייע טענער, טעמעס, בילדער, מאָטיוון, פאָרמען אין דער יידישער פּאָעזיע. ער, דער אומדערמידלעכער, שטענדיקער זוכער פון נייע פאָרמען, דער דיכטער פון געצאַמטער עמאָציע, פון טיפן קינסטלערישן באַוואוסטזיין וועגן די פּראָ־צעסן פון ליטעראַרישן שאַפן, האָט זיך ניט געשראָקן פאַר די „נייע פייגל פון די נייע צייטן", פאַר נייע דיכטערישע ריכטונגען אָדער שטרעמונגען, פאַר עקספּערימענטן אין געביט פון ליד. ער האָט געהאַלטן זיינע שאַרפע חושים אָפן פאַר די געזאַנגען פון דער נייער צייט. ער האָט געזונגען: „און אַל מיין זעל איז ווי אַ לערע שאָל, וואָס ציטערט דאַרשטיק דיין באַשענק אַנטקעגן". ער האָט אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן און שאַפן דערגרייכט אין זיין ליד אַ סינטעז פון ליריק און פילאָסאָפיע, פון געזאַנג און געדאַנק־לעכקייט, פון פשטות און טיפקייט. ער איז געוואָרן דער שפּראַך־און פערזן־מייסטער. פון אייניקע פון זיינע מעכטיקע, קוואַליקע געזאַנגען האָט מען דערהערט „דעם פלאַמען־ווייטאַק רייזן" (אין ליד „שטומע וויזן").

יהואָשעס לעבנס־בנין בלייבט זיין יידישע תנ״ך־איבערדיכטונג. די היינ־טיקע און צוקונפטיקע יידישע דורות וועלן אים דאַנקבאַר זיין פאַר אָט־דער איבערמענטשלעכער יאָרן־לאַנגער אָנשטרענגונג און פאַר אָט־דעם גרויסן אויפטו פאַר אונדזער מאַמע־לשון. וויפל כוחות, וויפל וויסן, וויפל פאָרשונג־אַרבעט, וויפל ליבשאַפט צום תנ״ך, צו אונדזער לשון און פאָלק דער גרוי־סער דיכטער האָט אַריינגעלייגט אין אָט־דעם „ספר־הספרים"! אין משך פון פיל יאָרן האָט ער שווער געהאָרעוועט איבער פאַרשיידענע תנ״ך־קאָמענ־טאַרן, פירושים און תרגומים, גראַמאַטיקעס, ווערטערביכער, ביבלס אין פאַרשידענע שפּראַכן, געזוכט דעם אמתן מיין פון ווערטער, געמאַכט פאַר־גלייכונגען, געשטרעבט צום „בעסטן אויסטייטש פון דעם תנ״ך, וואָס קאָן נאָר געמאַכט ווערן לויט די סאַמע לעצטע רעזולטאַטן פון ביבל־און שפּראַך־פאָרשונג" (פון יהואָשעס אַ בריוו צו זלמן רייזען, פעב. 15, 1922). זיין תנ״ך־איבערזעצונג איז געבליבן ווי זיין קרוין־ווערק, ווי די העכסטע אַנטפּלעקונג פון זיין דיכטערישן און לומדישן כוח, ווי אַ מאָנומענט לדור דורות. זי איז גלייכצייטיק אַן אוצר, אַ באַרייכערונג, המשך און באַשיצונג פון אונדזער יידיש לשון.

מיר וועלן יהואָשן געדענקען ווי דעם שאַפער פון גרויסע עטיש־עס־טעטישע ווערטן. זיין לעבן און ליד קענען, דאַרפן רעגן, רופן, אינספּירירן צו גרויסער, שאַפערישער טאַט.

אַפּריל, 1957



אברהם ליעסין

(1938—1872)

אברהם ליעסין. גרויסער ייד. גרויסער דיכטער. גרויסער מאַמין. דיכ־טער פון דורותדיקער יידישער פאָלקס־גבורה און פאָלקס־קדושה, דיכטער פון אונדזער דורות־אַלטער העראָאיק. דיכטער — בריקן־בויער: שאַפער פון בריקן צווישן נעכטן און היינט, צווישן העלדישן עבר און מסירת־נפש־דיקן היינט. דיכטער פון אונדזער מאַרטיראָלאָגיע, דיכטער — וויזיאָנער, באַזעלטער פון אונדזערע נביאים. דיכטער — נאָך ניט־דערשאַצטער, ניט־דערזעענער אין זיין פולער גרויס און קראַפט, אין זיין נביאישן פאַטאָס און פלאַם. דיכטער געגליכן צום „סנה בוער באש". דיכטער, וואָס האָט פאַר־וואַנדלט אונדזער יידישע העלדן־געשיכטע אין געלייטערטער, דערהויבענער, גליאיקער פאָעזיע; אונדזערע העלדן־געשטאַלטן — אין קינסטלערישע לע־בעדיקע, רוח־חיימדיקע פיגורן. דעם „אור זרוע", דאָס פאַרזייטע ליכט, פון נעכטן האָט ער געזען אין דעם היינט. ער איז אַליין געווען אַ ליכט־צינדער.

זיין ליד איז קיינמאָל ניט געווען קיין „שפּיל אין ווערטער". זיינע נאַ־ציאָנאַלע אָדער סאָציאַלע מאָטיוון זיינען געווען טיפע איבערלעבונגען. זיי זיינען אַרויסגעדרונגען פון די טיפענישן פון זיין איך. זיין פערזענלעכע לי־ריק און זיין סאָציאַלע ליריק זיינען — איינס, איין גאַנצקייט.

ער איז געגאַנגען זיין אייגענעם שווערן, ערנסטן, ליידנפולן דרך. די מאָדערנע אָדער מאָדערניסטישע פאָרם־זוכענישן און פאָרם־דערגרייכונגען האָבן אויף אים ניט געהאַט קיין באַזונדערע ווירקונג. ער איז געשטאַנען בלויז אונטער איין הויפּט־השפעה — תנ"ך און אונטערן איינפלוס פון דער רוסישער פרייהייט־דיכטונג און פון דער פאָרגעשריטענער וועלט־ליטעראַ־טור. ער האָט געפונען זיין אייגענע ליד־פאָרם אָדער ליד־לבוש פאַר זיינע וויזיעס, חזיונות, אידייען און עמאָציעס.

ער, דער „ליכט־דינער", דער טיף־רעליגיעזער דיכטער און סאָציאַליס־טישער פּאָעט און פּובליציסט, האָט פאַרבונדן דעם קידוש־השם מיט קידוש־המענטש. ער האָט פאַרוועבט די פאָן פון סאָציאַליזם מיט דער פאָן פון יידישער מאַרטירָאלאָגיע. ער האָט געשאַפן אַ סינטעז צווישן די העלדן פון דער רעוואָלוציע (אין צאַרישן רוסלאַנד) און די עשרה הרוגי־מלכות און אַנדערע קדושים און מאַרטירער, צווישן רבי עקיבאָן און רבי חנינאַ בן תרדיון

מיט הירש לעקערטן. ער האָט פאַרבונדן די גאולה פון זיין פאָלק מיט וועלט־דערלייזונג, דאָס נאַציאָנאַלע מיטן אוניווערסאַלן. ער האָט אין דעם הערא־אישן נעכטן געזוכט אַ באַשייד פאַר דעם קאָמפּליצירטן מיט־בלוט־אָפּגייען־דיקן היינט. אין פיל פון זיינע דערהויבנדיקע לידער — דאָס בלוט פון זיין האַרצן, דאָס פייער פון זיין נשמה.

די וואָלאָזשינער ישיבה און די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־באַוועגונג, וואָרט און טאַט, אברהם וואַלט און א. ליעסין, קאָפּ און האַרץ, מינסק און ניו־יאָרק, יידישקייט און סאָציאַליזם, למדנות און דיכטערישע קונסט, — זיי זיינען אין זיין לעבן און אין זיין שאַפן, אין זיין ליד, ווי אין זיינע עסייען און פובליציסטיק, האַרמאָניש באַהאָפטן, איין גאַנצקייט.

פאַראַן אַ פּרעכטיקע עשירות פון טעמאַטיק, בילדער, געשטאַלטן, זכרונות, וויזיעס, טענער, רוישיקע ריטמען, מאָטיוון, איינדרוקן, ליריק און ראָמאַנ־טיק אין די דריי בענד פון א. ליעסינס „לידער און פּאָעמען", וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן נאָך זיין פּריצייטיקן טויט. אָט־די לידער — לירישע, פילאָסאָפישע, נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע, היסטאָרישע, אויטאָביאָגראַפישע, עפּישע, נאַראַטיווע — האָט ער געשאַפן אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונ־דערט (1938־1888).

געטריי דער אַלטער יידישער טראַדיציע, אין וועלכער ער איז געווען טיף־פאַרוואָרצלט, האָט ער, איינער פון די יידישסטע דיכטער אין פּרט פון אינהאַלט, טאָן, בילדלעכקייט, דער בעל־תכלית, דער דיכטער פון טאַט און תוכן (וועלכער האָט זיך אין עלטער פון 15 יאָר אָנגעשלאָסן אין דער יידי־שער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און אין עלטער פון 16 יאָר אָנגעהויבן שרייבן לידער), געשטעלט דעם טראָפּ דער עיקר אויפן אינהאַלט, אויפן תוך. אין זיין ליד „אין גוטער יידישקייט" (1937) האָט ער דערקלערט:

„האָב איך ווי אַ ייד, געזוכט
ניט די בלומען, נאָר די פּרוכט —
ניט ווי די עסטעטן, די העלענען".

אין זיינע לידער זיינען סיי־ווי אויפגעהיט סיי די בלומען, סיי די פּרוכט פון זיין רייכן, שעפערישן, דיכטערישן, קינסטלעריש־פּיאָנערישן גייסט.

**
*

„זאָל דורך דורות אויפגיין פאַרן פאָלק מיין שטים". „אַ רינג צו פאַר־בלייבן אין קייט".

ליעסין איז געווען און האָט זיך געזען ווי אַ רינגעלע אין קייט פון דורות. אין דער וועלט־שטאָט ניו־יאָרק איז ער געווען המשך — כאָטש אין אַנ־דערע פאָרמען און אויסדרוקן — פון מינסק, ווילקאָמיר, סלאָבאָדקע, וואָ־לאָזשין, ווילנע. ער האָט זיך אָפט צוריקגעקערט, ווי דיכטער און דענקער, צום „גאָט פון מיין קינדהייט"; זיין מוזע איז געבליבן „די אַלטע, ענדלאָזע, פון דור־דורות צוריק". זיינע לידער פונעם מינסק־און ווילנע־פּעריאָד באַ־

געגענען זיך שפּעטער מיט זיינע לידער פון אַמעריקע און אירע ברויזן, קאַמפן, לאַנדשאַפטן (לידער פון בראָדוועי און די קעטסקילס) און גיסן זיך מיט זיי צוזאַמען אין איין האַרמאָניע. זיינע לידער האָט ער אָפּט פאַרוואַנדלט אין תפילות. („און הייס אין דער נאַכט איז געפלאַסן מיין תפילה, די שטילע, אָרום" — פון זיין ליד „מיין נשמה־געוויקן".) ניטאָ ביי אים קיין סתירה צווישן יידישקייט און סאָציאַליזם: דער גייסט און די לערע פון די נביאים זיינען דער גייסט און די לערע פון יושר, פון פעלקער־פריינטשאַפט, פון „דעם פעלקער־פאַרברידערטן וועלט־אידעאַל". זיין דיכטעריש אויער איז וואַך צו פּיין און וויי.

זיין טאָן אָדער „יום־טוב פון טענער", שטילע און אויך שטורמישע טע־נער, — אַ המשך פון די טענער פון יהודה הלוי, שלמה אבן גבירול. אין זיין ליד — די ירושה פון דורות, פון דער יידישער דורות־אַלטער קולטור, — די שטים פון דורות. „איר הערט זיך איין אין זיינע דיכטונגען" — האָט מ. אָלגין געשריבן אין זיין בוך „אין דער וועלט פון געזאַנגען", ניו־יאָרק, 1919 — „און עפּעס דורך אַ מערקווירדיקער אַסאָסיאַציע שווימען־אַרויף פאַר אייערע אויגן יידן מיט ווייסע בערד, מיט שטרענגע אויגן, מיט אַראָפּ־געהאַנגענע ברעמען, יידן אין טליתים מיט שווערע עטרות, אַנגעבויגן איי־בער גרויסע ספרים, ברומענדיק אַן אַלטן ניגון". אָבער די דורות קייטלען זיך מיטן היינט, און דער „אַלטער ניגון" פאַרוועבט זיך נשמהדיק מיט אַ ניגון אַ נייעם, מיט אַ ניגון פון היינטיקע שטורמישע צייטן.

איר לייענט זיך אַריין אין ליעסינס לידער און איר דערזעט פאַר זיך די געשטאַלט פון זיין רבין: „עקסטאַטיש און צאַרט". עקסטאַז, התלהבות און צערטלעכקייט לייגן זייער חותם אויפן ליעסין־ליד, וואָס דרינגט־אַרויס, זינגט אַרויס פון די טיפענישן פון זיין נשמה, פון זיין רייכער וועלט פון געפילן, אידייען און בילדער, און וואָס קומט אָפּט מיט אַ שליחות, מיט אַ סאָציאַלער פונקציע. אויך זיינע נאַטור־לידער זיינען אייגנטלעך ניט קיין אָביעקטיווע נאַטור־שילדערונגען אָדער געמעלן, נאָר געזאַנגען, שטראַלן אָדער פונקען פונעם דיכטערס נשמה, וואָס באַלייכטן זיין געמיט־צושטאַנד, שטימונג אָדער עמאָציע. זיי זיינען ניט קיין התפעלות פאַר דעם „ניר זה מה נאה הוא" („אַט דאָס פעלד — ווי שיין עס איז"). זיינע לידער ציען זיך צייטנוויז שוין צו־אָפּט צום ווייטן עבר און ווייטע וועלטן, און איר זעט אין אים אַ המשכ־דיקייט פון זיין פרומען פאָטער (אין ליד „יום שכולו שבת"): „ווי צאַרט אין ווייטע וועלטן זיין נשמה שוועבט".

⁂

אַ זעלטענער דיכטער! אַ דיכטער פון יידיש־דענקען און שאַפן מיט אַ וועלט־באַדייט! אַ דיכטער, וועמענס אינדיווידועלע ליריק און דער עיקר היסטאָרישע און פילאָסאָפישע שאַפונגען אין קלאַסישער פאָרם, פאָדערן נאָך פיל ברייטע, טיפע פאָרשונגען. אַ פובליציסט־עסייאיסט פון גרויסן פאַרנעם. זיינע פאַרטיפטע עסייען און פובליציסטישע אַרטיקלען זיינען באַזעלט מיט

זיין פלאַמיקן דיכטערישן גייסט, באַרייכערט מיט זיין ברייטן וויסן, מיט זיינע גרויסע קענטענישן פון יידישער און וועלט־געשיכטע, פון דער אַלטער יידישער קולטור, פון דער וועלט־ליטעראַטור. דער ווירדיקער יורש פון אונדזערע נביאים און תנאים, דער ממשיך פון די וויזיאָנערן פון „והיה באחרית הימים״, האָט גערופן: „ווידער און ווידער בויען און אויפבויען אונדזער יבנה״ — די יידישע קולטור.

ווען ער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע אין 1897 (מיט דריי יאָר שפּעטער נאָך מאָריס ווינטשעווסקיס אָנקומען פון לאָנדאָן), איז ער שוין געווען גוט באַקאַנט אין דער היגער יידישער ליטעראַרישער סביבה. זיינע לידער זיינען אין היגע יידישע צייטשריפטן פאַרעפנטלעכט געוואָרן זינט 1894. שוין אין דער „אַלטער היים״ אין זיינע פריע צוואַנציקער יאָרן איז ער, דער דיכטער און רעוואָלוציאָנערער טוער אברהם וואַלט־ליעסין, געווען אַ לעגענדאַרע פיגור. ער, דער אַריבערגעקומענער פון דער וואָלאָזשינער ישיבה צום סאָציאַליזם, איז אין דער אַלטער היים געווען דער אָנפירער פון אַ יידיש־סאָציאַליסטישן רעוואָלוציאָנערן קרייז, דער א. וואַלט־קרייז. „וואָלטאָוושטשינע״ איז געווען אַ שם דבר. צו דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע איז ער ניט צוגעשטאַנען. אין משך פון פיל יאָרן איז ער געווען דער רעדאַקטאָר פונעם חודש־זשורנאַל „די צוקונפט״. זיינע נאַציאָנאַלע מאָטיוון זיינען געווען אָרגאַניש פאַרוועבט מיט זיינע סאָציאַלע מאָטיוון, ווי מיט זיינע איך־לידער, מיט זיין ליריק. זיי זיינען געפלאָסן פון איין קוואַל. צייטנווייז האָבן אָבער זיינע נאַציאָנאַלע טענער געלאָזט זיך העכער הערן. מ׳האָט צומאָל געקענט אין זיי אַריינטייטשן נאַציאָנאַליזם.

ליעסין, דער פלאַמיקער גלויביקער, איז אויך געווען דער גרויסער טרייסטער פון פאָלק. ריכטיק האָט זיך י. ח. ברענער אויסגעדריקט: „ליעסינס כוח באַשטייט אין טרייסטן, קרעפטיקן, שטאַרקן דעם גייסט... זיין אַ נביא פאַר זיין באַליבטער פאָלקס־מאַסע״. דער העברייאישער ליטעראַטור־קריטיקער ש. בערנשטיין דערציילט אין זיין בוך עסייען „בחזון הדורות״ (ניו־יאָרק, 1928), אַז אַ געוויסער רב האָט אין אַ בריוו צו ליעסינען אַדרעסירט אים אויף אַזאַ אופן: „לכבוד הגענאָסע המופלג הסוציאַליסט הצדיק ר׳ אברהם נ״י״.

***

פאַראַן טענות, אַז ליעסינס ליד־פאָרם איז הינטערשטעליק לגבי די נייע, היינטיקע פערזן־פאָרמען אין דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע. מען פאַרגעסט דערביי, אַז ליעסין איז פון אונדזערע פּיאָנערן־דיכטער, אַז זיינע ערשטע לידער האָט ער געדרוקט אין 1894 (זעקס יאָר נאָך דער דערשיינונג פון פרצעס פּאָעמע „מאָניש״). אין די שפּעטערדיקע פעריאָדן פון זיין שאַפן איז ער געוואָרן אַלץ מער און מער מייסטער פון ליד, פון פערזן־טעכניק. אָבער דער עיקר, דער תוך, דער גרונט־שטריך פון זיין דיכטערישן שאַפן איז שוין קענטיק אויך אין זיינע ערשטע לידער. שוין דאָ, ניט־געקוקט אויף זיין

דעמאָלטדיקער שפּראַך־אָרעמקייט, איבערראַשט ער ממש מיט דער טאָן־פרישקייט, מיט דער אָריגינעלער בילדלעכקייט, מיט זיינע אַליטעראַציעס, מיט קלאַנגגען וואָס העלפן אַרויסברענגען און מאָלן אַ שטימונג. שוין דאַן האָט מען געשפּירט, אַז זיינע יונגע לידער פליסן פון אַ לויטערן דיכטערישן קוואַל. צו יענעם פּעריאָד געהערן באַזונדערס זיינע נאַטור־מאָטיוון („לבנה־נאַכט״, „ביים טייך״, „דער חודש ניסן״) און אַזוינע לידער, ווי: „דער אייביקער ייד״, „פאַרן נייעם יאָר״ און אַנדערע לידער פון זיין נאַציאָנאַלער סאָציאַלער, פּערזענלעכער ליריק.

קוקט זיך צו, הערט זיך צו צום שטראָם פון די שיינע, שטילע „שינען״, וואָס פליסט דורך אָט־דעם פּערז אין זיין ליד „דער חודש ניסן״ (1894):

„עס קומט צום שיין די ערד אַרויס
און שלאָגט אַרויף איר אָטעם הייס
און שמידט פון טויטן איז זיך אויס,
און שפּאַרט זיך ווי אַ קוואַל״.

(איר האָט דאָ, אגב, אין יענעם ליד פון 1894 אַ רמז אויפן פרילינג פון דער אָנקומענדיקער רעוואָלוציע.)

שוין דאַן, אינעם סאַמע ערשטן פּעריאָד פון זיין פּרוכטבאַרן דיכטערישן שאַפן, איז דאָ דער אָנהויב, דער יסוד פון זיינע קידוש־השם מאָטיוון. שוין דאַן (און אַזוי ביזן סוף פון זיין לעבן) האָט אין זיין ליד פון העראָאיק אָפּגעקלונגען דער אָפּטימיסטישער טאָן פון „עם ישראל חי״, דער אָנזאָג:

„איך ליב און איך לעב און איך וועל נאָך אַלץ לעבן
דורך טויזנטער יאָרן פון שטרייט;
איך וועל נאָך אַלץ לעבן און קעמפן און שטרעבן —
און טעמפּ איז דער צאָן פון דער צייט״.

(פונעם ליד „דער אייביקער ייד״, 1894)

דערזעלבער טאָן קלינגט מונטער אין זיין „מאַרטירער־בלוט״ (1895), וואָס ווערט געזונגען דורך די יידישע פאָלקס־כאָרן אין אַמעריקע (מוזיק: יעקב שייפער).

ריכטיק האָט באַמערקט דער ליטעראַטור־קריטיקער ש. ניגער אין זיין אַרטיקל „א. ליעסינס ערשטע לידער״: „מאַרטירעריש בלוט — דאָס איז, קאָן מען זאָגן, דאָס בלוט, וואָס רינט אין די אָדערן פון א. ליעסינס ליריק, — און אָט־דאָס בלוט האָט גערונען שוין אין זיינע סאַמע ערשטע לידער — אין די לידער, וואָס זיינען געווען איך־לידער אפילו דאַן, ווען עס האָט זיך גערעדט אין זיי וועגן יידישן פאָלק אָדער וועגן דער גאַנצער וועלט״.

אָט־די אייגנאַרטיקע איך־לידער, פריש אין טאָן, אָריגינעל אין אינהאַלט (אין הומאַניסטישן אינהאַלט), זיינען געווען אַ פּיאָנערן־בייטראַג, אַ בראשית־צושטייער, צו אונדזער יידישער פּאָעזיע אין יענער צייט. און פּונקט ווי די יידישע שפּראַך זאָגט אין ליעסינס ליד „יידיש״:

„און אויסגעשמידט האָב איך דורך דורות
דעם וואונדער פון ווילן און וויי״,

אַזוי קאָן מען זאָגן וועגן דעם פּיאָנער פון יידישן לירישן ליד, ליעסין, אַז ער, דער דיכטער פון עלטערן דור, האָט אויסגעשמידט אין אונדזער מאָדערנער פּאָעזיע, וועלכע האָט אַ שפּרייז געטאָן פאָראויס פון אים אין פאָרם — „דעם וואונדער פון ווילן און ווי". ריכטיק האָט ער אַליין באַצייכנט זיינע לידער אַלס „לידער, מיינע ליכטער" און אַלס „לידער, מיינע העל־זעער". די געשטאַלט פונעם גרויסן דיכטער בלייבט פאַר אונדז ווי די שמיד־געשטאַלט פון זיין ליד „דער שמיד" (וועגן דעם יונגן העלד און קדוש, דעם שמיד פון ליטווישן שטעטל בויסק, וואָס האָט אין 1905 געשמידט קינזשאַלן פאַר דער זעלבסטשוץ און איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די צאַרישע קאָזאַקן): „ער שמידט פון וויסטער וואָר נאָך אַלץ זיין גרויסן טרוים!"

***

דער דיכטער פון גייסטיקער גבורה, פון נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן פּאַטאָס, האָט, צום באַדויערן, ניט באַנומען דעם תוך פון טאָג־טעגלעכן אַרבעטער־קאַמף פאַר בעסערע לעבנס־און אַרבעט־באַדינגונגען. ער האָט אויך ניט באַנומען דעם תוך און באַדייט פון די דערגרייכונגען פון סאָציאַליסטישער בויאונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אָפט האָט ער אפילו אַרויסגעוויזן קעגנערשאַפט צום לאַנד פון סאָציאַליסטישן אויפבוי. די לינקע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט אים דעריבער ניט אויפגענומען און אָנגענומען ווי איר דיכטער.

ליעסין האָט הויך אָפּגעשאַצט די בייטראָגן פון זיינע צייט־חברים, די פּיאָנערישע אַרבעטער־דיכטער מאָריס ווינטשעווסקי און דוד עדעלשטאַט. דאָס קאָן מען זען פון זיין רירנדיקן אַרטיקל וועגן עדעלשטאַטן, געשריבן אין 1908. זיין באַציאונג צו ווינטשעווסקין און זיין שאַפן קאָן מען זען פון־נעם פאָלגנדיקן פאַקט: אין ש. ניגערס צווייטן באַנד: „בלעטער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור" (ניו־יאָרק, 1959) דערציילט דער באַוואוסטער יידישער קריטיקער: „אינעם בריוו פון יוני 1938 [אין זשורנאַל ,צוקונפט' — ב. ג.] האָב איך, שרייבנדיק וועגן מאָריס ווינטשעווסקיס און א. ליעסינס סאָציאַלע לידער, געזאָגט, אַז ביי ליעסינען ,האָבן זיי זיך צונויפגעגאָסן מיט זיין גאַנצן איך, ביי ווינטשעווסקין — ניט. ליעסין האָט געשריבן פון אינעווייניק, ווינטשעווסקי — פון דרויסן'. די דאָזיקע קורצע — צו־קורצע און אפשר טאָקע אויך צו ,דרויסנדיקע' — כאַראַקטעריסטיק פון ווינטשעווסקיס פערזן, האָט מיין פריינט א. ליעסינען, דעם רעדאַקטאָר פון ,צוקונפט', שטאַרק פאַרדראָסן".

ש. ניגער דערציילט ווייטער, אַז ליעסין האָט אים „אין אַ בריוו אויסגערעדט, פאַרוואָס איך זאָל האָבן ניט דערשאַצט מאָריס ווינטשעווסקין. אָט איז א. ליעסינס בריוו:

„טייערער פריינט ש. ניגער: — איר זייט געווען ווייט אויפן מערב, ווען איר האָט געשריבן אייער לעצטן אַרטיקל [אין יוני־נומער] — און איך האָב זיך מיט אייך ניט געקענט צונויפרעדן. דערלויבט מיר אויסצודריקן מיין מיינונג, אַז איר האָט ווינטשעווסקין געקריוודעט. מען קאָן אים ניט מעסטן

נאָר לויט זיינע פערזן. אמת, ווינטשעווסקי איז געווען דער ערשטער קאַמף־דיכטער אונדזערער. ער איז אָבער אויך געווען דער ערשטער סאָציאַליס־טישער פּראָזע־שרייבער, וואָס האָט מיט זיינע טאַלאַנטפולע פעליעטאָנען און געטאָקטע, געשליפענע נאָטיצן אַריינגעטראָגן אין אונדזער פּרעסע געשמאַק און סטיל. און ניט אַזוי ווי אַ קאַמף־דיכטער, נאָר ווי אַ ליטעראַרישע פּער־זענלעכקייט בכלל, זיינען די פאַרדינסטן זיינע גרויס אין אונדזער יידישער ליטעראַטור.

„ווינטשעווסקי איז געווען מיט זיינע פערזן ,דער ערשטער וועקער צו סליחות'. אַזוי האָט ער אַליין כאַראַקטעריזירט זיין פּאָעטישע טעטיקייט פאַר מיר מיט 41 יאָר צוריק, ווען איך האָב זיך מיט אים צום ערשטן מאָל גע־טראָפן. און ער איז געווען ניט נאָר דער ערשטער, נאָר אויך דער איירא־פּיאישסטער צווישן די אַמאָליקע קאַמף־דיכטער. איך האָב שוין אַמאָל וועגן דעם געשריבן אין ,צוקונפט'."

***

אַ גאַר באַזונדער און רייך קאַפּיטל אין ליעסינס שאַפן איז זיין פּאָעטישע עסייאיסטיק, רייך אין געדאַנקען, געשליפן אין לשון, אָפט פלאַם־פייערדיק, פּאַרטיפט און טיף־גראָבנדיק. די ירושה און טראַדיציע פון דורות יידישע דענקער און דיכטער קלינגט־אָפּ אין אייניקע פון אָט־די עסייען, וואָס רירן־אָן תוך־פראַגן, דער עיקר פראַגן פון יידישן קולטור־המשך, פון יידיש־לשון. שרייבנדיק מיט גרויס דרך־ארץ וועגן יידיש, אונדזער פאָלקס־לשון, האָט ער (אין זיין עסיי „אונדזער קולטור און אונדזערע שפּראַך־פראַגן") געוואָרנט:

„...און דער אונטערגאַנג פון יידיש, ווי אַ לעבעדיקע שפּראַך פון גרעסטן טייל פון יידישן פאָלק, וואָלט געווען אַ גרויסער אומגליק אויך אפילו פאַר העברייאיש, וואָלט בכלל געווען אַ גרויסער אומגליק פאַר דער יידישער קולטור"...

די אידייען־רייכע עסייען פון א. ליעסין אַנטפּלעקן פאַר אונדז זיין לומדות און בקיאות, זיין פאַרוואָרצלטקייט אין וועלטן פון הלכה און אגדה, אין אונ־דזער אַלטער יידישער געשיכטע, ווי אויך אין היינטצייטיקע וועלטלעכע ענינים.

***

ליעסין, דער טיף־יידישער קינסטלער, האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע. ער האָט זיך אין משך פון יאָרן, דורך אָנשטרענג און מי דערשלאָגן צו וויכטיקע דערגרייכונגען אין פרט פון צמצום און געצאַמטקייט פון דיכטערשן וואָרט, פון דער פּאָע־טישער שורה. אַ דיכטער אַ דענקער, אַ וואָרט־קינסטלער, האָט ער זיך באַ־צויגן מיט גרויס צערטלעכקייט צו דער יידישער שפּראַך, וועלכע האָט צו אים געלויכטן

„אַזוי ווי די שיינקייט פון מענטשלעכע זעלן,
אַזוי ווי די שיינקייט פון פאָלקס־זעל אַליין".

ער האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט שטרעבן צו דיכטערישער שלימות.

לעאָן קאָברין

(1946-1872)

1.

לעאָן קאָברין, רעאַליסטישער דערציילער און דראַמאַטורג, איז אַ פּיאָנער פון דער יידישער בעלעטריסטיק אין אַמעריקע.

רעדט מען וועגן אָט־דעם טאַלאַנטפולן, טעמפּעראַמענטפולן שרייבער, וואָס איז געווען העכער פופציק יאָר אַקטיוו אין אונדזער ליטעראַטור און קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן, דאַרף מען קודם־כל אונטערשטרייכן זיין פּיאָנערן־ראָל, זיין צעאַקערן דעם באָדן פון אונדזער ליטעראַטור אין אַ פּיאָנערן־עפּאָכע. מען דאַרף זען און אָפּשאַצן זיינע גרויסע ביישטייערן צו דער יידישער דערציילונג, צום יידישן ראָמאַן און צו דער יידישער דראַמע — אין ליכט פונעם פּעריאָד, ווען ער האָט אָנגעהויבן שאַפן, שטעלן זיינע ערשטע טריט אין דער יידישער ליטעראַטור. זיין ערשטע סקיצע, „אַ מערדער אויס ליבע", האָט קאָברין אָפּגעדרוקט אין 1894 אין דער „פילאַדעלפיער שטאָט־ציטונג". יענע דערציילונג (געשריבן אין דער ערשטער פּערזאָן וועגן אַ דיכטער, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין אַ פּרעכטיקער בלום — און זי גייט־אויס אין דער שטיקנדיקער לופט פון זיין אָרעמען, ענגן צימער — איז געווען דער אָנהייב פון זיין ברייט־פאַרצווייגטער שעפערישער ליטעראַרישער אַרבעט, וועלכע האָט באַרייכערט אונדזער לעבן און אונדזער יידיש־שאַפן.

שוין אין די אַכציקער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט זיינען געווען אין אַמעריקע אַרום זיבעציק יידישע שרייבער, צווישן זיי עטלעכע צענדליק דערציילער. אין 1889 האָבן די אַמעריקאַנער יידישע שרייבער געגרינדעט אַ ליטעראַטן־פאַראיין. קאָברין, וועלכער איז אין 1892 געקומען פון זיין געבורטס־שטאָט וויטעבסק קיין אַמעריקע, אין עלטער פון צוואַנציק יאָר, איז געווען רוסיפיצירט. ער איז דערצויגן געוואָרן אויף דער רוסישער ליטעראַטור. צו יידיש און יידיש־שאַפן איז ער געקומען פון דער רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור — פּונקט ווי דוד עדעלשטאַט מיט עטלעכע יאָר פריער. ערשט דאָ, אויפן אַמעריקאַנער באָדן, אונטער דער השפּעה פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע איז נאָך דאַן געווען אין איר קינדהייט, האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך די עשירות פון יידיש און זיך באַקענט

מיט דער יונגינקער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור, וועגן וועלכער ער האָט דאַן אָפּגעדרוקט בריוו אין דער אויבן־דערמאָנטער פילאַדעלפיער צייטונג.

פאַר קאָברינען זיינען געקומען יעקב גאָרדין, ז. ליבין, געצל זעליקאָוויטש, משה זייפערט, ל. זאָלאָטאַראָף, אַב. קאַהאַן און אַנדערע שרייבער־דערציילער. קאָברין האָט זיי מיט זיין טאַלאַנט, מיט זיין שילדערונג פון יידישן לעבן אין אַמעריקע, מיט זיין כאַראַקטעריזירן מענטשן און אַריינדרינגען אין תוך פון זאַכן, ווייט איבערגעשטיגן.

שוין אין זיינע סאַמע ערשטע דערציילונגען, געדרוקט אין די ניינציקער יאָרן, זיינען געווען דראַמאַטישע מאָמענטן און קאָנפליקטן. שוין אין זיי האָט מען געקענט שפּירן דעם אַנקומענדיקן באַדייטנדיקן פּאָפּולערן יידישן דראַמאַטורג. זיין ערשטע פּיעסע „מינע" אָדער „די צעשטערטע פאַמיליע פון דאַון־טאַון" (1899) איז דורך אים און יעקב גאָרדינען באַאַרבעט געוואָרן און אויפגעפירט געוואָרן מיט דערפאָלג („מינע" איז דערשינען אין דעם חודש־זשורנאַל „נייע צייט"). קאָברין, אַ גרונטליכער און אַנגעזעענער פאָרשטייער פון דער יידישער בעלעטריסטיק אין אַמעריקע, איז געווען אַ געטרייער תלמיד און נאָכפאָלגער פון גאָרדינען דעם דראַמאַטורג, אַ פאָרזעצער פון דער גאָרדין־טראַדיציע אין קאַמף פאַר דער בעסערער יידישער דראַמע. ער האָט אין אַ ריי פּרטים איבערגעשטיגן זיין לערער און מורה־דרך: אין טעמפּעראַמענט, אין עמאָציאָנעלער קראַפט, אין כאַראַקטער־שילדערונג, אין אַ מער מאָדערנעם צוגאַנג צו דער בינע. דער יידישער יונגערמאַן קאָברין פון וויטעבסק, אַ ראַדיקאַלער אינטעליגענט, אַן אידעאַליסט, איז געקומען אַהער אין לאַנד אַ שטאַרק־באַאיינפלוסטער פון דער פּאָרגעשריטענער ליטעראַטור פון די גרויסע רוסישע שרייבער גאָגאָל, טאָלסטאָי, טורגעניעוו, טשעכאָוו, קאָראָלענקאָ, און פון די פראַנצויזישע שרייבער זאָלא און מאָפּאַסאַן. פון זייערע רייכע קוואַלן האָט ער געשעפּט. פון זיי האָט ער אַ סך געלערנט. זיי האָבן אין אַ גרויסער מאָס געפירט מיט זיין פען אין משך פון יאָרן. ער איז געבליבן ביזן סאַמע סוף פון זיין לעבן, סיי קעמפעריש, סיי שעפעריש, אַן ערלעכער סאָציאַליסט, פּראָגרעסיוו אין זיינע פאָדערונגען צום יידישן לעבן און צו דער יידישער קולטור. ער האָט פּאָליטיש געענדיקט ווי ער האָט אָנגעהויבן: אַ ראַדיקאַל. ער איז די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן געווען אַקטיוו אין איקאָר, אין דעם איקוף און האָט געדרוקט אין דער „מאָרגן־פרייהייט" זיינע זכרונות (אין 1945־1946) און ראָמאַנען. אין 1955 זיינען זיינע זכרונות דערשינען אין בוך־פאָרם אין דעם פאַרלאַג „איחבוך" אין בוענאָס־איירעס, אַרגענטינע, אונטערן נאָמען: „מיינע פופציק יאָר אין אַמעריקע" (ליידער איז דאָרט נישט אָנגעגעבן געוואָרן, אַז דאָס האָט די „מאָרגן־פרייהייט", קאָברינס ליטעראַרישע היים די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, געדרוקט די זכרונות...).

די ערשטע יאָרן אין אַמעריקע האָט זיך דער יונגער קאָברין שטאַרק אָנגעפּלאָגט. ער האָט געניייט העמדלעך, געאַרבעט אין אַ ציגאַרן־פאַבריק, דער־

נאָך — אין אַ בעקעריי, שפּעטער — אַלס אַ ציַיטונגס־פּאַרקויפער און דער־נאָך — אַלס וועבער אין אַ זייד־פאַבריק. נאָכדעם ווי ער האָט דעביוטירט אין דער פילאַדעלפיער יידישער צייטונג מיט זיין אויבן־דערמאַנטער סקיצע, האָט ער אָנגעהויבן דרוקן דערציילונגען אין דעם ניו־יאָרקער סאָציאַליס־טישן „אבענדבלאַט" און האָט אָנגעהויבן קריגן אָנערקענונג אַלס קרעפטי־קער דערציילער מיט אַן אייגנאַרטיקן סטיל און שרייב־מאַניר.

מיט וואָס האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט די בעלעטריסטיק, וואָס קאָברין האָט געשאַפן? קודם־כל, מיט דער רייכקייט און פאַרשיידנאַרטי־קייט פון זיין טעמאַטיק און מיט זיין רעאַליסטישן צוגאַנג צום לעבן, מיט זיין טאַלאַנט צו געבן „לעבנס־געטרייע" בילדער. אין אייניקע פון זיינע דער־ציילונגען און ראָמאַנען פלעגט ער צייטנווייז אַריינפאַלן אין אַ טאָן אָדער סטיל פון נאַטוראַליזם, פון פאָטאָגראַפישער סביבה־שילדערונג. און נאָך אַ וויכטיקער גרונט־שטריך אין קאָברינס דערציילונגען און ראָמאַנען: דער לייענער דערשפּירט באַלד דעם שרייבערס הייסן, ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט, דעם מחברס הנאה אין שילדערן „שטאַרקע כאַראַקטערן", דאָס הייסט, מענטשן מיט שטאַרקע ליידנשאַפטן, מיט שטאַרקע עמאָציעס (ליבע, אייפערזוכט, א. אַז. וו.). קאָברין האָט געשאַפן הונדערטער דערציילונגען און סקיצן, אַן אָנ־געזעענע צאָל ראָמאַנען, העכער דרייסיק דראַמעס און מעלאָדראַמעס, עסייען, זכרונות וועגן יידישן טעאַטער, זיינע לעבנס־מעמואַרן. זיינע ווערק גיבן אַ ברייט בילד פון יידישן לעבן דאָ אין לאַנד.

זיין טעמאַטיק נעמט־אַרום: קלאַסן־קאַמף, בילדער פון שאַפּ־לעבן און טענעמענט־לעבן אויף דער יידישער איסט־סאַיד, גאַלערייען פון שאַפּ־אַרבע־טער, אינטעליגענטן, ראַדיקאַלן, אויך באַסעס און אָפּאַרטוניסטן. מיט זיין עכטן טאַלאַנט האָט קאָברין, מיט אַ פּראָגרעסיוון צוגאַנג, מיט אַ סאָציאַל־קעמפערישער טענדענץ, מיט ליבשאַפט צום אָרעמאַן, געשילדערט סטרייקס, אַרבעטער־מיטינגען; ראַדיקאַלן, רעוואָלוציאָנערן, אָדער אינטעליגענטן אין דעם פּראָצעס פון ווערן רעוואָלוציאָנערן; היימישע קליינבירגער אין פּראָ־צעס פון פּראָלעטאַריזירן זיך; בילדער פון פאַמיליע־לעבן; די מאָדערנע יידישע פרוי; מאָמענטן פון ליבע אין אירע פאַרשיידענע פאָרמען (ליבע־ליידנשאַפטן), געשלעכט־ליבע, ליבע אין גראַנגל מיט אַנדערע געפילן; אויך בילדער פון דער „אַלטער היים" (וויטעבסק, ליטווישע שטעטלעך, יידישע און ניט־יידישע פישערלייט אין ווייסרוסלאַנד, סאָציאַלע קאַמף־מאָמענטן, און ווידער שטאַרקע ליידנשאַפטן, געשטאַלטן פון גאַנצע מענטשן, אַן קאַמפּ־לעקסן). קאָברין האָט, אגב, דער ערשטער אַריינגעבראַכט דעם עלעמענט פון עראָטיק (דער עיקר, פון אַזוי גערופענער „פרייער ליבע") אין אונדזער ליטעראַטור.

ער האָט זיך, ווי אַ נאָוועליסט אַ רעאַליסט, אויסגעצייכנט ווי אַ מייסטער סביבה־שילדערער. זיינע דערציילונגען און ראָמאַנען האָט ער אָנגעפילט (און צייטנווייז איבערגעלאָדן) מיט פיל דעטאַלן (אָפט אפילו אומנויטיקע), מיט קלאַנגען, פאַרבן, ריחות פון דער סביבה, מיט אַן אַ שיער איינצלהייטן

און שטריכן אין אַ פּען־פּאָרטרעט. דער טאַלאַנט, דער קינסטלער אין אים האָט אָבער ניט פאַרפעלט צוצוקומען צום תוך און טאָן פון דער געשילדער־טער סביבה, צו איר אינערלעכער נשמה, צו איר עצם. פיל פון די געשטאַלטן אין זיינע רייכע פּאָרטרעטן־גאַלערייען זיינען געבליבן לעבן, אַזוי ווי זיי האָבן געלעבט אין דעם מחברס רייכן דמיון און זכרון.

ריכטיק האָט באַמערקט דער ליטעראַטור־קריטיקער ש. ניגער אין זיין ברייטער אָפּהאַנדלונג: „לעאָן קאָברין — שילדערער פון שטאַרקע און עלע־מענטאַרע געפילן":

„ל. קאָברין — צי ער ווייסט דערפון, צי ניט — איז מער אַריינגעטאָן אין דער נשמה, ווי אין דעם לבוש — דער סביבה — פון דעם מענטשנס לעבן, און אין דעם ליגט דער גרעסטער אונטערשייד צווישן אים און אַנ־דערע צייט־חברים זיינע, ווי גאָרדין אָדער ליבין" (ש. ניגער: „דערציילער און ראָמאַניסטן", ניו־יאָרק, 1946).

קאָברינס הויפּט־גבורה — זיין פייאיקייט קינסטלעריש צו דראַמאַטיזירן שטאַרקע מענטשלעכע געפילן — איז באַזונדערס געקומען צום אויסדרוק אין זיינע בעסערע דראַמען, ווי אויך אין איינציקע פון זיינע ראָמאַנען, באַזונדערס אין „אימיגראַנטן", „אַרע די באָרד", „אין גאָלדענעם שטראָם", „די ער־וואַכונג", „די נייע אָדם און חוה", „אין רויטן שטראָם", „אָן אַ היים". אָבער שפּורן פון זיין דראַמאַטישן כוח זיינען שוין דאָ אפילו אין איינציקע פון זיינע דערציילונגען פון זיין ערשטן שאַפונג־פּעריאָד: סוף ניינציקער יאָרן.

צו יענעם פּעריאָד געהערן זיינע דערציילונגען: „איך בין אַלט געווען 17 יאָר" (פאַרעפנטלעכט אין 1897) — וועגן דער ליבע פון אַ זיבעצן־יאָריקן בחור; „פאַרוואָס בערל האָט געמופּט" (אַ בילד פון ניו־יאָרקער אָרעמע טענאַנטס אויף די דעכער אין די היצע זומער־נעכט, און די ליידן פונעם אַר־בעטער בערל, ווען ער באַמערקט, אַז דער בחור דזשעק קוקט פאַרטאָג אויפן אָפּגעדעקטן לייב פון זיין [בערלס] פרוי, חוה). עלעמענטן פון ליבע און פון סאָציאַלן קאַמף, צונויפגעוועבט און דראַמאַטיש אַרויסגעבראַכט, פאַרנעמען דעם אויבן־אָן אין פיל פון זיינע ערשטע און אויך גאָר שפּעטערדיקע דער־ציילונגען.

שטאַרק אויסגענומען ביי מאַסן לייענער, ווי ביי די מערסטע קריטי־קער, האָבן קאָברינס דערציילונגען „קאַרל מאַרקס" (דזשעק, וועלכער איז דער „קאַרל מאַרקס" פון דער דערציילונג, פירט אַ ביטערן סטרייק קעגן זיין ברודער דעם פאַבריקאַנט כלעבניצקי) און „באַקונין" (דער אַנאַרכיסט און פריידענקער דזשעק און זיין געליבטע מינקע); „וואָס איז ער?" (וועגן דער־ציאונג־פּראָגן). אָבער אין 1898 האָט זיך דער יונגער קאָברין קונה־שם געווען מיט זיין נאָוועלע „יאַנקל בוילע" (פון וועלכער ער האָט שפּעטער גע־שאַפן אַ גאָר געראָטענע דראַמע) — וועגן דעם יידישן פישער־לעבן אין ווייס־רוסלאַנד (זיין באַקאַנטשאַפט מיט אָט־דעם לעבן האָט געשטאַמט פון זיין יוגנט, ווען זיין פאָטער רפאל האָט געהאַלטן אָזיערעס). פּרעכטיקע בילדער; שטאַרקע כאַראַקטערן, געשטאַלטן פון יידישע פאָלקס־מענטשן, וואָס קריצן

זיך אין זכרון (הערש־בער, זלמן, נחום א. אַנד.), און דער עיקר — דער הויפּט־העלד, דער פיזישער גיבור יאַנקל בוילע, דער פישער־יונג, דער ליבּ־לינג פון אַלע דאָרפישע מוידן. רירנדיק ביז גאָר איז דער טראַגישער סוף: דער „העלד" פאַרליבט זיך אין אַ ניט־יידיש מיידל (נאַטאַשע). שכנים רעדן אים איין, אַז זיין טויטער טאַטע וועט אים קומען וואָרגן, אויב ער וועט מיט איר חתונה האָבן. ער לעבט־דורך שרעק. ער זאָגט זיך אָפּ פון זיין גע־ליבטער און באַגייט זעלבסטמאָרד.

אין פיל פון קאָברינס דערציילונגען זיינען פאַראַן קרעפּטיקע, פאַרכאַפּנ־דיקע מאַסן־סצענעס, דראַמאַטישע קאָנפליקטן.

אין דער באַלערנדיקער און אינטערעסאַנטער אויטאָביאָגראַפישער פאָר־רעדע צו זיין באַנד „געזאַמלטע שריפטן" (979 זייטן, זיבעציק געקליבענע דערציילונגען, ניו־יאָרק, 1910) דערציילט קאָברין ווי שווער ס'איז אים אָנ־געקומען צו שאַפן „לעבן און געשטאַלטן" אין דער דעמאָלטדיקער אַמערי־קאַנער יידישער סביבה, ווען דאָס יידישע לעבן אַרום אים איז געווען אַ „כאַאָס", ניט פאַרוואָרצלט, ניט איינגעשטעלט, אַ לעבן אָן אַ לעבן־שטייגער, אָן „אַ ירושה פון דורות", אַ לעבן ווען דער שרייבער האָט „געהאַט פאַר זיך פאַרבלאָנדזשעטע נשמות, ניט־איינגעשטעלטע כאַראַקטערן, אַ כאַאָס־לעבן".

אָט־די גרויסע שוועריקייטן האָט קאָברין מיט זיין קינסטלער־טאַלאַנט, מיט זיין שעפערישן כוח, מיט זיין „אומבאַוואוסטן שאַפונגס־טריב" (זיין אויסדרוק) סוף־כל־סוף גובר געווען. ער האָט אַליין געהערט צו יענע שאַ־פערס און בויער פון אונדזער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור און יידי־שער דראַמע, וואָס מוזן, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, „פאַרמאָגן גרויסע שאַפנדיקע כוחות, וואָס נאָר פיאָנערן זיינען געבענטשט מיט אַזעלכע".

.2

שטיקער יידיש לעבן אין אַמעריקע זיינען פאַרקערפּערט אין לעאָן קאָב־רינס דערציילונגען, ראָמאַנען, דראַמען — מיטן אָטעם און געראַנגל פון פאַר־גאַנגענע, אויסגעלאָשענע עפּאָכעס. זיינע ראָמאַנען האָט קאָברין אָנגעהויבן שרייבן און פאַרעפנטלעכן אין 1910 — אַרום 15 יאָר נאָכדעם ווי ער האָט געשריבן דערציילונגען און עלף יאָר זינט ער האָט אָנגעשריבן זיין ערשטע פיעסע „מינע". ניט אַלע זיינע ראָמאַנען, פונקט ווי ניט אַלע זיינע דראַמען, זיינען פון אַ הויכער קינסטלערישער קוואַליטעט.

אייניקע פון זיינע ראָמאַנען זיינען געווען געשריבן בחפּזונדיק, צוגע־איילט, אין צופּאַסונג צו דער צייטונג, וואו זיי זיינען געווען געדרוקט אין פאָרזעצונגען — פונקט ווי אייניקע פון זיינע פיעסן זיינען געשריבן געווען צופיל אין צופּאַסונג צו דער בינע, צום שוישפּילער און האָבן דערפון קינסט־לעריש געליטן. אין די מערסטע פון זיינע שאַפונגען איז אָבער געווען אויפריכטיקייט, קינסטלערישער אימפּעט, דראַמאַטישער שטאָף, אידייען־און קלאַסן־קאָנפליקטן, אַ שאַרפער חוש פאַר יושר, טיפע סימפּאַטיע צום אונ־טערדריקטן, צום אַרבעטער, צום קעמפנדיקן ראַדיקאַל.

צווישן קאַברינס ראָמאַנען האָט אַן אויבן־אָן פאַרנומען „ערע די באַרד" — דער צווייטער אין דער ריי נאָך זיין ערשטן ראָמאַן „אימיגראַנטן", וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין 1909 אין דער „וואַרהייט" אין ניו־יאָרק. פּאַקטיש איז „אימיגראַנטן" געווען, קאָן מען זאָגן, דער ערשטער יידישער ראָמאַן פון אַמעריקאַנער יידישן לעבן. אין „אימיגראַנטן" האָט דער שפּעטער רייף־געוואָרענער ראָמאַניסט „אויסגעפּרואווט זיין פּען" אויף אַ ראָמאַן. אין „ערע די באַרד" איז אים געלונגען צו געבן אַ ברייט ליווונט פונעם אויפקום פון אַ נייעם „קלאַס" פון יידישע „אַלראַיטניקעס". ערע די באַרד, די צענטראַלע געשטאַלט אין אָט־דעם ראָמאַן פון סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע און פון פּאַרטיפּטער אינדיווידועלער פּסיכאָלאָגיע, איז לעבעדיק קינסטלעריש געשילדערט ווי אַ יידישער פּעדלער, וואָס לאָזט זיך אַריין אין „ריל עסטעיט"־געשעפטן (קויפן פּלאַץ פאַר הייזער־בויאונג) אין בראַנזוויל, אין אַ צייט ווען יענע געגנט ווערט אַלץ־מער באַפּעלקערט און ער ווערט נתעשר. אָט־דעם ראָמאַן האָט קאַברין מיט אַ צייט שפּעטער אַנטוויקלט אין אַ דראַמע, וועלכע איז אויפגעפירט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג אויף דער יידישער בינע.

ווי אַזוי האָבן יידישע קריטיקער געזען און באַנומען דעם שעפערישן, פּראָדוקטיוון דערציילער און דראַמאַטורג קאַברין? ווי אַזוי האָבן זיי אים אָפּגעשאַצט?

ווי שוין דערמאָנט איז אין 1910 דערשינען אין ניו־יאָרק אַ באַנד פון קאַברינס „געזאַמלטע שריפטן". די דערציילונגען אין יענעם באַנד זיינען איינגעטיילט אין 6 סעריעס: 13 א. ט. „ליבע" (איינשליסנדיק „יאַנקל בוילע"); דערנאָך די דערציילונגען אונטערן טיטל „פאַמיליע־לעבן"; פון יידישן קינסטלער־לעבן; „צייט און מענטשן" (איינשליסנדיק „קאַרל מאַרקס" און אַנדערע דערציילונגען וועגן יידישע סאָציאַליסטן); דער פינפטער טייל, וואָס שליסט־איין די פון־אַלעמען־געליבטע דערציילונג „דער מילכיקער בית־מדרש" (1904) — געלונגענע שילדערונגען פון אַ ריי כאַראַקטערן: דער שיכור ערע בוטשאַן, דער פרומער גבאי שלמה הויז, דער פאַרשוין ישראלקע קאַטוף; דער זעקסטער טייל: „קאָמישעס און טראַגישעס".

אין זיין עסיי „ל. קאַברין" (אין זיין בוך „קריטיק", פאַרלאַג „קולטור־ליגע", קיעוו, 1920) האָט דער קריטיקער בעל־מחשבות וועגן קאַברינס באַנד „געזאַמלטע שריפטן" גוואַלדיק אונטערגעשאַצט די קינסטלערישע קוואַליטעט פונעם חשובן פּיאָנער פון דער אַמעריקאַנער יידישער דערציילונג. בעל־מחשבות גיט־צו, אַז קאַברין „געהערט צו די געציילטע יידיש־אַמעריקאַנער שרייבער, וועלכע האָבן געהאָלפן באַשאַפן אַן אַמעריקאַנער יידישע בעלעטריסטישע און דראַמאַטישע ליטעראַטור. יעקב גאָרדין, ז. ליבין און ל. קאַברין זיינען די שפּיצן פון דער דאָזיקער ליטעראַטור". מיט רעכט באַצייכנט בעל־מחשבות ל. קאַברינען אַלס דעם „טעכניקער פון דער קורצער מעשהלע". און פאַרטיק.

ווייטער גייען שוין אַוועק ביי בעל־מחשבותן אַזעלכע עפּיטעטן און באַ־

צייכענונגען און אָרועקמאַכענישן מיט דער האַנט, ווי: „מיטלמעסיק", „נאָכן לייענען לאָזן זיי [די דערציילונגען] ניט איבער קיין טיפערן צייכן אין זכרון פון לעזער": „זייער שוואַך און אין געוויסן גראַד באַנאַל". בעל־מחשבות דרינגט, אַז „ל. קאָברין האָט אין קינסטלערישן זין זיך ווייניק וואָס אַנט־וויקלט. דאָס לעבן האָט אים נאָר באַרייכערט מיט טעמעס, האָט אָבער נישט פאַרטיפט זיין קונסט און אים נישט געמאַכט זעענדיקער". ער קומט צום אויספיר, אַז „אין אים [קאָברינען] רעדט נישט דער קינסטלער, נאָר דער מענטש, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט די טעכניק פון אַ נאָוועלע שרייבן. אים איז וויכטיקער די טעמע, ווי די קינסטלערישע אויסאַרבעטונג פון אַ כאַראַקטער". ס'איז קלאָר, אַז ווען ניט דער פריצייטיקער טויט פונעם גרויסן און טיף־זעענדיקן קריטיקער, וואָלט ער (בעל־מחשבות) מיט דער צייט געוויס דערזען קאָברינס קינסטלערישן וואוקס און בכלל זיין קונסט פון אַ דערציילער און דראַמאַטורג, ניט־געקוקט אויף פיל פעלערן אין פרט פון „אַנליגן צופיל וועג", אָנגעבן צופיל אויסערלעכע דעטאַלן, א. ד. גל.

אַ סך טיפער און עצמדיקער, תוכיקער האָט ש. ניגער באַנומען קאָב־רינען דעם דערציילער און ראָמאַניסט. אין ש. ניגערס וואָגיקן בוך „דער־ציילערס און ראָמאַניסטן", 532 זייטן) פאַרנעמט זיין ברייטע און אויספיר־לעכע אָפּהאַנדלונג וועגן קאָברינען גאַנצע פינף־און־פופציק זייטן. דער חשובער קריטיקער גיט אַ זייער פּאָזיטיווע אָפּשאַצונג וועגן קאָברינס דער־ציילונגען, אַן אַנאַליז וועגן זיבן פון זיינע ראָמאַנען און אויך וועגן זיין זייער ווערטפולן ווערק „דערינערונגען פון אַ יידישן דראַמאַטורג, אַ פערטל יאָר־הונדערט יידיש טעאַטער אין אַמעריקע" (ניו־יאָרק, 1925).

ש. ניגער ברענגט־אַרויס, צווישן אַנדערן, די פּאָלגנדיקע פּאָזיטיווע מאָמענטן אין קאָברינס שאַפן: „ער האָט מקפיד געווען אויף דער ליטע־ראַרישקייט פון זיין יידיש"; „נישט נאָר אַ שפּראַכלעכע, — אַ ליטעראַ־רישע יידישע טראַדיציע האָט ער געהאָלפן פאַרמירן, נישט האָבנדיק געהאַט אַליין אין דער יידישער ליטעראַטור קיין שום וואָרצלען"; „אין דעם בע־סערן טייל פון קאָברינס דערציילונגען, דראַמעס, ראָמאַנען און זכרונות קאָן מען נאָך איצט אפילו געפינען ליטעראַריש־קינסטלערישע, ניט בלויז ליטע־ראַטור־היסטאָרישע ווערטן".

להיפּוך צו בעל־מחשבותעס אָפּשאַצונג ווייזט אָן ש. ניגער, אַז „הינ־טער די אַלע דרויסנדיקע שילדערונגען [אין קאָברינס דערציילונגען] שלאָגט אַ קוואַל פון הייסן און שטאַרקן אינעווייניקסטן לעבן". ש. ניגער אונטער־שטרייכט: „זיין [קאָברינס] וועלט איז — דאָס בלוט, וואָס רינט אין די מענטשנס אָדערן, דאָס בלוט, וואָס באַוועגט און שטורעמט־אויף דעם גוף מיט דער נשמה אינאיינעם. זיין וועלט איז — דאָס אורקרעפטיקע אין אונדז, מענטשן". ש. ניגער קומט צום אויספיר: „דער עיקר פאַר אונדז אין קאָב־רינס שאַפן איז דאָס איביק־מענטשלעכע".

פאַרשטייט זיך, מיר מוזן ניט מסכים זיין מיט ניגערן, אַז „לאָזן אונדז הערן די שטים פון בלוט, דעם געשריי פון ליבע — דאָס איז קאָברינס אַ

דערגרייכונג, אָדער זיין גרעסטע דערגרייכונג״ (אונדזער אונטערשטרייכונג) אָדער אַז קאַברין איז ,,לויט זיין טעמפּעראַמענט געווען מער אינדיווידועל־קינסטלעריש, ווי סאָציאַל־קעמפעריש״. אונדז דוכט זיך, אַז קאַברינס מערסטע און בעסטע דערציילונגען, ראָמאַנען, דראַמען זאָגן עדות און באַשטעטיקן גראָד דעם היפוך: קאַברינס סאָציאַלע קעמפערישקייט, וועלכע האָט גע־שטימט הארמאָניש מיטן אינדיווידועל־קינסטלערישן אין אים. וויכטיק איז אָבער דער פאַקט, וואָס ש. ניגער האָט הויך אָפּגעשאַצט קאַברינס גרויסע ביטראַגן צו אונדזער אַמעריקאַניש־יידישער ליטעראַטור, דעם ,,לעבנספולן דראַמאַטישן אָטעם״ אין קאַברינס שאַפונגען.

אַ פיינער אַריינבליק אין דער נשמה און שעפערישקייט פון ל. קאַברין איז ב. ריווקינס עסיי ,,דער פּיאָנער״ (אין ,,יידישע קולטור״, יאַנואַר 1945 און אין ריווקינס בוך ,,אונדזערע פּראָזאַאיקער״, ניו־יאָרק, 1951). אָט־דער אָריגינעלער קריטיקער מיט אַ תביעת־עין פון אַ חריף און תלמיד־חכם ווייזט־אָן אויף קאַברינס גרויסע פּיאָנערישע ביטראָגן אין זיינע פופציק יאָר גע־ראַנגל אַלס שרייבער. ריווקין שיילט־אויס די פאָלגנדיקע מאָמענטן: קאַב־רינס ,,אמתע אַרבעט מיט רעאַליסטישער מיליע־שילדערונג״, זיין ,,שאַרפע ראיה פאַר באַוועגונג״, זיינע דערגרייכונגען ווי אַ ,,סאָציאַל־אידיאישער דראַמאַטורג״, זיין טאַלאַנט ,,אויפצונעמען אַ סאָציאַלע אידייע און צו מאַכן זי זיך באַוועגן, זי צו שילדערן און דראַמאַטיזירן״, זיין אויפכאַפּן ,,יידישע סימנים אפילו אין די שעפער״ (אין די דערציילונגען ,,אַנאָס מה נשתנה״, ,,חושענים כל נדרי״ א. אַנד.), זיין ,,מייסטערהאַפט אין דראַמאַטיזירן אי־דייאישע פּראָבלעמען״ (ווי, למשל, אין דער פּראָבלעם־דראַמע ,,ריוועררסאַיד דראַייוו״, אויפגעפירט דורך מאָריס שוואַרצן אין 1931). ריווקין באַצייכנט קאַברינען אַלס איינעם פון די ,,פּיאָנערן־העלדן״.

אַפּריל, 1961.

ה. רויזענבלאַט

(1956־1878)

— פאַרלעשן דעם לאָמפּ, דאָס אויג מאַך צו;
איך בין דיין חלום און דיין רו.
אַ גוטע נאַכט —

ה. רויזענבלאַט

אין עלטער פון 78 יאָר איז אויף זיין „לעצטער נסיעה" אַוועק דער באַרימטער יידישער דיכטער, דער עלטסטער יידישער פּאָעט אין אַמעריקע, ה. רויזענבלאַט (חיים רויזענבלאַט). געשטאָרבן איז ער אין לאָס־אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע, וואו ער האָט געלעבט זינט 1921.

ה. רויזענבלאַט איז געווען דיכטעריש־פּראָדוקטיוו, שעפעריש. זיין פּאָע־טישער טאַלאַנט האָט זיך באַזונדערס פאַנאַנדערגעבליט — מיט פרישקייט און קראַפט — דווקא אויף זיינע עלטערע יאָרן. ער איז דאַן גע־וואָרן פּאָעטיש יינגער. זיינע שאַפונגען — זאַפטיקער, קערנדיקער, רייפער.

ער איז געווען אַ דיכטער פון אַ סך קינסטלערישע דערגרייכונגען און אויפטוען. זיין שאַפונג־פּעריאָד האָט זיך געצויגן אין משך פון 56 יאָר. זיינע ערשטע צוויי לידער האָט ער אָפּגעדרוקט אין יאַנואַר, 1900, אין „פאָר־ווערטס" (אונטער דער ליטעראַרישער רעדאַקציע פון משה קאַטץ).

רויזענבלאַט, וועלכער האָט אין 1953 געפייערט זיין 75סטן געבורטס־טאָג, האָט איבערגעלאָזט אַ רייכע ליטעראַרישע ירושה, וועלכע באַ־שטייט פון עלף ביכער לידער. און אָט דאָס זיינען די נעמען פון זיינע ווערק: „לידער" (דערשינען אין 1910; „געדיכטן און לידער" — 1915; „אונטער גאָטס הימל" — 1920; „בלויע פלאַמען" — 1926; „הרודעס" — 1930; „ליים" — 1935; „בעבוזיק" — 1940; „אָדמס קינדער" — 1944; „מיין ליכטיקע נסיעה" — 1944; „אין שאָטן פון מיין בוים" — 1948; „אין שענסטן טאָג פון הארבסט" — 1953. צו זיין זיבעציקסטן געבורטסטאָג האָט דער „ה. רויזענבלאַט יובל־קאָמיטעט" אַרויסגעגעבן אין לאָס־אַנדזשעלעס אַ „ה. רויזענבלאַט יובל־בוך" מיט אַרטיקלען, לידער און באַגריסונגען, געווידמעט דעם יובילאַר.

אין די ערשטע יאָרן פון זיין שאַפן איז רויזענבלאַט געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון ש. פרוג, מאָריס ראָזענפעלד, יהואש, א. ליעסין, אברהם רייזען. ער האָט אין משך פון יאָרן געזוכט זיין אייגענעם דיכטערישן וועג. די לידער פון זיין ערשטן שאַפערישן פּעריאָד זיינען געווען קינסטלעריש־רוי, צו־לייכט אין ריטם, אָפט ניט־פאַרטיפט. „מאַגער מיינע זאַנגען", האָט ער אַליין יענע לידער באַצייכנט (אין „אויטאָביאָגראַפישע פערזן"). יאָרן־

לאַנג האָט זיך דער דיכטער געראַנגלט פאַר שלימות. זיינע לידער זיינען געוואָרן רייפער, בעסער, ליטעראַריש אָנהויבנדיק מיט זיין דריטן בוך. זינט דאַן איז דער דיכטער געשטיגן אַלץ העכער, פון מדרגה צו מדרגה, פון בוך צו בוך, און איז צוגעקומען צו זיין פולסטער צייטיקייט שוין ביי דער שיין פונעם „לעצטן בליאַסק פון האַרבסט".

פאַראַן אַ שפּע מיט מאָטיוון, טעמעס, בילדער — פון דער „אַלטער היים" און פון אַמעריקע — אין רויזנבלאַטס ביכער. זיינע לידער (פון זיין שפּעטערדיקן פעריאָד) צייכענען זיך דער עיקר אויס מיט זייער רייכער, פאַרביקער בילדערישקייט, מיט זייער קלאָרקייט און פשטות, מיט זייער מאָ־לערישקייט, מיט דערציילערישקייט, מעשהדיקייט. זיי פאַרמאָגן אָפט דעם צויבער פון פאָלקסטימלעכקייט — סיי אין לשון, סיי אין טאָן, סיי אין דעם דינעם, פיינעם הומאָר, אין פילן זיך היימיש־נאָענט מיטן לייענער.

ה. רויזנבלאַט איז געבוירן געוואָרן דעם 15טן מאַי, 1878, אין דעם דאָרף ריסאָשע, לעבן קאַמענעץ־פּאָדאָלסק. דער טאַטע זיינער, הערש דער מילנער, איז געווען אַ געזונטער, גבורהדיקער, דאָרפישער ייד. דעם דיכ־טערס מוטער, דאָבריש, האָט אַרויסגעהאָלפן אין דער פרנסה. חיימל האָט געלערנט תורה ביי דאָרפס־מלמדים. אין 1891, אין עלטער פון צוועלף־דרייצן יאָר, איז ער געקומען מיט זיינע עלטערן קיין אַמעריקע. די משפחה האָט זיך באַזעצט אין בראַנזוויל.

דער נעכטיקער מילנער איז דאָ געוואָרן אַ פרעסער ביי מענער־קליידער. חיימל איז געוואָרן אַ פאַרסטריגע־ציער. די מוטער דאָבריש האָט געטאָן „היים־אַרבעט" ביי אויבערהעמדער.

דער בחור חיים האָט דורכגעמאַכט אַ סך מלאכות: ער איז געווען אַ „משורר" ביי אַ בראַנזווילער חזן, ער האָט אין די פאַרטאָגן פאַנאַנדערגע־טראָגן צייטונגען, ער האָט זיך געלערנט שילדן־מאָלעריי. ער האָט שטו־דירט ענגליש; געוואָלט ווערן אַן ענגליש־לערער. ער האָט אין יענע יונגע יאָרן אַ סך געשעפּט פון די דיכטערישע קוואַלן פון שעקספּיר, באַיראָן, שעלי, קיטס, קאָולרידזש, טעניסאָן, לאָנגפעלאָו. קיין ענגליש־לערער איז ער ניט געוואָרן. ער איז יאָ געוואָרן אַ וויכטיקער, באַדייטנדיקער יידישער דיכטער.

אין די קרייזן פון יידישע אַרבעטער־אימיגראַנטן האָט דאַן געקלונגען דאָס ליד פון ווינטשעווסקי, ראָזענפעלד, עדעלשטאַט. זיי האָבן געקלונגען אַזוי היימיש און ליב אין די אויערן פונעם אונטערוואַקסנדיקן יונגענמאַן, דעם בחור פון די אוקראַינישע סטעפּעס, וואָס האָט מיט זיך מיטגעבראַכט שטי־קער אוקראַינע און אַן עשירות פון יידיש פאָלקס־לשון. ער האָט שטילער־הייט, בסתר, אָנגעהויבן שרייבן יידישע לידער. און זינט זיינע ערשטע לי־דער זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן, האָט מען זיי גערן געדרוקט און עס איז דערשינען באַנד נאָך באַנד. אייניקע פון זיינע לידער האָט מען אויך געזונגען (באַזונדערס פאָפּולער צווישן זינגער איז זיין ליד „דן און דאָניע").

אין 1916 האָט ער זיך באַזעצט אין דעטראָיט. דאָרט האָט ער אין משך פון אַ יאָר רעדאַקטירט דאָס „דעטראָיטער וואָכנבלאַט". דאָרט האָט ער אין

1920 חתונה געהאַט מיט זיין לעבנס־באַגלייטערין מלכה בייער (באָיאַרסקי). אין 1921 האָט ער זיך באַזעצט אין לאָס־אַנדזשעלעס, וואו ער האָט אין אַ היפשער מאָס בייגעטראָגן צום יידישן קולטור־לעבן. חוץ זיין פרוי מלכה, האָט ער איבערגעלאָזט אַ בת־יחידה דינה (געבוירן אין 1923).

מיר דוכט, אַז רויזענבלאַטס דיכטערישע הויפט־קראַפט איז געקומען צום אויסדרוק אין זיינע נאַטור־לידער, אין זיינע מאָטיוון פון היימישן אוקראַינישן דאָרף, אין די לידער פון און וועגן דעם טאַטנס מיל (אויך פרץ הירשביין און יוסף ראָלניק האָבן, ווי באַקאַנט, געזונגען וועגן דער הימי־שער דאָרפס־מיל). מיט קראַפט, כאָטש באַרייעדעוודיק און אָן קינסטלערישן וואָרט־צמצום, האָט ער געזונגען וועגן די היימישע יידן, זייערע וואַנדערונ־גען צו דער „בייער היים", זייערע איבערלעבונגען דאָ אין אַמעריקע (אין „הרודעס" און „ליים"). ווי געזאָגט: מער געלייטערטקייט פון אויסדרוק, טי־פערע אַריינדרינגונג אין מענטש און וועלט האָט ער דערגרייכט וואָס ריי־פער ער איז געוואָרן אין יאָרן. זיין סאַמע לעצטער בוך „אין שענסטן טאָג פון האַרבסט", אַרויסגעגעבן צו זיין 75סטן געבוירן־יאָר, דעמאָנסטרירט בולעט די פולע רייפקייט, וואָס אים איז געלונגען צו דערגרייכן, כאָטש אויך דאָרט רעדט ער וועגן „מיין זינגעוודיק און נישט־דערזונגען ליד". צי איז דען בכלל פאַראַן אַ דיכטער, וואָס האָט זיין ליד פולשטענדיק ביזן דנאָ „דערזונגען" ?

אַ סך דיכטערישער חן איז פאַראַן אין רויזנבלאַטס קינדער־לידער (אין „בעבזיק"). ניט־געקוקט אויף די מאָטיוון פון היימישן דאָרף, צו וועלכע ער האָט זיך אָפט צוריקגעקערט, האָט ער אין אַ סך לידער און געזאַנגען געשילדערט, באַזונגען זיין נייע היים — אַמעריקע, אין איר נאַטור־פראַכט, אין דער עשירות פון אירע גרויסע דעמאָקראַטישע טראַדיציעס („אויף אונדזער ערד געוואַנדערט האָט דער גייסט פון לינקאָלן, דזשעפערסאָן, דזשאַן בראַון און פעין"), און אויך — ראַסן־דיסקרימינאַציעס, לינטשערייען פון נעגערס אין אָט־דעם לאַנד.

זיין ליד, ווי זיין גאַנץ וועזן, איז אָפט געווען —

„דער פיבערדיקער אויער, וואָס פאַרנעמט און הערט,
ווי הבלס בלוט — ערשט פריש פאַרגאָסן — שרייט
צום הימל פון דער ערד" (פון זיין ליד „נאָקטורנע").

רויזענבלאַט האָט אָנגעהויבן גיין־פאָראויס אויף זיין דיכטערישן וועג אין אַ צייט, ווען די יידישע מאָדערנע פּאָעזיע איז נאָך געווען „אין די ווי־קעלעך". ער איז געווען צו־יונג פאַר די „אַלטע" אין אונדזער פּאָעזיע, און צו־אַלט פאַר דער ריכטונג „יונגע". ער האָט צו דיכטערישע גרופּעס און ריכטונגען ניט געהערט. ער האָט געפונען און אויסגעטראָטן זיין אייגענעם וועג. זיין אָפּגעריסנקייט פון די קעמפנדיקע, באמת־בויענדיקע, שאַפנדיקע יידישע פּראָגרעסיווע פאָלקס־מאַסן האָט אָפט געפירט זיין ליד צו אַ באַ־שטימטער צעשוואומענקייט, צו אַן אידייאישער צעפלאָסנקייט. איבער איי־

ניקע פון זיינע לידער שוועבט דעריבער אַן אומבאַשטימטע „פאַרחלומט־קייט"; פון זיי זינגען צומאָל אַרויס אומקלאָרע „בענקעניש", מטושטשע ביל־דער פון „שאָטנלאַנד".

רויזענבלאַטס געזאַנג איז אַ באַדייטנדיקער צושטייער צו דער יידי־שער פאַנאַנדערגעבליטער פּאָעזיע אין אַמעריקע. ער האָט באַגריפן און רעאַליזירט אין אַ היפשער מאָס די באַדייטונג פונעם „פשוטן וואָרט". אין זיין עסעי „וואונדערלעך וואָרט" (אַ מין „אני מאמין"), אין זיין לידער־בוך „אין שאָטן פון מיין בוים", האָט ער זיך אויסגעדריקט: „דאָס פשוטע וואָרט איז דאָך ביים רייפן קינסטלער סוף־כל־סוף דער וואונדערלעכער סוד אין זיין פּראָצעס פון שאַפן". שטרעבנדיק „פאַרשטאַנען ווערן", דערקלערט ער, „האָב איך געשטעלט דעם טראָפּ אויפן פשוטן וואָרט, אויף דער קלאָרער שורה, אויף דער גאַנצקייט פון ליד".

די פּאָעטישע זריעה, וואָס דער דיכטער האָט „מיטגעבראַכט מיט זיך פון טיף אוקראַינע", איז דאָ, אויפן אַמעריקאַנער באָדן, געראָטן אויפגעגאַנ־גען. אַ סך פון זיינע לידער זיינען, ווי זיין פּאָעטער הערש ריסאָשער, דער ריסאָשער מילנער, האָט געחלומט — „היימיש ברויט"; קיילעכדיק, פול און — שיין", מען דערפילט „דעם ריח פון פרישע הרודעס ערד". די בעסטע פון זיי צייכענען זיך אויס — מיט היימישקייט און ערדישקייט.

יוני 10, 1956.



יוסף ראָלניק

(1955־1879)

ניטאָ שוין יוסף ראָלניק צווישן די לעבעדיקע. ניטאָ שוין מער דער עכטער דיכטער פון איינזאַמקייט, איינער פון די פאָרשטייער פון דער דיכטער־גרופּע „יונגע". „אונדזער לאַנד איז גרוי און אָרעם, אונדזער הימל — בלייך", האָט אין איינעם פון זיינע לידער געזונגען דער שטילער, לירישער דיכטער יוסף ראָלניק. פון זיין געבוירנלאַנד, פון ווייסרוסלאַנד, האָט ער מיטגעבראַכט מיט זיך זיין אומעט, זיין געמיט פון „גרוי" און „בלייך", וואָס האָט זיך באַזעצט אין זיין נשמה און אין זיין ליד און וואָס האָט אים באַגלייט אויף זיין שטילן, איינזאַמען לעבנס־וועג, אויף זיין שווערן דיכטערישן וועג.

פאַרקאָוועט מיט פראָסט זיינען ווינטער געווען די פענצטער פון זיין עלנטער, איינזאַמער היים, אָפּגעזונדערט אויף פעלד, לעבן דעם דאָרף זשורכאָוויץ, ניט ווייט פונעם שטעטל מיר. דאָרט, „צווישן דאָרף און שטאָט, אין אַן אַלט שטיבל", האָט ער אין זיינע קינדער־יאָרן איינגעזאַפּט אין זיך אַ פינצטערע מרה־שחורה, וואָס האָט שפּעטער אין משך פון יאָרן דורכגעדרונגען און באַהערשט זיין ליד. „דער טרויער איז נאָכגעגאַנגען טראָט־ביי־טראָט".

„מיין גאַנג איז פאַמעלעך, מיין טראָט איז שטיל", האָט זיך ראָלניק טרעפלעך זעלבסט־כאַראַקטעריזירט.

ראָלניקס דיכטערישער גאַנג איז נישט דער ברייטער שפּאַן, נאָר דער גאַנג פון „דראָבנע טריט". ער איז ניט געגאַנגען מיטן דרך־המלך, נאָר „אין אַ זייט פון ברייטן וועג", מיט אַן „אָפּגעלייגטן וועג", ווייט פון רויש און געפילדער, ווייט פונעם „שליאַך דעם טומלער". זיין דרך איז געווען „זיך האַלטן פרום־באַשיידן". דער טאָן: קול דממה דקה. אידעלע פידלקלאַנגען. שטילקייט — אַ הויפּט־שטריך פון זיין שאַפן („דאָך ווין איך ניט און קלאָג ניט — איך גיי־אויס שטילערהייט"; „זיין האַרץ האָט געזונגען, די ליפּן — געשוויגן"). זיין וואָרט — צימצומדיק, קאָנצענטרירט, געשליפן, דורכגעלייטערט.

פון אַ היפשער צאָל ראָלניקס לידער זינגט־אַרויס, ווייטיקט־אַרויס אַן איינזאַמקייט, אַן עלנטקייט, אַן אַליינקייט. די לידער דערציילן וועגן דעם,

אַז דער דיכטער איז איינגעשלאָסן אין זיך, אָפּגעזונדערט, איזאָלירט, אָפּ־געפרעמדט, אָפּגעריסן פון סביבה, פון דער וועלט. די איינזאַמקייט, פילט איר, איז ניט קיין אויסגעטראַכטע אָדער אויסגעדאַכטע, נישט קיין דיק־טירטע לויט די כּללים פונעם קונסט־מאַניפעסט פאַר די „יונגע". די איינ־זאַמקייט, שפּירט איר, איז סיי אַן אָרגאַנישע, סיי אַזאַ, וואָס דער דיכטער האָט אויף זיך אַליין גענומען, אָבער נישט „באהבה", נישט מיטן צוגאַנג פון „חביבין עלי יסורין" („ליב זיינען מיר די ליידן"). דער דיכטער קומט מיט „אַליין אין פעלד וועל איך פאַרדאַרן און פאַרדאַרבן". ער טענהט: „וואָס גייען מיך תתונות פרעמדע דען אָן?" ער לאָזט וויסן: „דער קעניג — אין עלנט".

אין אַ סך פון זיינע לידער איז דער פּאָעט פון עלנט „ברוגז אויף דער וועלט". טיפע ליידן, פעסימיזם, פאַרדרוס, קנאה, פאַרביטערטקייט, כעס — זיינען הויפּט־מאָטיוון אין יענע פאַרפערזנעלעכטע לידער און יחידישע, אי־כישע מאָטיוון. דער טאָן, די שטימונג: אומעט, קלאָג („האַרט ביי דער טיר אויף די טרעפּן אַ האַרץ וואַלגערט אום זיך און קלאָגט"). די טעמאַטיק אין יענע לידער (מערסטנס אין דעם ערשטן פעריאָד פון זיין שאַפן): דעם דיכטערס אייגענע טיפע איינזאַמקייט, פערזענלעכע ליידן, ליבע, בענקשאַפט, אַנטוישונג. דער קאָליר, די אַטמאָספערע פונעם ליד: מערסטנס גרוי, גרוי ווי קאַלטע אָסיען־טעג.

די קנאה, וואָס ער שילדערט קרעפטיק אויף די פאַרשיידנסטע אופנים אין זיינע לידער און וואָס קלאָגט־אַרויס פון זיי, איז מערסטנס אַ פערזענ־לעכע, ניט קיין סאָציאַלע. זי איז ניט דערהויבן צו אַ סאָציאַלער אידייע, צו אַ פּראָטעסט קעגן סאָציאַלן אומרעכט, צו אַ פאַרשטענדעניש פון אַ קלאַסן־צעטיילונג און קלאַסן־קאַמף אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. ער טענהט:

„און וואו נאָר איך גיי איז אַ שמחה, אַ פרייד,
און וואו נאָר איך טרעט — אַ חתונה־קלייד,
און וואו נאָר אַן אויג איך באַגעגן — עס שטראַלט: —
מיין אייגענער בליק נאָר איז טרויעריק און קאַלט".

און אַזוי ווי קנאה קאָן צעפרעסן דעם בעל־קנאה, מערקט זיך אין דעם דיכטערס לידער אַן איבערגאַנג צו אַ פילאָסאָפיע פון רעזיגנאַציע, פון טראָגן דעם שווערן עול פון לעבן ווי אַ מין „מוז־זאַך". אין דער קאַלטער וועלט, וועלכע ער זעט ווי אַ תּפיסה מיט גראַטעס, ווי „אייביקע ווענט", האָט ער זיך אויפגעבויט זיין אייגן וועלטל, זיין „עולם קטן", אַרומגעצוימט מיט גראַטעס, אָפּגעשלאָסן פון דער וועלטס „האָווען", „וויינען", „שרייען" דורך „אַ וואַנט פון בליי".

איינגעשלאָסן אין די ד' אמות פון זיין „איך", זינגט ער זיין ליד ביחידות, דאַוונט ער זיין ליד אין התבודדות. ער דערקלערט: „ווער עס וויל מיר גוטעס ברענגען, דער זאָל בלייבן דרויסן" (אפשר אַ מאַניר אַזאַ?!).

פון קנאה־און קלאָג־לידער גייט ער אין זיין שפּעטערדיקן שעפערישן פעריאָד אַריבער צו פּרעכטיקע, לויטערע נאַטור־לידער, צו דאָרף־און מיל־לידער (זיין פאָטער האָט געהאַלטן אַ וואַסער־מיל). און צו שטילע רעליגיעזע לידער, צו אַ תּפילה בלחש. דאָס איינזאַמע דאָרף זשוכאָוויץ, די מיל, דעם טאַטנס מיל האָט דער דיכטער כּל ימיו אין זיך געטראָגן, מיט זיך מיטגע־בראַכט קיין אַמעריקע, פאַראייביקט זיי אין ליד — פאַרוואַנדלט זיי אין פּאָעזיע. אין דער מיל פון זיינע דאָרף־און מיל־לידער האָט ער פאַר אונדז אָפּגעמאָלן דאָס מעל, דאָס ועמל־מעל, פון זיין זעטיקן ליד.

אָט־די מעמואַרן־לידער, היים־מאָטיוון, לאַנדשאַפט־ניגונים, פירן דעם דיכטער „אַהיים" צו זיינע קינדער־יאָרן, ייִנגל־יאָרן, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום דעם טאַטנס מיל. דאָס זיינען בענקשאַפט־געזאַנגען צו דער היים פון קינדהייט. פון זיי קלינגט־אַרויס אַ געזונטע דאָרפישקייט. דורך זיי טראָגן זיך: דער „ריח פון ערד", דער „געלער ווייץ און ברוינער קאָרן", דער „וואָרעמער פּליעסק פון וואַסער דעם שטילן", דער „קלוגג פון דער קאָסע", דאָס „זיפצן פון זאַנגען, וואָס ווערן געדראָשן", דער מחיהדיקער טעם פון ייִדיש־„דאָרפישן לשון". די טענער פון רעזיגנאַציע אָדער פון פערזענלע־כער פאַרביטערטקייט ווערן אין אָט־די לידער פאַרביטן אויף טענער פון דינע, פאַרחלומטע צערטלעכקייטן און בענקשאַפטן.

מיר האָבן געזאָגט: „פּערזענלעכע פאַרביטערטקייט". און דאָך ווירקט דעם דיכטערס פּערזענלעכע פאַרביטערטקייט, דאָך צווינגט זי צו זען דורך זיין דיכטערישן אויסדרוק פון צער און פאַרדרוס דעם צער און ווייטאָק פון די מיליאָנען באַליידיקטע און דערנידעריקטע. ווייל ראָלניק איז ניט נאָר אַ „שווייגער", ער איז אויך אַ מאָנער. זיין ליד איז, אין לעצטן סך־הכל, אַן אויסדרוק פון האַס צו דער פאַרגעלטעוועטער, קאָמערציאַליזירטער, וואול־גאַריזירטער אַטמאָספער, האַס צום דאָלאַר־גייסט, צו דער ברוטאַלער, האַר־טער אַנטי־אינטעלעקטועלער, אַנטי־קינסטלערישער ווירקלעכקייט, וואו — „ווער דאַרף מיין ליד. מיין בלוט פון האַרצן האָבן". האַס — אָן אַ ריכט־ליניע, וועלכע זאָל העלפן פאַרשטיין די קלאַסן־געזעלשאַפט.

אָנשטאָט אָנצושליסן זיך אין דעם קאַמף פאַר פאַרטייִדיקן דאָס לעבן פון קונסט, פון ליד, דאָס ליד גופא, האָט זיך דער דיכטער אין משך פון יאָרן איינגעשלאָסן אין דעם מלכות פון ליד. זיין ענד־ציל איז געוואָרן — ליד. דאָס איז אויך אויסגעדריקט געוואָרן אין זיינע לידער פון האַפּיז, דעם פערסישן דיכטער פונעם 14טן יאָרהונדערט. דער דיכטער האָט זיך איינ־געשלאָסן אין זיך און אין זיין ליד. זיין איך איז געוואָרן זיין קעניגרייך; זיין ליד — זעלבסט־ציל.

אַ פאָרשטייער (איינער פון די עלטסטע) פון דער דיכטער־גרופּע „יונגע", וועלכע האָט ניט געוואָלט וויסן פון סאָציאַלן קאַמפן, און וועלכע האָט אויפ־געשריבן אויף איר פאָן די לאָזונגען „קונסט לשם קונסט" און „מיר ווילן ניט קיין פּראָבלעמען", איז ער דיכטעריש געווען אין אַ געוויסער מאָס אַ „קרבן" פון דער שיטה פון די „יונגע", האָט זיין פּאָעטישער טאַלאַנט און

גאַנג אַ היפּש ביסל געליטן מחמת דעם אַנטי־סאָציאַלן איינפלוס פון די „יונגע".

עס איז פאַראַן אַ סך פּאָזיטיוועס אין דעם דיכטערישן בײַטראַג פון יוסף ראָלניק. אַהער געהערן: די פּשטות פון פאָרם, די לויטערקייט פון וואָרט, דעם דיכטערס באַשיידנקייט, ערלעכקייט, אויפריכטיקייט אַזש ביז נאַאיוויטעט, זיין אייגענער און אייגנאַרטיקער טאָן. ער האָט, אָן צווייפל, באַרײַכערט די מאָדערנע יידישע פּאָעזיע מיט זיינע פּרעכטיקע נאַטור־ביל־דער (באַזונדערס מיט זיינע פיינע לידער „אַרום מיל"), מיט זיינע שטילע סענטימענטאַל־ראָמאַנטישע, גאָר אויפריכטיקע און רירנדיקע ליבע־לידער. אַ סך פון זיינע לידער זיינען אויך באַחנט מיט אַ קלוגן איראָנישן קהלת־שמייכל, מיט אַ ביטערן סאַרקאַזם. זיין קינסטלערישער בײַטראַג וואָלט, אָן צווייפל, געווען אַ סך גרעסער אין באַהעפטונג מיטן פאָלק.

ראָלניק איז דער מחבר פון די לידער־ביכער: „אויפן זאַמדיקן וועג" (ניו־יאָרק, 1911); „לידער" (ניו־יאָרק, 1915); „צום שטערן רוים" (נ. י., 1922); „לידער פון יוסף ראָלניק — צווייטע פאַרגרעסערטע אויפלאַגע" (נ. י., 1926); „אַ פענצטער צו דרום" (נ. י., 1941); אַ באַנד „געקליבענע לידער" (איקוף־פאַרלאַג, נ. י., 1949); און אַ בוך „זכרונות" (ניו־יאָרק, 1953).

זיינע לידער האָבן מיט זייער אָריגינעלקייט, פּשטות, בילדלעכקייט און טיפער אויפריכטיקייט געצויגן אויפמערקזאַמקייט צו זיך שוין אין 1911, ווען עס איז דערשינען זיין ערשטע לידער־זאַמלונג. אַ שווערער און פיינ־לעכער איז דער וועג פון אָט־דעם פיינעם יידישן ליריקער, דעם זעלבסט־קאָנצענטרירטן דיכטער פון פּשוטן וואָרט, וואָס האָט אין זיין ליד אַזוי קינסטלעריש און שיין געמאָלן און אויפגעלעבט די אַמאָליקע ווייסרוסישע לאַנדשאַפט, זיין דאָרף, זיין מיל, און אַזוי האַרציק געזונגען פון ליבע און פון ליד.

אין משך פון אייניקע יאָרן האָט זיך ראָלניק דערפילט ווי באַהאָפטן מיט דער יידישער פּראָגרעסיווער קולטור־סביבה. ער איז אין משך פון אייניקע יאָר געווען אַ פריינט און סימפּאַטיקער פונעם איקוף און געדרוקט זיינע לידער אין דעם איקוף־זשורנאַל „יידישע קולטור", ווי אויך אין דעם זשורנאַל „דאָס וואָרט" פונעם געוועזענעם יידישן פּראָגרעסיוון פאָלקס־אָרדן. אין אָט־די לידער האָט ער געשילדערט דעם יידישן לעבנס־שטייגער פון אַמאָל, די יידישע יוגנט פון זיין דור; דער טאָן — פריש, דורכ־זיכטיק, געלייטערט. ער האָט זיכער אַ סך געוואונען פון קומען אין קאָנ־טאַקט מיט פּראָגרעסיווער סביבה.

***

י. ראָלניקס לידער זיינען זיכער אַ לויטער פענצטער צו זיין נשמה. און דאָך קאָן מען נאָך בעסער פאַרשטיין זיין געמיט־צושטאַנד, זיין כאַראַק־טער־אַנטוויקלונג, זיין ליד, ווען מען לייענט זיין אויטאָביאָגראַפיש ווערק

„זכרונות". „מיינע ,זכרונות' זיינען מקורים צו מיינע לידער", האָט ער זיך אויסגעדריקט אין זיינעם אַ בריוו.

מיר ריידן דאָ ניט וועגן דער קינסטלערישער קוואַליטעט פון זיין פּראָזע. זי דערגרייכט ווייט ניט צו דער מדרגה פון זיין ליד: פאַראַן צע־שוואומענקייט, אומאָרגאַניזירטקייט אין דער קאָנסטרוקציע, ווידערהאָלונג אין זיין בוך „זכרונות". דאָס בוך באַלייכט אָבער דעם דיכטערס לעבנסוועג: זשוכאָוויץ, חדר און ישיבה אין מיר, מינסק, וואַרשע — ניו־יאָרק; אַהיים קיין ווייסרוסלאַנד און ווידער — אַמעריקע.

איר לייענט מיט געשפּאַנטקייט דעם דיכטערס ערלעכע, פּשטותדיקע, אויפריכטיקע זכרונות — און איר באַנעמט בעסער און באַגרייפט טיפער זיין אומעט, זיין פילן זיך באַליידיקט. צום ערשטן מאָל געקומען קיין אַמע־ריקע אין 1899, און אָפּגעפאָרן צוריק אַהיים אין 1901; צום צווייטן מאָל געקומען אַהער אין 1907. שווערע, ביטערע יאָרן פון אויסגעריסן ווערן אין שאָפּ ביי כלערליי מלאכות (געהילף־צושניידער, „אָפּערעיטאָר", אַרבעטער ביי קריסטמעס־לעמפּלעך) און ביים פאַנאַנדערטראָגן פּעק ציטונגען. יאָרן פון ניט־דערעסן, ניט־דערשלאָפן, אונטערהונגערן, פרירן; יאָרן פון אויסשטיין באַליידיקונגען מצד באַלעבאָטים. און אונטער די שווערסטע עקאָנאָמישע אומ־שטענדן האָט ער, דער דיכטער, געשריבן, געשאַפן זיין ליד, געשליפן, אויס־געזונגען זיינע טיפסטע איבערלעבונגען. אָט זיינען איניקע שטריכן: „כ'האָב געהאַט אַ וועקזייגער ביים בעט, וואָס האָט מיך אויפגעוועקט אַ פערטל צו פינף פאַרטאָג"... „פון צייט צו צייט בין איך געפאָרן צו מיין שוועסטער אין ברוקלין, וואו איך האָב אָפּגעגעסן אַ מאָלצייט און איבערגעשלאָפן אַ נאַכט אויף צונויפגעשטעלטע שטולן אין קיך". דערנאָך: אַ סדרה פּלאָגע־נישן אין קליניקעס, שפּיטאָלן, סאַנאַטאָריעס — און ווידער אָפּקומענישן, באַליידיקונגען, געברענטע צרות, וואַקסנדיקע פאַרביטערטקייט.

אויסצוגן: „דער פּרומער יעקב שיף האָט זיך צעשריען און צעטופּעט מיט די פיס אויף דעם יונגן קראַנקן יינגל, פאַרוואָס ער איז מחלל יום־טוב, ווי עס פלעגט טאָן אונדזער אַלטער שטעטלשער פריץ, ווען ער איז אין כעס געוואָרן אויף אַ פּאַראָבאָק"; „קומענדיק [פון סאַנאַטאָריע] אין ניו־יאָרק, בין איך ווידער אַריינגעפאַלן אין אַ האָפענונגסלאָזער לאַגע. ניט געהאַט וואָס צו עסן און וואו צו שלאָפן".

דריטהאַלבן יאָר האָט דער דיכטער ראָלניק אָפּגעאַרבעט אַלס קאָרעק־טאָר פאַר דער „פרייע אַרבעטער־שטימע" אונטערן רעדאַקטאָר ש. יאַנאָווסקי. אין דער „פ. אַ. ש." האָט ער אויך אָפּגעדרוקט פיל פון זיינע לידער. ער דערמאָנט, ווי יאַנאָווסקי האָט אין רעסטאָראַן „הויך אויסגעשריען אויף אַ קול: ,ראָלניק, איר האָט דורכגעלאָזן אַ גרייז אין היינטיקן נומער'." דער מחבר באַמערקט דערביי: „איך פלעג פאַרשעמט און דערשראָקן ווערן".

אין 1915 האָט ראָלניק אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס קאָרעקטאָר אין „טאָג". אין משך פון פיל יאָרן האָט ער אָנגעהאַלטן אָט־די שטעלע. ער איז אויך געווען אַ מיטגליד פון דער יידישער שריפטזעצער־יוניאָן.

ער האָט זיך קאָלעגיאַל געחברט מיט די „יונגע" (מאַני לייב, זישא לאַנדוי, ר. אייזלאַנד, דוד איגנאַטאָוו, א. אַנד.), און דאָך — אָרגאַניש, טיף־אינערלעך, איז ער געווען אַן אַ זייט פון זיי. איינער פון זיי, אין פולן זין פון וואָרט, איז ער ניט געווען. אין אַ בריוו זיינעם דערציילט ער: „איך האָב אָנגעהויבן שרייבן אין יאָר 1901 און בין געבליבן ביי מיין אַלטן דרך". אין זיינע „זכרונות" פאַרצייכנט ער: „זיי זיינען געווען פאַרפלאָכטן צווישן זיך מיט אַזעלכע פּעדים, דורך וועלכע איך האָב ניט געקאָנט דורכקריכן. וואָס דאָס איז געווען, ווייס איך עד היום ניט. פאַרוואָס האָט מען דעם יאָ אַריינגענומען אין די ,שריפטן' און מיך ניט?"

ער האָט געליטן בזיונות און ווי פּרצעס באַנציע שווייג — געשוויגן. אָפּט איז ניט צום פאַרשטיין: פאַרוואָס דאָס שווייגן און שטיקן אין זיך? פאַרוואָס דאָס „אָננעמען דעם גזר"? ער האָט אין „ענטפער" אינעם בוך: „מיר האָט געפעלט דער חוש פאַר קלייזלדיקייט און געזעלשאַפטלעכקייט". אָט דאָס זיינען די בוילעטע שטריכן פון זיין זעלבסט־פּאָרטעט: „באַשיידנקייט, ביישנות, שטילקייט און פרעמדקייט".

וואָס זיינען געווען זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט? שוין אין עלטער פון 15 יאָר האָט ער אָנגעהויבן אויספּרוּוון זיין פּען אויף „לשון־קודשדיקע חרוזים", שפּעטער — אויף רוסישע לידער. די ערשטע לערערס, חוץ די מלמדים אין חדר און ישיבה: די ווערק פון אדם הכהן, מאַפּו, קלמן שולמאַן, סמאָלענסקי, די רוסישע קלאַסיקער, די לידער פון לערמאָנטאָוו, פּאָלעזשאַיעוו, טיוטשעוו, קאָלצאָוו, ניקיטין. דער וויכטיקסטער איינפלוס: אברהם רייזען, מיט וועמען י. ראָלניק האָט זיך יונגערהייט באַפריינדעט אין מינסק. אין דער ערשטער צייט נאָך זיין אָנקומען קיין אַמעריקע, האָט ראָלניק „אָנגעהויבן שרייבן — אַרבעטער־לידער, אַביסל דערפאַר, וואָס די לופט איז געווען אַ פּראָלעטאַרישע און מער נאָך, — ווייל איך בין אַליין געווען אַ שאָפּ־אַרבעטער".

„ווען איך בין געווען זיבעצן יאָר אַלט, בין איך אויף לידער קראַנק געוואָרן", האָט דער דיכטער געזונגען אין זיין ליד. אָט־די „קראַנקהייט" — זיין אינספּיראַציע — האָט אים באַגלייט אויף זיין גאַנצן לעבן. אָט זיינען זעלבסט־אַנטפּלעקנדיקע ווערטער: „אין דער צייט, וואָס איך האָב ניט געשריבן, בין איך אַרומגעגאַנגען שטום און פאַרצווייפלט און זיך אַליין באַטראַכט ווי אַ וואָרים, וואָס איז ניט ווערט וואָס די ערד טראָגט אים. איך האָב זיך געפילט ווי איינער פון די געפאַלנסטע אין גאָר דער וועלט".

אָט־די טיפע דיכטערישע אויפריכטיקייט שיינט־אַרויס סיי פון ראָלניקס לידער, סיי פון זיינע „זכרונות". זיין דיכטעריש לויטער וואָרט בלייבט ווי אַ וויכטיקער צושטייער צו דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע.

אָקטאָבער, 1955

שלום אַש

(1957־1880)

וואָס מיינט פאַר אונדז שלום אַש ?
וואָס פאַר אַן אָרט פאַרנעמט ער אין דער יידישער ליטעראַטור און אין דער וועלט־ליטעראַטור ?

קודם : דער יידישער שרייבער שלום אַש, וועלכער איז געבוירן געוואָרן דעם 1טן יאַנואַר, 1880, אין דעם קליינעם פוילישן שטעטל קוטנע אין אַ חסידישער סביבה און איז געשטאָרבן אין לאָנדאָן, דעם 10טן יולי, 1957, איז געווען ניט בלויז אַ יידישער וואָרט־קינסטלער, נאָר אַ וועלט־שרייבער מיט אַ וועלט־נאָמען, מיט גרויסע בייטראָגן צו דער וועלט־ליטעראַטור.

ער איז געווען אַ קינסטלערישער ריז, אַ שעפערישער מעין הנובע — דער באַדייטנדיקסטער, וויכטיקסטער, פּראָדוקטיוויסטער יידישער שרייבער נאָך די אָבות, קלאַסיקער און גרונטלייגער פון אונדזער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור ; ער איז אין דעם לעצטן פעריאָד פון זיין לעבן און שאַפן געווען דער גרעסטער שרייבער ביי יידן.

ניט געקוקט איף אַלע זיינע טעותן, חסרונות, קינסטלערישע און אידעאָלאָגישע, ווי אין זיינע שטעלונגען צו יידישע און וועלט־פראַגן, ווי אין זיינע באַנעמונגען צו אַנדערע, איז ער געווען אַ גרויסער קינסטלער — און אַ גרויסער וואונדער.

אַ וואונדער אין פרט פונעם קאָלאָסאַלן פאַרנעם און פאַרמעסט פון זיין רייכן, פילפאַרביקן, פילזייטיקן שאַפן, שפעדיק און עשירותדיק אין כמות און אין איכות, אין אויפטו און דערגרייכונג, — אַ נס און אַ וואונדער אין אומדערמידלעכן, אומאויפהערלעכן, קוואַליקן שאַפן אין משך פון 57 יאָר (פונקט אַזוי פיל וויפל יאָרן אונדזער שלום־עליכם האָט געלעבט !).

דער נס פון זיין גרויכן קינסטלערישן אויפטו ווערט נאָך קלאָרער, בוילעטער און מער צום באַוואונדערן, ווען מען האָט אינזינען די דאַטע, ווען ער האָט געשטעלט זיינע ערשטע טריט אין אונדזער ליטעראַטור : זיין ערשטע שאַפונג, אַ סקיצע „משהלע‟, איז געווען געדרוקט (אין וואָכנבלאַט „דער

יוד״, נומ. 48) דעם 29טן נאָוועמבער, 1900 — מיט אַ זעכציק יאָר צוריק.

שלום אַשס שאַפן, זיין ליטעראַרישע ירושה, זיין ריזיקער קינסטלערישער פאַרמעג — דאָס איז אַ וועלט מיט וועלטלעך. דאָס איז אַן אומגעהויער־גרויסער אוצר, אויסערגעוויינלעך רייך אין טעמאַטיק, סיי יידישער, סיי אוניווערסאַלער. דאָס איז אַן אוצר פון צענדליקער וואָגיקע בענד דערציילונגען, דראַמען, ראָמאַנען, רייזע־בילדער, חוץ הונדערטער קלענערע און גרעסערע נאָוועלן, סקיצן, אַרטיקלען.

שלום אַשס לאַנגיאָריק שאַפן — ריזן־טריט איבער דער לאַנגער יידישער און ניט־יידישער געשיכטע און איבער דער וועלט־מאַפּע, איבער דער געאָגראַפּיע. איר האָט דאָ קינסטלערישע באַשרייבונגען און דערציילונגען פון גאַנצע תקופות אין יידישן לעבן: פּאַרצייטיקע־ביבלישע, מיטלאַלטערלעכע, היינטצייטיקע. איר האָט דאָ ברייטע פּאַנאָראַמעס, לעבעדיקע בילדער פון יידישן לעבן אין פּוילן (דעם קינסטלערס געבורטלאַנד), רוסלאַנד, מערב־אייראָפּע, ארץ־ישראל, אַמעריקע; בילדער פון יידן און אויך ניט־יידן. און אומעטום, אין די ווייטסטע עפּאָכן און לענדער, פילט זיך דער גאון־קינסטלער היימיש. ער האָט געהאַט די גרויסע קראַפט אַריינצולעבן זיך אין דער געשילדערטער סביבה און עפּאָכע, ווי ווייט אָפּגערוקט זי זאָל ניט זיין.

שלום אַשס שאַפן — כסדרדיקער קינסטלערישער וואוקס, באַרג־אַרויף, גאַנג־פאָראויס — פון דערציילונג צו דראַמע, צו ראָמאַן. איינעם גאַנג פון זיין שאַפן — פיל באַזונדערע שטופן, גראַדאַציעס, פּעריאָדן, דערפאַרונגען, קינסטלערישע מיטלען. אין דעם שטויננדיקן סכום פון זיין שאַפן — אַ שלל, אַ שפע און רייכע פאַרשיידנאַרטיקייט פון ממש הונדערטער לעבנס, טיפּן, פיגורן, געשטאַלטן (און יעדער „העלד״ — אַן עולם קטן), — אַ וועלט מיט לעבנס־סצענעס, בילדער און בילדער־גאַלעריען, מאַסן־סצענעס, געשיכטלעכע עטאַפּן, עפּיזאָדן, פּראָבלעמען (דער עיקר: פון רעליגיע און עטיק, יושר און אומיושר), סיטואַציעס, פּסיכאָלאָגישע אַנטפּלעקונגען, געשעענישן, געראַנגלען, קאָנפליקטן. איר האָט דאָ גאַנצע וועלטן מיט איבערלעבונגען, שטימונגען, באַגערן, בענקשאַפטן פון יחידים און גרופּן. אידייען־קאַמפן, געמיט־צושטאַנדן, סאָציאַלע קאַמפן, לעבן־שטייגערס, קולטור־ספערן, עקאָנאָמישע מדרגות, סאָציאַלע העלדן, עמאַנציפּאַנטע העלדן. גאַנצע דורות, צייט־אָפּשניטן, קאָנטינענטן, סביבות, געגנטן, — טייכן מיט טייכלעך, שטראָמען מיט שטרעמעלעך; דער אַמאָל און דער נעכטן אין לעבן פון אונדזער פאָלק (און אויך אַנדערע פעלקער) אויפגעלעבט דורך דער רייכער, געבענטשטער, שעפערישער פאַנטאַזיע פונעם גרויסן קינסטלער, דעם זעער; דער היינט — אין שיין פונעם נעכטן.

איר פאַרטיפט זיך אין דער וועלט פון שלום אַש, אין זיינע דערציילונגען, שילדערונגען, מאָלערייען, פאַרצייכענונגען, דראַמען און דראַמאַטיזאַציעס, געשטאַלטונגען, באַשרייבונגען, עסייען; איר גאַפט און איר שטוינט פון זיין הערקולעסישער שאַפונגס־ענערגיע; איר ווערט פאַרכאַפּט פון זיינע

גרויסע קינסטלער־כוחות, און איר פּרוּוּוט זיך אָפּגעבן אַ חשבון וועגן דעם סוד, יסוד און מהות פון דער אַש־פּערזענלעכקייט. איר זאָגט זיך: אַש איז געווען אַ גרויסע, נאָר אַ זייער קאָמפּליצירטע פּערזענלעכקייט. עס פאָדערט זיך אַ לאַנגיאָריקע, ערנסטע, געדולדיקע, וויסנשאַפטלעך־אָביעקטיווע שטודיע, אַ טיפע פאָרשונג פון דער אומגעהויער־רחבותדיקער אַש־שאַפונג, אַש־פּער־זענלעכקייט, אַש־פּראָבלעם, אַשס לעבנס־געשיכטע, אַן אַריינבליק אין די פאַרשיידענע השפעות אויף זיין שאַפן, אין די קוואַלן, פון וועלכע ער האָט געשעפּט. עס פאָדערט זיך אַ גרינטלעכער אַנאַליז פון זיינע באַזונדערע ווערק אויפן לאַנגן וועג פון זיין שאַפן; עס פאָדערט זיך קלאָר צו מאַכן געטרײַ די ווירקונג פון זיינע באַציאונגען מיט אַנדערע יידישע און פיל ניט־יידישע וואָרט־קינסטלער. מען דאַרף געדענקען, אַז אַלס אַ יונגערמאַן פון עטלעכע־און צוואַנציק יאָר, ווען זיינע ערשטע דראַמען („מיטן שטראָם", „משיחס צייטן", „גאָט פון נקמה") האָבן מיט גרויס דערפאָלג מאַרשירט איבער די בינעס פונעם טעאַטער אין איראָפּע (פּוילן, דייטשלאַנד, רוסלאַנד) האָט שוין שלום אַש אָנגעקניפּט און אָנגעהאַלטן פּערזענלעכע און ליטעראַרישע פאַר־בינדונגען מיט פיל אָנגעזעענע פּוילישע, רוסישע און דייטשע קינסטלער פון דער ליטעראַטור און פונעם טעאַטער.

די „פאָלקס־שטימע" אין וואַרשע האָט לעצטנס פאַרעפנטלעכט אַן אינ־טערעסאַנטע סעריע בריוו פון שלום אַש, געשריבן אין 1903 און 1904, צו די באַרימטע פּוילישע וואָרט־קינסטלער סטאַניסלאַוו וויטקעוויטש און סטעפאַן זשעראָמסקי (די בריוו זיינען געזאַמלט און באַאַרבעט פון פּראָפ. סטאַניסלאַוו פּיגאָן). פון די בריוו איז קלאָר די מאָראַלישע הילף און שטיצע, וואָס דער דעמאָלטדיקער יונגער יידישער שרייבער האָט געקראָגן פון פּוילישע שריי־בער און קינסטלער. פּראָפ. פּיגאָן באַמערקט טאַקע: „אין זיין [אַשס] יוגנט־לעכער געשטאַלטיקונג האָט נישט קיין קליינע ראָל געשפּילט דאָס צוזאַמענ־לעבן מיט וויטקעוויטשן און זשעראָמסקין און בכלל מיט דער פּוילישער קינסטלער־סביבה". פּראָפ. פּיגאָן מאַכט קלאָר, אַז אַש „איז אויף לאַנג גע־ווען אונטערן איינדרוק פון אונדזערע גרויסע שרייבער: פּרוס, וויטקעוויטש און זשעראָמסקי" („פאָלקס־שטימע", דעצ. 15, 1959).

וואָס פאַר אַן עם־הספר זיינען מיר, אַז מיר האָבן נאָך עד־היום ניט קיין פולע, אויסשעפּלעכע, אויספירלעכע ביאָגראַפיע, ביבליאָגראַפיע, מאָנאָ־גראַפיע פון אָט־דעם ריז צווישן קינסטלער?! מיר האָבן מסתמא הונדערטער אַרטיקלען וועגן אַשן (צעוואָרפן אין צייטונגען, זשורנאַלן און אַלס קאַפּיט־לען־עסייען אין ביכער) — אָבער קיין גרינטלעך ליטעראַריש־קריטיש ווערק וועגן זיין 57־יאָריקן שאַפן, וועגן זיין שאַפונג־פּראָצעס, וועגן זיינע ברייטע קינסטלערישע ליקוינטן, וועגן זיינע קונסט־מעטאָדן!

**
*

שלום אַש מיינט: איביקער אומרו, אויפבראויז, שטורעם, אימפּעט, אימ־פּולסיוויקייט, פייער, דינאַמיק, אָפט סטיכיע — אין לעבן און אין שאַפן. די כסדרדיקע פלאַמיקייט פון דער אַש (און פיל־אַשיקער)־פּערזענלעכקייט איז

אויך דער שליסל צו זיינע מעלות און חסרונות. אַשס לעבנס־וועג און שאַ־פונגס־וועג מיינט: וואַנדערונגען, נע־ונד זיין, אומרואיק טראָגן זיך, „ויסעו ויחנו" איבער לענדער (פיזיש און קינסטלעריש), עפּאָכעס, טעמעס. דער תמיד־שאַפערישער, מיזאַמער קינסטלער און מענטש שלום אַש איז געווען אַ שטענדיקער משנה מקום (געאָגראַפיש, היסטאָריש, טעמאַטיש), כּסדר גע־ווען געטראָגן על כּנפי נשרים פון זיין וואולקאַנישן אומרו און פון זיין מעכ־טיקער פאַנטאַזיע.

שלום אַשס הויפּט־צויבער און כּוח שטעקט, ניט אַזוי פיל אין דער קאָנסטרוקציע און אַרכיטעקטור פון זיינע ראָמאַנען, ווי אין זיין מאָלעריי און פּאָעזיע. ער איז דער פּרעכטיקער נאַטור־מאָלער, שטייגער־מאָלער און מאָ־לער פון ברייטע, רחבותדיקע, לאַנג־שטרעקיקע לייוונטן, פון מקרוב און מרחוק. ער איז דער זעלטן־פיינער דיכטער, זינגער און באַזינגער. זיין קראַפט אַלס טאַלאַנטפולער פּאָעט און נאַטור־מאָלער האָט ער שוין אַנטפּלעקט אין זיין יוגנט־ווערק „אַ שטעטל" (געדרוקט צוערשט קאַפּיטלעכווייז אין 1904 אין דעם פּעטערבורגער „פריינד", און אין בוך־פאָרם אין וואַרשע אין 1905). אַט־די קראַפט האָט שפּעטער געקראָגן איר אויסדרוק אין אַ סך אַנ־דערע ווערק זיינע, וואָס האָבן אַלץ מער באַפעסטיקט זיין אויבן־אָן פּאָזיציע אין אונדזער ליטעראַטור.

דער סימן־מובהק פון אַשס נוסח איז זיין עמאָציאָנעלקייט, ליידנשאַפט־לעכקייט, טעמפּעראַמענטפולקייט, יונגשאַפט, לעבנס־דורשטיקייט, פיזישע און גייסטיקע הנאה פון לעבן — אָבער וואָס שפּעטער אין זיין לעבן און שאַפן, אַלץ מער אויך ישוב־הדעת, פּאַרטיפעטקייט, שטרעבונג צו אָביעקטיווקייט, קאָמביני־רט מיט „על התורה ועל העבודה", מיט לערנען און פאָרשן: מענטשן, תקופות, קולטור־אוצרות (יידישע און ניט־יידישע).

***

אַשס טראַגעדיע: איינער פון די יידישסטע שרייבער, וואָס מיר האָבן געהאַט (לויט זיין דערציאונג, גייסט, אידייע, טעמאַטיק אין דער גרעסטער צאָל פון זיינע ווערק), האָט ער, ניט־געקוקט אויף זיינע פיל אָנשטרענגונגען און באַמיאונגען, ניט באַוויזן אַריינצוואַקסן אין פאָלק, ווערן איינגעבאַקן אין הארץ פון די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן, ווערן איינס מיט זיי, ווערן זייער לערער און מדריך. זיין טעמפּעראַמענט, זיינע קאַפּריזן, זיינען אים געשטאַנען אין וועג. די פאָלקסטימלעכקייט פון זיין קערנדיק, באַטעמט לשון, טיף־פאַרוואָרצלט אין דעם טויזנט־יעריקן לעבן פון אונדזער יידיש; זיינע אַפילו פרואוון צו דערנעענטערן זיך באמת צום פאָלק, האָבן בלויז טיילווייז געהאָלפן.

איניקע פון די סיבות זיינען געווען: ער איז אין תוך געווען אין איי־ניקע פון זיינע שאַפונגען אַ קינסטלער, צייטנווייז מיט רעאַקציאָנערע ניי־גונגען, טענדענצן און אייסדרוקן. ער איז ניט געווען דאָס וואָס מענדעלע, שלום־עליכם און פרץ האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט: דורכאויס פאַרבונדן מיטן פאָלק, מיטן לעבן פון פאָלק, מיט זיינע ווייטאָקן און האָפענונגען, מיט

זיינע קאַמפן, שטרעבונגען, פּראָטעסטן. ער איז ניט געווען, ווי זיי, פאַר־וועבט מיטן כלל פון די ברייטע,ליידנדיקע, עקספּלואַטירטע, אונטערדריקטע פאָלקס־מאַסן. ער איז אַט אַוועק פון יידישן לעבן (זוכן פרעמדע מאָטיוון, סביבהס, טעמעס, שטאָפן פאַר זיין שאַפן), און אַט איז ער צוריקגעקומען צום פאָלק, און ווי פּאַטעטיש־רירנדיק, עכט און האַרץ־רייסנדיק אויסגערופן: „את אחי אנכי מבקש“.

ער האָט אין פאַרשיידענע פּעריאָדן פון זיין לעבן און שאַפן ניט־ווילנדיק אָפּגעפרעמדט פון זיך דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס. קלאַסן־באַוואוסטזיניקע יידישע אַרבעטער און האַרעפּאַשניקעס, וואָס האָבן אין די ווערק פון די דריי גרויסע קלאַסיקער אונדזערע דערשפּירט טיפע ליבשאַפט צום פאָלק, באַזונדערס צום אָרעמאַן, האָבן געמוזט דורכלעבן אַ געפיל פון פאַרדרוס, ווען זיי האָבן אין איניקע פון אַשס ווערק („אַ שטעטל“, „ר׳ שלמה נגיד“, א. אַנד.) געזען, ווי דער דיכטער און מאָלער אַש גלאָריפיצירט און אידעאַליזירט די גבירים (ר׳ יחזקאל גאָמבינער, שלמה נגיד און אַנדערע) און זייער לעבן, ווי ער זעט אַ גאָט־געבענטשטע נחתדיקע אידיליע אין דעם פאַרחושכטן, אָרעמען, וויסטן, נויט־ליידנדיקן שטעטל.

בעת די אָרעמע שיכטן פון פאָלק האָבן פאַרנומען אַ צענטראַל אָרט אין די שאַפונגען פון אונדזערע קלאַסיקער (און זייערע געטרייע מיטצייטלער און נאָכפאָלגער) און געזען אין אָט־די קלאַסיקער זייערע פריינט און פאַרטיידיקער, האָבן די יידישע אַרבעטער און האַרעפּאַשניקעס געזען, אַז זיי פאַרנעמען אַ וויט ניט־אָנגעזעענעם אָרט אין אַשס ווערק. געוויס, האָט דער טאַלאַנטפולער קינסטלער געזען און געוויזן די האַרעפּאַשניקעס, די אָרעמעלייט פון „קוילער־געסל“, די אָרעמע שמייסער־יונגען (פון דער דערציילונג „די יאַטישע טאָכטער“); געוויס האָט ער אין איניקע פון זיינע סאָציאַל־געלאָדענע ראָמאַנען געשילדערט פאַבריק־אַרבעטער און זייערע קאַמפן פאַר אַ בעסער לעבן („אָנקל מאָזעס“) און אַרויסגעוויזן סימפּאַטיע פאַר יידישע אָרעמעלייט (אין ראָמאַן „וואַרשע“), — דאָס זיינען אָבער ניט געווען די כאַראַקטעריסטישע געשטאַלטן פון זיינע ווערק.

**

שלום אַשס לעבנס־וועג און שאַפונגס־וועג מיינט: ניט קיין גלייכע ליניע, נאָר — זיגזאַגן, אָפּנויגן, בלאָנדזשענישן, ווידערשפּרוכן, מעטאַמאָרפאָזעס, אומוואַנדלונגען. שלום אַש באַדייט: אַ ריזיקער צושטייער צו אונדזער ליטעראַטור, אַ קאָלאָסאַלע באַרייכערונג פון אונדזער קינסטלערישן שאַפן, שוואונג און אויפשטייג אין געביט פון פאַרוואַנדלען דעם רוי־שטאָף פון לעבן אין קונסט, ריזיקע מעלות — אָבער אויך חסרונות. פון איין זייט — מייסטערשאַפט אין שפּראַך און סטיל, פון דער צווייטער זייט — ניט־געצאַמטקייט, מאַנגל פון צימצומדיקייט און פון מייסטערישן קאָנטראָל איבערן חומר פון וואָרט און בילד. דער גרויסער קינסטלער איז סיי ניט דערשאַצט געוואָרן, סיי איבערגעשאַצט געוואָרן.

דאָס דערקלערט אויך, פאַרוואָס אין איינעם־און־דעמזעלבן ווערק זיי־

נעם איז אָפּט פֿאַראַן אַ ניט־גלייכע קינסטלערישע קוואַליטעט (אַ ניט־גלייכע קוואַליטעט צווישן באַזונדערע ביכער איז מער פֿאַרשטענדלעך). בכלל זיי־נען אַשס ווערק אָפּט אַן אינטערעסאַנטע שטודיע פֿון קאָנטראַסטן און סתירות. אונטער איין דאַך הויזן צוזאַמען ראָמאַנטיק און רעאַליסטישע שילדערונג; אין איניקע ווערק — אַ פֿון־אויבן־אַראָפּ באַציאונג צו האַרעפּאַשניקעס און — טשאַרליס פּראָטעסט (אינעם ראָמאַן „אַנקל מאָזעס") קעגן סאָציאַלע עוולות, קעגן באַרויבן אָרעמעלייט פֿון דער מעגלעכקייט צו וואוינען אין לייטישע דירות; און — אַשס אוניווערסאַליזם, זיין באַהעפטן זיך דיכטעריש — בעל־שם־טובדיק מיט דער וועלט („דורך יעדן אָטעם מיינעם אָטעמט די וועלט". קלערט זאַכאַרי מירקין, הויפּט־העלד פֿון אַשס טרילאָגיע „פֿאַרן מבול" [אין דעם ראָמאַן „פּעטערבורג"]); און — זיינע רירנדיקע, סימפּאַטישע שילדערונגען פֿון פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס פֿון דער יידישער אָרעמשאַפֿט אין וואַרשע און פֿון דער מאַי־דעמאָנסטראַציע אין לאָדזש (אינעם ראָמאַן „וואַרשע").

פֿון איין זייט — מיסטיציזם אין די קריסטוס־ראָמאַנען („דער מאַן פֿון נצרת", „דער אַפּאָסטאָל", „מערי"); פֿון דער צווייטער זייט — אַזעלכע דערהויבנדיקע זאָגן, ווי: „אַ מענטש קאָן נאָר דעמאָלט ווערן אויסגעלייזט, ווען ער לייזט זיך אויס אַלס יחיד און שפּאַנט זיך איין ווי אַ קליינער טייל פֿון אַ כלל" (ראָמאַן „וואַרשע"). אָדער: „אַנדערע זוכן חסרונות אין מענטשן, איך זוך שטענדיק אויפֿצודעקן מעלות אין אים". אָדער: „איך גלויב, אַז ס'איז דאָ איין־איינציקע מאָראַל פֿאַר אַלע צייטן און אַלע וועלטן, די מאָראַל פֿון אמת און פֿון מענטשן־ליבע. קיין אַנדער מאָראַל איז נישטאָ" (זאָגט ש. אַש דורך זאַכאַרין אין ראָמאַן „מאָסקווע"). אָדער: „איך זוך אין יעדן ווערק נישט נאָר די קינסטלערישע פֿאָרם, נאָר אויך מאָראַלישן, רעליגיעזן איינהאַלט... און אונטער רעליגיעזן אינהאַלט מיין איך: מענטשן־ליבע און מענטשלעכקייט, ווייל דאָס העכסטע דינסט פֿאַר גאָט איז דאָס דינסט פֿאַרן מענטש" (פֿון אַשס אַ רעדע בעת אַ קבלת־פּנים אין לאָנדאָנער פּען־קלוב אין 1939). אָדער אַזאַ הומאַניסטישע ווענדונג: נחמן מייזיל שרייבט (אין אַן אַרטיקל אין „יידישע קולטור", יולי־אויגוסט, 1940): „אין אַ בריוול צו מיר, אין שייכות מיט די פֿייערונגען פֿון דוד בערגעלסאָנס 20־יאָריקן שאַפֿן, האָט שלום אַש געבעטן איבערגעבן זיין וואונטש בערגעלסאָנען, אַז ,ער זאָל זיין גרויסן מערקווירדיקן טאַלאַנט באַנוצן איינצופֿלאַנצן מענטשנליבע און מענטשלעכקייט צווישן זיינע לעזער'."

„מענטשנליבע און מענטשלעכקייט" האָט דער גרויסער וואָרט־קינסטלער אויך געפּרעדיקט אין פֿיל פֿון זיינע אַנטי־נאַצי דערציילונגען, אין פֿיל פֿון זיינע אַרויסטרעטונגען קעגן היטלעריזם אין משך פֿונעם צווייטן וועלט־קריג אינעם פּעריאָד, ווען אַש איז געווען אַ מיטאַרבעטער פֿון דער „מאָרגן־פֿרייהייט", אַקטיוו אין אַנטי־פֿאַשיסטישע „מלחמה־רעליף"־אַקציעס און אַלס פּאַרזיצער פֿונעם אַנטי־פֿאַשיסטישן יידישן קאָמיטעט פֿון שרייבער און קינסטלער אין ניו־יאָרק. ז. וויינפּער האָט דערציילט אין „יידישע קולטור"

פון יאַנואַר, 1955: „איבערגעבנדיק פּסח נאַוויקן זיין ערשטע דערציילונג, האָט ער [אַש] געזאָגט: — איך טייל נישט אייער פּאָליטישע אידעאָלאָגיע. נאָר איר זייט דער כוח, וואָס ראַנגלט זיך אויף טויט פאַרן לעבן פון דער וועלט, און פון אונדזער פאָלק, און איך יויל זיין אין אייער הייליקן געראַנגל".

און ווידער, וואָס איז שייך ווידערשפּרוכן: דערזעלבער קינסטלער אַש, וואָס האָט געזוכט שיינקייט אין רוחניות, אין גייסטיקע יידישע ווערטן, האָט ציטנוויז פאַרבענקט זיך נאָך כולה וואָכעדיקייט. פון איין זייט האָט אים געצויגן צו נשמה־יתירהדיקייט, פון דער צווייטער זייט האָט ער געקענט אַ זאָג־טאָן (בעת ער איז אַמאָל געווען אין ירושלים): „איך דאַרף זיין צווישן אַ פאָלק, וואָס פאַרמאָגט אַ מאָטקע גנב, און דאָ זיינען אַלע נשמה־יתירהדיקע יידן". פון איין זייט האָט ער געשעפּט מיט פולע הויפנס פון תנ"ך און תלמוד, פון מדרש, חסידות, קבלה (שוין אין מאַי, 1907, האָט י. ל. פּרץ אין אַן אַר־טיקל אין דער וואַרשעווער „ראַמאַנציייטונג" וועגן אַשן און זיינע ווערק „שטעטל", „משיחס צייטן", „גאָט פון נקמה", באַמערקט: „אַש איז אַפּגע־פאָרן קיין ארץ־ישראל. ‚צידה לדרך' האָב איך אים געזען מיטנעמען: פאָלקס־ליטעראַטור, קבלה־ספרימלעך און מדרש"). פון דער צווייטער זייט האָט ער (אין צוגרייטונג צו זיינע קריסטוס־ראָמאַנען) געשעפּט פון דער „עוואַנגעליע".

אַשס קריסטוס־ראָמאַנען האָבן, ווי באַקאַנט, אַרויסגערופן קעגן אים אַ כוואַליע פון מיאוסע פּערזענלעכע אַטאַקעס מצד רעאַקציאָנערן מכל המינים: זיהדלעריען, פאַרלוימדונגען, בלבולים און זלזולים, שמד־באַשולדי־קונגען, געשרייען: „מומר להכעיס" און „אַפּטריניקער". אין אַט־די ווילדע אומווירדיקע אַטאַקעס קעגן איינעם פון די טיף־יידישסטע שרייבער, אין תוך אַ טיף־גלויביקן, פרומען שרייבער, האָט געשטעקט הפקרות, צביעות, טעמפּע זינדיקע קנאה־שנאה, ניט־פאַרגינערייי.

פאַרשטייט זיך, אַז מיט און דורך אַט־די דריי ראָמאַנען איז דער גרוי־סער קינסטלער נכשל געוואָרן. אַש האָט אָבער אין זיין פאַרטיידיקונג דער־קלערט, אַז דער הויפּט־ציל פון אַט־די דריי ראָמאַנען איז צו דערנענטערן קריסטן צו יידן, צו שאַפן צווישן קריסטן אַ טיפערע פאַרשטענדעניש פאַרן יידישן פאָלק.

ש. אַש איז געווען און פאַרבליבן אַ ריז אין דער ליטעראַטור. די גרויסע רשימה פון זיינע פאַרעפנטלעכטע ווערק איז מער ווי אימפּאָזאַנט — זי רופט־אַרויס שטוינונג און באַוואונדערונג. און אָט איז דאָס (ווייט ניט־פולע) צעטל פון אַשס 57־יאָריקן שאַפן: אין אַ שלעכטער צייט (1902), צוריקגעקומען אָדער מיטן שטראָם (1905), אַ שטעטל (1905), משיחס צייטן (1906), גאָט פון נקמה (1907), שבתי צבי (1908), מאַמענטן (1909), יחוס (1909), אמנון און תמר (1909), אַמעריקע (1910), מערי (1911), דער בונט פון די שוואַכע (1912), ארץ־ישראל (1912), דער וועג צו זיך, יפתחס טאָכ־טער, ר' שלמה נגיד (1913), פאַר אונדזער גלייבן (1914), חורבן פּוילן, שנירל פּערל (1915), מאָטקע גנב (1917), אָנקל מאָזעס (1918), קידוש השם

(1919), כישופמאַכערין פון קאַסטיליען (1920), מאַראַנען (1922), די מוטער (1923), יוסף (1925), טויט־אורטייל [עלעקטריק טשעיר] (1924), שפּאַניע (1925), חיים לעדערערס צוריקקומען (1927), ארץ־ישראל־רייזע (1927), רעווערענד ד״ר. זילבער (1927), קוילן (1928), די טרילאָגיע „פאַרן מבול״: פּעטערבורג, וואַרשע, מאָסקווע (1927־1931), גאָטס געפאַנגענע (1933), דער תהילים־איד (1937), ביים אָפּגרונט (1937), דער געזאַנג פון טאָל (1938), דער מאַן פון נצרת (1940), דער אַפּאָסטאָל (1943), דער ברענענדיקער דאָרן (1946), איסט ריווער (1947), מערי (1949), משה (1951), און איבערגאַנג אין דער נאַכט (1954) — אין יידיש: „גראָסמאַן און זון״ (1954). חוץ דעם: גאָר אַ גרויסע צאָל דראַמאַטישע ווערק, צווישן זיי: „דאָס הייליקע מיידל״ (1916), אַ דראַמאַטיזאַציע פון „מאָטקע גנב״ (1917), „ווער איז דער פאָטער״ (1918), „דער טויטער מענטש״ (1920) און הונדערטער סקיצן, שילדערונגען, קליינע דערציילונגען, די צוויי טעאָלאָגיש־פילאָסאָפישע ווערק „אין וואָס איך גלויב״ און „איין גורל״, און פיל־פיל אַנדערע שאַפונגען.

גאָר אַ באַזונדער קאַפּיטל איז אַש׳ס גרויסע באַרימטקייט אין דער ניט־יידישער וועלט און זיינע שטאַרק־געליבטע ווערק אין ענגלישער איבערזעצונג. צווישן זיי: די טרילאָגיע „די דריי שטעט״ (1933), „מאָטקע דהי טהיעף״ (מאָטקע גנב, 1933), „דהי וואָר גאָוס אָן״ (וועגן די נאַצי־רציחות קעגן יידן), „דהי סאָנג אָוו דהי וואַלי״ (דער געזאַנג פון טאָל; 1939), די דריי קריסטוס־ראָמאַנען („דהי נאַזאַרין״, „אַפּאָסטאָל״ און „מערי״) א. אַנד.

פון אַש׳ס ערשטן ביכל דערציילונגען „אין אַ שלעכטער צייט״ פון יאָר 1902 ביז זיין לעצטן ווערק „גראָסמאַן און זון״ (1954) — סאַראַ ריזיקער מהלך! און דער גרויסער מייסטער האָט נאָך פּלאַנירט נייע, פרישע ווערק פון יידישן לעבן אין ישראל.

„שלום פון קוטנע״ פאַרנעמט אַ חשובן כשר־פאַרדינטן אויבן־אָן אין אונדזער ליטעראַטור.

יאַנואַר, 1960

אײזיק ראַבאָי

(1944־1885)

.1

אײזיק ראַבאָי (1944־1885) — זײַן נאָמען, זײַן אָנדענק איז געבליבן אײַנגעבאַקן אין האַרצן פון פאָלק. ער האָט זיך דורך זײַנע גרויסע ווערק, דורך זײַן שטראַלנדיקער פערזענלעכקײט, דורך זײַנע פּראָגרעסיווע מעשים באַליבט געמאַכט בײַ די ייִדישע פאָלקס־מאַסן. ער האָט זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ פאָלקס־שרײַבער. ער איז געווען דער שרײַבער פון פאָלק.

אײזיק ראַבאָי איז געווען אײנער פון אונדזערע אָריגינעלסטע און קוואַליקסטע שרײַבער. ער איז געווען אַ פּראָגרעסיווער וואָרט־קינסטלער. ער איז אויך געווען אײנער פון אונדזערע אַמעריקאַנישסטע שרײַבער.

ראַבאָי דער מענטש איז געווען אײגנאַרטיק, ווי ראַבאָי דער קינסטלער. דערבײַ זײַנען ער און זײַן שאַפן געווען — אײן זאַך, אײן האַרמאָנישע גאַנצקײט. ער איז געווען די פּשטות אַלײן, אין דעם וואונדערלעכן זין פון אָט־דעם וואָרט.

ראַבאָי האָט אַרײַנגעבראַכט גאָר נײַע מאָטיוון אין דער ייִדישער ליטעראַטור. מאָטיוון פון ייִדישער ערד־אַרבעט. ער האָט שוין אין זײַנע ערשטע ווערק אַרײַנגעבראַכט דעם ריח השדה — די פּאַרפיומען פון פעלד, פון דער אַמעריקאַנער פּרעריע. אײניקע פון זײַנע ווערק זײַנען טאַקע געווען אַ געזאַנג צו ערד, צו פעלד, צו פּרעריע, צו די אַקערער און זײער.

ראַבאָי, אַ גלענצנדיקער פּראָזע־שרײַבער, אַ מײַסטער־דערצײלער, איז אין די מערסטע פון זײַנע ווערק געווען און פאַרבליבן אַ דיכטער־דערצײלער. עכטע פּאָעזיע שײַנט־אַרויס, זינגט־אַרויס האַרציק, בשמחהדיק, פון זײַנע מערסטע פּראָזע־ווערק.

זײַן טעמאַטיק: 1) בעסאַראַביע — די געגנט, וווּ ער האָט פאַרבראַכט זײַן קינדהײט און זײַנע ייִנגלשע יאָרן; 2) אַמעריקע: א) די ווײַטע וועסט, די פּרעריע פון נאָרט דאַקאָטאַ; ב) נײַ־ענגלאַנד, קאָנעטיקוט און ניו־דזשוירזי, ערד־אַרבעט; ג) ניו־יאָרק — די ייִדישע איסט־סאַיד, שאַפּ־סביבה, הײמען

פון יידישע האַרעפּאַשניקעס, ביטערע עקאָנאָמישע קאַמפן, סטרייקס, באַסישע עקספּלואַטאַציע, נויט; 3) דער מענטש א. ראַבאַי, דער שאַפ־אַרבעטער און שרייבער איציק, דער פעלד־און פערד־אַרבעטער און שרייבער איציק (אָדער אַי), זיינע איבערלעבונגען, זיינע דערפאַרונגען, זיין קוק אויפן לעבן, און די מענטשן לעבן אים, אַרום אים, דער עיקר, זיין משפחה.

ראַבאַיס קינסטלערישע גבורה באַשטייט אין שילדערן, מאָלן, אין ליריש־רעאַליסטיש אַרויסברענגען איינצלהייטן. זיין כוח באַשטייט אין קינסטלעריש אויפלעבן קלאַנגען, ריחות, פאַרבן. זיינע ווערק, למשל, וועגן בעסאַראַביע גיבן אונדז די פלאָראַ און פאַונאַ, די געוויקסן און בעלי־חיים, די הימלען און די ערד, די שנייען און בלאָטעס, די יאָר־סעזאָנען פון בעסאַראַביע; די ריחות פון אירע שאָף און „סטיניעס“, די אַטמאָספער, די טענער, די ריטמען, די מאכלים פון דער געגנט; דעם כאַראַקטער, דעם הולך און דעם הילוך, די מראה, דעם דיבור, די הנהגה פון אירע יידן פון פאַרשיידענע עקאָנאָמישע שטאַנדן. דאָס זעלבע קאָן געזאָגט ווערן וועגן זיינע ווערק, וואו ער גיט אונדז שטיקער אַמעריקע — לעבעדיקע, רויע שטיקער, אומגעקינסטלט. ער איז געווען דער קינסטלער מיטן שאַרפן אויג פאַר קאָלירן, מיטן שאַרפן געהער פאַר קלאַנגען, און מיט שאַרפן חוש־הריח.

זיין סטיל? ערדישקייט, תמימותדיקייט, נאַטירלעכקייט און עכטקייט ביז גאָר. ער זוכט ניט „מאַכן אַן איינדרוק“. ער זוכט ניט קיין באַפּוצונגען, באַצירונגען, „ליטעראַרישע“ שטיק.

דורך זיינע ווערק רעדט דער אמת. זיי קלינגען אָפט בראשיתדיק, חומשדיק, ביבליש. זיינע ערד־געזאַנגען, דורכגעוועבט מיט שיינער מענטשלעכער ליבע, דערמאָנען אין שיר־השירים.

ער שרייבט רואיק, פאַמעלעך, ניט־געאיילט. אויך די נאַטור איילט זיך ניט. אַ וואַרעמער ליריזם באַהנט זיין פּראָזע. אַ מילדער, האַרציקער, שלום־עליכמשער הומאָר, נעמט־דורך זיינע ווערק. און איבער אַלע זיינע שאַפונגען, און צווישן די שורות פון אַלע זיינע ווערק, שוועבט דער גייסט פון טיפער ליבשאַפט צו מענטשן, דער עיקר, צום האַרעפּאַשניק, צום יגיע־כפּימניק, און באַזונדערס צום ליידנדיקן, עקספּלואַטירטן, געקריוודעטן מענטשן.

גרויסע טיילן פון זיינע ווערק זיינען אויטאָביאָגראַפיש, מעמואַריסטיש, זכרונותדיק. אָבער אפילו אין אָט־די אינדיווידועלע אָדער אינדיווידואַליסטישע טיילן איז שטאַרק בוילעט און ניכר דער סאָציאַלער מאָמענט: עס רעדט זיך ניט נאָר וועגן איציקן (פון מחבר גופא), נאָר וועגן טויזנטער אַזוינע ווי ער. עס רעדט זיך וועגן דעם ייד דעם האַרעפּאַשניק אין אַ האַרטער, ברוטאַלער סביבה פון קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע. פאַר ראַבאַין איז ניט שייך קיין אינדיווידואַליסטישע גריבלעריי.

שוין פון אָנהייב־אָן פון זיין שאַפן האָט ער אַרויסגעוויזן טיפע ליבשאַפט צום אַרבעטנדיקן מענטשן. ער האָט זיך אַלץ מער און מער פאַרבונדן מיטן פאָלק; אים געווידמעט זיין טאַלאַנט, זיין קינסטלערישע ענערגיע. ער האָט באַזונגען דעם קעמפנדיקן, קלאַסן־באַוואוסטזיניקן אַרבעטער. ער האָט

באַזונגען זיין כוח צו שאַפן, בויען, ליב־האָבן. שטיקער לעבן פונעם פאָלק האָט ער קינסטלעריש געשטאַלטיקט אויף ברייטע לייוונטן. ער האָט זיך אויך אויסגעצייכנט מיט געזונטן, לעבנס־אַטעמענדיקן אָפּטימיזם, מיטן קלאַסן־באַוואוסטזיניקן אָפּטימיזם פונעם קעמפנדיקן, מאָגנענדיקן, פּאָליטיש־פּראָגרע־סיוון אַרבעטער און פּראָגרעסיוון שעפערישן שרייבער, וואָס גלויבט אין דעם זיג פון אַרבעטער־קלאַס, פון פאָלק, פון דער פּראַויסמאַרשירנדיקער מענטשהייט.

עס איז אויך געווען נאַטירלעך פאַר ראַבאָין אַרויסצואווייזן אין זיינע ווערק אַזאַ טיפע ליבשאַפט און פּאַרשטענדעניש פאַר בעלי־חיים, פאַר שאָף און רינד, און דער עיקר — פאַר פערד און לאָשיקלעך. אַלע אונדזערע קלאַסיקער האָבן אונדז געגעבן מייסטער־ווערק וועגן שטוב בעלי־חיים — קעץ, הינט — אויך ציגן, פערד, הינער, א. אַנד. מיר דוכט, אַז קיינער ווי א. ראַבאָי האָט אין אונדזער יידישער ליטעראַטור ניט באַזונגען און געשיל־דערט אַזוי מייסטערהאַפט די שאָף (אין זיינע ווערק וועגן בעסאַראַביע) און די פערד (אין זיין „דער יידישער קאָובאָי" א. אַנד.)

ער האָט אונדז איבערגעלאָזט אַ רייכע, באַדייטנדיקע ליטעראַרישע ירושה, אַ גרויסן אוצר, וואָס די יידישע פאָלקס־מאַסן וועלן טייער־האַלטן און אָפּ־היטן. זיינע ווערק: „די וויטע וועסט: הער גאָלדענבערג" (פאַרלאַג „אַמע־ריקע", 1918); „ניי־ענגלאַנד, דער פאַס פון ים" (פאַרלאַג „אַמעריקע", 1918); „דאָס ווילדע לאַנד" („שריפטן", 1919); „איך דערצייל", שטאָט־נאָ־וועלן (פאַרלאַג „אַמעריקע", 1920); „בעסאַראַביער יידן" (ראָמאַן „אייגענע ערד", פאַרלאַג פון ב. קלעצקין, 1928); „איז געקומען אַ ייד קיין אַמעריקע" (איקוף־פאַרלאַג, 1927־1926); „די ניין ברידער" (אָרדן־פאַרלאַג, 1936); „דער יידישער קאָובאָי" (1942); „מיין לעבן" (צוויי בענד, 1945 און 1947); „אַ דאָרף פון קינדער" (פאַרלאַג „איקוף", 1953). זיין ראָמאַן „הער גאָלדענבאָרג" האָט ראַבאָי דראַמאַטיזירט. אַט־די דראַמע אונטערן נאָמען „שטעכיק דראָט" איז אויפגעפירט געוואָרן אין 1926 אין „אונ־דזער טעאַטער", אונטער פּרץ הירשביינס רעזשי. זיין ווערק „פּראָסטע מענטשן" און פיל אַנדערע דערציילונגען, וואָס ער האָט פּאַרעפנטלעכט אין דער „מאָרגן־פרייהייט" אין משך פון יאָרן, זיינען נאָך ניט דערשינען אין בוך־פאָרם.

אַ גרויסע, רייכע און ניצלעכע ירושה!

אין „הער גאָלדענבאָרג" איז דעם מחברס הויפּט־צוועק, קענטיק, גע־ווען צו שילדערן דעם יידן גאָלדענבאָרגס אַרבעטזאַמקייט, ליבשאַפט און צו־געבונדנקייט צו ערד, צו דער אַמעריקאַנער פּרעירי. איבערן ווערק הויערט אַ ראָמאַנטישע הויך. פּאָעטישע שילדערונגען פון „וויטע, ברייטע ראַנדזשען, אויף וועלכע עס יאָגן זיך זיינע (גאָלדענבאָרגס) ווילדע פערד אָן אַ צאָל". נייער אינהאַלט, נייע פאָרם, רחבות פון פּרעירי — און רחבותדיקער, זינ־געטדיקער סטיל. לאָשיקלעך געזען דורך דיכטערישע אויגן. דער טאָן — עפּיש, נחת־רוחדיק. אַ געזאַנג צום לעבן און צו ליבע. אַ שטילע ליבע

צווישן חבורהן (די פּלימעניצע פונעם קינדערלאָזן הער גאָלדענבאַרג) און דעם פערד־אויפּפּאַסער אייזיק. אַ פּיאָנערן־ווערק, געשריבן פון אַ פּיאָנער אויף אָט־דעם געביט.

אַ שריט ווייטער, ברייטער און טיפער, נעענטער אויך צו פּראָבלעמאַ־טיק, איז דער ראָמאַן „דער פּאַס פון ים". דאָ האָט איר שוין אַ צאָל יידישע פאַרמער־פאַמיליעס אין ניי־ענגלאַנד, מיט זייערע פּראָבלעמען, מיט זייערע באַזונדערע אייגנשאַפטן און צופּאַסונג־פעיאיקייטן. דער מחבר איז משדך אסתר וויינבוים מיט דוד וואָלדען, ווייל זיי זיינען, לויט זיין בליק, ווי צו־געפּאַסט פאַרן נייעם, שווערן, אויפגייענדיקן לעבן אויף דער אַמעריקאַנער ערד. דער יענקי ביל העלפּט וויינבוימען און דזדן בויען אַ נייעם וועג ביי טשעיפּעל היל. דעם מחברס אָנדייט: אָט־דאָ וועלן די מערסטע איינגעוואַנ־דערטע האַרעפּאַשנע יידן בלייבן, ווערן תושבים, איינהיימישן זיך, פאַרוואָרצ־לען זיך אין דעם אַמעריקאַנער באָדן.

אַ נאָך ווייטערדיקער, מער־רייפער ליטעראַרישער אויפטו איז „בעסאַ־ראַביער יידן". דער אַראָמאַט און אַטמאָספער און יידיש פון בעסאַראַביע. קרעפטיקע בילדער פונעם בעסאַראַביש־יידישן שטעטל, פון יידישן שטיי־גער־לעבן. זיי קריצן זיך איין אין אייער זכרון: די קצבים, די סוחרים, דער רב, דער ליטווישער מלמד, דער לערער נאַקמאַן. איר זעט יידן, וואָס „טרינ־קען ווייַן און עסן קאָדע מיט פעפער", און יידן מיט דאגות־פּרנסה. און איר זעט און דערשפּירט זייער גרויסע בענקשאַפט נאָך ערד, נאָך ערד־אַרבעט — איר הערט דעם רוף, „יידן, קומט נעמען ערד", ווען עס קומט־אָן די נייעס אין שטעטל וועגן באַראָן הירשס גרייטקייט צו באַזעצן יידן אויף אַרגענטינער ערד. אומפאַרגעסלעכע בילדער פון יאַריד אין שטעטל, פונעם געשלעג אויפן מאַרק, פון די הינט ביי די יאַטקעס, פון בעסאַראַביער טשערעדעס מיט שאָף, פון יידן, וואָס „האַנדלען מיט ערד און מיט שאָף און האָבן פאַרגרעבטע פּנימער, העגט און אַ גראָב לשון". פּאַסטאַראַלן, אַריינגעוועבט אין שטרענג־רעאַליסטישע בילדער!

איניקע ליטעראַטור־קענער האַלטן ראַבאָיס „איז געקומען אַ ייד קיין אַמעריקע" פאַר איינעם פון זיינע בעסטע ווערק. דאָ האָט איר גרויסאַרטיקע באַהאַרצטע שילדערונגען פון דער יידישער אַמעריקע פון אַמאָל (אין די ניינציקער יאָרן פונעם לעצטן יאָרהונדערט). איבערן ווערק שוועבט דער צויבער פונעם ראַבאָיאישן נאַטירלעכן, גוטמוטיקן הומאָר. ער שילדערט מיט ליבשאַפט די תמימותדיקייט און נאַאיוויטעט פונעם עלטערן ייד מאָגיס (דעם מחברס זיידע) און פון זיין פרוי. שטילע מענטשן. אַ שטיל לעבן. „איינגע־אָרדנט זיך" אין אַן אָרעמער דירה אויף דילענסי סטריט, אין דעם גרויסן פּרעמדן מאָדנעם „נעוואָרק", צווישן „די הויכע טורעמס". אין בריוו צום איניקל איסאַק (שפּעטער אַ יוניאָן־בויער) דערציילט דער זיידע מאָגיס וועגן „גאָטס וואונדער" אין אַמעריקע: וועגן גאַז־באַלייכטונג און וועגן עפּעס אַ גאָרניט, „וואָס מען צאַפּט פון דער וואַנט". זעלטענע שילדערונגען: דער פרומער, איידעלער מאָגיס קאָן ניט באַנעמען די פרעמדקייט, די קאַלטקייט,

די מחיצה צווישן מענטשן אין דער גרויסער שטאָט; די ברוטאַלקייט אין דעם אַמעריקן סוועט־שאַפּ: ווען מאַניס ענטפערט, אַז ער איז העכער פופציק יאָר אַלט (ביים נאָכפרעגן זיך אויף אַ „דזשאַב"), זאָגט אים דער אַרבעטגעבער: „האָסט ניט געקענט זיין יינגער?" דער ייד מאַניס, וואָס שרייבט דאָ אין ניו־יאָרק אַ שולחן־ערוך, פּאַסט זיך ביסלעכווייז צו צו זיין שאַפּ־אַרבעט. ער דערקלערט: „ס'איז פּונקט אַזוי שיין צו אַרבעטן, ווי צו זיין אַ רב, אפשר נאָך שענער". דער מחבר ב'ירגערט־איין זיין „העלד" אין דער נייער סביבה.

אַ ברייטע פּאַנאָראַמע פון אַרבעטער־לעבן און קאַמף ווערט פּאַנאַנדערגעוויקלט אין וויטערדיקן ראָמאַן „די ניין ברידער", געבויט אויפן מחברס אייגענע דערפאַרונגען. אין צענטער — דער מחבר אייזיק; ער מיט זיינע ברידער; ער מיט זיין טאַטן. אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע בילדער פון סטרייקס, פון אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען. רעאַליסטישע פאַרטיפונג. די זין דערקלערן אַ סטרייק קעגן דעם אייגענעם פאָטער. אַ געשלעג אין שאַפּ. אַן אַנדער באָס קומט צו־הילף דעם פאָטער. באָסישע סאָלידאַריטעט. רירנדיקע בילדער: דער שרייבער — אַ שווערער שאַפּ־אַרבעטער, אַן אָנפירער פון סטרייק; אַן אַרויפגעשטעלטער אויפן „שוואַרצן צעטל". אין די אָוונטן — זיצט ער ביים שרייב־טיש און פאַרפיקסירט זיינע איבערלעבונגען און דערפאַרונגען. „איך באַשרייב זיך אַליין", דערקלערט ער צו אַ פּאָר קאָלעגן־שרייבער, ווען זיי באַזוכן אים. און שפּעטער אין דעם זעלבן ראָמאַן: אייזיקס לעבן אין דער פאַרם־שול אין דעם שטעטל וואודבאַין, ניו־דזשורזי; אַ סטרייק אין דער אַגריקולטור־שול. און ווייטער: אייזיקס צוריקקער קיין ניו־יאָרק, כדי פון דאָרט אַוועקצופאָרן צו דער ווייטער וועסט, קיין נאָרט־דאַקאָטאַ. אַ פּאַטעטיש, הומאָרפול בילד פון זיין געזעגענונג מיט דער טויבער בייגל־פאַרקויפערין.

און אָט מיט יאָרן שפּעטער, נאָכדעם ווי אייזיק ראַבאָי האָט אָפּגעאַרבעט, שווער געהאָרעוועט, אויף דער פּרעירי אין נאָרט־דאַקאָטאַ, געווען אַן ערד־אַרבעטער און אַ פערד־אויפזעער, אַ יידישער קאַובאָי (דער איינציקער אין אונדזער ליטעראַטור), האָט ער באַרייכערט אונדזער יידישן ליטעראַרישן אוצר מיט זיין קלאַסיש ווערק: „דער יידישער קאַובאָי". אַ מעכטיק געזאַנג צו פּרעירי און צו פערד; פּרעכטיקע בילדער פון דער פּרעירי־נאַטור (אירע פרילינגען און זומערס, אירע שטורעמס, א. אַז. וו.). ניט קיין אידיליע: רויע, ברוטאַלע רעאַליטעט, שוידערלעכע עקספּלואַטאַציע, בילדער פון שאַרפסטן קאָנטראַסט צווישן אָרעם און רייך, שרייענדיקער סאָציאַלער אומרעכט. די הויפּט־כאַראַקטערן: דער יידישער געזונטער, איינגעשפּאַרטער, אַרבעטזאַמער פערד־יונג אייזיק (אַי) און דער קולאַק הילדענבערג, אַ בלוטזויגער, אַ דעספּאָט, אַ טיראַן, אַן אַנטיסעמיט, אַ הויטשינדער; הילדענבערגס פרוי מאַדזשי; דאָס פאַרמער־מיידל עלען „מיט די דעיזי־אויגן", אַ באַדינערין אינעם הויז פונעם רייכן גוטבאַזיצער, אַ טאָכטער פון פאַראָרעמטע פאַרמערס; עלענס עלטערן, באַבי און צוויי אַנדערע „פאַרם־הענט". און

חוץ אַט־די כאַראַקטערן, אויך אַנדערע וויכטיקע געשטאַלטן: פון די פערד און לאָשיקלעך (די ווילדע פרעירי־פערד, די שקאַפעס אין די שטאַלן, דער אָגער) און פאַרשיידענע נאַטור־דערשיינונגען אויף די רחבותן פון דער פּרעירי. סיי די סביבה, סיי דער אופן פון באַשרייבן זי — איז נײַ אין דער יידישער ליטעראַטור.

איינגאַרטיקע קינסטלערישע מעטאָדן פון שילדערן בעל־גופישע עקספּלואַטאַציע: „איך דאַרף אַ פאַרמער, ניט קיין סעילסמאַן", מיט אַט־דער שטעכיקער באַמערקונג איז דער באַס הילדענבערג מקבל־פּנים דעם יידישן קאַובאָי אייזיק, ווען יענער קומט־אָן פון ניו־יאָרק מיט עטלעכע רענצלעך. אַרטור, אַ „פאַרם־האַנט", אַ זון פון דורות־אַלטע יענקי־פאַרמערס, קלערט־אויף אייזיקן: „אַט־דער הילדענבערג האַלט אַלע אַרעמעלייט פון געגנט אין זיינע נעגל — עך, עך, איז די וועלט ניט גוט צעטיילט! איינער האָט אַזוי פיל פערד, און טויזנטער האָבן גאָרניט!"

דער דיכטער־רעאַליסט דערקלערט (דורך באַביס מויל אין אַ שמועס מיט אייזיקן): „מיך קאָנען בדייטע פעלדער גיט אָפּנאַרן. ביי מיר ליגט אין יעדן גרינעם פעלד אַ סך שווערע אַרבעט, אַ סך מענטשלעך שווייס, וויי־טאָג. וויפל האַרץ־קלעמעניש, וויפל ענערגיע לייגט אַ פאַרמער אַריין, איידער ער דערלעבט צו זען דאָס גראָז וואַקסן אויף זיין לאַנקע!"

די שווערע האַרעוואַניע אויפן פעלד אין נאָרט־דאַקאָטאַ האָט צוגענומען ביים יונגן שרייבער ראַבאַי די מעגלעכקייט צו שרייבן. ער האָט זיך אָבער אַ סך פאַרטיפט אין זיין לעבן און אין לעבן פון זיינע מיט־מענטשן. ער האָט געקליבן דערפאַרונג. אַט־די דערפאַרונג און וויסן פון ערד־אַרבעט, פונקט ווי זיין קענטעניש און דערפאַרונג פון שאָפּ, האָט ער שפּעטער אין זיין לעבן קינסטלעריש אויסגענוצט און געזונט פאַרנוצט. אין זיין „דער יידישער קאַובאָי" באַמערקט דער מחבר: „וואָס פאַר אַ גרויסער אַרטיסט איז די נאַטור אַליין! אַי לערנט דאָ פון דער נאַטור, אַז אַ קינסטלער דאַרף אָפּשפּיגלען אין זיין אַרבעט דאָס, וואָס איז אים נאָענטער".

און אַזוי טאַקע האָט זיך דער קינסטלער ראַבאַי בוהג־געווען: ער האָט אין זיינע ראָמאַנען און דערציילונגען אָפּגעשפּיגלט (און עכט, און אמתדיק, קינסטלעריש־טיף) דאָס, וואָס איז אים געווען נאָענטער. צו קיין אַנדער טעמאַטיק האָט ער זיך גאָרניט צוגערירט. דאָס איז, אגב, אויך איינער פון די שליסלען צו זיין קינסטלערישן אויפטו און דערפאָלג. ער האָט געגראָבן טיף אין זיין איינגענעם האַרצן.

ווי מיר האָבן אָנגעוויזן, גייט־דורך אייזיק ווי אַ רויטער פאָדעם דורך פיל פון ראַבאַיס שאַפונגען. זיין אויטאָביאָגראַפיע ווערט אָבער דערגאַנצט און געגעבן מיט פיל פּינקטלעכע דאַטן און פּרטים אין זיין לעבנס־באַשרייבונג „מיין לעבן" (באַנד 1 און באַנד 2). אַט־די צוויי בענד זיינען אַ בייטראַג און דערגרייכונג סיי פון ביאָגראַפישן שטאַנדפּונקט, סיי אַלס ליטעראַרישע ווערק. פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן אויך אַ קולטור־היסטאָרישן באַ־

דיט: זיי לעבן־אויף אַ פאַרגאַנגענע עפּאָכע אין יידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן.

דער ערשטער באַנד ווייזט אונדז ראַבאָיאיש־אייגנאַרטיק די קינדהייט און יינגל־יאָרן פונעם שרייבער: די נייגעריקייט, שעמעוודיקייט, תּפיסת־עין, וויסנדורשטיקייט, פאַרגאַפטקייט פונעם צוקונפטיקן גרויסן יידישן שרייבער, זיינע וואָרצלען אין יידישער סביבה, זיין קינדהייט צווישן וואַלד און שטעטל, זיין האַלטן־אָפן אויגן און אויערן צו זאַכן, דערשיינונגען. מיר באַקענען זיך מיטן יונגס דראַנג צו זעלבסט־אויסדרוק. ער שילדערט: „דער שניי האָט געלאָזט און ריטשקעס זיינען געגאַנגען פון די בערג. ביינאַכט פלעג איך ליגן און זיך איינהערן, ווי די ריטשקעס גייען. ווען איך זאָל קענען אָט־דאָס געזאַנג פון די גייענדיקע ריטשקעס איבערגעבן אין ווערטער!"

אָט־דאָס געזאַנג האָט דער שרייבער שפּעטער אויסגעזונגען מיט אומגעהויערער קראַפט, מיט צויבער און מיט חן, אין אַלע זיינע ווערק. וויכטיקע עפּיזאָדן וועגן זיין ליטעראַרישן שאַפן, ווי אויך וועגן ליטעראַרישע פּערזענלעכקייטן, זיינען פאַראַן אין זיין צווייטן באַנד „מיין לעבן".

אין זיינע „אויטאָביאָגראַפישע שטריכן" האָט א. ראַבאָי מיט שטאָלץ דערציילט: „ווען די ,פרייהייט' האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין, בין איך געווען אין דעם צעטל פון אירע מיטאַרבעטער. מיין ערשטע דערציילונג, וואָס איך האָב געשריבן פאַר דער ,פרייהייט', האָט געהייסן ,רויט בלוט'." אין דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג איז ראַבאָיס טאַלאַנט געוואָרן אַלץ רייפער און קרעפטיקער, זיין פען — אַלץ פעסטער און זיכערער, זיינע בילדער — אַלץ מער רעאַליסטיש, נעענטער צו דער ערד און צום לעבן, אָנגעזעטיקט מיט אידייע, אָנגעגליט מיט ליכטיקן גלויבן. די רעאַקציאָנערע יידישע קריטיק האָט דאַן געפּרוווט מינימיזירן דעם גרויסן קינסטלערישן באַדייט פון זיין שאַפן. דער אמת איז, אַז זיין שאַפן האָט דאַן געקוואַלט מיט פרישער גבורה, און זיין שפּעפערישער שטראָם האָט דאַן געפינקלט מיט וואונדערלעכע רעגנבויגן־קאָלירן. אין 1941 (דריי יאָר פאַר זיין פריצייטיקן טויט) האָט א. ראַבאָי אָפּגעדרוקט אין דער „מאָרגן־פרייהייט" זיין ראָמאַן „די קליינע יידעלעך", וואָס דער „איקוף" האָט אַרויסגעגעבן אין בוך־פאָרם אונטערן נאָמען „אַ דאָרף פון קינדער" (רעווידירט און צוגעגרייט צום דורך דורך יעקב מעסטל).

אַ זעלטן ווערק! דאָס מאָל — בעסאַראַביע אין אָנהייב פונעם נייצנטן יאָרהונדערט. וואָר און פאַנטאַזיע, חלום אוןווירקלעכקייט. די „קליינע יידעלעך" — דאָס זיינען קרבנות פונעם אַמאָליקן צאַרישן רעזשים, אַנטלאָפענע פון די הענט פון „כאַפּערס". זיי ווערן אויסגעריסן אונטערן יאָך פונעם בעסאַראַביער פריץ ברייטשעוואַן.

אין ראַבאָיס ווערק איז פאַראַן המשכדיקייט אין טעמע, אין מאָטיוון. אָט־די מאָטיוון ווערן פון צייט צו צייט ווידער באַנייט, נאָר נאָך מער אויסגעבריינטערט און קינסטלעריש־פּאַרטיפּט. עס איז דער גאַנג פון מדרגה

צו מדרגה, צו אַלץ־העכערע שטאַפּלען, פון קינסטלערישן באַרג־אַרויף, וואָס גייט גלייכצייטיק מיט אידעאָלאָגישן וואוקס.

ראַבאָיס בייטראָג צום יידישן לשון, די שפּראַך פון זיינע ווערק, זיין חוש פאַר פאָלקס־לשון — איז אַ טעמע פאַר זיך.

א. ראַבאָי איז „טאַלאַנטפולע טעמע" (ווי אָלגין פלעגט זיך אויסדריקן). לאָמיר לייענען און לערנען זיינע ווערק! לאָמיר זיי ברענגען צום פאָלק!

פעברואַר, 1954

2.

א. ראַבאָי: „אַ דאָרף פון קינדער". פאַרלאַג „איקוף", ניו־יאָרק, 1953. 268 זייטן.

דעם „איקוף"־פאַרלאַג (ניו־יאָרק) קומט באמת אַ יישר־כוח פאַר אַרויס־געבן אין בוך־פאָרם דעם פּרעכטיקן ראָמאַן: „אַ דאָרף פון קינדער", פון איציק ראַבאָי.

ראַבאָי האָט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן אַריינגעבראַכט אין אונדזער ליטע־ראַטור דעם שאָפּ, פון איין זייט, און די פּ.ע.ר.י., פון דער צווייטער זייט.

ראַבאָי, אַ זון פון בעסאַראַביע (אויפגעכאַוועט און דערצויגן אין ריש־קאַן), וועט אָבער אויך פאַרבלייבן אין דער יידישער ליטעראַטור אַלס דער באַזינגער און דער קינסטלערישער ביאָגראַפער פון זיין היים־געגנט, בע־סאַראַביע. די מאָטיוון פון בעסאַראַביע, פון די יידישע בעסאַראַבער שטעט־לעך, פון די ליבע, ערלעכע יידישע האָרעפּאַשניקעס, ערד־אַרבעטער פון דער פּעטער בעסאַראַביע, ציען זיך — וואונדערלעך און באַצויבערנדיק — דורך אַ גרויסער צאָל פון זיינע נאָוועלן און דערציילונגען (וועלכע זיינען רינגען פון איין קייט), דורך זיינע אויטאָביאָגראַפישע ווערק (קינדהייט־און יוגנט־זכרונות), און, דער עיקר, דורך זיין ראָמאַן „בעסאַראַביער יידן" („אייגענע ערד").

זינט ראַבאָי האָט פאַרעפנטלעכט אָט־דעם בעסאַראַביע־ראָמאַן (וואָס האָט זיך — מיט פיל יאָרן צוריק — געדרוקט אַרום פיר יאָר צייט אין דעם זשורנאַל „צוקונפט"), האָט ער, דער פּראָדוקטיווער און אַרבעטזאַמער קינסט־לער, בייגעטראָגן צו אונדזער ליטעראַטור אַזעלכע ווערטפולע, וויכטיקע ווערק, ווי „געקומען אַ ייד קיין אַמעריקע" (1926־1927), „ניין ברידער" (1936), „דער יידישער קאָובאָי" (1941).

אין זיין ערשט־דערשינענעם ראָמאַן „אַ דאָרף פון קינדער" גייט דער דער־ציילער צוריק צו זיין ליבלינג־טעמע: בעסאַראַביע. דאָ גיט ער דעם לייענער פאַרכאַפּנדיקע בילדער פון דער יידישער בעסאַראַביע אין אָנהייב פונעם נייַנצנטן יאָרהונדערט. מיט זיין זיכערער און פעסטער האַנט פון אַ מייס־טער־דערציילער נעמט ער דעם לייענער און פירט אים, פונעם ערשטן ביזן לעצטן בלעטל, אין אַ וועלט פון צויבער, פון וואונדער און חידושים. איר ווערט פאַרכאַפּט און מיטגעריסן; איר קענט זיך שוין פון דעם ווערק בשום אופן ניט אָפּרייסן. פונעם סאַמע אָנהייב־אָן, ווען „פון קאַמענעץ איז

גענאַנגען אַ בויד־שליטן געשפּאַנט מיט אָקסן אין דער ווייטער בעסאַראַביע״. פּאָרט איר אויך־מיט מיט די דריי אָרעמע יידישע קינדער — באַסיע, ישראל און יאָסל — וועלכע אַנטלויפן נעבעך פון דער געפאַר אַריינצופאַלן אין די הענט פון די דעמאָלטדיקע „כאַפּערס״ („לאָוטשעס״) — די זיידעס, אַפּנים, פון די היינטיקע „יודנראַטלער״. איר באַגלייט די דריי קינדער קיין בע־סאַראַביע, איר האַלט אַן אויג אויף זיי, און איר פאָלגט־נאָך זייער ווייטער־דיק לעבן, ווי אויך דאָס לעבן פון אַנדערע ענלעכע יידישע קינדער, „קליינע יידעלעך״, קליינע יינגלעך און מיידלעך, וואָס „אָרדענען זיך איין״ אויף דער בעסאַראַביער ערד, האָרעווען שווער און ביטער, טוען כל עבודת־פּרך, ווערן אויסגעריסן, לעבן אין פינצטערע פענצטערלאָזע „בורדעיען״ (אונטערערדישע גריבער), אונטערן יאָך פון אַ ברוטאַלן, פאַרגרעבטן פּריץ בריטשעוואַן, ביז — ביז זיי גריגדן אַ דערפל, אַ יידיש דאָרף, ביז — זיי באַווייזן בייצוקומען אַלע גוואַלדיקע שוועריקייטן, אַלע מניעות.

ס׳אַראַ גרויסאַרטיקע בילדער און סצענעס פון דער בעסאַראַביער נאַ־טור, פון אירע פעלדער, פון אירע יאָר־סעזאָנען! ס׳אַראַ געשטאַלטן, ס׳אַראַ איבערלעבונגען! און אַלץ געשילדערט און געמאָלן אויפן עכט־ראַבאָי׳אישן, כאַראַקטעריסטישן שטייגער. ס׳איז דערזעלבער ראַבאָי, דער שרייבער „בעל־מכשף״ ווי אין זיינע פריערדיקע גראַנדיעזע ווערק, נאָר מיט אַ פולשטענדיק־צייטיקן, רייפן, ממש־געניאַלן טאַלאַנט, ווי עפּעס גאָר אַ געשמאַקע, זאַפטיקע בעסאַראַביער פּרי, וואָס איז מלא טעם.

דער בעסאַראַבער ראַבאָי, דער שאַפערישער „מעין הנובע״, האָט זיך אין זיין לעצט גרויס ווערק ווי ווידער דערפילט אויף „אייגענער ערד״, אויף זיין היימישן באָדן; זיין טאַלאַנט האָט זיך דאָ ווידער צעבליט און צעוואָקסן מיטן בעסאַראַביער פרילינג און זומער, און ער האָט פאַר אונדז אויפגע־לעבט בילדער און געשטאַלטן פון פאַדאָליער יידישע קינדער, וואָס זיינען געוואָרן איינגעזעסענע, תושבים, ערד־אַרבעטער און באַלמעלאָכעס אין בע־סאַראַביע — די זיידעס און באָבעס פון די יידן, וועמען דער שרייבער האָט געקענט פון זיינע קינדער־יאָרן אין רישקאַן.

דער סבור־המעשה? עס איז אַ געמיש פון חלום און וואָר, פאַנטאַזיע אוןווירקלעכקייט. די געשיכטע לייענט זיך, ווי פיל אַנדערע ווערק פון ראַבאָין, ווי אַ מעשה פון חומש, אַ ביבל־דערציילונג, אויסטערליש, פאַנטאַס־טיש, איבערגעצויגן מיט גאָלדענע שטראַלן פון דער בעסאַראַביער זומער־זון און מיט זילבערנע כישוף־פעדים פון די בעסאַראַביער שנייען אויף די פאַרוואָרפענע פעלדער. די מעשה קלינגט, דוכט זיך, אומגלויבלעך — אָבער איר גלויבט יעדעס וואָרט, איר פילט און איר זייט זיכער, אַז דאָס איז אַ מעשה שהיה, אַזוי האָט עס טאַקע פּאַסירט (אָדער האָט געקענט פּאַסירן), ווי דער קינסטלער־דערציילער דערציילט אונדז. נאָך מער: עס הויבט אייך ניט אָן צו אַרן, צי ס׳איז אויסגעטראַכט. דער כוח פון דער קונסט אין דעם ראָמאַן איז אַזוי גרויס, אַז איר לעבט־מיט באמת מיט די כאַראַקטערן און געשטאַלטן אין דעם ראָמאַן.

איר קוקט זיך צו צום ביטערן לעבן פון די צוועלף־און דרייצן־יאָריקע „קליינע יידעלעך“, וואָס זיינען איבערנאַכט געוואָרן ערד־אַרבעטער פאַר דעם פריץ דעם עקספּלואַטאַטאָר. איר זעט זיי טאָג־טעגלעך ביי דער פעלד־אַר־בעט, ביים צעאַקערן און צעבראָקנען די ערד, ביים פלאַנצן און פאַרזייען טוטין (טאַבאַק) און פּאַפּשויעס (קוקורוזע), ביים אויפפּאַסן אויף די שאָף און לעמעלעך. אַ „לעבן“ פון שקלאַפן, וואָס ווערן געשלאָגן מיט אַראַפּניקעס דורך דעם פריצס רייטערס און אויפזעער; אַ „לעבן“, וואָס ווערט אויפגעהאַלטן פון מאַמאַליגע און ברינזע. די „קליינע יידעלעך“ „האָבן געקלאָגט און גע־וויינט אויף זייער ביטער מזל און געקרעכצט פון דעם, וואָס זייערע הענט און פיס האָבן זיי וויי־געטאָן“.

און דאָך איז דער ראָמאַן דורכגעוועבט מיט ליכטיקן געמיט, מיט האָפע־נונג און בטחון, מיטן כאַראַקטעריסטישן ראַבאַיאישן גייסט פון אָפּטימיזם, וואָס נעמט־דורך אַלע זיינע ווערק.

פון צווישן די געשטאַלטן פון די אונטערוואַקסנדיקע קינדער טיילן זיך אויס די שטאַרקע כאַראַקטערן און רעוואָלטירנדיקע פיגורן פון דעם ענער־גישן בחורל שייע, פונעם זשוואָווען מיידל באַסיע און דעם געזונטן בחורעץ רחמיאל, וועלכער ווערט איר מאַן און שפּעטער דער „סטאַראָסטע“ פון דאָרף; פון דאָדל דעם „רבי“; פון דעם סטאָליאַר, דעם שמיד און שניידער; און איר זעט אויך דעם דרך פונעם פאַרשוין עליע, וועלכער ווערט אַ „מסור“ פאַר דעם פריץ, כדי אַליין „זיך אַרויפצואַרבעטן“.

דעם לייענער הארץ קלאַפּט־מיט מיט די האַרץ־קלעמענישן פון די יונגינקע פאַרליבטע. אָט־אָט האַלט עס שוין, דוכט זיך, ביי אַ שידוך צווישן באַסיען און שייען, וואָס קומען ביידע פון קאַמענעץ. אָבער לאָזן לאָזט זיך אויס גאָר אַן אַנדער מעשה, טאַקע גאָר ווי אין אַן עכטן מעשה־בוך. דער דרייצן־יאָריקער שייע, וועלכער איז שיעור ניט אומגעקומען צוליב זיין גע־ליבטער דרייצן־יאָריקער באַסיען, ווערט געראַטעוועט — אויף די פאַר־שנייטע פעלדער טאַקע — טרעפט דורך וועמען! — יאָ, דורך דעם פריצס טעכטערל, פאַטאַ מאַריאַ, אַ גרויסע יפת־תואר. זי, די בת־יחידה, פאַר־ליבט זיך איבער די אויערן אין דעם שיינעם און קלוגן יידישן בהורל; זי האַלט אים אַ צייט ווי געפאַנגען אין איר טאַטנס פּאַלאַץ, און שפּעטער פירט זיי אָפּ דער פריץ קיין קעשענעוו צו שטודירן אין מאַנאַסטיר־שול.

הכלל, דאָס בחורל שייע פאַרליבט זיך אויך אין פאַטאַ מאַריאַן. ער איז שטאַרק נושא־חן ביים פריץ, און יענער „אַדאָפּטירט“ אים, פאַרשרייבט אים אַלס זיין זון און שרייבט־אָפּ אויף אים זיין גאַנצן גוט, די רייכע „אימעניע“.

דער בחור שייע האָט אין קעשענעוו באַוויזן אַנצושמעקן זיך מיטן פּוש־קינשן פריהייט־גייסט, מיטן גייסט פון רעוואָלט קעגן צאַר — פאַר אַרונ־טערוואַרפן די צאַרישע זעלבסטהערשאַפט און אָפּשאַפן „פּאַנשטשיזנע“. שוין ביים פריצס לעבן הויבט שייע אָן צו פועלן, אַז די מערכה פון די „פּאַנ־

שטשיגיקעס״ און פון די יידישע ערד־אַרבעטער זאָל פאַרבעסערט ווערן, אַז די אויפזעער זאָלן זיי מער ניט טאָרן שלאָגן, און אַז מען זאָל אָנהויבן בויען הייזער פאַר די „קליינע אידעלעך״ און זייערע משפחות. נאָכדעם ווי דער פריץ ווערט געטויט (דורך זיין קעפסוויב, אַ געוועזענע שקלאַפין), ווערט שייע דער „פריץ״ אויף זיין אָרט. שייע באַפרייט באַלד די שקלאַפן און די יידישע ערד־אַרבעטער, ער צעטיילט צווישן זיי אַלעמען דעם פריצס גוט און ער טיילט זיך אויך צו אַ חלק ערד און ווערט אַ פויער מיט אַלעמען צוגלייך.

דאָס קליינינקע יידישע דערפל צעוואַקסט זיך. די נעכטיקע קליינע יינגלעך און מיידלעך ווערן געניטע, פּיאַיקע, געאיבטע ערד־אַרבעטער, צוגעבונדן צו דער מחיהדיקער בעסאַראַביער ערד; עס קומען־צו באַלמעלאַכעס, קרעמער, סוחרים און כלי־קודש פון אַנדערע שטעטלעך, — עס וואַקסט־אויס אַ געזונטער, פּראָדוקטיווער יידישער ישוב שייעוווקע, אויפן נאָמען פון שייע, איינער פון די הויפּט־בויער פונעם דאָרף, — דער לאַנגיאָריקער „גאַלאָוואַ״ פונעם ישוב. די יידישע האָרעפּאַשניקעס פון שייעווקע לעבן אין ברידערלעכע באַציאונגען מיט זייערע מאָלדאַוואַנישע און אוקראַאינישע שכנים פון די דערפלעך „מאַריאַנעשט״ און „סוואָבאָדא״ — די נעכטיקע שקלאַפן, וועמען שייע האָט באַפרייט פון „פּאַנשטשינע״ און געהאָלפן פירן אַ פריי פויערן־לעבן אויף זייער אייגענער ערד. די ברוטאַלע אינטריגעס און פאַרשווערונגען פון די צאַרישע סאַטראַפּן אָפּצואווישן דעם יידישן ישוב פאַלן־דורך אַדאַנק דער עקשנות און קאַמפס־גרייטקייט פון די יידישע האָרעפּאַשניקעס און דער הילף פון זייערע ניט־יידישע שכנים.

כמעט אידיליש ענדיקט דער מחבר זיין גרויס ווערק: „אין שייעווקע מוז זיין ריין און שטיל. ניט מען טאָר זיך קריגן און ניט מען טאָר זיך שלאָגן. ביי יעדער שטוב מוז זיין ריין־אַרומגעקערט און מען טאָר ניט טאָן איינס דאָס אַנדערע קיין שום שאָדן״.

איבערן גאַנץ ווערק איז אויסגעגאָסן דער באַקאַנטער, ליבער ראַבאָיִישער צויבער. אין וואָס באַשטייט אָט־דער „צויבער״? אָט־דער צויבער ליגט אין דער דיכטערישער פערזענלעכקייט פון אָט־דעם גרויסן יידישן פּראָזע־שרייבער, אין זיין ריזיקן פּאָעטישן טאַלאַנט, אין זיין ערלעכן פּראָגרעסיוון צוגאַנג צו לעבן און ליטעראַטור, אין זיין זעלטענעם, מחיהדיקן סטיל, אין דעם אופן ווי אַזוי דער מענטש ראַבאָי גיסט זיך אינגאַנצן צוזאַמען, איז דורכאויס איינס מיט זיין שאַפן.

זיין סטיל? דאָס איז אַן אופן פון שרייבן אָן פליטערלעך און באַפּוצונגען, אָן אַ פּרואוו צו „באַרייכערן די ליטעראַטור״. זיין סטיל דאָס איז זעלטענע פּשטות, ערדישקייט, עכטקייט, תמימותדיקייט, אויפריכטיקייט, נאַטירלעכקייט. זיין אופן פון דערציילן איז רואיק, געלאַסן; דער טאָן איז פּאָעטיש, ליריש. איר האָט דאָ עכטן רעאַליזם באַהויכט מיט געזונטער „שיר־השירימדיקער״ ראָמאַנטיק; פיינסטע מוסטערן פון פּראָזע, דורכגעוועבט מיט ליכטיקן געזאַנג און מיט דיגעם, שטילן, מילדן הומאָר.

פונעם גאַנצן ווערק — ווי פון ראַבאָיס אַלע ווערק — שטראַלט־אַרויס אַ וואַרעמע, טיפע ליבשאַפט צום פאָלק. דער עיקר, צום האַרעפּאַשניק, צו ערד און ערד־אַרבעט, און צו בעלי־חיים — צו פערד און לאָשיקלעך, צו שאָף און לעמעלעך.

די שפּראַך — דער בעסאַראַביער יידיש מיט אַלע זיינע וואונדערלעכע חנען, ספּעציפישע אויסדרוקן און ווערטער — איז אין ראַבאָיס „אַ דאָרף פון קינדער" אַ גרויסער אוצר פאַר זיך. זי אַנטפּלעקט ראַבאָיס זעלטענעם זכרון ניט נאָר פאַר זאַכן, פאַר גענויע דעטאַלן, נאָר אויך פאַר דעם פאָלקס־אידיאָם, פאַר די לשון־אוצרות פון די פאָלקס־מאַסן (אַ שאָד, וואָס צום סוף פונעם בוך איז ניט צוגעגעבן געוואָרן קיין גלאָסאַר).

שטיקער יקדיש לעבן, דער אַראָמאַט, די אַטמאָספער, די ריחות און קלאַנגען פון דער בעסאַראַביער ערד זיינען אויפגעזאַמלט אין אַט־דעם נייסטן ווערק — אַ רינג אין דער גאָלדענער קייט פון ראַבאָיס געבענטשטע, קוואַליקע שאַפונגען.

יאַנואַר 10, 1954.

י. י. שוואַרץ

(געב. אין 1885)

(זיין בוך „יונגע יאָרן״)

י. י. שוואַרץ, דער מחבר פון באַרימט־געוואָרענעם ווערק „קענטאַקי״ (ניו־יאָרק, 1925), איז אין אַ געוויסן זין דער פּיאָנער־שאַפער פון דער ערשטער גרויסער לענגערער אַמעריקאַנער פּאָעמע, איינער פון די ראשונים־זינגער און פען־מאָלער פון דער אַמעריקאַנער רחבותדיקער לאַנדשאַפט, פון יידיש־אַמעריקאַנער לעבן־שטייגער.

טשיקאַווע: מיט זיין שטעטל־טעמע איז ער געקומען ערשט מיט יאָרן שפּעטער נאָך „קענטאַקי״ (אויב ניט רעכענען זיינע ערשטע קורצע לירישע ליטע־לידער). ערשט אין 1952 איז דערשינען זיין גרויסע עפּישע פּאָעמע „יונגע יאָרן״ (235 זייטן). די זכרונות פון זיין קינדהייט און יוגנט אין ליט־ווישן שטעטל האָט דער דיכטער געטראָגן, געוואָרעמט טיף אין זיין האַרצן און זכרון, ביז ער האָט זיי געגעבן פּאָעטישן תיקון אָדער אויסדרוק.

פּאָעטיש שטייט „קענטאַקי״ העכער פון אָט־דער אויטאָביאָגראַפישער פּאָעמע וועגן דיכטערס שטעטל אין ליטע — העכער אין פערז־מייסטער־שאַפט, אין טעכניק און קאָנסטרוקציע. אָבער אויך די פּאָעמע „יונגע יאָרן״ (וועלכע האָט, אגב, געוואונען די לאַמעד־פּרעמיע) פאַרמאָגט פיל וואונדער־לעכע טיילן, דער עיקר אין געמעל פון לאַנדשאַפט. אין אַ סך פון אָט־די טיילן איז זי אַ מין פאַרזעצונג פון „קענטאַקי״: יידיש־ליטווישע אידיליעס, נאַטור־געזאַנגען און בילדער פון ליטווישן שטעטל און דאָרף אין דעם דיכ־טערס קינדהייט און יוגנט. דאָ רעדט זיך אָבער וועגן יידיש־ליטווישן שטעטל, וואָס די נאַצי־טמאים האָבן חרוב געמאַכט. דאָ קומט צום אויסדרוק דעם דיכטערס וויי־און־קלאָג אויף אָט־דעם גרויסן חורבן — אויף דער פאַרטילי־קונג פון אַ דריטל פון אונדזער פאָלק.

די פּאָעמע, שילדעריש־דערציילעריש, גייט אַריבער פון בילד צו בילד; די ליטע פון אַמאָל, ווי זי גייט־אויף אין דעם מחברס פּאָעטישן זכרון; אין חורבן־ליטע: דער אומקום פון ליטווישע יידן דורך די הענט פון די היט־לערישע רוצחים און זייערע אָרטיקע אַרויסהעלפער. ס׳איז אַזוי־אַרום סיי שטעטל־פּאָעמע, סיי חורבן־ליטעראַטור. פּאָעטישע אידיליע און מעמואַרן, און — קינות; לידער פון בענקשאַפט און טרוים, און — ליד פון קלאָג און פלאָג; שיר־השירים צו קינדהייט און יינגל־יאָרן, און — איכה קלאָג

„מה טובו" תפילה־ליד, און — צער־און־צאַרן, ווײ־און־פּײַן און שאַרפע קללה; ליד פון „טיפער גוטסקייט" און — „ביטערניש פון לעבן". אויך דאָ, ווי אין „קענטאָקי", פיינע שילדערונגען פון פעלד־און־וואַלד, אַ דיכטערישע אויפלעבונג פון קלאַנגען, קאָלירן, ריחות פון ליטווישן שטעטל און פון דער אַרומיקער דאָרפישער סביבה. אויך דאָ שפירט זיך גרויסער תנ"כישער איינפלוס, פונקט ווי מען שפירט אים צוזאַמען מיט וויהיטמאַנישער השפעה אין „קענטאָקי". אויך דאָ, נאָך מער אפשר ווי אין „קענטאָקי", איז פאַראַן אַ מזג־טוב פון העברייאישע און יידישע עלעמענטן, אַ מייסטערשאַפט פון יידיש־לשון, וואָס איז דורכגעוועבט און דורכגעשפּרענקלט מיט העברייאיש.

דורך אַט־די לידער־זכרונות אין „יונגע יאָרן" גייען־אויף לעבעדיקע געשטאַלטן־פיגורן פון ליטווישן שטעטל: די עלטערן, דער זיידע, ברודער, שוועסטער, מלמדים, ראש־ישיבה, רוסיש־לערער, שכנים, געשטאַלטן פון יידן־האָרעפּאַשניקעס, אַרבעטער ביים טייך, תהלים־יידן, חדר־ייִנגלעך, דאָרפישע פויערן. עס גייען־אויף בילדער פון פייזאַזשן און שטייגער־לעבן; בילדער פון שטוב, בית־מדרש, שול, חדר, ישיבה, אויפן פעלד, ביים טייך, פון וואָכנטעג און יום־טובים; און זיי ווערן דורכגעפלאָכטן מיט בילדער פון חורבן, בראַנד, אויסראָטונג פון דורותדיקע יידישע קהילות:

„דאָ אויף די ברעגעס פון ווילי פון דער בלויער
אין רויטן ליכט פון ברענענדיקע שולן
און מוסר־שטיבער — ס'גאַנצע לעבן פון אַ פאָלק
גייט אויף אין בראַנד".

פון די טיפענישן פון דער פּאָעמע טראָגט זיך „אַ געשריי און קלאָג פון דורות", דער „ציטער און געוויין פון אַלטן ניגון!". מיט ליבשאַפט און פאַרערונג קומט דעם דיכטערס ווענדונג צו זיין אַלטער היים — די היים פון אברהם מאַפּו:

„אָ, אַלטע היים, מיין אָרעמע און כשרע, פון איבער
אַ האַלבן הונדערט יאָר צוריק!"

פון זיין זכרון טויכן־אויף פרישע, צאַפּלדיקע, אומפאַרגעסלעכע בילדער פון דער קינדהייט:

„די וועלט ווערט ווידער יונג. עס טוט דיך אַ פאַרפלייץ
מיט בילד, מיט זעאונג און מיט קלאַנג, מיט ערשטן רייץ
און טוט מיט טרייסט און רחמים דיך פאַרוועבן".

עס קומען „זעאונגען פון ריינסטן גאָלד געשפונען", וואָס דער דיכטער זעט „ווען ס'וועט מיין טאָג זיך צונ'ם אונטן בייגן". דאָס ליטווישע שטעטעלע פון אַמאָל לעבט־אויף „אין שטראַלנדיקער זעאונג מיט אַלע חנ'ען און אין גנאָד פון ערשטער קינדהייט".

און דורך דעם דיכטערס קאָנקרעטע זעאונגען זעען מיר אויך „די גאָב פון האָרעפּאַשנער קליינער ליטע". די „יידן דעמבענע, פאַרוואָרצלטע פון דורי־

דורות אין דעם באָדן און נאָנטע מיטן טייך און וואַלד״, און עס דערגייען אויך צו אונדז „קלאַנגען, ריחות און קאָליר פון פריער קינדהייט״.

מייסטערהאַפט זיינען געצייכנט די געשטאַלטן פונעם מחברס טאַטע־מאַמע. מיט וואַרעמע געפילן ווערן געשילדערט פשוטע, האָרעפּאַשנע יידן, יגיע־כפּימניקעס, יידן פון אַ גאַנץ יאָר, ניט דווקא שבת־יום־טובדיקע יידן, יידן מיט „האָרעפּאַשנע שטאַרקע הענט״:

„דער סמאָלע־טרייבער און די פלעכטער פון שוואַרצוגעס
אויף ברעגעס פון דעם ניעמאַן ביי די קאָלכאויוונס,
וואָס פלעגן דורכזיצן די זומערנעכט ביים אויוון
אין לייוונטענע העמדער מיטן אַרבע־כנפות.

מיט טיפן צער פון „האַרצן, וואָס קלעמט״, ווערן געשילדערט אָט־די יידן־האָרעפּאַשניקעס, וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַצישע חיות: יידן — „מיט פאַרברוינטע פנימער פון זון און ווינט, מיט אָפּגעברענטע בערד, מיט תמימותדיקער אָפנקייט און ריינע אויגן״.

און פון דער יידיש־ליטווישער אָרעמשאַפט טראָגן זיך דעם דיכטערס זכרונות־לידער אַריבער צום יידישן דלות אויף דער ניו־יאָרקער איסט־סאַיד אָדער אין וויליאַמסבורג. ער ווייזט אונדז די „ענגשאַפט פון דער אויפגערודערטער איסט־סאַיד״, די „וויליאַמסבורגער אָרעמקייט פון יענער צייט, מיט אירע גאַסן די צעבראָכענע״; די אָרעמע יידישע פּעדלערין, וואָס „דער צער פון אַלע וועלטן איז געווען צעגאָסן אויף איר צעקאַרבט, געשמיסן האַלדז־און־פּנים״. און דערביי גיט ער אונדז אַ בילד פונעם אויפקום פון די „יונגע״.

אין אָט־די בילדער־זכרונות קריגט דעם דיכטערס רייך, זאַפטיק יידיש־לשון אַ סך פאָלקסטימלעכקייט און לויטערקייט, פילאָסאָפישע רואיקייט און געמיטלעכקייט. מען שפּירט זיין חוש פאַר הומאָר, זיין פילבאַרקייט צום גערעדטן יידיש. „ווייל וואָס איז שפּראַך? געזאַנג, געוויין, נשמה, די חכמה פון אַ פאָלק אין שפּרוך קריסטאַליזירט״. אָט דאָס זאַפטיק לשון דינט דעם דיכטער אויף אַלע כלים: ביים אָפּמאָלן די באַזונדערע סעזאָנען פון יאָר, אַ פעלד אין בליען, אַ זון־פאַרגאַנג, יידישע מאכלים, אַ געשלעג צווישן יידן אין שול, די ישיבה, די שטוב. אָט איז, לשם אילוסטראַציע, איין פּראַכט־געמעל פונעם קאַפּיטל „די שטוב״:

„אַ גרויסע רויטע הון דרייט אום זיך ביים קאַטוכעל,
פּיקט פויל און שלעפערדיק די קערנדלעך פון גערשטן.
זי האָט נאָרוואָס דער וועלט געשאָנקען אַ מתנה:
אַ לעבעדיקע לעגלעך־פולע איי, וואָס ווייסלט זיך
מיט טויזנט חנען אונטן אין צעפּנטן קאַטוך.
די זון האָט זיך אַריינגעריסן דורך די דובעלט
און ס׳שווענקט דאָס ליכט די ווייסע ברעטערנע פּאָדלאָגע;
עס ווערט פון יעדן ברוינעם גערשט אַ גאָלדן ברעקל,
און איטלעך פעדער פון דער הון — געשייערט קופּער״.

פאַראַן אַפּטע איבערגאַנגען — פון ליטווישן שטעטל צו ניו־יאָרק און צו מעקסיקעס הויפּט־שטאָט, מיט אירע מערק־פּלעצער און אירע קאָנוועטן, וואו „די לופט פון מיטלאַלטער איז שטיין געבליבן" — און צוריק צו אַ „ווייטן אָפּגערוקטן טאָג אין ליכטיקן פרימאָרגן" פונעם דיכטערס לעבן: צום וואַלד ביים טייך ניעמאַן, און דערנאָך צו דער ישיבה אין קאָוונע, צו די ישיבה־בחורים, פון וועמענס אויגן ס'האָט „אַרויסגעווייניט דער דלות", צו בילדער פון „אַ לעבן פון האַלב־הונגער, עלנט, בענקשאַפט", צו בילדער פון „נאַצי־קרבנות, אויף קאָוונער נייַנטן פאָרט".

דער בוך ליידט אָבער פון פונדאַמענטאַלע חסרונות, סיי אידייאיש, סיי קינסטלעריש. זיין הויפּט־חסרון באַשטייט אין דער ממש־ניט באַגרייפלעכער שנאה צום ניט־יידן. אַנשטאָט אויסגיסן זיין צאָרן אויף די היטלעריסטן און זייערע שותפים און אַרויסהעלפער, די פאַשיסטן צווישן די ליטווינער, ווי אויך אויף די אימפּעריאַליסטן, וואָס האָבן אויפגעבויט דעם נאַציזם אין דייטשלאַנד, גיסט־אויס דער אויטאָר זיין גאַנצן „שפוך חמתך" אויף דעם גאַנצן ליטווינער־פאָלק. דער מיאוסער שאָוויניזם באַפלעקט די פאָעמע.

װעגן די קינדער פון די לעטן, ליטווינער, פּאָליאַקן שרייבט ער מיט גאַל:

„נאָר טומאה איז דער שורש זייערער: די טבע
פון וואָלף און פון שאַקאַל איז זייער טבע".

די זין און טעכטער פון די שכנישע ליטווינער ווערן געשילדערט מיט בייזער, שאַרפער שנאה: „אוי, די שקצים מיט די שטיינער, מיט בייטשן און מיט הינט!"; „אַצינד די טאַטעס: אַ גרויס, אַ בייז און אַנגעכמורעט פאָלק", אָדער „אַ גרוי, בייז פאָלק, וואָס האָט פון רחמים ניט געוואוסט צום צווייטן", „אַ טעמפּקייט און אַ בייזווילִיקע גראָבקייט, און ווילדע שיכרות און פאַרביסענע רציחה". „ס'איז גאָר קיין שיער ניטאָ צו זייער טרינקען". אפילו דאָס פאָלק־ליד פון די ליטווינער, די „דאַינע", פאַלט „זאַמדיק־שווער" אויפן דיכטערס אויערן.

פרעגט זיך: ווי אַזוי קאָן מען, מעג מען אַזוי שילדערן אַ פאָלק, אַ גאַנץ פאָלק? ווי קאָן גאָר געמאָלט זיין אהבת־יידן אָן אהבת־מענטשן, אהבת־פעלקער אָדער אהבת המענטשהייט? ווי אַזוי מעג מען משפּטן אַ גאַנץ פאָלק אָדער גאַנצע פעלקער פאַר די רוצחישע, באַרבאַרישע פאַרברעכנס פון אַ טייל פונעם פאָלק? צי איז אַזאַ צוגאַנג אין דער טראַדיציע פון די נביאים, די תהילים־דיכטער, אָדער אונדזערע קלאַסיקער? פאַרוואָס זען רשעות און רציחהדיקייט אין אַלע ניט־יידן, אין אַלע פּאָליאַקן, לעטן, ליטווינער? פאַר־וואָס ניט זען און ניט ווייזן געשיכטלעך־ריכטיק די ניט־יידישע האַרעפּאַש־ניקעס, ווי זיי זיינען געווען באמת — קרבנות פון ווילסטער, ברוטאַלער עקס־פּלואַטאַציע און אונטערדריקונג מצד דעם צאַר און די פּריצים? פאַרוואָס ניט דערציילן דעם פולן אמת, אַז זיי זיינען יאָרן־לאַנג געווען געהעצט דורך די הערשער קעגן דעם יידן? פאַרוואָס ניט ווייזן אויך די פיל מידות טובות פון די ליטווינער שכנים, די שאַפער פון די וואונדערלעכע תמימותדיקע פאָלקס־לידער, די „דאַינעס"?

און נאָך: די שטעטלשע אידיליע! שוין צו־פיל אידיליע: זי שטימט געוויס ניט מיט דערווירקלעכקייט, מיט דער געשיכטע, מיטן קינסטלע־רישן אמת. בלויז עטוואָס בליאַסקעט־אויף אַ בילד פונעם שטורעם־יאָר 1905, ווען דער יונגער זון פונעם ראש־ישיבה איז „געפאַלן דורכגעלעכערט פון קאָזאַצקע קוילן בשעת אַ גרויסער דעמאָנסטראַציע פונעם בונד און מיט דער רויטער פאָן אין האַנט". און מ'זעט דעם אויפשיין פון אַ פרילינג, וואָס „האָט געבליט אין יונגע הערצער", „אַ פרילינג מיט גרינע פרישע האָפענונגען און צוזאָגן פון גאולה און באַנייאונג".

די אידייאישע חסרונות שוואַכן־אָפּ אויך דעם קינסטלערישן ווערט פו־נעם בוך. זיי שטערן דער גאַנצקייט, המשכדיקייט פון דער פאָעמע. זיי טראָגן־אַריין דיסאָנאַנסן. דער דיכטער פאַלט צומאָל אַריין אין פּראָזאאישן אָדער גאָר אין פּובליציסטישן טאָן; ער גייט אַריבער צו גלאַט זאָגערייען, לומדות, דרוש. אין אַזעלכע שטעלן האָט דער דיכטער מער צו זאָגן ווי צו זינגען. איז פאַראַן באַריידעוודיקייט, פיל־ווערטערדיקייט, צעצויגנקייט, ווידערהאָ־לונג אַנשטאָט דעם סוגעסטיוון, צמצומדיקן, רמזימדיק־פילזאָגנדיקן, קאָנ־צענטרירטן און בזעיר־אנפּינ'דיקן וואָרט פון ליד; זאָגעכצן אַנשטאָט פּאָ־עזיע. צופיל רייד און ווייניק בילד. פרומקייט און התפעלות פאַר פרומ־קייט זיינען נאָך ניט קיין פּאָעזיע; רייד וועגן שירה זיינען אַליין ניט קיין שירה. אין אַזעלכע שטעלן כאַפּן זיך אַריין אַזעלכע אומפּאָעטישע שורות, ווי „עס האָט געוויינט די וואָלקנשמאַטע אויבן".

דאָ רעדט זיך וועגן חסרונות אין אַ בוך, וואָס פאַרמאָגט אַ סך גרויסע, וויכטיקע פּאָעטישע מעלות און דערגרייכונגען.

י. י. שוואַרץ האָט אויך פאַרצייכנט וויכטיקע בייטראָגן אין פּרט פון אַריינברענגען אין אונדזער יידישער ליטעראַטור פיל פּערל פון דער אַלטער און מאָדערנער העברייאישער ליטעראַטור. שוין אין 1910 איז אין ניו־יאָרק דערשינען אַ קליין ביכל פון י. י. שוואַרצס איבערדיכטונגען: „פון רבי יהודה הלוי" („ים־לידער"; „אין מצרים"). אין 1931 איז אין ניו־יאָרק דערשינען י. י. שוואַרצס ווערק: „אונדזער ליד פון שפּאַניע" (די גאָלדענע שפּאַניש־העברייאישע־תקופה), איבערזעצונגען פון שלמה אבן־גבירול, משה אבן־עזרא און יהודה הלוי, מיט איינלייטונגען (עסייען) און באַמערקונגען פונעם איבערזעצער. אין 1935 איז דערשינען אַ זאַמלונג פון ח. נ. ביאַליקס לי־דער און פּאָעמען אין .י י. שוואַרצס איבערזעצונג אויף יידיש (דער באַנד אַנטהאַלט אויך ביאַליקס אָריגינעלע שאַפונגען אין יידיש). אין 1941 — זיין „אַנטאָלאָגיע פון דער העברייאישער פּאָעזיע"; אין 1948 — צוויי בענד „ספר השבת"; אין 1952 — „משה רבנו".

לעצטנס, צו די פייערונגען פון י. י. שוואַרצס 75טן געבוירנטאָג, איז דערשינען אַ בוך פון זיינע געקליבענע לידער. ניט־געקוקט אויף די אויבן־דערמאָנטע חסרונות, בלייבט י. י. שוואַרץ אַ דיכטער פון אַ הויכער מדרגה, וואָס פאַרנעמט אַן אייגנאַרטיק אָרט אין דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע.

משה־לייב האַלפּערן

(1932-1886)

.1

„וועט קומען די נאַכט און וועט זינגען לו־לו“. עס איז שוין צוואַנציק יאָר זינט יענע נאַכט איז געקומען און האָט מיטגענומען „צו שלאָפן אין אײביקער רו“ דעם גבורהדיקן, טיילוויז־סאָציאַלן דיכטער משה־לייב האַלפּערן.

אַ טראַגישע פיגור, אַ טראַגישע דיכטערישע פּערזענלעכקייט; אַ פּאָעט, וואָס האָט געהאַט אַ ווּיכטיקע השפּעה אויף אַ ריי יונגע פּראָלעטאַרישע און כמעט־פּראָלעטאַרישע דיכטער, אַן איינפלוס בכלל אויף דער אַנטוויקלונג פון נעם יידישן ליד.

ער איז איין אײַן פעריאָד פון זיין שווערן, שעפערישן לעבן געווען אַ „שטורעם־פויגל“, אַ דיכטער פון ברויזנדיקן, רעבעלירנדיקן ליד. ער איז געווען אַן אָריגינעלער, קרעפטיקער דיכטער, אַ שאַפער פון הייסע, טיף־עמאָציאָנעלע, אייגנאַרטיקע לידער. ער האָט אין זיין ליד גענוצט שאַרף־אינדיווידואַליזירטע קינסטלערישע מיטלען; פשוטע, וואַרעמע, פאָלקסטימלעכע, אינטימע רייד, מעשהדיקייט, זינגעוודיקע דערציילערישקייט, אַ רייכע בילדלעכקייט מיט אַ שלל געשטאַלטן און וויזיעס, מיט אַן אייגנאַרטיקן אופן פון דורכשמועסן זיך מיטן לייענער דורך כאַפּן אַ שמועס מיט זיך גופא (אַדרעסירנדיק זיך „משה־לייב“).

אַ שונא פון פליגלדיקע פראַזן און גלאַט פיין־קלינגענדיקע מליצות, האָט ער זיך צו דער פאָרם פון ליד באַצויגן מיט דיכטערישער אחריות, שווער געהאָרעוועט אויף זיין ליד, געפיילט און געשליפן דאָס וואָרט — אַ באַוויז דערצו זיינען די פיל נוסחאות און וואַריאַנטן פון אַ צאָל פון זיינע לידער.

**
*

מ. ל. האַלפּערן איז געבוירן געוואָרן אין דעם שטעטל זלאָטשעוו, גאַ־ליציע, דעם 2טן יאַנואַר, 1886. ער האָט די ערשטע צוועלף יאָר פון זיין לעבן פאַרבראַכט אין זלאָטשעוו; דערנאָך איז ער צען יאָר געווען אין ווין.

זיין פֿאָטער, אייזיק, איז געווען אַן אָרעמער קרעמער, אַ ייד אַ משכּיל. זיין זיידע יעקבֿ רעגירער איז געווען דער מעטריקע־פֿירער (געבורטשיין־שרייבער) אין שטעטל בוסק, גאַליציע. אַלס יינגל האָט זיך משה לייב געלערנט צו זיין אַ שילדן־מאָלער. קיין אַמעריקע איז ער געקומען אין 1908. ער האָט דאָ אין זיינע אימיגראַנטישע יאָרן געאַרבעט אַלס געשיר־וואַשער, קעלנער; ער האָט זיך געלערנט ווערן אַ פּרעסער; ער איז געווען אַ מיטאַרבעטער פֿונעם וואָכנבלאַט „דער קיבעצער"; ער האָט אָפֿט געליטן נויט און אונטערגע־הונגערט.

זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט האָט ער שוין געשטעלט אין גאַלי־ציע. זיינע ערשטע (שוואַכע, אומאָריגינעלע) לידער האָט ער געדרוקט אין דער לעמבערגער צייטונג „טאַגבלאַט". זיינער אַ בן־עיר, דער דיכטער דוד קעניגסבערג, האָט אין זיינע זכרונות „צו משה לייבס פֿינפֿטן יאָרצייט (אין „די פּאָסט", קראָקע, 1938) דערציילט, אַז האַלפּערן איז „געווען איינער פֿון די אויסגעצייכנטע הערצלדן" פֿון דער ליטעראַרישער שול „יונג־גאַליציע".

דאָ אין אַמעריקע איז משה־לייב צייטווייליק געווען אַ מיטגליד און אַ זייל פֿון דער בורזשואַז־ליטעראַרישער גרופּע „יונגע". אין 1913 איז זיין פּאָעמע „אין דער פֿרעמד" דערשינען אין צווייטן בוך „שריפֿטן". אין 1915 איז ער געווען מיטרעדאַקטאָר פֿונעם זאַמלבוך „פֿון מענטש צו מענטש"; מיט אַ יאָר שפּעטער — מיטרעדאַקטאָר פֿונעם זאַמלבוך „איסט־בראָדוויי". אין 1919 איז דערשינען זיין ערשטער בוך לידער „אין ניו־יאָרק". אין יע־נעם יאָר האָט ער געהייראַט מיט רויזעלע באַראָן (וועמען ער האָט געווידמעט פֿיל פֿון זיינע פּרעכטיקע ליבע־לידער). אין 1923 איז געבוירן געוואָרן זיין זון, אייזיק, צו וועמען און וועגן וועמען ער האָט געשריבן אַ צאָל לוי־טערע, האַרציקע, שטיפֿערישע, שפּילעוודיקע לידער.

אין 1922 איז ער געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פֿון דער „פֿרייהייט", וואו ער האָט אָפּגעדרוקט אַ גרויסע צאָל פֿון זיינע קרעפֿטיקסטע און רייפֿסטע לידער. די מערסטע לידער פֿון יענעם פּעריאָד — דעם בלי־פּעריאָד אין זיין לעבן און שאַפֿן — זיינען אַריין אין זיין צווייטן בוך „די גאָלדענע פּאַווע", וואָס איז דערשינען אין קליוולאַנד אין 1924. שפּעטער, נאָכדעם ווי ער האָט פֿאַרלאָזט די „פֿרייהייט", האָט ער פֿאַרבראַכט עטלעכע יאָר אין פֿאַרשיידענע שטעט איבערן לאַנד, געשטיצט דורך פֿריינט און פֿאַרערער. אין 1929 האָט ער אָנגעהויבן דרוקן זיינע לידער און אַרטיקלען אין דער „וואָך", וואו ער האָט, קאָנטיק, מיטגעאַרבעט אָן באַגייסטערונג. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער עקאָנאָמישער קריזיס. האַלפּערן האָט געזוכט אַרבעט — און ניט געקענט געפֿינען. זיינע כּלומרשטע פֿריינט פֿונעם קליינבירגערלעכן שרייבער־לאַגער האָבן אים פֿאַרנאַכלעסיקט. דעם 31טן אויגוסט, 1932, איז ער, אַ קראַנקער, צעבראָכענער, געשטאָרבן פֿון אַ האַרץ־שלאַג אין אַ ברוקלינער שפּיטאָל. אין 1934 זיינען דורך אַ „האַלפּערן־קאָמיטעט" אַרויסגעגעבן געוואָרן צוויי בענד „לידער" פֿון מ. ל. האַלפּערן.

**
*

אין די לידער און פּאָעמען פון זיין ערשטן ליטעראַרישן פּעריאָד דאָ אין לאַנד האָט האַלפּערן געבראַכט צום אויסדרוק די שרעק פונעם ניי־איינ־געוואַנדערטן קליינבירגער פון קליינשטעטל — די מורא פאַר „דער פרעמד״, פאַר דער גרויס־שטאָט, און, דער עיקר, פאַר דער נייער ברוטאַלער, הויך־אינדוסטריאַליזירטער סביבה; פאַר דעם עלנט און געבריאַזג אין דער תפיסה פון הימלקראַצערס, פון „שטיין און שטאָל״. דאָרט זיינען פאַראַן בענקשאַפטן אַהיים, צום גאַליציאַנער שטעטל; שטימונגען פון אָנוואַקסנדיקער פאַרבי־טערטקייט, פּראָטעסט. דער פּראָטעסט און ווייטאָק וואַקסט אומגעהויער. הער זון פון זלאָטשעוו, דער פיינער דיכטער און טאַלאַנטפולער צייכענער, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אָן אָרעמען, הונגער־לײדנדיקן געשיר־וואַשער און קעלנער, בעט גאָט: „נעם מיין טאַלאַנט און גיב איב אָפּ אַן אַלטן הונט״ — אויף צעפּוקעניש, הייסט עס, די פּיליסטער, דעם „באַלע־באָס, וואָס וויל אַביסל כבוד״.

אין יענע ערשטע יאָרן איז אפילו פאַראַן אַ געוויסע אידעאַליזירונג פו־נעם שטעטל. ער שרייבט דאָן וועגן זיין שטעטל: „און גוט איז אונדז גע־ווען, ס׳האָט קיינער נישט געקלאָגט״, „און מיידלעך האָבן תפילין־זעקלעך אויסגענייט פון גאָלד און זייד״. נאַאיוו, געשיכטלעך־פאַלש! און די פויערן זיינען ביי אים דאָן „גוים״, און ניט זיי עסן, נאָר זיי „פרעסן זיך אָן״ (אין ליד „לייב־בער״).

יאָ, דער שפּעטערדיקער דיכטער־בונטאַר, האָט אין די לידער פון זיין ערשטן פּעריאָד כמעט באַזונגען און פאַרהערלעכט דאָס אַמאָליקע שטעטל, געוויידמעט אים ראָמאַנטישע שטעטל־מאָטיוון. געשריבן האָט ער דאָן לי־דער פון טיפן צער און ליריש טרויער, אומעט און יאוש; מאָטיוון פון אַ גר אין אַ פרעמדער, האַרטער, קאַלטער וועלט, — מאָטיוון וועגן פרעמדע הימלען, באַדנלאָזיקייט, דלות און הונגער, פּחד, הילפלאָזיקייט, אויסזיכט־לאָזיקייט.

אָט־דער דיכטערישער געמיטצושטאַנד איז שפּעטער אַריבערגעגאַנגען אין אַן אַנדער כלי, אויסדרוקמיטל און קוואַליטעט: אין ביטערער איראָניע: אין בייסיקן, שפּאָטפולן סאַרקאַזם; אין שאַרפער, גרימצאָרנדיקער סאַטירע; אין גאַל און גיפט; אין טענער פון ביטול, חוזק און שנאה צו דער קליינ־קעפּלדיקער, האַרצלאָזער בורזשואַזער וועלט; אין סמ׳יקע קללות; אין אַ שטורעם־געברום און לייבן־געברום. ער ברומט און בייסט און שעלט.

אַ צייט, ווי געזאָגט, איז ער געווען איינער פון דער עסטעטיש־פאָר־מאַליסטישער ליטעראַרישער ריכטונג „יונגע״, וועלכע האָט געפירט אַן אַטאַקע קעגן די פּראָגרעסיווע טראַדיציעס פון דער קלאַסישער יידישער ליטעראַטור און פון דער אַמעריקאַנער יידישער רעוואָלוציאָנערער אַרבע־טער־דיכטונג, קעגן סאָציאַלע מאָטיוון אין דער ליטעראַטור. ער האָט זיך שפּעטער אָפּגעריסן פון יענער גרופּע. זיין רוישיקער טאָן, דער טאָן פונעם „גאַסנפּויקער״, איז געווען צו־הילכיק און גרילצנדיק פאַר די שטילקייט־דיכטער; זיין אָפן, אָפט מגושמדיק וואָרט, „אָן פייגנבלעטער״, איז געווען

צו־אומעסטעטיש פאַר די פיינשמעקערישע „קונסט־לשם־קונסט“־לער. זיין פאַראַכטונג צו עסטעטיזם האָט זיך ניט אַריינגעפּאַסט אין זייער שולחן־ערוך.

פאַראַן אין האַלפּערנס שאַפונגען אַ סך גאַנצע לידער און באַזונדערע פערזן און שורות, וואָס זיינען ביאָגראַפיש אָדער שטריכן צו זיין זעלבסט־פּאָרטרעט; אייניקע פון זיי זיינען אויך כאַראַקטעריסטיקעס פון זיין שאַפונג־מעטאָד און טאָן. צווישן זיי זיינען: „פויק איך, אַז די פויק זאָל פּלאַצן, און איך דזשינדזשע אין די טאַצן“; „און טיפער רעדט צו מיר אַצינד מיין איינזאַמקייט“; „האָט דאָס לעבן קאַמף און ליבע, האָב איך בלוט וואָס שרייט און ברענט“; „אַצינד בין איך אַ ליכט, אַ יאָרצייט־ליכט וואָס ברענט“, „פאַר־בראַכט האָב איך אַזוי אַליין די גאַנצע יוגנט מיינע“; „אַלס קינד בין איך פאַראייניזאַמט שוין אין שטוב אַרומגעגאַנגען“; „די שטאָט שלינגט ברעק־לעכווייז מיין יונגעס לעבן איין“. אָט־די פערזן און שורות העלפן אַריינבליקן אין דעם דיכטערס פּסיכיק.

אין משך פון יאָרן האָט זיין ליד „געפּויקט און געדזשינדזשעט“; האָט ער געדודערט און צעדודערט מיט זיין אומרו, מיט זיין גליאיקן טעמפּעראַ־מענט, מיטן פייער, געשריי און געקלאַנג פון זיין האַרצנס־בלוט, מיטן שטור־רעם פון זיינע טענות, מיטן האָגל פון זיינע פראַגן. אייניקע לידער זיינע — ממש קאָכיקע לאַווע. אין פיל פון זיי האָט ער אַנטפּלעקט זיין כוח אין אומגעצוימטן געשריי און גערעוו, אין אַרונטעררייסן שלייערן, געטשקעס; אין ווילדן האַ־האַ־האַ געלעכטער. פיל אַנדערע לידער זיינע זיינען געווען דורכ־געזאַפּט מיט טרויער, מיט אומעט, פּעסימיזם, מיט צער פון עלנט און אַליי־ניקייט. „וואָס האָב איך דען מער ווי מיין ליד — וואָס האָב איך דען, מער ווי מיין טרויער?“ — האָט ער געקלאָגט.

מיט אָט־די עלעמענטן פון צאָרן און סאַטירע, מיט חלומות און געזאַנגען וועגן דער קומענדיקער זון, „וואָס פאַרטרייבט די נאַכט“, מיט סימפּאַטיעס צום אונטערדריקטן און באַליידיקטן, מיט עלעמענטן פון ליריק און ליבשאַפט צום האָרעפּאַשנעם פאָלקס־מענטש, ווי אויך מיט בענקשאַפטן נאָך שיינקייט און צערטלעכקייט, איז ער געקומען צו דער „פרייהייט“ באַלד נאָך איר גרינדונג אין 1922. ער און זיין טאַלאַנט האָבן דאַן אויפגעלעבט. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די „פרייהייט“ האָט אים געגעבן אַ נייע נשמה. נייע קוואַלן האָבן זיך צעעפנט. אַ מזל־ברכה איז אַריין אין זיין שאַפן. עס זיינען געקומען: אויפמונטערונג, וואוקס, אַנטוויקלונג, רייפונג, אַן עליה פון דער מוזע, זוכונג פון נייע פאָרמען, אַן אַריבערגאַנג פון אַלטע קלאַסישע פאָרמען צו נייע מאָדערנע אין שטרעבונג צו האַרמאָניע מיט אינהאַלט, טעמאַטיק, אידייע, שטימונג; נייע, פרייע ריטמען.

עס האָט זיך פאַר דעם דיכטער אָנגעהויבן אַ נייער (קורצער) פּעריאָד פון מונטערע הומאַניסטישע טענער, פון לעבנספולע, גלויבנספולע טענער, מונטער־מאָטיוון, מאָרגן־מאָטיוון. דער דיכטער, וואָס האָט שוין פריער אין זיינע לידער גענומען חברן זיך מיטן הימלאָזן, מיטן געפּעס־וואַשער, מיטן קוימענקערער, קצב און שוסטער, מיטן געקריוודעטן און באַעוולהטן יגיע־

כפימניק, האָט זיך איצט, קאָנטיק, געגומען נאָך מער דערנעענטערן צו זיי גייסטיק־אידייאיש. ער האָט זיך זיכער געמוזט דערפרייען צו קומען, נאָך אזא איזאָלירטקייט, פנים־אל־פנים מיט מאַסן־לייענער און פאַרערער. ער האָט איצט גענומען דערנעענטערן זיך נאָך מער צו דער טעמאַטיק פונעם האַרעפּאַשניק. דער דירעקטער קאָנטאַקט מיט די פּראָגרעסיווע יידישע מאַסן, מיט אַ קאַמפערישער פירנדיקער אַרבעטער־צייטונג, האָט געמוזט האָבן אויף אים אַ געזונטע, באַרייכערנדיקע, קינסטלעריש־אידייאישע ווירקונג.

האַלפּערן האָט דאָן אָנגעהויבן געבן לשון דעם „קוילן־טרעגער הארש־בער" און אַנדערע פּראָטעסטירנדיקע פיגורן. ער האָט זיך קינסטלעריש פאַר־שלייערט אין פאַרשיידענע פנימער, פיגורן און געשטאַלטן, און דורך זיי געפּרואווט געבן דיכטערישן אויסדרוק צו זיין סאָציאַלן צאָרן און פּראָטעסט. ער האָט אָנגעזאָגט אַ „בליץ" אין דער „שטורעם־נאַכט". ער האָט מיט גיפט און גאַל פאַרדאַמט „די זונה — אונדזער פירערשאַפט", דעם „הונט ביים רודער", דעם „פּראַזן־דרעשער און פאַלשן פּאָעט". אָבער — קיין פּראָלע־טאַרישער דיכטער, קיין שליח־צבור פון קעמפערישן אַרבעטער־קאָלעקטיוו, איז ער ניט געוואָרן. צו־שווער האָט אויף אים געדריקט די לאַסט פון דער פריערדיקער ירושה פון קליינבירגערײ, צו־טיף איז געווען איינגעגעסן דער גיפט פון „איסט־בראָדוועי". דער גלויבן אין כוח פון אַרבעטער־פאָלק איז שנעל אויסגערונען. ס'האָט געפעלט די אָרגאַנישע פאַרבינדונג מיטן גייסט און קאַמף פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער; געפעלט האָט אויך מאַרקסיס־טישע טעאָריע, די פיאיקייט צו קענען דיאַלעקטיש דענקען, אַריינדרינגען אין דעם סאָציאַלן געבוי פון דער געזעלשאַפט.

אין אַן אַרטיקל „דער ענין משה לייב האַלפּערן" („מאָרגן־פרייהייט", דעם 12טן סעפּטעמבער, 1932, עטלעכע טעג נאָך האַלפּערנס טויט), האָט מ. אָלגין טרעפלעך אויסגעדריקט זיך וועגן דעם דיכטער: „געפּרואווט זיך אויפ־הויבן — אָבער ניט דערגאַנגען צו די מאַסן, צום קלאַסן־פּראָנט, צום קלאַסן־קאַמף. ...ניט געהאַט קיין כוח, ניט געקענט אַפּרייסן די פּראָקליאַטע וואָרצ־לען, געבליבן שטעקן, געפאַלן, געזונקען".

אַנאַליזירנדיק די פראַגע, וואָס „מ. ל. האַלפּערנס טאַלאַנט האָט געקענט זיין און וואָס ער איז ניט געווען", דערקלערט אָלגין: „מ. ל. האַלפּערן האָט געהאַט אַ טאַלאַנט, וואָס האָט ניט געקענט לעבן מיט קליינבירגערלעכער מע־קענע — און מ. ל. האַלפּערן האָט ניט געהאַט קיין כוח אַרויסצוקריכן פון דער קליינבירגערלעכער סביבה און אָנפילן זיין דיכטונג מיט רעוואָלוציאָ־נערן אינהאַלט". אָט אין דעם האָט געשטעקט דער טראַגיזם פונעם ענין האַלפּערן.

אויגוסט 31, 1952.

2.

דער פּעריאָד פון משה לייב האַלפּערנס מיטאַרבעטערשאַפט אין דער „פרייהייט" האָט, זיכער, פאַרמאַגט אַ סך פּאָזיטיווע עלעמענטן. דורך אַ צאָל לידער האָט דער דיכטער אויף זיין קרעפטיקן אופן אויסגעדריקט טיפן מיט־

לייד צום באַליידיקטן און ליידנדיקן: צום קרבן פֿון עקספּלואַטאַציע, וואָס גאָלד ווערט פֿון זיין בלוט געמאַכט; צו „איינעם — אַ מענטש", וואָס ווערט געטריבן צו שיכרות; צו אַלע אַזוינע, ווי ער אַליין, „דער תכשיט משה־לייב", דער יונג, וואָס „פֿרירט אין שניי און קאָרטשעט זיך אין דרייען און האָפֿקעט ביים לאַמטערן־שיין". און שאַרפֿן האַס האָט דער דיכטער אויסגעדריקט צו דער סיסטעם, וואָס „פֿרעסט מענטשן־פֿלייש און כראָמשקעט הויפֿנוויַיז ווי שטרוי די ביינער". און ער האָט געחלומט וועגן דעם גרויסן, העלן מאָרגן, ווען די זון וועט „שיינען אַפֿילו ביינאַכט". און ער האָט געזונגען און געטרייסט, אַז „היינט צי מאָרגן — עס וועט זיין, ווי מייז פֿאַרסמטע וועלן פּגרן די זאָרגן".

דער דיכטער־ווידערשפּעניקער און לעסטערער האָט מיט זיין צעשויבערטן און צעכראַסטעטן וואָרט גענומען מאָלן דאָס עקלהאַפֿטע, בייזע, רשעותדיקע אין דער פֿאַרקויפֿטער און צבועקישער סביבה פֿון דער פֿוילנדיקער קאַפּיטאַליסטישער „מאָראַל". באַקומען האָט זיך אָבער אַ קללה „דער וועלט" און זיך גופֿא. זיין פֿלייצנדיקער שטראָם פֿון שנאה צו די פֿאַרשקלאַפֿערס, עקספּלואַטאַטאָרס און דערנידעריקער פֿון מענטשלעכער ווירדע האָט זיך מאָמענטנוויַיז אויסגעשפּרייט ביים אומגעדולדיקן אימפּעטדיקן ראַדיקאַלן קליינבירגער אויך צו די געפּלאָגטע און עקספּלואַטירטע, די טרעגער פֿונעם יאָך, אַלס מוסר פֿאַר זייער געדולדיקייט. אין און צווישן די שורות האָט מען דערשפּירט אויך ביטול צו די פֿאַרשקלאַפֿטע, ווי מיטשולדיקע אין זייער פֿאַרקנעכטונג (אַזאַ באַציאונג, אין לעבן און ליטעראַטור, איז ניט זעלטן ביי „רעוואָלוציאָנערן" אין געגנדזונפּיסלעך).

אין אייניקע לידער איז די בייסיקע, צאָרנדיקע בונטאַרישקייט געווען געצילט קעגן דעם אייגענעם קליינבירגערלעכן שורש, קעגן אַלץ וואָס איז וואולגאַר און באַנאַל: קעגן דער „געלט־בייטש", וואָס „שניידט לייבער", און אויך קעגן דעם „מוסר־זאָגער", קעגן דעם בטלן, פֿראַזנדרעשער, ליידיקגייער, דאַרמאָיעדניק, וואָס „האָרעוועט ניט אויף זיין ברויט", — קעגן „פֿאַרכעס אַזוינע — וואָס נאָר מען שעלט, ווייל עס בוקט זיך ניט פֿאַר זיי די וועלט".

„מענטשן זאָגן, אַז דער טייוול קוקט אַרויס פֿון מיינע אויגן", האָט ער געשריבן. זיין „טייוולשער" שפּאָט־שמייכל, זיין פֿרייער חוזק־געלעכטער, האָבן געוויס געשטאָכן אין דער זיבעטער ריפּ די „קליינע מענטשעלעך", די בירגערלעכע היפּאָקריטן, די „זיידענע יונגעלייטלעך", די זעלבסטצופֿרידענע „פּאָטעלעך", וואָס דערמאָגנען אין קינסטלעכע בלומען.

אָבער ער, דער פֿורץ־גדר פֿון טראַדיציע, האָט אין זיין אַנאַרכישער צוימען־ברעכעריי גענומען ריידן וועגן באַפֿאַלן „מיט פֿייער און מיט שאַרפֿן שטאָל דאָס בעסטע פֿון אַמאָל. אַ באַרג מיט אַש און שטויב זאָל זיין פֿון אַלץ, וואָס איז געווען". עס האָט אים געפֿעלט אידייאישער כוח צו באַגרייפֿן, אַז „דאָס בעסטע פֿון אַמאָל", די פֿרייהייט־טראַדיציעס פֿון פֿאַרגאַנגענע צייטן, זיינען די זריעה פֿאַר דעם פֿרייהייט־קאַמף פֿון היינט.

אין אַ צאָל לידער האָט מען דערשפּירט אַ סימפּאַטיע צו די אָרעמע הויז־פּרויען, וואָס „שטופּן זיך אַרום אַ וואָגן מיט ציבעלעס, און אוגערקעס, און פּלוימען" („דעלאַ־העסטער"); צום פאַרהאַרעוועטן, מידן האַרש בער דעם קוילנטרעגער מיט זיינע „צוויי שוואַרצע שווערע הענט"; צום „מלחמה־העלד מיט די מעדאַלן אויף דער ברוסט און מיט דער קוליע". עס האָט דורך פּערזן אויך דורכגעשטראַלט אַ פיינער, דינער, מחיהדיקער הומאָר.

אין אַ היפּשער צאָל לידער האָט זיך שוין אַביסל צו־שטאַרק געהערט דער טאָן פון וואויל־יונגערישקייט, פון הפקר־פּעטרישקע, פון ביטערער ליצנישער שטעכיקייט. אין אייניקע פון אָט־די לידער איז געווען זינלאָזע, ווילדע, פּסעוודאָ־רעוואָלוציאָנערע שנאה צו אינטעלעקטואַלן, צו לומדים און חכמים, אָפּלאָכעריי פון וויסן און חכמה, אַ פּראָדוקט פון אומוויסנשאַפטלעכער, ביטולדיקער באַציאונג צום פאָלקס־אינטעלעקטואַל, אונטער דער מאַסקע פון „רעוואָלוציאָנערישקייט". אָפּט איז געווען קלאָר, אַז דאָס טאַדלט דער דיכטער און באַלייַדיקט זיך גופא — אַ מין קלאַפּן זיך על־חטא פאַר דעם בית־דין פונעם אַרבעטער־קלאַס — פאַר יאָרן־לאַנגער פּאַסיוויטעט.

אויך אין פּרט פון לשון, פון שפּראַך־באַנוץ זיינען געווען אומגערעכטיקייטן. עס איז געווען אַ פאַרזוך ביים דיכטער צו אַנטוויקלען ממש אַ פאַר־הערלעכונג, אַ קולט פון „גראָבע רייד". בכלל גענומען, איז זיין שפּראַכלעכער ביישטראָג זיכער געווען אַ פּאָזיטיווער: ער האָט גענוצט דברי־חול, פּשוטע הבורים, פּראָסטע (ניט־בצמצומדיקע), אָפּט „אומפּאָעטישע" רייד, קלאָרע, פאַרשטענדלעכע ווערטער, ניט „באַשמינקט און באַצירט", אָן „דיכטעריזשע" אויסגעקלעריטע, אָן „שיינקייטן" און „הייליקייטן". ער האָט אָבער, קאָנטיק, געהאַט אַן אינדיווידועלע „באַפרידיקונג" פון באַנוצן „גראָבע רייד" אין זיין שטעכיקן שפּאָט און אויפרודערנדיקע נאַקעטע אמתן, וואָס ער האָט געשליידערט אין פּנים אַריין די זאַטע נגידים, די מאַכט־האָבער און זייערע אַנטי־פּאָעטישע אַרויסהעלפער. אגב, מיינט עס ניט, אַז בעת ער האָט גערעדט פּראָסטע דבורים, אָן „שמאַכטעס" און באַפּוצונגען, זיינען זיינע לידער אַלע מאָל פאַרשטענדלעך. פאַראַן אין אייניקע פון זיי פאַרפלאָנטערטע, מטושטשע, אומקלאָרע בילדער, רמזים מיט רזי־דרזין, פאַנטאַסטישע סימבאָליסטישע, מיסטישע, ווילדע, ניט־דאַאיקע בילדער, פאַרנעפּלטע אימאַזשן, גראָטעסקע גרימאַסן, וואָס שטערן דעם לייענער צו באַנעמען דאָס ליד. פאַראַן פאַלן, ווען עס באַקומט זיך אַ מאָדנער געמיש פון „נאַטוראַליסטישע" רייד מיט מיסטישע בילדער און געשטאַלטן.

שוין אין דעם ערשטן פּעריאָד פון זיין ליטעראַרישן שאַפן, אין די יאָרן פון זיינע לידער פון שרעקלעכער איינזאַמקייט, עלנט אין דער פרעמד, האָט ער אין זיין פּאָעמע „אין דער פרעמד" דערזען די מעטראָפּאָליע ניט נאָר אַלס אַ ריזן־שטאָט, וואָס ווייעט־אַרויף אַ שרעק, נאָר אויך אַלס „אַ ריזן־ווערק פון מענטשן־גייסט געבויט". שוין דאָן האָט מען אין דער טערפּקייט, טראַגיקייט, בייסיקייט, צו־להכעיסדיקייט פון אייניקע לידער אויך דערשפּירט דעם דיכטערס עקשנותדיקייט און לעבנסלוסטיקייט. ער, דער דיכטער, דער

„גאַסן־פּויקער", האָט געפּרואווט אַריבערשרייען דעם גאַסן־טומל, דעם ווילדן געפּילדער פון גרויס־שטאָט, דעם הו־הא פונעם געווימל אין „דע־לאַ־העס־טער" און ער האָט גענומען אויספּויקן דעם ליאַרעם: „דזשין־דזשין, בום־בום־בום!" ער האָט גענומען שרייען מיט אַ מעכטיקער פּולבערוסטיקער מע־טאַלענער שטים, צי גאָר מיטן קול פון אַ פאַרוואונדעטן „לייב", מיט אַ שאגת־אריה. די גרויס־שטאָט האָט ער דאַן געזען ווי אַ מין גיהנום — „און אַזוי ווי אַ ריזיק־פאַרזשאַווערט ראָד, דרייט זיך אַרום מיר די גאַנצע שטאָט".

שפּעטער, אין זיין דייפּערן פּעריאָד, אין די לידער אין „די גאָלדענע פּאַווע", איז נאָך געבליבן אַ געוויסער „היים־ווי", אַ בענקשאַפט צום שטעטל, אָבער דאָרט האָט ער אויך געוויזן די צוריקגעשטאַנענקייט און היגטערשטע־ליקייט פון שטעטל. דאָרט האָט ער מיט שנאה און פאַראַכטונג געוויזן דעם היימישן נגיד „מיטן גראָבן בויך", דעם פרומאַק, דעם היפּאָקריט און זייער גלייכן. דאָרט האָט ער געשילדערט די באַדנלאָזיקייט פונעם לופטמענטש און מנחם־מענדל, „משה נאַדירס לייזער־עליע פון דער אַלטער היים". דאָרט האָט ער שוין געזען דעם „גוי" אַלס ברודער פון ייד, און באַצייכנט אַלס הייליק דאָס „אייביק־קויטיק־פאַרהאַרעוועט לייב" פונעם האָרעפּאַשנעם פּויער, וואָס „שלעפּט זיך הינטער זיין פערד און צעגראָבט מיטן אַקער־אייזן די ערד".

מ. ל. האַלפּערנס לידער בעטן זיך ממש מען זאָל זיי ציטירן. אַ מוסטער פון דער אָריגינעלקייט פון זיין דיכטערישן וואָרט איז זיין פּרעכטיק ליד „אין גאָלדענעם לאַנד", וואָס הויבט זיך אָן מיטן פּערז:

— צי דען וואָלסטו, מאַמע, מיר גלויבן געוואָלט,
אַז אַלצדינג ביי אונדז ווערט פאַרוואַנדלט אין גאָלד,
אַז גאָלד ווערט פון בלוט און פון אייזן געמאַכט,
פון בלוט און פון אייזן בייטאָג און ביינאַכט?
— מיין זון, פאַר אַ מאַמען באַהאַלט מען זיך ניט,
אַ מאַמע דערקאָנט און אַ מאַמע פילט מיט,
מיר דאַכט זיך, אַז דו האָסט קיין ברויט צו דער זאַט
אויך דאָרט, אין דעם גאָלדענעם לאַנד, ניט געהאַט.

אין האַלפּערנס ערשטן בוך פאַרנעמט אַן אָנגעזעען אָרט זיין לענגערע ווייטאָגדיקע פּאָעמע „אַ נאַכט", געשריבן אין 1916, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה: האַס צו די מלחמה־צינדער, חושכדיקער יאוש, געמישט מיט אַ ווילדן, מאַטישן געזאַנג צום לעבן, צום זיג פון לעבן, דורכגעוועבט מיט אַ קללה צו די משרתים פונעם מלאך המות, מיט אַ פאַרהייליקונג פון לעבן און פאַרהערלעכונג פון מענטש (די פּאָעמע האָט ער געשריבן אין זיין צימערל אויף קיפּ סטריט אין וויליאַמסבורג).

טיף־דראַמאַטיש, פּסיכאָלאָגיש־ווירקנדיק, אָנרעגנדיק מיט אינטימקייט און נשמה־פיבער, איז האַלפּערנס ווענדונג צו זיך גופא אין אַ צאָל לידער מיטן אויסרוף משה־לייב (אין 9 לידער אין בוך „אין ניו־יאָרק").

זעלטן־ווען אַ דיכטער זאָל זיך אַזוי מענטשלעך קאָנען אַנטהוילן, אַנט־

פלעקן אַלע זיינע וואונדן, מכות און פּלאָגן, פינצטערע מחשבות, תאוות, עראָטיק, ווי האַלפּערן האָט דאָס געטאָן. באַזונדערס אין זיינע קוני־איילאַנד־לידער. ער באַווייזט זיך דאָרט דורך פיל געשטאַלטן און פּנימער, אָבער פון אַלע פּנימער ווערט איין פּנים: משה־לייב. זיינע צוויי הויפּט־געשטאַלטן — זרחי און משה־לייב — זעלבסט־פּאָרטרעטן — ברומען ווי לייבן אָדער ווי דער ים. זרחי און דער ים — ווי אַנדערע צוויי. ער זיצט דאָרט, זרחי, ביים ברעג ים אין קוני־איילאַנד, פאַרברענגט און פאַרבערענט דאָרט שטי־קער פון זיין לעבן. שטורעם פון ים — און שטורעם פון עראָטישע לײדנ־שאַפטן; ברויז; „שוים, וואָס שמייסט דעם ברעג״, ווי משה־לייבס צאָרן, — און בענקשאַפט נאָך רו. די עראָטישע מאָטיוון זיינען אַ מין קאַנאַל אָפּ־צוציען דעם אַנגעקליבענעם יאוש, ווייל שוין אויך דאַן (בעת דער דיכטער האָט מיטגעאַרבעט אין דער „פרייהייט״) האָט נאָך אַלץ אַ ביטערער טרויער און נאַכטישער פּעסימיזם דורכגענומען זיין וועזן. זרחי (משה־לייב) טרוימט־אויס די פרינצעסין גיגעלי און די ציגיינערין לאַדושקאַ און טרוימט וועגן דעם „קעניג פון ים״ מיטן „גאָלדענעם חלום״ און דערהערט דעם רוף: „באַפרייען פון אַלע גויטן די וועלט״. אַ ווירוואַר פון טרוימען, חלומות, בענק־שאַפטן, וויזיעס, געשטאַלטן, גלגולים פון געשטאַלטן און פּסיכאָלאָגישע רע־טענישן; נעפּל, זאַמד, אומקלאָרע בילדער, אומקלאָרע ווײ־געשרייען.

דער דיכטער איז אפשר געווען אַ בונטאַר, אָבער ווייט ניט קיין רע־וואָלוציאָנער. עס זיינען אין זיין טאַלאַנט געווען די פּאָטענצן פאַר שאַפן פּראָלעטאַרישע דיכטונג — ער האָט זיי, קאָנטיק, ניט געהאַט קיין כוח אויס־צונוצן. ס'איז געווען ערב־פּראָלעטאַרישע דיכטונג, דער „ויהי ערב״, וואָס קומט פאַר דעם „ויהי בוקר״ פון פּראָלעטאַרישער פּאָעזיע. אין לעבן, ווי אין ליד, האָט זיך דער דיכטער ניט „דורכגעריסן, דורכגעביסן״ צו דער פּאָזיציע, וואָס ער האָט געזאָלט און לויט זיין טאַלאַנט געדאַרפט פאַרנעמען. ער האָט זיך ריכטיק זעלבסט־כאַראַקטעריזירט: „איך, דאָס געשריי פון דער מדבר אַרויס״ (ווי ז. ווײנפּער גיט־איבער אין זיין בוך „משה לייב האַלפּערן״, ניו־יאָרק, 1940). אין דעמזעלבן בוך (ז' 103) שרייבט ער ווײ־טער: „ווי אַ פּאָעט האָט ער [משה לייב] קיינמאָל נישט פריער געלויכטן אַזוי ווי אין דעם פּעריאָד פון זיין מיטאַרבעטערשאַפט אין דער ,פרייהייט׳.״

אָלגין האָט ניט פאַרפעלט אָנצואוייזן, אַז נאָכדעם ווי האַלפּערן איז אַוועק פון דער „פרייהייט״, האָט ער גענומען אַטאַקירן די לינקע באַוועגונג, וואו ער האָט פריער אַליין געווירקט און געשאַפן.

אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט דער דיכטער דורכגעמאַכט שאַרפע איבערלעבונגען פון נויט און הונגער, עלנט און אָפּגעזונדערטקייט. ס'איז געווען אַ פּעריאָד פון פאַרשאַרפטן אומגלויבן, פון אידעאָלאָגישער ירידה: אין לעבן, ווי אין ליד, ביטערע אַנטוישונג — אין וועלט, אין מענטש, אין דער מענטשהייט; רעזיגנאַציע, מידקייט פון לעבן, אויסגעהוילטקייט. אַ נאַ־טור אַ שטאָלצע, האָט ער געליטן הונגער און געשוויגן.

איינציקע פון האַלפּערנס לידער דערמאָנען אין מאָטיוון און לידער פון היינע, מאָריס ראָזענפעלד, הוגאָ, שעווטשענקאָ, גאָרקי; אויך: באָדלער, יעסענין. עס פאָדערט זיך אַ ספּעציעלע שטודיע וועגן זיינע איינפלוסן אויפן יידישן ליד און וועגן די ליטעראַרישע כוחות, וואָס האָבן געהאַט אַ השפעה אויף אים.

עס איז פאַראַן קינסטלערישע קראַפט אין פיל פון זיינע לידער, אָבער אויך צעשוואומענקייט פון פאָרם, צעצויגנקייט און צעפלאָסנקייט, צו־פיל רייד — אַ שטראָם אין פּריליקער־געוויסער, וואָס טראָגט אויף זיין פלאַך אויך שוים און זאַמד און שטיקער ברוכוואַרג. עס פעלט אָפט די מוזיקאַלישקייט, דיסציפּלינירטקייט און האַרמאָנישקייט פון איינציקע פון די אויבן־דערמאָנטע דיכטער.

מען האָט ביז איצט פאַרעפנטלעכט אין צייטונגען און זשורנאַלן אַ סך לידער און אַ סך אַרטיקלען, אָפּשאַצונגען וועגן מ. ל. האַלפּערן. איינציקע אָפּהאַנדלונגען זיינען אויך אַריין אין זאַמלביכער. חוץ וויינפּערס בוך איז אויך פאַראַן אַ בוך פון אליעזר גרינבערג „משה לייב האַלפּערן אין ראַם פון זיין דור“ (ניו־יאָרק, 1942). עס פאָדערט זיך אָבער נאָך אַלץ אַ פולע, גענויע ביאָגראַפיע און אַ גרינטלעך מאַרקסיסטיש־אַנאַליטיש ווערק וועגן אָט־דעם גבורהדיקן, ווילדן דיכטער.

סעפּטעמבער 7, 1952.



צבי הירשקאַן

(1886-1938)

דער פלוצימדיקער און פריצייטיקער טויט פונעם באַרימטן יידישן שרייבער און מיטאַרבעטער פון דער „מאָרגן־פרייהייט“, צבי הירשקאַן, האָט אַרויסגערופן פיל טרויער און ווייטאָג צווישן ברייטע מאַסן יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן. מיט זיין מיטאַרבעטערשאַפט אין דער „מאָרגן־פרייהייט“ (זינט 1934), מיט זיין בלוטיק־ערנסטן און ערלעכן צוגאַנג צו געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע פראַגן, מיט זיין אמת־אויפריכטיקער צוגעבונדנקייט צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, מיט זיינע הויך־קינסטלערישע ווערק האָט זיך צבי הירשקאַן שטאַרק באַליבט געמאַכט ביי גרויסע מאַסן יידישע לייענער. זיין טויט איז אַ גרויסער פאַרלוסט פאַר דער פּראָגרעסיוו־רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור.

הירשקאַן (צבי הירש קאַהן) איז געבוירן געוואָרן אין צאַשניק, וויטעבסקער גובערניע, אין יאָר 1886. אַרום יאָר 1905 איז ער געווען אין די שווייצאַרישע קאָלאָניעס פון רוסיש־יידישע עמיגראַנטן. ער האָט אַרומגעוואַנדערט איבער די לענדער פון מערב־אייראָפּע און האָט אויך באַזוכט אַמעריקע. ער האָט אָנגעהויבן שרייבן זייער פרי. ער האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אונטערן נאָמען צבי הירשקאַן מיט „עטיודן פון יידישן וואַנדער־לעבן“ (אונטערן טיטל „נע־ונד“ — בילדער פון פאַריזער געטאָ, אין זשיטלאָווסקיס „דאָס נייע לעבן“, 1908, 1). ווען ער איז צוריקגעקומען קיין רוסלאַנד, האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ צאָל קלענערע דערציילונגען אין פאַרשיידענע צייטשריפטן („דער שטראַל“, א. אַנד.). אין 1910 האָט ער אין פרצס זאַמלבוך „אידיש“ אָפּגעדרוקט זיין ראָמאַן „צוויי וועלטן“. אָט־די שילדערונג פונעם יידישן לעבן האָט געמאַכט אַ טיפן איינדרוק אויף די לייענער.

אין צייט פון דער וועלט־מלחמה האָט הירשקאַן געלעבט אין אַ צאָל רוסישע הויפּט־שטעט. ער האָט דאַן געשריבן האַלב־פּובליציסטישע עסייען, קריטישע אַרטיקלען און אייניקע בעלעטריסטישע זאַכן. אין יאָר 1922 איז דערשינען די צווייטע אויפלאַגע פון דער זאַמלונג פון זיינע „עטיודן“. וועלכע ער האָט געשריבן אין די יאָרן פון דער וועלט־מלחמה און אינעם ערשטן יאָר פון דער רוסישער רעוואָלוציע. די דאָזיקע זאַמלונג טראָגט דעם נאָמען

„פון דערוויטנס״. זי אַנטהאַלט אויך אַרטיקלען וועגן מענדעלע, שלום־עליכם, פּרץ.

הירשקאַן האָט אַ שטיק צייט געלעבט אין דייטשלאַנד (אַרום 1921), דער־נאָך איז ער אַרומגעפאָרן איבער ארץ־ישראל, סיריע, עגיפּטן, איטאַליע און פראַנקרייך. דאָס איז געווען אַן ערנסטע שטודיר־רייזע.

אין 1925 איז ער אַנגעקומען קיין אַמעריקע. ער האָט דאָ מיטגעאַרבעט אין פאַרשידענע צייטשריפטן. איז אַ שטיקל צייט געווען אַ מיטאַרבעטער פון „טאָג״. ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ סך עסייען איבער אַקטועלע פּראָב־לעמען פונעם יידישן לעבן.

הירשקאַן האָט געדרוקט אַ סך פּובליציסטיש־קריטישע אַרטיקלען און בעלעטריסטישע זאַכן אין די יידישע צייטשריפטן „די וואָך״ (1915), „ווּיספּע״, „ביכער־וועלט״, „די טריבונע״. זיינע ווערק זיינען אויך געדרוקט געוואָרן אין העברעיאישער איבערזעצונג אין „הזמן״, „העולם״, „עין הקורא״ א. אַנד.

אין „צוקונפט״ האָט ער, חוץ אַ ריי אַרטיקלען, אָפּגעדרוקט אַ גרויסע נאָ־וועלע „ערשטע טריט״ און אַ דערציילונג „יודקע דער בעל־פּשרה״.

דורך דער הויכער קוואַליטעט פון זיינע שאַפונגען און דורך דער גרוי־סער צאָל פון זיינע ווערק — ראָמאַנען, דערציילונגען, בילדער, פאַרצייכע־נונגען, און אויך וואָגיקע פּובליציסטישע און קריטישן עסייען — איז הירש־קאַן אָנערקענט געוואָרן אַלס איינער פון די גאָר וויכטיקע יידישע שריפט־שטעלער.

צבי הירשקאַנען האָט געגומען אַ היפּשע צייט ביז ער איז אַריבער צו דער פּראָגרעסיווער סביבה. דער איבערגאַנג איז געווען וויטאַגדיק און פּיינלעך. דער איבערגאַנג איז געקומען נאָך אַ לאַנגזאַמען אידעאָלאָגישן איבערברעכן זיך. דער שאַרפער עקאָנאָמישער קריזיס אין אַמעריקע, דער חורבן פון די פּאַר־אַרעמטע און אַרבעטלאָזע מאַסן האָט געהאַט אַ טיפע ווירקונג אויף זיין גאַנצן געדאַנקען־גאַנג. צבי הירשקאַן האָט מיט אַלץ גרעסערער באַגייסטע־רונג נאָכגעפאָלגט דעם גאַנג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. די סאָציאַליס־טישע בויאונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, די געזונטע איבערבויאונג פונעם לעבן פון די יידישע מאַסן איבעם לאַנד פון סאָציאַליזם האָבן שטאַרק באַווירקט זיין באַציאונג צום לעבן און צו דער געזעלשאַפט. דער גרויסער און ערנסטער שריפטשטעלער הירשקאַן, דער פאָרשער פון סאָציאַלע פּראָבלעמען, איז אַלץ־טיפער דורכגעדרונגען געוואָרן מיט דער לערע און אידייען פון מאַרקסיזם. זיי האָבן אין אים אויפגעוועקט נייע גרויסע שעפערישע קרעפטן. זיי האָבן אים געגעבן נייעם מוט און כוח, אַ פרישן גלויבן אין לעבן, אין מאָרגן, אין דעם טריאומף פונעם אַרבעטער־קלאַס.

און ווען הירשקאַן איז געקומען צו דער „מאָרגן־פרייהייט״, איז ער געקומען מיטן גאַנצן האַרצן, מיט העלן גלויבן, מיט פולער ערלעכקייט און אויפריכטיקייט.

ער האָט זיך געפילט גליקלעך אין די ריי פון דער יידישער רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג. נית איין מאָל פלעגט ער וועגן דעם ריידן. ניט

אין מאָל האָט ער אונטערגעשטראָכן ווי גוט עס איז אים צו זיין צווישן אייגענע, צווישן און מיט מענטשן, וואָס קעמפן פאַר אַ נייער וועלט — פאַר אַ וועלט פון יושר און אמת, פון פּראָגרעס און דעמאָקראַטיע. ער האָט גע־פונען זיך, זיין פּלאַץ אין לעבן.

באַלד נאָך זיין קומען צו דער „מאָרגן־פרייהייט" האָט זיך שטאַרק אויפ־געהויבן צבי הירשקאַנס ליטעראַרישע פּראָדוקטיווקייט. ער האָט זינט דאַן געגעבן דער יידישער ליטעראַטור און פּובליציסטיק אַ ריי ווערק פון גרויסן קינסטלערישן ווערט. איינינקע פון זיי זיינען אַ רייכער ביטראַג סיי צו דער יידישער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור, סיי צו דער פאָרשונג פון יידישער קולטור־געשיכטע.

אומפאַרגעסלעך בלייבט זיין גרויסע און לעבעדיקע גאַלעריי פּאָרטרעטן פון כּל־טוער, אייראָפּייאישע און אַמעריקאַנישע שרייבער, שילדערונגען פון באַגעגענישן מיט שריפטשטעלער און געזעלשאַפטלעכע טוער פון פאַר און נאָך דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. אַ טיפן אינטערעס ביי די לייענער האָבן אַרויסגערופן הירשקאַנס נייע דערציילונגען און בילדער פון דער אַל־טער פאַרגאַנגענהייט פון די יידישע מאַסן אונטערן צאַריזם. מיט גרויס אויפ־מערקזאַמקייט זיינען געלייענט געוואָרן זיינע עסקיזן און בילדער פונעם יידישן לעבן אין אַמעריקע, ווי אויך זיינע אַרטיקלען וועגן פראַגן פון לי־טעראַטור. באַזונדערס פאַרכאַפּנדיק זיינען זיינע שילדערונגען פון „קאַ־באַלקינס לעבן" און „דאָס יאָר פון 1905" — שילדערונגען פון פאַר־רעוואָ־לוציאָנערע יידישע אַרבעטנדיקע עלעמענטן און זייער איבערגאַנג צו דער רעוואָלוציע.

ניט איין מאָל האָט צבי הירשקאַנס שאַרפע פען אַרויסגערופן דעם צאָרן פון רעאַקציאָנערע שרייבער. הירשקאַן איז געווען שטאָלץ דערמיט. דאָס האָט אים געשטויסן צו נאָך מער פרוכטבאַרער ליטעראַרישער אַרבעט.

צבי הירשקאַן איז געווען אַ קינסטלער מיט אַן אָריגינעלן פּנים. ער איז געווען אַ מייסטער פון יידישן וואָרט. ער איז געווען אַ זעלטענער סטיליסט. מיט זיין איבערגעגעבנקייט צו דעם לינקן פראָנט, האָט ער מיט גרויס התמדה און ערנסט געלייטערט זיינע ווערק. זיין זאַץ־בויאונג האָט זיך אויס־געצייכנט מיט געוויכטיקייט און פּינקטלעכקייט. זיין וואָרט האָט זיך אויס־געטיילט מיט זיין טרעפלעכקייט, גענויקייט, קלאָרקייט און שלאָג־קראַפט. ער האָט פאַרשטאַנען די חכמה פון צמצום — בשעת זיין אינטערעס און זיינע טעמעס זיינען געווען ברייטע. ער איז ניט געזעסן אין קאַבינעט.

שפּאַניע, כינע, דער פאָלקס־פראָנט אין פראַנקרייך, די אַנטוויקלונג פון די פּראָגרעסיווע כוחות אין אַמעריקע זיינען פאַר אים ניט געווען קיין אַב־סטראַקטער ענין. דאָס זיינען ביי אים געווען טעגלעכע לעבנס־פראַגן. זיי האָבן אים אָנגערירט ביזן ביין. זיי זיינען געוואָרן אַ טייל פון זיין פּערזענ־לעכן לעבן. די זיגן פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן אים געקרעפטיקט און געשטאַרקט.

ווי סימבאָליש קלינגען די פאָלגנדיקע רייד אין צבי הירשקאַנס לעצט־

אָנגעשריבענעם און געדרוקטן קאַפּיטל פון זיין ראָמאַן „קאַבאַלקין" (סעריע: „דאָס יאָר 1905"). עס רעדט דער אַלטער רעוואָלוציאָנער, דער בלינדער. ער וויל ניט שטאַרבן, זאָגט ער דעם יונגן קאַבאַלקינען: „ניט דערפאַר, ווייל איך קוואַפּע זיך אויפן לעבן. זוי אויך ניט דערפאַר, ווייל איך האָב מורא פאַרן טויט. נאָר דערפאַר, ווייל איך וויל דערלעבן צו דערהערן דעם סיגנאַל פון דער רעוואָלוציע און צו דעם איז ניט ווייט. אין דעם בין איך זיכער". דער בלינדער רעוואָלוציאָנער שיקט אַן אָנבאָט צו קאַבאַלקינס מאַ־מען: זי זאָל זיך מיט איר קליינוואַרג אַריינקלייבן צו אים אין וואוינונג. ער זאָגט קאַבאַלקינען: „איך האָף — גיט ער צו — אַז דיין מאַמע [אויב זי וועט איינשטימען] וועט מיך ניט איבערלאָזן — ביז דער טויט וועט מיך צונעמען, ביז די רעוואָלוציע וועט צו אונדז אָנקומען".

קעמפן פאַר אַ בעסערער און שענערער וועלט ביזן סאַמע לעצטן טראָפּן לעבן, ביז דער טויט אַליין וועט צונעמען — אָט דאָס איז אויך געווען צבי הירשקאָנס אָנזאָג.

יאַנואַר 23, 1938.

ש. דייקסעל

(געבוירן אין 1886)



ש. דייקסעלס נײַ בוך „אינדיאַנישע דערציילונגען" (ניו־יאָרק, 1959; 288 ז"ז) פירט אונדז אַריין אין אַ נײַ, ווייניק־באַקאַנט ווינקל פונעם אַמעריקאַנער לעבן. עס איז צום ערשטן מאָל, אַז אין דער יידישער פּראָזע־ליטעראַטור ווערט פאַר דעם לייענער קינסטלעריש געבראַכט די וועלט פון די אינדיאַנער אין צפון־אַמעריקע.

דער טאַלאַנטפולער דערציילער ש. דייקסעל (מחבר פון זעקס בענד דערציילונגען, איין דראַמע און צען איינאַקטערס) האָט אַ שטיק צייט פאַרבראַכט צווישן די אינדיאַנער אויף זייערע געטאָ־רעזערוואַציעס, צונויפגעחברט זיך, באַפרײַנדעט זיך מיט זיי, שטודירט זייער לעבן און געדאַנקען־גאַנג, און דער רעזולטאַט איז — אַ פּרעכטיק בוך מיט שפּאַנענדיקע, באַלייכטנדיקע דערציילונגען וועגן אונדזערע רויט־הויטיקע אונטערדריקטע ברידער — די ערשטע עכטע אַמעריקאַנער.

שוין מיט זיינע ערשטע בענד דערציילונגען („וועגן אין נעפּל", 1923, און „אַזיאַטישע דערציילונגען", 1924) האָט ש. דייקסעל באַוויזן, אַז ער קאָן דערציילן אַ מעשה אויף אַ פאַראינטריגירנדיקן אופן. אָט־די מעלה איז באַזונדערס קענטיק אין זיין איצטיקן בוך, וואו ער באַהאַנדלט ניט בלויז אַ „טאַלאַנטפולע טעמע", נאָר אויך אַ קאָלירפולע און דאַנקבאַרע טעמע. אין אָט־די דערציילונגען וואַקסט־אויס פיל העכער ווי אין זיינע פריערדיקע ווערק ש. דייקסעל דער קינסטלערישער דערציילער, וועלכער צייכנט זיך אויס מיט זיינע נאַטור־מאָלערייען. די דערציילונגען אין רעאַליסטישן סטיל זיינען אָפט דין־ליריש, וואַרעם־פּאַעטיש, דורכגעוועבט מיט פיינעם הומאָר.

עס האַנדלט זיך דאָ ניט וועגן אַנכאַפּן זיך אין אַ טעמע פון עקזאָטיק און אויסטערלישקייט. דער מחבר אַליין דערקלערט אין זיין נאָכוואָרט (ז' 283), אַז אין זיינע דערציילונגען „זיינען אַריינגעוועבט היסטאָריש־אמתדיקע קאַפּיטלען פון דער בלוטיקער געשיכטע פונעם ‚רויטן מענטשן', טרויעריקע פאַקטן פון דער געשיכטע פון אַ פאָלק, ביי וועמען מען האָט ברוטאַל אַוועקגערויבט ניט נאָר זיין ריזיק, גרויס, רייך און שיין לאַנד, וואָס טראָגט איצט

דעם שטאָלצן נאָמען ,,אַמעריקע״, נאָר מען האָט אויך, מיט אַלע כוחות, באַ־מיט זיך אים אַליין צו פאַרניכטן צוזאַמען מיט זיין קולטור און גלויבן״.

אין דעם בוך טרעט־אַרויס דער מחבר, ניט בלויז ווי אַ שילדערער פון־נעם שווערן לעבן פון אַן אונטערדריקטן פאָלק (וואָס דערמאָנט אָפט אין דער פיינפולער יסורים־געשיכטע פון אונדזער אייגן פאָלק), נאָר ווי אַ וואָרטזאָ־גער, פאַרטיידיקער און געטרייער פריינט פון די אינדיאַנער — פון אַ פאָלק, וואָס ראַנגלט זיך קעגן אונטערגאַנג, וואָס קעמפט פאַר זיין לעבן און ווירדע און האָט אויף זיין פאָן אויפגעשריבן: ,,כ׳וועל ניט שטאַרבן — כ׳וועל בלייבן לעבן״...

דער מחבר גיט אונדז דורך זיינע 9 דערציילונגען און 4 מעשהלעך אַ ברייט און אָפט פאַרטיפט בילד פונעם לעבן פון די אינדיאַנער (ריכטי־קער: רעשטלעך פון די אַמאָליקע מעכטיקע אינדיאַנער שבטים) אין זייערע אָפגעזונדערטע, חושכדיקע, אָרעמע רעזערוואַציעס און דערפלעך אין דעם מדבר פון אַריזאָנאַ ביים ,,גרענד קעניאָן״, אין ניו־מעקסיקאָ, קאָלאָראַדאָ און קאַליפאָרניע.

ער באַקאַנט אונדז מיטן לעבן־שטייגער פון די אינדיאַנער פון די נאַ־וואַהאָ, האָפּי, סיו און טשיפּעוואַ־שבטים, מיט זייערע זיטן און מנהגים, טראַ־דיציעס און קולטור, מעשׂיות און לעגענדעס, ריטואַלן און צערעמאָניאַלן, גלויבן אין געטער און ,,גייסטער״, פאַנאַטיזם, אַבערגלויבנס און פאָראורטיילן, און — מיט זייערע לײדן און פריידן, וויטיקן און פאַרדרוסן און אויך מיט זייער געלעכטער און נחת־רוח.

עס וואַקסט־אויס פאַר אונדז אַ גרויסמוטיק, גוט־האַרציק פאָלק, וואָס איז שטאָלץ מיט זיין געשיכטע און קולטור. אין זיינע בילדער פון שטייגער און פּאַנאָראַמע, מיט אַ סך רעאַליסטישע דעטאַלן, אָפט מיט צאַרטע לירישע שטעלן, וועבט דער מחבר אַריין (אַמאָל — געלונגען, און אַמאָל — אויף אַ ניט־געראָטענעם אופן) שטיקער געשיכטע וועגן דעם, ווי די ווייסע הערשער און באַצווינגער האָבן גרויזאַם אונטערדריקט די רויטהויטיקע.

ש. דייקסעל, אַ פּראָגרעסיווער שרייבער מיט פעסטע פּרינציפּן פון סאָ־ציאַלן יושר, שטעלט זיך אײַך פאַר זיין גערודפטן און באַוואָלהטן ברודער. ער זוכט קודם צו וועקן ביים לייענער ליבשאַפט, פאַרשטענדעניש און דרך־ארץ פאַרן אינדיאַנער, וועגן וועמען ווייסע ראַסיסטן האָבן פאַרשפּרייט ליגנס און בלבולים. ער שילדערט די רויטהויטיקע זין און טעכטער, טאַטעס און מאַמעס, זיידעס און באָבעס, ווי אָרנטלעכע האַרעפּאַשניקעס, ליבהאַרציקע, צו־געלאָזטע מענטשן. ער ווייזט אויך, אַז אין זייער פאָלקס־זכרון לעבט און גליט תמיד די ביטערע געדעכעניש וועגן דעם, ווי די ווייסע באַהערשער האָבן זיי אונטערדריקט און באַרויבט, צוגענומען פון זיי זייער ערד און האָב־און־גוטס, פאַרטריבן זיי פון זייער באָדן, געפירט קעגן זיי ווילדע, בלו־טיקע אויסראָטונג־מלחמות.

דער מחבר איז ניט נאָר אַ כראָניקער און שילדערער פונעם אינדיאַנער לעבן, נאָר אין אַ געוויסן זין, אויך אַ שותף, אַ מיטבאַטייליקטער. די אינ־

טימקייט פון זיין לעבן צווישן די אינדיאַנער, פון זייַנע פריינטלעכע שמועסן מיט זיי, פון זיין פאַרברענגען מיט זיי אין זייערע ליים־שטיבלעך, טיילן מיט זיי זייער אָרעם ברויט און דאַך אונטערן הימל, ברענגט־אַריין עכטקייט און דערהויבונג אין די דערציילונגען.

מיט גרויס סימפּאַטיע פּרוּאווט דער מחבר אַריינדרינגען אין דער פּסי־כאָלאָגיע פון די אינדיאַנישע העלדן אין זיינע דערציילונגען, זייער רעאַגירן אויף זאַכן און פּאַסירונגען, זייער בליק אויפן לעבן און אויפן ווייסן מענטשן. ער ווייזט, ווי די אינדיאַנער, פאַרשטופּט אין איזאָלירטע געטאָס, אין רע־זערוואַציעס, ווערן אויך איצט באַליידיקט; ער שילדערט די ראַסיסטישע באַציאונג פון ביטול און שנאה צו זיי.

גרויסאַרטיק זייַנען דעם מחברס נאַטור־געמעלן, דער עיקר פונעם מדבר: דער מדבר בייטאָג און דער מדבר ביינאַכט לעבט־אויף פאַר אייערע אויגן. די זאַמדן, קאַקטוסן, שלאַנגען, ברענענדיקע זון בייטאָג, די העל־פינקלדיקע שטערן ביינאַכט, — זיי לעבן ממש אין דייקסעלס געמעלן. ער שאַפט די אַטמאָספער, די שטימונג פונעם מדבר.

אָט איז אַ נאַטור־געמעל — אַ וואַלד־בילד: „פון דער טיפעניש פון וואַלד האָבן זיך לאַנגזאַם געגומען אַרויסרוקן געדיכטע מחנות שאָטנס, אָנ־געזאַפּטע מיטן געדוף פון סאָסנעס, און געגומען ווי אַרומשפּינען יעדן בוים, יעדן קוסט באַזונדער מיט אַ וויכער, פאַרחלומטער, קילער נאַכטיקייט" (ז' 92, דערציילונג „אויפן צפון־זוים פון גרענד קעניאָן").

אָפּט ווערט דעם מחברס שטימונג ליריש־דין אַריינגעוועבט אין אַ בילד: „...דאָרט [אין ניו־יאָרק] איז דאָס וואַסער אין די צוויי ריזן־טייכן „האַדסאָן" און „איסט־ריווער" שטענדיק גרוי און שוואַרץ ווי אַפּפאַל. אָט־די טייכן שפּיגלען זעלטן אָפּ דעם שמייכל פון הימל, דעם לייכטן לויף פון די ווייס־ראָזעווע וואָלקנדלעך, די צויבערנדיקע פאַרבן־שפּיל פון דער אויפ־גייענדיקער און פאַרגייענדיקער זון"... (ז' 206, „מיין אינדיאַנישע מוטער").

דורך די דין־געצייכנטע בילדער, וואָרט־געמעלן זעען מיר די לאַנדשאַפט פון די געשילדערטע געגנטן: בערג, טאָלן, פעלזן, טייכן, אָזיערעס, וואַסער־פאַלן, זאַמדן, וועלדער.

דער מחבר שילדערט דעם געראַנגל צווישן יונגן און אַלטן דור אינדיאַ־נער, אָדער, גענויער, צווישן די „טראַדיציאָנאַליסטן" און „פּראָגרעסיסטן". די ערשטע קלאַמערן זיך עקשנותדיק און פאַרביסן אין דעם אוראַלטן אינ־דיאַנישן לעבן־שטייגער, אין די אַלטע מנהגים און אבערגלויבנס, אין אי־זאָלירטקייט פון דער וועלט פון די ווייסע, ווען זיי האַלטן פאַר בלוט־טיקע שונאים. די „פּראָגרעסיסטן", קליין אין צאָל, הערן זיך צו צום רוף פאַר בילדונג און פּראָגרעס (אויף וויפל די ווייסע דערלאָזן דערצו). זיי זיינען קעגן אָפּגרענעצן זיך פון דער אַרומיקער „ווייסער" וועלט, קעגן „געטאָ"איזם, פאַר ברעכן, אָפּשאַפן די געטאָ־מויערן צווישן אינדיאַנער און ווייסע, פאַר קענטעניש און וויסן אין די ווייסע שולן, פאַר באַהעפטן זיך מיטן

לעבן־שטראָם פון היינט, פאַר שטופנווייזן אַוועקגיין פונעם נעכטן און ווערן אַ באַשטאַנד־טייל פון דער אַלגעמיינער געזעלשאַפט, פאַראייניקן זיך מיט ווייסע אַרבעטער, אָנשליסן זיך אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, אויפגעבן די דורותדיקע שנאה צום ווייסן בלויז אויפן גרונט פון קאָליר — דערביי ניט אויפגעבנדיק זייער קולטור, זייער אידענטיטעט, זייער פנים אַלס אינדיאַנער. די געציילטע רייכע אינדיאַנער, די פירערס פון די שבטים, די פריסטער זיינען קעגן דעם גייסט פון פּראָגרעס.

בלויז אין דער ערשטער דערציילונג („אַ טאָכטער פון די צען פאַרלוי־רענע שבטים״) קריגן מיר אַ שטיל, אידיליש, רואיק בילד — אַ בילד פון ליבע און גליק. אויפן ווייסטן באָדן פונעם אַרי־אָנאַ־מדבר צעבליט זיך אַ רויז: אַ ליבע צווישן אַ ניו־יאָרקער שיינעם, פיינעם יידישן יונגנמאַן, דעיוו שטערן, און דער יונגער אינדיאַנער שיינהייט, באַ־יאַמ־קאַ, אַ מיידל פונעם האָפּי־שבט, אַ לערערין. די דערציילונג ענדיקט זיך מיט אַ „גליקלעכן סוף״.

אומרואיקייט, קאַמף, געראַנגל, גרויזאַמע האַנדלונגען מצד ווייסע קעגן אינדיאַנער — שפּירן מיר, זעען מיר אין די אַנדערע דערציילונגען. מיר זעען אויך בילדער פון דער סאָציאַלער ענדערונג אין דעם לעבן פון די אינ־דיאַנער: אַ לאַנגזאַמע, שטופנווייזע טראַנספאָרמאַציע: יונגע אינדיאַנער דערלערנען די ענגלישע שפּראַך, נעמען־אָן ענגלישע נעמען, לאָזן זיך אַוועק אַרבעטן אין פאַבריקן אין די גרויסע שטעט, ברענגען פון דאָרט צוריק נייע אידייען פון באַגעגענישן און צוזאַמענאַרבעט מיט ווייסע אַרבעטער.

דער סיפור־המעשה אין די מערסטע דערציילונגען פליסט גלאַטיק, לע־בעדיק. רירנדיק איז די מעשה פון דער פריינטשאַפט צווישן דעם אַלטן נאַ־וואַהאָ־אינדיאַנער הערערא און דעם בער אין וואַלד (אין דער דערציילונג „אויפן צפון־זוים פון גרענד־קעניאָן״). הערערא באַהאַלט זיך אין וואַלד פאַרן מערדערלעכן צאָרן פונעם ווייסן אויפזעער ניק טאַמסאָן, צו וועמען דער אַל־טער האָט זיך ניט געוואָלט בוקן. טאַמסאָן שפּירט אים נאָך. געפינט אים אין וואַלד און וויל אים דערמאָרדן. דער בער קומט צו־הילף זיין פריינט הע־רעראַן, וואַרפט זיך אויף טאַמסאָנען, וועלכער שיסט־אַריין דריי קוילן אין דער חיה. דער בער צעדריקט אים. ביידע, דער בער און טאַמסאָן, פאַלן טויט.

אין דער דערציילונג „צוגאַסט ביי די סיו אינדיאַנער״ ווערן שוין דעם אויטאָרס דערפאַרונגען פאַרבונדן מיטן לעבן פון זיינע העלדן. ווען ער שטעלט זיך אויפן צד פון אַ גרופּע באַליידיקטע אינדיאַנער קעגן צוויי ווייסע ראַסיסטישע בויאַנעס, רופט ער קעגן זיך אַרויס דעם צאָרן פון אַ ווייסער באַנדע און זייערע אינדיאַנישע פּאָליציאַנטן־לאַקייען. די אינדיאַנער אינעם מדבר־דערפל באַהאַלטן אים אין אַ הייל, פירן אים אַרויס אין געהיים אין אַ ברויט־וואָגן און ראַטעווען זיין לעבן.

אַ טיפן איינדרוק לאָזט איבער די דערציילונג „די ערשטע שוואַלבן״ — די ערשטע אָנזאָגן פון אַזעלכע מוטיקע יונגע אינדיאַנער, ווי קע־לע, וועלכע פאַרזוכן דעם טעם פון פאַראייניקונג מיט ווייסע קעמפערישע אַרבעטער, מאַכן־דורך תפיסה פאַר סטרייק־טעטיקייט, ברענגען אָט־די גרוסן צום אַלטן

פֿאַרגליווערטן אינדיאַנער דערפֿל, באַגעגענען אַ ווידערשטאַנד מצד די גייסט־לעכע און די פֿאַר אינדיאַנער אַרטיקע גבירים.

אין האַרצן האָט דער מחבר אַוועקגעטראָגן פֿון יענע דערפֿלעך און רעזערוואַציעס דאָס פּנים פֿון זיין „אינדיאַנער מוטער" און בכלל די פּנימער פֿון זיינע העלדן. קלאָר און דייטלעך, מיט קינסטלערישער קראַפֿט, שילדערט ער זייערע פּנים־שטריכן, זייערע כאַראַקטער־שטריכן, זייער סביבה און פֿאַמיליע־לעבן, זייערע בענקשאַפֿטן, שטרעבונגען, באַגערן.

גוט האָט געטאָן דער מחבר, וואָס ער האָט אין זיינע דערציילונגען אויך אַריינגעוועבט אינדיאַנישן פֿאָלקלאָר: לעגענדעס און מעשיות, וואָס ער האָט געהערט פֿון אינדיאַנער מעשה־דערציילער, און אויך פּאָעטישע אינדיאַנישע תּפֿילות (אין דער דערציילונג „דער שלאַנגען־טאַנץ"), וואָס אַנטפּלעקן דעם שאַרפֿן חוש פֿון די אינדיאַנער פֿאַר שיינקייט פֿון לעבן און שיינקייט פֿון ריטמישן דיכטערישן וואָרט.

צי איז דער בוך ריין פֿון חסרונות, פֿעלערן? פֿאַראַן אַ צאָל חסרונות, וואָס זיינען ווי פֿלעקן אויף אַ נייעם שיינעם מלבוש. אייניקע דערציילונגען ליידן פֿון צעצויגנקייט, פֿון צו־פֿיל איבעריקע רייד, פֿון פֿיל־ווערטערדיקייט. פֿון צייט צו צייט פֿאַלט־אַריין דער דערציילער אין זשורנאַליזם — אין אומנויטיקער, באַשיינפּערלעכער פּובליציסטיק, אין אויפֿקלערונג, צי אין געשיכטע־דערציילעריי — כאָטש די כוונות זיינע זיינען דערביי ערלעכע און גוטע. אַזעלכע „אויסטייטש"־עלעמענטן שטערן דעם גאַנג פֿון דער דערציילונג און שוואַכן־אָפּ איר ווירקונגס־קראַפֿט. ס'האָט זיך בפֿירוש געניטיקט אַ שטרענגערע רעדאַקציע פֿאַר די מערסטע דערציילונגען: עס זיינען דורכגעלאָזט געוואָרן טעותן לגבי פּונקטואַציע, גראַמאַטיק, זאַץ־בוי; פֿאַראַן אויך אַ צאָל דרוק־פֿעלערן.

מיט די אַלע חסרונות איז ש. דייקסעלס בוך „אינדיאַנישע דערציילונגען" אַ ווערטפֿול ווערק. דער גאַנצער בוך איז דורכגענומען מיט אַ שטאַרקן געפֿיל פֿון ברידערלעכקייט און פֿעלקער־פֿריינטשאַפֿט. דער בוך פֿאַרדינט די ברייטסטע פֿאַרשפּרייטונג.

אָקטאָבער, 1959.

ציליע דראַפּקין

(1956־1888)

אין ניו־יאָרק איז ערשט דערשינען אַ בוך לידער, דערציילונגען און מאָלערייען פון דער פריציייטיק־פאַרשטאָרבענער טאַלאַנטפולער דיכטערין, בעלעטריסטין און קינסטלערין ציליע דראַפּקין (1956־1888). דער בוך איז גאָר אַ פיינער צושטייער צו אונדזער ליטעראַטור.

ציליע דראַפּקין איז ניט קיין פּנים חדשות אין דער יידישער דיכטונג און בעלעטריסטיק. אין משך פון יאָרן האָבן זיך אירע לידער און דערציילונגען געדרוקט אין אַמעריקאַנער יידישע צייטשריפטן. אין 1935 איז אין ניו־יאָרק דערשינען איר בוך לידער „הייסער ווינט" (120 זייטן). די ליטעראַטור־קריטיק האָט זיך וואַרעם אָפּגערופן אויף איר ליטעראַרישן שאַפן. די שרייבערין האָט פאַרנומען אַ חשוב, אָנגעזעען אָרט אין דער יידישער פּאָעזיע. דער איצטיקער בוך (273 ז״ז), אַרויסגעגעבן מיט צערטלעכקייט און ליבשאַפט דורך אירע פינף קינדער, שליסט־איין די לידער פונעם ערשטן בוך און נעמט־אַריין דער דיכטערינס לידער, געשאַפן זינט 1935 ביזן סוף פון איר לעבן, צווישן זיי אַן אָפּטיילונג: „פון מאַנוסקריפּט", אַ צאָל לידער, וואָס דער דיכטער ה. לייוויק האָט אָפּגעקליבן פון ציליע דראַפּקינס נישט־פאַרעפנטלעכטע כתב־ידן.

די דיכטערין, געבוירן דעם 18טן דעצעמבער, 1888, אין באָברויסק, ווייסרוסלאַנד, האָט געהייראַט אין 1909 און איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1912. אין אירע יונגע, מיידלשע יאָרן אין דער „אַלטער היים" האָט זי, ציליע לעווין, אַ טאָכטער פון אַ יונג־פאַרשטאָרבענעם וואַלד־סוחר, געשריבן לידער אויף רוסיש. דער באַוואוסטער העברייאישער בעלעטריסט א. נ. גנעסין האָט איבערגעזעצט אירס אַ רוסיש ליד („דער קוש") אויף העברייאיש.

אין 1917 האָט זי איבערגעזעצט אירע רוסישע לידער אויף יידיש און אָנגעהויבן שרייבן יידיש — און באַרייכערן אונדזער יידיש־שאַפן מיט אירע אייגנאַרטיקע לידער און דערציילונגען. זי האָט דעביוטירט אין 1917 אין דעם וואָכנבלאַט „די נייע וועלט". דער באַרימטער דיכטער אברהם ליעסין איז געווען פון די ערשטע צו אָנערקענען איר טאַלאַנט און דערמוטיקן זי אין איר קינסטלערישן שאַפן. די דיכטערין, אַ מוטער פון פינף קינדער, האָט דורכגעמאַכט „יאָרן פון מאַטעריעלער נויט", ווי עס גייט־איבער, דער צוזאַ־

מענטשעלעך פונעם בוך, ס. ז. (סאָטשע דילאָן) אין זיינע „שטריכן, ביאָגראַ־פישע נאָטיצן".

אין די לעצטע יאָרן פון איר לעבן האָט די דיכטערין הויפּטזעכלעך אָפּ־געגעבן זיך מיט מאָלערייען. אין דעם בוך זיינען איינגעשלאָסן רעפּראָדוק־ציעס פון אירע בילדער, אין אויל־און וואַסער־פאַרב, מיט אַן אַריינפיר פו־נעם באַרימטן קינסטלער ב. קאָפּמאַן, וועלכער האָט אַ סך לויב פאַר דער דיכטערינס מאָלערישן טאַלאַנט.

דעם 19טן אויגוסט, 1956, איז ציליע דראַפּקין געשטאָרבן אין דעם מאָנ־טעפיאָרע שפּיטאָל אין ניו־יאָרק.

זייער טרעפלעך און צוגעפּאַסט איז דער נאָמען פונעם בוך — „אין הייסן ווינט". ביים פאַרטיפן זיך אין די לידער, ביים באַקענען זיך גענוי מיט זייער תוך און טאָן, דערשפּירט דער לייענער באמת דאָס וויזען און אָטע־מען פון אַ הייסן, שרפדיקן ווינט — דעם ווינט, וואָס מען קאָן באַצייכענען אַלס אַ „רוח חיים", אַ ווינט פון לעבעדיקן לעבן, פון הייסע, גליאיקע, טיף־מענטשלעכע, עכט־פרויעגלעכע לײדנשאַפטן. אָט־דאָ אין די לויטערע, פּשטות־דיקע, קוואַליקע לידער — דער דיכטערינס לעבן, איר גייסט, אירע שטי־מונגען, טראַכטונגען, עמאָציעס, איבערלעבונגען פון אַן עכטער קינסטלער־ין, פון אַ טיף־לײַדנדיקן מענטש, פון פרוי און מוטער. דורך פיין־געשליפענע פערזן, שיינע, קורצע לידער, ריטמיש און גראַציעז, אַנטפּלעקן זיך דער דיכ־טערינס געפילן און מחשבות, בענקשאַפטן, באַגערן, גלוסטונגען, טרוימען.

דער דאָמינירנדיקער מאָטיוו, דאָס ליד פון לידער אינעם בוך, איז ליבע — ליבע אין פאַרשיידענע פאָרמען, וואַריאַציעס, גופים און געשטאַלטן: שטילע, דינע, אידעלע, צאַרטע ליבע און בענקשאַפט נאָך ליבע און צערט־לעכקייט, און — הייסע, תאוהדיקע, שטורמישע, לײדנשאַפטלעכע ליבע, מיט אָפענעם, ערלעכן, געוואַגטן, דרייסטן אויסדרוק (אין דער טראַדיציע פון שיר־השירים).

צי זיינען אייניקע פון אָט־די לידער עראָטיש? יאָ, אָבער אָן דעם מינדסטן סימן פון וואולגאַריטעט, ווייל זיי זיינען דורכגעליטן, דורכגעלויכטן, גע־לייטערט, אויפריכטיק, עכט, דערהויבן צו דיכטונג, צו קונסט, אַן אַריינ־בליק אין די טיפענישן פון דער מענטשלעכער נשמה, אין דער אייביקייט.

די לידער ווירקן מיט זייער דירעקטקייט, אינטימקייט, אמתדיקייט, פרוי־ענלעכקייט. עס רעדט אַ פרוי און אַ מוטער — מיט דער דורות־אַלטער נאַטירלעכער דיכטערישער שפּראַך פון אַ ליבנדיקער, ליבע־דורשטיקער, אשת־חילדיקער פרוי און געטרייער, האַרציקער, זאָרגפולער מוטער.

און ס'איז צום שטוינען: די דיכטערין, וועלכע איז אַריבערגעגאַנגען פון רוסיש צו יידיש־שאַפן אין עלטער פון 29 יאָר, האָט באַוויזן צו באַמייס־טערן אונדזער רייך, וואונדערלעך, פּרעכטיק לשון יידיש, איינזאַפּן דעם צווי־בער, זאַפט און קראַפט פון אונדזער שפּראַך, איר פאָלקסטימלעכן חן, די ממשותדיקייט און מאַמעדיקייט פון אונדזער מאַמע־לשון. אייניקע פון אירע ליבשאַפט־און בענקשאַפט־לידער לייענען זיך, זינגען זיך ממש ווי פאָלקס־

לידער. זיי זײַנען וואַרצלדיק, ערדיש, באַקליידט מיט „ווערטער וואונדערלעכע".

ביז הער לייענער וועט זיך אַליין באַקענען מיטן פּולן, רייכן און קאָליר־פולן אינהאַלט פונעם בוך, זאָל ער (אָדער זי) כאָטש עטוואָס טועם־טעם זיין פון דער דיכטעריבס רייפע לידער־פּרוכט, וואָס צייטיקן זיך אין „הייסן ווינט".

איר סאַמע ערשט ליד אינעם בוך, „אַ זומער־סאָנאַטע", ענדיקט די דיכטערין מיטן פיל־זאָגנדיקן פערז:

„און ווען די נאַכט איז אָנגעקומען שטיל און הייס,
האָט עפּעס שאַרף אין מיר געגאָגט, געצוויגן,
ווי ס'וואָלט געקושט מיך עמיץ אין דער נאַכט,
ווי ס'וואָלטן שלאַנגען מיך געצוויגן".

קרעפּטיקע, לייב־און לעבן־אויסדרוקן: „און מיין נשמה ליגט, ווי אַ הונט ביי דיינע פיס", „מיין קראַנקע, מיין איינזאַמע ליבע", „איך וועל קושן די ערד, אויף וועלכער דו טרעטסט", „איך וואָלט וועלן צו עמעצן שרייבן אַ ליבע־בריוו, אַ ליבע־בריוו", „אין די שורות פון דיינס אַ ליד הער איך שעפּטשעסט צו מיר צאַרט און מיד", „דיינע בין איך, אפילו אויב מען קוקט אויף מיר קרום".

די גאַנצע יצירה אָטעמט מיט ליבע, מיט תשוקה, מיט גאַרונג נאָך ליבע:

„אין פרימאָרגן האָט דער הימל זונענשיין געשפּינט
אויף דעם קערפּער פון זיין שוואַרצער ווייב".

לעבן איז ליבע און אַ געזאַנג צו ליבע:

„און דו, מיין שטורעם־ווינט,
ביסט אַ הייסער וואוילער יונג,
און אפילו דער טויט פון דיינע הענט איז ליב".

דער אַלטער, גוט־באַקאַנטער זאַג: „עזה כמות אהבה"...
אין אַן אויטאָביאָגראַפישן ליד „מיין מאַמע" זינגט די דיכטערין:

„...און מיין מאַמעס פאַרבאָרגענע הייסע בענקשאַפט
האָט זיך, ווי פון אַן אונטערערדישן קוואַל,
פריי אין מיר אַריינגעגאָסן".

ליבע־געפילן זיינען נאָגעניש, ליידן: „און דער פעטער וואָרעם, — ליידנשאַפט, קריכט קיינמאָל ניט אַרויס פון מיין זאַפטיקן קערפּער". פאַראַן תפילהדיקייט אין אייניקע פון אָט־די ליבע־לידער; פאַראַן אויך קריוודעס, טענות; און אַלע זיינען זיי האַרציק, אָפט תמימותדיק, באַשטראַלט דורך געפילן פון צער, עלנט, אומעט, צייטנווייז באַהויכט פון אַ פילאָסאָפישן שמייכל.

ווי אַן אָנזאָג קלינגט דער שלוס־פערז פונעם ליד „ליידן":

„אַך, אַלע מיינע פייניקונגען, זיפצן, טרערן,
צום ווייניקסטן זאָל איבערדיכטן אַ פּאָעט,

זאָל אויך אַ קינסטלער איבערגעבן עס אין מיין פּאָרטרעט
און זאָל עס אויך פאַרבלייבן ערגעץ אין די ספערן״.

דער מאָלער־טאַלאַנט פון ציליע דראַפּקין, וועלכער האָט זיך אַנטפּלעקט און איז געקומען צום אויסדרוק ערשט אין די לעצטע יאָרן פון איר לעבן, האָט, קענטיק, תמיד געדרימלט אין דער טיף פון איר גייסט. אַ ראיה זיינען די פּרעכטיקע פאַרביקייטן, וואָס וועבן זיך אָרגאַניש צוזאַמען מיטן אינהאַלט, מיטן תוך, אין פיל פון אירע פרישע נאַטור־לידער, וואָס פאַרנעמען אַ בכבודיק אָרט אין איר בוך.

איר האָט דאָ אַ סך לידער־מאָלערייען, לידער־בילדער פון לאַנדשאַפטן, פּייסאַזשן: לידער פון „פאַרן שטורעם״, „זונפאַרגאַנג״, „ביים ים ביינאַכט״, „ניו־יאָרק ביינאַכט ביי די ברעגן פון האַדסאָן״, „פּאַלמען״. איר דערזעט ממש — „די צעפּראַלטע הענט פון ביימער, צעפּראַלטע הענט פון ליכט״, די „געלע, רויטע מאָזאַאיק פון פעלדער, געצוימט אין ראַמען פון וועלדער״. קלאַנגען, פאַרבן, ריחות פון פלאָרידע, סאַליוואַן קאַונטי, פּאַל ריווער.

רירנדיק ביז גאָר און טיף־ווירקנדיק מיט זייער פּאַטעטישער ערלעכקייט זיינען די מוטער־לידער אָדער לידער מיט מוטער־מאָטיוון: „צו אַ טאָכטער״, „דאָס ערשטע בוך״, „ס'פאַלן שטילע טרערן״, „צו מיין זון, וועלכער האָט מיר געשענקט העל־בלויע קאַרעלן״, „אַ וויג־ליד״, „איך וועל אַנטלויפן״, א. אַנד.

צווישן די פיל העל־פינקלדיקע לידער אינעם בוך זיינען: „דעם מיידלס טויט״, „סאָניע״, „צו מיינע קינדער״.

און מאָדנע און צום שטוינען: דער סאָציאַלער מאָטיוו, די סאָציאַלע טעמע פעלט אינגאַנצן אין דער לידער־זאַמלונג. כאָטש מען קאָן אָננעמען: אַ סך פון די לידער פון דער ליידנדער פרוי און מוטער זיינען דערהויבן צו סימבאָלן־בילדער — זיי זיינען אינדיווידועל־סוביעקטיוו אין אויסדרוק און פאָרם, אָבער אַלגעמיין, אוניווערסאַל, סימבאָליש אין תוך, אין סאַמע עצם. זיי רעדן אויך וועגן העם כלל.

דערפאַר איז אָבער דער סאָציאַלער מאָטיוו אַ תוך־זאַך, אַ עיקר, אין די מערסטע פון די צען זייער פיינע, ליריש־דיכטערישע, פּסיכאָלאָגיש־פאַרטיפטע, ממש־דערפרישנדיקע דערציילונגען. מיטלייד מיט די ליידן פון ברודער מענטש איז דאָס סאַמע וועזנטלעכע אין אָט־די גוט־פאַרטראַכטע און פאַכמעניש־קאָנסטרואירטע קורצע דערציילונגען.

די קרעפטיקע דערציילערין ברענגט צום אויסדרוק איר האַס צום ווילדן, טעמפּן ראַסיזם און איר נאַטירלעך־מענטשלעכן טרויער אויף די עינויים און פּייניקונגען, וואָס די קינדער פונעם נעגער־פאָלק האָבן אויסצושטיין אין די דרום־שטאַטן (דערציילונג „די ווילדע קאַץ פון ווירדזשיניאַ״). אַן אַנדער דערציילונג, „טאַמעלע״, ברענגט־אַרויס טיף און עכט די ליידן פון אַ מוטער, וואָס פאַרלירט איר פּיצל קינד, „אַן אומשולדיק פייגעלע״.

אַ טיפן איינדרוק לאָזן איבער אַזעלכע דערציילונגען, ווי „בעלאַ איז פאַרליבט״ (קענטיק, אויטאָביאָגראַפיש), „דזשעקס טויט״ (דער אומקום פון אַ

יונגן, לעבנסלוסטיקן בחור), „די פאַבריק". אפשר איינע פון די פיינסטע דערציילונגען אין דער מאָדערנער בעלעטריסטיק (ניט בלויז יידישער) איז די דערציילונג „אַ טענצערין". טיפער צער ווייעט פון אָט־דער טשעכאָווי־שער דערציילונג וועגן אַ ניט־פאַרווירקלעכטן טרוים פון אַ צאַרטער פרוי (צו ווערן אַ טענצערין) — אַ טרוים, וואָס ווערט „רעאַליזירט" ערשט אין אַ סאַנאַטאָריום, וואו „זי שוועבט, שוועבט שטיל מיט אַ לייטזעליקן שמייכל אויף אירע צעטריקנטע ליפּן".

די זעכצן בילדער אין פאַרב (מיט פענדזל) זיינען אַ האַרמאָנישע דער־גאַנצונג צו די בילדער אין וואָרט (מיט דער פען). דער בוך איז צוזאַמענגע־שטעלט מיט האַרגפעליקייט און געטריישאַפט דורך ס. ד. און עפנט זיך מיט אַ וואַרעם וואָרט פון דער דיכטערינס קינדער.

אַ פיינער אויפטו איז אויך די אַרבעט פונעם זייער ערנסטן אחריות־דיקן ביבליאָגראַף יעפים ישורין, וועלכער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַן אויס־שעפּלעכע „צילִיע דראַפּקין ביבליאָגראַפיע".

דער בוך גיט אַ ברייט בילד פונעם שאַפן פון דער טאַלאַנטפולער פער־זענלעכקייט צילִיע דראַפּקין: דיכטערין, דערציילערין, מאָלערין.

יוני 14, 1959.

ל. מילער

(געבוירן אין 1889)

.1

ל. מילערס נייער בוך לידער „אייביק לעבן“ (פֿאַרלאַג יידיש אַמעריקע“, ניו־יאָרק, 1959) איז אַ ווייטערדיקער, העכערער שטאַפּל אין זיין קוואַליקן פּופּציק־יאָריקן ליטעראַרישן שאַפֿן. דער בוך („נייע און אָפּגעקליבענע לידער, 1909־1959“) איז אַ מין אַנטאָלאָגיע פֿונעם דיכטערס לידער — זאַמלונג אָדער זאַמלבוך, וואָס גיט דעם לייענער אַ געלעגנהייט צו זען דעם פּאָעט ל. מילער אין פּראָצעס פֿון זיין ליטעראַרישן וואוקס, אין די פֿאַרשיידענע שטופֿן און פּעריאָדן פֿון זיין אַנטוויקלונג אַלס וואָרט־קינסטלער.

דער בוך (192 זייטן) איז, לויט אַ פּלאַן און סדר, איינגעטיילט אין צען טיילן. די ערשטע פֿינף אָפּטיילונגען (88 זייטן) באַשטייען פֿון לידער, וואָס דער דיכטער האָט געשאַפֿן אין די יאָרן 1948־1959. אַהער קומען־אַריין די לידער־סעריעס: שלום, לזכרון, מענטש אינמיטן, פּאַריז און קאָט ד'אַזיר, אין לאַנד פֿון זיוויג און פֿון ליבע. אין זעקסטן טייל קומען־אַריין אייניקע לידער פֿונעם דיכטערס בוך „שטורעמס און רעגנבויגנס“, 1939־1948; דער זיבעטער טייל נעמט־אַריין אַ צאָל לידער פֿונעם בוך „דאָ איז מיין היים“, 1919־1939; דער אַכטער טייל באַשטייט פֿון אַ צאָל לידער פֿונעם דיכטערס ערשטן בוך „אויף גאָטס וועלט“, 1913־1919; אין ניינטן טייל קומען־אַריין ל. מילערס ערשטע פֿינף לידער, 1909־1913; דער צענטער און לעצטער טייל באַשטייט פֿון קינדער־לידער און באַלאַדעס, געשאַפֿן אין די יאָרן 1948־1959.

די לידער־זאַמלונג איז ניט בלויז, אין אַ היפּשער מאָס, אַ קינסטלערישער שפּיגל פֿונעם דיכטערס האַרץ און מוח, געמיט־צושטאַנד, לעבן־אָנשויאונג, וועלט־באַנעם, שטימונגען און געפֿילן פֿונעם דיכטער ל. מילער, נאָר אויך אַ שפּיגל פֿונעם פּנים פֿון אונדזער צייט: אַרבעטער־לעבן אין אַמעריקע אין משך פֿון אַ האַלבן יאָרהונדערט; די אַנגסטן פֿון אַרבעטסלאָזיקייט, די צווייטע וועלט־מלחמה און די שוידערלעכע נאַצי־שחיטות אויף יידן, געבורט פֿון דער „יו־ען“, אויפֿלעבונג פֿון נאַציזם אין מערב־דייטשלאַנד, דער העראָאישער קאַמף פֿון די פֿעלקער פֿאַר וועלט־שלום.

צי ריידן מיר דאָ וועגן פּאָליטישע לידער? ניין, די מערסטע לידער אינעם בוך זיינען לירישע, פילאָסאָפישע, עפּישע — אָבער עס קלאַפּט אין זיי תמיד דער פּולס פון אונדזער צייט. דאָס זיינען לידער פון אַ פּראָגרעסיוון דיכטער, וואָס לעבט מיט זיין עפּאָכע און וואָס געפינט דאָס העכסטע גליק זיינס אין זיין פאַרבונדנקייט מיטן פאָלק. אין פיל פון די לידער (באַזונדערס אַנהויבנדיק מיט זיין צווייטן לידער־בוך: „דאָ איז מיין היים", 1939) זיינען פאַראַן שטיקער אַמעריקע, שטיקער יידיש פאָלקס־לעבן.

וואָס זיינען די הויפּט־שטריכן און דערגרייכונגען פון ל. מילערס דיכטערישן שאַפן? דאָס זיינען: אייגנאַרטיקייט, לויטערקייט און פשטות פון וואָרט, אומגעקינצלטקייט, פּאָעטישע רייפקייט, היימישקייט מיטן און צווישן פאָלק, געזונטע מונטערע אָפּטימיסטישע לעבנס־פילאָסאָפיע, ליכטיקער גלויבן אַז לעבן איז אייביק און פאָלק איז אייביק, און אַז מענטשלעכקייט און סאָציאַלער יושר וועלן סוף־כל־סוף זיגן.

דעם דיכטערס „אני מאמין" קומט קרעפטיק צום אויסדרוק אין פיל פון זיינע לידער אין די דייפערע פעריאָדן פון זיין שאַפן. זיין קרעדאָ איז אין אַ קאָנצענטרירטער פאָרם פאַראַן אין דעם נאָמען פונעם בוך — „אייביק לעבן", ווי אויך אין דעם מאָטאָ־ליד, מיט וועלכן עס עפנט זיך די זאַמלונג „לעבן":

לעבן —
עס איז דער טויט אַן אויגנבליק אַזאַ,
אַ בייזער טרוים:
געווען — און איז ניטאָ!
נאָר דו, נאָר דו,
ביסט אומעטום און אייביק דאָ!

ל. מילערס לידער זיינען אין עצם עכטע געזאַנגען צום לעבן — צום לעבן פון ערלעכער מי, פרייהייט, גערעכטיקייט און ברידערלעכקייט; צום מענטש, דעם מענטש פון פראַצע, דעם „בחיר היצורים": צום פאָלק.

די ערשטע פינף אָפּטיילונגען — די נייע לידער־סעריעס, געשאַפן אין די לעצטע צען־עלף יאָר — ווייזן אַ באַדייטנדיקן קינסטלערישן וואוקס: מער צימצום פון וואָרט, מער געלייטערטקייט און בילדלעכקייט פון אויסדרוק, עפּישע פילאָסאָפישע פּאַרקלערטקייט און פאַרטיפטקייט, העכערע מדרגה פון מייסטערשאַפט און פערזן־טעכניק.

די ערשטע אָפּטיילונג (1959־1948) עפנט זיך מיט אַ פּרעכטיקער פּאָעמע פון שלום. איבער די זינגענדיקע שורות פון דער פּאָעמע פלאַטערט כסדר די „שלום־טויב די ווייסע". די זיבן לידער (פון דער פּאָעמע) שוועבן איבערן געמיט ווי „לשנה־טובה טויבן, שלום־טויבן". עכט, צאַפּלדיק, טיף־הומאַניסטיש רופט דער דיכטער צו די שלום־טויבן:

„ברענגט, אַ, ברענגט צו יעדן פאָלק און לאַנד
מיין לשנה טובה".

אויף אַ נאַטירלעכן אופן שטראָמט, פליסט דעם דיכטערס גלויבן אין

מענטש און פעלקער־פריינטשטפט. זיין לעבנס־פילאָסאָפיע ווערט אויסגע־דריקט אין די פשוטע, פערלדיקע שורות:

„מיין געזאַנג איז וועלט און שלום;
מענטש און לעבן אין מיין ליד".

אַ שטראַלנדיק געזאַנג צו אונדזער מאַמע־לשון איז די פּאָעמע „יידיש". מיט באַרעכטיקטן שטאָלץ הויבט־אַרויס די פּאָעמע די חשיבות פון אונדזער פאָלקס־לשון, „די צונג פון פּראָצע־מענטש". מיר זעען דעם גאַנג פון „יידיש — אונדזער גרויס וואונדער" אין משך פון די דורות. יידיש — „אויף זאַפטן פון לעבן פון ערלעכן, פּראָסטן געגערט זיך", יידיש — „געזונגען אין שוויס־שאָפּ ביים רויש פון מאַשינען". אין דעם דיכטערס ליבשאַפט־ליד צו אונ־דזער וואונדערלעך לשון איז פאַראַן אויך גלויבן אין דעם קיום און אויפ־האַלט פון יידיש, אין יידיש־לעבן — „אין כאָר מיט די פעלקער".

אין טאָן פון גאָרקי, טורגעניעוו און אַנדערע גרויסע וואָרט־שאַפער, וואָס האָבן מיט שטאָלץ באַזונגען די שפּראַך פונעם רוסישן פאָלק, קלינגט ווירדיק און דערהויבן דעם דיכטערס געזאַנג צו יידיש:

„אונדזער געזאַנג, אונדזער גאַנג,
אונדזערע מוטיקע טריט,
אונדזער ליד —
יידיש!"

דעם דיכטערס גלויבן אין מענטש, אין זיין פונדאַמענטאַלער גוטסקייט, אין זיין ענדגילטיקן זיג איבער חושך און בייז, קומט צום אויסדרוק אין פיל פון זיינע נייע, קינסטלעריש־רייפערע, צייטיקערע לידער, פונקט ווי אין זיינע ביכער „שטורעמס און רעגנבויגנס" און „דאָ איז מיין היים". דאָס זיינען לידער פון העלן בטחון, וואָס דערמוטיקן, קרעפטיקן דעם לייענער:

„וואָס אין לעבן האָט געטראָפן,
לערן איך דערפון און וויים.
לעבן לערנט מיך צו האָפן,
אַז פאַרשווינדן וועט דאָס בייז" —

און דורך דער תמימותדיקייט פון די פשוטע, קלינגענדיקע שורות פונעם דיכטער דעם בעל־בטחון טראָגט זיך אַריבער זיין האָפענונגפולקייט אויך צום לייענער.

מיט דערהויבנדיקן פרייהייט־גייסט, מיט קראַפט און ברויז אָטעמען אויך אַזעלכע טיף־מענטשלעכע, טיף־אַמעריקאַנישע לידער, ווי „דער לאָקאָמאָטיוו־הייצער" (יודזשין וויקטאָר דעבס), „מעיד אין יו. עס. עי.", „פּאָל ראָבסאָן", א. אַנד. ווהיטמאַניש־נביאיש פלאַטערט דעם דיכטערס וויזיע איבער אַזעלכע לידער, ווי „מיין ליד — מיין גלויבן", „איך זינג דאָס ערלעכע און גוטע", „אַזוי וועט זיין", און פיל אַנדערע.

באַזונדערס שיין, בילדערדייך, מאָלעריש זיינען ל. מילערס לידער אין די צוויי סעריעס „פּאַריז" און „קאָט ד'אַזיר". אָט־די לידער האָט דער דיכ־

טער געשאַפן בעת ער האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק פאַרבראַכט אַ היפּשע צייט אין פראַנקרייך. דאָס זיינען דערהויבענע געזאַנגען צו דער האָרעפּאַשנער, קעמפנדיקער, פאָראויסמאַרשירנדיקער פראַנקרייך, צו איר פרייהייט־ליבנדיקן פאָלק, צו אירע „מענטשן ערלעכע און פּשוטע“, צו איר גייסט פון חברשאַפט, צו איר העלדן־געשיכטע פון קאַמפן פאַר מענטשן־רעכט, פאַר ברידערלעכקייט און דער ווירדע פון מענטש, צו אירע נאַטור־און קולטור־וואונדער. ווי אַ רעפרעין קלינגט־אָפּ דעם דיכטערס שיר־השירימדיקע שורה: „און מיין האַרץ איז פול מיט ליבע“.

צווישן אָט־די ברייט־אָטעמדיקע, באַגייסטערטע לידער און פּאָעמען שיינט באַזונדערס־אַרויס די רירנדיקע פּאָעמע „פּער־לאַשעז — זיבן־און־צוואַנציקסטער מאַי“ („קאָמונאַרן־טאָג), וואָס שמעקט „מיט דופט פון יונגן בעז“ — און מיט דער הייליקער טראַדיציע פון דוד עדעלשטאַט. דורך דער פּאָעמע שטראָמט דאָס מאַרסעליעזע־געזאַנג:

„ווינטלעך ברענגען צו דער קאָמונאַרן־יאַנט
ווייכע, ווייטע טענער פון דער „מאַרסעליעז“.

וואונדערלעכע בילדער — טענער פון קאָמונאַרן־ליד — ריחות פון מאַי. זיגן וועט דאָס פאָלק. מיר הערן זיינע מעכטיקע טריט:

„דורות יורשים פון פּאַריזער קאָמונאַרן,
זין און טעכטער, טרייע בויער פונעם לאַנד,
אין דעם לאַנדס געראַנגל, דורותדיק דערפאַרן,
שטראָמען ציל־באַוואוסט צו קאָמונאַרן־וואַנט“.

דער לייענער פילט זיך דערהויבן פונעם דיכטערס געזאַנג צו די העלדן פון פאָלק און זינגט־מיט די פינאַל־שורה:

„דורותדיקע העלדן בלייבן אייביק, אייניק, הייליק“.

צאַרט און זוניק איז די סעריע ליבע־לידער „אין לאַנד פון זיוויג און פון ליבע“. דער אויסגעחלומטער וואונדער פון ליבע, פון ליבן און געליבט ווערן, ווערט שטיל, תפילהדיק אויסגעזונגען און געשפּילט אויף דיגע האַרפן־סטרונעס:

„און אומדערוואַרטערהייט געשען האָט, וואָס געגאַרט
מיר האָבן יעדע שעה פון דעם מעת־לעת —
מיר האָבן זיך דערזען, דערקענט און זיך דערפרייט.
עס האָט מיט אונדז געשען דער גרויסער נס“.

איר האָט דאָ עכטע ליבע־ליריק. אויך די מוטער־נאַטור ווערט אַ מיט־באַטייליקטע אין דער ליבע. אין איינעם פון זיינע לידער צום ים, וועמענס רויש און אומרו דער דיכטער זוכט צו באַנעמען אויך אין אַנדערע ים־לידער, רופט ער אויס:

„איך בעט איך, כוואַליעס, נעמט צוריק מיט זיך
אַ בריוול צו דער ליבסטער,
צו דער איינאונאיינציקער ראַשעל!“.

די ליבע, וואָס טראָגט זיך פונעם דיכטערס פערזון פריי און פרילינגדיק, איז ביט קיין עגאָצענטרישע. זי איז באַהאַפטן מיט אַלע אַנדערע סאָציאַלע טרוימען און באַגערן פונעם דיכטער; זי איז פאַרוועבט מיט סביבה און צייט:

„וועבט זיך אַרום אונדז דער איצט
און באַהעפט אונדז מיט שפעטער" —

ווערט די ליבע און דאָס געזאַנג פון ליבע „אַריינגעוועבט אין דעם איצט און שפעטער", ווייל „אונדז בינדט דער גלויבן צו דעם מאָרגן לאַנג־געַ־גאָרטן".

זייער פּאָסיק איז דעם מחברס אויסוואַל פון די לידער פון זיינע פרי־ערדיקע ביכער: „שטורעמס און רעגנבויגנס", „דאָ איז מיין היים" און „אויף גאָטס וועלט". פונעם בוך „שטורעמס און רעגנבויגנס" (1948) זיינען גענו־מען פיר לידער־סעריעס: „דאָס לעבן וויינט", „סאַן־פראַנציסקאָ — שטאָט פון ערב־פרידן", „לידער צו שמאי'ן", „דער מענטש אַנטלויפט אין וואַלד אַריין זיך ראַטעווען".

דער שרעקלעכער יידישער חורבן, פאַראורזאַכט דורך די נאַצי־באַרבאַרן, ווערט קינה'דיק באַוויינט אין דער ערשטער סעריע. פאַראַן דאָ ביטערער געיאָמער אויפן גרויסן חורבן. פראָפעטיש קלינגט דעם דיכטערס שאַרפע וואָרנונג צום פּאָלק, צו דער וועלט, אין זיין וויזיאָנעריש ליד „דער רעגנ־בויגן האָט זיך פאַרשעמט" — אַ ליד אויפן סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און מיליטערישן זיג איבערן היטלעריזם. דער דיכטער שילדערט די תיבה, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט נאָכן בלוטיקן מבול: עס שטייט שוין די תיבה לער; אַרויסגעקומען איז פון איר „דער ערשטער פון דעם מבולס איבערבלייב — אַ ייד, אַ קינד מיט גרויע האָר". און אָט קומט פון דאָרט אַרויס:

„דער גזלן פון דער וועלט, דער יידן־מערדער,
וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין דיין תיבה — גאָט,
מיט זיין קרבן פון דיין פּאָלק!"...

איצט איז „דער גזלן פון דער וועלט" ווידער שטאַרק, באַוואָפנט, ווי־דער אַ דראָענדיקע מאַכט אין מערב־דייטשלאַנד, ווידער — אַ געפאַר פאַרן שלום פון דער וועלט.

אין אַ באַדייטנדיקער צאָל לידער אין דעם בוך זיינען פאַראַן אָריגי־נעלע נאַטור־בילדער, פּייזאַזש־צייכענונגען, געמעלן מיט פרישע, העלע פאַרבן. אַזעלכע בילדער זעען מיר אין דער פילאָסאָפיש־סימבאָלישער פּאָעמע: „דער מענטש אַנטלויפט אין וואַלד אַריין זיך ראַטעווען". דער וואַלד ווי אַ קאָלעק־טיוו און די ביימער באַזונדער — לעבן און זיינען דורכן דיכטער „פאַר־מענטשלעכט".

דער טאָן פון פאָלקסטימלעכקייט, פון קלאָרן טאָג־טעגלעכן פּשוטן פאָלקס־לשון, אָנגעזאַפּט מיט פאָלקס־חכמה, קלינגט פּאָעטיש און געלייַ־טערט אין דעם דיכטערס אויסגעצייכנטע „פראָסטע לידער" (שמועסן פון אַן

אַרבעטסלאַזן (מיט זיין פרוי און מיט זיין קינד) פונעם בוך „דאָ איז מיין היים" (1939).

אַ חוש פאַר פּלאַסטישקייט און מוזיקאַלישער ריטמישקייט האָט שוין דער דיכטער אַנטפּלעקט אין די לידער פון זיין ערשטן בוך: „אויף גאַטס וועלט" (1919). אויך פון יענעם בוך, געשריבן אין די יאָרן 1913־1919, ווען דער דיכטער איז אין אַ געוויסער מאָס געווען אונטער דער השפּעה פון דער בירגערלעך־עסטעטישער ליטעראַרישער גרופּע אָדער ריכטונג, וואָס האָט זיך גערופן „יונגע", — אויך פון יענעם בוך האָבן מיר אַ פּאָסיקן אַפּקלייב פון לידער. פאַראַן דאָ די באַרימט־געוואָרענע פּאָעמע „טעניס", וואָס האָט אין איר צייט געמאַכט אַ רושם אויף לייענער און שרייבער סיי טעמאַטיש, סיי דורך די קינסטלערישע מיטלען, וואָס דער יונגער דיכטער האָט באַנוצט; פאַראַן דאָ אויך דעם דיכטערס אַבסטראַקטע, מיסטישע לי־דער־טרוימען „פון וויסן יום־טוב". אַ שטאַרקן איינדרוק מאַכט די פּאָעמע „דאָס ליד פון מיין איך". שוין אין יענעם פעריאָד זוכט דער דיכטער צו באַהעפטן זיך מיטן האַרעפּאַשנעם מענטשן־כּלל, מיטן שטאָטישן אינדוסט־ריעלן קאָלעקטיוו. שוין דאַן רופט ער אויס:

„שטאָט:
האַמער איין מיין לעבן
אין דיין שטאָל און אייזן.
רייס אַרויס מיט דיינע שטיינערנע הענט
די רו פון מיין האַרצן
און גיס אַריין דיין פייערדיקן בראַנד
צו מיר אין בלוט".

צווישן דעם דיכטערס ערשטע פינף לידער (1909־1913) פאַרנעמט, פאַר־שטייט זיך, אַן אָנגעזעען אָרט דאָס ליד „טראַיענגל־פייער", אין וועלכן ער באַווייזט מיט „שטומען צער און צאָרן" די שרעקלעכע טראַגעדיע פון די פאַרברענטע אַרבעטער־מיידלעך. שוין דאַן, אין 1911 — זעען מיר — האָט דער דיכטער געלעבט מיט די וויטאָקן און ליידן פונעם אַרבעטנדיקן, עקס־פּלואַטירטן כּלל.

אַ באַזונדער און געראָטן ווינקל אין דעם דיכטערס שאַפן איז זיין קינ־דער־ליד. דער בוך שליסט זיך מיט 9 קינדער־לידער און באַלאַדעס (1948־1959), וואָס זיינען גוט באַקאַנט צווישן די קינדער אין אונדזערע שולן.

אָט־די אָפּטיילונג שליסט־איין די פּרעכטיקע „מעשה פון איינעם און אַלע".

פון 1909 ביז 1959 — אַ היפּשער מהלך! אַ האַלבער יאָרהונדערט פון ענערגישן, דיכטערישן, שעפערישן גאַנג באַרג־אַרויף! אין אָט־די פופ־ציק יאָר האָט ל. מילער, איינער פון אונדזערע באַדייטנדיקסטע, טאַלאַנט־פולסטע, פירנדיקסטע דיכטער, פאַרצייכנט וואָגיקע, ווערטפולע בייטראָגן צו אונדזער ליטעראַטור דורך פּאָעטישע סאָציאַל־לירישע שאַפונגען, דורך זיינע מוטיקע, מונטערע, לעבנספולע לידער און פּאָעמעס, רייך און פייל־

פאַרביק אין אינהאַלט און פאָרם, אין מאָטיוון, אין אימאַזשן און מעטאַפאָרן, אין ווערטער־בילדער און וואָרט־קאָמבינאַציעס, אין טיף־מענטשלעכן פראָגרעסיוון גייסט. באַגריסן מיר האַרציק ל. מילערן מיט זיינע פופציק יאָר שאַפן און ווינטשן אים נאָך פיל־פיל ברכהדיקע שפּעדיקע יאָרן פון נאָך מער באַריכערן אונדזער ליטעראַטור.

האַרבסט, 1959.

2.

געווען איז עס אין די צייטן פונעם צווייטן יאָרצענדליק פונעם הייַנטיקן יאָרהונדערט. אין דער יידישער דיכטונג אין אַמעריקע האָט דאַן געהערשט די ריכטונג פון די אַזוי־גערופענע „יונגע", וועמענס לאָזונג ס'איז געווען „קונסט לשם קונסט".

אָט אין יענער צייט, דעם 1טן אַפּריל, 1911, האָט די ניו־יאָרקער וועכנטלעכע „פרייע אַרבעטער־שטימע" אָפּגעדרוקט אויף דער ערשטער זייט אַ ליד פון ל. מילער „אויף די קברים פון די טויטע — צו די לעבעדיקע", געשריבן אונטערן פרישן איינדרוק פון דער שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע פונעם „טריינגל"־פייער, וואָס האָט אומגעבראַכט נאָענט צו 150 מענטשן. פונעם ליד דערטראָגט זיך אַ שטים פול מיט ווייטיק און פּראָטעסט. דער פּראָטעסט איז נאָך ניט געצילט אין דער געהעריקער ריכטונג, קעגן דעם רויבערישן קלאַס, נאָר דורכן ליד אַנטפּלעקט זיך שוין אַ געשטאַלט פון אַ דיכטער, וואָס ווייטיקט טיף אויפן אומגליק פונעם כלל.

כ'וועל אין האַרצן שטיקן מיינע ליידן
און וועל שווייגן שטום, איך וועל ניט ריידן...
...שטום וועל איך באַוויינען די קרבנות דיינע!
שטומער ווייטיק מיינער...קינדער מיינע!

דאָס ליד, דורכגעזאַפּט מיט צער און צאָרן, האָט אין יענער צייט געמוזט לאָזן אַ טיפן איינדרוק. דאָס איז געווען דעם דיכטערס ליטעראַרישער אָנהייב. אַ פּרעכטיקער אָנהייב!

בעת די „יונגע" האָבן אין זייערע „איינזאַמע צעלן" געגריבלט זיך אין זייער אייגענעם איך, האָט זיך שוין אין די ערשטע לידער פון ל. מילער (אינעם ערשטן פּעריאָד פון זיין שאַפן, אין די יאָרן 1917־1911) געשפּירט אַ הייסע סאָציאַלע ליידנשאַפט, אַ קרעפטיקער סאָציאַלער פּאַטאָס.

שוין דאַן, בעת ער האָט געשטעלט זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט, האָט ער דעקלאַרירט זיין סאָציאַלן צוגאַנג צום לעבן, זיין ליבשאַפט צום מענטשן.

דאָס איז געווען דער אָנהויב, דער ערשטער פּעריאָד פון ל. מילערס שאַפן.

דער צווייטער פּעריאָד, אומגעפער פון 1917 ביז 1925, איז אַ צייט־אָפּשניט, ווען דער דיכטער פאַלט אונטער דער השפּעה פון דער בורזשואַזער

ליטעראַרישער טראַדיציע פון די „יונגע״ און ווערט טיילווייז איינער פון די „יונגע״. אָט יענער פּעריאָד קריגט אויסדרוק אין ל. מילערס ערשטן בוך לידער „אויף גאָטס וועלט״, וואָס איז דערשינען אין 1919 (ניו־יאָרק, פאַר־לאַג „אַמעריקע״). שוין אין אָט־דער ערשטער לידער־זאַמלונג פונעם דיכ־טער איז פאַראַן אַן אייגענער טאָן, אַן אייגנאַרטיק וואָרט. אָבער מערסטנס איז עס אַ זאַמלונג געזאַנגען צו זיך און פון זיך. מילער דער דיכטער זינגט וועגן מילער דעם מענטש און דיכטער. עס שפּירט זיך שטאַרק דער סימ־באָליסטישער איינפלוס פון די „יונגע״.

אמת, די לידער זיינען פריי פונעם פינצטערן פּעסימיזם, יאוש, האָפ־ענונגסלאָזיקייט, אָבער זיי זיינען איינגעהילט אין אַ נעפּל פון אומקלאָרקייט; עס הויערט איבער זיי אַ הויך פון „עפּעס״דיקייט.

דאָס זיינען שטילע לידער, וואָס דערציילן וועגן דעם דיכטערס פאַר־ליבטקייט אין לעבן, אין ליבע, אין לידער — און אין זיך. דורך אָט־דער פערזענלעכער ליריק וועבט דער דיכטער אַ חלום וועגן עפּעס אַ יום־טוב, אַ נעפּלהאַפטן, אומקלאָרן יום־טוב. ער דערציילט וועגן זיך אין סאַמע ערשטן ליד, אַז:

וי עס קומט אַ גאַסט אויף יום־טוב,
אַזוי בין איך געקומען אויף גאָטס וועלט.

מיט כאַראַקטעריסטישער זעלבסטפאַרליבטקייט, דורך סימבאָליש־פאַר־הוילענע ווערטער און בילדער, דערציילט ער אוגדה וועגן דעם „ליבן קלאַנג״ פון זיינע טריט, וועגן זיין „העלן בליק״ און „גוטן שמייכל״, וועגן זיין „ליב און גוט געשטאַלט״. מאָטיוון פון פערזענלעכער ראָמאַנטיק, פון פּאָעטי־זירטן אומעט און בענקשאַפט, פאַרוועבן זיך מיט מאָטיוון פון ליבע, ליידנ־שאַפט און עראָטיק. פון איין זייט — אַ געזונטע לעבנס־פרייד, „אַ יום־טוב פרייד אין האַרץ״, אַ פאַרגאַפטקייט פון „פאַרליבטע טריט אין קלאָרן שניי״, אַ פאַרשיכורטקייט פון „ראָזע, רויטע, ווייסע בליטן״, אַ געזאַנג צו „פרישן לייב און פייכטע גראָזן, מאָרגן־ליכט און דופט״; און פון דער צווייטער זייט — די שרעק פאַרן „רוף אַהיים״, די אידיליע־שטערערישע פילאָסאָפיע פון „אַלע גייען מיר אַהין״...

פאַר זיין פילאָסאָפיע פון פאַטאַליסטישער „באַשערטקייט״, מידה פון גוטסקייט און האַרציקייט (צו אַלעמען!) און פאַרטיפונג אין זיין איך־וועלט, האָט דער דיכטער געפונען אַ פאַסיקע, קינסטלערישע פאָרם. שטילע לידער, שטילער טאָן, לא ברעש. אידילישע רו און צערטלעכקייט אין יום־טובדיקן, ניט־שרייערישן, ניט־הילכיקן פּאָעטישן וואָרט. אַ באַזונדערע פרישקייט און נייקייט פון וואָרט ווייעט פון זיינע אָריגינעלע טענים־לידער — אַ נייעס אין דער יידישער פּאָעזיע.

דער סימבאָלישער קאָליר, אין וועלכן דער דיכטער איז אין יענע יאָרן פאַרליבט, איז ווייס: „ווייסע טויב״, „ווייסער יום־טוב״, „ווייסער טרוים״, „ווייסע שליירס״, א. אַז. וו.

שוין אין זיין ערשטער לידער־זאַמלונג ווערט דעם דיכטערס אידיליע איבערגעריסן דורך דעם „טומלדיקן געדויש פון גאַס", און אין אַ לידער־סעריע „די שטאָט" מאַכט ער אַ פּרואוו אַפּצורייסן זיך פון זיין „איך"־ליריק און אַריינקלייבן זיך אין אַ טענעמענט הויז, „אין פּאַרק", „אין שאַפּ". אין אַט־די לידער זיינען שוין פאַראַן די זוימען פונעם שפּעטערדיקן פּראָגרע־סיוו־לינקן דיכטער. דאָ איז נאָך פאַראַן אַבסטראַקציע, פאַרנעפּלטקייט, אָבער אויך אַ פאַרזוך צוצוליגן אַן אויער צו דער ליידנפולער, ביטערער ווירק־לעכקייט.

***

אונטערן איינפלוס פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע, פון דער וואַקסנדיקער יידישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, פון סאָציאַליסטישן אויפבוי און קולטור־אויפשטייג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, באַ־פרייט זיך ל. מילער פון דער השפּעה פון די „יונגע", סיי אידעאָלאָגיש, סיי ליטעראַריש, און פאַרבינדט זיך מיטן קעמפנדיקן פּראָלעטאַרישן לאַ־גער און מיט זיין ריכטונג אין דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע — מיטן „פּראָלעטפּען". עס הויבט זיך אָן אַ נייער, שעפערישער פּעריאָד אין זיין דיכטערישער אַנטוויקלונג — דער דריטער פּעריאָד, וואָס איז אַ פרוכטבאַ־רער המשך פון זיין אַנהויב, פון זיין סאָציאַלן ליד, — דער פּעריאָד, ווען ער באַהעפט זיך מיטן אַוואַנגאַרד פונעם אַרבעטער־קלאַס און ווידמעט זיין טאַלאַנט דעם קאַמף פאַר סאָציאַליזם.

אין אַט־דעם פּעריאָד מאַכט־דורך דער דיכטער זיין סאַמע אינטערע־סאַנטסטע אַנטוויקלונג. שטופנוויז, בהדרגהדיק, ווענדעט ער זיך צו אַ נייער טעמאַטיק און אויך צו נייע דיכטונג־מעטאָדן, צו נייע פאָרמען, וואָס זאָלן גוט קליידן דעם נייעם אינהאַלט. מיט אַ נייעם שוואונג, ערלעך און אויפריכטיק ווי תמיד, וואַרפט זיך דער דיכטער אויף דער נייער טעמאַטיק: אויף דעם שטורעמדיקן, ברויזנדיקן הרת־עולמדיקן היינט מיט זיינע מורא־דיקע קאַמפן.

דורך קינסטלערישן וואָרט הויבט זיך אָן צייכענען אַ קלאָרע פּראָלע־טאַרישע קלאַסן־ליניע. די לידער דערציילן וועגן דעם דיכטערס פאַרבינ־דונג מיטן פאָלק און זיינע פרייהייט־טראַדיציעס.

אַט־די לידער זיינען דערשינען אין בוך־פאָרם אין 1939 (פאַרלאַג „סיג־נאַל" ביים „פּראָלעטפּען", ניו־יאָרק) אונטערן נאָמען „דאָ איז מיין היים".

„דאָ איז מיין היים" איז מער ווי אַ נאָמען פון אַ בוך. דאָס איז אויך אַ דיכטערישע „קרעדאָ", אַ קינסטלערישער אני־מאמין. מיט אַט־דעם צוויטן בוך האָט דער דיכטער געמאָלדן, דעקלאַרירט: דאָ איז מיין היים.

פון אַ „גאַסט" אויף „גאָטס וועלט" ווערט דער דיכטער אַ תושב אויף מענטשנס ערד, אַ תושב אַ קעמפער, וואָס לאָזט וויסן דער וועלט: דאָ איז מיין היים — דאָ אויף דער האַרטער ערד, אין קאַמף פאַר אַ שענערן מאָרגן. ניט קיין גאַסט — נאָר ביי זיך אין דער היים, און טאָקע מיט אַ טאָן פון היימלעכקייט, פון היימישקייט.

זיין צווייטן לידער־בוך עפנט דער דיכטער מיט אַ ליד, וואָס אַנט־פּלעקט זיין צוגאַנג צו ליטעראַטור, ווי צו וואָפן אין קאַמף — אַ ליד, וואָס קאָן דינען ווי אַ שליסל צום גאַנצן בוך:

זאָל זינגען ווער עס וויל, פון טויט, פון שרעק און אומגליק.
און ווער עס מוז, זאָל צווייפלען, פאַרלייקענען, פאַרנייגן,
איך — זינג פון לעבן. מיר איז דאָס לעבן ליב און אייגן.
און איך זע איצטער שוין דער צוקונפטס העלן אָנבליק.

ער געפינט פּאַסיק, פּאָלקסטימלעך, דיכטעריש לשון צו דערקלערן זיין נייעם באַרוף: „ברענגען אויפקלער־וואָרט צו יעדנס טיר און טויער".

מיר זעען ווי דער דיכטער פאַרבינדט זיך אַלץ נעענטער מיט דער צייט, מיט די ברענענדיקע געשעענישן. מיר זעען, ווי ער ברעכט זיך איבער אי־דייאיש און קינסטלעריש, פאָרמעל־טעכניש. מיר זעען זיין איבערגאַנג פון סימבאָליזם צו סאָציאַלער ליריק, צו פּראָלעטאַרישן רעאַליזם. דער פּראָצעס איז אַ שווערער. עס זיינען דאָ אַ סך שטערונגען בייצוקומען.

דער פּראָצעס פונעם דיכטערס אידייאיש־קינסטלערישן איבערברוך קומט צום אויסדרוק אין זיינע צוויי אינטערעסאַנטע פּאָעמעס: „מיינע איכן קריגן זיך מיט מיר" און „ערב נייע צייט". אין דער ערשטער פּאָעמע אַנטפּלעקט דער דיכטער אויפריכטיק ביז גאָר דעם געראַנגל פונעם ראַדיקאַלן אינטע־ליגענט, וואָס שטעלט זיך אין די רעוואָלוציאָנערע רייען, נאָר וואָס ווערט נאָך געפּלאָגט און געשטערט דורך די יצר־הרעס פון זיינע רעוואָלטירנדיקע אינדיווידואַליסטישע „איכן", וואָס פּרוּוון אים שלעפּן אויף צוריק. דעם דיכטערס רייפער קלאַסן־באַוואוסטזיין באַהערשט אָבער די פאַרבלענדטע „איכן" און לאָזט זיי וויסן:

איר וועט גיין אַהין,
וואו איך וועל פירן! — — —

דאָס זעלבע אין דער פּאָעמע „ערב נייע צייט", אין דעם ליד „פון דעם, וואָס האָט געוואָלט גיין באַזונדער". דער דיכטער שילדערט אַן אינטעלעק־טואַל, וואָס וויל „גיין באַזונדער", זיין אייגענעם וועג צו זיין אייגן ביסל גליק, נאָר וואָס ווערט געשטערט דורך זיין געוויסן, דורך זיין הומאַניסטישן אחריות־געפיל.

אַ סך לידער אינעם בוך זיינען אָנגעגליט מיטן הייסן פייער פון די שטורמישע אַרבעטער־קאַמפן פון די דרייסיקער יאָרן.

די סאַמע אינטערעסאַנטסטע און בעסטע לידער־סעריע איז די לעצטע, אונטערן נאָמען: „פּראָסטע לידער". אין אָט־דער סעריע קומען צום אויס־דרוק אַ סך מעלות און דערגרייכונגען פונעם דיכטערס רייפנדיקן טאַלאַנט: דאָ זיינען קודם־כל פאַראַן שטיקער רוי־לעבן, קאָנקרעטע, רעאַליסטישע ביל־דער פונעם לעבן פון אַרבעטסלאָזע; פּאָלקסטימלעכקייט, אינטימקייט מיטן לייענער, טאָג־טעגלעכקייט דערהויבן דורכן דיכטערס וויזיע און געזונטן קלאַסן־אָפּטימיזם, באַלויכטן פון זיין טיפער ליבשאַפט צו מענטש, צו פריינט־

שאַפט, צו ברידערלעכקייט. די לידער ווייזן דעם דיכטערס חוש און פיי־איקייט צו דערגרונטעוועט זיך צו פאָלקס־חכמה, צו פאָלקס־שׂכל.

רעדט מען וועגן ל. מילערס סטיל, וועגן זיין דיכטונג־מעטאָד, וועגן דער פּאָעטיק אין זיין צווייטן בוך, דאַרף מען קודם־כל אָנווייזן אויף דער עכטער פּשטות פון זיין ליד: ניטאָ קיין יאָגן זיך נאָך באָמבאַסטיק, נאָך דעם גלאַט „שיינעם", „אויסגעפּוצטן" וואָרט, נאָך פּאָעטישע פליטערלעך, נאָך ווערטער־צאַצקעס. דורך פיינער, דינער איראָניע לאַכט־אָפּ דער דיכטער פון יענעם שרייבער, וואָס „ער רעדט אפילו שיין, — מיט גלאַנץ און בליץ, נאָר אַלץ איז אַבסטראַקט און נעפּלדיק, ווי איינגעהילט אין רויך".

די גאַנצע סעריע „פּראָסטע לידער" איז אַ פיינער אייגנאַרטיקער דיכ־טערישער אײַנפאַל: אַן אַרבעטסלאָזער — אַ קלאַסן־באַוואוסטזיניקער ייד — רעדט צו זיין קינד „וועגן דער זון און וועגן ביליקן רעגנט", וועגן „זון־פאַרגאַנגען"; די פרוי פונעם אַרבעטלאָזן דערציילט פונעם שאָפּ; ער דער־ציילט איר גוטע נייעס פונעם טאָג. ער רעדט מיט איר וועגן „מינכען־נאַכט", 1938; ער דערציילט איר וועגן דעם שכן דעם שרייבער, אַ ייד אַ פאַנטאַזיאָר, נאָר אַ פּאָליטיש־אומבאַהאָלפענער; דער אַרבעטלאָזער פירט אַ שמועס מיטן שרייבער וועגן לעבן און וועגן טויט.

דורך אַט־די שמועסן צויבערט אַרויס דער דיכטער קאָנקרעטע לעבנס־בילדער: בילדער פון נויט און דחקות, פון פּראָטעסט, מוט און גרייטקייט צום קאַמף.

דער פּאָטער, דער אַרבעטלאָזער, ווייזט־אָן דעם קינד אויף דער שיינקייט פון זון־פאַרגאַנג, אויף דעם שלל פון פאַרבן:

וויפל גאָלד און וויפל זילבער!
כאָטש מיט לעפעלעס צו שאַרן.
ניט צום מעסטן, ניט צום ציילן,
ס'וואָלט געגוג זיין יעדן איינעם
איינצוטיילן...

אין דעם שמועס מיט זיין פרוי וועגן מינכען, דערציילט איר דער אַר־בעטלאָזער, אַז ער האָט „אַ גאַנצע נאַכט געהערט יאָמערן פון לויפּנדיקע מחנות יידן"... דעם שמועס פירט ער אויס מיט דער איבערצייגונג, אַז מען דאַרף קעמפן קעגן צעטומלט און פאַרצווייפלט ווערן.

און דער שכן דער שרייבער? דער אַרבעטלאָזער פאָרטרעטלט אים אָפּ אַזוי:

אַז עפּעס אַלעס הויבט זיך אָן ביי אים
פון דאַך, אָדער גאָר פון הימלס הויך,
פון ערגעץ־וואו, מיליאָנען יאָרן ווייט.

און אַז דער אַרבעטלאָזער נעמט זיך „אָרגאַניזירן" דעם שכן דעם שריי־בער און איינקנעלן מיט אים, אַז, קודם־כל, דאַרף מען האָבן ברויט צום עסן און אַ דאַך איבערן קאָפּ, און פרעגט אים צי האָט ער צו באַצאָלן דעם חודש רענט, איז וואָס האָט יענער געענטפערט?

וי אַ קינד האָט ער צעפירט מיט זיינע הענט,
געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין,
און זיך אַראָפּגעבויגן צו דער ערד
עפּעס אויפצוהויבן,
כ׳זאָל ניט זען די טרערן אין זיינע אויגן...

און אין שמועס מיטן שרייבער וועגן לעבן און טויט, דערקלערט אים דער אַרבעטלאָזער:

ווען מענטשן שטאַרבן ניט־געלעבטערהייט —
אָט דאָס איז טויט!

און מיט מאַרקסיסטישער קלאָרקייט און פּראָלעטאַרישער קעמפערישקייט מאַכט ער דעם אויספיר:

עס איז גיטאָ קיין שרעק פאַר טויט,
פאַר פאַרגייענדיקע טעג,
ווען יעדער טאָג איז ווי אַ מילגרוים
פול מיט לעבנס־זאַפט
פול מיט אינהאַלט, פול מיט זין,
פול מיט גליק און פרייד און אויפטו
ווען מען שאַפט.

אָט מיט אַזאַ פשטות און לויטערקייט רעדט דער דיכטער דורכן מויל פון זיין העלד, דעם מונטערן, קלאַסנבאַוואוסטזיניקן האַרעפּאַשניק.

**

ל. מילערס דריטער בוך לידער און פּאָעמעס „שטורעמס און רעגנבויגנס" איז אַ נייער, וויכטיקער שטאַפּל אויפן וועג פון זיין דיכטערישן וואוקס. אין אָט־דעם בוך אַנטפּלעקט ל. מילער נייע, פרישע, דיכטערישע כוחות, נייע מעגלעכקייטן און דערגרייכונגען.

„שטורעמס און רעגנבויגנס" איז דעם דיכטערס אַ נייער „אָז ישיר": האַרציקע, מונטערע, פרייליכע געזאַנגען צום לעבן — צום לעבן אין טיפן ברייטן זין פון וואָרט: צום לעבן וואָס כדאי איז צו לעבן. אָט דאָס איז דער הויפּט־שטריך פון די מערסטע ליריש־פילאָסאָפישע לידער אינעם בוך: געזונטער, אָפּטימיסטישער וועלט־באַנעם; גלויבן אין פאָלק און אינעם זיג פון פאָלק; דאָס לעבן איז אייביק, אומצעשטערבאַר; דאָס פאָלק איז אייביק, אומצעשטערבאַר. אָט־די אידייע וועגן דער אייביקייט פון לעבן און פאָלק איז די נשמה, דער צענטראַלער פּונקט פון מילערס ליד. „לעבן" איז טאַקע דער נאָמען פונעם ערשטן ליד, מיט וועלכן ער עפנט זיין נייעם בוך. דאָס לעבן לעבט אייביק, זינגט דער דיכטער.

געלייטערט אין פייער פון פעסטן גלויבן זינגען די לידער אין דער אָפּטיילונג „דו ביסט מיין פאָלק ווי די פרייהייט — אייביק" — לידער אויפן גרויסן חורבן פון אונדזער פאָלק, לידער פון גרויסער דיכטערישער קראַפט. עס קלאָגט דער דיכטער: „עס וויינט אין מיר מיין אייגן לייב, מיין פלייש און ביין" — און איר הערט דעם געיאָמער פון לעבן, פאַר׳חרוב׳ט דורך די

נאַצי־טמאים, און איר הערט דעם הילף־רוף פון די קרבנות: „העלפט! העלפט! העלפט! עס יאָגן אונדז די רויבער, עס פאַרצוקן אונדז די וועלף".

אונדזער שונא וועט באַצאָלן, אוי, וועט ער באַצאָלן טייער!
אונדזער גרויסער ברודער וועט אים פון דער וועלט פאַריאָגן.
ברודער גרויסער, שטאַרקער און געטרייער,
זאָלן דיינע שטאַרקע הענט אים טויט דערשלאָגן.

אויך זיין קרעפטיקע חורבן־פּאָעמע „לובלין" הייבט אָן דער דיכטער מיטן רוף: „אָן געשרייען, אָן געוויין". דורך בילד נאָך בילד שילדערט ער, ווי עס קרעכצט די ערד, צעפייניקט און געשענדט. נאָר עס ווייסט דער דיכ־טער: טרערן זיינען ניט קיין קאַמף־מיטל. און ער רופט אויס:

זאָל טרער און טרויער
ווערן אָפּגעווישט פון יעדנס פּנים,
עס האָט די שעה פון הערענונג געשלאָגן.

דער דיכטער פאַלט ניט אַריין אין יאוש־שטימונגען. ער ווערט געפירט דורך דער וויזיע פון זיג, פון יושר. ער שלאָגט־אָן אַ ביבלישן טאָן, אַ טאָן פון מאָנער, דערמאָנער און טרייסטער:

ס'איז מאָנער צייט!
ס'איז די צייט פון נס!
די האַנט די שטאַרקע, די גערעכטע,
ציילט און וועגט און מעסט
און צאָלט פאַר יעדנס קרעכץ
און משפט שטרענג און שטראָפט,
און קיינעם ווערט געשענקט,
און ווי מיט מבול־שטראָם
ווערט אָפּגעשווענקט דאָס שלעכטס.

נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע מאָטיוון אָרגאַניש־צוזאַמענגעבונדן קומען צום אויסדרוק אין אַ רייע לידער און פּאָעמעס, צווישן זיי „דוד און גלית", „דער רעגנבויגן האָט זיך פאַרשעמט" א. אַנד. אויף אַן אָריגינעלן, אייגנאַרטיקן אופן שילדערט דער דיכטער דעם סוף פונעם בלוט־מבול, ווען די תיבה האָט זיך געזעצט און „ס'האָט אין הימלס ברעג באַוויזן זיך אַ רעגנבויגן". די „ווייסע טויב" — דער אימאַזש, וואָס דער דיכטער האָט באַנוצט אין זיין ערשטן בוך לידער ווי אַ כאַראַקטעריסטישן סימבאָל, אַ סימבאָל וואָס האָט אין משך פון יאָרן געעדערעמלט, ערגעץ פאַרדוקט אין דיכטערס אונטערבאַוואוסט־זיין, האָט איצט אויפגעוואַכט פאַר אַ קאָנקרעטער פונקציע: „די ווייסע טויב" האָט „זיך אומגעקערט צוריק און מיטגעבראַכט דאָס גרינע בלעטל אַלס אַ צייכן" פון פרידן. פון דער תיבה שטייגן אַרויס יונגע יידישע קינדער מיט גרויע האָר, „פון דורות נאָך די לעצט־געבליבענע"... און ווידער וואָרנט דער דיכטער קעגן פּאַשיזם, וואָס איז געשלאָגן, אָבער ניט דערשלאָגן, קעגן דעם „גזלן פון דער וועלט, דעם יידן־מערדער", וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין דער תיבה.

דער דיכטער האָט געוואוינט אין סאַן־פראַנציסקאָ אין דער צייט, ווען דאָרט איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די קאָנפערענץ פון די פאַראייניקטע פעלקער פאַר פרידן. אָט יענעם פעריאָד ווידמעט ער די ערשטע לידער־גרופּע אין נעם ציקל „סאַן־פראַנציסקאָ — שטאָט פון ערב־פרידן".

דער דיכטער לעבט־אויף אין ליד די אַטמאָספערע פון יענעם פעריאָד אין דער „אויסגעוויילטער, מזלדיקער שטאָט", וואו טויבן „וואַרקען אויס דאָס ליד פון פרידן". ער שילדערט דעם צוטרוי, דעם גלויבן, די פרייד, די האָפענונג, די גרויסע דערוואַרטונג פון יענער „בשורה־צייט", ווען „לענדער וועלן זיך דערלאַנגען דאָ די הענט, פעלקער וועלן זיך דאָ געבן שלום!"...

די צווייטע לידער־גרופּע פונעם ציקל „סאַן־פראַנציסקאָ": „מיין שטאָט — מיין היים", באַשטייט פון ליריש־סאָציאַלע לידער צו די האָרעפּאַשנע הענט, וואָס האָבן געשאַפן סאַן־פראַנציסקאָ, די „שטאָט פון פרייַ־טשאַפט, פרייד און פרילינג". באַזינגענדיק די נאַטור־שיינקייטן פון און אַרום סאַן־פראַנציסקאָ, לאָזט דער דיכטער ניט אויס פון אויג די שטאָט אין „אַרבעט־קלייד", די האָרעפּאַשנע קינדער, וואָס „זינגען דאָס געזאַנג פון לאַדנדיקע שיפן". עס איז אַ מחיה צו זען דעם דיכטער אַרומשפּאַנען אין זיין נייער היים, ווי ביי זיך אין דער היים. מיר דערפילן דאָ די זעלבע היימישקייט, ווי אין „דאָ איז מיין היים":

פונדערווייטנס זעען דיינע הייזער אויס,
ווי מיט אויסגעשפּרייטע פליגלען, ווייסע שוואַנען.
דאַכט זיך,
אַז אין איינעם פון די ווייסע היימען
איז אַמאָל מיין קינדער־וויג געשטאַנען.

אַ פאַרגאַפּטער פון די שיינקייטן פונעם „ריזן־קינד פון ים און ברעג", טראַכט ער:
געפינט דער דיכטער אַ שלל פאַרבן פאַרן געמעל פון דער פּאַנאָראַמע.

ער נעמט די נאַטור־שיינקייטן צו הילף דער אידייע פון וועלט־און מענטש־באַפרייאונג. „מה נאה ניר זה!" ניט טראַכטנדיק ווי דאָס לעבן וואָלט ערשט געקענט זיין שיין, איז ניט שייך. ער פאַרבינדט דאָס פער־זענלעכע מיטן סאָציאַלן. אַ באַצויבערטער פון דער אַרומיקער שיינקייט,

ווען ניט דער כיטרער האַר,
ווי גוט עס וואָלט געווען!

ער זעט אין די אַלע שיינקייט־וואונדער בלויז „אַ באַוויז, ווי גוט עס קאָן און וועט ערשט זיין".

אָט־די סעריע שליסט־איין נאָך אַ צאָל לידער, וואָס דערציילן די געשיכטע פון סאַן־פראַנציסקאָ, די אַמאָליקע „שטאָט פון שיכרות און זינד", איר ערד־ציטערניש, איר אויפקום און אויפבלי.

ל. מילער באַנוצט זיך מיט אַ גאַנצער רייע זשאַנרען: חוץ זיינע ליריש־פילאָסאָפישע לידער ווענדט ער אויך אָן דעם זשאַנר פון דער באַלאַדע, פאַ־

ליטישע געלעגנהייט־לידער, קינדער־מאָטיוון און ברייטערע עפּישע געמעלן. זייער געלונגען איז אים די באַלאַדע „פּעטאַלומער יידן". דאָ האָט איר אויס־געגאָסן אַן עפּישע רואיקייט, דורכגעוועבט מיט קרעפטיקע לירישע אויס־דרוק־מיטלען. רירנדיק ביז גאָר איז די לירישע ווענדונג פונעם דיכטער צו דער לאָקאַלער נאַטור־סביבה פון פּעטאַלומאַ:

בערגלעך קליינע, בערגלעך שיינע,
זאָגט מיר, איידער איך טו זיך מיט אייך שיידן,
זייט איר גוט צו מיינע פּעטאַלומער יידן?

מיט אַ מענגע העלע פאַרבן שילדערט דער דיכטער דעם פאַרכאַפּנדיקן לאָקאַלן קאָלאָריט, און מיט אַ כמעט מעשהדיקן טאָן דערציילט ער מיטן לשון פון די בערגלעך וועגן דעם, ווי אַזוי אייגנוואָגדערטע יידן־האָרעפּאַשניקעס האָבן זיך ענג פאַרבונדן מיט דער ערד פון פּעטאַלומאַ.

ל. מילער געפינט אויך די נויטיקע, פּאַסיקע, לעבעדיקע און וואַרעמע שפּראַך, ווען ער רעדט צו קינדער. אויסגעצייכנטער מאַטעריאַל פאַר כרעס־טאָמאַטיעס איז זיין קינדער־באַלאַדע „דער גוטער איבּ" — אַ פּאָעטישע שילדערונג פון אייבערעהעם לינקאָלנס קינדער־יאָרן.

אַ זעלטענע אינטימקייט מיט דער נאַטור, מיט וואַלדיקייט אַנטפּלעקט דער דיכטער אין דער פּאָעמע „עס קומט אַ מענטש אין וואַלד אַריין זיך רא־טעווען". דער מענטש, אַן ערנסט־פאַרוואונדעטער פונעם גרויס־שטאָטישן טומל און געפּילדער, געפינט היילונג אין וואַלד. און אַז ער קומט צו זיך, הויבט ער אָן וועבן געשעפט־פּלענער וועגן אויסהאַקן דעם וואַלד, אויסבייטן אים אויף ברעטער...

אַ באַזונדער סעריע בייסיקע, שטעכיקע, ביטער־גאַליקע, האַס־אָנגע־פילטע ליהער „ווידמעט" דער דיכטער דער בייזער, מיאוסער פאַליאַסטרע, וועמען ער רופט־אָן מיטן טרעפלעכן פאָלקסטימלעכן אויסדרוק: „די נישט־גוטע". דאָס איז די טרויעריק־באַקאַנטע זויסטע כאַפּטע פונעם „הפקר־טאַנץ": די סקעבס, פאַררעטער, די גיפט־מישער. וואָס קאָכן „אַזאַ הפקרדיק געקעכץ דאָס לעבן צו פאַרסמען", די באַנדע פלעדערמייז און רענעגאַטן, די שענדער פון לעבן. דער דיכטער, וועמענס הויפּט־אייגנשאַפט עס איז אַ גרענעצלאָזע, עכטע ליבשאַפט צום פאָלק, צו מענטש, גייט־צו מיט דער פולער מידת הדין צו די אוממענטשן פון אָט־דער כאַליאַסטרע, „די ניט־גוטע". זיין ליד „סקעב" ענדיקט ער מיט די שורות:

און ווען עס וועט פון דיר ניט זיין דאָ מער קיין זכר, קיין געביין,
וועט מען זען אין ווערטער־בוך אַ וואָרט אַזאַ, און ניט פאַרשטיין,
צי זיינען טאַקע אויף דער וועלט אַמאָל געווען — סקעבס...

אינטערעסאַנט: דעם דיכטערס חוש דיקטירט אים, ניט צו גראַמען דאָס וואָרט „סקעבס" מיט קיין וואָרט: פאַר סקעב טאָר ניט זיין קיין גראַם, קיין פּאָר, קיין געזעלשאַפט, קיין סימפּאַטיע. אַ סקעב דאַרף זיך געפינען אין חרם, מחוץ למחנה.

דעם וואָפן פון שאַרפער סאַטירע ווענדט־אָן דער דיכטער קעגן די פאַררעטער פון פאָלק. ער רופט־אויס צו זיי:

> וואָס לאָזט איר הענגען אַ באַליידיקטן דעם שטריק,
> וואָס וואַרט אויף אייך — פאַררעטער?

דער סאַמע געלונגענסטער, בעסטער טייל פון בוך איז דער לעצטער טייל — די מלחמה־באַלאַדע אין פיר טיילן: „דאָס לעבן לעבט אייביק", געשריבן אין דער צווייטער העלפט פון 1941, נאָכדעם ווי היטלער האָט אָנגעהויבן זיין בעסטיאַלישע מלחמה קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָ האָט איר ברייטן, דיכטערישן פאַרנעם, אַ האַרמאָניע פון געמעלן און דערציילערישע עלעמענטן, אַ קרעפטיקע שילדערונג פונעם טיטאַנישן פאַרמעסט צווישן די כוחות פון ליכט און פינצטערניש, לעבן און טויט, דעמאָקראַטיע און פאַשיזם, מיטן דיכטערס אמתן גלויבן אין זיג פון לעבן, ליכט און פרייהייט, מיט דער פולער זיכערקייט און וויזיע, אַז „דאָס לעבן לעבט אייביק".

די באַלאַדע איז אויך אַ מוסטער פון קינסטלערישער אָרגאַניזירונג פונעם רוי־שטאָף, פון פראַכטפולער קאָמפּאָזיציע, קאָנסטרוקציע פונעם מאַטעריאַל. לויט אַ באַשטימטן פּלאַן, לויט אַ פיין־פאַרטראַכטן סדר איז די באַלאַדע איינגעטיילט אין פיר טיילן: „פרייד פון זיין און ווערן", „אין לאַנד פון יום־טוב", „אין לאַנד פון טויט", „דער אָנפאַל אויפן לעבן".

דער דיכטער ענדיקט זיין באַלאַדע מיטן טאָן, וואָס דרינגט־דורך דאָס גאַנצע בוך, מיט אַ דערהויבן, ליכטיק געזאַנג צום לעבן און צו מענטש:

> לעבן איז אומענדלעך, דאַרף ניט מעסטן, דאַרף ניט ציילן.
> לעבן קאָן דערלאַנגען און עס קאָן אויך נעמען שווערע קלעפּ.
> קלעפּ פאַרגייען, וואונדן — ווערלן מיט דער צייט פאַרהיילן,
> זיך פאַרהיילן און פאַרוועבן אין דעם לעבנס גרויס געוועב.
> מענטש און וועלט און גליק און פרייהייט — דאָס געוועב, וואָס אייביק לעבט.

אין דער לעצטער שורה פונעם ליד און פונעם גאַנצן בוך איז אויף אַ קאָנצענטרירטן אופן אויסגעדריקט דעם דיכטערס געזונטע, אָפּטימיסטישע לעבנס־פילאָסאָפיע.

ערגעץ אין אַ ליד („אין ליכט פון טאָג וועט איר פאַרגיין") האָט דער דיכטער אַ שורה: „דער ערלעכער, דער מיזאַמער, גייט טראָט נאָך טראָט אַרויף". מיר דוכט, אַז אָט־די שורה קאָן מען אָנווענדן אויך אויפן דיכטער גופא: ער גייט, דער ערלעכער און מיזאַמער, טראָט נאָך טראָט — אַרויף! די דיכטערישע דערגרייכונגען, וואָס ווערן פאַרצייכנט אין אָט־דעם נייעם בוך, זיינען ניט נאָר אַ רייפער פּראָדוקט פון קוואַליקן טאַלאַנט, נאָר אויך די פרוכט פון קינסטלערישער פאַרטיפונג, פון שעפערישער מי, פון ערנסטער ליטעראַרישער אַרבעט, פון אַ געלונגענער אָנווענדונג פונעם מעטאָד פון קינסטלערישן באַוואוסטזיין, קלאַסן־באַוואוסטזיין, אין דעם פּראָצעס פון שאַפן.

יאַנואַר, 1949.

שרה באַרקאַן

(1957־1890)

עס טוט אַ ריס אין האַרצן: די צאַרטע, שטילע פֿאָלקס־דיכטערין שרה באַרקאַן איז אַרויסגעריסן געוואָרן פֿון אונדזערע רייען. די רייען פֿון אונדזערע קולטור־שאַפֿער ווערן אַלץ שיטערער. אַ דור גייט אַוועק פֿאַר אונדזערע אויגן.

שרה באַרקאַן — אָט־ערשט, דוכט זיך, גערעדט מיט איר, אָט־ערשט געלייענט איר ליד (אַ ווינטער־בילד), וואָס זי האָט צוגעשיקט פֿאַר דער קינדער־אָפּטיילונג פֿון דער „מאָרגן־פֿרייהייט“.

אַן עכטע פֿאָלקס־דיכטערין איז שרה באַרקאַן־סילווערמאַן געווען: אין אינהאַלט און פֿאָרם פֿון איר פֿאָלקישן ליד, אין שפּראַך און סטיל, אין צו־גאַנג צו מענטש, לעבן און פֿאָלק, צו דער טעמאַטיק פֿון אירע לידער און מעשׂיות.

זי איז געווען אַן עכטע, טאַלאַנטפֿולע דיכטערין פֿון און פֿאַרן פֿאָלק און אַ פּרעכטיקע קינדער־דיכטערין. איר הויפּט־מעלה איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ווי דורך אַ צויבער איז זי אין איר ליד באַלד געוואָרן נאָענט דעם לייענער, נאָך מער: איינס מיטן לייענער, דער עיקר מיטן פֿאָלקס־מענטש.

אין די מערסטע פֿון אירע לידער פֿאַר דערוואַקסענע און פֿאַר קינדער איז איר טאָן געווען פֿאָלקסטימלעך, האַרציק, וואַרעם, אינטים; אויך איר ריטם איז געווען וואונדערלעך־פֿאָלקסטימלעך. עס האָט דעם לייענער דער עיקר גענומען די פּשטות און לויטערקייט פֿון איר ליד, די פֿאָלקישע קוואַ־ליטעט פֿון אירע לידער האָט דערגרייכט צו אַ מדרגה, אַז אייניקע פֿון זיי לייענען זיך, זינגען זיך ממש ווי פֿאָלקס־לידער.

און נאָך: דאָס זינגען ניט לידער לשם לידער, לשם גלאַט זינגען. דאָס

זיינען לידער מיט אַ פּראָגרעסיווער אידייע, לידער צום פאָלק און פון פאָלק. עס שטראָמט פון זיי אַרויס אַ וואַרעמע ליבשאַפט צום פאָלק — צו מענטשן, שכנים, באַקאַנטע, פריינט. זי זאָרגט וועגן אירע מיטמענטשן. זי זינגט פון הארצן. זי זינגט־אויס די איבערלעבונגען פונעם פשוטן, דורכשניטלעכן מענטשן פון פאָלק. אירע לידער פון שלום, פרייהייט, יושר אויף דער וועלט זיינען עכט, אוממיטלבאַר, דברים היוצאים מן הלב. איר רוף צו דער „מאַמע פון דער גאָרער ערד": „שטאַרק דיין האַרץ, שטאַרק דיין האַרץ" געפינט אַן אָפּקלאַנג אין האַרצן פון לייענער.

ווי אַ סך עכטע דיכטער פון היינט און פון אַמאָל שרייבט זי ניט דווקא וועגן אויסערגעוויינלעכע געשעענישן און טשיקאַווע דערשיינונגען, נאָר פון דער טאָג־טעגלעכקייט, פון דער וואָכעדיקייט.

אַזוי פשוט, אַזוי שיין, אַזוי שרה בת טובימדיק, אַזוי מאַמעדיק זינגט זי:

„מיט מיינע גליקלעכע געפילן
וואָס איך טעפּ, קער איך דילן".

מיט קליינע קונסט־מיטלען דערגרייכט זי זייער אַ סך: אָפט אַ פיין געמעל דורך ווערטער געקליבענע, פשוטע, נאָר רייך אין בילד; אָפט אַן איינגנאַרטיקן ניגון, אַ פייפל־ליד, ליריש און דין; אָפט אַ פּרעכטיקע וויזיע. אין פיל פון אירע לידער איז זי דערציילעריש — קומט זי מיט אַ פאַר־כאַפּנדיקער פאַבולע, פאַרוועבט זי אַ מעשה אין איר ליד. אין אַ סך לידער איז זי זעעריש, נוצט זי רייכע פאָלקס־פאַנטאַזיעס. אין אַ היפשער צאָל פון אירע לידער פילט מען עמאָציאָנעלע אַנגעלאָדנקייט.

אַ באַזונדער אָרט אין אירע לידער און מעשהלעך פאַרנעמט די נאַטור. מיט דער מאַמע־נאַטור פילט זיך אונדזער פאָלקס־דיכטערין גאָר היימיש.

שרה באַרקאַן איז דער עיקר געווען אַ פּראָגרעסיווע דיכטערין. אין אירע לידער האָבן אָפּגעקלונגען די געשעענישן פון אונדזער צייט, די שלום־ און פרייהייט־שטרעבונגען און קאַמפן פון פאָלק. אַזוי דיכטעריש־פאַרחלומט האָט זי געזונגען צום גרויסן סאָציאַליסטישן פירער יודזשין וו. דעבס:

„דו פליסט־אָן ווי אַ פרידנס־טויב
און קוקסט־אַריין צו מיר אין שויב".

רירנדיק זיינען אויך אירע זכרונות לידער, מעמואַרן־אַרטיקע לידער, אין וועלכע זי האָט אונדז אויף אַזאַ ערלעכן, פאָלקסטימלעכן, מעשהדיקן אופן דערציילט פון איר קינדהייט, פון אירע יונגע יאָרן אין דער ליטווי־שער אַרעמשאַפט.

אירע קינדער־לידער און מעשהלעך זיינען געווען ווי פּיאַלקע־בלימע־לעך, חנעוודיק, דערקוויקנדיק. זי איז אָן ספק געווען איינע פון די בעסטע יידישע קינדער־דיכטערינס פון דער הייניקער צייט. איר נאַטירלעכע מאַ־מעדיקייט און פשטות איז איר באַזונדערס שטאַרק צונוץ געקומען אין אָט־דעם געביט. איר קינדער־ליד רעדט צום האַרצן פון קינד. עס איז עכט

ווי ברויט. עס איז אַפּט געזאַנג, מעשה, קונסט־בילד צוזאַמען. די טעמאַ־טיק: קינדער־לידער, שול־לעבן, טאַטע־מאַמע לעבן, פּאַסירונגען פון דער צייט, פעלד און גאַרטן, דער סאָציאַלער מאָמענט און מאָטיוו.

איר ערשטער בוך לידער פאַר קינדער, „גוטפרילינג", איז דערשינען אין ניו־יאָרק, אין 1936. אַ סך לידער אין יענעם בוך זיינען אַן אָפּשפּיגלונג פון די שטורמישע אַרבעטער־קאַמף־יאָרן פון יענעם ברויזנדיקן פעריאָד פון הונגער און הונגער־מאַרשן, צאָרן, געראַנגל. אין יענעם בוך זיינען פאַראַן איניקע לידער און מעשהלעך, וואָס זיינען מיט דער צייט געוואָרן ממש באַ־רימט. למשל, די באַלאַדע „דער שטומאַק". פון די מעשהלעך און לידער, וואָס האָבן באַזונדערס שטאַרק אויסגענומען ביי קינדער און לערערס, זיי־נען: „באַשע און דער צאַר", „יינגעלעך באַרימערלעך", „דער פויגל, וואָס האָט געזוכט כבוד", „האַרבסט־מעשהלעך", „אַ טומל אויפן גליטש" „דאָס מייזל און דער לייב", א. אַנד.

פּראַכטיקע לידער זיינען פאַראַן אין איר נייסטן בוך „פון אַלע טעג": „מעשיות און לידער פאַר גרויס און קליין" (איקוף־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1956). אויך דאָ צייכענען זיך באַזונדערס אויס טאַקע די לידער פון אַלע טעג — מיט זייער געוויינלעכער טאָג־טעגלעכקייט, מיט די בילדער פון קינד און דערוואַקסענעם פאָלקס־מענטשן בכל יום ויום. אַ שטאַרקן איינדרוק מאַכן אַזעלכע עכטע שאַפונגען, ווי „אַ היים פאַר פייגעלעך", „די צוויי ברידער־לעך — די ראָזענבערג־קינדער", „אַ כוואַליע וויל זען די וועלט", און פיל אַנדערע. אין די מערסטע פון אָט־די לידער איז דער טאָן אָפּטימיסטיש, מונטער, בטחון־פול.

די באַליבטע דיכטערין איז אויך געווען די אויטאָרין פון די ביכער: „מתנות" און „וועגן זיך און אייך", וואָס זיינען אַ באַדייטנדיקער ביי־טראָג פאַר אונדזער ליטעראַטור.

שרה באַרקאַן האָט געטרוימט פון אַ וועלט פון שלום און ברידערלעכ־קייט. איר ליד האָט זיך איבערגעריסן אינמיטן פון איר רייכן שאַפן. איר געזאַנג איז נאָך ווייט ניט דערזונגען. עס וועבט זיך אָבער אַריין אין אונ־דזער לעבן, קאַמף און שאַפן און באַרייכערט און קרעפטיקט אונדזער יידישע פּראָגרעסיווע דיכטונג. מיר וועלן פאַרענדיקן מיטן אָנהייב און סוף פון איר וואונדערלעכן ליד: „אַ לויב צו דעם זינגער":

„פאַראַנען נאָך קוואַלן פון קיינעם געטרונקען,
אַזוי פיל נאָך קיינמאָל צעבלאָזענע פונקען.
עס ליגן נאָך וואו איינגעשלאָפענע ריזן,
און ווייזערס וואָס האָבן דעם סוף ניט באַוויזן.
...אַ לויב צו דעם זינגער, וואָס זוכט זיי צו גרייכן
און צינדט מיט געזאַנגען דאָס לעבן, דאָס בלייכע".

כבוד דעם אָנדענק פון דער פאָלקס־זינגערין שרה באַרקאַן, וואָס „צינדט מיט געזאַנגען דאָס לעבן, דאָס בלייכע"!

דעצעמבער 16, 1957.

גינאַ מעדעם

(געבוירן אין 1890)

גינאַ מעדעמס אויטאָביאָגראַפיע **„אַ לעבנסוועג"**, אַרויסגעגעבן פון גינאַ מעדעם בוך־קאָמיטעט, ניו־יאָרק, 1950. 243 זייטן.

גינאַ מעדעמס אויטאָביאָגראַפיש ווערק „אַ לעבנסוועג" איז אַ וויכטיקער בוך אין מער ווי איין פּרט. דאָס איז אַ ווערטפולער ביישטייער צו דער געשיכטע פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין פוילן און אין רוסלאַנד, אַ פיינער ביישטייער אויך צו יידישער קולטור־געשיכטע, און בכלל צו אונדזער רייכער מעמואַרן־ליטעראַטור, אַ ביישטייער אויך צו יידישער משפחה־כראָניק.

„אַ לעבנסוועג" איז אַ קרעפטיק, אינטערעסאַנט, ממש פאַרכאַפּנדיק און באַלערנדיק ווערק. אייניקע קאַפּיטלען און שילדערונגען זיינען רירנדיק און שפּאַנענדיק ביז גאָר. דער בוך איז אָנגעפּיקעוועט מיט בילדער, איינדרוקן, עפּיזאָדן פון גרויס אינטערעס.

פאַר אייערע אויגן ציט זיך אַ וועג, וואָס איז פול מיט שווערן, ביטערן קאַמף, מיט ראַנגלענישן און ליידן; אַ וועג, וואָס איז דורכגעקרייצט מיט פיל זייטיקע שטעגן, און וואָס פירט צו איין ציל: צום פאָלק, צו די אונטערדריקטע און קעמפנדיקע פאָלקס־מאַסן. דאָס איז אַ וועג, וואָס פירט פונעם קליינעם פוילישן דאָרף ברזשוסטאָווקאַ, לעבן טאָמאַשאָוו, דורך שטעט און לענדער, דורך לאָדזש, מעמעל, רעוועל, זשענעווע, וואַרשע, ווילנע, מינסק, קיין ניו־יאָרק, — אַ וועג וואָס פירט פון אַן אָרעמער זיך־ראַנגלענדיקער סוחריש־באַלעבאַטישער פאַמיליע צו דער יידישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין פוילן, צו דער רעוואָלוציאָנערער עמיגראַציע אין דער שווייץ, צו דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג אין אַמעריקע.

דאָ זיינען פאַראַן פּרעכטיקע באַשרייבונגען און שילדערונגען פון אַ פאַרגאַנגענער עפּאָכע. דאָ האָט איר די איבערלעבונגען און ראַנגלענישן פון אַ צאַרטער, שיינער, קאָמפּערישער פּערזענלעכקייט, דורכגעפלאָכטן און דורכ־

געוועבט מיט גרויסע סאציאלע געשעענישן, מיט היסטארישע פאסירונגען. פאר אייערע אויגן גייט־דורך די בהדרגהדיקע, ממש־דראמאטישע אנטוויקלונג פון א צארט, טרוימעריש, אמביציעז, עקשנותדיק מיידל פון באלעבאטישע קרייזן אין א פראגרעסיווער קעמפערין, רעדנערין, לעקטארין, שרייבערין, אין א באליבטער ארבעטער־טוערין.

ביז גאר געלונגען איז דער טייל, וואו עס ווערט געשילדערט דער שרייבערינס קינדהייט און יוגנט. איר דערזעט פאר זיך באמת „איינפלוסן פון פארשיידענע קולטורן, שפראכן, סביבות און שטימונגען": די געשטאלטן פון די צוויי זיידעס — איינער א רב, דער צווייטער — א פריץ; די געשטאלטן פון טאטע, מאמע, ברידער; די באגריפן וועגן ייד און קריסט אין די קינדער־יארן, דער שרעקלעכער עלנט אין דער יידישער שטוב, די „גאט־זוכעניש", די קליין־מיידלשע בענקשאפטן נאך צערטלעכקייט און פריינטשאפט, דאס „שלינגען ביכער" אן א טאלק, די „וועלט פון שדים און פון גיהנום", די מעשיות וועגן דער „פאווסטאניע" (אויפשטאנד אין 1863). די בילדער פון פוילישן דארף און שטעטל, באגלייט מיט די ריחות פון די פוילישע וועלדער, ווערן דורכגעוועבט מיט בילדער פון לאדזש און מעמעל — אן איבערפלעכט פון קולטורן און שפראכן שוין פון די קינדער־יארן פון דער אויטארין.

די מאמענטן פון דער רייפונג און צייטיקונג פון א צארט יידיש מיידעלע מיט אפענע חושים צו סביבה און וועלט ווערן דורכגעוועבט מיט איבערלעבונגען און בילדער פון לאדזש אין די ניינציקער יארן פון לעצטן יארהונדערט: יארן פון אויפשטייג אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע, די ערשטע גרויסע סטרייקס; בילדער פון שרעקלעכער נויט און עקספלואטאציע און זייער ווירקונג אויף דער אנטוויקלונג פון א מיידעלע מיט א שארפן געפיל פאר סאציאלן יושר, מיט א טיפער סימפאטיע צום ארעמען, צום באליידיקטן און אונטערדריקטן.

און דער לייענער זעט בחוש דעם איבערגאנג פון פילאנטראפישע סימפאטיעס צום אנשליסן זיך אין די קעמפנדיקע רייען, דעם אנטייל פון דער פופצן־יעריקער גינא בירענצווייג אין אן ערשטער מאי־דעמאנסטראציע אין לאדזש אונטערן צארישן רעזשים, דעם אנשלוס פון דער זעכצן־יעריקער שיינער סטודענטקע אין די רייען פון דער יידישער רעוואלוציאנערער באוועגונג.

דער לייענער באקענט זיך מיט דער שרייבערינס ערשטע יוגנט־יארן און יוגנט־חלומות, מיט איר „ערשטן ראמאן", מיט אירע בילדער פונעם יידישן קרבן פון לאדזשער פאגראם, וואס זי האט צוגעזען אלס דריי־יאריק קינד און פארהיט אין איר זעלטענעם, וואונדערלעכן זכרון; מיט אירע שול־יארן און שול־פריינטשאפטן, ווירקונגען פון דער רוסישער רעוואלוציאנערער סביבה. ער באקענט זיך מיט אט־דעם אינטערעסאנטן צייט־אפשניט אין לעבן פון דער צוקונפטיקער גלענצנדער פראגרעסיווער טוערין — און לערנט א סך און שעפט א סך מוט פון אט יענעם שווערן און וויכטיקן פעריאד.

דער וועג פון דער סטודענטקע מיט ליבשאַפט צו דער נאַטור, מיט סימ־פּאַטיע צו הילפלאָזע און שוואַכע, פירט בהדרגהדיק דורך אירע גימנאַזיע־יאָרן, שפּעטער דורך אירע שטודיעס אין רעוועל און אין דער שווייץ, צום דירעקטן קאַמף קעגן סאָציאַלן אומרעכט, קעגן צאַריזם און עקספּלואַטאַציע, צו געהיימע „סכאָדקעס" אין די וועלדער אַרום איר היים־שטעטל אינאַוו־לאָדזש, צו די ערשטע רעדעס פאַר פּוילישע פּויערן (אין 1903), צום אָנפירן מיט אַ סטרייק פון די „פּאַרנאָבעס" (פאַרם־אַרבעטער) ביי איר אייגענעם פּע־טער, אַ באַלעבאָס פון אַ מאַיאָנטעק; צום גרויסן שטורעם און קאַמף פון יאָר 1905. קאַלירפול און פון גרויס באַדייטונג זיינען די באַשרייבונגען פונעם רעוואָלוציאָנערן אימפּעט פון 1905 אין לאָדזש, פון דער אומדערשראָקנקייט פון די לאָדזשער יידישע אַרבעטער, פון גינאַס אייגענעם אַקטיוון אָנטייל אין די קאַמפּן פון די אַרבעטער אין יענעם „פרימאָרגן פון דער יידישער רע־וואָלוציאָנערער באַוועגונג אין פּוילן", פון אירע באַזוכן און רעדעס אין די וועבער־שטעטלעך, פון איר אַרעסט אין אַ פאַבריק אין לאָדזש אין 1907, פון די אַכט חדשים פון שווערן תפיסה־לעבן, מיט בילדער ווי קעמפּפער האָבן ריזיקירט זייער לעבן צוליב חברשאַפט, מיט בילדער פון מענטשן פון דער רעוואָלוציע, 1905־1908, אין פּוילן.

אַ באַזונדער אינטערעסאַנט קאַפּיטל זיינען די יאָרן נאָך 1905 אין דער שווייץ, אין דער סביבה פון רעוואָלוציאָנערע סטודענטן און טוער; דער שרייבערינס באַגעגעניש מיט לענינען אין זשענעווע אין 1908, ביז וויסנדיק האָט ער איז, און איר אַרבעט אין דער דאָרטיקער „קאָלאָניע", אויסער איר שטודירן אין אוניווערסיטעט. און דאָ קומען מיר צו צו אַ פּאָר פון די רירנ־דיקסטע קאַפּיטלעך אינעם בוך — צום ענין וולאַדימיר מעדעם, צום אי־בערגאַנג פון גינאַ בירענצווייג אין גינאַ מעדעם. מיט טיפער סימפּאַטיע, מיט ריינער גרויסער ליבשאַפט ווערט געשילדערט די פּערזענלעכקייט פון וולאַדימיר מעדעם, מיט וועמען די שרייבערין האָט געהייראַט אין 1910.

די שרייבערין דערציילט וועגן אירע ערשטע באַגעגענישן מיט מעדעמען, וועגן זיינע תפיסה־יאָרן, וועגן זיין שווערער קראַנקהייט, וואָס האָט פאַר־שניטן זיין יונג לעבן אין 1923 אין דער קאַלטער אַמעריקאַנער סביבה פון 175 איסט בראָדוועי. זי אונטערשטרייכט הויפּטזעכלעך דאָס פּערזענלעכע אין און אַרום מעדעמען: זיין צאַרטע, מעלאַנכאָלישע נאַטור, זיינע קינסט־לערישע פייאיקייטן, זיין ליידנפול שוויגן, פאַרבייגייענדיק און צווישן די שורות הערפילט מען די טראַגיק פון אָט־דעם מענטשן, דעם רעכטן „בונד"יס־טישן פירער, וואָס האָט ניט געקענט דערזען און באַנעמען דאָס גרויסע, נייע ליכט, וואָס איז אין אָקטאָבער, 1917, אויפגעגאַנגען אויף דער רוסישער ערד, אין זיין היימלאַנד. און מען דערפילט אויך די טראַגיק פון אָט־דער אַמאָל־לעגענדאַרער פיגור אין דער פאַרגעלטעוועטער „פאָרווערטס"־סביבה אין ניו־יאָרק, וואוהין ער איז געקומען מיט דער אויטאָרין אין 1921 אַלס שליח פון „בונד".

און נאָכדעם ווי די שרייבערין שילדערט איר עלנט און איינזאַמקייט נאָך

מעדעמס פּריציייטיקן טויט און דערמאָנט די רייסעריייען אין דעם רעכטן „פאָרווערטס״־געזיינטל אַרום דעם אַרויסגעבן פון מעדעמס מעמואַרן־בוך, דער־ציילט זי וועגן דעם, ווי אַזוי זי האָט געפונען אויך דאָ, אויפן אַמעריקאַנער באָדן, דעם וועג צו דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג, און ווי אַזוי זי האָט אונ־טערגענומען איר ערשטע רייזע, אין 1926, קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד. דער בוך ענדיקט זיך מיט אירע באַגייסטערטע איינדרוקן וועגן דעם לאַנד פון סאָציאַ־ליזם, וועגן דעם נייעם טיפּ פונעם סאָציאַליסטישן מענטש.

חסרונות, טעותן? יאָ, זיי זיינען פאַראַן אין דעם בוך. עס זיינען פאַ־ראַן טעותן פון סטיל און קאָמפּאָזיציע, אַמאָל אפילו פון זאַץ־בוי; עס זיינען אויך פאַראַן אומנויטיקע ווידערהאָלונגען פון איין־און־דעמזעלבן עניז (למשל, די רייזע פון דער זעכצן־יאָריקער גינאַ קיין מעמעל; דער מאָמענט ווי אַזוי די יונגע גינאַ ווערט בעת אַ רייזע אין אויסלאַנד אַרומגערינגלט דורך אַ כאָפּטע „ווייסע שקלאַפן״ הענדלער). דער בוך ליידט אויך פון אייניקע אומנויטיקע דעטאַלן. עס זיינען אויך פאַראַן שוואַכקייטן אין דער קאָנסטרוק־ציע פון דער דערציילונג, וואָס שטערט אַמאָל דעם לייענער אין אַריענ־טירן זיך גענוי אין דעם גענויען פעריאָד פון אַ פּאַסירונג אָדער עפּיזאָד. אָבער די אַלע פעלערן נעמען ניט אַוועק פון דער חשיבות און ווערטפולקייט פון גינאַ מעדעמס באַשרייבונג פון אַ שטיק געשיכטע, פון וויכטיקע קאַמף־מאָמענטן אין לעבן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין פוילן, רוסלאַנד און אַנדערע לענדער — מאָמענטן, דורכגעוועבט מיטן אינהאַלטרייכן, קאָלירפולן לעבן פון אַ דינאַמישער פערזענלעכקייט, און געזען מיטן קינסטלערישן אויג פון אַ שרייבערין, וואָס האָט דעם פאַלק געווידמעט איר גרויסן טאַלאַנט.

.1950

משה באַרנשטיין

(1958־1892)

געוועזן איז מ. באַרנשטיין אַן ערלעבער האַרעפּאַשניק, אַ נאָבעלער, שטילער, באַשיידענער מענטש, אַ שרייבער, אַ דערציילער פון אַ הויכן פאַרנעם.

דער פּריצייטיקער טויט פונעם 66־יאָריקן משה באַרנשטיין איז ניט בלויז אַ שווערער פאַרלוסט פאַר זיין משפּחה, נאָר פאַר דער גאַנצער פּראָגרעסיווער קולטור־באַוועגונג און קודם כל פאַר אונדזער יידישער פּראָגרעסיווער ליטעראַטור.

אין אָט־דער ליטעראַטור אונדזערער האָט משה באַרנשטיין פאַרנומען אַ חשוב אָרט, ווי אַ דערציילער אַ רעאַליסט מיט גרויס טאַלאַנט און מיט אַן אייגנאַרטיקן סטיל. ער האָט קרעפטיק, מיטן בלוט פון זיין האַרצן, אַרויסגעבראַכט אין זיינע דערציילונגען אָרעמע אַרבעטסלייט, וואָס ראַנגלען זיך קעגן דלות און עקספּלואַטאַציע. ער האָט געשילדערט אמתדיקע בילדער פון שרעקלעכער נויט. זיינע הונגעריקע, פרירנדיקע טשאַרלי האַפּקינסעס שטייען לעבעדיקע פאַר אונדזערע אויגן.

משה באַרנשטיין, אַ געבוירענער אין דעם שטעטל ליוסאַביק, שעדליעצער גובערניע, פּוילן, אין אַן אָרעמער פאַמיליע, איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1913. ער האָט דורכגעמאַכט אַ שווער לעבן פון אַ יידישן אַרבעטער אין די פאָרד אויטאָמאָביל־פאַבריקן אין דעטראָיט, אין דער קליידער־אינדוסטריע אין ניו־יאָרק. ער האָט מיט ציין־און־נעגל אַרויסגעריסן צייט אויף צו שרייבן זיינע פּרעכטיקע דערציילונגען פון אַרבעטער־לעבן און פונעם לעבן פון יידישע סטודענטן אין אַן אַמעריקאַנער אַגריקולטור־קאַלעדזש. זיינע דערפאַרונגען, זיינע קענטענישן פון אַרבעטער־לעבן האָט ער קינסטלעריש אויסגענוצט פאַר זיינע דערציילונגען.

אין זיין בוך „צווישן שטאָלענע רעדער" (ניו־יאָרק, 1936) האָט ער געוויזן, ווי מענטשלעכע ווירדע, מענטשלעכע לעבנס ווערן צעשמעטערט, צעטראָטן „צווישן די שטאָלענע רעדער" פון אַ סיסטעם פון כאַפּ־לאַפּ, פּראָפיטן און ברוטאַלקייט.

אין משך פון יאָרן האָט משה באַרנשטיין געדרוקט זיינע דערציילונגען אין דער „מאָרגן־פרייהייט", „האַמער", „יידישע קולטור", „זאַמלונגען" און אַנדערע פּראָגרעסיווע שריפטן. זיינע דערציילונגען בלייבן לעבן אין פאָלק.

עס טוט שמאַרק ווי, וואָס דאָס שעפערישע לעבן פון מ. באַרנשטיין

איז אַזוי פּריציטיק אויסגעלאָשן געוואָרן. מיר ווען טראָגן אין אונדזער האַרצן זיין געשטאַלט: די געשטאַלט פון אַן אידעלן, פּראָגרעסיוון מענטש און שרייבער, וואָס האָט געקעמפט פאַרן אמת, פאַר סאָציאַלן יושר.

משה באַרנשטיין האָט קאָמבינירט זיין פיינעם, רייכן טאַלאַנט מיט פּאַכמענישקייט, מיט דער קענטעניש פון דער שרייב־קונסט. ער האָט געשריבן, געמאָלן, געשילדערט מיט אַ זיכערער האַנט און מיט אַ שאַרף קינסטלערישן אויג.

ער האָט זיך באַצויגן ערלעך צו זיך, צו מענטשן, צו סביבה, צו זיין געגנשטאַנד און טעמאַטיק. ער האָט אין זיין בוך „צווישן שטאָלענע רעדער" אונדז אויסגעמאָלן רירנדיקע בילדער פונעם שאַרפן עקאָנאָמישן קריזיס אין אַמעריקע אין די אַנהויב דרייסיקער יאָרן. ער האָט שאַרף, רעאַליסטיש־קלאָר און עכט געשילדערט די קרבנות פונעם קריזיס, פון אַרבעטסלאָזיקייט, פון הונגער און נויט.

ער האָט געשילדערט די ירידה פון די נעכטיקע מעכאַניקער און טעכניקער, וואָס אונטערן דרוק פונעם קריזיס שטייען זיי אין לאַנגע רייען ביי די פאַבריק־טויערן, זוכנדיק אַרבעט. ער האָט פּסיכאָלאָגיש־פּאַרטיפט געוויזן די שטופנווייזע ווירקונג פונעם קריזיס און זיינע טראַגישע באַגלייטדערשיינונגען אויפן געדאַנקען־גאַנג, אויף דער אידעאָלאָגיע פון די אַרבעטער. נעכטיקע „יחסנים", יענקיס שעבעיענקיס, הויבן־אָן איינזען, אַז אַלס אַרבעטער איז זייער אָרט צוזאַמען מיט די פרעמד־געבוירענע האָרעפּאַשניקעס, אַז די זעלבע קלאַסן־אינטערעסן פאַראייניקן זיי. דאָס ווערט קלאָר אַרויסגעבראַכט אין „קריסטאָפער פּ. אַדאַמס" און אַ צאָל אַנדערע דערציילונגען. באַרנשטיין איז אַ מייסטער אין אַנטפּלעקן פאַרן לייענער די גראַדועלע פּסיכישע אַנטוויקלונג פון זיינע „העלדן", די לאַנגזאַמע דערוואַכונג פון זייער קלאַסן־באַוואוסטזיין.

אין דער יידישער ליטעראַטור איז ער איינער פון די פּיאָנערן אין געביט פון שילדערן די גרויס־אינדוסטריע. פון זיינע דערציילונגען טראָגט זיך דער גערודער און רויש פון מאַשינען און שטאָלענע רעדער, דער געדיכטער רויך פון פאַבריק־קוימענס, דער ריח פון קאַרבאָל אין דער פאַבריק־קליניק, וואוהין עס ווערן געבראַכט קראַנקע אַרבעטער, פאַרוואונדעטע ביי דער אַרבעט.

איבער אַלע דערציילונגען שוועבט דעם מחברס טיפע סימפּאַטיע צום אַרבעטס־מענטש, צום באַליידיקטן, צום דערנידעריקטן.

אויך אין די ביז־איצט־פאַרעפנטלעכטע קאַפּיטלען פון זיין ראָמאַן וועגן לעבן פון סטודענטן אין אַן אַמעריקאַנער לאַנדווירטשאַפט־קאָלעדזש שפּירט מען דעם מחברס טיפע אַכטונג צו מענטשלעכער מי און ווירדע. זיין קאַפּיטל וועגן דעם הונגער־סטרייק איז ממש אומפאַרגעסלעך.

ערן ווי געהעריק באַרנשטיינס אָנדענק מיינט פאַרזעצן און פאַרשטאַרקן די אַרבעט פאַר יידישער קולטור!

1958

ז. ווײַנפּער

(1957־1893)

1.

דער ווייטאָק איז שאַרף, דער פאַרלוסט איז גרויס.

אויף אַ גרויזאַמען אופן האָט דער טויט אַרויסגעריסן פון אונדזערע רייען דעם פאָנען־טרעגער פונעם „איקוף", דעם גרויסן יידישן דיכטער, אומדערמידלעכן שאַפער און מסירת־נפשדיקן בויער פון דער יידישער פּראָגרעסיווער קולטור, זישע ווײַנפּער.

אַט־דער פלוצימדיקער, אומגעריכטער טויט איז אַ שווערער קלאַפּ פאַר דער יידישער ליטעראַטור בכלל, פאַר דעם „איקוף" בפרט.

ז. ווײַנפּער איז געווען אַ דיכטער פון אַ הויכער קינסטלערישער מדרגה, פון גרויסן פאַרנעם און פאַרמעסט, אַ כסדרדיקער שאַפער פון קולטור־ווערטן, אַ נאַטירלעכער פּאָעטישער קוואַל. ניט בלויז האָט ער אין משך פון כמעט 45 יאָר שאַפן באַרייכערט אונדזער מאָדערנע יידישע ליטעראַטור מיט אַ באַדייטנדיקער צאָל ווערק, דיכטונג און פּראָזע, נאָר ער האָט ווי אַ פּאָעט פון ליכטיקן, לויטערן געזאַנג, פון עכטער יידישער נגינה, געהאַט אַ געזונטע השפעה אויף דער יונגער אַמעריקאַנער יידישער ליריק.

נאָך מער: ער איז געווען ניט בלויז דיכטער, נאָר דער עיקר אַ דיכטער פון פאָלק, פונעם פאָלקס טרוימען און וויזיעס, ליידן און פרייד — אַ דיכטער פונעם פאָלקס־קאַמף פאַר אַ וועלט פון שלום און יושר, — אַ סאָציאַלער דיכטער. ער איז געווען דער אמתער מעין הנובע: אומאויפהערלעכער, שפּרודלדיקער שאַפערישער קוואַל. ער האָט זיין דיכטערישע פען ניט אַרויסגעלאָזט פון האַנט ביזן לעצטן טאָג פון זיין פרוכטבאַרן פּראָדוקטיוון שעפערישן לעבן — פונקט ווי ער האָט ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג געהאַלטן הויך, טייער און ווירדיק די פאָן פון דער יידישער, וועלטלעכער, דעמאָקראַטישער קולטור, וועמען ער האָט געווידמעט זיין לעבן, זיין גרויסן טאַלאַנט, זיין מי און ענערגיע.

ז. ווײַנפּער! ס'אַראַ וואונדערלעכער טוער און טרעגער פון אונדזער

קולטור ער איז געווען! אַ מוסטער פון אַ „קולטור־משולח“, פון אַ קולטור־אַמבאַסאַדאָר פון גוטן ווילן און פריינטשאַפט, אַ פּאַרזייער פון אייניקייט און קולטור־פרייד אין דעם לעבן פון די יידישע מאַסן. ער וועט אונדז פעלן, שטאַרק פעלן אויף טריט־און־שריט מיט זיין העלן דיכטערישן וואָרט פון מונטערגאַנג, פון מוט און בטחון, פון נאַטירלעכער לעבנס־פרייד און פאָלקישן אָפּטימיזם. ער וועט אונדז שטאַרק פעלן ווי דער גענעראַל־סעקרעטאַר פונעם „איקוף“ — פון דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע ער האָט אין 1937 אויפן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־צוזאַמענפאָר געהאָלפן גרינדן. זינט דאַן און ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן איז ער מיט טיפער אחריות צום פאָלק און צו דער יידישער פּראָגרעסיווער קולטור, וועלכע ער האָט געהאַלטן הייליק און טייער, געשטאַנען אויף זיין פּאָסטן, און ערלעך דורכגעפירט זיין שליחות.

ז. ווינפער — אַ ליכטיק געזאַנג!

אין אונדזער זכרון וועט בלייבן פריש און אין אייביקן בלי די געשטאַלט פון זישע ווינפער דעם דיכטער, קולטור־בויער און האַרציקן מענטש. מיר וועלן ניט פאַרגעסן די אינטימע, איידעלע, חברשע טיף־מענטשלעכע וואַרעמקייט, וואָס האָט תמיד און כסדר געשטראָמט פון זיין פאָלקס־יידישער וואָליניש־אוקראַיניש־אַמעריקאַנער פערזענלעכקייט. מיר וועלן געדענקען די גוטמוטיקייט, גוטהאַרציקייט, וואָס פלעגט אַרויסשיינען פון זיינע ליכטיקע בלויע אויגן ווי — פון זיינע נאַטירלעך־קוואַלענדיקע לידער, מיט זייער זינגענדיקן ריטם, מיט זייערע העלע, וואַרעמע פאַרבן, מיט זייער קרעפטיקן טאָן פון האָפענונגפולקייט און לעבנס־לוסט.

עס איז געווען נאַטירלעך, אַז ווינפער, דער גלויביקער, דער פאַרליבטער אין לעבן און אין מענטש, אין פאָלק און אין דער מענטשהייט, אין יידישן שאַפערישן וואָרט, זאָל באַגייסטערן טויזנטער און טויזנטער לייענער און פאַרערער, פריינט פון דער יידישער קולטור.

דער קיינמאָל־ניט־מיד ווערנדיקער אַמבאַסאַדאָר פונעם „איקוף“ איז בוכשטעבלעך געקומען אין קאָנטאַקט מיט טויזנטער יידן איבער דער לענג און ברייט פון צפון־און דרום־אַמעריקע — און אומעטום האָט ער פאַרזייט די קערנער פון ליבשאַפט צו אונדזער קולטור, און אומעטום האָט הערלעך געקלונגען זיין רוף צו פאַרזיכערן דעם קיום און די פּאָזיציעס פון אונדזער קולטור; און אין ווייטע שטעטלעך, און פאַרוואָרפענע יידישע ישובים האָט זיין וואָרט געבראַכט ליכטיקייט און וואַרעמקייט און גלויבן. אין משך פון יאָרן איז ער, דער גרויסער וועקער, מאָנער און באַגייסטערער, אַליין געוואָרן אַ קולטור־פעסטונג, אַן אינסטיטוציע, אַ זייל פון אונדזער קולטור־בנין.

עס איז געווען נאַטירלעך, אַז זישע ווינפער, אַ זון פון דלות, פון אַ יידישן חזן אין אַ קליין שטעטל (טריסק, וואָלין) זאָל מיט דער צייט קומען צום פאָלק און זיך מיט אים אויף אייביק באַהעפטן. געקומען קיין אַמעריקע אין עלטער פון 21 יאָר, האָט ער מיט זיך מיטגעבראַכט קענטענישן פון דער יידישער און העברעיאישער ליטעראַטור, דערפאַרונגען פון אַ בוכהאַלטער און לערער. דאָ האָט דער אימיגראַנט מיטן באַרוף פון אַ דיכטער דורכגעמאַכט

אין די ערשטע יאָרן די דערפאַרונגען פון אַ סך „גרינע" פון די האָרעפּאַשנע שיכטן: געווען אַ שאַפּ־אַרבעטער, אַ קעלנער, אַ מאַליער, אַ שוואַרץ־אַר־בעטער, אַ שניידער, אַ ביכער־אַגענט, און דערנאָך — אַ לערער אין די ייִדישע קינדער־שולן.

דער יונגער דיכטער מיט אַן אייגנאַרטיקן וואָרט, מיט אַן אייגענעם סטיל האָט זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן אין אונדזער ליטעראַטור מיט אַ ליד אין „דאָס אידישע פאָלק" אין 1914. זינט דאַן האָט ער דורכגעמאַכט אַ לאַנגן שעפערישן וועג אַלס פּאָעט, ראָמאַנען־שרייבער, עסייאיסט, רע־דאַקטאָר — אַ וועג פון כסדרדיקן שאַפערישן וואוקס און זעלבסט־באַנייאונג, אַ וועג פון נאָכאַנאַנדיקע וויכטיקע בייטראָגן צו אונדזער ליטעראַטור.

דער סכום פון זיינע ווערק, אַרויסגעגעבן אין בוך־פאָרם (חוץ לידער און עסייען אין פיל ליטעראַרישע שריפטן) איז זייער אימפּאָזאַנט. די רשימה פון זיינע ביכער שליסט־איין: די לידער־זאַמלונגען: „פון אונדזער לאַנד", „ראַטמיאַ", „ביי דער גרעבליע", „גאָלד און גרין", „אונטערוועגנס", „פּיניע", „ליד און פריקד", „פּאָעמען וועגן די נביאים", „ביים גרענד קעניאָן", „גע־קליבענע לידער"; „דער גאָלדענער האָן" און „דאָס געזאַנג פון גלויביקן"; די ראָמאַנען „אַ גאַסט פון אַמעריקע" און „אויף די זאַמדן פון יהודה", צוויי בענד פּאָרטרעטן פון יידישע שרייבער, אַ ביאָגראַפיע פונעם באַוואוסטן יידישן קינסטלער פרענק קוירק, און נאָך און נאָך.

שוין אַלס אַ יונגער דיכטער האָט ער, דער פּאָעט פון שטראַלנדיקן וואָרט און פון ליבשאַפט צום עכטן ליד, באַוויזן צו גרופּירן אַרום זיך יונגע דיכטער, צוזאָגנדיקע טאַלאַנטן, וועמען ער פלעגט באַגייסטערן און דערמוטיקן צום שאַפן. שוין אין 1918 האָט ער, דאַן אַ 25־יאָריקער יונגערמאַן, רעדאַקטירט דעם ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל „דער אָנהויב"; מיט אַנדערהאַלבן יאָר שפּעטער האָט ער רעדאַקטירט דעם זשורנאַל „ביים פייער": שפּעטער (צו־זאַמען מיט מ. ל. האַלפּערן און ב. גראָבאַרד) דעם „אָטעם" (צווייטע העפט); דערנאָך — אין משך פון יאָרן די זשורנאַלן „די פעדער" און „דער אויפ־קום". פאַרשטייט זיך, אַז מיט זיין גרויסער מי האָט ער גאָר אין אַ גרויסער מאָס בייגעטראָגן צו דער רעגלמעסיקער דערשיינונג פונעם וויכטיקסטן יידישן חודש־זשורנאַל, וואָס די יידישע וועלט פאַרמאָגט איצט — „יידישע קולטור", רעדאַקטירט דורך נחמן מייזיל, ווייַנפּערס נאָענטסטער מיטאַרבע־טער אין דער פירערשאַפט פונעם „איקוף".

דורך שאַפערישער מי און דורך מיזאַמען, אומאויפהערלעכן שאַפן האָט ווייַנפּער דערגרייכט די מדרגה, וואו ער האָט פאַרנומען אַ פירנדיקע פּאָ־זיציע אין דער יידישער פּאָעזיע. זיין ליד טראָגט מיט זיך און אין זיך דעם צויבער פון עכטקייט, פון געזאַנג. זיין ליד צייכנט זיך אויס דער עיקר מיט זיין לויטערן ליריזם, מיט חוש פאַר מוזיק און מאָלעריי, מיט זינגעוודיקייט, שפּילעוודיקייט און מיט אַ שפע פון פרישע, ליכטיקע קאָלירן. פאַראַן אָפט לייכטקייט אין זיין ריטם, אין זיין פערז. דער פערז איז אָבער געוויינלעך אָנגעלאָדן מיט אידייע, מיט אינהאַלט, מיט רעאַליזם.

אָנגעהויבן האָט דער דיכטער ווינפּער ווי אַ פּאָעט פון ליד לשם ליד, לשם מוזיקאַלישקייט און בילדער־מאַלעריי, לשם גלאַט הנאה פון קונסט. שוין דאַן האָבן זיינע לידער געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק מיט זייער תמימות און אויפריכטיקייט. שוין דאַן האָבן זיי געוויזן מייסטערשאַפט פון וואָרט און פערז, פרישקייט פון טאָן, אייגנאַרטיקייט פון קונסט־אויסדרוק. שוין אין זיינע יונגע דיכטערישע יאָרן האָבן זיי געווירקט מיט זייער אוממיטלבאַר־קייט און ניט־געקינצלטקייט, מיט זייער אָטעם פון די רחבותדיקע אוקראַינער סטעפּעס, מיטן „גאָלד און גרין" פון די וואָלינער פעלדער, מיט די פייפל־ניגונים פונעם פאַרחלומטן פּאַסטוכל.

מיט דער צייט איז דאָס ליד פונעם הויך־געשטיגענעם דיכטער גע־וואָרן אַלץ רייפער, טיפער, ערנסטער, אָנהאַלטנדיק די לייכטקייט פון פאָרם און ליכטיקייט פון טאָן. דער דיכטער־עסטעט האָט גענומען ווייזן זיינע קאָלעגן „עסטעטן און פּאָעטן" דעם סאָציאַלן „ברוך פון אונדזער ערד", און ער האָט אויסגערופן: „עס איז דאָך ניִשט עסטעטיש און פּאָעטיש, ווי עס איז אַזוי"... אַלץ טיפער האָט ער אָנגעהויבן באַנעמען די סאָציאַלע אחריותן און התחייבותן פון אַ דיכטער, אַ שליח־ציבור, אַ וואָרט־זאָגער און משורר פון פאָלק. לאַנגזאַם האָט ער געפונען דעם וועג צום פאָלק, דעם טיפן אמתן זין פון זיין ליד און פון זיין הויכן באַרוף צו ווערן אַ פירנדיקער פּראָגרע־סיווער דיכטער. אָט דעם וועג זיינעם צום גרעסערן געראַנגל פון פאָלק פאַר קולטור און פּראָגרעס, צום קאַמף פון דער גאַנצער מענטשהייט פאַר שלום און פריינט־שאַפט, פאַר ברויט און פּאָעזיע האָט ווינפּער דיכטעריש געשילדערט אין זיין פּאָעטישער ביאָגראַפיע „פּיניע".

ווינפּער איז געווען איינער פון אונדזערע יידישסטע און אַמעריקאַ־נישסטע דיכטער; טיף פאַרוואָרצלט אין דער יידישער קולטור־טראַדיציע, אין דער נגינה פון יידישע דורות, פון דורות יידן און דורות יידישע פאָלקס־זינ־גער און דיכטער, — און פלייש־און־בלוט פון אַמעריקע. זיינע לידער זיינען אַ מעכטיק געזאַנג צו מענטש און לעבן, צום יידישן פאָלק אומעטום, און צו אַמעריקע — דאָס לאַנד, וואו מיר בויען אונדזער לעבן און אונדזער קולטור.

אין דעם יאַנואַר־נומער „יידישע קולטור" (1957) איז נאָך אונדזער ליבער און אומפאַרגעסלעכער ז. ווינפּער פאַרטראָטן מיט לידער. און אין דעם נייסטן נומער פונעם „קאַנאַדער וואָכנבלאַט" (יאַנואַר 24, 1957) איז פאַרעפנטלעכט אַ מעלדונג, אַז די צייטונג הויבט־אָן דרוקן ווינפּערס אַ סעריע לידער וועגן קאַנאַדע — „מיט זעלטן־שיינע בילדער פון אונדזער באַליבט לאַנד, ווי נאָר אַזאַ קינסטלער, ווי זישע ווינפּער האָט עס געקענט פאַר־צייכענען".

ניטאָ מער ווינפּער? אוממגלויבלעך. אוממעגלעך. ער איז מיט אונדז. זיין ליכטיק ליד לעבט מיט אונדז, אין אונדז.

יאַנואַר 30, 1957.

.2

„ווײל אַזױנס װאָס איז צעלױכטענע ירושה
איז פֿאַר אַלע דורות לױטערע קדושה".

ז. ווײנפער

מען האָט בײַ אונדז געשריבן אַ היפּש ביסל װעגן דעם פּריציייטיק־פֿאַר־שטאָרבענעם ז. ווײנפער, דעם גרױסן ייִדישן דיכטער און געטרײַען קולטור־בױער, דעם שעפֿערישן, פּילזײַטיקן פּאָעט און פּראָזע־שרײַבער, דעם אומ־דערמידלעכן לאַנגיאָריקן עסייאיסט און פּאָרטרעטן־שילדערער פֿון ייִדישע שרײַבער.

װאָס איז דאָס סאַמע עיקרדיקע און תוכיקע אין ז. ווײנפּערס ליד?

ז. ווײנפער, דער ליריקער און עפּיקער, איז קודם־כּל און מער פֿון אַלץ געװען דער דיכטער פֿון לעבנס־פֿרייד, פֿון מוט און האָפֿענונג, פֿון מונטערן גאַנג און לױטערן געזאַנג, פֿון „גאָלד און גרין", פֿון פֿאָלקס־אָפּטימיזם און העלן גלױבן, פֿון „נחמו, נחמו עמי" (טרייסט, טרייסט, מײַן פֿאָלק), — פֿון פּראָגרעסיװן גײַסט. ער איז געװען דער דיכטער פֿון באַרג־אַרױף און אױפֿ־קום — „אױפֿקום" איז געװען דער נאָמען פֿון אַ זשורנאַל, װאָס ער האָט אַרױסגעגעבן צװעלף יאָר — אַ לאַנגע קעגן די מאַטיװן פֿון אומקום.

גלױבן, בטחון — דאָס שטראַלט־אַרױס פֿון די מערסטע פֿון זײַנע לידער. אַ זעלטענער דיכטער! אַ זעלטענער קולטור־בױער! אין משך פֿון אַרום פֿערציק יאָר זײַנען זײַן דיכטונג און קולטור־געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקײט געװען — אײנס. אין האַרמאָנישע גאַנצקײט.

זישע ווײנפער — דער זון פֿון װאָלינער־ייִדישער אָרעמשאַפֿט, דער זון פֿון אַ חזן בײַם טריסקער רבין. געזאַנג איז געװען אין זײַנע בײנער, אין זײַן בלוט, אין זײַן גאַנצן װעזן. ייִדישער, טראַדיציאָנעלער, דורותדיקער ניגון, געלײַטערט אין „גאָלד און גרין" פֿון די אוקראַינער לאַנדשאַפֿטן, דורכגע־װעבט מיט די שטילע, צעגליטע מעלאָדיעס פֿון „די זאַמדן פֿון יהודה", דורכ־געפּעדימט מיט די טענער און ריטמען פֿון דער רחבותדיקער אַמעריקע.

„געזאַנג" איז דאָס װאָרט, װאָס קלינגט אַממערסטן אַרױס פֿון זײַנע ליריקע לידער. „זינגען מיר, זינגען מיר, זינגען מיר, און אַלע װעלטן פֿאַרקלינגען מיר". באַהאַרצט, באַשטראַלט, צאַרט געזאַנג!

ווײנפּערס געזאַנג איז אַ װיכטיקער, אָרגאַנישער טײל פֿון זײַן לעבן און װעזן, פֿון זײַן לײַב און נשמה:

„יעדע שורה פֿון מײַנס אַ ליד
איז אַ טראָט פֿון מײַנע טריט, —
געזאַנג
פֿון מײַן גאַנג".

און תמיד איז עס זײַן גאַנג, זײַן דרך, זײַן אײגן און אײגנאַרטיק געזאַנג.

זיין סטיל, זיין טריסקער־אַמעריקאַנער שטים, זיין שאַפונגס־פּראָצעס — געשטעלט צו דינסט און אין רשות פון פאָלק.

אין די ערשטע יאָרן פון זיין שאַפן, נאָכדעם ווי ער האָט אין 1914 געשטעלט זיינע ערשטע טריט אין אונדזער שטייגנדיקער יידישער דיכטונג, איז דער פּאָעט פון וואונדערלעכע, היימיש־וואַרעמע אוקראַינער מאָטיוון און פּייסאַזשן און שפּעטער פון „יהודה־זאַמדן" מאָטיוון, געגאַנגען זיין דיכטערישן וועג אַליין, אין אַ זייט פון פאָלק. שוין דאַן האָט פון זיין מוזיקאַלישן, ריטמישן, שפּילעוודיקן ליד געשפּראָצט מיט פאַרליבטקייט אין לעבן. עס איז געווען ממש נאַטירלעך, אַז דער יונגער דיכטער פון זוניקייט און לעבנס־פרייד, פון מונטערגעזאַנג און מונטערגאַנג, זאָל זיך באַהעפטן מיטן פאָלק, מיטן אַרבעטער־קלאַס און מיט זיינע קאַמפן, טרוימען און שטרעבונגען. עס איז געווען נאַטירלעך — און אַ ברכה פאַר זיין טאַלאַנט און פאַר די יידישע פּראָגרעסיווע מאַסן — אַז ער זאָל אַרויפטרעטן אויפן ברייטן שליאַך פון פרייהייט־קאַמפן און קולטור־בויאונג, אַז ער זאָל אין ליד און פּראָזע אָפּשפּיגלען פיל וויכטיקע געשעענישן פון אונדזער גורלפולער צייט.

גערופן האָט ער צו זיין ליד:

„גיי וויטער פאַרגאַפט און פאַרוואונדערט
צו אַלץ וואָס איז שיין,
צו אַלץ וואָס איז ריין".

און זיין קרעפטיק, זינגעוודיק, פריש ליד איז אַלץ געגאַנגען פאָראויס, „צו דעם פאָראויס", צו אַלץ העכערע מדרגות — צו מענטש, פאָלק, מענטשהייט, צום היינט און צום מאָרגן, צו קאַמף פאַר סאָציאַלן יושר. זיין ליד, לעבעדיק און ערדיש, עכט און נאַטירלעך, שטראַליק און מעלאָדיש, העל און פול מיט יונגקייט, מיט דאַאיקייט, האָט אין זיין באַהעפטן זיך מיט פאָלק אָנגעהויבן אָנגעפילט ווערן אַלץ מער מיט רייכן אינהאַלט, מיט אידייאישקייט, מיט זאַפטיקער קערנדיקייט, — זיין ליד איז געוואָרן סאָציאַל־אָנגעלאָדן, רייכער און רייפער קינסטלעריש און אידייאיש. דער דיכטער איז געגאַנגען אַלץ מער צו פּאַרטיפונג. ער איז געוואָרן באַפליגלט מיט קעמפערישן גייסט, מיטן כוח פון מסירת־נפשדיקע פּראָגרעסיווע פאָראויס־גייענדיקע פאָלקסמאַסן. ער האָט זיך דערפילט ווי אַ דיכטערישער שליח־ציבור. ער איז געוואָרן דער דיכטער פון שטיל־פליסנדיקן ליד און ברייט־ברויזנדיק־שטראָמיקן געזאַנג, וואָס האָט אַרומגענומען אַ גאַנצע עפּאָכע.

זינט 1937 דער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר און פאַנען־טרעגער פונעם „איקוף", איז ער געווען דער מוסטערהאַפטער, בלב ונפשדיקער קולטור־טרעגער און קולטור־פאַרשפּרייטער, דער אומדערמידלעכער שליח און אַמבאַסאַדאָר פון יידיש־פּראָגרעסיוון וואָרט, דער שטאָלצער ערנסט־שמייכלדיקער „לעקטאָר און קאָלעקטאָר" פאַר דעם יידיש־וועלטלעכן קולטור־בנין, אַזוי אָפּט אונטערוועגנס („בן־אדם איז שוין אויף די וועגן ווייטער").

און — דער גרויסער נס פון שאַפן! ווייניפערס אומדערמידלעכע אַרבעט

און וואנדערונג האט ניט אפגעשוואכט, נאר פארשטארקט, פארטיפט, אויסגעברייטערט זיין שאפן. זיין רייכע ליטערארישע ירושה באשטייט פון ארום 23 בענד לידער און פראזע. ביזן סאמע סוף פון זיין ווינעם, נאבעלן לעבן, ביז דער לעצטער רגע (שבת ביינאכט, דעם 26טן יאנואר, 1957) איז זיין שעפערישער גייסט געווען וואך און אקטיוו.

בלעטערן מיר די ליכטיקע בלעטער פון זיינע לעבנס־ביכער און שעפן זיך אן מיט ווינפעריש בטחון און לעבנס־גלויבן. אט איז זיין ראמאן אין פערזן, זיין פאעטישע אויטאביאגראפיע „פיניע". א ווערטפול, פיל־אנטפלעקנדיק ווערק! ערלעך, אויפריכטיק דערציילט דער דיכטער ווי אזוי ער איז פון א יחידישן דיכטער געווארן א סאציאלער פאעט, ווי אזוי ער האט זיך שוין אויף אייביק פארבונדן מיטן פאלק — כדי אים מיט זיין ליד און מיטן גאנצן וועזן צו דינען. מיר זעען דעם פראצעס, ווי אזוי ער האט זיך באצייטנס אפגערוקט און דערנאך אפגעטרייסלט זיך פון די קונסט־לשם־קונסטניקעס, ביי וועמען „דער גאנצער אוניווערז איז באשטאנען פון א פערז". מיר זעען, ווי ער הויבט־אן באנעמען די גרויסע סאציאלע אחריות פון אן אמתן דיכטער. מיר זעען אים — אין זיין אייגענער, פרעכטיקער שילדערונג — ביי זיין ארויפטרעטן אויפן וועג, וואס פירט צו שטורמישע קאמפן פאר די רעכט פון פאלק, פאר פולער סאציאלער און נאציאנאלער באפרייאונג. דער דיכטער, וואס האט שוין אין זיין בוך „אונטערוועגנס" גערופן צו די „עסטעטן און פאעטן": „פארקערט מיט בעזימער דעם ברוך פון אונדזער ערד", זעט זיך איצט, אין „פיניע", ווי „א פאדעם אינעם געוועב" — ער זעט זיך אליין „אויף א וועג אן אנגעצייכנטן, א קלארן". זיין וועלט־באנעם איז איצט ביי אים אויסגעקלארט און זיין „קול איז איצט צעהעלט".

און מיר לייענען מיט פארגאפטקייט זיינע קינדער־לידער פונעם בוך „דער גילדענער האן", און מיר באוואונדערן זיי. די לידער זיינען אזוי נאענט צום קינדס פאנטאזיע, צו זיין נשמה און וועלט. דעם דיכטער איז דא צונוץ געקומען זיין לאנגיאריקע דערפארונג אלס שול־לערער — און דער עיקר: זיין טיפע ליבשאפט צום קינד. די לידער ווערן אזוי היימיש־אינטים מיטן קינד, זיי ברידערן זיך מיט אים עכט, פריי, שטיפעריש, לייכט. זיי ברענגען אים פרייד, פול־קלאנגיקייט. זיי זינגען זיך אריין אין זיין הארצן. „מיט א גראם, צי אן א גראם, טריי־ליי־ליי!".

אזוי פיל פריידפולע לידער — אבער פאראן דא אויך לידער אנגעזאפט מיט רירנדיקן טרויער, מיט שילדערונגען פון דלות, נויט, רשעות („סעמי דער שיך־פוצער", „דאס בעגערל און דאס שלעגערל", א. אנד.). אט־די צערפולע לידער ווירקן מיט זייער הארציקייט ווי א פידעלע, וואס פארגייט זיך אין א דין, שטיל געוויין. זיי רופן־ארויס ביים קינד מיטלייד און פראטעסט קעגן אומרעכט. די לידער פון „דער גילדענער האן" זיינען זעלטן־שיינע, גילדערנע לידער פאר קינדער פון יידישע קינדער־שולן (פון אלע טיפן).

און אט רעדן און זינגען צו אונדז וויינפערס „פאעמען וועגן די נביאים" (1951). מיר דערזעען, ווי דער דיכטער האט אויפגעבויט א פאעטישע בריק

צווישן דעם ווייטן עבר און דעם שטורמישן היינט. אויף זײַן אָריגינעלן אופן האָט ער, דורך דיכטערישער וויזיע און נגינה, דורך וואָרט און בילד, גע־זאַנג און געמעל, קיבּסטלעריש אויפגעלעבט און געשאַפן מעכטיקע געשטאַלטן פון די נביאים — פרייהייט־קעמפער, פאָלקס־לערער און דערציער, וועגווייזער, טשעמפּיאָנען פון סאָציאַלן יושר, שרעקלאָזע אין זייער פלאַמיקן צאָרן קעגן עוולה׳ס, אין זייער גראַנדיעזן קעגן רשעותדיקע הערשער, קעגן אונטערדריקער.

אין זיינע געשטאַלטן פון אונדזערע נביאים האָט דער דיכטער ז. ווײַנפּער אַנטפּלעקט נײַע פּאָעטישע גבורה, נײַע קראַפט פון שילדערן, זינגען און דערציילן — פון אויפלעבן און געשטאַלטיקן בילדער, סביבה, סיטואַציעס פון אַמאָל אין ליכט פון היינט.

ס׳אַ שפּעדיקייט אין דעם דיכטערס לידער־גערטנער. ווילן מיר זיך אָנזאָפן מיט מחיהדיקע, וואונדערלעכע שטילקייטן און רוישן, שיינקייטן און מאָלערייען פון דער נאַטור, קומען מיר־צו צו ווײַנפּערס „ביים גרענעץ קעניאָן" (1947). איר ווערט באַלד פאַרכאַפּט פון די טיפע טיפן פון די מערסטע לידער אין אָט־דעם בוך — אָן ספק, איינע פון ווײַנפּערס פּרעכטיקסטע און בעסטע לידער־זאַמלונגען.

איר לייענט און ווערט גוואַלדיק באַווירקט! וואונדער איבער וואונדער! אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע בילדער פון „בראשית", פון יצירה, פון נאַטור־כוחות און אַנטפּלעקונגען. פון די טיפן פון זיין נשמה האָט דער דיכטער אַרויס־געשאַלט נייע, ממש־באַצויבערנדיקע, שטימונגפולע, פרישע געזאַנגען, קע־ניאָן־געזאַנגען, דערמוטיקנדיקע, פאַרטיפטע, בילדער־רייכע, סאָציאַל־דורכ־גענומענע, פול מיט פאַרגאַפטקייט פאַר די נאַטור־גרויסקייט און שיינקייטן, פאַר די נאַטור־געשאַפענע פאַנטאַסטישע געשטאַלטן.

אין מאָמענט פון גייסטיקער דערהויבונג האָט דער דיכטער, אַ באַזעל־טער פון נאַטור־גבורה, אויסגערופן:

„אַלץ איז איצט אַ ליד
עקסטאַזנדיק אַזוי —
מה גדלו מעשיך, אדוני!".

איר האָט דאָ אין אָט־דעם בוך פון געזאַנגען אַ שלל מיט טיפע איבער־לעבונגען, קרעפּטיקע אימפּרעסיעס, ריטמען, ווערטער־פאַרבן, רעגנבויגן־קאָ־לירן, קלאַנגען — אַלץ אין האַרמאָניע מיטן גרויסן וואונדער פון ביים גרענעץ קעניאָן. צוזאַמען מיטן דיכטער דערהערט איר:

„... סאַראַ ניגון,
וואונדערלעך דערהויבן,
אַרום מיר זיך וויגן
וועלטן פול מיט גלויבן".

און אָט דערהערט איר די שטים פונעם דיכטער דעם גלויביקן, דעם בעל־האָפענונג, דעם זינגער און באַזינגער פון אונדזער לעבן, וואָס אַמאָל

איז עס „שווער און איז גרוי״ — פון זײן ווערטפולן בוך „דאָס געזאַנג פאַר־נעם גלויביקן״. שוין בלויז די נעמען פון אײניקע פון די לידער רעדן צו אײך פונעם דיכטערס גלויבן־באַלויכטענעם געמיט. אָט זײנען די נעמען פון אַ צאָל לידער אין דעם בוך: „דער גלויביקער, דער האָפנדיקער״, „די נאַכט וועט דאָס פּנים אין דער זון זיך צעשלאָגן״, „דורך אַקערן און האַמערן״, „אין אײביקן געוועב״, „בײם צונויפפליִיגן די זאַנגען״, „פאַר אײער הייליקײט און לויטערקײט״, „ניט שטערט־זשע דעם גאַנג!״, „דאָס ליד פונעם פּוסגײער״, „בײם קבר פון דוד עדעלשטאַט״, „בלענדנדיקע בלענדע״, א. אַנד.

האָפערדיק, מוטיק רופן צו אונדז דעם דיכטערס לידער:

„זעט, זעט, ווי דער חושך, וואָס איז איצט אַזוי געדיכט,
קאָן נישט פאַרלעשן די זון, די לבנה, די שטערן!״.

מיט אַ פרײדיקן אָנזאָג:

„מאָרגן וועט רעגנבויגן
אויף אונדזער האָריזאָנט זיך צעקאָלירן,
און מיר וועלן אונדזערע טירן
צעפּראַלן פאַר דער אָנקומענדיקער פרײד!״

און אָט זעען מיר אים, דעם דערהויבענעם דיכטער פון „שווערן געפּעק״, מיטן שווערן עול פון ביטערע דאגות פאַרן קיום פון דער יידישער קולטור, — קולטור, ווי אַ וואָפן קעגן רעאַקציע און קריג.

ערגעץ־וואו אין אָט־די לידער ווערט פאַרגעזעצט דער גאָלדענער פאָדעם פון דער ווינטשעווסקי־טראַדיציע — אויף אַ נײער, מאָדערנער, הײנטיקער שטופע. פאַר אונדז וואַקסט־אויס די פיגור פון אַ קעמפנדיקן דיכטער, אַ באַגײסטערטן און באַגײסטערנדיקן, אַ רופער צו מעשים, צו פאַרזעצונג פון אַמעריקעס פרײהײט־טראַדיציעס פון לינקאָלן, וויטמאַן, דעבס, אַלגין. מיר זעען און הערן און שפּירן אַ דיכטער פון זינגענדיקער ליבשאַפט צום פאָלק, אַ גאַר באַדײטנדיקן יידישן דיכטער און אַמעריקאַנער דיכטער אין יידיש, אַ דיכטער וואָס קאָן זאָגן: „איך זע מאָרגנשײן, ווען די נאַכט איז בײ מײן טיר״. און מיר זעען אין ווײנפּערס העלן „ליד פון דעם קאַיאַר״, אַז דאָס איז טאַקע ער, אונדזער לויטערער בטחונדיקער זינגער — „דער העלער, שײניקער קאַיאַר, וואָס האָט נאַכט זיך דורך נאַכט דורכגעבראָכן״, און וואָס „גײט־אויף העל, דערהויבן״. און דער לײענער ווערט באַרײכערט מיט אַן עשירות פון העלע פאַרבן, טענער און בילדער, צײטיקע, צאַרטע געזאַנגען, ממעמקימדיקע תפילה־לידער און צאַרטדיקע אויסגעשרײען פון אַ צעווײ־טאָקטן געמיט קעגן די שונאים פון פאָלק, קעגן דעם „מנובל״, „מסור״, „שקרן״ און „חונף״.

ווײנפּערס פּראָזע־ווערק „אויף די זאַמדן פון יהודה״, „מיטן יידישן לעגיאָן״ (1942), „אַ גאַסט פון אַמעריקע״ (1953); זײנע צוויי בענד עסײען, באַשרײבונגען און פּאָרטרעטן־מאַלערײען פון שרײבער („יידישע שריפט־שטעלער״, 1933), זײן בוך „משה־לײב האַלפּערן״ (1940), זײנע לידער־זאַמ־

לונגען אויפגעזאַמלט אין „געקליבענע לידער" — זיין גאַנצע רייכע ירושה פאַדערט שטודיום, פאַדערט פאַרשפּרייט צו ווערן צווישן דעם פאָלק.

וויינפּער האָט זיך אַמאָל באַצייכנט אַלס „אַ פּעדעמל אינעם גרויסן געוועב, וואָס הייסט: „יידיש פאָלקס־לעבן". ס'איז אַ הויכע מדרגה! דער דיכטער פון „אַ פּאַסטוכל אַ טרוימער", „אלה אזכרה" (וועגן די עשרה הרוגי מלכות), „מיר — יידישע אַמעריקאַנער" (צום יובל פון 300 יאָר יידיש לעבן אין אַמעריקע) איז געבליבן ביי ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן אומעטום. זיין זוניק ליד לעבט און זינגט. דאָס „ליכט פון זיין האַרץ" גייט־אויף אין די הערצער פון פיל יידישע פאָלקס־מענטשן אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער!

יאַנואַר 26, 1958 (צו וויינפּערס ערשטן יאָרצייט — צום מעמאָריאַל אין ניו־יאָרק, יאַנואַר 26, 1958).

3.

„דורך שטיין, גראַניט
צום גרינעם פעלד, —
הער, הער אַ ליד
גייט־אויף, צעהעלט".

ז. וויינפּער

מענטשן פון פאָלק ברענגען צו דיין פרישן קבר היינט בלומען פון ליבשאַפט, אַ, דיכטער פון פאָלק!

פרילינג. מאַי. וויינפּער. וויינפּערס לידער פון לעבן. ניין, דאָס פּאַרט זיך ניט מיט טויט, מיט קבר.

בלעטער איך ווידער וויינפּערס ביכער פון לעבן און ליבשאַפט — און עס הערן־אויף פריש־גרינע שפּראַצונגען, און עס קלינגען לידער פון מוט, טרייסט און האָפענונג. און עס מיניען זיך און שעמערירן פּרעכטיקע פאַרבן, בילדער, געשטאַלטן. ס'איז עשירות פון קלאַנגען און ריטמען! ס'איז פאָלקסטימלעכקייט פון פּשטותדיקן, לויטערן וואָרט! ס'איז טיפע פאַרווארצלטקייט אין פאָלק און אין לעבן!

איר לייענט און זאַפּט אין זיך איין די שיינקייטן, וואָס שטראָמען פונעם וויינפּערישן ערנסטן און דאָך גראַציעזן ליד. איר טרינקט ממש די זוניקייט פון זיין ליד. איר ווערט פאַרכאַפּט פון דער מוזיק, זינגעוודיקייט און ריטמישקייט פון זיין ליד — און איר דערשפּירט די אָנוועזנהייט פון אַ דיכטער אַ טרוימער, אַ וויזיאָנער פון פאָלקס פרייהייט און גליק, אַ שאַפער פון שיינקייטן. אַ פאַרליבטער אין לעבן, ליבשאַפט און דיכטונג, — אַ זינגער מיט אַ זוניקער שליחות. פיל פון די לידער זיינען לייכט, שטראָמענדיק —

צו דער מצבה־אויפהעקונג אויפן קבר פון ז. וויינפּער, זונטיק, דעם 4טן מאַי, 1958, אויפן בית־מאָזעס בית עולם, פּאַינלאַן, לאָנג איילאַנד, נ. י.

און דאָך מיט אַ שליחות — מיט אַ סאָציאַלער שליחות, מיט אַ באַגער צו באַרײַכערן דאָס לעבן פון די אָרעמע, אַרויסצואָגטפּלעקן די שײנקײטן אין די נשמות פון די באַלײדיקטע און אונטערודריקטע, פּונעם „באָרוועסן ברודער״.

און דעם דיכטערס פראַגע צום „באָרוועסן ברודער״ איז נאָך אַלץ אַ גליענדיקע, אַן אַקטועלע:

„העי, באָרוועסער, — האָב איך געפרעגט, — וואָס זאָגסטו אָן?
אַ שׂרפה פאַר דער וועלט, צי ליכט אויף טאָג?
העי, באָרוועסער ברודער מײַנער, זאָג מיר, זאָג!״

איר לײענט ווײנפּערן און איר ווערט מיטגעריסן. זײַנע לידער ווירקן. זײ קלינגען־אָפּ אין דעם לײענערס געמיט. זײ רודערן־אויף. זײער טיפער ליריזם רעגט־אָן, רופט־אַרויס שטימונגען, רעגונגען, איבערלעבונגען, צו אַזאַ קראַפט דערגרײכט בלויז אַן עכטער דיכטער פון גאָר אַ הויכער מדרגה. אַזאַ דיכטער איבט־אויס אַ השפעה אויף דער ליטעראַטור, אויף דער פּאָעזיע.

איר לײענט ווײנפּערן, איר פאָלגט־נאָך זײַן וואַקסן פון בוך צו בוך, און איר דערשפּירט: זײַן עכטע גבורה די דיכטערישע האָט ער געקראָגן, ווען ער האָט זיך באַהאָפטן מיטן כלל, מיטן פאָלק — ווען ער האָט אויפגעהערט זינגען זײַן יחידיש ליד. ער אַלײן דערקלערט דאָס אַזוי שײן:

„אין שײַן פון באַנילטע מנורות
צעשײַנט זיך מײַן שײַן דאָ בציבור״.

פון די קרעכצן פון פאָלק, פון די קוואַלן פון „בציבור״ האָט ער, דער דיכטער פון לעבנס־פרײד, דער זון פון דער זוניקער אוקראַינע, וועלכער האָט זיך באַהאָפטן מיט דער ערד פון לאַנד אַמעריקע, געשעפּט זײַן כוח, זײַן פּאָעטישע גבורה.

פונעם לעבן און פון דער געשיכטע פון פאָלק האָט ער געשעפּט זײַן אָפּטימיזם, זײַן בטחון:

„זינג, זינג מײַן האַרץ
אַזוי, אַזוי, אַזוי!
דאָס שוואַרץ
וועט ווערן בלוי,
וועט ווערן העל״.

דער דיכטער, וואָס האָט דורך ליד און געמיט געטראָגן דעם בטחונדיקן המשך פון „לאַנג שוין פאַרגאַנגענע דורות״, האָט געווענדט זײַן העלן בליק צום פאָראויס. אין זײַן ליד „פאָרויס, פאָעט!״ (מיט וועלכן ער שליסט זײַן בוך „בײם קעניאָן״, 1947) רופט ער אויס מיט ליכטיקן מונטער־טאָן:

„אַ גרויס געזאַנג
און פול מיט ברויז
איז דאָך דער גאַנג
צו דעם פאָראויס!״

אַט־דער „פֿאַראויס!“ האָט געפֿירט און פֿירט, ניט צו „אַ שׂרפֿה פֿאַר דער וועלט“, נאָר צו — „ליכט אויף טאָג“, צו אַ העלן מאָרגן פֿון אַ באַ־פֿרייטער מענטשהייט אין פֿרידן און אין ברידערלעכקייט, וואו מענטשלעכע ווירדע ווערט הויך געשאַצט, וואו מענטשלעך לעבן איז הייליק:

„אינעם קאָסמאָס בין איך חלק,
איך אין אים און ער אין מיר, —
אַלץ איז הייליק, הייליק, הייליק,
הייליקייט אין מיר, אין דיר!“

שעפּן מיר פֿון די לויטערקייטן פֿון וויינפּערס הומאַניסטישן ליד, און דרינגען זיך דורך מיט זיין טיף־עטישער לעבנס־פֿילאָסאָפֿיע: „עס בענקט נאָך ליכטיקייט דאָך יעדן מענטשנס הויז“, און „חלום מוז דאָך האָבן אונדזער ווייסטע וואָר“, און מיר כאַפּן־אויף זיין אָנזאָג און רוף צום דיכטער:

„זינג, זינג, אָ, פּאָעט,
דיין גלויביק געזאַנג“.

און:

„זינג, זינג, אָ, פּאָעט,
להכעיס דער נאַכט
דאָס ליד, וואָס צעוואַכט
דעם גאַנג פֿונעם טראָט“.

און דעם דיכטערס וואונדערלעך געזאַנג זינגט זיך אַריין אין אונדזער געמיט מיט „פֿרייד צו דער וועלט“, און מיר דערהערן וויינפּערס גלויביקן רוף:

„טויט איז נישט טויט,
איבערבייט בלויז.
היינט ביסטו קרויט,
מאָרגן אַ רויז“.

פֿרילינג. מאַי. וויינפּער. וויינפּערס ליד פֿון לעבן באַזיגט דעם טויט און זינגט דאָס געזאַנג פֿון לעבן, פֿאָלק, מענטש, וואָס איז אייביק.

פֿון דער גרינער בית־עולמדיקער רו טראָגט זיך הויך, פּראָפֿעטיש, לעבנס־גלויביק וויינפּערס „למנצח“־ליד:

„איך בין דער שטילער, קילער רעגנבויגנדיקער חלום,
וואָס זינגט דאָס ליד פֿון ליבשאַפֿט און פֿון שלום!“

מאַי 4, 1958.

4.

אין אָנהייב 1958, צום ערשטן יאָרצייט פֿונעם פּריצייטיק־פֿאַרשטאָרבע־נעם אָנגעזעענעם יידישן דיכטער און דערציילער, „איקוף“־בויער, ז. וויינפּער, האָט דער „איקוף“־פֿאַרלאַג אין ניו־יאָרק אַרויסגעגעבן אַ נייעם בוך זיינעם,

„שרײַבער און קינסטלער“, עסייען — דעם פֿיר־און־צוואַנציקסטן אין דער רשימה פֿון זײַנע דערשינענע ביכער.

דורך אָט־דעם בוך זעט מען דעם טאַלאַנטפֿולן, ליכטיקן דיכטער — הויפּטזאַכלעך דיכטער — און דערציילער ז. ווײַנפּער אויך ווי אַ קענער פֿון אונדזער יידישער ליטעראַטור און פֿון וויכטיקע בײַטראָגן פֿון יידישע קינסטלער־מאָלער.

שוין אין אַ פֿריערדיקן פּעריאָד פֿון זײַן שאַפֿן האָט ז. ווײַנפּער אַרויסגעגעבן צוויי בענד „יידישע שריפֿטשטעלער“ (אין 1933 און 1936), אין וועלכע ער האָט אַרויסגעוויזן זײַן קונסט אַלס מאָלער פֿון ליטעראַרישע פּען־פּאָרטרעטן. די עסייען, אָפּהאַנדלונגען, אַרטיקלען, זכרונות, פּען־צייכענונגען, שילדערונגען, באַשרײַבונגען, קריטישע אַנאַליזן וועגן 28 יידישע שרײַבער (פֿון פֿאַרשיידענע דורות) און אַכט יידישע קינסטלער האָט דער שטענדיק־שעפֿערישער, שפּרודלדיקער, פּראָדוקטיווער שריפֿטשטעלער געשריבן אין די לעצטע פֿופֿצן־זעכצן יאָר פֿון זײַן לעבן. די מערסטע פֿון זיי זײַנען געווען פֿאַרעפֿנטלעכט אין דעם „איקוף“־זשורנאַל „יידישע קולטור“.

אין אָט־די עסייען איז דער מחבר אָן אַן ערך רײַפֿער, וואָגיקער, פֿאַרטיפֿטער, קינסטלעריש און אידעאָלאָגיש, אין פֿאַרגלײַך מיטן פּעריאָד פֿון זײַנע צוויי בענד „יידישע שריפֿטשטעלער“. ז. ווײַנפּער ווײַזט־אַרויס אין אָט־די עסייען אַ טיפֿע קענטעניש פֿון אונדזער ליטעראַטור און די פֿאַרשיידענע פּראָצעסן פֿון איר אַנטוויקלונג, אַ צוגאַנג פֿון עכטער ליבשאַפֿט צום געראָטענעם קינסטלערישן וואָרט, צו יידישע שאַפֿערישע פּערזענלעכקייטן, און אַ שאַרף־קריטיש אויג פֿאַר ליטעראַרישע שאַפֿונגען, זייערע מעלות און חסרונות. ריכטיק באַמערקט דער ליטעראַטור־פֿאָרשער נחמן מייזיל אין זײַן אַרײַנפֿיר־וואָרט צום בוך, אַז „דער קרייז אינטערעסן און קענטענישן פֿון דעם דיכטער ז. ווײַנפּער איז באמת פֿיל, פֿיל ברייטער ווי מיר האָבן זיך פֿאָרגעשטעלט“.

אין די עסייען און פּאָרטרעטן האָט ז. ווײַנפּער קאָמבינירט זײַן טאַלאַנט פֿון דיכטער און דערציילער. דער רעזולטאַט איז, אַז דער בוך לייענט זיך מיט גרויס אינטערעס, ממש מיט שפּאַנונג. דער מחבר ווײַזט די געשילדערטע שרײַבער און קינסטלער אין פֿאַרשיידענע פּעריאָדן פֿון זייער לעבן, אין באַזונדערע פּראָצעסן פֿון זייער שאַפֿן, אין זייערע געמיט־צושטאַנדן, אין אינטימע מסיבות און סביבות. ער לעבט־אויף וויכטיקע פּעריאָדן אין יידיששאַפֿן אין דער „אַלטער היים“ און דאָ אין אַמעריקע.

דער בוך באַשטייט פֿון פֿיר טיילן: ז. ווײַנפּער וועגן זיך און זײַן שאַפֿן; יידישע שרײַבער; יידישע קינסטלער; מיטן גאַנג פֿון איקוף. צום סוף קומט אַ רירנדיקע באַשרײַבונג „מײַן טאַטע“ פֿונעם דיכטערס טאַלאַנטפֿול, צאַרט טעכטערל נחמה ווײַנפּער.

איר לייענט זיך אַרײַן אין די עסייען, וואָס זײַנען אויך דערציילונגען און בילדער, און איר שפּירט, אַז דער דיכטער־שילדערער ווײַנפּער פֿילט זיך היימיש און נאָענט אין דעם גאָרטן פֿון אונדזער ליטעראַטור, וועלכן ער האָט

געווידמעט זיין טאַלאַנט און צענדליקער יאָרן פון זיין לעבן אַלס פּלאַנצער, פּלעגער און געטרייער היטער. איר זעט ווי דער מחבר קען דעם גאַנצן גאָרטן און די באַזונדערע בוימער: די אַלטע און יונגע פּרוכט־בוימער, די דעמבעס און די בעריאָזקעס.

די פּען־פּאָרטרעטן זיינען דורכגעוועבט מיט פּערזענלעכע זכרונות, פון וועלכע עס אָטעמט מיט אינטימקייט, פריינטשאַפט, וואַרעמקייט, מיט טיפן דרך־ארץ צו אונדזער ליטעראַטור און אירע וואָרטזאָגער, סיי די אבות די גרונטלייגער, סיי די יורשים־ממשיכים־פאָרזעצער, אַ צאָל פון זיי ווײַנפּערס קאָלעגן און באַגענטע פריינט.

אַ פיין, לעבעדיק בילד וועגן זיך און זיין שאַפן גיט דער מחבר אין זיין סאַמע ערשטן עסיי אינעם בוך: „דאָס פערטל־יאָרהונדערט פון מיין ליטע־ראַרישער טעטיקייט" (1940). ער דערציילט: אינעם ערשטן, נאָך רויען פעריאָד פון זיין שאַפן האָט ער „ניט מער ווי צוגעלייגט אַן אויער צו דער טיר פונעם היגן יידישן אַרבעטער און פאָלקס־מענטש". זיין ליד איז דאַן געווען „כאָטש שוין ניו־יאָרקיש־יידיש, אָבער דאָך אַ זייטיקס און אַן איינ־זאַמס". און אין אים איז אַלץ מער געוואָקסן אַ גרויסע בענקשאַפט — אַ בענקשאַפט „נאָך דער גרויסער יידישער מאַסע, פון וועלכער איך קום אַרויס און אין וועלכער איך פיל זיך, ווי אַ ניט־אָפּגעטיילטער טייל". און ער האָט זיך צונויפגעלעבט און איז צונויפגעוואַקסן געוואָרן מיט דער קעמפערישער, פּראָגרעסיווער יידישער פאָלקס־מאַסע, און ער דערקלערט שוין דאַן — אין 1940: „איך פיל זיך גוט צו זיין איינער פון דער מאַסע, — אַ פּעדעמל אינעם גרויסן געוועב, וואָס הייסט: יידיש פאָלקס־לעבן".

און ער רעכנט־אויס זיינע לערערס און פריינט: משה־לייב האַלפּערן, דוד בערגעלסאָן, מ. אָלגין. און ער רופט־אויס אַ צעשטראַלטער, אַ יום־טוב־דיקער: „מיין וואָרט גייט איצט אויף דורך צווייַ ריינע און לויטערע פאָלקס־אָרגאַנען — די ,מאָרגן־פרייהייט' און דער זשורנאַל ,יידישע קולטור' פון אונדזער ,איקוף'. מיין וואָרט ווערט איצט דערהערט, ווייל עס איז דאָס וואָרט פון פאָלק צוריק אין דעם פאָלק אַריין".

אין דעם בוך זיינען אַריין ווײַנפּערס אָפּהאַנדלונגען, אָפּשאַצונגען, כאַ־ראַקטעריסטיקעס וועגן די פאָלגנדיקע שרייבער: י. ל. פּרץ, שלום־עליכם, אַלעקסאַנדער האַרקאַווי, דר. חיים זשיטלאָווסקי, יעקב מילך, יהואש, דוד פּינסקי, מ. אָלגין, שלום אַש, פּרץ הירשביין, יוסף ראָלניק, מאַני לייב, ראובן אייזלאַנד, דוד בערגעלסאָן, פּייניע קאַץ, נחמן מייזיל, ב. לאַפּין, נפתלי גראָס, י. י. סיגאַל, יונה ראָזענפעלד, יעקב מעסטל, בער האָראָוויץ, ב. ריווקין, לייב אַליצקי, שלום שטערן, אבא שטאָלצענבערג, ברוך אַליצקי, אהרן קרישטאַלקע. אין דער אָפּטיילונג „יידישע קינסטלער" גייען אַריין עסייען וועגן: הענעך גליצענשטיין, אברהם וואָלקאָוויץ, אברהם מאַניעוויטש, א. אַבראַמאָוויטש, סעם אָסטראָווסקי, מאָריס קאַלעם, פרענק קוירק, פּעני ראַבעל.

די עסייען און פּאָרטרעטן העלפן אייך קלאָרער דערזען דעם פּאָרטרעט פונעם מחבר גופא, דעם וואָרט־קינסטלער און מענטש ז. ווײַנפּער. זיי מאַכן

מעגלעך טיפער אַרײַנצובליקן אין זײַן אײגענער פּערזענלעכקײט, אין דער געבענטשטער קינסטלער־געשטאַלט פונעם זוניקן זינגער פון יידישן פאָלקס־לעבן, דעם זון פונעם טריסקער אָרעמען חזן, דעם טיף־אײנגעוואָרצלטן אין יידישן לעבן, דעם אומדערמידלעכן און אָפּטימיסטישן בויער פון אונדזער יידישער פּראָגרעסיווער קולטור, װעלכע איז אַ טײל פון אונדזער לעבן.

ניט קײן „געשוואױרענער", „פּראָפעסיאָנעלער" ליטעראַטור־קריטיקער, האָט ז. ווײַנפּער דער עסײאיסט דאָך אױפגעכאַפּט דאָס עיקרדיקע, כאַראַק־טעריסטישע, דאָס סאַמע־קערנדיקע און תּוכיקע אין די שאַפונגען פון די גע־שילדערטע שרײַבער, און האָט אױף אַ טרעפלעכן אופן אָנגעוויזן און אַרויס־געבראַכט זײער אָרט אין אונדזער ליטעראַטור.

מיט ליבשאַפט צו קונסט זײַנען אױך באַשטראַלט ווײַנפּערס אָפּהאַנד־לונגען־פּאַרצײכענונגען װעגן יידישע קינסטלער. אָט איז זײַנע אַ טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיק װעגן דעם טאַלאַנטפולן קינסטלער פרענק קוירק: „כוח האָט ער געפונען אין זײַן צוגעבונדנקײט און ליבשאַפט צום לעבן. און אָט־די צוגעבונדנקײט און ליבשאַפט צום לעבן האָבן אים געפירט אױפן ברײטן דרך־המלך פונעם לעבן, און דערפון זײַן געזונטער רעאַליזם, װאָס איז דער נאַ־טירלעכער אױסדרוק פונעם לעבעדיקן לעבן".

אָט־די אָפּשאַצונג איז אױך װי אָנגעמאָסטן אױף אונדזער אומפאַרגעס־לעכן ז. ווײַנפּער!

יאַנואַר 24, 1960.

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

(1962־1893)

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי: „חלום און וואָר" (עסייען). אַרויסגעגעבן פון אַ קאָמיטעט. ניו־יאָרק, 1956. 484 זייטן.

„ער שמידט פון ויסטער וואָר נאָך אַלץ זיין גרויסן טרוים".

(א. ליעסין)

„ווייל חלום מוז דאָך האָבן אונדזער וויסטע וואָר".

(ז. ווײנפּער)

ב. י. ביאַלטאָסטאָצקיס ניי בוך עסייען „חלום און וואָר" איז אַ בוך פון מענטשלעכער וואַרעמקייט און ברידערלעכקייט — אַ בוך, וואָס אָטעמט מיט ליבשאַפט.

די הויפּט־עסעי אינעם בוך, וואָס טראָגט דעם נאָמען „די געשטאַלט פון אָרעמאַן אין יידישן ליד", און די מערסטע אַנדערע עסייען אין אָט־דעם בוך, זוכן אַריינצואווען דעם שענסטן חלום פון דיכטונג און דיכטער אין דער ביטערער, טראַגישער וואָר פון היינט — כדי צו באַרייכערן און פאַרשענערן דאָס לעבן פונעם פאָלקס־מענטש, פונעם אָרעמאַן. דאָס איז אַ פאַרטיפט, אידייען־רייך בוך פון אַ טאַלאַנטפולן, סענסיטיוון, צאַרטן דיכטער־עסייאיסט און ליטעראַטור־פאָרשער, וואָס זוכט אַ פאַרבינדונג צווישן דער יידישער דיכטונג און דעם אָרעמען יידישן פאָלקס־מענטשן.

דער מחבר באַווייזט אין זיין הויפּט־עסיי, דורך פיל פּאָעטישע אילוסטראַציעס און פאַרשיידענע ביישפּילן, אַז אין דער יידישער געשיכטע, ווי אויך אין דער יידישער ליטעראַטור פון אַלע צייטן, האָבן געהערשט צוויי הויפּט־מאָטיוון: דער גאַנג צום אָרעמאַן, צום געקריוודעטן, און דער גאַנג צו גאולה, אָדער דער וועג צום קאַמף פאַר גאולה. ער באַווייזט, אַז אָט־די צוויי הויפּט־מאָטיוון זיינען אייגנטלעך איינס, אַז זיי גיסן זיך צונויף, אַז דער וועג צום אָרעמאַן איז אויך דער וועג צו גאולה — „דאָס ליד פון אָרעמאַן געבונדן מיטן טרוים פון וועלט־גאולה".

דער נאָמען פונעם בוך איז געלונגען און צוגעפּאַסט צו זיין הויפּט־אי־

דייע: חלום אין וואָר, אין דער שווערער, גרויערווירקלעכקייט — חלום פון שלום, פון ברידערלעכקייט און פעלקער־פריינטשאַפט, חלום פון מענטש־באַפרייאונג, פון וועלט־גאולה און פאָלק־דערלייזונג, פון פולער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג, חלום פון אַ וועלט אָן קייטן. דורך פיל טרעפ־לעכע בײַשפּילן װעבט דער דיכטער־עסייאיסט דעם חלום פון יידישע דיכטער אין משך פון דורות, דעם חלום פון „והיה באחרית הימים", דעם חלום, וואָס האָט באַגלייט אונדזער פאָלק נאָך פונעם אָנהויב פון די דורות, דורך די נביאים־צייטן און ביז איצט — דעם חלום פון די אמתע דענקער, דיכטער, טרוימער, נביאים פון אַלע פעלקער, פון דער גאַנצער מענטשהייט.

שיין, קלאָר, דיכטעריש ווייזט דער מחבר, ווי אַזוי אין משך פון דורות האָבן אונדזערע נביאים און דענקער, דער זינגער פון תהילים און אויך די שאַפער פון די בעסטע מוסטערן פון דער היינטצייטיקער דיכטונג גערופן צו נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און סאָציאַלן יושר, געזונגען דאָס ליד פון ברי־דערלעכקייט.

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי באַטאָנט, אילוסטרירט און ווייזט אין זיין הויפּט־עסיי, אַז דעם אויבן־אָן אין דער יידישער מאָדערנער ליטעראַטור אין די פאַרשיידענע לענדער פון יידיש־שאַפן פאַרנעמט (פּינקטלעכער וואָלט אפשר געווען צו זאָגן „דאַרף פאַרנעמען") איר סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פונקציע, איר שליחות־ציבור, דער דראַנג צו מענטשלעכער פרייהייט און סאָציאַלער גערעכטיקייט. דער מחבר ווייזט, אַז אין דער יידישער ליטעראַטור פון נעכטן און פון היינט, ווי אין דער יידישער געשיכטע און מאָראַלישער לערע, פאַר־נעמט דאָס הויפּט־פּלאַץ די עטיק און ניט די עסטעטיק, ניט מינימיזירנדיק דערביי דעם ווערט און די נויטווענדיקייט אויך פון דער צווייטער. ער ווייזט, אַז דאָס צענטראַלע אָרט אין דער יידישער ווירקלעכקייט און אין יידישן ליטעראַרישן שאַפן, — באַזונדערס אין יידישן ליד, — האָט פאַרנומען די וויזיע פון מענטשלעכער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג — דער זזיון פון „בני חורין", פון „מעבדות לחירות", מער איידער „מה נאה אילן זה". ער ווייזט, אַז אין דער יידישער פאָלקס־פאַנטאַזיע, אין דעם יידישן פאָלקס־שאַפן (פאָלקס־ליד, פאָלקלאָר בכלל) איז דער עני, דער אָרעמאַן, אַ חשוב, אַן אליהו הנביא, אַ לאַמעד־וואָווניק, אַ יסוד פון דער וועלט.

ביאַלאָסטאָצקי, דער פאַרשער פון יידישע ליטעראַרישע ווערטן און עטישע פּרינציפּן, גיט אין זיין הויפּט־עסיי אַ תיקון דעם „גלגול פון אַ ניגון" — דעם ניגון, וואָס זינגט אַרויס פון אַלע עכטע יידישע ליטעראַרישע ווערק, דערהויבענע און דערהויבנדיקע ליטעראַרישע דאָקומענטן פון דורות און תקופות: דער ניגון פון צלם אָדם, פון אַלמענטשלעכע ווערטן, פון פּינ־טעלע מענטש, פון מענטש־געשטאַלט, עני וואָבין־געשטאַלט — דער ניגון פון פרייען, ברידערלעכן מענטש, פון „ואהבת לרעך כמוך", פון „מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד", פון „אַלע מענטשן זיינען ברידער" (פּרץ). דער מחבר ווייזט ווי אָט־דער וואונדערלעכער ניגון, הויפּט־מאָטיוו אָדער חלום איז אָרגאַניש אַריינגעוועבט אין די בעסטע לידער און געזאַנגען פון פיל

פאַרשטייער, וואָרטזאָגער און שאַפער פון דער יידישער פּאָעזיע, די פּאָרזע־צער פון די נביאים־געזאַנגען.

דער דיכטער־עסייאיסט מאַכט־דורך אַ ברייטע באַלערנדיקע עקסקורסיע איבער אונדזער יידישער אַלטער און מאָדערנער פּאָעזיע. ער גיט אַן אײַנ־טערעסאַנטן אַריינבליק אין די הויכן און טיפן פון אונדזער דיכטונג. ער פירט־דורך אַן ערנסטע פאָרשונג פון איר מהות און איכות, מיטן הויפּט־ציל צו ווייזן, ווי אַזוי די דיכטער, חלום־וועבער, ליד־פורעמער, געשטאַל־טיקער, נעמען־אויף — יעדער אויף זיין אופן — דעם אָרעמאַן (דעם רעאַלן און סימבאָלישן עני ואביון), ווי אַזוי זיי זיינען אים מקבל־פּנים, ווי אַזוי זיי דריקן־אויס זייער „תפילה לעני", זייער מזמור צום אָרעמאַן. ער זוכט און זעט און פּרוּאווט ווייזן, אַז כמעט ביי יעדן פון אונדזערע דיכטער איז פאַ־עטיש שטאַרק אויסגעשפּראָכן די סימפּאַטיע צום אָרעמאַן, צו זיינע ליידן, ווייטאָקן, צער און פיין. דער הויפּט־טעזיס פון ביאַלאָסטאָצקיס לענגערער עסיי (21 קאַפּיטלען, 160 זייטן) איז, אַז אָט־די מיטליד מיטן אָרעמאַן איז אַ סימן מובהק, אַ קען־צייכן פון עכטן יידישן ליד.

די דיכטערישע תהילימדיקע „תפילה לעני" זעט און ווייזט דער דיכטער ביאַלאָסטאָצקי דורך פיל מוסטערן פון אַ גרויסער צאָל לידער אין אונדזער יידישער פּאָעזיע אויף ביידע זייטן ים אין פיל פאַרשיידענע פאָרמען, וואַרי־אַציעס, גלגולים, נוסחאות, אַנטפּלעקונגען, פאַרשטעלענישן און פאַרוואַנד־לונגען. איר האָט דאָ פיל און כלערליי רעאַל־סימבאָלישע אָרעמאַן־גע־שטאַלטן: דעם גוט־באַקאַנטן עני ואביון, קבצן אין זיבן פּאָלעס, אָרעמאַן אויף דרוקעס, דעם בעטלער, דעם אורח אויף שבת, דעם האַלב־נאַקעטן און באָרוועסן (אין די לידער פון וויינפּער), דעם לויז־שקלאַף (ראָזענפעלד, עדעל־שטאַט), דעם שאַפּ־אַרבעטער, דעם האַרעפּאַשניק (רייזען), די אונטערדריקטע, באַליידיקטע, אָפּגענאַרטע, עקספּלואַטירטע, באַ'עוולה'טע, געררודפטע; דעם נעגער, דעם קרבן פון ראַסיזם; די היימלאָזע פון דער באַוערי פון ניו־יאָרק און פון אַלע וועלט־שטעט; דעם וואַסער־טרעגער; אויך דעם אָרעמאַן־רעבעל, דעם קעמפער (ווינטשעווסקי); אליהו הנביא און לאַמד־וואָווניק, וואָס באַווייזן זיך אין געשטאַלטן פון אָרעמעלייט; דעם גאַסן־פּויקער, דעם בלאַסן זינגער, דעם נביא־קעמפער, דעם „בלייכן אָפּערעיטאָר" און בלאַסן מאַרטירער, דעם זינגער־מאַרטירער, פּרצעס „באָנטשע שוויג" און רייזענס „שווייגנדיקע שמידן". איר האָט דאָ אויך די געשטאַלט פון דער אָרעמער אלמנה; פונעם פאַרגעסענעם, טראַגישן, געיאָגטן און פאַריאָגטן נביא, די ליידנדיקע געפּייניקטע נביא־געשטאַלט, וועלכע מיר געדענקען אויך פון די אומפאַרגעסלעכע נביא־לידער פון פּושקין און לערמאָנטאָוו.

דורך זיין גרויסער עסיי אַנטפּלעקט דער מחבר גרויס עשירות אין דעם אָרעמאַן (רייכטום אין דלות) און באַזינגט דעם דיכטער־שאַפער, וואָס נעמט אויף זיך די עובדא פון אַ „מקימי מעפר דל". פון דערהויבן און באַזינגען דעם אָרעמאַן, וואָס איז „שוין אויך כולל דעם באַעוולהטן, דעם געפּייניקטן, דעם געדריקטן און דערנידעריקטן מענטשן אויף דער וועלט".

אין גאַנג פון זיין הויפּט־עסיי, ווי אין די אַנדערע עסייען וועגן דיכטער, פּראָזע־שרייבער און געזעלשאַפטלעכע טוער אויף איסט־בראָדוועי, ווייזט ביאַלאָסטאָצקי בקיאות אין יידישער ליטעראַטור און אין די פּראָצעסן פון איר אַנטוויקלונג. אַ פאַרליבטער אין יידיש־לשון און אין יידישן ליד, ווייזט ער טיפע פאַרשטענדעניש פאַר דיכטונג און דיכטער, פאַר מעטאָדן, ריכטונגען און שולן פון ליטעראַרישן שאַפן. ער וויקלט־פאַנאַנדער אַ היפּשן קורס אין יידיש־אַמעריקאַנער ליטעראַטור, ווייזנדיק דערביי זיינע ערלעכע כוונות, נוצנדיק אַן אויפריכטיקן, איבערצייגנדיקן טאָן — כאָטש ווייט ניט תמיד איז ער גערעכט אין זיינע איינשטעלונגען, און כאָטש ניט מיט אַלע פון זיינע אַרויסזאָגונגען קאָנען מיר מסכים זיין.

די הויפּט־עסיי, וואָס טיילט זיך באַזונדערס אַרויס פון דעם בוך, טראָגט דעם חותם פון מוטיקייט און מונטערקייט. עס שטראַלט פון איר אַרויס אהבת מענטש (אָרעמאַן), אהבת פאָלק, אהבת יידיש־לשון און יידיש־שאַפן.

דאָס בוך, וואָס באַטאָנט דעם געדאַנק, אַז דאָס איינשטעלן זיך פאַרן אָרעמאַן איז אַ הויפּט־יסוד פון דער יידישער מאָראַל און טראַדיציע און אַז דאָס גייט־דורך ווי אַ רויטער פאָדעם דורך דעם יידישן ליד, וועט זיכער סטימולירן. רעגן דיכטער צו ווייטערדיקער שעפערישער מי, צו פאַרטיפן זיך אין דעם גורל פון יידיש און יידישער ליטעראַטור, אין דעם טיפן סאָציאַלן באַפרייערישן זין פון אונדזער נעכטן און היינט און דעם ליכט פונעם מאָרגן. דאָס בוך וועט אויך זיכער אָנרעגן דעם ערנסטן לייענער צו פאַרטיפן זיך אין די ווערק, וועלכע דער מחבר באַהאַנדלט און אַנאַליזירט, אָדער רירט־אָן, צי אויף וועלכע ער איז בלויז מרמז.

דער מחבר הויבט־אויף און הויבט־אַרויס די חשיבות פון דער יידישער ליטעראַטור, באַזונדערס פון איר פּאָעזיע — איר קינסטלערישן וואוקס, אירע טעכנישע דערגרייכונגען. ער שטעלט זיך אָפּ — און מיט אַ סך קענטעניש — ניט בלויז אויף ענינים פון אינהאַלט, טעמאַטיק, תוך, וויזיע, אידייע, געדאַנק, געפיל און שטימונג, נאָר אויך אויף דער ספּעציפיק פון יידישער מאָדערנער פּאָעטיק — אויף פראַגן פון פאָרם, ריטמיק, נגינה, האַרמאָניע, טאָן, פערז־בוי, גראַם, שורה־בוי, אימאַזש, פאַרגלייכונגען, בילדלעכקייט, קלאַנג, פאַרב, ניואַנס.

אייניקע וויכטיקע געדאַנקען פון דער הויפּט־עסיי פון ביאַלאָסטאָצקיס בוך איז כדאַי אַרויסצושיילן און אויסצוטיילן: ריידנדיק וועגן ח. נ. ביאַליק, ווייזט־אָן דער מחבר, אַז אָט־דער גרויסער דיכטער האָט זיך „אַריבערגעהויבן איבער אַנדערע פּאָעטן פון זיין צייט״, ניט דווקא „דורך זיינע כוחדיקע „צערן צאָרן־לידער״, נאָר דווקא דורך זיינע „שירי עם״ (פאָלקס־לידער). ווייטער — דער מחבר באַטאָנט מיט רעכט: „נאַציאָנאַלער מאָטיוו איינער אַליין פירט אומעטום, אין יעדער ליטעראַטור, צו ענגקייט פון דעם פּאָעטישן שטח, צו גאווה און צו שאָוויניזם; פירט צו סענטימענטאַליטעט״.

דער מחבר ברענגט־אַרויס דעם געדאַנק, אַז אונדזערע יידישע סאָציאַלע דיכטער זיינען אין תוך, אין טיפן זינען פון וואָרט, געווען אויך יידיש־נאַ־

ציאָנאַלע דיכטער, אויסדריקער פון די טרוימען און וויזיעס פון די ברייטסטע
מאַסן פון פאָלק. ער דערקלערט: „די וואָס מיינען, אַז די סאָציאַלע און
רעוואָלוציאָנערע לידער פון די יידישע ערשטע פּאָעטן אין אַמעריקע זיינען
ניט יידיש־נאַציאָנאַל, אָדער זיינען גאָר אַ פרעמדע פלאַנץ, מאַכן אַ טעות.
הינטער זייערע אַלע פורץ־גדרדיקע אויסרופן, וואָס האָבן רוישיק־יונג — פון
געטאָ אַרויס! — זיך געיאָגט צו אַלע פיר ווינקלען פון דער וועלט, שפירט
זיך די וואַרעמקייט פון „לאָמיר זיך ניט שעמען מיט אייגענעם בלוט“, שפירן
זיך וואַרעמע פלוסן, וואָס ציען, ציען פון ווייטן עבר, פון ווייטע ערשטיקע
יידישע חזיונות“. מאָריס ווינטשעווסקי, דוד עדעלשטאַט, יוסף באָוושאָווער,
מאָריס ראָזענפעלד, די פּיאָנערן, אָבות און גרונט־לייגער פון דער יידישער
אַרבעטער־דיכטונג אין אַמעריקע, זיינען געווען טיף־נאַציאָנאַל, עכטע וואָרט־
זאָגער און פאָרשטייער פון אונדזער פאָלק, פאָרזעצער פון זיינע שענסטע טראַ־
דיציעס — טראַדיציעס פון מענטש־און פאָלק־גאולה. אַזוי קאָן מען אויך
ניט לייקענען, אַז די היינטיקע יידישע דיכטער, וואָס זיינען באַקאַנט ווי
פּראָגרעסיווע, זיינען וואָרטזאָגער פון פאָלק, געטריי צו זיינע נאַציאָנאַלע
בענקשאַפטן, חלומות און שטרעבונגען (אגב, פעלן אין דער עסיי פיל נעמען
און ציטאַטן פון די לידער פון אַ סך וויכטיקע פּראָגרעסיווע יידישע פּאָעטן,
וואָס האָבן גאָר אַ סך געשריבן וועגן אָרעמאַן און גאולה).

דער פּסוק „הבז לרש חרף עושהו“ — ווער עס מאַכט חוזק פונעם אָרע־
מאַן, זידלט זיין באַשאַפער, דעם עוזר דלים, הייסט עס, איז אַ גרונט־פּרינציפּ
אין דער סאָציאַליסטישער און בכלל אין דער אוניווערסאַל־הומאַניסטישער
לערע. לינקאָלן האָט זיך, למשל, אויסגעדריקט, אַז דער אויבערשטער האָט
ליב אָרעמע־לייט, אַ סימן: ער האָט באַשאַפן אַ סך פון זיי. דער הויפּט־ציל
פון די סאָציאַליסטישע באַוועגונגען און פון אַלע קעמפער פאַר ברידערלעכ־
קייט און גלייכהייט, פאַר לעבן און לעבנס־פרייד פאַר אַלעמען, איז דאָך:
אָפּשאַפן דלות. דער גרויסער אַמעריקאַנער סאָציאַליסט־אידעאַליסט יודזשין
וויקטאָר דעבס האָט געהאַט דערקלערט אין אַ רעדע: „כל־זמן עס איז פאַ־
ראַן אַ נידעריקער [אָרעמער] קלאַס, בין איך אין אָט־דעם קלאַס; כל־זמן
אפילו איין נפש געפינט זיך אין תפיסה, בין איך ניט פריי“.

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי רעדט וועגן דער „אָרעמאַן־געשטאַלט אין דער גאַנ־
צער יידישער פּאָעזיע“ (מיין אונטערשטרייכונג, — ב. ג.). אין זיין גוטהאַר־
ציקייט כאַפּט ער צומאָל איבער די מאָס און „דערהערט אַ מין פּראָפעטיש־
קייט“ אויך ביי פּאָעטן פון דער „אין זיך“־גרופּע. ער שטעלט אונטער איין
טלית פון אָרעמאַן־און גאולה־זינגער אויך דיכטער, וואָס דאַווענען געווייב־
לעך בלויז ביחידות און כמעט קיינמאָל ניט בציבור — דיכטער־איכיסטן,
וואָס פּרעדיקן, זאָגן, זינגען, פּראַקטיצירן אינדיווידואַליזם (וועלכער גרע־
נעצט זיך מיט עגאָאיזם אָדער עגאָ־צענטריזם), וואָס מיידן־אויס צו אידענ־
טיפיצירן זיך מיטן כלל, וואָס ליידן, נעבעך, צופיל פון אהבת עצמם און
זיינען צופיל פאַרנומען מיט זייער „פאַר זיך“ אָדער „אין זיך“ אויף צו גע־
פינען צייט, זאָרג, ליבשאַפט און ליד פאַר מענטש־גאולה אָדער וועלט־דער־

לייזונגען. די געבראַכטע מוסטערן פון זייערע לידער זיינען ווייט ניט כאַראַקטעריסטיש פאַרן טאָן און תוך פון זייער ליטעראַרישער פּראָדוקציע.

אויך די אַנדערע עסייען אין דעם ווערטפולן בוך פאַרדינען אַן ערנסטע באַטראַכטונג, בעטן זיך מען זאָל זיי לייענען, שטודירן. פון באַזונדערער באַדייטונג איז דער טייל אין בוך, וואָס טראָגט דעם נאָמען „דריי טראַגיקער" (משה לייב האַלפּערן, אברהם ליעסין און י. ל. פּרץ). דער מחבר גיט אַן אויסגעצייכנטן פּען־פּאָרטרעט פונעם גרויסן דיכטער־בונטאַר מ. ל. האַלפּערן, אַ בילד פון זיין טראַגיזם, אַן אַנאַליז פון זיינע לידער, וואָס האָבן געהאַט אַ וויכטיקע השפּעה אויף דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דער יידישער פּאָעזיע. ער פּרוּווט דערגרונטעווען זיך צו די וואָרצלען פון משה־לייבס בונטאַרישקייט. פאַראַן אין אָט־דער גרויסער עסיי (50 זייטן) ווערטפולע, געזונטע מחשבות.

איך קאָן אָבער ניט איינשטימען מיטן צוגאַנג, אַז „זיין [האַלפּערנס] בונטאַרישקייט איז גאָר דאָס רוב געווען אַ וואַגאַבונדישע, אַ מין הפקר־בראַוואַדאַ! ס'איז אויך דאָס רוב געווען אַ בונטאַרישקייט מער פון ריטם, ווי פון אינהאַלט. דערצו איז עס אויך געווען אַ בונטאַרישקייט אָן אַ ציל". דער פאַקט איז, אַז האַלפּערן האָט פּיינט געהאַט דעם רויבער־קלאַס תכלית שנאה, האָט אין איין צייט געזוכט צוצוקומען צום אַרבעטער־קלאַס, נאָר האָט זיך צו אים פאָרט ניט דערנעענטערט".

אָפּטמאָל קומט אָן ב. י. ביאַלאָסטאָצקי אין זיינע באַמיאונגען אָפּצושאַצן אַ בוך צו „דרוש". פון די באַזונדערע אַלט־יידישע פיר קריטישע מעטאָדן אין „פּרד"ס" (ראשי תיבות: פּשט, רמז, דרוש, סוד) איז אים אַמנאָענטסטן דער דריטער מעטאָד — דרוש.

אין דער פּרעכטיקער עסיי „אברהם ליעסין" (העכער אַכציק זייטן) ברענגט־אַרויס דער מחבר די געשטאַלט און דעם ניגון פון אָט־דעם גרויסן נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן פילאָסאָפישן דיכטער, דעם זינגער פון קדושה פון לעבן און פון „מאַרטירער־בלוט", דעם פּאָעט פון גייסט און גבורה, דעם געשטאַלטער פון רבי עקיבא און פון פאַרשיקטן רוסישן רעוואָלוציאָנער פון 19טן יאָרהונדערט. דער אויטאָר שטעלט זיך אָפּ אויף ליעסינס „ליד פון אויפשטאַנד, רעבעלישקייט, ליד פון טראַגיק", אויף זיין „מאָטיוו פון נאַציאָנאַלן קיום־געראַנגל", אויף זיינע נאַטור־לידער און אויף זיין טיף־טראַגישער דיכטערישער פּערזענלעכקייט. אויך אין אָט־דער עסיי ווערט געגעבן אַ פיינע אָפּהאַנדלונג וועגן שפּראַך, פאָרם, ריטם, בילדלעכקייט.

מיט באַזונדער־טיפער ליבשאַפט, פאַרערונג און יראת־הכבוד איז געשריבן ביאַלאָסטאָצקיס עסיי וועגן י. ל. פּרצן, וועמען דער מחבר באַצייכנט אַלס „דעם ערשטן טראַגיקער אין אונדזער קלאַסישער ליטעראַטור". דער אויטאָר דערמאָנט מיט רעכט, אַז „פּרץ האָט אונדז — ביי זיין גאַנצן טראַגיזם — געלערנט נישט אַראָפּצופאַלן אין טאָל פון יאוש". ער באַטאָנט, אַז פּרצעס ריזיקער ביישטייער און אוצר, וואָס ער האָט אונדז געגעבן, איז — דער חלום: חלום פון אייביקן שבת, פון לעבן, ליבשאַפט, יונגשאַפט, ניגון,

אויסלייזונג — אַ חלום, וואָס קומט צו אונדז דורך זיינע פערלדיקע קינסט־לערישע שאַפונגען. די עסיי, געשריבן מיט וויסן, פּאַטאָס, ענטוזיאַזם, רופט צו לערנען זיך פון פּרצן, שעפּן פון זיינע קוואַלן, צונויפנעמען „פּרצעס בטחון, פּרצעס יידישע געדולדיקייט און גלויבן אויך איצט, אַז ,ניט אייביק איז די נאַכט׳."

צוליב מאַנגל אין פּלאַץ וועלן מיר דאָ כאָטש בלויז אויסרעכענען די אַנדערע דריי אָפּטיילונגען:

„אין פרייד און אין טרויער" (י. ראָלניק, ד. איגנאַטאָוו, מ. באָרײשאָ, ב. לאַפּין, א. מאַנגערס ניגון) און „צוויי פּראָזאַאיקער פון דעם פּרץ־דור" (ה. ד. נאָמבערג, י. מ. וויסנבערג); „געשטאַלטן אויף איסט־בראָדוועי" (צווישן זיי: דר. י. א. הורוויטש, דר. נחמן סירקין, אַב. קאַהאַן, ז. ליבין, ב. באָראכאָוו, ווידמונג [ליד] צו דר. חיים זשיטלאָווסקי, א. ליטווין, ליד געווידמעט צו י. ישורין, ב. טשאַרני־וולאַדעק), און „אין די טעג פון בראשית" — ווינטשעווסקי, ראָזענפעלד, עדעלשטאַט, באָוושאָווער, פּרוג.

אָט־די אַלע עסייען אין דעם בוך זיינען געשריבן אין אַ קלאָרן, לויטערן סטיל, צייטנווייז מיטן מעטאָד פון אַ מסביר, אַ פּאַרטייטשער, אַ לעקטאָר, מיטן צוגאַנג פון אַ מלמד־זכות און מליץ־יושר, מיט אַ פּרוּוו אַרויסצוהייבן דאָס בעסטע און קערנדיקסטע ביי די מערסטע שרייבער.

1956

נ. ב. מינקאָוו

(1958-1893)

.1

אַט־דער אַרטיקל וועגן דעם שעפערישן לעבנסוועג פונעם אייגנאַרטיקן ייִדישן דיכטער און ליטעראַטור־קריטיקער נחום־ברוך מינקאָוו ווערט געשריבן מיט טיפן צער: דאָס לעבן פון אַט־דעם פּראָדוקטיוון שאַפער פון וויכטיקע, וואָגיקע קינסטלערישע ווערק איז איבערגעריסן געוואָרן אין עלטער פון 64 יאָר, אין כאָמע מיט פון זיין פאַנאַנגדערבלי, פון זיינע גרויסע אויפטוען און פאַרמעסטן.

קודם: עטלעכע ביאָגראַפישע שטריכן, פאַקטן פון דער לעבנס־געשיכטע פון אַט־דער אינטערעסאַנטער, שאַפערישער פּערזענלעכקייט, וואָס האָט געמאַכט גרויסע ביטראָגן צו אונדזער ייִדיש־שאַפן ווי אַ פּאָעט מיט אַן אָריגינעלן טאָן און, דער עיקר, ווי אַ קענער און פאָרשער פון דער ייִדישער ליטעראַטור, ווי אַ ליטעראַטור־היסטאָריקער און ליטעראַטור־קריטיקער, עסייאיסט, טעאָרעטיקער פון ייִדישער פּאָעזיע, לאַנגיאָריקער לעקטאָר, לערער און פאַרשפּרייטער פון ליטעראַטור.

נ. ב. מינקאָוו איז געבוירן געוואָרן דעם 18טן נאָוועמבער, 1893, אין וואַרשע. זיין פאָטער, משה, איז געווען אַ העברייאישער לערער. אין דער היים פון זיינע עלטערן פלעגט מען רעדן רוסיש. אין 1914 האָט נ. ב. מינקאָוו געענדיקט אַ רוסישע גימנאַזיע, און איז אין יענעם יאָר געקומען קיין אַמעריקע. ער האָט שטודירט מעדיצין אין סאַן־פראַנציסקאָ. אין 1917 איז ער געקומען קיין ניו־יאָרק. אין 1920 האָט ער גראַדויִרט פון דער „ניו־יאָרקער שול פאַר יוריספּרודענץ". ער האָט אָבער קיינמאָל ניט פּראַקטיצירט אַלס אַדוואָקאַט. אַ ליבהאָבער און קענער פון מוזיק, איז ער געווען אַן ערשטער פידלער אין אַ ניו־יאָרקער אָרקעסטער און געגעבן מוזיק־לעקציעס, בעת ער האָט שטודירט אין קאָלעדזש. נאָכדעם ווי ער האָט פאַרענדיקט זיין אַדוואָקאַט־שטודיום, האָט ער זיך פולשטענדיק געווידמעט דער ליטעראַרישער טעטיקייט.

אַ לערער אין די עלעמענטאַר־שולן פונעם אַרבעטער־רינג, דערנאָך אין

מיטלשול, און די לעצטע יאָרן אין יידישן לערער־סעמינאַר, איז ער אויך געווען זינט 1946 פּראָפעסאָר פון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור אין דער ניו־יאָרקער „הויך־שול פאַר סאָציאַלע וויסנשאַפטן", פּראָפעסאָר אין דער יידישער שול ביים נאַציאָנאַלן אוניווערסיטעט פון מעקסיקע.

אַ באַגייסטערטער גלויבער אין קיום און כּוח פון יידיש־שאַפן האָט ער צווישן הונדערטער אַמעריקאַנער יוגנטלעכע, אוניווערסיטעט־סטודענטן, פאַר־שפּרייט יקדיש וויסן און איינגעפלאַנצט טיפע ליבשאַפט און אַכטונג צו דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור. אין אָט־די באַמיאונגען האָבן אים שטאַרק אַרויסגעהאָלפן זיין ערודיציע, זיינע ברייטע און טיפע קענטענישן פון דער יידישער ליטעראַטור, זיין רייכע פּעדאַגאָגישע דערפאַרונג, זיין פּראָפעסאָרישע אָרגאַניזירטקייט, זיינע גרויסע פיאיקייטן איינצושטעלן מעטאָד און סיסטעם.

אַן אומדערמידלעכער, אַרבעטזאַמער שרייבער און פאָרשער, אַן אמתער מתמיד, איז ער אין משך פון פופצן יאָר אויך געווען דער רעדאַקציע־סעק־רעטאַר פונעם חודש־זשורנאַל „צוקונפט" און אַ״ז געשטאַנען אין דירעקטן קאָנטאַקט מיט פיל שרייבער. ניט־געקוקט אויף זיין ברייט־פאַרצווייגטער אַרבעט אַלס ליטעראַט און דערציער, ניט געקוקט אויף זיינע גאָר באַדייטנ־דיקע אויפטוען און דערגרייכונגען ווי אַ באַרייכערער פון דער יידישער לי־טעראַטור, האָט ער געלעבט אַן אָרעם לעבן (צוזאַמען מיט זיין פרוי, דר. כאַסיע קופערמאַן, דיכטערין און קריטיקערין). ער האָט אַלע זיינע יאָרן שווער געהאָרעוועט און געוואוסט דעם טעם פון נויט.

זיינע ערשטע יידישע לידער האָט מינקאָוו פאַרעפנטלעכט אין דעם זשורנאַל „די נייע וועלט" (נ. י.) אין 1918. אַ שטענדיקער זוכער פון נייע ליטעראַרישע פאָרמען, איז ער (צוזאַמען מיט יעקב גלאַטשטיין און א. לעיעלעס־גלאַנץ) געווען אַ גרינדער און אָנפירער פון דער דיכטער־גרופּע „אין זיך". צוזאַמען מיט גלאַטשטיינען און גלאַנצן האָט ער אָנגעשריבן דעם מאַניפעסט פון די „אינזיכיסטן", אַן אינטראָספּעקטיווע ריכטונג אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. ער איז געווען אַ מיטרעדאַקטאָר פונעם זאַמלבוך „אין זיך" (1920), וועלכער עפנט זיך מיטן מאַניפעסט. ער איז אויך געווען מיטרעדאַקטאָר פון די זשורנאַלן פון דער „אינזיכיסטן"־גרופּע. ער האָט אויך אין איין צייט רעדאַקטירט און אַרויסגעגעבן דעם זשורנאַל „באַדן".

נ. ב. מינקאָוו איז געווען דער מחבר פון די פאָלגנדיקע ביכער: פּאָ־עזיע: „לידער" (1924), „אומגער פּיערא" (1927), „מסעות פון לעצטן שאָטן" (1936), „ביים ראַנד" (1945) און „אַ שטערן בליט" (1952). ליטעראַטור־פאָר־שונג, ליטעראַטור־געשיכטע און קריטיק: „סיסטעם און רעלאַטיווקייט אין פּאָעזיע" (וועגן מיכל ליכט), 1927; „אברהם רייזען", 1936; „יידישע קלאַ־סיקער פּאָעטן" (עסייען), 1937; צוויי שטודיעס אָדער מאָנאָגראַפיעס: „אליהו בחור און זיין בבא־בוך" (1950) און „גליקל האַמעל" (1645־1724), 1952; „זעקס יידישע קריטיקער" (1954); „ליטעראַרישע וועגן" (1955); „פּיאָ־נערן פון דער יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע", דריי בענד (1956). מינקאָוו

איז אויך געווען דער מחבר פון אַ לענגערער אָפּהאַנדלונג וועגן דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס איז דערשינען אין דער „אַלגעמיינער יידישער ענציקלאָפּעדיע".

.2

נ. ב. מינקאָוו, אַן אולטראַ־מאָדערניסטישער פּאָעט, אַן אויסטרעטער פון נייע דיכטערישע וועגן, איז הויפּטזעכלעך און קודם־כל געווען אַן אינטעלעקטועלער אָדער אינטעלעקטואַליסטישער דיכטער, אַ פאַרשטייער און פּראַקטיצירער פון דער אינטראָספּעקטיווער טענדענץ אין דער יידישער ליטעראַטור. ער איז געווען אַ סך מער אינטעלעקטועלער ווי עמאָציאָנעלער דיכטער. אַזאַ איז געווען זיין צוגאַנג צו פּאָעזיע און אַזאַ איז געווען זיין דיכטונג: דער טראָפּ ווערט געשטעלט הויפּטזעכלעך אויפן באַוואוסטזיין, אויפן שכל הישר.

אין זיין עסעי „סיסטעם און רעלאַטוויקייט אין פּאָעזיע" (וועגן דעם דיכטער מיכל ליכט), 1927, האָט מינקאָוו פאַרטיידיקט ממש ווי אַן אַדוואָקאַט (און ער איז דאָך געווען אַ ניט־פּראַקטיצירנדיקער אַדוואָקאַט) זיין שיטה אָדער טעאָריע פון אינטעלעקטואַליסטישן צוגאַנג צו פּאָעזיע להיפּוך דעם צוגאַנג פונעם עמאָציאָנעלן דיכטער אָדער „זכרון־קינסטלער". שוין דאָרט האָט ער טעאָריזירט, אַז פאַרן דיכטער איז נויטיק צו אינטעלעקטואַליזירן זיינע עמאָציעס אָדער גאָר איינגאַנצן באַפרייען זיך פון זיי. די „זכרון־קינסטלער" האָט ער מיט שפּאָט באַצייכנט אַלס „עמאָציע־אימיטאַטאָרס".

דער אינזיכיסטישער טעאָרעטיקער האָט, קענטיק, אין דעם ערשטן פּעריאָד פון זיין אומרייפן שאַפן אָנגעווענדט זיין טעאָריע. פיל פון זיינע געדאַנקלעכע, פילאָסאָפישע, מחשבהדיקע אָדער גלאַט חקירהדיקע לידער פון יענעם פּעריאָד זיינען דעריבער געווען צו־קיל אין טעמפּעראַטור, צו־קאָנטראָלירט און צוריקגעהאַלטן. מען האָט געשפּירט: דעם דיכטערס אינטעלעקט האָט די איבערהאַנט און צוימט באַוואוסטזיניק די עמאָציע, די שטימונג, דאָס געפיל אין דעם ליד. מינקאָוו דער ליטעראַטור־קענער, דער מרבה־דעת, דער ליטעראַטור־וויסנשאַפטלער, איז אָפט פאַרלאָפן דעם וועג מינקאָוון דעם דיכטער און האָט אַריינגעבראַכט אַזאַ שטרענגן סדר, אַזאַ גענויע פּרעציזקייט פון פערז און עקזאַקטקייט פון אויסדרוק, אַז דאָס ליד איז אַזוי־אַרום געוואָרן אָפּגעשוואַכט, אַנעמיש, אומקלאָר, איינגעהילט אין אַ נעפּל. דער שאַפער פון אָט־די לידער האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ „שווערער" דיכטער, אַ דיכטער פאַר דיכטער, פאַר יחידים אָדער יחידי־סגולה.

לייענער, אויך שרייבער, אפילו קאָלעגן פונעם אייגענעם בירגערלעכן לאַגער, האָבן געמאַכט אויסזעצונגען: די לידער זיינען אומקלאָר, פאַרנעפּלט, אומפאַרשטענדלעך (אין דער אַרגענטינער „די פּרעסע" האָט יעקב באָטאָשאַנסקי דעם 7טן אָקטאָבער, 1936, אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל: „נ. ב. מינקאָווס רעטענישן"...).

דער שפּרודלדיקער, מעין הנובע׳דיקער פּאָעט פון ליכטיקן וואָרט ז. ווײנפּער, האָט אין זײַן בוך „יידישע שריפטשטעלער״ (באַנד אײנס, נ. י., 1933) אין זײַן פּען־פּאָרטרעט וועגן נ. ב. מינקאָוו געשריבן אין שייכות צו זײַנע ווערק:

„פײַנע, מוזיקאַלישע שפּראַך, דאָ־און־דאָרטן אַן אימאַזש, וואָס פּאַר זיך אַלײן איז ער שוין און גיט אַן עסטעטישן גענוס. אָבער צוזאַמענגענומען איז זײַנס אַ ליד אײַנגעוויקלט אין אַזעלכע טונקעלע שלײַערן, אַז עס איז אוממעגלעך דאָס צו דערזען״. און ווײַטער: „איך, וואָס גלויב אין זײַנע פּאָעטישע כוחות, וואָלט געוווּנען מער צופרידן, ווען ער וואָלט אַרונטערגענידערט פון זײַן קאַטעדרע און אַנגעהויבן געבן אַזעלכע לידער, וואָס אויך איך זאָל קענען באַנעמען״ (ז״ז 134־135).

אין זײַן „צווישן ביכער און זשורנאַלן״, אין אַ קורצער רעצענזיע וועגן מינקאָווס לידער־בוך „אונדזער פּיעראָ״ האָט דער ערלעכער, ערנסטער פּראָגרעסיווער יידישער ליטעראַטור־פֿאָרשער און קריטיקער קלמן מרמר געשריבן: „ניט געהערנדיק צו יענע ,ווייניקע, וואָס זײַנען ראוי׳, איז מיר ניט אַלץ פֿאַרשטענדלעך אין נ. ב. מינקאָווס 48 לידער [126 זײַטן] אין זײַן בוך „אונדזער פּיעראָ״. דאָס אײנציקע, וואָס איך זע קלאָר, איז טיפער יאוש איבער דער אומגעוויסנקײט פונעם זײַן״ (אָט־דער „טיפער יאוש״ האָט אויך שפּעטער באַגלייט דעם דיכטער). מרמר דערקלערט צום שלוס פון זײַן רעצענזיע, אַז בײַם דיכטער מינקאָוו זײַנען „פּאַראַן אַ סך נײַנס און קײן אײנציקער יאָ״... („מאָרגן־פרײַהײט״, יוני 17, 1929).

דעם דיכטער נ. ב. מינקאָוו האָבן אָט־די טענות ווי־געטאָן. ער איז ווײַטער געגאַנגען אויף זײַן אײגענעם אינטראָספּעקטיוון וועג, ראַנגלענדיק זיך אין דער זעלבער צײַט פֿאַר קלאָרקײט פון בילד, פֿאַר לויטערקײט פון אימאַזש. אויף אָט־דעם לאַנגן, שווערן, פײַנפּולן וועג פון זוכן דיכטערישן אָריגינעלן זעלבסט־אויסדרוק זײַנען געווען אַ סך דורכפֿאַלן, אָבער נאָך מער דערגרײכונגען. פון „אונדזער פּיעראָ״ ביז די לידער־ביכער „בײַם ראַנד״ און „אַ שטערן בליט״ איז אַ ווײַטער דיכטערישער מהלך. מינקאָוו האָט באַוויזן אַרײַנצושרײַבן אַ נײַ, אײגנאַרטיק, כאָטש נאָך אַלץ שווער און צײַטנווײַז אומפֿאַרשטענדלעך קאַפּיטל אין דער הײַנטצײַטיקער יידישער פּאָעזיע. דערבײַ האָט ער נאָך אַלץ ווײַט ניט רעאַליזירט זײַנע דיכטערישע מעגלעכקײטן. די „אינזיכ״יסטישע טעאָריע, וואָס ער איז געווען אײנער פון אירע הויפּט־שאַפֿער, איז, קענטיק, געווען אַ היפּשער שטער אויפן וועג פון זײַן פּאָעטישן וואוקס. זײַן ליד איז צײַטנווײַז געוואָרן אַ מין סדום־בעטל אונטער דער ווירקונג פון זײַן טעאָריע וועגן ליד אָדער מעטאָד אין ליד. זײַנע פּערזן זײַנען אָפֿט געבליבן פֿאַרשלאָסן הינטער זיבן שלעסער, פֿאַרהילט הינטער זיבן שלײַערן אָדער הינטער אַ דיקן פֿאָרהאַנג פון אומבאַגרײַפֿלעכע, אַבסטראַקטע בילדער און אַפּאָקאַליפּטישע חזיונות, וואָס לאָזן זיך ניט זען, און פון ווערטער, וואָס לאָזן זיך ניט צעקײַען אָדער „אײַנבײַסן״.

דער דיכטער, וואָס האָט געפֿאָדערט פון זיך און פון ליד בכלל, אַז עמאָ־

ציע, שטימונג זאָלן „ליגן איינגעלייגט“, זאָלן בלייבן ערגעץ אין שאָטן, אונ־טעריאָכט זיין מאַיעסטעט דעם געדאַנק, דעם אַל־הערשנדיקן באַוואוסטזיין, דעם אַלרעגירנדיקן כוח־האינטעלעקט, האָט זיך שווער און לאַנג געראַנגלט, ביז ער האָט זיך מיט יאָרן שפּעטער (אין זיינע צוויי גייסטע און לעצטע לידער־ביכער) דערשלאָגן צו מער קלאָרקייט פון לשון, פון בילד, פון ווי־זיע, פון שטרעבונג.

אין אָט־די לידער, אין וועלכע דער דיכטער זוכט צו באַנעמען די מורא־דיקע טראַגיק פון אונדזער לעבן, דער עיקר פונעם יידישן פאָלקס־חורבן, ווי אַ רעזולטאַט פון די היטלער־יאָרן, דערשפּירט מען אַ דיכטער אַ מייסטער — אַ פּאָעט אין ראַנגלעניש, אין זוכעניש, אין צאַפּלעניש. מען הערט דעם דיכטער טראַכטן, קלערן, מעדיטירן. עס איז פאַראַן אין אָט־די לידער טי־פער וויטאָג אויפן גרויסן פאָלקס־אומגליק. איובדיקע יסורים שרייען־אַרויס פון אייניקע שטילע, קילע וואָרט־בילדער, פון געמעלן, געצוימט דורך דעם פּאָעטישן אינטעלעקט. אין אייניקע לידער זייגען נאָך די אימאַזשן אַב־סטראַקט, פאַרהוילן ווי אין קבלה; אין אַנדערע בליצט־אויף העלע לויטער־קייט פון וואָרט און בילד: „דער נוסבוים — דערטרונקען אין נאַכט“; „דער נוסבוים פאַרטראָגן אין חלום“, „גוט־אום אַ האַנט, לאָזט צייכנס אויף באַ־שטימטע טירן“; „און שטערן, שטערן שלאָפן אויף די שוועלן“. איר זעט בחוש: „עס גליט אַ שטערן אין דעם דינעם נעפּל“ איבערן דיכטערס ליד, און „ס׳הייבט זיך אויפוויקלען דער חלום“.

איר האָט דאָ רירנדיקע דיכטערישע וויזיעס, אויפטרייסלענדיקע חורבן־בילדער, אויפשוידערנדיקע טענות, מאָנונגען צום בורא־עולם און — נגינה, מוזיק פון פערז, פון שורה. אייניקע פון אָט־די „קאָפּ־לידער“, לידער פון פאַרנונפט, פון לויטערן שכל, ווירקן, רופן־אַרויס עמאָציעס. נאָך מער: דער ערנסטער לייענער, וואָס מאַכט אַן אָנשטרענגונג צו דערשלאָגן זיך צום תוך און קערן פון ליד, דערשפּירט די באַהאַלטענע עמאָציע פונעם דיכטער גופא:

„די זעאונגען, די רעגנס — רירן ניט. אַלץ פאַרגליווערט.
נאָר ערגעץ־וואו פאַרהוילן, טיף־פאַרהוילן וויינט
און וויינט דאָס הארץ“.
(„דער לעצטער“).

אָדער:

„אַלץ לעבט — ווי ס׳וואָלט דאָ גאָרניט ניט געשען
נאָר ס׳האַרץ גייט־אויס מיט יעדן אָטעם, גייט אויס, גייט
אויס מיט יעדן הויך“
(„אין פעלד“).

פון אייניקע פון אָט־די לידער (28 לידער אין „ביים ראַנד“ און 18 לי־דער אין „אַ שטערן בליט“) ווייעט מיט מוראדיקע שטימונגען. עס קלאָגט־אַרויס צער, פּיין. איר האָט דאָ — רופט זיי: עקספּרעסיאָניסטישע — גרוי־ליקע, צערודערנדיקע בילדער פון הרג וחנק, פון אונדזער פאָלקס־אומגליק.

איר האָט דאָ אָן אַ שיעור שרעקלעכע „פאַרדראָכן“, אַ יסורימדיקע, אַנגסט־לעכע איוב׳דיקע אָנקלאָגע:

„דער טויט, אַ זינלאָזער, אין שאָדנפרײדיק הויערן,
באַפּאַלט, צעשעגדט, צעפּײניקט, מיט װיסטער רשעות,
װעמען ס׳לאָזט זיך נאָר“
(„לאָזט שטאַרבן“...).

דער דיכטער זעט: „די מערדער אין די װיכע בעטן“, „אַזױ פיל זקנים הײליקע, אַזױ פיל קדושים, טהורים“ —

„און ס׳שװײגט אַ װעלט. עס שלאָפט אַ גאַנצע װעלט.
איז װער געבליבן פון דעם לעצטן קאַמער, אױפצומאָנען
װאָס ער האָט געזען?“
(„דער לעצטער“)

און ער רופט־אויס (אין ליד „אומפאַרשטענדלעך“): „די נאַכט... די נאַכט װעט איביק בלײבן װשטערבלאָז? דאָס חשכות טוט דאָס שטאַרבנדיקע האַרץ פאַרצערן“. און מיר דערפילן דאָס קלאַפּן פון אַ צעבראָכן, פלאַצנדיק „שטאַרבנדיק האַרץ“ פון אַ האַרץ־קראַנקן דיכטער אַ מקונן.

װעלטן־װוען בליצן־אויף אין צער־פולן ליד שטראַלן, ליכט־פּאַסן אָדער פונקען פון בטחון, האָפענונג: „...ס׳האָט פּעגאַס געחלשט ביי דעם חזיר׳ס פיס — „...און ס׳הויבט פּעגאַס זיך אַ באַפרײטער“ (אין ליד „פּעגאַס“). אָדער:

„— און איך — איך הער װי ס׳װערט די שװערד געשמידט
אין אַקער־אײזן“.
(ליד „דער בלינדער“)

דורכן נעפּל פון טרויער רייסט זיך דורך אַ שטראַל פון ליכטיקן טרוים און רוף:

„פאַריאָג די טויטע טייכן, פאַרװיש די ימען בלוט,
און בוי דיין לעבן איבער — זאָל עס אויפגיין מיט די
רײנסטע שליאַכן, מיט די ליכטיקסטע געזיכטער“
(„קדמוניש סייגן“)

אָדער: „די נאַכט װעט באַלד, װעט באַלד פאַרגיין“ (אין ליד „די זיבן פאַס־טעכער“).

באַלד קומט אָבער װידער דער דורות־אַלטער טיף־װײטאָגדיקער „פאַר־װאָס“:

„און דער בײנער־מאַרך, דער אינגעװייד שרייט מיט גאַל:
— פאַרװאָס האָט דאָס דאָ אַלץ געטראָפן — מיט מענטש
און בוים און זאַנג און רינד“.
„...פאַרװאָס האָט דאָס אַלץ דאָ געטראָפן? פאַרװאָס?
פאַרװאָס?“

און איר דערזעט: ער, דער אומפאַרשטענדלעכער (אומפאַרשטאַנענער?) פּאָעט, דער דיכטער־אינדיווידואַליסט, איז פעסט איינגעקלאַמערט אין טראַ־

אַגבֿ, שוין אין יענע לידער האָט איר דערפילט, אַז מינקאָוו, דער דיכ־ דיציע, אין יידישער פאָלקס־טראַדיציע, אין יידישן נוסח, אין סאָציאַלן מאָ־ טיוו, אין ליד פון די קלאַסישע דיכטער. און איר הערט: ער, דער דיכטער־ עססטעט, פלעגט ליב האָבן צו וואָרענען: „עססטעטיק טאָר נישט אויפעסן די עטיק“ (פון יעקב פאַטס הספד־רעדע ביי דער לוויה פונעם פריציייטיק־פאַר־ שטאָרבענעם טאַלאַנטפולן דיכטער). דער תוך פון זיין ליד, דער גאָלדענער קערן, איז געווען: עטיק, חוש פאַר סאָציאַלן יושר. די השפעה פון דער עדעלשטאַט־ליעסין־רייזען טראַדיציע אין איר טיף־עטישן זין האָט געמוזט האָבן אַ ווירקונג, ניט־געקוקט אויף אַלע „אין זיך“־באַהעלטענישן און גריב־ לענישן.

שוין אין זיין פּאָעמע „קיד קאַרטער“ (דער אונטערוועלט־מענטש) אין זיין בוך „אונדזער פּיעראָ“ האָט דער דיכטער געזען אָט־די באַוערי־גע־ שטאַלט, דעם געגנגסטער קיד קאַרטער, ווי אַ קרבן פון סביבה. דער דיכטער האָט שוין דאָן געגעבן אַ רמז אויף זיין גלויבן אין „והיה באחרית הימים“, אין באַפרייאונג פון מענטש. ער רעדט שוין דאָרט וועגן דער „גלאָריע פון דעם נייעם טאָג“. דער ברמזימדיקער דיכטער־מיסטיקער האָט נאָך פריער, אין זיין ערשטן בוך פּאָעזיע, „לידער“, אָנגעדייטעט אויפן בלינדן בעטלער־ נביא, וואָס טראָגט ליכט, שפּאַלטנדיק דעם חושך: „אַ בלינדער גייט דער פינצטערניש אַקעגן פאָראויס“. שפּעטער, אין „ביים ראַנד“, קומט ווידער דעם דיכטערס נביא־וויזיע: „אַ צאָרנדיקער נביא וואַקסט פון פלאַמען־שטראָם“ — דער נביא צאָרנט אויפן שרעקלעכן חורבן, אויפן אומקום פון מיליאָנען קדושים, אויף אַ וועלט מיט הרוגים. מיר זעען: „צוויי שאָטנס ביים בלוטיקן שטראָם. ביים יבוק מיט שוויגן שטרייטן: „גאָט און בשר ודם“. די גאָט־ געשטאַלט וויזט זיך ווידער אין ליד „ביים איביקן ברונעם“ (אין „אַ שטערן בליט“), מיט אַ רוף צום קדוש: „איך וויל מיט דיר אַ נייעם בונד פאַר־ שניידן...“ ערגעץ, פילט איר, וואָרצלען אָט־די אין־וואָלקן־איינגעהילטע לי־ דער — אין די נביאים, אין תנ״ך. פון דאָרט די השפעה.

שוין אין זיין ערשטן לידער־בוך „לידער“ (1924) האָבן געצויגן אויפ־ מערקזאַמקייט דער סאָנעטן־קראַנץ „אַליין בין איך“ און די סעריע ווילאַנעלן: „צו דער וואָס נענט“.

אין „אונדזער פּיעראָ“ קריגן מיר אַנונגען פונעם דיכטערס אומקלאָרע סאָציאַלע סימפּאַטיעס, טרוימען, זעאונגען. אָט ווי מעגי בוירנעט ווערט גע־ שילדערט:

„געווען איז זי נעכטן נאָך שטאָלץ, יונג־ברוסטיק און ווערביק
און איצט איז זי מאָגערער פלאַנץ
געטראָגן אין ויכער פון שטאָט“.

איר האָט דאָ בילדער פון גרויסשטאָטישער נויט, עלנט, דחקות:

„דורך אַלע גאַסן פון איסט־סאַיד
בראָדיעט אום די אַלטקייט פון זיין בלוט".

איניקע לידער, פּערזן, שורות קלינגען כמעט ווי מאָטיוון פון אַ סאָ־ציאַלן דיכטער: „די זאַטקייט פוילט אין רייכע הייזער"; „אויף אַש און שטויב איז מיין לעבן און מיין טרוים צעשאָטן"; „הונגער האָט אונדז אַלע־מען פאַרשניטן" — מיט אַ בטחונדיקן אָנזאָג: „און אונדזער נייע שעה הויבט־אָן צו שטראַלן דורך דעם רויך". אָט־די „נייע שעה" רופט זיך אַי־בער מיט דער „גלאָריע פון דעם נייעם טאָג"...

אויך אין מינקאָווס דריטן לידער־בוך „מסעות פון לעצטן שאָטן" טוען אַ בליץ־אויף שאַרפע אימאַזשן, וואָס אַנטפּלעקן דעם דיכטערס ווײ, אומעט, מיטלייד מיטן געפּאַלענעם, באַליידיקטן. די „מסעות" זיינען „מסעות" פון אונדזערע טעג", דערקלערט דער דיכטער. ער פירט „דעם לעצטן שאָטן" אויף „נייע יסורים־וועגן".

אין זיין ליד „עלעקטרישע מתים" („סאַקאָ־וואַנזעטי") וויזט דער דיכטער:

„די צוויי מתים ברעכן־אויף
זייערע מיליאָניקע ליכטיקע הענט
צעוואָרפן ביז די פאַרבאָרגנסטע
בוידעמס שוועלן קעלער".

די צוויי אַרבעטער־מאַרטירער ווערן דאָ וויזיאָנעריש פאַרבונדן מיט מי־ליאָנען מענטשן, מיט מיליאָנען „ליכטיקע הענט". די צוויי מתים, די „צוויי פריידיקע עלעקטרישע מתים" — לעבן. זיי טראָגן התלהבות און התרוממות אין פאָלק.

דאָס שלום־ליד אין דעם בוך „אונדזער פיעראָ", אַ סימבאָליש ליד, ענ־דיקט זיך מיט די פיל־זאָגנדיקע, רופנדיקע שורות:

„פון ווייטסטע זעגלען יעדע שטימע
צינד־אָן מיט שענסטן לעבן־גלוט".

ווי געזאָגט, איז די לעקסיק אין מינקאָווס לידער מערסטנס אַ שווערע, אַן אַבסטראַקטע, און די בילדלעכקייט איז פול מיט טונקלקייטן פון אַ ביך־השמשות. און דאָך הויערט איבער אַ היפשער צאָל פון די לידער (אין זיינע צוויי לעצטע ביכער פּאָעזיע) דער צויבער פון מוזיק און מאָלעריי. פאַרטיפט זיך, זייט אַזוי גוט, אין אָט אַזעלכע שורות, שורות בילדער, שורות מוזיק (פון באַזונדערע לידער):

„אין שקיעה־פאַרבן ליגט דער טייך,..
ליגט אַ שטאַרבנדיקער".
„.. דער טייך איז מיט שקיעה פאַרצויגן".
„...אַ שטערן בליט אין לערן שייער,
און גייט־אויס אין די פאַרטאָגן".
„...דאָס ספר ליגט נאָך דאָ אָפן,
דורך שייטערס, און אויוונס, און בלוטיקע סופן".

לאַנג און טיף פאַרקריצט אין זכרון וועט בלייבן אָט־דאָס מוראדיק סימ־באָליש בילד פונעם הרוג (אין ליד „ביים אייביקן ברונעם"):

„און די זון גייט־אויף, און דער טאָג קומט־אָן.
האָט מען געהערט דאָ תחנונים?
אונטער די חורבות ליגט דער הרוג
ביים ראַנד פון טיף־טיפן ברונעם".

איז דאָס צערעבראַלע פּאָעזיע, מוח־פּאָעזיע? שווער צו זאָגן. קלאָר איז, אַז אַזעלכע בילדער טויכן־אויף פונעם „טיף־טיפן ברונעם" פון דיכטערס אינטואיציע, פון זיין אונטערבאַוואוסטזיין, פון זיין כוח הדמיון, פון זיין וועלט פון פאַנטאַזיע. קלאָר איז, אַז פאַרטיפנדיק זיך אין זיינע פערזן, דערהערן מיר פון נאָענט און פון ווייט דעם „מילדן רויש פון בליענדיקע לידער"...

ביטערער, פינצטערער יאוש „אין טעג פון אומגלויבן":

„פון ניט־דערוויינטע טרערן שרייט אַ מאַניגג —
שוידערדיק און שטום".

אפילו די אליהו הנביא־געשטאַלט, וואָס פאַרנעמט אַזאַ אָנגעזעען אָרט אין דער יידישער פּאָעזיע, ווי דער ברענגער פון טרייסט און יום־טוב אין אָרעמע שטיבער, אין היימען פון פּיין און נויט, דערשיינט דאָ (אין מינקאָווס ליד „אליהו הנביא") דורכגענומען מיט יאוש, צוזעענדיק די שוידער־בילדער פון יידישן פאָלקס־חורבן:

„און אָט — אַ שליידער דעם זאַק
און אויסגעפּלאַצט אין געוויין".

„מיינע טרערן, וואָס קיינער זעט ניט" פינקלען־אַרויס אפילו צווישן די אומקלאָרע, מטושטשע בילדער.

דער טראַגיזם, די וועלט פון ווי און טרויער, פון חורבן און גיהנום־ליידן קריגן אין דעם דיכטערס וויזיע אַ מוראדיקן לבוש: „טויטע שטערן", „טויטע נאַכט", „טויטע שאָטנס", „טויטע וועלט", „טויטע וואַסערן" — טויט, אומקום, יאוש.

איר הערט אַ וואַריאַציע פון טענער — און דאָך איין טאָן, דעם מינאָרן, שטילן טאָן פון טיפן פּעסימיזם. איר זעט אַ פאַרשיידנאַרטיקייט פון פאַרבן — און דאָך איין פאַרב: טונקלקייט, דעמער, בין־השמשות, אָדער נאַכט־אומעט. איר צווייפלט קיינמאָל ניט אין דעם דיכטערס אויפריכטיקייט. איר האָט זי שוין דערשפּירט אין זיינע סאַמע ערשטע לידער. למשל: אין זיין ליד „שטילע טענער" (אין דער זאַמלונג „אין זיך", 1920, אין וועלכער עס זיינען פאַרטראָטן אַכט דיכטער), וואָס ענדיקט זיך מיט די קלאָרע, טרויער־פולע שורות:

„און דו, מיין בענקשאַפט, וועסט פאַרפליען ערגעץ־וואו
מיט צעפליקטע פליגל".

אגב, שוין אין יענע לידער האָט איר דערפילט, אַז מינקאָוו, דער דיכ־

טער פון אינטעלעקטועלן ליד, איז אין תוך אויך עמאָציאָנעל, אַ שאַפער פון „געפיל־פּאָעזיע". אין זיין ליד „אין דער פרעמד" (פון יענעם פעריאָד) רופט ער אויס:

„איך האָב אַ האַרץ,
וואָס וואַכט פאַר אייך,
וואָס וואַכט פאַר מיר".

דער דיכטער איז אָבער אַלץ מער געבליבן איינגעשלאָסן אין זיך. איזאָלירט פון רוישיקן, שטורמישן לעבן פון סאָציאַלע פראָבלעמען. ער איז געגאַנגען צו זיך, אַנשטאָט דורך זיך צו דער סאָציאַלער ווירקלעכקייט. תוהו ובוהו אָדער כאַאָטישער צושטאַנד אין לעבן, אין דער סאָציאַלער רעאַליטעט, מיינט ניט, אַז אויך אין פּאָעטישן אויסדרוק מוז זיך באַקומען תוהו ובוהו. קלאָר באַנעמען, פאַרשטיין און דערקענען די ווירקלעכקייט העלפט דעם קינסטלער דערקלערן זי. אמתע קלאָרקייט פון געדאַנק און געפיל מוז פירן אויך צו קלאָרקייט פון דיכטערישן אויסדרוק.

פיל פון נ. ב. מינקאָווס יחידישע, קאָנצענטרירטע, אויסגעחלומטע לידער זיינען ממש מוסטערן פון דער „שול" אָדער ריכטונג אין דער קונסט, וואָס איז באַקאַנט אַלס סור־רעאַליזם. צי דאָ האָבן געווירקט די השפעות פון דער פראַנצויזישער סור־רעאַליסטישער פּאָעזיע איז שווער צו זאָגן. איר האָט דאָ, קודם־כל, אַ חלומות־וועלט, שאָטנס, חושך, שטיקער חלומות, שלאָף, דרעמלענישן, דוכטענישן, ניט־דאָאיקייטן, „קאָשמאַרדיקע זעאונג", מיסטיק, מעטאַפיזישע מעטאַפאָרן, טונקל־קעלערדיקע פאַנטאַסטישע בילדער, „יושבי־חושך"דיקע ווערטער, מרה שחורה־פאַרבן, פאַרוועבט מיט טרויער־שטימונגען, איכה־טענער און אָבל־אימאַזשן. דער דיכטערישער וועג פירט דאָ פון באַוואוסטזיניקן שאַפן צו אונטערבאַוואוסטזיין, צו חלום און האַלב־חלום, צו „נים ולא נים", צו חלום־בילדער אָדער שאָטן־בילדער — צו „חלומען ביז אויסגיין". וואָר און חלום, אידייע און ווירקלעכקייט לעבן בערבוביה, מישן זיך אויס.

דער דיכטער בעל־חלומות פאַרבינדט אָפט דורך אומרעאַלע אימאַזשן דאָס נאַטירלעכע מיטן איבערנאַטירלעכן, דאָס שכלדיקע מיטן למעלה מן השכלדיקן, דאָס לאָגישע מיטן איראַציאָנאַלן, עלעמענטן פון אונטערבאַוואוסטזיין מיט עלעמענטן פון באַוואוסטזיין, „ברעקלעך פון אַ חלום" מיט „ברעקלעך פון אַ רעיון".

אָט זיינען אייניקע ביישפּילן (פון זיינע צוויי לעצטע לידער־ביכער):

„...בין איך חען וואַך? ווי טיף־פאַרבאָרגן סטריפּט די
נאַכטוואַנדלישע וואָר".
(„צו אַ יידישער טאָכטער פון פוילן")
„געוועזן איז עס — אומגליקלעכער און וויסטער חלום.
און איצטער אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע און קלאָרע וואָר.
„...געוועזן איז עס — אוממעגלעכע און וויסטע וואָר.

איז דאָס אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכער און קלאָרער חלום ?"
(„גיהינום־טירן")

„...איז דאָס דען די וואָר ? איז דאָ דען אַ וואָר ?
אַז וואָר איז אַ חלום, און חלום איז טרוים.
(„צוויי טויבן")

„...אָט איז דער טייך, דער זעלבער — ווי יעטוועדן מאָל אין
חלום.
(„אין פעלד")

„...וואָס טיפער אין די דורות — אַלץ לעבעדיקער אַלע
חלום־גראָזן".
(„קדמוניש סייגן")

„...עס איז אַ חלום...ניין, עס איז אַ וואָר : אייביקייט און אין־
סוף וואַכט דאָ, וואַכט אין יעדן שלאָף".
(„דער ברודער")

אָט־די ניט־צוגעבונדנקייט פונעם דיכטערס סימבאָליזם, פון זיינע ווייטע אומקלאָרע אַנונגען און „ווילדע זעאונגען" (זיין אויסדרוק), האָט עדות געזאָגט אויף גוואַלדיקער איזאָלירטקייט, אָפגעריסנקייט פונעם לייענער, פון לייענער־קרייזן. ווי געזאָגט : די טענות וועגן דער אומפאַרשטענדלעכקייט פון פיל פון זיינע לידער האָבן דעם דיכטער פאַרשאַפט צער. אין זיין ליד „אַן ענטפער" האָט ער זיך ווי „פאַרענטפערט" און אויסגעדריקט זיין וויטאָג :

„...דו שרייבסט, אַז קלאָרקייט איז דער עיקר.
מיך מאַטערט אויך דער דאָזיקער געדאַנק"...

און דער דיכטער פאַרענדיקט זיין ליד מיט אָט־דעם זעלבסט־אַנטפּלעקנדיקן קרעפטיקן פערז.

„און דאָך —מיין מי איז גרויליק־איינזאַם, פונקט ווי
איך אַליין.
איז מיין מדרגה קלאָרקייט — אַזוי נידעריק אין תהום ?
מיין יעדער טאָג פון גסיסה — איז דורשט צום מקור
פון דעם מיין,
מיין יעדע נאַכט איז אַנגסטן, געמינטערט פון
אַ ווייטן דורות־שטראָם".

נ. ב. מינקאָווס דיכטערישע קרעדאָ און פיזיאָנאָמיע ווערן אויך אַרויסגעבראַכט אין זיין אַרטיקל „וועגן מאָדערניזם און וועגן פּאָעזיע" („צוקונפט", דעצעמבער, 1957) — אַ שמועס מיטן דיכטער און קריטיקער אברהם טאַבאַטשניק פאַר זיין רעקאָרדירטער אַנטאָלאָגיע „די שטים פון יידישן פּאָעט". קודם : אַ טשיקאַווער פאַקט : מינקאָוו, דער אינטעלעקטועלער פּאָעט, האָט אין יענעם שמועס אונטערשטראָכן : „מיר דאַכט זיך, אַז קונסט איז אין גאַנצן אַן עמאָציאָנעלע טעטיקייט" ; „פּאָעזיע איז אַן איראַציאָנאַלער ענין. איך גלויב נישט, אַז אינטעלעקטועלקייט שפּילט אַ ראָלע". דאָס איז בפירוש אַ צייכן פון דער ירידה פון בירגערלעכן אינטעלעקטואַליזם אין אונדזער צייט.
ענטפערנדיק אויף טאַבאַטשניקס פראַגן אין שייכות צו זיין אייגן שאַפן,

האָט מינקאָוו דערקלערט: „איך האָב נאָך קיינמאָל ניט אָנגעשריבן אַ ליד, סיידן איך האָב געזען די בילדער. איך אָן זיי. איך פיל זיי. אָבער איך מוז זיי דערזען בולט. ווי אַפּאָקאַליפּטיש די בילדער זאָלן ניט זיין, ווי חלומדיק זיי זאָלן נישט זיין, ווי פאַנטאַסמאַגאָריש — מוז איך זיי זען, אין זייער טיפן באַטייט. אַזוי, אַז איך לעב מיט אַ ליד גאַנץ לאַנג. און אויב ניט לאַנג, איז זייער אינטענסיוו, אינגאַנצן פאַרכאַפּט דערפון, פאַרחושט... און ווען איך זע דידאַזיקע בילדער און איך פיל, אַז איך קען זיי מער נישט טראָגן אין זיך, מוז איך זיי אָנשרייבן". און ווייטער: „איך האָב, למשל, אַלע מיינע לידער געשריבן — אין שלאָף. וואָס הייסט געשריבן אין שלאָף? איך האָב שלאָפנדיק געטראַכט וועגן זיי. איך האָב זיי געחלומט. די חלומות האָב איך אין זיך אַרומגעטראָגן, אפילו ווען איך בין געווען וואַך". איז אפשר דאָס טיילוויז אַ שליסל צו דער אומפאַרשטענדלעכקייט פון פיל פון זיינע לידער.

דורך מינקאָווס פּינף לידער־ביכער אַנטפּלעקט זיך אַן ערנסטע, פאַר־טיפטע שעפערישע פּערזענלעכקייט פון אַ „גרויליק־איינזאַמען" דיכטער. נאָך גרעסערע דערגרייכונגען האָט מינקאָוו פאַרצייכנט אין דעם געביט פון יידי־שער ליטעראַטור־פאָרשונג און ליטעראַטור־קריטיק. דערויף זאָגן עדות די אויבן־אויסגערעכנטע ווערק פון גאָר אַ גרויסן פאַרנעם. די באַדייטנדיקע אויפטוען און בייטראָגן פון נ. ב. מינקאָוו דעם ליטעראַטור־פאָרשער און קריטיקער — זיינען אַ באַזונדער, גאָר וויכטיק קאַפּיטל.

אָקטאָבער, 1958.

ברוך גלאַזמאַן

(1945־1893)

ברוך גלאַזמאַן — „לענדער און לעבנס“ (די געשיכטע פון אַ משפּחה אין אַמעריקע און אין סאָוועט רוסלאַנד). ראָמאַן אין צוויי בענד, און פיר טיילן. פאַרלאַג „לאַנדסמאַנשאַפטן“.

ברוך גלאַזמאַנס נייער ערשט־דערשינענער ראָמאַן „לענדער און לעבנס“ — זיין פופצנטער בוך — איז, אָן צווייפל, אַ ווערטפולער בייטראַג צו אונדזער ליטעראַטור. סיי לויט זיין אידייאישן און טעמאַטישן פאַרנעם, סיי לויט זיינע קינסטלערישע דערגרייכונגען, איז אָט־דער בוך אַ וויכטיקער וועגצייכן אין דעם אויטאָרס שעפערישער טעטיקייט און אַנטוויקלונג. פאַרדינט זיכער אַזאַ ראָמאַן אַ דעטאַליזירטן קריטישן אַנאַליז. מיר האָ ווילן זיך הויפּטזעכלעך אָפּשטעלן ניט אויף דעם ווי אַזוי, נאָר אויף דעם וואָס — ניט דערויף ווי אַזוי די טעמע ווערט באַהאַנדלט אינעם בוך, נאָר אויף דער טעמע גופא, אויפן אינהאַלט, אויפן סיפור־המעשה, וואָס ווערט איבערגעגעבן אינעם בוך.

צוויי לענדער נעמט אַרום דער ראָמאַן — רוסלאַנד (די פאַר־רעוואָלוציאָנערע און נאָך־רעוואָלוציאָנערע) און אַמעריקע. די האַנדלונג הויבט זיך אָן באַלד פאַר דער וועלט־מלחמה, אין אַ קליין שטעטל אין פּאָלעסיע. די סביבה איז אַ יידישע: אַ שטעטל, ווי אַלע אַנדערע פון דעם מין, אין דער גרויסער רוסלאַנד — די מערסטע איינוואוינער וויקן זיך אין נויט, טרוימען וועגן אַ בעסער לעבן. פיל פון זיי — לופט־מענטשן און גלאַט אָרעמע האָרעפּאַשניקעס, וועמען עס איז שוין נמאס דאָס בידנע, געמוטשעטע לעבן — הויבן־אָן חלומען וועגן עפּעס אַ נס — וועגן ווערן רייך איבער נאַכט, וועגן אַוועק אין די ווייטע לענדער און קומען צוריק אָנגעשטאָפּטע מיט גאָלד, אָט ווי דער פאַרשוין קאַרפּל, וואָס איז צוריקגעקומען פון יענע ווייטע מדינות, האָט פּשוט געבראַכט אַ מאַיאָנטעק און גענומען זיך „סטראָיען“ סאַמע אינמיטן שטאָט.

אין אָט־דער סביבה זעען מיר פאַר זיך דעם שוסטער בונעם — דעם הויפּט־העלד פונעם ראָמאַן — מיט זיין ווייב סטערע און זייערע צוויי קינדער ווידער און טאַמאַרע. בונעם — אַ קרעפּטיקער, מגושמדיקער יונג, אַ טעמפּער פאַרשוין מיט אַן „אָקסישן קאָפּ“ — נעמט זיך אַריין אַ מאַנקאָליע אין קאָפּ אַריין: ער מוז פאָרן קיין אַמעריקע; ער מוז דאָרט אומבאַדינגט

רייך ווערן, צוריקקומען און זיך נעמען „סטראַיען“ אַ גרויסן מויער אויפן באַרג. ער האָט דווקא פּרנסה אין שטעטל. ער איז תמיד פאַרוואָרפן מיט אַרבעט. זיין ווייב פאַרדינט אויך ניט שלעכט אויפן מאַרק, ביי איר רונדוקל מיט אַלטן שוכוואַרג (שקראַבעס, וואָס דער מאַן פאַרריכט). אָבער אין בונעמען צעוואַקסט זיך אַלץ שטאַרקער זיין גייציקייט און געלט־דורשט, און זיין באַשלוס אַוועקפאָרן אין דער „גאָלדענער מדינה“. און ער גיט זיך אַליין צו מוט: „אויב קאַרפּל פאַרך האָט געקענט מאַכן דעם קונץ, וועל איך עס אַוודאי קענען“.. סטערע, אַ געזונטע, גבורהדיקע פאָלקס־פרוי — „אַ סאָלדאַטקע, נישט קיין יידענע“, ווי דאָס שטעטל פלעגט זי רופן; — האָט שטאַרק ניט געוואָלט בלייבן אָן דעם מאַן. זי האָט געפּרואווט ווירקן אויפן מאַן — ס'האָט ניט געהאָלפן. בונעם איז אַוועק קיין אַמעריקע.

אונדזער העלד ווערט אַ האַרלעמער תושב. ביסלעכווייז אָרדנט ער זיך איין. ער עפנט אַ שוסטער־שאַפּ. עס הויבט אים אָן גיין בעסער. עס ווערט אַלץ מער „זיין אַמעריקע“. ער „אַרבעט זיך אַרויף“. ווערט אַ גאַנצער „אָל־ראַיטניק“. זיין באַנק־ביכל ווערט אויך פעטער. בונעם שיקט איצט אַלץ אָפטער געלט אַהיים צו זיין ווייב סטערע — זאָל זי, הייסט עס, פאַר אָט־דעם געלט קויפן אַ פּלאַץ אויפן באַרג אין שטעטל, וואו ער זאָל קענען אויפבויען אַ פּאַלאַץ אַ גאַנצן, ווען ער וועט צוריקקומען. אָט פאַר דעם צוועק — פון „סטראַיען“ דעם מויער — שפּאָרט ער דאָך געלט אין באַנק.

אין סטערען — דער שטילער און שווייגנדיקער פּרימיטיווער פרוי — איז געוואָקסן אַלץ מער דאָס געפיל פון פאַרדרוס און ביטערקייט. בונעמס געלט האָט זי ניט פאַרנוצט; אַוועקגעלייגט דאָס אין אַ זייט, פאַרבאַהאַלטן; אַליין געפּלאָגט זיך מיט די אונטערוואַקסנדיקע קינדער, און שווייגנדיק געטראָגן איר דאָליע. דעם מאַן פלעגט זי ענטפערן קורצע, פרעמדלעכע, קאַלטע בריוו: געדאַנקט פאַרן געלט, געמעלדעט, אַז ווייגדער איז שוין אַ וואוקסיקער בחור און טאַמאַרע בליט ווי אַ רויז, און זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט אויף איר לאַגע. פאַר בונעמען איז דאָס אַלץ געווען שווער צו באַנעמען. ער ווייסט איין זאַך: זיין הויפּט־ענערגיע דאַרף ער ווענדן אויף „אַרויפאַרבעטן זיך“. ער כאַוועט אַלץ ווייטער זיין טרוים: ער וועט קומען אַהיים אַ גביר און וועט האָבן אַ מויער אין שטעטל.

דערווייל — הויבט זיך אָן דער בלוטיקער מבול: עס ברעכט־אויס די וועלט־מלחמה. לענדער און פעלקער גייען־אָפּ מיט בלוט. אויך בונעמס פאַמיליע גייט־דורך אַלערליי גרויזאַמקייטן און אומגליקן. אַלע פאַרבינדונגען צווישן בונעמען און זיין ווייב־און־קינדער ווערן איבערגעריסן. בונעם האָט זיך זיינע באַגרענעצטע „גשמיותדיקע“ פריידן. און דער עיקר: זיין באַנק־ביכל ווערט אַלץ געשוואָלענער. ער ווערט גאָר עפּעס מער חשוב ביי זיך אַליין אין די אויגן. און מיט דער מאה — וואַקסט די דעה. בונעם, דער שוערער קאָפּ, ווערט אַ חשוב אין זיין לאַנדסמאַנשאַפט־סאָסאַיעטי. און ווען די צייט קומט און פון אַמעריקע הויבט מען אָן שיקן הילף פאַר די אויסגעהונגערטע און קריגס־געליטענע אין איראָפּע, און „דעלעגאַטן“ הויבן

אָן פאַרפלייצן די רוסישע שטעטלעך — ווער מיט געלט, ווער אויף אַרויס־
צונעמען פאַמיליע קיין אַמעריקע — ווערט אויך בונעם דערוויילט אַלס דע־
לעגאַט צו זיין שטעטל.

אָבער דאָ קומט זיין גרעסטע אַנטוישונג אין לעבן און צחאַמען דער־
מיט דאָס סאַמע שטוינענדיקסטע, ניט־פאַרשטענדלעכע פאַר אים, בונעמען,
ביי וועמען אַמעריקע איז באמת אַ גליקלעכע מדינה. ניט ביים ווייב, ניט
ביי די קינדער קריגט ער אַ טראָפּן וואַרעמקייט. זיי ווערן גאָרניט גערירט
פון דעם אַמעריקאַנישן געלט־גלאַנץ און בליאַסק. זיי ווילן אפילו ניט צו־
לאָזן דעם געדאַנק וועגן פאָרן מיט אים קיין אַמעריקע. זיי זיינען אים פרעמד.
ער איז זיי פרעמד. דאָס אָפּגעפרעסטע פּנים פונעם אַמעריקאַנער אָלראַיט־
ניק, זיין זאַטע צופרידנקייט, זיין גרויסהאַלטן זיך מיט די אָנגעזאַמלטע דאָ־
לאַרן רופט־אַרויס כמעט אַ ווידערגעפיל ביי סטערען און אירע קינדער. זיי
האָבן דורכגעמאַכט אַלע צרות פון בירגער־קריג און פּאָגראָמען. פאַר זייערע
אויגן האָט אויפגעוויכטן די גרויסע אָקטאָבער־רעוואָלוציע. איצט זיינען זיי
פרייע, גלייכע בירגער. די פרייהייט, וואָס דאָס לאַנד האָט אין בלוט דעראָ־
בערט, איז זיי איצט זיסער פון אַלע מעגלעכע „אַמעריקאַנער גליקן". זיי
ווייסן איצט ווי צו שעצן אַרבעט און דעם מענטש פון אַרבעט. עס עקלט
זיי איצט פון גייציקע געלט־מאַכער.

בונעם קאָן דאָס אַלץ ניט באַנעמען. זיין מוח קאָן דאָס ניט באַגרייפן.
רעוואָלוציע, איר כוח, איר ווירקונג, די ענדערונגען, וואָס זי האָט אַריינגע־
בראַכט אין דער פּסיכאָלאָגיע פון מענטשן, — דאָס אַלץ איז אים פרעמד.
פאַרוואָס זאָל זיין ווייב גיכער וועלן האָרעווען אויפן פעלד, איידער פאָרן מיט
אים אין קאָלאָמבוסעס לאַנד און לעבן אַ פעט לעבן, — דאָס קאָן ער בשום
אופן ניט פאַרשטיין. אַלץ איז אים אַזוי מאָדנע: סטערען איז גאָר, דוכט
זיך, ליבער דער, ווי רופט מען אים דאָרט, קאָלווירט (לאַנדווירטשאַפטלעכער
קאָלעקטיוו), איידער דער מאַן מיט די אַמעריקאַנער דאָלאַרן. און פון וויג־
דער, דעם קאָמוניסט, איז דאָך אָפּגערעדט. און אויך דער טאָכטער טאַמאַרען
איז בונעם פרעמד. בונעם חנפעט זיך אפילו צו סטערען, זיין אייגן ווייב, ער
לאַשטשעט זיך, שאַרט זיך צו איר, זאָגט איר צו גאָלדענע גליקן — אָבער
עס העלפט ניט. עס ציט זי צו איר אַרבעט אין קאָלווירט.

אַזוי־אַרום איז דער נאָמען פונעם בוך — „לענדער און לעבנס" — ניט
קיין פּרעטענציעזער, נאָר אַ באמת־באַרעכטיקטער. פאַר אונדזערע אויגן
גייען טאַקע דורך לעבעדיקע שילדערונגען פון צוויי דורכאויס־פאַרשיידענע
לענדער — אַמעריקע און סאָוועטן־לאַנד — און מענטשן, לעבנס גאַנץ פאַר־
שיידענע: מיט אַן אַנדער סביבה, מיט אַן אַנדער צוגאַנג צו זאַכן, מיט אַן
אַנדער געדאַנקען־גאַנג. פון איין זייט: דער טעמפּער פאַרשוין בונעם, וועל־
כער איז נאָך מער פאַרטעמפּט געוואָרן, פאַרדאָלאַריזירט געוואָרן אין אַ
סביבה, וואו דער דאָלאַר איז איבער אַלץ — בונעם מיט זיינע פאַרגעניגנס
(אַ באַנק־ביכל, כבוד און סאָסאַיעטי, מואוויס, ווייבער). פון דער צווייטער זייט:
סטערע און אירע קינדער. אַ פולשטענדיקער איבערברוך אין לעבנס־באַנעם

פון מענטשן. גייסט פון קאָלעקטיוויזם. ניי־געבוירענע מענטשן אָדער מענטשן אין איבערדערציאונג. סטערע (אויסגעצייכנט געשילדערט) שטייט פאַר אונדז ווי דער פּראָטאָטיפּ פון דער נייער סאָציאַליסטישער פרוי. איר איז ליב און אייגן דער קאָלעקטיוו, וואו זי אַרבעט. איר אַרבעט טוט זי געטריי און אי־בערגעגעבן. פון איר אָטעמט מיט סאָוועטישער פשוטקייט און געזונטקייט — דער אָטעם פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. און אירע קינדער — דער־צויגענע אין נייעם גייסט — איז ליב דאָס סאָוועטישע, ליב דאָס לאַנד, וואָס בויט דעם סאָציאַליזם. און צוזאַמען לייגן זיי צו אַ האַנט צו אָט־דער בויאונג. אָט־דער צוגאַנג פאַטופיעט זיך ניט אין בונעמס פאַרפעטעוועטן מות. אַ פרעמדער קערט ער זיך אום צוריק אין זיין דאָלאַרן־סביבה, וואו ער פילט זיך פיל היימישער. אויף אייביק פאַרלאָזט ער זיין בלוט־און־פלייש, וואָס איז פון אים אָפּגעפרעמדט געוואָרן.

עכט־רעאַליסטיש באַקומט זיך אין ראָמאַן די שילדערונג פון בונעמס דירעקטער סביבה: זיינע לאַנדסלייט, די מיטינגען פון זיין ברענטש, און דער עיקר די פּסיכאָלאָגישע שילדערונג פון דעם טיפּ בונעם גופא: אין זיין פולער באַגרענעצקייט און טעמפּקייט, מיט זיינע האָפענונגען און חלומות, השגות און פאַרגעניגנס, מיט זיין ניט קענען באַנעמען דאָס נייע אין לאַנד פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. קינסטלעריש־געלונגען און אינטערעסאַנט איז די שילדערונג פונעם איבערברוך אינעם לעבנס־גאַנג און וועלט־באַ־נעם פון די יידן אין די שטעטלעך פונעם נייעם רוסלאַנד (עס קומט־פאַר אומגעפער אין די יאָרן 1922־1933). עס פאַרשווינדן די לופט־פּרנסות. דאָס שטעטל הויבט אָן איבערגעבויט ווערן. די יוגנט ווערט אַלץ־מער אריינ־געצויגן אין דער אַרבעט פון קאָלעקטיוועווירטשאַפטן.

„לענדער און לעבנס" איז ניט נאָך אַ בוך — דאָס איז אַ ראָמאַן, וואָס וועט פאַרנעמען אַן אָנגעזעען אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור. עס איז קיין צווייפל ניט, אַז ער וועט אַרויסרופן אַ גרויסן אינטערעס צווישן ברייטע קרייזן יידישע לייענער.

פעברואַר 21, 1937



סעם ליפּצין

(געבוירן אין 1893)

(סעם ליפּצין: „אַמאָל איז געווען״,
ניו־יאָרק, 1951)

.1

„אַמאָל איז געווען...״

אַמאָל איז געווען אַן אָרעם יידיש יינגל, אַ שניידער בן שניידער. פונעם יונג־פֿאַרשטאָרבענעם פֿאָטער האָט דער יתום געקראָגן בירושה אַ טיש — אַ שניידער־טיש. אין עלטער פֿון פֿערצן יאָר, אין 1909, האָט ער זיך געזעגנט מיט זיין מוטער, ברידער און שוועסטער, מיט זיין שטעטעלע ליפּסק — און איז געקומען קיין אַמעריקע.

דער פֿערצן־יאָריקער בחור און זון פֿון דער יידישער אָרעמשאַפֿט האָט מיט זיך מיטגעבראַכט: אַ וואָרעם, מענטשלעך האַרץ; אַ פֿיינע תּפֿיסת־עין; אַ חוש פֿאַר הומאָר; אַן ערלעכע, קליין־שטעטלשע נאַאיוויטעט; אַ טראַדיציע פֿון עכטער אַמכאָדיקייט, פֿון אַמכאָ שער־און־אייזן... אָט־די אַלע „גוטע זאַכן״ זיינען אים שפּעטער שטאַרק צונוץ געקומען, ווען ער איז געוואָרן אַ שרייבער.

דער „גרינער בחור״ איז באַלד אַריינגעטראָטן אין „אוניווערסיטעט״, דאָס הייסט, אין די פֿינצטערע שוויץ־שעפּער פֿון יענער צייט. צוזאַמען מיט זיינע שווערע, ביטערע דערפֿאַרונגען פֿון אַן עקספּלואַטירטן אַרבעטער אין די שניידער־שעפּער, איז אויך געוואָקסן זיין קלאַסן־באַוואוסטזיין. ער איז געוואָרן אַקטיוו אין העלפֿן אָרגאַניזירן די אומאָרגאַניזירטע אַרבעטער. ער איז געוואָרן אַ יוניאָן־טוער, שפּעטער — אַ יוניאָן־באַאַמטער, נאָך שפּעטער — אַן אויסגעשלאָסענער פֿון זיין יוניאָן מחמת זיין קאַמף קעגן גרעפֿט און קאָרופּציע.

זיינע אָנגעזאַמלטע דערפֿאַרונגען אין שאַפּ, אין דער יוניאָן, אויף דער אַרבעטער־בערזע, אין קאַמף קעגן שווידערלעכער עקספּלואַטאַציע, האָט ער פֿאַרצייכנט. ער האָט אין זיך אַנטדעקט אַ שעפֿערישן דראַנג. פֿון אונטער זיין לייכטער, פֿליסיקער פֿעדער האָבן רעגלמעסיק גענומען באַווייזן זיך און געדרוקט ווערן הומאָרעסקעס, מאָנאָלאָגן, דערציילונגען, שטיפֿערייען, מעשה־

לעד, סקיצן, לאַכערייקעס, פעליעטאָנען, איינאַקטערס, אַפאָריזמען. אַזוי־אַ האָבן זיך אָנגעזאַמלט ניינצן ביכער — פון פאַרשיידענער ליטעראַרישער קוואַליטעט. דער הויפּט־עלעמענט אין אַט־די ווערק — דעם שרייבערס נאַטירלעכער, מחיהדיקער הומאָר. אַט־די אַלע ווערק זיינען דורכגעגליט מיט זיין האַרציקער ליבשאַפט צום אונטערדריקטן, באַליידיקטן, באַוועלהטן מענטשן.

די טעמאַטיק: טאָג־טעגלעכקייט; די דירעקטע דערפאַרונג פון באַאָבאַכטונג פונעם מחבר; שאַפּ, גאַס, אַרבעטער־היים, אַרבעטער־קלוב, אַרבעטער־בערזע, א. אַז. וו.

פון יאָר צו יאָר איז געוואָקסן די גאַלעריי כאַראַקטערן (כאָטש מערסטנס טיפּיזירטע, אָנשטאָט אינדיווידואַליזירטע), וואָס דער מחבר האָט אָפּגעפּאָרטרעטלט: שאַפּ־אַרבעטער, סטרייקערס, אָרעמע טענאַנטס, קליינע אָרעמע קרעמער, יידן פון אַ גאַנץ יאָר — מיט זייערע וועלטן און וועלטלעך, מיט זייערע קליינע און גרויסע השגות, מיט זייער שווער לעבן. איבער זיי אַלע שוועבט דעם שרייבערס שמייכל פון גוטמוטיקן הומאָר. און מיט ביטערקייט, מיט גאַליקן סאַטירישן חוזק האָט דער מחבר געשילדערט גאָר אַנדערע פּאַרשוינען: באָסעס און באָסעלעך, לענדלאָרדס, אַרויפגעאַרבעטע „אָלראַיטניקעס‟, יוניאָן־ביוראָקראַטן, רייכע פּוסט־פּאַסטניקעס און אַנדערע „קליינע מענטשעלעך‟.

די אַלע ווערק זיינען דורכגעדרונגען מיטן מחברס פאָלקסטימלעכקייט: אין לשון, טאָן, צוגאַנג צו דער טעמע; מיט זיין גלויבן אין די כוחות און זיג פונעם אַרבעטער־קלאַס; מיט זיין זכרון פאַר מענטשן, פאַר דעטאַלן פון סביבה און סיטואַציע, פאַר פאָלקס־שפּראַך און פאָלקס־אידיאָם.

סעם ליפּצין (צי „אָנקל סעם‟ אָדער „קוועקזילבער‟) איז אַ פאָלקס־שרייבער מיט אַ שאַרף אויג. זיין אויג באַמערקט דאָס קנעפּל, וואָס פעלט אין יענעמס רעקל; מענטשלעכע מיחושן, שוואַכקייטן, שטותערייען; קאָמישע זייטן און זייטן. פון די מערסטע פון זיינע ווערק האָט אָפּט אַ בליץ געטאָן מיט שאַרפזין, מיט נאַטירלעכן פאָלקס־וויץ און עכטן שפּאַס, מיט מילדן הומאָר און אויך מיט שטעכיקער שטיפעריי.

מיטן גאַנג פון די יאָרן איז אַלץ מער געוואָקסן די פּאָפּולערקייט פונעם מחבר צווישן דעם פּראָגרעסיוון יידישן אַרבעטער־עולם. זיינע ביכער ווערן ברייט פאַרשפּרייט. דער מחבר האָט באַוויזן, ווי צו פאַרבינדן וואָרט מיט טאָט. ער איז פאַרבליבן און איז ניט בלויז אַ שרייבער, נאָר אַ געזעלשאַפטלעכער טוער, אַן אַרבעטער־טוער. זיינע ווערק גופא, געשריבן מיט אַ באַשטימטער קלאַסן־טענדענץ, באַטראַכט ער ווי אַ מיטל צו „באַאיינפלוסן די מאַסן אינעם קלאַסן־גייסט‟, לויט מ. אָלגינס אויסדרוק.

שוין די נעמען גופא פון זיינע ביכער אַנטפּלעקן זייער כאַראַקטער, איבהאַלט, אידעאָלאָגיע, זייער סאָציאַלן ציל און פּראָלעטאַרישע כוונה. אָט זיינען איניקע פון די נעמען: „אויף לייטיש געלעכטער‟. „קריג און זיג‟, „ניט געדאַיגעט‟, „קאַמפּסלוסטיק‟, „מיט געזאַנג אין קאַמף‟, „שפּיל צום

ציל״, „געקעמפּט און געלאַכט״, „אַ גוט יום־טוב״, „לאָמיר זינגען״ „לעבעדיק און לוסטיק״, „צע־לאַכ־עס די טרערן״ א. אַז. וו. אַט־די נעמען קלינגען ווי קאַמף־לאָזונגען און ווי ליטעראַרישע קרעדאָס, אַני־מאַמינס.

אַ היפּשער טייל פון ליפּצינס ווערק ווערט באַנוצט אַלס פאַרוויילונג־מאַטעריאַל, אַלס שפּיל־טעקסט, אַלס אויפקלערונג־און אויסטייטש־ליטעראַטור אין דער יידישער פּראָגרעסיווער אַרבעטער־סביבה.

זייער הויפּט־מעלה? שפּילעוודיקייט. זייער הויפּט־שוואַכקייט? שפּילעוודיקייט. אין זייער קראַפט האָט געשטעקט אויך זייער שוואַכקייט. צופיל לייכטקייט אין טאָן. צופיל שפּילעוודיקייט אויפן חשבון פון ציל, פון ליטעראַרישן תכלית, פון קינסטלערישער שלימות.

און אַט איז צוריק מיט עטלעכע חדשים דערשינען אַ נײַ בוך פון סעם ליפּצין, זיין צוואַנציקסטער און בעסטער בוך: „אַמאָל איז געווען...״ אַט־דאָס בויטיקע און ניצלעכע בוך איז אַ שריט פאָראויס — צו אַ העכערער ליטעראַרישער מדרגה. אין דעם נייעם בוך האָט דער מחבר פאַרפּיקסירט — דורך בילד, דערציילונג, שילדערונג, סקיצע — אַ שטיק פון דער ניט־ווייטער יידישער אַרבעטער־פאַרגאַנגענהייט אין אַמעריקע. דאָ האָט ער אונדז געגעבן לעבעדיקע בילדער פונעם אַמאָליקן יידישן אַרבעטער־לעבן דאָ אין לאַנד.

דער הויפּט־פאַרדינסט פונעם בוך באַשטייט אין אויפלעבן דורך רעאַליסטישער, קאָנקרעטער שילדערונג און דערציילונג אַ וויכטיקן פּעריאָד אינעם לעבן פון די יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע; דעם פּעריאָד פון די שרעקלעכע סוועט־שעפּער, און דעם פּעריאָד פון קאַמף פאַר טרעיד־יוניאַניזם דאָ אין לאַנד.

דער מחבר הויבט־אָן מיט זיינע אייגענע שאָפּ־דערפאַרונגען פון די ערשטע טעג אָן נאָך זיין אָנקומען קיין אַמעריקע. פאַר אייערע אויגן וואַקסן־אויס צאַפּלדיקע עפּיזאָדן, אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע בילדער — בילדער פון שווידערלעכער נויט און דלות צווישן די „גרינע״, די פרישע יידישע אימיגראַנטישע מאַסן; אין בילדער פון מוראדיקער, אומרחמנותדיקער עקספּלואַטאַציע.

דער מחבר פירט־דורך הויטשינדער און בלוט־זויגער, גרויסע פּרעהס און קליינע פּרעהלעך, אין דער פאַרשקלאַפנדיקער מצרים פונעם סוועט־שאַפּ. איר זעט פאַר זיך דעם גיהנום פון באַסישער עקספּלואַטאַציע אין סוועט־שעפּער, שאַפּקעס, סאַב־שאַפּקעס, שעפּער ווי תפיסות, וואו אינמיטן העלן טאָג הערשט דער חושך־מצרים. אָט שטייט ער פאַר אייערע אויגן, דער „חזיר־מאַרק״ אויף העסטער סטריט, אין האַרץ פון דער איסט־סאַיד, וואו „גרינע״ און „אויסגעגרינטע״ יידישע אַרבעטער קומען פאַרקויפן זייערע הענט... אָט זיינען זיי, איר דערקענט זיי גרינג, די פּיינע ברואים, די באַסעס, באַסעלעך, קאָנטראַקטאָרס, סאַב־קאָנטראַקטאָרס, פאָרלייט, סקעבס, יוניאָן־גרעפּטערס. און אָט זיינען זיי, די „גרינע״ אַרבעט־זוכער, די קרבנות פון באַסישער ברוטאַלער באַהאַנדלונג, און פון שווינדלערייען און אָפּנאַרערייען מצד כלערליי אויסוואורפן, רעקעטירס.

איר באַקענט זיך מיט די סוועט־שעפּער, ווי אַזוי זיי האָבן באמת אויס־געזען פון אינעווייניק: נעסטן פון שמוץ און שווידער. איר לייענט מיט שפּאַנונג עפּיזאָדן, אמתע מעשיות, וואָס דעקן־אויף פאַר אייערע אויגן די מכות פון סקעב־נעסטן, פון שטיק־אַרבעט, פון קינדער־אַרבעט אין די שוויץ־שע־פּער, פון שרעקלעך־עקספּלואַטירטער פרויען־אַרבעט, פון קאַרטן־שפּיל און נבול־פּה אין די שעפּער, פון „היים־אַרבעט“ אין פּריוואַטע דירות.

אָט זײַנען רירנדיקע בילדער פון אייניקע אַרבעטער: פרידמאַן, „דער שמאַלץ־הערינג“ און זײַן טראַגישער סוף; דער לײַדנשאַפטלעכער קאָרטן־שפּילער „משהלע סאָלדאַט“; הירש־לייב דער אָפּערעיטאָר, וואָס פאַרלירט זײַן דזשאָב, ווײַל ער איז פאַראומערט פון זײַן קינדס טויט; דער פרומער שלמה דער פינישער, וואָס רעוואָלטירט קעגן זײַן אכזריותדיקן באָס, ווען יע־נער פאַרשוועכט גאָטס נאָמען; די יונגע שיינע „פּעשע די רביצין“, ווענמען דער נבזהדיקער באָס איז אויף שפּאָס, הייסט עס, „מקדש“ מיט אַ פינגער־הוט; די קלאַסן־באַוואוסטזיניקע רחל, וועלכע טרעט אַרויס אין קאַמף קעגן איר קאָזין, דער באָס; די צוויי בחורים מיט פענסנע און מיט ביכער, און (דעריבער) מיט צונעמענישן פון יעקב גאָרדינס פּיעסן: „דער מטורף“ און „לייזער־בדחן“; די „גרינע“ מאַמע, וואָס שטייט אין „פּיקעט־לאַין“ קעגן איר זון, דעם רשעותדיקן שניידער־באָס; דער פּרעסער מאיר־לייב, וואָס חוץ זײַן אַרבעט, פאַרקויפט ער נאָך ווײַן אויף קידוש, כדי צו האָבן חיונה; און נאָך און נאָך.

און אָט זײַנען בילדער פון גרויסע קליידער־שעפּער, שטאַרקע אַנטי־יו־ניאָן פעסטונגען; בילדער פון טעראָר מצד באָסעס, פאַרלייט, גענגסטערס, „שלעגער“, סטרייק־ברעכער און סקעב־אַגענטן קעגן אַרבעטער; בילדער פון ליפּלעט־פאַרשפּרייטונג, סטרייקס, פּיקעט־לאַינס, מוטיקייט און מסירת־נפשדיקייט פון קלאַסן־באַוואוסטזיניקע אַרבעטער און אַרבעטער־טוער אין קאַמף פאַר ריינע, ערלעכע, דעמאָקראַטישע יוניאָנס.

דער שרײַבער־פּראָלעטאַריער אָדער פּראָלעטאַרישער שרײַבער דער־ציילט וועגן דעם גרויסן שניידער־סטרייק פון 1913, וואָס „האָט אויפגערו־דערט די גאַנצע ניו־יאָרקער באַפעלקערונג“; וועגן דעם סטרייק אין דער קליידער־אינדוסטריע אין 1920; וועגן די גענעראַל־סטרייקס פון די שניי־דער־אַרבעטער אין 1922 און 1925.

ער דערציילט — אמת, אַריינפאַלנדיק שוין אינגאַנצן אין אַ פּוב־ליציסטישן טאָן — וועגן דעם ספּעציעלן צוזאַמענפאָר אין ניו־יאָרק, וואו עס איז געגרינדעט געוואָרן די איצטיקע „אַמאַלגאַמייטעד קלאָדינג וואָירקערס יוניאָן“; וועגן דער דערוויילונג פון הילמאַן און שלאָסבערג אַלס די ערשטע באַאַמטע פון דער נייער שניידער־יוניאָן; וועגן די ערשטע יאָרן פון דער יוניאָן; וועגן דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער „אַמאַלגאַמייטעד“ אין 1916 אין באַלטימאָר; וועגן דעם קאַמף צווישן די פּראָגרעסיווע יוניאָן־טוער און די קאָרופּטע, צעפוילטע יוניאָן־פּאָליטישנס; וועגן דער שענדלע־כער ראָל פון „פאָרווערטס“; וועגן דעם טעראָר און גענגסטעריזם פון באָ־

סעס קעגן דער יונגער יוניאָן. ער שילדערט דערביי פאַרשיידענע טיפּן פון די אַמאָליקע ביזנעס־אַגענטן פון דער יוניאָן.

און אין די אַלע בילדער איז אַרייַנגעוועבט אויך די געשטאַלט פונעם מחבר גופא, אַ שילדערער און געשילדערטער: זיין דערפאַרונג, ראָל און טעטיקייט אַלס שאָפּ־פּאַרזיצער, יוניאָן־טוער און אָרגאַניזירער, יוניאָן־באַ־אַמטער; קאַמף קעגן גרעפּטערס און קאָרופּטע פּאָליטישנס; די קלעפּ, וואָס ער קריגט פאַר זיין עקשנותדיקן און ערלעכן קאַמף; דער מאָמענט, ווען ער ווערט אויסגעשלאָסן פון דער יוניאָן פאַר אויפדעקן גרעפט פון אַ כנופיא, וואָס האָט געפּרואווט אַרודעווען אין דער יוניאָן.

אַ לאַנגער, פאַרביקער פילם מיט קאַלעידאָסקאָפּישע בילדער! אַ פילם מיט צאַפּלדיקע שטיקער פון יידיש־אַמעריקאַנער אַרבעטער־געשיכטע, פול מיט ליידן, וויען, ראַנגלענישן און אויך מיט שטרעבונגען און האָפענונגען פון יידישע האָרעפּאַשניקעס; דורך וואָלקנס בלייענע בליצט־דורך דעם מחברס דערלייכטערנדיקער הומאָר און עס דאָמינירט דעם מחברס גלויביקער קלאַסן־אָפּטימיסטישער טאָן: „עס וועט קומען דער טאָג, ווען די אַר־בעטער, יונג און אַלט, וועלן דערציילן אין פריידן פון די בייזע טעג, וואָס — אַמאָל איז געווען...“

סיי מיט דער קאָמפּאַקטקייט פון זיין אינטערעסאַנטן אינהאַלט, סיי מיט זיין סטיל איז דאָס בוך בעסער, ווי אַלע פריערדיקע ווערק פונעם מחבר.

אָט איז אַ מוסטער פון פיל פון זיינע געלונגענע קורצע פען־פּאָרטרעטן: „מיסטער פרידפעל, אַ נערוועז מענטשל, וועמען ס'איז געווען שווער אַרויס־צוזען אין דער געדיכט־צעוואָקסענער באָרד, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי אַ ראָם אַרום דעם פּנים“.

אָט זיינען מוסטערן פון פיל טרעפלעכע, בליץ־אַרטיקע אויסדרוקן: „איך האָב אים ניט דערקענט: צו־פיל מת איז געלעגן אויף זיין פּנים“ (וועגן דעם אַרבעטער הערשל טשאַכאָטניק); „פאַר מיינע אויגן האָט געבלענדט דער בלוט־פלעק אויף דעם ראָק אין שאָפּ, און דער שאַנד־פלעק פון די סוועט־שעפּער אויף דער מענטשלעכער געזעלשאַפט“ (וועגן דעם זעלבן אַרבעטער).

און דאָך קאָן מען האָבן צום שרייבער שטרענגע טענות אין פּרט פון סטיל, אין פּרט פון ליטעראַרישער טעכניק. דער שרייבער איז נאָך אַלץ ניט געענגט געהיט אין פּרט פון זאַץ־בוי, אין פּרט פון אַנווענדן דאָס פּינקט־לעכסטע, נויטיקע וואָרט און באַנוצן תמיד דאָס געהעריקע וואָרט אין ריכ־טיקן אָרט: פאַראַן אין בוך: לויזקייט פון קאָנסטרוקציע; צעוואָרפנקייט אָנשטאָט געבונדנקייט פון עפּיזאָדן; אַנגליציזמען, וועלכע קאָנען פאַרביטן ווערן אויף גוטע יידישע אויסדרוקן. עס פאָדערט זיך: מער פּרעציזקייט אין וואָרט, מער קאָנצענטרירטקייט אין זאַץ. דער מחבר מוז נאָך מער פאַר־שאַרפן זיין געהער פאַר דעם פאָלקס־וואָרט, מער שלייפן און פיילן דאָס וואָרט, דעם זאַץ; ווידער גיין אין חדר צו אונדזערע קלאַסיקער, לערנען זיך ביי די קלאַסיקער פון דער רוסישער און אַנדערע ליטעראַטורן. „קליינע פעלערן צעשטערן די וואָרהאַפטיקייט פון קונסט“, האָט אונדז גאָרקי געלערנט. זאָל

דער מחבר אויפהערן צו אונטערשאַצן זיך, זיין סאָציאַלע פונקציע אַלס אַר־בעטער־שרייבער, וואָס דאַרף שטרעבן צו הויכע מדרגות פון קינסטלערישער קוואַליטעט! זאָל דער מחבר געדענקען, אַז דער פאָלקס־שרייבער איז אַוועק אַ היפּשן מהלך פונעם פאָלקס־זאָגער.

מיר קאָנען נאָך דערוואַרטן פון סעם ליפּצין פיל ניצלעכע, קינסטלע־רישע ווערק.

2.

סעם ליפּצינס „אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט"

אַ יאָר נאָכדעם ווי אין דער פּראָגרעסיווער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט האָט מען געפייערט דעם זעכציקסטן געבוירנטאָג און פערציק יאָר ליטע־ראַרישע טעטיקייט פונעם פאָלקס־שרייבער און הומאָריסט סעם ליפּצין — איז (אין ניו־יאָרק) דערשינען זיינס אַ ניי בוך: „אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט" — דעם מחברס דריי־און־צוואַנציקסטער בוך.

אין אַן אַרטיקל וועגן סעם ליפּצינס בוך „אַמאָל איז געווען" („מאָרגן־פרייהייט", 16טן מאַי, 1954), האָב איך אָנגעוויזן, אַז דער מחבר, אַן ערלעכער און אָריגינעלער שרייבער, „האָט נאָך אַ סך ,צו זינגען און צו זאָגן'," און איך האָב אים באַצייכנט אַלס „אַ פאָלקס־זאָגער און ווערטל־זאָגער פון אַ הוי־כער מדרגה — על פה און בכתב".

ווי אַזאַ „פאָלקסזאָגער און ווערטל־זאָגער" באַווייזט זיך פאַר אונדז איצט סעם ליפּצין אין זיין נייעם, ערשט־דערשינענעם בוך „אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט". דער בוך אַנטהאַלט אַרום דרייצן הונדערט אַפאָריזמען און עפּיגראַמען און ניינ־ציק הומאָריסטיש־סאַטירישע לידער. אַ צאָל פון זיי איז געווען געדרוקט אין דער „מאָרגן־פרייהייט".

אַפאָריזמען זיינען ניט קיין נייער זשאַנער אין ליפּצינס ליטעראַרישער אַר־בעט. שוין פיל פון זיינע פריערדיקע ווערק זיינען דאָ־און־דאָרט געווען דורכגעשפּרענקלט מיט ליפּצינישע גלייכווערטלעך — קורצע הערשל אָס־טראָפּאָליערדיקע פּירושים אויף דעם טאָג־טעגלעכן לעבן. איצט האָט ער אונדז פון זיין רייכן שייער געבראַכט אַ פולע זאַמלונג פון זיינע אַפאָריזמען און שאַרף־ווערטלעך.

ווי כמעט אַלע זיינע פריערדיקע שאַפונגען — מעשהלעך, הומאָרעסקעס, מאָנאָלאָגן, הערציילונגען, לידער, משלים און פּען־שטיפערייען — זיינען אויך די אַפאָריזמען, עפּיגראַמען און הומאָריסטיש־סאַטירישע פערזן אין דעם נייעם בוך — „עפּעס אויסן", ציל־באַוואוסטזיניק און ציל־געווענדט. זיי טראָגן אין זיך אַ מוסר־השכל.

למשל, די לעקציע פון אייניקייט: „פון קליינע זאַמדעלעך קאָן זיך אָנקלייבן אַ גרויסער שטיין". אָדער: די בשורה פון מוט און האָפענונג: „עס פאַלן נאָר פוילע בלעטער, דער בוים וועט פאַרבלייבן"; צי „עס גייט דער שניי אַוועק מיטן ווינט, און דאָס ווערטל איז אַ וועלטל!".. אָדער:

„שטורעמס און טאָרנאַדאָס,
זיי גייען און קומען,
און אונטערן שניי — די ערד
גרייט ברויט און אויך בלומען...״

אַ סך פון דעם מחברס זאַגן, זאָגעכצן און ווערטלעך פּינקלען מיט פאָלקס־טימלעכן חן; פון אַנדערע שטראַלט־אַרויס פאָלקס־חכמה און לעבנס־דער־פאַרונג — חכמה, די קלוגשאַפט פון לעבנס־דערפאַרונג. ווי אין דעם מחברס ביז־איצטיקע ווערק, זיינען אויך אין אָט־דער גאַנץ גרויסער און געלונגע־נער זאַמלונג זיינע שאַרפסטע פיילן און שפּיציקסטע ווערטלעך געצילט קעגן די שונאים פון פאָלק. זיין ביטערסטע סאַטירע — אין די ווערטלעך, ווי אין די לידער — איז געווענדט קעגן די היינטיקע פרעהס און המנס, קעגן די קריג־צינדער און „ביג־ביזנעס״ הערשער, קעגן פאַראַזיטן, פּיאַווקעס, באַ־סעס, גבירים, עקספּלואַטאַטאָרס, ראַסן־העצער, אַנטיסעמיטן, מוסרים, סקעבס, רויבערישע לענדלאָרדס, באַרייסער, וואוכערניקעס, הויטשינדער, „פּראָ־סענט־ניקעס״. זיינע גלייכווערטלעך דערלאַנגען אויך אַ גאָב די ביליקע פּאָלי־טישנס, פירער־פאַרפירער, פּוסטע־פּאַסניקעס, היפּאָקריטן. ער שיבדט אַ פּאַס פון די מכשפה־יעגער און אינקוויזיטאָרס, פון די פּוסטע בעל־גאווהניקעס, אַלראַיטניקעס, לײדיקגייער, קמצנים.

דעם מחברס ווערטלעך, אַרויסזאָגונגען וועגן פּאָזיטיווע ענינים — פאָלקס־העלדן, ערלעכע אַרבעטער־פירער, געטרייע אַרבעטער־טוער, קולטור־טוער — צייכענען זיך אויס מיט וואַרעמקייט און ליבשאַפט.

אין זיינע אַפאָריזמען, עפּיגראַמען און הומאָריסטיש־סאַטירישע לידער באַהאַנדלט אויך דער מחבר אַזעלכע ענינים, ווי: ביכער, שרייבער, רעדנער, לייענער, טעאַטער, קונסט, געזאַנג, דערציאונג, וואַלן, אַרבעטער יום־טובים, מלאכות און פּרנסות, פראַגן פון טאָג־טעגלעכן שטייגער־לעבן.

ווי באַקאַנט, זיינען די אַפאָריזמען אין אונדזערע אַלטע יידישע קוואַלן געוויינלעך טיף־עטישע ווערטלעך, לעבנס־חכמה־אָנווייזונגען וועגן מאָראַל, מידות, מענטשלעכקייט; וועגן תורה, חכמה און דרך־ארץ. טראַדיציע קומט באַזונדערס צום אויסדרוק אין דעם מחברס גרעסטענע „יום־טובדיקע ווערט־לעך״. אָפּט קריגן זיי ביי אים אַ טאַציאַלן אינהאַלט. למשל: „אין די טעג פון סליחות הויבן־אָן צו ציטערן ניט אַזוי די פיש אין וואַסער, ווי די וואָס דאַרפן נויטיק אַ ווינטער־מאַנטל און קוילן אין הויז...״ אָדער: „לאָז זיך ניט בינדן ווי אַ הושענא, וועט מען דיך ניט קלאַפּן...״

פאַראַן אין בוך לידער פון שלום, פרייהייט, קאַמף פאַר מענטשן־רעכט — און אַלץ אין אַ לייכטן, געמיטלעכן טאָן. פאַראַן אַ סך פיינע שטיפעריי און שפּילעריי אין די וויניקער־ערנסטע לידער. אייניקע פון זיי צייכענען זיך אויס מיט אַ מילדן, שטילן הומאָר, ווי, למשל, דאָס ליד „אַ רעקלאַמע — פאַר דער מאַמע״, און ענלעכע פון דעם מין.

אייניקע אַפאָריזמען זיינען פיין־געשליפן, און זיינען אַזוי בליציק און גערעכט, אַז זיי קענען מיט דער צייט ווערן פאָלקס־ווערטלעך, שפּריכווער־

טער, דאָס הייסט, אַריין אין דעם געברויך פון אונדזער טאָג־טעגלעכן לשון.

אייניקע לידער אין בוך לייענען זיך ווי משלים, פאַבלען, מיט אַ מוסר, מיט אַ נמשל, ווי למשל: „די זון — קעגן טאַיפון", „האַרבסטיקע ווינטן", „די קראָ און דער סאָלאָוויי", און אַנדערע. אָט־די לידער, אין דער אַלטער פאַבל־טראַדיציע ביי יידן און ביי אַנדערע פעלקער, נעמען־אויס מיט זייער קורצקייט און מיט זייער „טרעפן אין פינטל".

פאַראַן אין בוך אויך אַ צאָל „אייגן־געמאַכטע", געלונגענע וואָרט־שפּילן, ווי, למשל: „פאַראַן מענטשן, וואָס גלויבן היינטיקע צייטן בלויז אין איין נס — ביזנעס..." אָדער: „אַ צעלאָזן קינד איז ווי צעלאָזן אייז — עס שווימט וואו עס לאָזט זיך"...

אין אייניקע ווערטלעך קומען צום אויסדרוק ביטערע אמתן, ווי למשל: „אַ בוך אויף דער יידישער גאַס גייט אַזוי גוט, ווי דער שרייבער האָט כוח צו גיין מיט אים"... און אויך אַזוינע פיינע אמתן, ווי: „דער העכסטער בוים לעבט מיט דער יניקה פון זיינע איינגעגראָבענע וואָרצלען", אָדער: „אַ זאַמדעלע איז קליין, נאָר ווען עס פאַלט־אַריין אין אויג — ווערט עס אַ שווע־רער שטיין"...

דער מחבר האָט אַ פּאָר געלונגענע אַפאָריזמען וועגן אַפאָריזמען גופא. למשל: „אַ גוטער אַפאָריזם איז דער, וואָס ווערט אַן אַנטיק־ירושה און גייט איבער פון דור צו דור", אָדער: „אַ וואָרט־שפּיל איז אַ שיינער שפּיל, ווען דאָס פירט צו אַ ציל".

נו, ניט תמיד האַלטן־אויס דעם מחברס אַפאָריזמען אָט־די פייער־פּראָבע. ניט אַלעמאָל שטייען זיי אויף אַ געהעריקער הויך. ניט אַלע ווערטלעך זיינען געראָטן. ווי זאָגט דער מחבר אַליין: „אפילו דער פרוכטבאַרסטער בוים האָט אַלץ מער בלעטלעך אויף זיך, ווי פרוכט"...

אין וואָס באַשטייען די פעלערן און שוואַכקייטן? עס פּאַסירט, אַז דער מחבר „עקספּלואַטירט" צו־שטאַרק אַ טעמע. ער נוצט זי איבער צופיל מאָל. אין זאָגן און זאָגעכצן איז דאָס אַריינזאָגן גאַנץ גוט (דאָרט וואו עס נויטיקט זיך), אָבער שלעכט איז ווען דער מחבר זאָגט אויך אויס, וואו מען דאַרף דאָס איבערלאָזן צו דער פאַנטאַזיע פונעם לייענער.

די שפּיצן פון אייניקע פיינע ווערטלעך ווערן אָפּט אָפּגעטעמפּט דורך פיל־ווערטערדיקייט, בעת דער עצם אַפאָריזם מיינט דאָך „קורץ און שאַרף", לאַקאָניש. עס איז נויטיק מער צמצום, מער קאָנצענטרירטקייט.

עס איז באַזונדערס נויטיק אַ שטרענגער אָפּקלייב. צו שאַפן אַן אַפאָ־ריזם: וויכטיקער נאָך פונעם שרייבן — איז דאָס קלייבן. עס טרעפט אויף די זייטלעך פונעם בוך, אַז דער מחבר מישט־צונויף קלוגע, טיף־זיניקע ווערט־לעך מיט באַנאַליטעטן, מיט אָפּגעבליאַקעוועטע פראַזן. אומנויטיק זיינען אויך אייניקע טרואיזמען, אלף־בית אמתן, זעלבסטפאַרשטענדלעכקייטן, וואָס האָבן זיך אַריינגעכאַפּט צווישן די טרעפלעכע אַפאָריזמען.

אונדזער טאַלאַנטפולער און פּראָדוקטיווער פאָלקס־שרייבער זאָגט אין איינעם פון זיינע ווערטלעך: „אויך ביים שרייבן הומאָר מוז דער שרייבער

זיין ערנסט״... ריכטיק! עס פּאַסירט אָבער, אַז דער מחבר ווערט שוין אַביסל צו־ערנסט דאָרט, וואו מען קאָן דערוואַרטן גראָד מער שפּילעוודי־קייט און אויך פאַרקערט: צו־שפּילעוודיק דאָרט, וואו מען דאַרף דערוואַרטן אַ מער־ערנסטן טאָן...

אָט־די אַלע אומבאַלאַנסירטקייטן איז נויטיק אויסצומיידן.

אין זיין אַריינפיר צום בוך דערקלערט דער מחבר זיין צוגאַנג צום ענין שרייבן: „איך האָב אויסגעקליבן מיין וועג צו שרייבן אין אַזאַ אופן, וואָס זאָל קאָנען דינען דעם שניידער, דעם שוסטער, דעם סטאָליאַר. עס זאָל דינען מיין שוועסטער אין איר קאַמף פאַר גלייכע רעכט, מיינע קינדער — פאַר אַ בעסערן מאָרגן. איך באַטראַכט מיין שרייבן, ווי די אַרבעט פון אַן אָרגאַניזאַטאָר, אַ רעדנער, ווי די אַרבעט פון דעם, וואָס פאַרטיילט בלעטלעך [ליפלעטס], ווי די אַרבעט פון דער קראַנקן־שוועסטער, וואָס גיט דעם קראַנקן צוזאַמען מיט דער מעדיצין אויך אַביסל מאַראַנצן־זאַפט. איך פּרוביר אַריינטאָן אין מיין שרייבן „הומאָר־וויטאַמינען״, אויפצומונטערן דעם אַרבע־טער פון זיין מידקייט. איך פּרוביר באַלייכטן דאָס פאַרפינצטערטע לעבן פונעם פאַרשקלאַפטן און פאַרשלאָפטן מענטשן״.

פאַראַן אַ היפּש ביסל „הומאָר־וויטאַמינען״ אין „אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט״. לייענט דעם בוך, ווען ס׳איז אייך אָנגע(מאָ)זאָליעט אויפן האַרצן, וועט אייך ווערן גרינגער; לייענט אים, ווען סאיז אייך לייכט אויפן האַרצן — וועט אייך ווערן נאָך לייכטער און ליכטיקער.

דעצעמבער, 1955.

לייב סאַברין

(1946־1907)

.1

לייבל — אַזוי האָבן מיר אים אַלע גערופן. לייבל, האָט זיך געדוכט, איז תמיד געווען אַזוי שפּרודלדיק מיט לעבן, אַזוי פול מיט לעבנס־ענערגיע.

אַזוי יונג, אַזוי יונג ביזטו, לייבל, פון אונדז אַוועקגעריסן געוואָרן.

אָט ערשט, צוריק מיט עטלעכע טעג, געווען אין רעדאַקציע, גערעדט וועגן ליטעראַרישע פּלענער, וועגן זיין נייער נאָוועלע „אויף דור־דורות", אויף וועלכער ער האָט געאַרבעט. גערעדט וועגן דער וועלט־לאַגע. זיך געערגערט, וואָס דער פּאַשיזם ווערט ניט אויסגעראָטן.

אַלע האָבן ליב געהאַט לייבעלע סאַברין, דעם יונגן טאַלאַנטפולן דיכטער און דערציילער, דעם ערלעכן שאַפּ־אַרבעטער, דעם געטרייען חבר, תמיד מיט זיין פיינעם שמייכל, תמיד מיט אַ קלוג גלייכווערטל, תמיד מיט אַ האַרציק וואָרט פאַר אַ פריינט.

שוין אין סאַמע אָנהייב פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט, ווען ער האָט נאָך געשטעלט זיינע ערשטע טריט אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט מען באַלד דערשפּירט און דערזען לייבלס פּרעכטיקן טאַלאַנט, זיין אייגנאַרטיקייט, זיין וואונדערלעכע פאָלקסטימלעכקייט, זיין שטילן, וואַרעמען ליריזם, זיין ליבשאַפט צו מענטש, זיין צוגעבונדנקייט צום אַרבעטער־קלאַס, צום האָרעפּאַשניק, צום יגיע־כפּימניק.

ער איז געקומען צום „פּראָלעטפּען", די אָרגאַניזאַציע פון פּראָלעטאַרישע שרייבער אין אַמעריקע, מיט לידער פון שאַפּ, פון אַרבעטער־לעבן, און לייענער האָבן באַלד דערפילט די עכטקייט און פּאַרטייפּטקייט, די ערלעכקייט און קינסטלערישע קראַפט פון אָט־די לידער. אין דער „מאָרגן־פרייהייט", „האַמער", זאַמלבוך „יוניאָן סקווער" און אַנדערע פּראָלעטאַרישע ליטעראַרישע אויסגאַבן האָבן זיך אין די סוף צוואַנציקער און אין די דרייסיקער יאָרן באַוויזן לייבלס וואַרעמע, וואויל־קלינגענדיקע לידער: „אַפּאַלכטערס", „ס'ליד פון אַלטן אָפּערעיטאָר", „פאַרנאַכט אין שאַפּ" „מיין טאַטנס טויט", „ברעד לאַין", „דזשין דער פּאָרטער", „אַנדזשעלאָ", „מעני", „מאַרטירער", „צו אַ מאַרטירערס מאַמע", „פריליבג אויף איסט סאַיידער

גאָסן" און אַנדערע — און די יידישע פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור אין אַמע־ריקע איז באַרייכערט געוואָרן, און זיין לידער־זאַמלונג „ערב־צייט", אַרויס־געגעבן אין בוך־פאָרם, צוזאַמען מיטן פאַרשטאָרבענעם דיכטער יוסף גרינ־שפּאַן, איז געווען אַ וויכטיקער בייטראַג צו אונדזער פּאָעזיע.

און שפּעטער, ווען ער איז אַריבערגעגאַנגען צו פּראָזע, האָט אַ שפּרודל געטאָן מיט פייגעם, עכטן, דינעם הומאָר און ס'האָט אַ בייטש געטאָן מיט שאַרפער, בייסיקער סאַטירע. און אין זיין בוך „קאָלאָמביא דרעס קאָמפּאַני און אַנדערע דערציילונגען" האָט ער אונדז געגעבן קרעפטיקע בילדער פון עקספּלואַטאַציע, פון אַרבעטער־נויט, פון שאַפ־סביבה, פון שווערער ביטערער האָרעוואַניע.

ער האָט אַליין שווער געהאָרעוועט אַלס אַן אָפּהאָלסטערער, דערנאָך אַלס אַ נאָדל־אַרבעטער. טאַקע ביי דער אַרבעט, ביי דער מאַשין, געקראָגן די האַרץ־אַטאַקע, פון וועלכער ער איז אין אַ פּאָר טעג אַרום אַזוי יונג גע־שטאָרבן (אין עלטער פון 39 יאָר).

ער פלעגט זיך ראַנגלען צווישן דער שווערער האָרעוואַניע, וואָס האָט פאַרשלונגען זיין צייט און כוחות, און זיין דראַנג צו שרייבן, צו זעלבסט־אויסדרוק, צו שאַפן ליטעראַרישע ווערק, צו געבן אויסדרוק צו זיינע שטראַ־מען געפילן און געדאַנקען, באַאָבאַכטונגען און דערפאַרונגען. די שווערע פּראַציע האָט געדריקט; דער דראַנג צו שרייבן האָט געדריקט. שווער, אומ־געהויער שווער איז דעם פּראָלעטאַרישן שרייבער. רערויף האָט נאָך גע־קלאָגט מאָריס ראָזענפעלד.

— לייבל, פאַרוואָס שרייבסטו לעצטנס ניט? שוין אַ פּאָר יאָר ניט געזען דיינע דערציילונגען, לידער.

לייבל האָט אַ קוק געטאָן מיט טיפן צער אין זיינע מידע אויגן: „עס איז שווער, ברודער. מען ווערט אויסגעריסן אין שאַפּ. מען קומט אַהיים, איז מען אויסגעמאַטערט. ניטאָ קיין כוח צו שרייבן. די אויגן קלעפּן זיך. מען קאָן קוים איבערליינען אַ צייטונג".

אָט־דעם געפיל פון אויסגעהאָרעוועטקייט האָט ער געשילדערט שוין אין די סאַמע ערשטע לידער. אין זיין ליד „פאַרנאַכט אין שאַפּ" האָט ער זיך אויסגעדריקט:

„איצט הענגען שוין די הענט ביי מיר ווי אָפּגעדאַרטע צווייגן
און אין מיין לייב הייבט־אָן אַ מידער אומעט מיך צו נאָגן".

און ווייטער:

„כ'וועל ווי אַ הונגעריקער וואָלף מיין אָוונט־ברויט פאַרצוקן
און נאָךביים טיש צעכראָפּען זיך ווי איבער טרוקן האָלץ אַ טעמפּע זעג".

עס געדענקען זיך גוט די טעג און אָוונטן, וואָס לייבעלע, דער טונקל־פּנימדיקער ווי אַ ציגיינערל. לייבעלע מיטן קוטשעראַוון קאָפּ, האָט צווישן אונדז פאַרבראַכט: געווען טעטיק אין דעם „פּראָלעטפּען". אין די פאַרשיידענע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס, געקומען מיט זיין אימפּעט, לע־

בעדיקייט, שטיפערישקייט צו אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען און דעמאָנסטראַציעס, ליב געהאַט צו שפּאַסן, וויצלען זיך, דערציילן וועגן זיין אוקראַיִנישן שטעטל קאַלניבאָלאָט (יעקאַטערינאָפּאָל), קיִעווער גובערניע, ליב געהאַט דערציילן ווי מען פלעגט אים קליינערהייט רופן „ליעבלאַ זובּרינסקי“, וואָס איז געוואָרן סאָבּרין אין אַמעריקע.

אין זיין גאַנצער צעריסנקייט צווישן שאַפּ און ליטעראַרישער אַרבעט האָט ער זיך זעלטן באַקלאָגט, תמיד אַרויסגעוויזן גוטמוטיקייט, תמיד אַנטפּלעקט זיך אין דער תמימותדיקייט פון אַן ערלעך אוקראַיִניש פּויערל, אין דער ערלעכקייט פון אוקראַיִנישן קאָרנברויט.

ערשט די לעצטע צייט האָט ער זיך פאַר נאָענטע פריינט באַקלאָגט אויף האַרץ־ווייטאָקן, אויף האַרץ־שטעכענישן, און דערביי געמאַכט שפּאַס: „מיין ליבער הבר גרינשפּאַן רופט מיך צו זיך“.

געפאַלן איז ער ביי דער אַרבעט. אַ זעלטענער טאַלאַנט. אַן ערלעכער יידישער אַרבעטער. אַ דיכטער מיט דער פשטות און לויטערקייט פון פאָלקס־קוואַלן. שוין אין איינעם פון זיינע ערשטע לידער, „מיין טאַטנס טויט“ האָט ער אויף אַ ממש־נביא׳אישן אופן אויסגעדריקט דעם פאָרגעפיל פון טויט:

„ערגעץ, ווייס איך, ליגט דער טויט פאַרשטעקט צווישן די מאַשינען
און לויערט ווי אַ הונגעריקע חיה אויף מיין גוף“.

לייבל, דער פּראָלעטאַרישער דיכטער און דערציילער, האָט זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן — צו זיין קראַנקן האַרצן — דעם גרויסן יידישן חורבן, די שוידערלעכע טראַגעדיע פון אונדזער פאָלק. די נאַציִשע אויסראָטונג פון די יידן אין זיין שטעטל איז געווען זיין פערזענלעכער אומגליק, זיין פּערזענלעכער בראָך. דערהערנדיק וועגן דער היטלעריסטישער פאַרניכטונג פון די יידן פון זיין שטעטל, האָט ער אָנגעהויבן שרייבן די נאָוועלע „אויף דור־דורות“ צו פאַראייביקן יענע יידישע עדה, די יידישע געשטאַלטן פון זיין שטעטל, וואָס זיינען געווען אַזוי טיף איינגעקריצט אין זיין זכרון.

אויף מיין פראַגע פון צוריק מיט אַ פּאָר וואָכן: „לייבל, וועגן וואָס שרייבסטו איצט?“, האָט ער מיר שריפטלעך געענטפערט: „מיין שטעטעלע קאָלניבאָלאָט איז אינגאַנצן חרוב געוואָרן. צוויי טויזנט יידן [יעדער ייד אין שטעטל — זיכער אַ קרוב מיינער] זיינען אַוועקגעפירט געוואָרן אין אַ דאָרף און קאַלטבלוטיק אויסגעהרגעט געוואָרן. וועגן אָט־די יידן שרייב איך איצט אַ נאָוועלע. אָט־די נאָוועלע איז דאָס וויכטיקסטע, וואָס איך האָב ווען געשריבן. הייסן וועט די נאָוועלע ׳אויף דור־דורות׳.“

און ס׳איז געווען אַ גרויסע פרייד צו זען, אַז נאָך אַ פּעריאָד פון ניט־שרייבן, האָט לייבעלע אין זומער 1945 ווידער אָנגעהויבן שרייבן. און פון זיין פען זיינען ווידער אַרויסגעקומען ליטעראַרישע פּערל. און די לייענער פון דער „מאָרגן־פרייהייט“ האָבן געלייענט לייבלס מחהידיקע, רירנדיקע דערינערונגען „בימי דעניקין“ און אַ פראַגמענט פון זיין נייער נאָוועלע „אויף דור־דורות“.

דער חורבן פון אונדזער פאָלק, דער פאַקט וואָס דער פאַשיזם נעמט ערשט איצט בושעווען נאָכדעם ווי די פעלקער פון דער וועלט האָבן געגעבן אַזוי פיל קרבנות פאַר פרייהייט און דעמאָקראַטיע, האָט זיכער געהאַט אַ שרעקלעכע ווירקונג אויף לייבלס קראַנק האַרץ און האָט עס נאָך מער צע־בראָכן. דער ענין דעניקין — דעניקינס אַריינקומען קיין אַמעריקע און זיין אומגעשטערטע אַנטיסעמיטישע העצע, האָט געוויס געהאַט אַן אויפטרייסלענ־דיקע ווירקונג אויפן צאַרטן, שאַרף־פילנדיקן, סענסיטיוון דיכטער.

שוין אין זיין בוך „ערב צייט" האָט ער אָפּגעדרוקט אַ ליד „בימי דע־ניקין", מיט אַ באַמערקונג, אַז אין דעם ליד גיט ער איבער „מיינע איבער־לעבונגען, וואָס זיינען פאַרבליבן אין מיין זכרון פון יענער צייט, ווען איך בין אַלט געווען אַרום דרייצן יאָר". דאָס ליד פאַרענדיקט זיך מיט די פאָלגנדיקע וואונדערלעכע שורות:

„ווי אין אַ אויסגעהאַקטן וואַלד עטלעכע פאַרלאָזטעביימער
שושקען פאַרלאָרן יידן זיך אין מאַרק,
יעדער טראַכט פון טויטע קרובים און פאַרשעמטע טעכטער
און קוקט, צי קומען ניט די רוצחים פון טאָלנער באַרג.
איצט איז שוין נאַכט, און ס'קלאָגט אין זיך דאָס חרובדיקע שטעטל.
מיין ברודער ראַנגלט זיך אין קעלער מיטן טויט;
ווי אַ פרעמדער זיץ איך לעבן אים און בראָט קאַרטאָפליעס
און טונק אין וואַסער שוואַרצע שטיקער ברויט".

מיר וועלן דיך קיינמאָל ניט פאַרגעסן, ליבער, טייערער לייבל!
כבוד דעם אָנדענק פון אַן ערלעכן, טאַלאַנטפולן, קעמפערישן אַרבעטער־דיכטער, אַ זון פון פאָלק!

מערץ 12, 1946

.2

היינטיקן זומער איז געוואָרן צוואַנציק יאָר, זינט עס איז דערשינען דער געמיינשאַפטלעך־אַרויסגעגעבענער בוך לידער „ערב־צייט" פון די צוויי יונג־פאַרשטאָרבענע דיכטער יוסף גרינשפאַן און לייב סאָברין. „צווישן ווענט" היסט גרינשפאַנס אָפּטייל אין אָט־דעם בוך; „צווישן מענטשן" איז דער נאָמען פון סאָברינס אָפּטייל.

קרעפטיקע, ערלעכע לידער זיינען דאָס — לידער־אויסגעשרייען קעגן סאָציאַלן אומרעכט. האָט גרינשפאַן געזונגען „דאָס ליד פון פראַצע־מענטש", געזונגען וועגן דעם קוילנגרעבער־סטרייק פון 1927, וועגן דעם אַרבעטס־לאָזן בריקן־בויער, וועגן דער „טשעין גענג" אין דער סאַוט, וועגן דער פערצנטער גאַס אין ניו־יאָרק. האָט ער געשלידערט „שטיקער זון און האַס" און וויזיאָנעריש געזען און אויסגערופן:

„סיי ווי־סיי
צעציינדן מיר די וועלט!

און פֿאַלט אַוועק אין פֿעלד אַ רויטער העלד —
איז וואָס ?
פֿלאַקערט־אויף אין אונדז זיין רוף,
ווײַנען מיר ניט נאָך זיין גוף, —
סײַ־ווי־סײַ
צעצינדן מיר די וועלט !

און לייבעלע, דער ליבער, קוטשעראַווער לייבעלע סאַברין, האָט מיט בלוט פֿון האַרצן געזונגען וועגן „געסלעך, וואו ס׳טאַנצט־אַרום דער הונגער“. לידער פֿון שאַפּ; פֿון „אַפּאַלסטערערס“, האָט „פּוצן־אויס דיוואַנען מיט זאַפּט פֿון יונגע לייבער“; לידער פֿון ביטערן פּראָטעסט קעגן אַ סיסטעם פֿון עקספּלואַטאַציע און אומרעכט.

האַלטן מיר טײַער אָט־די ערשטע, ציטערדיקע, דורכגעווייטאָגטע לידער פֿון אונדזערע צוויי יונג־פֿאַרגאַנגענע דיכטער; האַלטן מיר טײַער דעם ליכטיקן אָנדענק פֿון אָט־די צוויי טאַלאַנטפֿולע אַרבעטער־פּאָעטן, וואָס האָבן אַרײַנגעשריבן אַ וויכטיק בלאַט אין דעם בוך פֿון דער יונגער אַרבעטער־דיכטונג אין אַמעריקע.

1951

שלום שטערן

(געבוירן 1907)

(„אין קאַנאַדע״, פּאָעטיש ווערק,
באַנד איינס, 480 זייטן,
מאָנטרעאַל, 1960)

שלום שטערנס נייע פּאָעמע אָדער ראָמאַן אין פערזן, „אין קאַנאַדע״ (ערשטער באַנד), איז אַ העכערע מדרגה אין דעם דיכטערס שאַפן; אַ נייער, העכערער שטאַפּל באַרג־אַרויף, אַ שטאַפּל פון וואוקס און דערגרייכונג.

די ביאָגראַפישע פּאָעמע (מיט אַ סך אויטאָביאָגראַפישע עלעמענטן) וועגן דעם יונגן, בלאַסן, דאַרן, טרוימערישן יידישן לערער און פּאָעט יאָסל, וואָס קומט פון קליינעם פּוילישן שטעטל קיין קאַנאַדע, באַזעצט זיך דאָרט, מאַכט־דורך פיל ראַנגלענישן פון אַן אָרעמען אַרבעטער־אימיגראַנט, אידעאָלאָגישע זיגזאַגן און שוועריקייטן, ביז ער באַהעפט זיך בלב ונפש מיטן קעמפערישן אַרבעטער־קלאַס, מיט דער פּראָגרעסיווער יידישער אַרבעטער־און קולטור־באַוועגונג, איז אַ וויכטיקער אויפטו אינהאַלטלעך, פאָרמעל, אידייאיש.

„אין קאַנאַדע״ איז דעם דיכטערס אַ פאַרמעסט — און אַ זיג. דורך אַט־דעם פּרעכטיקן פּאָעטישן ווערק זעען מיר דעם מחבר אין שעפערישן גאַנג־פאַראויס, אין זיין פרוכטבאַרער מי און פאַרטיפונג, אין זיין אָנשטרענג און אין זיין אויפקלייבן די פּירות, רייפע, דיכטערישע פּירות.

שטערנס ראָמאַן אין פערזן אָדער גרויסע פּאָעמע מיט אַ נאָוועליסטישן סיוזשעט איז עכט־יידיש, עכט סאָציאַל־רעאַליסטיש, עכט־קאַנאַדיש, און קודם־כל צי ועל־כולם — עכט־פּאָעטיש. „אין קאַנאַדע״ איז אַ גרויס ווערק, אַ פּראָדוקט און אַ רעזולטאַט פון יאָרן שעפערישע מי. איר האָט דאָ ברייטע לייוונטן, ברייטע געמעלן. איר זעט דאָ דעם דיכטער שלום שטערן ווי אַ קרעפטיקן, אויסגעצייכנטן וואָרט־מאָלער. איר זעט אים דאָ אויך ווי אַ שיל־דערער און דערציילער, מיט אַ געהעריקן, געלונגענעם פּלאַן פון קאָנסטרוק־ציע, מיט אַ טאַלאַנט פאַר כאַראַקטעריזאַציע — פאַר געשטאַלטיקן לעבע־דיקע מענטשן אין זייער פילן, דענקען, טרוימען, לעבן און איבערלעבן, אין זייער לשון, הולך, אויפפירונג.

„אין קאַנאַדע״ פאַרמאָגט אַ גרויסע שפע, אַ סך רייכקייטן פון זשאַנרען

און פֿאָרמען; אַ געוועב פֿון ליריק און עפּיק; מאָלעריי און געזאַנג, עלע־מענטן פֿון דיכטערישער שילדערונג און דערציילונג. עס איז אַ קאָמבי־נאַציע פֿון ליד, ראָמאַן אין פֿערזן און פּאָעטישע זכרונות — אַ הויך־קינסט־לעריש ווערק, ריטמיש, מעלאָדיש. „אין קאַנאַדע" איז אַ וויכטיקער בייטראַג צו אונדזער יידישער פּראָגרעסיווער פּאָעזיע אומעטום; עס איז רייך אין אמתדיקער סאָציאַלער ליריק. איר האָט דאָ אַן איבערפֿלעכט פֿון קרעפֿטיקע, ליידנשאַפֿטלעכע עמאָציאָנעלע און סאָציאַלע טענער, ליבע־מאָטיוון, פּייזאַזש־געמעלן, סאָציאַלע מאָטיוון, יחידישע ווייען און סאָציאַלע ליידן — ווערן איינס. מאָמענטנווייז, אין גאַנג פֿונעם באַרג־אַרויף־שטייגנדיקן ווערק, איז פֿאַראַן אַן איבערגאַנג פֿון סאָציאַל־רעאַליסטישער שילדערונג צו רעוואָלוציאָנערער ראָ־מאַנטיק מיט אַ סך באַשרייב־עלעמענטן.

איר האָט דאָ אַ פּאָעטישן ראָמאַן מיט אַ פֿאַרקאָפּנדיקער פֿאַבולע, מיט שפּאַנענדיקער אַקציע (מיט ליבע־לידער און ליבע־סצענעס), אַ וואַריאַציע פֿון ריטמען און טעמפּן (רואיק־לאַנגזאַם־געלאָסענע און שנעלע, אימפּעטיקע, יאָגנדיקע), אינטימע ליריק אָדער ליבע־ליריק אָרגאַניש־פֿאַרוועבט מיט לי־ריק פֿון קלאַסן־קאַמף. דעסקריפּטיווע, פּאָבוליאַרע, צייטנווייז פּסיכאָלאָגישע עלעמענטן, באַגעגענען זיך, פֿאַראייניקן זיך, שאַפֿן איין גאַנץ ווערק.

„אין קאַנאַדע" איז אַ באַדייטנדיקער ליטעראַרישער בייטראַג צו קאַ־נאַדע: ברייטע מאָלערישע בילדער פֿון אירע נאַטור־פּאַנאָראַמען און פֿון אירע סאָציאַלע פּאַנאָראַמען; פֿון אירע קאַמפֿן צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל, שאַרפֿע סאָציאַלע קאָנפֿליקטן. איר האָט דאָ אַן עשירות פֿון לעבעדיקע און לעבנס־טרייע בילדער פֿון דער קאַנאַדער ברויזנדיקער גרויסשטאָט (מאָנטרעאַל), פֿונעם קאַנאַדער דאָרף, בילדער פֿונעם לעבן־שטייגער פֿון דער יידישער אי־מיגראַנטישער סביבה, פֿון כלערליי שיכטן: אַרבעטער, באָסעס, אַלראַיטניקעס, אַרויפֿגעאַרבעטע, קליינע געשעפֿטסלייט, לערערס, אינטעליגענטן, פֿרומע יידן, רעוואָלוציאָנערע קעמפֿער.

בריקן פֿון בענקשאַפֿט און נאָסטאַלגיע ציען זיך פֿון דער נייער היים, קאַ־נאַדע, צו דער אַלטער היים, פּוילן, צו ברידער און שוועסטער, וואָס ווערן אויסגעריסן עקאָנאָמיש און פּאָליטיש אין דער אַלטער ענדעקישער פּוילן. ווערן די בילדער פֿונעם נייעם היימלאַנד, וואו די צענטראַלע פֿיגור, יאָסל, פֿאַרוואָרצלט זיך, פֿאַרבונדן מיט פּאָעטישע מאָלערייען פֿונעם קליין־שטעטל אין אַלטן פּוילישן היימלאַנד, — מיט בילדער פֿון פּוילישער שטעטלשער און דאָרפֿישער לאַנדשאַפֿט, פֿון ברידער און שוועסטער, רעוואָלוציאָנערע יוגנט־לעבנס, וואָס שמאַכטן אין די תּפֿיסות פֿונעם קאַפּיטאַליסטיש־פֿרייצישן רעזשים.

דורך קורצע שורהלעך, דורך האַרציקע לירישע לידער, ברענגט דאָ אַרויס דער פּאָעט שטיקער לעבן־שטייגער, פּאָרטרעטן פֿון מענטשן, טיפּן און כאַ־ראַקטערן אַרום דער צענטראַלער פֿיגור, דעם העלד פֿונעם ראָמאַן, יאָסל, און דער לייענער דערזעט יאָסלס נייע היים, קאַנאַדע, מיט אירע פֿאָלקס־מענטשן און זייער לעבן; די „שטאָט פֿון שטיין", די גאַס, מאַרק, שאַפּ, יוניאָן, יידישע אַרבעטער־שול, ייד. קולטור־צענטער, אַרבעטער־אָרקעסטער,

סטרייקס, פּאָליטישע קאַמפּן, ליידן פון „גרינע״, אַרבעטלאָזע, קולטור־אַר־בעט און קולטור־אינסטיטוציעס פון דער פּראָגרעסיווער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. ווען אין קאַנאַדע זאָל זיין אַ פאָלקס־רעגירונג, וואָלט זי זיכער באַשטימט אַ פּרעמיע פאַר אַט־דעם בוך פון און וועגן קאַנאַדע, אַ בוך מיט שטיקער פּאָעטישע קאַנאַדער־יידישע געשיכטע אויף אַ שטח פון אַ פּאָר צענדליק יאָר.

איר האָט דאָ שטימונג, וואָס באַהערשט דעם לייענער, און איר האָט דאָ דעם דיכטערס אייגענעם נוסח, זיין אייגענעם ניגון. די געשטאַלט פונעם הויפּט־העלד יאָסל, אַ זון פון אַ פּויליש־יידישן חסיד, למדן און שוחט, ווערט בוילעטער, קלאָרער פון קאַפּיטל צו קאַפּיטל. מיר זעען אים, דעם יונגן דיכטער, אין זיינע בענקשאַפטן, אין זיין פּיין אינעם נייעם לאַנד, ביים זוכן אַרבעט, ביי דער אַרבעט אַלס לערער, שפּעטער אין אַ פּרוכט־קראָם, און דער־נאָך אין אַ שאַפּ — אין זיין ערנסטן אָנשטרענג איינצובירגערן זיך, איינצו־היימישן זיך אין דעם לאַנד קאַנאַדע, פאַרבינדן זיין גורל מיטן גורל פון די קאַנאַדער האָרעפּאַשנע פאָלקס־מאַסן.

לאַנגזאַם, נאָר פעסט און זיכער, איז יאָסלס גאַנג, יאָסלס דערנענטערונג צו דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג. שוין פון סאַמע אָנהויב שפּירט דער לייענער דעם אמת פון זיין זאָג, אַז:

„זיכער און קלאָר, אַז צווישן קעמפער ווירדיק און ווערטפול
וועלן זיין מיינע געלייטערטע יאָר״.

אין יאָסלען (ווי אין דעם מחבר) וואָרצלט די אַלט־יידישע סאָציאַל־נביאישע טראַדיציע פון קאַמף פאַר סאָציאַלן יושר. אַט־די טראַדיציע באַ־גלייט דעם דיכטער שלום שטערן אויף זיין שאַפערישן וועג:

„אין יאָסלען צינדט זיך די שטראַפנדיקע שפּראַך
פון צאָרנדיקן תנ״ך,
וואָס האָט אין זיין האַרץ איינגעפּאַסט
דעם טיפן האַס צום רייכן רויבער
אויפן ווייטסטן שליאַך״...

תמימותדיק און ערלעך דערקלערט דער דיכטער יאָסל, דער יגיע־כפּימ־ניק, צו מיסטער בלאַקן, דעם אייגנטימער פונעם פּרוכט־געשעפט:

„איך וויל אַז איר זאָלט וויסן, אַז איך בין נישט געקומען
קיין קאַנאַדע צו ווערן רייך, נאָר צו לעבן פון אַרבעט
און זיך איינפלאַנצן ביי די ברעגן פון סעינט לאָרענס טייך״.

דער שווער־האָרעווענדיקער דיכטער יאָסל קלערט, טראַכט, זוכט באַנעמען די סביבה. ער שפּירט: יושר פירט דעם דיכטער־יחיד צו באַהעפטן זיך מיטן אַרבעטער־כלל. ער קומט צום אויספיר, אַז —

„אַ פּאָעט דאַרף צווישן אַרבעטער־קעמפער

זיך געפינען, און דאָרטן
זיינע ליכטיקע לידער שפינען״.

***

קינסטלעריש ווערט אינעם פּאָעטישן ווערק אַרויסגעבראַכט די צווייטע צענטראַלע פיגור, דאָס רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־מיידל פייגע. שיין און צאַרט ווערט געשילדערט אָט־די וואונדערלעכע געשטאַלט. און שיין איז די ליבע, וואָס וואַקסט און צעבליט זיך צווישן דעם אַרבעטער־דיכטער יאָסלען און פייגען. איבער אָט־דער ליבע הויערט און שוועבט די טראַגיק פון אומקום: דער טויט פון יאָסלס יוגנט־געליבטער צירל, די פלאַמפּייערדיקע רעוואָלוציאָנערין, אַ קרבן פון דער וויסטער פּוילישער רעאַקציע. זי שטאַרבט פון טובערקולאָז, נאָכדעם ווי זי ווערט באַפרייט פון תפיסה.

טראַגיזם איז אויך פאַראַן אין דער צווייטער ליבע־מעשה אין דער פּאָעמע: די ליבע פון די יידישע יונגעלייט שלמה און מנחם צו גיטלען. מנחם ווערט דערמאָרדעט אין אַ פּאָגראָם אין פּוילישן שטעטל; זיין געטרייע יונגע פרוי גיטל באַזעצט זיך אין קאַנאַדע, וואו זי פאַראייניקט זיך מיט שלמהן.

צווישן די פיל טיפן און כאַראַקטערן, וואָס לעבן אין דעם ראָמאַן אין פערזן, קריצן זיך איין אין זכרון: יאָסלס עלטערן, וועמען מיר זעען און הערן דורך זייערע בריוו; זיין ברודער; זיין פעטער חיים (צירלס פאָטער); די פרומע מומע (אסתר בוים); דאָס שוחטל, די שוחטקע און זייער טעכטערל חוהלע; דער אַרבעטער בעני קאָמעדיאַנט; לאהלע די קולטוריסטקע; שמחהלע פעלץ „מיטן פעטן בויך״; „מר. בעני בלאָק (בערל באָק)״; „דאָס נעגער־יינגל דזשימי; דאָס שיק־יינגל דזשיל; דער ברוטאַלער באָס, מר. בוקמאַן; דער קולטורעוואַטער מר. מעריסאָן; די צוויי נעגאַטיווע טיפּן: מאַטקע פראַנט (אַן אַרבעטער, וואָס וויל נאָר ווערן אַ לענדלאָרד) און דער „דעזאַינער״, וואָס „האָט פיינט אונדזערע הענט וואָס מוזן העפטן רויטע רויזן אויף זיידענע בלוזן״; חבר גאָרמאַן; אברהם שוחט, וואָס דערציילט בעל שם טוב־מעשיות. און — ועל כולם ווערט ביים לייענער באַליבט די געשטאַלט פונעם פרומען ר׳ הענעך, דעם מוטיקן, קעמפערישן איש חסיד און האָרעפּאַשניק, וואָס האָסט די מאָדערנע „נוגשים״ און איז אויף דער זייט פון מיליטאַנטע אַרבעטער לויטן גייסט פון תנ״ך. מיט ליבשאַפט שילדערט דער מחבר אַלע פּאָזיטיווע טיפּן אין זיין ווערק, אָבער מיט גאָר אַ באַזונדערער טיפער סימפּאַטיע שילדערט ער אָט־די פרום־טראַדיציאָנעלע הויך־עטישע פיגור, אַ שטיץ־פּונקט פון די סטרייקערס אין זייער קאַמף:

„ר׳ הענעך שטאָלץ און פרום
שפּאַנט און ברומט.
זיין חסידישער ניגון שפּילט, און שפּרייט
בטחון אין דער שאַפּיקער שטיל״.

***

מיר דוכט, אַז דעם דיכטערס הויפּט־גבורה איז אין געבן אונדז נאַטור־

בילדער און געמעלן. ווען יאָסל קומט צום ערשטן מאָל אין דעם קאַנאַדער דאָרף, דערזעט ער:

„מחנות עופות פֿאָכען מיט די פֿליגל,
און קוקן אויף דער פֿרימאָרגן זון וואָס
שווימט אויפֿן טייכיקן שפּיגל".

דער דיכטער פֿאַראייביקט ממש קאַנאַדע דורך זיינע אויסגעצייכנטע שניי־לידער, שניי־בילדער — אפֿשר די שענסטע שניי־געמעלן אין אונדזער פּאָעזיע. אָפֿט דערמאָנען זיי אין די אַלט־כינעזישע לידער און מאָלערייען פֿון שניי. אגב, ווערט די טעמע שניי אָפֿט דורכגעוועבט און אַריינגעוועבט אין שטערנס קאַנאַדע־פּאָעמע:

„דער שניי באַרשט און בראָט
די צעבראָזטע, פֿרימאָרגנדיקע שטאָט".

אָדער אַזאַ פּרעכטיק שניי־בילד:

„וואָלקנס גייען,
וואָלקנס גראָען,
הונגעריקע קראָען,
אין רייען — שוואַרץ, געדיכט,
שטייען און שלינגען
דאָס זילבערנע ליכט
פֿון די פּראָסטיקע שנייען".

קרעפּטיק, פֿריש, אָפֿט דורכאויס ניי, איז דעם דיכטערס שילדערונג פֿון יאָסלס פֿראָלעטאַריזירן זיך און פֿון דער שאַפּ־אַטמאָספֿער; און צום סוף — יאָסלס פֿאַרבינדן זיך מיט דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג. מען דאַרף אויך אָנווייזן אויפֿן דיכטערס דינעם הומאָר אין אָפּשילדערן אייניקע כאַראַקטערן.

שטערן נוצט אין זיינע לידער אַ שלל מיט פֿיינע אימאַזשן, מעטאַפֿאָרן, פֿאַרגלייך־בילדער. זייער געראָטן איז שטערנס באַנוץ פֿון גראַמען — פֿאַרשיידענע גראַמען: סוף־גראַמען, אינעווייניקסטע גראַמען, צופֿעליקע גראַמען און אויך גראַם־קאָמבינאַציעס. געלונגען איז אויך זיין נוצן פֿאַרשיידענע מינים סטראָפֿעס (קורצע, לענגערע, לאַנגע) אין איינקלאַנג מיט דער מעשׂהדיקייט און טאָן פֿונעם ליד. פֿיל פֿערזן זיינען רייך אין פּרעכטיקע אַליטעראַציעס, ווי, למשל: „שנייאיקע שטויבן שימערן און פֿינטלען אויף די פֿאַרשלאָפֿענע שויבן". דער דיכטער נוצט שוין אפֿשר צופֿיל דעם מעטאָד פֿון מאַכן ווערבן פֿון סובסטאַנטיוון און אַדיעקטיוון, ווי, למשל: נאָדלט, תּחינהט, קלאָרט, בלויט, ברוינט, שטילט, פֿינגערט, א. אַז. וו. דער שטאַרקער איינדרוק פֿונעם דיכטערס עכטקייט און פֿון זיין קראַפֿט פֿון פּאָעטישער איבערצייגונג ווערט צומאָל אָפּגעשוואַכט דורך דעם וואָס הכּל גראַמען — אַלע רעדן מיט גראַמען, אפֿילו אין דעם בריוו־אויסטויש, און אפֿילו ווען מען קריגט זיך. ניט געלונגען איז דאָס גראַמען פֿון סלאַוויזמען, ווי, למשל, „פֿאַרען — זשאַרען" וכדומה.

דאָס עיקרדיקע אָבער איז, וואָס מיר האָבן פֿאַר זיך אַ דיכטער אין שטייגן

אַלץ העכער, אַ דיכטער מיט אמונה און בטחון אין פֿאָלק, אין אַרבעטער־קלאַס, אַ דיכטער, וואָס טראָגט אין זיין האַרצן ר׳ העניעכס פלאַם פון גלויבן אין זיג פון יושר, און „וואָס צינדט פון גלויבן די ליכטער״.

ריכטיק האָט אונדזער אומפאַרגעסלעכער קלמן מרמר כאַראַקטעריזירט דעם אַרבעטער־פּאָעט יאָסל — דעם מחבר:

„איר זייט דער דיכטער פון מי, וואָס
האָט דערפילט פון קאַמף
דעם פריידיקן גלי״.

דער דיכטער שלום שטערן — וועלכער איז אויך אַן ערנסטער ליטעראַטור־קריטיקער און ענערגישער קולטור־בויער — האָט באַרייכערט אונדזער דיכטונג מיט זיין „אין קאַנאַדע״. אַ יישר־כוח אים! מיר וואַרטן אויף זיין צווייטן באַנד.

האַרבסט, 1960

דאָרע טייטלבוים

(געבוירן אין 1914)

אַ דיכטערין מיט אַן אייגנאַרטיק וואָרט, מיט פרישע, קרעפטיקע טע־נער איז געקומען אין אונדזער ליטע־ראַטור. דאָרע טייטלבוים.

אירע לידער (סיי די, וואָס זיינען אַריין אין איר ערשטלינג־בוך: „איב־מיטן וועלט", אַרויסגעגעבן דורכן איקוף, ניו־יאָרק, 1941, סיי די, וואָס זיי־נען שפּעטער פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין צייטונגען און זשורנאַלן) זיינען לי־דער פון אונדזער הייסער, גליענדיקער עפּאָכע, פון אונדזער בלוטיקער, גורלפולער, הרת־עולמדיקער צייט. דאָס זיינען לידער פון לובלין, טרעב־לינקע און אָסוויעטשים, פון אונדזער גרויסן יידישן בראַנד, פון אונדזער דריטן חורבן; לידער פון העלדישן קאַמף קעגן די שונאים פון דער מענטש־הייט; לידער פון דער איצטיקער וועלט־מלחמה פאַר פרייהייט און דעמאָקראַטיע.

דאָרע טייטלבוימס לידער וועגן אונדזער חורבן זיינען ניט קיין קינות. זיי זיינען אָנגעזאָפּט מיט צער, אָבער אויך מיט צאָרן. זיי זיינען אַ קינסט־לערישער אויסדרוק פון אונדזער טרויער, אָבער עס אָטעמט פון זיי דער עיקר מיט טרייסט, מיט בטחון. זיי זיינען דורכגעדרונגען מיט מאַטיוון פון אונדזערע קדושים, אָבער נאָך מער מיט מאַטיוון פון אונדזערע העלדן און גבורים.

גרויליק זיינען די גיהנום־בילדער, וואָס לאָזן די דיכטערין (און אונדז אַלעמען) ניט רוען.

איך זע מיין שטאָט, איך זע דעם בריסקער סקווער:\
מאַמע! שטיי־אויף און הער!\
ס'איז פון דיין היים־שטאָט בלויז דער בית־עולם פאַרבליבן,\
און די נעמען פון דערהרגעטע זיינען אפילו אויף מצבות ניט פאַרשריבן.\
(„אין אַ נאַכט אַזאַ", ז' 33)

אָבער די דיכטערין ווייסט, אַז „עס איז די וועלט אַ פּנים אַ צעגעסענע פון פּאָקן, נאָר דער פרילינג איז ווי אייביק — ניי", און זי טראָגט אונדז דעם טרוים און דעם אָנזאָג „פון ליבע, פון לעבן, פון זיג".

עס איז דאָ ברויז און שטורעם אין אָט־די לידער. פיל פון אירע פערזן

זיינען אָנגעלאָדן מיט דינאַמיט, פונקט ווי די העלדן פון די לידער, די פּאַר־טיזאַנישע קעמפער. עס איז אין אירע לידער אויך דאָ שטילער, ליכטיקער צער, וואָס איז קרעפטיקער נאָך פון ווייטיק־אויסגעשריי.

ווער איז זי, אָט־די יונגע דיכטערין, וואָס האָט זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן אין אונדזער ליטעראַטור אין 1941 און וואָס ווייזט זיך דעמאָלט אַ כסדרדיק־קינסטלעריש וואַקסן און רייף־ווערן? פון אירע לידער — סיי לירישע, סיי פּאָעטיש־דערציילערישע — וואַקסט אַרויס איר פּאָרטרעט, איר מוטיק־מונטערער לעבנס־גאַנג. מיר זעען דאָס בילד פון אַ טאָכטער פון ייִדישן דלות, אַ טאָכטער פון נויט און דחקות, וואָס האָט פון קינדוווייז־אָן גע־פירט אַ קאַמף פאַר ברויט, פאַר עקזיסטענץ, און פאַרבונדן איר גורל מיט אַלע אַנדערע הונגעריקע און קעמפנדיקע פאַר סאָציאַלן יושר.

די מאָטיוון פון נויט זיינען צווישן די קרעפטיקסטע לידער אין איר בוך. אָט ווי זי שילדערט איר קינדהייט:

יעדע שיסעלע געקעכץ,
וואָס ס׳האָט די מאַמע אונדז געגעבן,
האָט זי פאַרווייסט מיט אַ לאַנגן קרעכץ
און מיט אַ קללה אויף איר לעבן.
(פון ליד „מיין קינדהייט״, ז׳ 71)

דער „מאַמעס קללות״ — קללות פון עלנט און הילפלאָזיקייט — זיינען אירע „וויג־לידער געוואָרן״, דערציילט די דיכטערין. דאָס רעאַליסטיש בילד פון נויט און הונגער איז נאָך בוילעטער און קרעפטיקער אין דער „באַ־לאַדע פון אַ פרישן לאַבן ברויט״:

מיר ליגן אויפן טאַפּטשאַן זאַלבע אַכט.
פראָסט איז אונדזער צודעק.
ס׳איז קיינער ניט געשלאָפן נאַכט־נאָך־נאַכט —
נאָך לאַנגע הונגעריקע טעג. (ז׳ 72).

פון דער דיכטערינס לידער קריגן מיר אויך אַ קלאָר בילד פון דער דערציאונג אין אירע קינדער־יאָרן און ווי אַזוי זי האָט אויפגענומען אָט־די דערציאונג. דאָס איז געווען דער גוט־באַקאַנטער פרום־רעליגיעזער חינוך פון „חביבין יסורים״, פון „ביסט דאָ בלויז אויף אַ ווײַלע — נאָ דיר אַ גראָשן פאַר דער גאַנצער וועלט״.

אַזוי האָט מיין מאַמע יאָר־נאָך־יאָר
אין מיר אַריינגעטענהט:
די וועלט, מיין קינד, איז בלויז דער קאָרידאָר
צו יענער וועלט — יענע וועלט איז דיינע.
(ליד „דער קאָרידאָר״, ז׳ 76)

אָבער „דער קאָרידאָר״ איז דעם קינד פון נויט „אַלץ מערער געפעלן״. די ביטערע שול פון דלות, „פון הונגער און פון קעלט״, פון שווערער פראָצע, האָט געפירט צו סאָציאַלן פראָטעסט און קאַמף.

ס'האָבן יאָרן מיך געפּורעמט און געשניצט,
ס'האָט דער דלות מיך געמאַטערט און געשטאַרקט: —
און לעבן מיר אויף אַ בענקל הײנט מיין מאַמע זיצט,
און איך קנעל מיט איר פּרשה קאַרל מאַרקס. (ז׳ 77)

די טאָכטער פון שרעקלעכער נויט איז אויסגעוואַקסן אַן אַקטיווע קעמ־פערין פאַר אַ שענערן און בעסערן מאָרגן. זי האָט זיך פאַרבונדן מיטן היינט, מיטן קעמפערישן לעבן. זי גייט „זייט־ביי־זייט מיט צייט", זי יאָגט זיך מיט „דער צייטס עקספּרעס". זי, די צייט, האָט געלייגט איר שטעמפּל אויף דער דיכטערינס ליד. אין דעם בלוטיקן געראַנגל פון אונדזערע טעג רייפט איר ליד פּאָליטיש און קינסטלעריש, ווערט פאַרשאַרפט איר סאָ־ציאַלע וואַכזאַמקייט, קריגט דיכטערישן אויסדרוק איר ווייטיק פאַרן גורל פונעם פאָלק, איר טיפע, שטראַלנדיקע ליבשאַפט צום פאָלק און איר טויט־לעכער האַס צום שונא.

ניט אומזיסט הייסט די ערשטע אָפּטיילונג אינעם בוך: „פון שלאַכט־פעלד". דאָס איז זייער אַ פּאַסיקער און באַרעכטיקטער נאָמען. דער דיכ־טערין איז באמת געלונגען צו שאַפן די אַטמאָספער פון שלאַכטפעלד; פול מיט עכטן פּאַטאָס זיינען אירע לידער: „אַ מתנה צו אַ רויט־אַרמייער", „אַ בריוו פון שלאַכט", „דער רויטער אָדלער", „נינאַ", „מאַטוויי קוזמין", „דער סיגנאַל", „דער קאַפּיטאַן", „מאַשאַ פּאַרטיזאַנקע" און אַנדערע לידער אין אָט־דער סעריע. אין אָט־די לידער דערזעען מיר די דיכטערין ניט ווי קיין „באַזינגערין", נאָר ווי אַ שותף צום קאַמף, אַן אַנטיילנעמערין און אַרויס־העלפערין, אַן אידייאישע און גייסטיקע קרובה פון נינאַן און מאַשאַן.

אָט־די לידער זיינען ניט בלויז דורכגעדרונגען מיט פּאַטאָס, ניט בלויז פול מיט דינאַמיק, נאָר אויך מיט געזונטן אָפּטימיזם, מיט „גלויבן פונעם גאַנצן פאָלק". אַז דער סוועטער, געשיקט צום רויט־אַרמייער, איז ווייס — איז עס „אַן אָנדייט אויפן ליכטיקן באַגינען". מונטער זאָגט דער סאָווע־טישער פּילאָט, „דער רויטער אָדלער":

מיין לעבן איז — אַ גרייטער קרוג ווײן:
זאָל עס צו געזונט
אויסטרינקען מיין לאַנד. (ז׳ 11)

טיפער גלויבן אין זיג פון דער מענטשהייט באַגלייט די העלדנטאַטן פון די פאָלק־גבורים, וואָס זיינען זיך מקריב־נפש פאַר דער פרייהייט. זיי ווייסן דעם זין פונעם קאַמף. זיי ווייסן, אַז דער זיג פאָדערט קרבנות. דער גרייז־גרויער מאַטוויי איז זיך מוסר־נפש, כדי צו טויטן אַ באַנדע פאַשיסטן, און

אין לעצטער רגע האָט מאַטוויי ניט פאַרפעלט צו פרעגן:
„האָב איך דעם לעצטן שאָס געהערט?"
(ליד „מאַטוויי קוזמין", ז׳ 25)

מיטן לעבן האָט באַצאָלט אויך מאַשאַ פּאַרטיזאַנקע ביים פאַרניכטן אַ צאָל פון שונאס טאַנקען.

מאַשאַ, די יונגע טראַקטאָריסטקע פון קאָלכאָז,
האָט אין דעם גרינעם גראָז
געלאָזן אַ רויטע שורה,
וואָס וועט די קומענדיקע דורות דערציילן פון איר גבורה. (ז׳ 37)

אין אָט־די לידער איז שטאַרק אויסגעשפּראָכן דער עלעמענט פון מעשה־דיקייט, פון העראָאישער באַלאַדישקייט, וואָס איז באַזונדערס צוגעפּאַסט פאַר דער טעמאַטיק.

פּונקט ווי אין די לידער וועגן איר קינדהייט אין דער אַלטער היים (אין בריסק), אַזוי אויך אין די לידער וועגן איר נייער היים — „אין סאַמע האַרץ פון בראָנזווילער דלות" (אין דעם אָפּטייל „פון ניו־יאָרק"), איז פאַראַן אַ מחיהדיקער, עכטער פאָלקסטימלעכער טאָן. אייניקע פון אָט־די פערזן קלינגען ממש ווי פאָלקס־לידער מיט דער לויטערער פּשטות פון אונדזער מאַמע־לשון, מיט דער פיינער ריטמיק, מיט דער מוזיקאַלישקייט פון די שורות. אויך אידייאיש זיינען אָט־די לידער רייך און אָנגעזעטיקט. אויך דאָרט זעען מיר די דיכטערין אַלס אַ פּראָגרעסיווע טוערין, „אַ טאָכטער פון געפּלאָגטן פאָלק", מיט קוואַלן פון אומבאַגרענעצטער ליבשאַפט צום פאָלק.

מיט אָט־דער העלער ליבשאַפט מאָלט זי אַ „בראָנזווילער שער": „מיט יעדן האָפּ און יעדן דריי וואַרפן מידע קעפּ שווערע בערג פון זיך אַראָפּ".

אין אָט־דער נייער, אַמעריקאַנער היים וואַרצלט זיך אין די דיכטערין און פילט זיך היימיש. דאָ איז זי אַ טאָכטער פון שאָפּ. דאָ העלפט זי פאַרבינדן דעם היים־פּראָנט מיטן שלאַכט־פּראָנט. די מאַנטלען, וואָס זי נייט, זיינען קריגס־פּראָדוקציע. די שאָפּ־לעקסיק איז דאָ גאָר אַ נייע, אין גייסט פון אונדזער באַפרייאונג־מלחמה קעגן נאַציזם. די ניי־מאַשין איז — „אַ קאַנאָן".

יאָג זיך, רעדל, שנעלער ניי!
ס׳איז ניט קיין וואָל, ס׳איז ניט קיין קרעפּ,
ס׳איז דער וועג צום דאָנער סטעפּ

(ליד „מיין שאָפּ", ז׳ 65)

פאַר אָט־דער אָרגאַנישער פאַרבינדונג מיט דער נייער, אַמעריקאַנער היים קריגט די דיכטערין אַ שלל מיט נייע, פרישע פאַרבן און בילדער, אין אַ וואַריאַציע פון טעמעס. איר האָט דאָ: „מיין בראָנזווילער היים", „אַ בראָנזווילער שער", „אין לואיסאָן סטאַדיום", „דזשים דער דזשעניטאָר איז טויט", „ביי אַלגינס קבר", „שאַיע גענעראַל", „מיין שאָפּ".

לעבעדיקייט פון רייכער פאַנטאַזיע, פון שעפערישער וויזיע זעט מען און מען שפּירט אויך אין די לידער פון די אַנדערע צוויי אָפּטיילן: „פון צער" און „פון פרייד". דאָ, אין אַ צאָל ליריש־פּאַרטיפטע לידער, זיינען פאַראַן קינסטלערישע זעלבסט־פּאָרטרעטן, מאַן־און־פרוי אָדער ליבע־מאָטיוון — מאָטיוון, וואָס קומען פון אַ וואַרעם, „וויבלעך האַרץ", באַגלייט מיט „מיידלשער צאַרטקייט".

אַט זיינען בלויז אַ פּאָר שורות פון איין פּרעכטיקן זעלבסט־פּאָרטרעט פון דער דיכטערין:

מיין לייב איז צאַרט און דין,
מיינע אויגן זיינען גרוילעך,
נאָר מיין בליק איז גרין.
ניט פיס — לאָקאָמאָטיוון טראָגן מיך.
(ליד „אין גאַנג", ז' 102)

דאָ געפינט איר אויך דער דיכטערינס ליטעראַרישן קרעדאָ, איר קינסט־לערישן אני־מאמין אין דעם פולן ערנסט פון איר צוגאַנג צום ליד, צום ענין שאַפונג.

מיין ליד
איז ניט
אַ פעדער פון אַ הוט —
ס'איז פון מיינע אור־זיידעס ביז מיר באַליידיקט בלוט.
(ליד „איך בין", ז' 98)

אויך אין די בענקשאַפט־און ליבע־לידער שפירט מען אַ געזונטן צו־גאַנג. דאָס זיינען ניט קיין מאָטיוון פון נערוועזער עראָטיק. דאָ איז פאַראַן געזונטער חוש פאַר מאָס און פּראָפּאָרציע. האַרץ גייט דאָ צוזאַמען מיט מוח; ליבע — אין פאַרבינדונג מיטן גאַנצן גרויסן לעבן, צו וועלכן די דיכטערין זינגט אירע שענסטע געזאַנגען. זי זאָגט אין ליד „צום מאַן":

מיין זכיה
ברענגען דורות מיט דיר צוזאַמען,
טראָגן אין זיך די מענטשלעכע זריעה —
זיין דער וועלט אַ מאַמע. (ז' 114)

די געזאַנגען פון לייב זיינען דאָ געזאַנגען פון און צום לעבן.

עס וואָלט זיך אפשר געפאָדערט אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג וועגן דער ספּעציפיק פון דער דיכטערינס קונסט. מיר האָבן דערמאָנט דעם פאָלקס־טאָן אין איר זאַפטיקער, בילדער־רייכער שפּראַך. מען דאַרף אָנווייזן אויף איר מאָלערישער קראַפט, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין אַ סך פון אירע פּול־בלוטיקע לידער. מען דאַרף אָנווייזן אויף דער מוזיקאַלישקייט אָדער געזאַנג־אייגנשאַפט פון פיל פון אירע פּערזן. אויך דער גראַם איז אָפט אַ פרישער, אַ נייער. די פּרעכטיקע אימאַזשן און בילדער, מעטאַפאָרן און פאַרגלייכונגען, די קינסטלערישע דעטאַלן, דאָס אָפטע „אַרויסכאַפּן פון אַלע פּרטים און קליי־ניקייטן אין קליין שטריכעלע" (לויט דר. ח. זשיטלאָווסקיס געלונגענעם אויס־דרוק) און אַ ריי אַנדערע שעפערישע אָדער ריין־פאָרמעלע מיטלען, ווייזן אַ רייכקייט פון פאָעטישע דערגרייכונגען.

עס איז קלאָר, אַז דאָרע טייטלבוים האָט טאַלאַנט, אַ סך שפּרודלדיקן טאַלאַנט, און דערצו קאָן זי שרייבן — אַ פעיאיקייט, וואָס ניט אַלע שרייבער פאַרמאָגן.

אַט־די טאַלאַנטפולע דיכטערין דאַרף ווייטער גייִן אויף איר אייגענעם דיכטערישן וועג צו נייע קינסטלערישע דערגרייכונגען און הויכן. זי דאַרף האָבן מער זיכערקייט אין אירע אייגענע שעפערישע כוחות. לויט אונדזער מיינונג, דאַרף זי זיך באַפרייען פון דרויסנדיקע (אומנויטיקע) השפעות און זיך מער צוהערן צו איר אייגענער דיכטערישער שטים. דערביי דאַרף זי שטרעבן צו מער קאָנצענטרירטקייט, צו פאַרטיפן איר אַלגעמיינע און פּאָעטישע קולטור, אויסצוברייטערן איר טעמאַטיק, נאָך מער אַנטוויקלען איר קינסטלערישע טעכניק. זי דאַרף אויך שטרעבן צו גרעסערן צמצום, צו מער קאָנדענסירטקייט פון אויסדרוק, צו מער שפּאָרזאַמקייט פון וואָרט, און אויסמיידן אומנויטיקע פּרעמדווערטער (ווילדגראָזן) און גלאַט „צו־שרייענדיקע“ אויסדרוקן.

וואָס שייך טעמאַטיק מיינען מיר, אַז שעפנדיק ווייטער אירע מאָטיוון פונעם ברייטן, ברויזנדיקן לעבן, פון דער אַרומיקער געזעלשאַפטלעכער סביבה, פונעם כלל; וועבנדיק ווייטער אירע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אידייען, דאַרף די דיכטערין פאַרטיפן זיך אויך אין איר אייגענעם פּרט, אין איר אייגענער אינערלעכער וועלט, און זי אַנטפּלעקן פאַר זיך און פאַר אונדז אין איר פּולקלאַנגיקייט און קאָלירקייט (מיר פאַרשפּאָרן צו זאָגן, אַז מיר מיינען דאָ ניט קיין איך־גריבלעניש). אַזוי אַרום וועט אויך דער דיכטערינס געשטאַלטן־וועלט און סביבה באַרייכערט ווערן, אינטימער ווערן דעם לייענער.

די דיכטערין, זעט מען, אַרבעט אויף זיך. זי פּיילט און שלייפט איר ליד, זי באַמיט זיך ווי געהעריק צו אָרגאַניזירן איר קינסטלערישן רוי־שטאָף, זי איז באַוואוסטזיניק אויפן שאַפונג־פּראָצעס. „איך בין אַ מענטש, וואָס יעדן טראָט באַרעכן“, דערקלערט זי אין אַ ליד („אויפן שלייפשטיין“). זי שטרעבט צו האַרמאָניע פון אינהאַלט און פאָרם. זי שטרעבט צו אַ גרעסערן פאַרנעם און העכערן פאַרמעסט. עס איז קיין ספק ניט, אַז מען מעג און מען דאַרף פון איר דערוואַרטן נאָך פיל ווערק פון גרויסן קינסטלערישן באַדייט.

צו אונדזער שרייבער־משפחה איז צוגעקומען אַ וויכטיקע שאַפערישע קראַפט.

יוני, 1945

2



ראובן ברײנין

(1862־1939)

דעם 30טן נאָוועמבער, 1954, איז געוואָרן פופצן יאָר, זינט עס איז געשטאָרבן ראובן ברײנין. די געשטאַלט פון אָט־דעם גרויסן העברעיִאיש־יידישן שריפטשטעלער, ליטעראַטור־קריטיקער, דענקער און קעמפער בלייבט אומפאַרגעסלעך אין דער געדעכעניש פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אומעטום.

מ׳יר זעען אים פאַר אונדזערע אויגן, אָט־דעם יוגנטלעכן, הדרת־פּנימ־דיקן גרייז־גרויען זקן, דעם זקן־הסופרים. ער איז געווען איינער פון די אמתע גדולי־הדור, אַ פלאַם־פייערדיקער קעמפער פאַר זיינע אמתן, פאַר זיינע פּראָגרעסיווע אידייען און איבערצייגונגען!

סאַראַ זעלטענע, שיינע, ליכטיקע, שאַפערישע, קעמפערישע פערזענלעכ־קייט! סאַראַ דרייסטער, מוטיקער, וועגווייזערישער כוח! סאַראַ ענערגישער, וויכטיקער און ווירקנדיקער שריפטשטעלער אין העברעיִאיש און שפּעטער אין יידיש! אַ גרונט־לייגער און פאָנען־טרעגער פון דער מאָדערנער העב־רעיִאישער ליטעראַטור; אַן ערלעכער, אומדערשראָקענער קעמפער קעגן פאַ־שיזם, אַ גרויסער פריינט פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַ שטאַרק־געררודפטער פאַר זיין מוטיקן אָנטייל אין קאַמף פון די פּראָגרעסיווע כוחות אין יידישן לעבן אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן.

ראובן ברײנין, וועלכער איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק, אין עלטער פון 77 יאָר, האָט געלאָזט טיפע, געזונטע שפּורן אין אונדזער לעבן. ער האָט איבערגעלאָזט אַ רייכע גייסטיקע באַלערנדיקע, אינספּירירנדיקע ירושה, וואָס דאַרף אויפגעזאַמלט און אָפּגעהיט ווערן. זיינע ליטעראַרישע ווערק, צע־וואָרפן אין פיל צייטשריפטן, דאַרפן צונויפגעקליבן ווערן און אַרויסגעבראַכט

ווערן אויף דער ליכטיקער שיין אין אַ גרויסער צאָל בענד.

ר. בריינין האָט דורכגעמאַכט אַ לאַנגן, שטורמישן, פאַרבנרייכן לעבנס־וועג. ער האָט אָנגעהויבן שאַפן אין העברייאיש און ווערן געזעלשאַפטלעך־אַקטיוו מיט העכער זיבעציק יאָר צוריק. זיין ערשטער העברייאישער אַר־טיקל איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין 1881. ער איז געווען שעפעריש־און געזעלשאַפטלעך־טעטיק אין משך פון צענדליקער יאָרן (נאָענט צו זעכציק יאָר). ער איז געווען איבער פון די, וואָס האָבן אין יידישן לעבן און אין דער העברייאישער און יידישער ליטעראַטור אויסגעהאַקט אַ פענצטער צו אייראָפּע. ווי אַ זעלטענער קענער און פאָרשער פון דער אייראָפּייאישער ליטעראַטור, ווי אַ ליטעראַטור־קריטיקער מיט אַ קלאָרן, אַנאַליטישן מוח און מיט אַ געזונטער לאָגיק, ווי אַ פּראָדוקטיווער וואָרט־קינסטלער און פּרעכ־טיקער סטיליסט, האָט ער געהאָלפן אַריינברענגען די רייכקייטן, שיינקייטן, פאַרביקייטן פון די ליטעראַטורן פון אייראָפּע אין דער העברייאישער און יידישער ליטעראַטור.

זיינע טויזנטער העברייאישע אַרטיקלען, אָפּהאַנדלונגען, עסייען, פע־ליעטאָנען, פען־פּאָרטרעטן, קריטישע אָפּשאַצונגען, באַשרייבונגען פון שאַ־פערישע פערזענלעכקייטן און פון זיינע באַגעגענישן מיט זיי, מעמואַרן, דער־ציילונגען, פאַרצייכענונגען, מאָנאָגראַפיעס, ביאָגראַפיעס און אַנדערע וויכ־טיקע שריפטן, זיינען אויסגערעכנט אויף העכער דרייסיק בענד. אָט־די שריפטן זיינען צעזייט און צעשפּרייט אין פיל צייטונגען, זשורנאַלן, זאַמל־ביכער. זיינע געקליבענע העברייאישע שריפטן זיינען דערשינען סך־הכל אין דריי בענד, אויסער די ביאָגראַפיעס וועגן אברהם מאַפּו, סמאָלענסקין, דר. הערצל (אין געביט פון ביאָגראַפיעס אין העברייאיש איז ער געווען אַ פּיאָנער).

אין 1910 איז אין וואַרשע דערשינען אַ זאַמלונג פון זיינע אַרטיקלען אין יידיש (160 ז״ז). אין 1946 האָט דער „איקוף״ (אין ניו־יאָרק) אַרויסגע־געבן אַ באַנד פון זיינע זכרונות: „פון מיין לעבנס־בוך״ 383 ז״ז; רעדאַק־טירט און מיט אַן אַריינפיר פון נחמן מייזיל).

געאָגראַפיש האָט בריינינס לעבנסוועג געפירט: פון זיין געבורט־שטעטל ליאַדי, מאָהילעווער גובערניע, דורך האָרקי, סמאָליענסק, מאָסקווע, פּעטערבורג, ווין, בערלין, פּאַריז, די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע. אי־דייאיש און קולטורעל־געזעלשאַפטלעך האָט זיין וועג געפירט פון חדר, בית־המדרש, דורך תלמוד, השכלה, העברייאיש, ציוניזם ביז צו די פאָדערשטע רייען פון די פּראָגרעסיווע פאָלקס־מאַסן און אינטעלעקטואַלן, ביז צו דער פּאָזיציע פון אַ הייסן, געטרייען פריינט פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

שוין אין אָנהייב פון זיין פרוכטבאַרער, רייכער און באַרייכערנדיקער ליטעראַרישער טעטיקייט אין העברייאיש איז ראובן בריינין געקומען מיט פּראָגרעסיווע טענדענצן. ער האָט אין דעם דעמאָלטדיקן ענגן, דלד אמות־דיקן יידישן שטעטלשן לעבן געפירט אַ קאַמף קעגן עם־הארצות, קעגן פאַנאַטיזם און צוריקגעשטאַנענקייט. ער האָט זיך שוין אין דעם ערשטן

פּעריאָד פון זײן שאַפן אַרויסגעוויזן צו זײן אַ „פּורץ־גדר“, אַ צווימען־ברעכער. ער האָט געקעמפט פאַר „יהי אור“, פאַר אַרײנברענגען וועלטלעכקייט אין דעם אָפּגעצאַמטן יידישן לעבן.

אין דער העברייאישער ליטעראַטור, וואו עס האָט דאַן אין אַ היפּשער מאָס געהערשט די פוסטע מליצה, די נייגונג צו בטלנות, האָט ער, אַ פאַר־אויסגייער, אַ פונדאַמענט־בויער, אויפגעהויבן אַ קאַמף קעגן לײדיקע, אויסגעהוילטע פראַזן, קעגן בטלנישע דבורים. ער האָט מיט זײן אײגענעם קוואַליקן, ערלעכן שאַפן געוויזן אַ מוסטער פון קלאָרקייט און פשטות. זײן באַקאַנטשאַפט מיט די ווערק פון דער אײראָפּייאישער ליטעראַטור האָט ער געפּרואווט איבערגעבן צו זײנע לײענער.

אין 1894 האָט ער אין בערלין אַרויסגעגעבן אַ העברייאישן זשורנאַל, וואָס האָט געהייסן „ממזרח וממערב“. אָט־דער נאָמען איז געווען סימבאָליש פאַר דעם יונגן רעדאַקטאָר, וועלכער האָט געפּרואווט בויען אַ בריק צווישן דעם דעמאָלט־אָפּגעשטאַנענעם יידישן קלײן־שטעטל און דער גרויס־שטאָט פון דער גרויסער וועלט. ער האָט ברייט צעעפנט די גרענעצן צווישן דער העברייאישער ליטעראַטור און די ליטעראַטורן פון אַנדערע פעלקער.

ער האָט מיט דער צייט אײנגעזען, אַז יידיש, מאַמע־לשון, די שפּראַך, צו וועלכער ער פלעגט פריער האָבן אַ ביטול־באַציאונג, איז „דער לשון פון מיליאָנען אָרעמע, אומגליקלעכע ברידער“, און ער האָט אָנגעהויבן שאַפן ווערק אויך אין יידיש. ער האָט זיך מיט דער צייט אײנגעהיימישט אין דער יידישער פּרעסע און ליטעראַטור.

אין אַן אַרטיקל אין 1909 האָט ער צוגעגעבן, אַז ער „שעמט זיך דער־מיט“, וואָס ער איז ניט „קיין גרויסער למדן אין דער זשאַרגאָן־ליטעראַטור“. מיט יאָרן שפּעטער האָט ער אין אַן אַרטיקל וועגן דעם שריפטשטע־לער מאַקס נאָרדוי דערציילט, ווי ער האָט אין אַ געשפּרעך מיט נאָרדוין, אין 1908, אַ פרעג געטאָן אים, נאָרדוין, „ווי באַטראַכט ער דעם פאַקט, וואָס איך האָב אָנגעהויבן שרײבן אויף יידיש? האָט ער מיר הערויף געענט־פערט: „איך גלויב, אַז מיר מוזן זיך באַנוצן מיט בײדע שפּראַכן, העב־רייאיש און יידיש, ווען מיר ווילן ווירקן אויפן גרויסן יידישן עולם.... שעמען זיך מיט דער יידישער שפּראַך איז אַנטיסעמיטיזם, איז אַ נאַציאָ־נאַלער פאַרברעכן“.

און כאָטש ברײנין, דער גרויסער אויפטוער אין דער העברייאישער שפּראַך, האָט קײנמאָל ניט אויפגעהערט צו זײן אַ שאַפער אין אָט־דער שפּראַך, האָט ער אין די לעצטע דרײסיק יאָר פון זײן לעבן אויך „געווירקט אויפן גרויסן יידישן עולם“ דורך יידיש — אין דער פּרעסע און ליטעראַטור.

צו דער יונגער, וואַקסנדיקער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור האָט ער, דאַן אַ ניי־צוגעקומענער מיט די בעסטע און ערלעכסטע כוונות, גע־שטעלט געזונטע, קאָנסטרוקטיווע פאָדערונגען: פאַרבינדן זיך מיט דער ווירקלעכקייט. ער האָט צו איר גערופן: „שוועב ניט אין דער לופטן!... שעפּ אַביסל מער פון אונדזער אײגענעם, אַלטעגלעכן, ווירקלעכן לעבן“.

אין זיין לאַנגיאָריקער טעטיקייט ווי אַ ליטעראַטור־פאָרשער און קע־נער, בעלעטריסט, פּובליציסט, איבערזעצער, האָט ער זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַן ענטוזיאַסט פאַר דעם שיינעם און ניצלעכן אין דער ליטעראַטור, פאַר אירע עסטעטישע און עטישע ווערק און ווערטן, אַ באַגייסטערטער און אַ באַגייסטערנדיקער, אַ שרייבער מיט טעמפּעראַמענט און גלייכצייטיק מיט ישוב־הדעת.

אָט־דער גרויסער בעל־מחדש אין דער העברייאישער ליטעראַטור, דער למדן און לערער, דער בקי און תלמיד־חכם, וועלכער איז אין משך פון פיל יאָרן געווען אַ זייל פון ציוניזם, האָט אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן געבראַכט קרבנות פאַר זיין שטיצן די פּראָגרעסיווע כוחות אין יידישן לעבן. פיל פון זיינע לאַנגיאָריקע פריינט האָבן אים פאַרלאָזט. די רעאַקציאָנערע כוחות אין יידישן לעבן האָבן אים, דעם גרייז־גרויען פאָרשפּרייטער פון ליכט און וויסן, פאַרמשפּט צו איזאָלירטקייט; זיי האָבן געפּרואווט אַרויס־צושטויסן אים פון פּאָזיציע און חיונה. און איצט — שוין פופצן יאָר נאָך זיין פּטירה — זענען זיי פאַר די קאַמפּאַניע פון „באַשטראָפן אים" מיט פאַרגעסנקייט. זיי זוכן צו פאַרשווייגן אָדער מבטל־זיין זיין נאָמען, וואָס איז סיי־ווי געבליבן איינגעקריצט אין הארצן פון פאָלק.

אַ קראַנקער, אַ פיזיש־אויסגעשעפּטער אונטערן עול פון שווערער האָ־רעוואַניע אין משך פון צענדליקער יאָרן, האָט ברייבין אין זיין טיפער עלטער מוטיק און מונטער פאַרטיידיקט זיינע איבערצייגונגען, די רעכט אויף זיינע אידייען — האָט ער שאַרף באַקעמפט די פאַרשפּרייטער פון בלבולים קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, די אָנגריפן פון דער רעאַקציע אויפן פּראָג־רעסיוון לאַגער.

זיין פריינטשאַפט צו דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג איז אַרויסגעוואַקסן פון זיין ערלעכן, ערנסטן צוגאַנג צום פאָלק און צום לעבן. וועגן דעם קאַמף קעגן דעם היטלעריש־געשטיצטן פראַנקאָ־פאַשיזם אין שפּאַניע האָט ברייבין געהאַט דערקלערט:

„אין שפּאַניע קעמפט דאָך ניט נאָר דאָס שפּאַנישע פאָלק אַליין — עס בלוטיקט די מענטשהייט".

אַזאַ צוגאַנג וואַקסט־אַרויס פון זיינער אַ דערקלערונג נאָך פון 1923:

„אַלץ וואָס לעבט, וואָס דענקט, וואָס שאַפט און קעמפט, האָט מיך שטענדיק אינטערעסירט און שטאַרק צוגעצויגן".

און נאָך פריער האָט ער געהאַט דערקלערט:

„איינע פון מיינע פאָדערונגען צו דער העברייאישער ליטעראַטור, וואָס איך האָב אויפגעשריבן אויף מיין פאָן, איז געווען: אַלץ, וואָס עס איז מענטשלעך, דאַרף נישט זיין פרעמד אויך דעם העברייאישן שרייבער — און טאַקע אויך — דעם יידישן מענטש".

* * *

ר. ברייבין האָט דערקלערט אין זיין עסיי „געדאַנקען וועגן זיך אַליין" (צו זיין 75טן געבוירנטאָג, דעם 23טן מאַי, 1937) אין ווערק „פון מיין

לעבנס־בוך": „צו גלײַכער צײַט שטויסט ער [דער ריכטיקער שרײַבער און קינסטלער] די מענטשן פֿאָראויס, און ער ווערט אַלײן אויך געשטויסן". אַט־די ריכטיקע באַמערקונג באַציט זיך אויף אים גופא, אויף דעם תמיד־שפּרודלדיקן מתמיד און שעפערישן ליטעראַט ברײַנין. ער האָט געהאַט אַ גרויסע, ליכטיקע השפעה אויפן ייִדישן לעבן, און איז באַאײַנפֿלוסט און באַווירקט געוואָרן, „געשטויסן געוואָרן", דורך די פֿאָראויסמאַרשירנדיקע כוחות און אידייען פֿון דער פּראָגרעסיווער מענטשהייט.

ער האָט זיך תמיד געהיט קעגן פֿאַרגליווערטקייט, קעגן „שטײן בלײַבן די גאַנצע צײַט אויף אײן באַשטימטן און פֿאַרגליווערטן פּונקט" (פֿון זײַן אַרײַנפֿיר צום צווייטן באַנד העברייאישע שריפֿטן, ניו־יאָרק, 1936). אין זײַן פֿאָרוואָרט צום ערשטן באַנד פֿון זײַנע „כתבים נבחרים" („געקליבענע שריפֿטן"), ניו־יאָרק, 1917, האָט ער געפֿרעגט און געענטפֿערט:

„אונטערציען אַ סך־הכל פֿון ליטעראַרישער אַרבעט? אָבער איך בין פֿאַרטאָן און פֿאַרטיפֿט אין נײַע ליטעראַרישע אַרבעטן".

ער האָט קײנמאָל ניט אויפֿגעהערט צו שטרעבן צו נײַע ליטעראַרישע שאַפֿונגען, צו באַנײַאונג אין ייִדישן לעבן. אין דער ערשט־דערמאָנטער הקדמה צום ערשטן באַנד האָט ער דערקלערט: „מײַנע אויגן זײַנען געווענדט צו די קומענדיקע טעג, צום נײַעם לעבן".

שטרעבנדיק צו אַ ליכטיקן און שענערן מאָרגן, צו אַ לעבן אָן קנעכט־שאַפֿט, האָט ער, דער שרײַבער־הומאַניסט, כסדר אָנגעהאַלטן פֿאַרבינדונג מיטן ווירקנדיקן, לעבעדיקן לעבן, מיטן הײַנט. ער, דער גרויסער עסטעט אין לעבן און אין דער ליטעראַטור, האָט אָפּגעוואָרפֿן די פֿאַלשע, שענד־לעכע לאָזונגען פֿון ליטעראַטור לשם ליטעראַטור. ער האָט געלערנט: „קונסט צוליב קונסט איז געצנדינערײַ. די ייִדישע קונסט האָט אין זיך גאָטעס דינסט, דעם קולט פֿון גאָט פֿון אמת און גערעכטיקייט". שרײַבנדיק וועגן נאָרדוין, האָט ער מיט אַ טאָן פֿון באַרעכטיקונג און אײַנשטימיקייט דערקלערט:

„ער [נאָרדוי] שטעלט די עטיק, די מאָראַל, העכער ווי עסטעטיק, די שײנקייט. ער זוכט דעם תכלית, דעם נוצן פֿון לעבן. די קונסט צוליב קונסט איז בײַ אים דברים בטלים, אַ ברכה לבטלה".

עס איז קלאָר, אַז די ווערק פֿון בעלינסקי, דאָבראָליובאָוו, פּיסאַרעוו, וואָס ברײַנין האָט פֿלײַסיק שטודירט נאָך אין זײַן פֿריער יוגנט אין סמאָלענסק (און טײַלווײַז פֿריער נאָך אין ליאָדי), האָבן געהאַט אַ השפעה. ער דערצײלט:

„דאַכט זיך, פּיסאַרעוו האָט דאָך מיר אײגנטלעך קײן בײַעם געדאַנק ניט אַנטפּלעקט, און דאָך בין איך געווען באַצויבערט פֿון זײַנע זשורנאַליסטישע און פּובליציסטישע אַרטיקלען און אים ליב באַקומען" („פֿון מײַן לעבנס־בוך", ז' 92).

ער האָט תמיד געזוכט אָנצוהאַלטן נאָענטע פֿאַרבינדונג מיט די פֿאָלקס־מאַסן. דער אינזשעניער ר. זיגער דערצײלט אין זײַן בוך „פֿון דאָ און דאָרט" (שריפֿטן, בוענאָס־אײַרעס, 1949) וועגן אַן אָוונט אין בערלין, „בערך

אין 1902״, וואו בריינין האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט, וואָס איז געווען איינ־געאָרדנט דורך די דייטשע „יאַהודים״. ר. זיגער שרייבט: „אַנשטאָט צו געבן די אָסט־יידן די באַשטעלטע פּאַרציע מוסר, האָט ער [בריינין] גע־רעדט דווקא וועגן די וועסט־יהדן, און האָט זיי דערלאַנגט׳ ווי ער האָט געקענט... ס׳איז כדאי געווען צו זען דעם קאָנפוז פון די רעפעראַטן־איינ־אָרדענער אונטערן האַגל פון די בייטשן־קנאַלן, מיט וועלכע בריינין האָט זיי מכבד געווען״ (ז׳ 153).

בריינין, דער בויער און שאַפער פון קולטור, איר טרעגער און פאַר־שפרייטער, איז געווען אַ שטענדיקער לערנער און לערער. אין פּראָצעס פון זיין פאָלקס־לערערישער און שרייבערישער אַרבעט האָט ער אויסגעאַר־בעט זיין בריליאַנטענעם, געשליפענעם, עלעגאַנטן סטיל פון לויטערן וואָרט. אין זיינע זכרונות אין „פון מיין לעבנס־בוך״ דערציילט ער וועגן זיין העב־רייאישער לערעריי אין זיין יוגנט אין סמאָלענסק: „לערנענדיק אַנדערע, האָב איך אַליין געלערנט, און ערנסט פאַרטראַכט זיך אויפן פּראָבלעם פון דעם העברייאישן סטיל״.

שוין אין סאַמע אָנהייב פון זיין קאַלירפולער ליטעראַרישער קאַריערע האָט ער, דער זון פון אַן אָרעמער יידישער באַלמעלאָכישער משפחה פון ווייסרוסלאַנד, פאַרעפנטלעכט רירנדיקע דערציילונגען (אין העברייאיש) וועגן דעם יידישן קליינשטעטלשן דלות. מיט טיפער סימפּאַטיע האָט ער, אַליין אַ געליטענער פון נויט, געשילדערט דאָס לעבן פון די יידישע אָרעמעלייט. אין זיין ווערק „פון מיין לעבנס־בוך״ דערציילט ער וועגן זיינע יינגל־יאָרן אין ליאָדי:

„איך האָב זייער ליב געהאַט די וואָס לעבן פון זייער שווערער אַרבעט. ניט־קוקנדיק, וואָס מ׳האָט מיך געהאַלטן אין שטאָט פאַר אַן ,אַריסטאָקראַט׳, פאַר אַ גרויסן ,קענער׳, האָבן די אומוויסנדיקע און די באַלמעלאָכעס, די פּראָסטע יידן, מיך זייער ליב געהאַט. ס׳האָט זיי געצויגן צו מיר און מיך צו זיי. קיין זאַך אין לעבן האָב איך ניט אַזוי פיינט געהאַט ווי גאווה, שטאָלצ־קייט. איך האָב זיך שטענדיק איינגעשטעלט פאַר די באַליידיקטע, פאַר די צוריקגעשטויסענע״.

* * *

חוץ די שוין־דערמאָנטע דאַטעס, איז כדאי צו פאַרצייכענען נאָך איי־ניקע שטריכן פון ר. בריינינס שעפערישן לעבן: אין זיין שטעטל ליאָדי (וואו ער איז געבוירן געוואָרן דעם 16טן מערץ, 1862) האָט ער יינגלווייז געגרינדעט אַ ביבליאָטעק. אין האָרקי האָט ער זיך געגרייט צו דער אַגראָ־נאָמישער שול. ער האָט געלערנט אין מאָסקווע, שטודירט אין די אוניווער־סיטעטן פון ווין און בערלין. ער איז געווען דער אָרגאַניזאַטאָר פונעם 1טן ציוניסטישן סטודענטן־פאַראיין (אין מאָסקווע). אין עלטער פון 25 יאָר איז ער געווען רעדאַקטאָר פון „המליץ״. אין 1892, אין ווין — איינער פון די הויפּט־מיטאַרבעטער פון זשורנאַל „קדימה״. ער איז געווען איינער פון

דר. הערצלס הויפּט־מיטאַרבעטער און אַן אַנטײלנעמער אין כמעט אַלע ציוניסטישע קאָנגרעסן.

ער האָט אָפּגעדרוקט אַרטיקלען, אָפּהאַנדלונגען, עסייען און פעליעטאָנען אין „הצפירה“, „המליץ“, „הזמן“, „הדור“, „הבוקר“, א. אַנד., אין די רוסישע צײטשריפטן „וואָסכאָד“ און „בודושטשנאָסט“. זײן ערשטער אַרטיקל אין יידיש איז דערשינען אין 1891 (אין דעם זאַמלבוך „דאָס הייליקע לאַנד“); שפּעטער האָט ער זיך באַטייליקט אין די צײטשריפטן, אַרויסגעגעבן דורך פּרץ, ספּעקטאָר, ג. באַדער; אין די צײטונגען „אונזער לעבן“, „דער וועג“, „דער פריינט“; איבערגעזעצט ווערק פון טאָמאַס קאַרלאַיל, דר. הערצל, מאַקס נאָרדוי, פּראָפ. משה לאַצאַרוס, א. אַנד.

אין אַמעריקע, וואוהין ער איז אָנגעקומען אין 1910, האָט ער רעדאַקטירט דאָס וואָכנבלאַט „הדרור“, די צײטונגען „קענעדער אַדלער“ און „דער וועג“, דעם זשורנאַל „התורן“; מיטגעאַרבעט אין „יידישן טאָגעבלאַט“ און אין „טאָג“.

אין משך פון יאָרן איז ער געווען ערן־וויצע־פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע; פון 1922 ביז 1926 — וויצע־פּרעזידענט פונעם אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס. ער איז געווען ערן־פּרעזידענט פונעם אַנטי־פאַשיסטישן יידישן פאָלקס־קאָמיטעט, אַ מיטגליד פון דער נאַציאָנאַלער קאָמיטע פונעם „איקאָר“. אין 1923 איז אין ניו־יאָרק דערשינען דער ערשטער באַנד אונטערן נאָמען „כל כתבי ראובן בן מרדכי ברײנין“ (313 ז"ז). אין 1927 איז ברײנין געפאָרן קיין ארץ־ישראל, וואו ער האָט געקראָגן אַ פײערלעכע אויפנאַמע. פון דאָרט איז ער געפאָרן קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו ער האָט זיך באַקענט מיטן אַלגעמיינעם און יידישן לעבן. די אַמעריקאַנער יידישע פּראָגרעסיווע פאָלקס־מאַסן געדענקען גוט זײנע פײערדיקע אַרויסטרעטונגען ביי די יובילייען פאַר פרײנטשאַפט מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד. זיי געדענקען זײנע קרעפטיקע רעדעס ביים צוואַנציקסטן יובילײ פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און ביים צענטן יום־טוב פון ביראָבידזשאַן.

אין 1939, אין דער צייט פון שרעקלעכע העצעס קעגן סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט ברײנין, אַ קורצע צייט פאַר זײן טויט, דערקלערט:

„מיין אייגענער גלויבן איז געבליבן פעסט און ניט צעטרייסלט אין די איצטיקע פינצטערע טעג“.

באַלד נאָך מ. אָלגינס טויט האָט ר. ברײנין דערקלערט: „זיין [אָלגינס] הארץ האָט געקלאַפּט פאַר אַלע, וואָס שטרעבן צו אַ בעסערן מאָרגן... זיין אָנדענק וועט לעבן אַזוי לאַנג, ווי אידעאַליזם וועט לעבן“.

אָט־די ווערטער קאָן מען אויך ריכטיק אָנווענדן וועגן דעם גרויסן פאָלקס־פריינט ראובן ברײנין. די יידישע פאָלקס־מאַסן האַלטן טייער דעם נאָמען און אָנדענק פון אָט־דעם שיין־גייסט און פריי־גייסט, וואָס האָט אַרײנגעטראָגן שיינקייט, עשירות, מוט אין זייער לעבן און וואָס האָט בראַוו געקעמפט פאַר די אידייען פון מענטשלעכקייט, שלום און פּראָגרעס.

דעצעמבער 5, 1954.

קלמן מרמר

(1956־1876)

(ביאָגראַפישע שטריכן)

דער חשובער יידישער פּראָגרעסיווער פֿאָלקס־לערער און שריפטשטעלער, קלמן מרמר, געלערנטער, היסטאָריקער, געשיכטע־שרייבער, ליטעראַטור־פאָרשער און קריטיקער, איז געבוירן געוואָרן אין 1876, אין דעם שטעטעלע מיישאַגאָלע, ווילנער געגנט.

זיין פֿאָטער, מרדכי, אַ למדן און משכיל, איז געווען אַן ערד־אַרבעטער, דערנאָך אַ סוחר. דער יונגער קלמן האָט זיך געלערנט אין שטעטל ביי מלמדים און לערערס, דערנאָך אין דער קרוינישער שול ביים ווילנער יידישן לערער־אינסטיטוט; שטודירט ביכער אין דער סטראַשון־ביבליאָטעק אין ווילנע.

אין 1894 האָט ער זיך אויסגעלערנט די מלאכה פון טאָקעריי, זיך אָנגעשלאָסן אין דער געהיימער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע, געגרינדעט דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון די טאָקערס, צוגעשטעלט ליטעראַטור פאַר שניצערס און טאָקערס.

אין 1899 שטודירט אין דעם אוניווערסיטעט אין בערן; דערנאָך שטודירט דריי יאָר אין דעם אוניווערסיטעט אין פרייבורג; באַזוכט פיל קולטור־צענטערס פון אייראָפּע. ער איז געוואָרן אַ ציוניסט פון ראַדיקאַלן פליגל צוזאַמען מיט דר. חיים ווייצמאַנען און אַנדערע און איז געווען אַ דעלעגאַט צו אַ ריי ציוניסטישע קאָנגרעסן. נאָך דער אויסבילדונג פון די פועלי־ציון איז ער געוואָרן איינער פון אירע אָנפירנדיקע מיטגלידער און רעדאַקטאָר פון „יידישן קעמפער״, ווען די צייטונג איז געגרינדעט געוואָרן אין אַמעריקע, אין 1903. אין 1914 איז מרמר געוואָרן אַ מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי אין אַמעריקע, האָט רעדאַקטירט אין שיקאַגע די וועכנטלעכע סאָציאַליסטישע „אַרבעטער־וועלט״, און דערנאָך די טעגלעכע „וועלט״ וועלכע איז איבערגענומען געוואָרן פון „פאָרווערטס״. אין 1921 פאָרט מרמר אַריבער אין ניו־יאָרק, וואו ער באַטייליקט זיך אין דער באַוועגונג צו גרינדן די „פרייהייט״ („מאָרגן־פרייהייט״), וואו ער איז אַ לאַנגיאָריקער מיטאַרבעטער.

ענערגיש און אומדערמידלעך האָט קלמן מרמר אָנטיילגענומען אין דער יידישער וועלטלעכער קולטור־און שול־באַוועגונג אַלס טוער, בויער, שאַפער פון יידישער פּראָגרעסיווער קולטור, געהאַלטן לעקציעס איבער געזעלשאַפט־

לעבע און קולטור־ענינים; געווען לערער אין דעם לערער־סעמינאַר פונעם אַרבעטער־רינג, אין לערער־סעמינאַר פונעם שלום־עליכם פאָלקס־אינסטיטוט, שפּעטער אין יידישן אַרבעטער־אוניווערסיטעט; געהאָלפן גרינדן פאָלקס־שולן, דעם יידישן אַרבעטער־אוניווערסיטעט, די „אָרדן״־שולן, געווען דיי־רעקטאָר פונעם קולטור־און בילדונג־דעפּאַרטמענט ביים יידישן פראַטערנאַלן פאָלקס־אָרדן, און איין צייט געווען וויצע־פּאַרזיצער פונעם ניו־יאָרקער פּרץ־שרייבער־פאַראיין.

זיין רייכע, פאַרשיידנאַרטיקע, ברייט־צעצווייגטע ליטעראַרישע טעטיקייט פון פיל זשאַנרען האָט קלמן מרמר אָנגעהויבן מיט איבערזעצונגען אין 1901 אין „דער אידישער אַרבעטער״ (אָרגאַן פון „בונד״) און אין דעם לאָנדאָנער סאָציאַליסטישן וואָכנבלאַט „די אידישע פאָסט״.

שפּעטער האָט זיך מרמר באַטייליקט מיט פּובליציסטישע, וויסנשאַפט־לעכע און ליטעראַטור־קריטישע אַרטיקלען, אָפּהאַנדלונגען און עסייען אין פיל יידישע טעגלעכע צייטונגען, אין זשורנאַלן און זאַמלביכער אין ענגלאַנד און אַמעריקע. פיל פון זיינע אַרטיקלען זיינען איבערגעדרוקט געוואָרן אין אַ גרויסער צאָל צייטונגען איבער דער וועלט. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין פיל העברייאישע אויסגאַבן און אין אַ צאָל ענגלישע צייטשריפטן.

מרמר האָט אַליין אַרויסגעגעבן, אָדער רעדאַקטירט, די פאָלגנדיקע צייט־שריפטן: „כותל מערבי״, „דער לאָנדאָנער איד״, „טעגליכער יודישער אַד־ווערטיזער״, „אידישע פרייהייט״ — אין לאָנדאָן; אין אַמעריקע — „דער אידישער קעמפער״, „די דענווער אידישע פּרעסע״; „דער נייער דור״ (זאַמל־בוך); „דער אידישער קונסט־פריינט״; „די וועלט״. שפּעטער איז ער גע־וואָרן אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע פונעם וואָכנבלאַט „נייע וועלט־עמעס״.

מיטן געבורט פון דער „פרייהייט״ אין אַפּריל 1922 איז מרמר געוואָרן איינער פון אירע טיכטיקסטע און אָנגעזעענסטע מיטאַרבעטער. ער האָט אין משך פון יאָרן געפירט אין דער „פרייהייט״ אַ וויכטיקע ביבליאָגראַפיש־קריטישע אָפּטיילונג „צווישן ביכער און זשורנאַלן״. אין 1922 איז ער גע־ווען מיטרעדאַקטאָר פונעם זאַמלבוך „ערציאונג״. אין משך פון אַ היפּשער צייט איז ער געווען מיטרעדאַקטאָר פונעם טעאָרעטישן מאַרקסיסטישן זשור־נאַל „דער האַמער״, אין וועלכן ער האָט פאַרעפנטלעכט פיל וואָגיקע אַרבעטן וועגן דער יידישער ליטעראַטור און פרעסע.

אין 1926 איז אין ניו־יאָרק דערשינען מרמרס איבערזעצונג פונעם פולן כתב־יד פון אָסקאַר ווײַלדס „דע פּראָפונדיס״, מיטן איבערזעצערס אַן אריינ־פיר און „באַמערקונגען און ערקלערונגען״ (מרמרס איבערזעצונג פון דער אומפולשטענדיקער אויסגאַבע פון „דע פּראָפונדיס״ איז דערשינען אין לאָנ־דאָן אין 1910, מיט אַן אַריינפיר פון בעל־מחשבות).

מרמר האָט אויך געשריבן הקדמות, פאָר־רעדעס צו אַ גאַנצער ריי ווערק (צו די ביכער פון דוד מאַניעוויטש, זעליג העלער, א. אַנד.). ער האָט זיך אויך באַטייליקט מיט וויכטיקע, אויספירלעכע ווערק אין „פרייהייטס־אַל־

מאנאך״, אין די ״שריפטן״, אינעם זאמלבוך ״קאמף און געזאנג״, און אין פיל אנדערע אלמאנאכן און שריפט־זאמלונגען. ער איז געווען דער ערשטער קולטור־דירעקטאר פון יידישן פאלקס־ארדן און רעדאקטאר פונעם ״פונק״, וואס איז דעמאלט ביים ארדן דערשינען.

צווישן קלמן מרמרס ווערק, וואס זיינען ביז איצט דערשינען, זיינען: זיין באנד וועגן מאריס ווינטשעווסקיס לעבן און שאפן: דער ערשטער פון צען בענד — ווינטשעווסקיס ווערק — וואס מרמר האט געזאמלט און רעדאקטירט; ״געשיכטע פון קלאסנקאמף פון אלטערטום ביז היינט״; ״וועגווייזער פון דער מענטשהייט״ (ביאגראפיעס); אנטאלאגיע ״לידער פון ארבעט און קאמף״ — פון דוד עדעלשטאט ביז איציק פעפער; ״אנהויב פון אידישער ליטעראטור אין אמעריקע״; די פראכט־אויסגאבע פון זיין אויסשעפלעכער וויסנשאפטלעכער מאנאגראפיע ״דוד עדעלשטאט״, וואס איז א גרויסער חשובער מאנומענט פאר דעם יידישן אמעריקאנער רעוואלוציאנערן ליריקער; דאס ווערק ״אהרן ליבערמאן״, א. אנד.

מרמרס ווערק און צעווארפענע אפהאנדלונגען (נאך־ניט אין בוך־פארם), מאטעריאלן צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראטור און פרעסע זיינען פון אומגעהויערן ווערט.

די פען־נעמען, וואס מרמר האט גענוצט אין פארשידענע צייטן, זיינען: קמץ, צבי, קלמן, ק. בן־מרדכי, צבי מרדכיזאן, ה. אדער ק. מארקוזע, ה. מארקין, א תושב, נ.ם, יהיאמת, אדעלאן.

א קורצער סך־הכל: קלמן מרמר איז קודם־כל א פיאנער, פון די ראשונים אין א סך געביטן פון זיין שאפן; אן אויסגעצייכנטער לערער, וועגווייזער, מסביר, פאפולאריזאטאר, אויסטייטשער. ער איז א פראגרעסיווער, קעמפערישער שרייבער און ליטעראטור־קריטיקער. ער האט געהאלפן דערציען א גאנצן דור אינטעלעקטואלן און שרייבער. ער איז געווען פון די ערשטע ביי יידן אפצושאצן ווי געהעריק און ארויסהויבן די באדייטונג פון די פיאנערן פון דער יידישער ארבעטער־דיכטונג אין אמעריקע (זיינע אויבן־דערמאנטע ווערק וועגן ווינטשעווסקי, עדעלשטאט; אויך זיין ווערק וועגן באווושאווער און אפהאנדלונגען וועגן מאריס ראזענפעלד). מרמר האט מיט טיפן וויסן, מיט גרויס צערטלעכקייט און מיט א קריטיש־אנאליטישער באציאונג געשריבן וועגן אט־די גרויסע אנהייבער פון דער יידישער פראלעטארישער ליטעראטור אין אמעריקע. ער האט תמיד באצויגן זיך מיט ערנסט און וואַרעמקייט צו יונגע שרייבער, אנהויבער, שטעלער פון די ערשטע טריט אין ליטעראטור. אויף אלע זיינע ווערק ליגט דער חותם פון טיפן ערנסט, פון וויסנשאפטלעכן צוגאנג, פון פראגרעסיוון גייסט, פון נביאישער וויזיע. קלמן מרמר איז א פעסטונג, א חשובע פאזיציע אין אונדזער ליטעראטור; זיינע ווערק — א קוואל פון וויסן און ליכט; זיין סטיל — מוסטער פון פשטות, קלארקייט און פארשטענדלעכקייט; זיין נאמען רופט ארויס ליבשאפט און דרך־ארץ ביי ברייטע יידישע פאלקס־מאסן אומעטום אין אלע לענדער, וואו עס זיינען פאראן יידישע ישובים.

דעצעמבער 16, 1951.

מ. אַלגין

(1939־1878)

.1

דער אַלגין־גייסט לעבט. די אַלגין־געשטאַלט לעבט אין אונדז.
איך זע אַלגינען — אַ לעבעדיקן, אַ לויכטנדיקן, אַ היימישן, אַן אייגע־
נעם, אַ זוניקן און לעבנס־פריידיקן, מיט אַ קלוגן ליבלעכן וואַרעמען שמייכל,
אַן ענטוזיאַסטישן און באַגייסטערנדיקן גייסטיקן פירער, קולטור־שאַפער און
קולטור־בויער, לערער און פריינט.
איך זע אים — אַ פלאַמענדיקן, גליענדיקן מיט מסירת־נפש פאַרן פאָלק,
אַ וואונדערלעכע געשטאַלט פון עכטן אידעאַליזם. איך זע אים און געדענק
אים, דעם אומפאַרגעסלעכן, דעם שטורעם־פויגל פון אַ נייעם טאָג אין אונ־
דזער לעבן, דעם פּוילינג פון אונדזער באַנייטער, ניי־אויפגעקומענער ייִדי־
שער פּראָגרעסיווער ליטעראַטור אין אַמעריקע, די פאָרזעצערין פון די פּרעכ־
טיקע אַרבעטער־טראַדיציעס פון ווינטשעווסקי, עדעלשטאַט, באָװשאָװער,
ראָזענפעלד.
אין זכרון שווימען־אויף פריידיקע דעראינערונגען, גליקלעכע מאָמענטן
פון צוזאַמענאַרבעטן מיט אַלגינען, פון לערנען זיך אונטער זיין פירערשאַפט.
די זכרונות לויפן־דורך קאַלעידאָסקאָפּיש: מיין צוזאַמענאַרבעט מיט
אים אין משך פון יאָרן אַלס סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע „האַמער“ און
שפּעטער אַלס סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע „מאָרגן־פרייהייט“; אַלגינס
צוריקקומען פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, מיין פאָרזיצערשאַפט ביי די גרויסע
געגנט־מיטינגען, אויף וועלכע ער האָט, אַ שטורמישער, אַ ברויזנדיקער, אײַ־
בערגעגעבן גרוסן פון סאָציאַליסטישער בויאונג.
אַ שרייבער און שאַפער פון קולטור־ווערטן פון גאָר אַ הויכער מדרגה,
איז ער געווען אַ שרייבער ניט פאַר שרייבער, נאָר פאַרן פאָלק. און אין
דעם גייסט האָט ער געלערנט אונדז, די ייִנגערע שרייבער. דער וואָרט־
קינסטלער און דערציער פון דורות ייִדישע אַרבעטער און אינטעלעקטואַלן,
איז ער געווען אויך דער געטרייער לערער און וועגווייזער פון אַ דור ייִדישע
שרייבער. ער האָט געלערנט, דערצויגן, מדריך־געווען ייִנגערע און עלטערע
שרייבער, און אַרויסגעוויזן צו זיי צערטלעכקייט, ליבשאַפט, פאַרשטענדעניש.

מען דאַרף צוגרייטן נייע קאַדרען. „דור הולך ודור בא״ — פלעגט ער זאָגן.

איך פלעג באַוואונדערן זיין מי און געדולד ביים פאַרריכטן מאַנוסקריפּטן. און אַט איז עטוואָס פון אַלגין שבעל־פה: ווען ער פלעגט מיר איבערגעבן מאַנוסקריפּטן צום רעדאַקטירן, פלעגט ער מיך דערביי לערנען: מען דאַרף שניידן (ס׳איז צו־צעצויגן), נאָר שניידן דאַרף מען אַזוי, אַז קיין בלוט זאָל ניט גיין... דערביי האָט ער ליב געהאַט צו ווידערהאָלן לעניגס וואָרט, אַז שרייבן דאַרף מען אַזוי, אַז ס׳זאָל זיין געראַם פאַרן געדאַנק און ענג פאַרן וואָרט...

איך געדענק אַלגינס גרויסע ראָל ביים גרינדן דעם „פּראָלעטפּען״ אין 1929 (איך בין געווען דער פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר פון אַט־דער שרייבער־אָרגאַניזאַציע). אַלגין האָט דאַן אויסגעשמידט דעם לאָזונג פונעם „פּראָ־לעטפּען״: „מיטן פּנים צום הייגט, מיטן פּנים צו אַמעריקע, מיטן פּנים צום פאָלק, צום אַרבעטער־קלאַס״.

אַלגין האָט אומאויפהערלעך גערופן, דערמוטיקט די שרייבער, געמאָנט פון זיי ווערטפולע ווערק, געשטעלט פאָדערונגען צו זיי און צו אונדזער לי־טעראַטור. ער האָט אין פולן זין פון וואָרט אינספּירירט שרייבער צו שאַפן, אָנגעצונדן אין זיי דאָס פייערל פון שאַפונג, באַווירקט זיי אָפּצושפּיגלען קינסטלעריש די ברויזנדיקע אַרבעטער־קאַמפן פון די צוואַנציקער און דריי־סיקער יאָרן. אָן זיין השפעה וואָלטן פיל קרעפטיקע לידער און דערציילונגען אין אונדזער פּראָגרעסיווער ליטעראַטור געבליבן ניט־אָנגעשריבן.

ער האָט געלערנט די לייענער און שרייבער: ליטעראַטור איז אַן אינ־סטרומענט אין קלאַסן־קאַמף. ער האָט אָפט באַטאָנט, אַז „די קלאַסיקער זיינען געשטאַנען אין ענגסטן, אינטימסטן קאָנטאַקט מיט די יידישע מאַסן, מיטן פאָלק״.

אַלגין, אַ גרינדער פונעם „איקוף״, האָט געלערנט דרך־ארץ פאַרן פאָלק, פאַר זיין שפּראַך און קולטור; ער האָט געלערנט האַלטן די יידישע שפּראַך לעבעדיק, ריין, ציכטיק, נאָענט צו די קוואַלן פון פאָלקס־שאַפן. ער האָט געלערנט באַרייכערן און פאַרטיפן די קולטור פון פאָלק, ברענגען זי צו די פאָלקס־מאַסן, אָנפילן זי מיט גייסטרייכן אינהאַלט, מיט שעפערישע פּראָג־רעסיווע אידייען, — שטעלן זי צו דינסט דעם פאָלק. ער האָט גערופן די שרייבער אָנצוזעטיקן זייערע ווערק מיט אידייען און שטרעבן צו דער־גרייכן צו דער בעסטער פאָרם פון קונסט־אויסדרוק. ער האָט געמאָנט: „מיר דאַרפן אַ ליטעראַטור, וואָס זאָל זיין בלוט און פלייש און נערוון און מאַרך פון דעם יידישן פאָלק״. פיל פון זיינע עסייען וועגן קונסט זיינען אַליין ווערק פון קונסט.

מיך פלעגט תמיד באַזונדערס שטאַרק פרייען זיין עכטע פשטות און תמימות אין זיינע באַציאונגען בין אדם לחברו. איך פלעג טראַכטן מיט פרייד: אַט שטייט פאַר מיר אַ גייסטיקער ריז, אַ שרעקלאָזער קעמפער פאַר סאָציאַלן יושר, אַן אמתער פאָלקס־פירער.

איך געדענק, ווי ער, דער פּראָדוקטיווער, פילזייטיקער, שעפערישער

שרייבער, מחבר פון פיל וואָגיקע קערנדיקע ווערק, האָט אַזוי עניוותדיק גע־פרעגט מבינות ביי מיר — דאָן אַ זייער יונגן שרייבער — וועגן זיין פּאָ־עמע פאַר דעם זאַמלבוך „יוניאָן סקווער״ (1930). און שפּעטער, ווען ער האָט געשריבן אַ סעריע אַרטיקלען פאַרן „האַמער״ (1931) און פאַר דער „מאָרגן־פרייהייט״ (1937) וועגן אונדזער יונגער יידישער פּראָגרעסיווער ליטעראַ־טור אין אַמעריקע, פלעגט ער מיך דאָן אַריינרופן אין זיין אַרבעטס־צימער, זיך מיישב־זיין וועגן פאָרמולירונג, וועגן דעם בייטראָג פון דעם אָדער יענעם שרייבער.

אין 1928, געענדיט מיט 30 יאָר צוריק, ווען כ'האָב אים געבראַכט מיינע יידישע איבערדיכטונגען פון אינדיאַנישע און נעגערישע לידער, האָט ער זיי פריידיק אויפגענומען און געזאָגט: יאָ, ס'איז נויטיק אַריינצוברענגען די עשירות פון אַנדערע פעלקער אין אונדזער יידישער ליטעראַטור.

אַלגין! איך געדענק גוט אַלגינען פון די פייערונגען פון 1טן מאַי. אַ שיינענדיקער, אַ שטראַלנדיקער, אַ מאַי־איקער מאַרשירט ער מיט דער קאָ־לאָנע פון די יידישע פּראָלעטאַרישע שרייבער — ער מאַרשירט אַזוי פעסט, אַזוי קרעפטיק, יום־טובדיק און שטאָלץ, מיט אַ געמאָסטענעם ריטמישן טראָט.

שוין אין זיינע יונגע יאָרן איז אַלגין, דער דינאַמישער פרייהייט־קעמפער און אַרבעטער־פירער, דער שאַפער פון די ערשטע פייערדיקע רעוואָלוציאָ־נערע יידישע פּראָקלאַמאַציעס, דער צוזאַמענשטעלער פון איינער פון די ערשטע כרעסטאָמאַטיעס („דאָס יידישע וואָרט״, ווילנע, 1912), דער מחבר פון באַדייטנדיקע ליטעראַרישע ווערק, געוואָרן אַ לעגענדע ביים יידישן אַר־בעטס־פאָלק. און אָט איז אַלגין ווי געזען דורך די אויגן פון פאָלק: געהאָט האָבן מיר אַן עלעוועיטאָר־פירער, טאָרג. געווען איז ער אַ געטרייער בויער און שטיצער פון דער „מאָרגן־פרייהייט״. געהאָט האָט ער די זכיה צו קענען אַלגינען נאָך ווען ער, טאָרג, איז געווען גאָר אַ יונגער בחור. ער פלעגט האָבן אַ טבע אַפּצושטעלן דעם עלעוועיטאָר ערגעץ צווישן דריטן און פערטן שטאָק, אָנגעמען מיך ביי אַ קנעפּל פון רעקל און דערציילן מעשיות און לע־גענדעס וועגן אַלגינס העלדישער מסירת־נפשדיקייט אין צאַרישן רוסלאַנד. ענדיקן פלעגט ער מיט אָט־די ווערטער: „יאָ, אַז אַלגין האַלט פון דיר — ביסטו אַלראַיט, בחור!״

כ'וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן יענעם שבת אָוונט, דעם 18טן נאָוועמבער, 1939 — אַן אָוונט מיט אַ באַנקעט אין אַ זאַל אויף דער איסט־סאַיד לכבוד דער דערשיינונג פון מיין בוך לידער. געווען איז עס פיר טעג פאַר אַלגינס פריצייטיקן טויט. אַלגין איז געווען דער הויפּט־רעדנער. געזעסן ביים טיש איז ער אַ פיזיש־קראַנקער, אַ בלאַסער, נאָר אַ שיינענדיקער. אָט־דער מענטש מיט אַ האַרץ פול ליבע האָט מיר אַריינגעשושקעט אין אויער: „עסט, חבר גריך, די שפּייז איז אַ מחיה!״... זיין טיפע, פרעכטיקע אָפּשאַצונג וועגן מיין בוך איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון נאָטיצן אויף קאַרטלעך. פון אָט־די נאָטיצן און ציטאַטן איז אויסגעוואָקסן אַ ליטעראַרישער פּאָרטרעט. יענע

הערע, פול מיט הויכער אָנערקענונג און מיט ווארעמער חברשאַפט, וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

„ווי שיין, ווי פריש זיינען געווען די רויזן" פון מיטאַרבעט און פריינטשאַפט מיטן פּאָעט אַלגין!

געווען איז אַלגין דער עכטער דיכטער אפילו אין זיין פּראָזע. ער, דער קענער און איבערזעצער פון פיל שפּראַכן און ליטעראַטורן, האָט גוואַלדיק ליב געהאַט יידיש — די שפּראַך פון לעבעדיקן פאָלק, די שפּראַך פון די קדושים, מאַרטירער און גבורים. צוזאַמען מיט י. ל. פרצן האָט ער געקעמפט קעגן שאָוויניסטישן ווילד־גראַז. גערופן האָט ער צו נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און צו אַ רייכער, פאַרשטאַרקטער יידישער קולטור, אַנשטאָט „קולטור־לאָזן נאַציאָנאַליזם".

סאַראַ זעלטענע קאָמבינאַציע און אַלזייטיקייט פון טאַלאַנטן אַלגין האָט פאַרמאָגט: דיכטער, בעלעטריסט, פובליציסט, ליטעראַטור־קריטיקער און פאָרשער, רעדאַקטאָר, פאָלקס־טריבון, לעקטאָר, לערער און וועגווייזער, קולטור־פירער.

סאַראַ רייכע ליטעראַרישע ירושה עס האָט אונדז איבערגעלאָזט משה אַלגין, משה־יוסף נאַוואַמיסקי פון שטעטעלע בוקי! איינער פון די שענסטע, געטרייסטע און יידישסטע זין פונעם יידישן פאָלק, דער זינגער פון „געלעבט — געקעמפט". דער אויטאָר פון די וואונדערלעכע יידישע ביכער: „מיין שטעטל אין אוקראַינע", „ווען קייטן קלינגען", „אין וועלט פון געזאַנגען", „פון מיין טאָג־בוך", „האָורילע און יואל", „צעבראָכענע גראַטעס", „טראָצקיזם"; און פון די ביכער „1905", „אַמעריקע", „קולטור און פאָלק", וואָס זיינען דערשינען נאָך זיין טויט. ער איז אויך געווען דער מחבר פון וואָגיקע ענגלישע ווערק: „די נשמה פון דער רוסישער רעוואָלוציע", „אַ וועגווייזער צו דער רוסישער ליטעראַטור" (ניו־יאָרק, 1920), „גאָרקי — שרייבער און רעוואָלוציאָנער" (ניו־יאָרק, 1933). ער איז געווען דער מוסטער־האַפטער איבערזעצער פון ווערק פון מענדעלע, דזשעק לאָנדאָן, דזשאָן ריד, טאָלסטאָי, אָרזשעשקאָ, און אַנדערע. ער איז געווען דער פאַרזעצער פון די הערלעכע פרייהייט־און קאַמף־טראַדיציעס פון די שענסטע פּראָגרעסיווע גייסטער, דיכטער און דענקער פון דער מענטשהייט, דער באַגייסטערטער באַזינגער פון אַלדאָס וואָס איז שיין, דערהויבן און פאַרגעשריטן אין אַמעריקע, פון וועלכער ער איז אַליין געוואָרן אַן עכטער, אָרגאַנישער, ווירדיקער טייל. ער האָט געשריבן וועגן מענדעלען: „ער איז נישט קיין שרייבער צוליב ליטעראַטור. ער איז אַ ליטעראַט צוליבן לעבן". אָט־די כאַראַקטעריסטיק איז אָנגעמאָסטן אויף אַלגינען גופא: „ער איז אַ ליטעראַט צוליבן לעבן".

***

אין מיין זכרון האָט זיך איינגעקריצט: דאָס ליכט אין אַלגינס אַרבעטס־צימער אין די שפּעטע נאַכט־שעה'ען, ווען ער פלעגט זיצן און שווער האָ־

רעוועז איבער מאַנוסקריפּטן. דאָס איז געווען אַ סימבאָליש פּייערל פון שטענ־דיקער אַלגינישער וואַכזאַמקייט, וואָס האָט געזאָגט: „פּאַראַן אַ וועלט מיט אַרבעט!“...

אויף מיין לעבנסוועג לויכט מיר און וואַרעמט מיין גייסט אַלגינס לויטער, שטראַלנדיק וואָרט — דאָס וואָרט פון אמת, מענטשלעכקייט, געטריי־שאַפט צום פאָלק און צום פאָלקס־לעבן און קולטור. אויף מיין לעבנסוועג באַגלייט מיך אַלגינס כאַראַקטעריסטישער שמייכל פון פרילינג, אַ שמייכל, וואָס קרעפטיקט, מוטיקט און רופט צו פאַרשטאַרקטע טעטיקייטן פאַרן פאָלק. זיין ליכטיקער שמייכל, ווי זיין צויבער־וואָרט, איז אַ קוואַל פון מוט און אָפּטימיזם.

אַפּריל, 1958.

(צו אַלגינס 80סטן געבוירנטאָג, דעם 24טן מערץ, 1958)

.2

מ. אַלגין איז געווען אַ קאַלירפולע קולטור־שאַפערישע פּערזענלעכקייט, אַקטיוו אין פיל געביטן און זשאַנרען פון דער יידישער (און אויך ניט־יידישער) ליטעראַטור.

ער איז געווען אַ גלענצנדער פּובליציסט מיט אַ גאָלדענער פּען, אַן ענערגישער ליטעראַטור־פאָרשער און ליטעראַטור־קריטיקער, אַ פיינער בעלעטריסט, איינער פון די ערשטע יידישע שרייבער (אין דער „אַלטער היים“) פון דערציילונגען און פאַרצייכענונגען אויף רעוואָלוציאָנערע מאָטיוון, איינער פון די ערשטע און בעסטע שרייבער פון רעוואָלוציאָנערע יידישע פּראָקלאַמאַציעס אין אָנהייב פונעם איצטיקן יאָרהונדערט.

אַלגין, דער מחבר פון פיל ווערק (בעלעטריסטיק, ליטעראַטור־קריטיק, טעאַרעטישע אָפּהאַנדלונגען), איז אויך געווען דער אויטאָר פון אַ פּופּציק בראָשורן אויף יידיש און פון אַרום זעקס טויזנט אַרטיקלען, פאַרצייכענונגען, רייזע־בילדער, פּען־פּאָרטרעטן, א. אַז. וו.

נאָך פיל בענד קאָנען און דאַרפן צוזאַמענגעשטעלט און אַרויסגעגעבן ווערן — פון זיינע שאַפונגען (עסייען און בעלעטריסטישע ווערק), וואָס זיינען געווען געדרוקט אין דער „מאָרגן־פרייהייט“, „האַמער“ און אַנדערע יידישע צייטשריפטן.

ס'איז ניט אָפּצוטיילן אַלגינען דעם קולטור־שאַפער פון אַלגינען דעם קולטור־בויער און קולטור־פירער. אַזוי איז אַלגינען דעם שרייבער ניט אָפּצוטיילן פון אַלגינען דעם קולטור־טרעגער און קולטור־טוער, און אויך ניט פון אַלגינען דעם קעמפער פאַר סאָציאַלן יושר, דעם געזעלשאַפטלעכן טוער און פּאָליטישן פירער, דעם בויער פון קולטור־אָרגאַניזאַציעס. אָט־די אַלע טעטיקייטן זיינען געווען האַרמאָניש צוזאַמענגעגאָסן אין איין גאַנצקייט, אין

דעם לעבן און שאַפן פון אַן ענטוזיאַסטישער, באַגייסטערנדיקער פּערזענ־לעכקייט.

פונעם פאָלק און פונעם לעבן און קאַמף פון פאָלק האָט ער געשעפּט זיין כוח און גלויבן. און וועגן דרך־ארץ צום פאָלק און גלויבן אין פאָלק האָט ער געלערנט די לייענער און שרייבער אין זיינע ליטעראַרישע אָפּ־האַנדלונגען. וועגן דעם ווילן מיר דאָ איצט הויפּטזעכלעך ריידן — וועגן אַלגינען דעם ליטעראַטור־קריטיקער, דעם שרייבער פון פיל אויספירלעכע, גרינטלעכע אָפּהאַנדלונגען וועגן ליטעראַטור און שריפטשטעלער.

דאָס עיקרדיקע און תוכיקע אין אַלגינס צוגאַנג צו ליטעראַטור איז געווען, אַז ליטעראַטור איז אַ וואָפן, אַן אינסטרומענט אין קלאַסן־קאַמף. אַלגין, וועלכער האָט געהאָלפן שאַפן יידישע פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור, און איז אין משך פון יאָרן געווען אַ פירער פון אָט־דער ליטעראַטור אין אַמע־ריקע, האָט געלערנט, אַז דער פּראָלעטאַרישער שרייבער דאַרף שאַרפן און שלייפן אָט־דעם וואָפן, כדי ער זאָל זיין וואָס ווירקזאַמער אין קאַמף פאַר אַ שענער און בעסער לעבן, אין קאַמף פאַר פרייהייט און מענטשלעכער ווירדע.

אין זיינע עסייען האָט אַלגין, דער ליטעראַטור־היסטאָריקער, געלערנט דעם היינטיקן דור שרייבער צו לערנען זיך פון אונדזערע קלאַסיקער מענ־דעלע, שלום־עליכם, פּרץ וועגן דער געזעלשאַפטלעכער ראָל, וועגן דער סאָציאַלער פונקציע פון ליטעראַטור.

אין דעם ערשטן פּעריאָד פון זיין שאַפן, אין די יאָרן פון 1903 ביז אַרום 1920, האָט אַלגין אין איניקע פון זיינע אָפּשאַצונגען וועגן ליטעראַ־טור (ווייט ביט איך אַלע) אַרויסגעוויזן אַ „ריין־עסטעטישע" באַציאונג צו ליטעראַטור־פראַגן. אַלגין האָט זיך שפּעטער אָפּגעזאָגט פון זיין בוך „אין דער וועלט פון געזאַנגען" (1919), וואו איניקע פון אָט־די „ריין־עס־טעטישע" מיינונגען קומען צום אויסדרוק. אָבער שוין אין איניקע פרי־ערדיקע עסייען, וואָס זיינען דערשינען אין די יאָרן 1908־1918 איז פאַראַן עכטע באַגייסטערונג פאַר אַרבעטער־ליריק, פאַר פּרצן, ווי „דעם שטראָ־פער, דעם פּראָטעסטאַנט קעגן אומוויסנקייט, אונטערטעניקייט, שוואַכקייט, דעם קעמפער קעגן אומגערעכטיקייט אין סאָציאַלן לעבן". שוין דאָרט רעדט אַלגין וועגן דער שטרעבונג פונעם אַרבעטער־קלאַס „צו לעבן ווי מענטשן, דאָס הייסט, צו געניסן אַלצדינג, וואָס ס'איז פאַראַן שיינס און איידלס אין דער מענטשלעכער קולטור". שוין דאָרט, אין זיין עסיי וועגן א. ליעסין, רעדט ער מיט ליוב וועגן אָט־דעם דיכטער, ביי וועמען די פּאָעזיע איז „אַ געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, אַ געזעלשאַפטלעכער דינסט פון אַ מענטשן, וואָס האָט דערפילט, אַז ער האָט אַ כוח צו וועקן אָפּקלאַנגען אין מענטשלעכע הערצער". יאָ, שוין דאָרט רעדט אַלגין מיט ליוב וועגן דעם ליריקער, „וואָס האָט אַלע יאָרן געטאָן געזעלשאַפטלעכע אַרבעט — געטאָן מיט האַרץ־בלוט".

שוין אין זיין ערשטן פּעריאָד, נאָך אין דער „אַלטער הײם", האָט אַלגין ווי אַ בעלעטריסט געשאַפן פּראָלעטאַרישע ווערק — ערשטלינגען פון אַר־

בעטער־דיכטונג, פון אַרבעטער־פּראָזע („געלעבט־געקעמפט״, א. אגד).

שפּעטער, אין זיין צווייטן פּעריאָד, פון 1921 ביזן סוף פון זיין לעבן, האָט אַלגין זיך אָפּגעטרייסלט פון יעדן „קונסט לשם קונסט״־צוגאַנג צו ליטעראַטור און געפירט אַן עקשנותדיקן קאַמף פאַר פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, פאַר אַ ברייטער פּראָגרעסיווער קולטור. ער איז געוואָרן אַ שעפערישער בויער פון דער פּראָגרעסיווער יידישער קולטור. זיין קאַמף האָט זיך אויסגעדריקט ניט בלויז דורך זיינע שריפטן, דורך זיינע באַלערנדיקע, לויטערע אָפּהאַנדלונגען וועגן ליטעראַטור־פראַגן און פּראָבלעמען. ער האָט אָרגאַניזירט; ער האָט פיל מאָל אָפּגעהאַלטן קאָנפערענצן מיט שרייבער און לייענער וועגן פראַגן פון קולטור, פון בוך־פאַרשפּרייטונג, פון ריינקייט און רייכקייט פון יידיש. ער איז געווען דער צוגרייטער און באַדן־אויספלאַסטערער פאַר דער יידישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. ער איז געווען דער פרישער פרילינג פון דער היגער ניי־אויפגעקומענער יידישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, וואָס האָט פאַרגעזעצט די פּראָגרעסיווע טראַדיציעס פון ווינטשעווסקי, עדעלשטאַט, באָוושאָווער, ראָזענפעלד.

אַלגין האָט אין יענע יאָרן (אין אַן אַרטיקל „וועגן אָפּגעטער און קריטיק״, — „פריהייט״, אָקטאָבער 3, 1928) געקענעלט מיט די לייענער: „מען דאַרף וועגן יעדן שרייבער פרעגן: ווער ביסטו?... וועמענס קלאַסן־פּסיכאָלאָגיע לעבט אין דיר און אין דיינע ווערק? פאַר וועמען שרייבסטו? וועמענס אינטערעסן זיינען דיר אָמנאָענטסטן? וועמענס אידעאָלאָגיע רעדט־אַרויס דורך דיין שרייבן?״. מ. אַלגין האָט דאָרט קלאָר געמאַכט: „פאַראַן שרייבער־פאַרפירער, פאַראַן שרייבער־פאַרגיפטער פון די אַרבעטער־מוחות. אַזוינע קאָנען נישט זיין קיין לערער פאַר דעם אַרבעטער־לייענער. פון דער אַנדערער זייט, אויב דער אַרבעטער געפינט יאָ אַזוינע, וואָס זיינען אים נאָענט, ווערט דורך דער נאָענטקייט פאַרשאַרפט זיין עסטעטישער פאַרגעניגן, ווערט זיין גייסט דערהויבן אויף אַ גאַר אומגעריכטן אופן״. דערביי וואָרנט אַלגין — אין דעם זעלבן אַרטיקל — קעגן „אַ ניהיליזם צו פּאָעזיע און ליטעראַטור״, קעגן אַ באַציאונג פון ביטול צו ליטעראַטור, וואָס איז ווערט אָט־דעם נאָמען.

אין זיין רעפעראַט אין טאון האָל, דעם 28טן אויגוסט, 1937, אויף דער פייערונג־זיצונג פון דער לאַנד־קולטור־קאָנפערענץ, ערב דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז, האָט ער דערקלערט: „...זיי [די קלאַסיקער] האָבן אין זיך אַריינגענומען דאָס פאָלק, די דערפאַרונגען פון גאַנצן פאָלקישן קאָלעקטיוו... די ליטעראַרישע אַרבעט איז פון זיי באַטראַכט געוואָרן ווי געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אין די אינטערעסן פון די מאַסן״.

אין יענעם רעפעראַט האָט אַלגין, רעדנדיק מיט גרויס ליבשאַפט וועגן די דריי אָבות פון אונדזער ליטעראַטור, מענדעלע, שלום־עליכם, פּרץ, דערקלערט: „דער פּראָטעסט קעגן עקספּלואַטאַציע האָט העל געברענט אין די ווערק פון די גרינדער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור״. אַלגין

האָט באַצייכנט אַט־די „גרויסע דריי" פון אונדזער ליטעראַטור ווי די „שליחי־ציבור פונעם פאָלקס־קאָלעקטיוו".

אין משך פון יאָרן האָט אַלגין שאַרף באַקעמפט די טעאָריעס פון דער רעאַקציע אין דער ליטעראַטור. ער האָט געפירט אַ קאַמף קעגן „אַפּאָליטיזם, קעגן שאָוויניזם, קעגן אינדיווידואַליזם און קונסט־לשם־קונסט־פאָרמאַליזם", קעגן אידייענלאָזיקייט, קעגן פאַרשפּילן זיך מיט ווערטער, קעגן קראַצן די אייגענע וואונדן.

קלאָר און שאַרף האָט ער אין דעם דערמאָנטן רעפעראַט געפאָדערט: „מיר דאַרפן אַ ליטעראַטור, וואָס פילט זיך געקרענקט און באַליידיקט דאָרט, וואו מענטשלעכע נשמות, מענטשלעכע ווירדע ווערן געקרענקט און באַליידיקט".

אַלגינס מעטאָד אין דער ליטעראַטור־קריטיק איז געווען דער מעטאָד פון וויסנשאַפטלעכן, מאַרקסיסטישן צוגאַנג, אַ מעטאָד פון גרינטלעכן אַנאַליז; אַ מעטאָד פון האַלטן פאַרן אויג דעם היינט, אַריינקוקנדיק דערביי אין ליטעראַטור־געשיכטע. צוגייענדיק צו ליטעראַרישע דערשיינונגען און ווערקן מיטן צוגאַנג פון פּראָגרעסיוון רעאַליזם, האָט אַלגין געפאָדערט האַרמאָניע פון אינהאַלט און פאָרם. ער האָט געפאָדערט אַנגעזעטיקטקייט מיט אידייען, אָנגעטאָן אין אַ לבוש פון דער „בעסטער פאָרם פון קונסט־אויסדרוק". ער האָט געפאָדערט אין דער ליטעראַטור „די שאַפונג פון אינדיווידועלע כאַראַקטערן, לעבעדיקע פּערזאָנען, מיט־לעבן־אָנגעזאַפּטע יחידים". ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיטן אַנאַליז, ניט בלויז פון אינהאַלט, אידייע, גייסט, אַטמאָספער פון אַ ליד, נאָר אויך מיט פראַגן פון פערזן־בוי און פערזן־טעכניק, ריטם, טאָן, קלאַנג, פאַרב, ניואַנס, שפּראַך־שעפערישקייט, נגינה, און אויך מיט פראַגן פון טעכניק, סטיל. עדות דערויף זיינען פיל פון זיינע אָפּהאַנדלונגען איבער באַזונדערע שרייבער אָדער ווערק. אייניקע פון זיינע עסייען האָט אַלגין, דער זעלטענער סטיליסט, דערהויבן צו דער מדרגה פון קונסט.

די רעאַקציע האָט אין משך פון יאָרן אַטאַקירט און פאַרלוימדעט אַלגינען דעם ליטעראַטור־פאָרשער און קריטיקער, אָדער זי האָט אים געפּרוווט פאַרשווייגן, צי מינימיזירן. נאָך אַלגינס טויט זוכט די רעאַקציע אויסנוצן צו פאַרשווייגן אַלגינען. זיין גייסט, זיין וואָרט לעבט אָבער און ווירקט. אַלגין פאַרנעמט אַ בכבודיק אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור־קריטיק.

(נאָוועמבער, 1954 ; צו אַלגינס 15טן יאָרצייט, דעם 22טן נאָוועמבער, 1954)

.3

מ. אַלגין — שוין ביי זיין לעבן איז ער געוואָרן אַ לעגענדע, אַ געזאַנג אויף די ליפּן און אין די הערצער פון ברייטע יידישע האַרעפּאַשנע מאַסן דאָ און אויף יענער זייט ים. שוין ביי זיין לעבן איז ער געוואָרן אַ סימבאָל

פונעם קאַמף פאַר די בעסטע אינטערעסן פון פאָלק. שוין ביי זיין לעבן האָט ער זיך אויפגעבויט אַ לעבעדיקן מאָנומענט אין האַרצן פון פאָלק.

ווי אַלע אמת־גרויסע שייך־גייסטער, פרייהייט־גייסטער, פון אַלע צייטן און לענדער, האָט ער קיינמאָל נית געבויגן דעם קאָפּ פאַר רעאַקציע, פאַר דעם סימבאָל פון אַנטי־קולטור.

ער האָט ביזן לעצטן טאָג פון זיין שעפערישן, פרוכטבאַרן לעבן געקעמפט מוטיק און ענערגיש קעגן דעם חושך פון רעאַקציע. ער האָט אין אָט־דעם קאַמף קעגן קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע, קעגן ווילדער טערייע און נאַכט, געקעמפּט עקשנותדיק, נוצנדיק דאָס העלע ליכט פון אַלע גרויסע אמתע נביאים, דיכטער און דענקער, וואָס האָבן געטריי געדינט דער מענטשהייט.

ער האָט אין אָט־דעם קאַמף גענוצט די ליכט־פּראָזשעקטאָרס, דעם רוף „יהי אור״ פון אונדזערע סאָציאַלע נביאים, פונעם מאַרקסיזם, פון די גרויסע קלאַסיקער פון אונדזער יידישער מאָדערנער ליטעראַטור: מענדעלע, שלום־עליכם, פרץ; ווי אויך דאָס ליכט, די פאָן פון די פאָטערס, פּיאָנערן פון דער יידישער אַרבעטער־דיכטונג אין אַמעריקע: מאָריס ווינטשעווסקי, דוד עדעלשטאַט, יוסף באָוושאָווער, מאָריס ראָזענפעלד. ער האָט קעגן דער וויס־טער נאַכט און בייזער השכּות פון אונטערדריקונג, פון גענאַקען־קאָנטראָל, געקעמפּט בראַוו און אומאויפהערלעך, נוצנדיק די העלע שיין פון די פריי־הייט־געזאַנגען און מאַטיוון פון פּושקין, ניעקראַסאָוו, גאָרקי און מאַיאַקאָוו־סקי; פון מאַרק טווען, דזשאַן גרינליף וויטיער און וואָלט וויטמאַן, און פון די קלאַסיקער פון אַלערליי פעלקער.

צוזאַמען מיט אונדזער גרויסן קלאַסיקער און פרייהייט־טרוימער, יצחק לייבוש פרץ, האָט ער געוואָרפן דעם לאָזונג: „מיר ווילן די אַלגעמיין־מענטשלעכע פאָן נית אַרויסלאָזן פון האַנט, און ווילן נישט פאַרזייען קיין שאָ־וויניסטיש ווילדקרויט״.

צוזאַמען מיט פרצן האָט ער געהאַלטן, אַז דער ציל פון אמתדיקן ליד איז „נית אויסצודריקן דורך מליצות דאָס פּאָעטישע, נאָר אויפצודעקן נייע הימלען, שאַפן פאַרן פאָלק נייע באַגריפן, אַריינדרינגען צו אים מיט נייע געדאַנקען״.

אַלגינס מאָטאָ, זיין לערע, זיין אָנזאָג איז געווען: „געלעבט—געקעמפט״, און מיר זאָגן ווייטער: „געקעמפט—געלעבט״, קאַמף (פאַרן פאָלק, פאַר פרייהייט) איז לעבן אין שענסטן און טיפסטן זין פונעם וואָרט.

אָלגין, אַ געבוירענער אין דער שיינער אוקראַינע, שוין אין זיין פריער יוגנט אַ שרייבער פון פייערדיקע פּראָקלאַמאַציעס קעגן צאַריזם, אַ מסירת־נפשדיקער קעמפער קעגן די צאַרישע שוואַרץ־מאהניקעס און פּאָגראָמשטשי־קעס, אַ מחבר פון איינער פון די ערשטע יידישע כרעסטאָמאַטיעס, האָט זינט 1914 פאַרבונדן זיין לעבן מיט אַמעריקע.

ער האָט ליב געהאַט אַמעריקע — די האָרעפּאַשנע אַמעריקע, די אַמע־ריקע פון דעמאָקראַטישער טראַדיציע, די אַמעריקע פון דזשעפערסאָן, לינ־

קאָלן און רוזוועלט, די אַמעריקע פון וואָלט וויטמאַן, עמערסאָן, דזשעק לאָנ־דאָן, טעאָדאָר דרײַזער, דזשאָן ריד.

אין זײַן פּראַכטיקער עסעי „איך האָב ליב אַמעריקע״ (אין זײַן בוך „אַמעריקע״) האָט ער אויסגערופן מיט פּאַטעטישער קראַפט: „אַ טייער לאַנד אַמעריקע... עס איז מיר ליב פאַר דער פרייהייט־שטרעבונג, וואָס לעבט אין באַוואוסטזיין פון מיליאָנען אַמעריקאַנער. עס איז מיר ליב פאַר זייערע גרויסע ביז־אַהער דורכגעלעבטע פרייהייטס־קאַמפן און פאַר זייער נאָך גרע־סערער פרייהייט־צוקונפט״. אַלגין האָט גערופן די יידישע מאַסן דאָ אין לאַנד צו פאַרבינדן זיך מיט אַט־דער פּראָגרעסיווער, קעמפנדיקער אַמעריקע.

ווען אַלגין זאָל איצט לעבן, וואָלט ער אומדערשראָקן געקעמפט צו ראַטעווען דעם כבוד פון אַמעריקע. ער וואָלט מיט די אייזערנע ריטער פון זײַן שאַרפן, פלאַמיקן וואָרט געבייטשט די „מכשפה־יעגער״, די מלחמה־העצערס, די פאַרשפּרייטער פון מלחמה־היסטעריע. ער וואָלט קאָנצענטרירט זײַן קאַמף קעגן די מעקאַרטיס און דעם מעקאַרטיזם, קעגן די פאַרפאָלגונגען אויף פרידן־קעמפער און אויף פרעמד־געבוירענע, קעגן די פאַרשקלאַפנדיקע, ווילדע געזעצן, וואָס זײַנען באַקאַנט אַלס טאַפט־האַרטלי־געזעצן, סמיט־געזעץ, מעקאַרען־געזעץ און מעקאַרען־וואָלטער (נירענבערג) אַנטי־אימיגראַנטן געזעץ.

אַלגין, וועלכער איז געטריי געשטאַנען אויף דער וואַך פאַר די אינטע־רעסן פון זײַן פאָלק, וואָלט מוטיק געקעמפט קעגן דער געפערלעכער פּאָלי־טיק פון ווידערבאַוואָפענען מערב־דייטשלאַנד, אַ פּאָליטיק פון „וואָס געווען איז געווען״, אַ פּאָליטיק פון צוריקאויפשטעלן נאַציס ביי דער מאַכט; אַ פּאָליטיק, וואָס שמעקט מיטן גיפטיקן רויך פון די גאַז־אויוונס און קאַלך־אויוונס פון אָסוויענטשים און טרעבלינקע.

מיר זאָגן „אַלגין״ — און עס לייכטן־אויף פײַערדיקע ציפערן. 1905, 1917. און עס שײַנט־אויף זײַן ווערק „1905״ — בילדער און באַשרײַבונ־גען פון שטורעם־יאָרן. און עס שײַנט־אויף זײַן בוך „אַמעריקע״ און זײַן ווערק „סאָוועטן־פאַרבאַנד״. און עס ציט זיך אַ קייט פון ברויזנדיקע קאַמפן, הערלעכע קאַמפן, און מיר זעען אַלגינען אין דעם צענטער פון יענע קאַמפן — פאַר דעמאָקראַטישע טרעיד־יוניאָנס, קעגן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם, קעגן נאַציזם, פאַר פרײַנטשאַפט מיטן סאָוועט־פאַרבאַנד, פאַר באַפעסטיקן די פּאָזיציעס פון דער פּראָגרעסיווער יידישער קולטור. אַלגין איז געוואָרן דער סימבאָל פון אַט־די קאַמפן און קאַמף־טראַדיציעס. און זײַן גייסט לעבט אין אַט־די קאַמפן.

אַלגינס לעבנס־וועג — ס'אַראַ הערלעכער וועג! שוין פון סאַמע אָנ־הייב, שוין אין 1905, האָט ער מיט זײַנע פּראָקלאַמאַציעס, מיט זײַנע שריפטן, אַרויסגערופן קעגן זיך דעם צאָרן פון די צאַרישע משרתים.

אַלגין האָט ניט אָפּגעטיילט קולטור פון פּאָליטיק. ביי אים איז קולטור געווען ענג פאַרבונדן מיט פּאָליטיק, מיט פּראָגרעסיווער פּאָליטיק, מיטן קאַמף פאַר דעם פאָלק. אין אַלע זײַנע אָפּהאַנדלונגען וועגן אונדזערע קלאַ־

סיקער און וועגן די מאָדערנע פּראָגרעסיווע שרייבער האָט ער אונטערגעשטראָכן דעם געדאַנק: זיי האָבן געשאַפן, זיי שאַפן פאַר דעם פאָלק.

דעריבער האָט ער ניט אויפגעהערט צו מאָנען און פאָדערן און לערנען די יונגע שרייבער: „מיר דאַרפן אַ ליטעראַטור, וואָס דער גורל פון אָט־די מיליאָנען [פון פאָלק] זאָל זיין איר עסק“.

אָלגין — די הויך־עטישע פּערזענלעכקייט, דער שאַפער, וואָס האָט געווידמעט זיין לעבן און טאַלאַנט דעם פאָלק און זיין קולטור, האָט אונדז גערופן צו „באַשענערן און באַרייכערן אונדזערע נשמות“. ער האָט זיינעם אַן אַרטיקל (געדרוקט אין בוך „קולטור און פאָלק“) פאַרענדיקט מיט אַן אויסצוג פון דער איקוף־פּראָגראַם, וואָס רופט: „זאָרגן פאַר דער אויסברייטערונג, פאַרטיפונג, באַרייכערונג, פאַרפיינערונג פון דער יידישער וועלטלעכער פּראָגרעסיווער קולטור, סטימולירן איר וויטערדיקן וואוקס אין דער ריכטונג פון סאָציאַלער גערעכטיקייט און פרייהייט“.

ער האָט דעריבער ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל געוואָרנט קעגן שאָוויניזם. ער האָט שאַרף און אומקאָמפּראָמיסלעך באַקעמפט דעם אַזוי־גערופענעם „קולטוריזם“ אין געזונזנפיסלעך — אַ „קולטוריזם“ פון אומקום, פון געטאָאיזם, פון נאַציאָנאַלער אָפּגעגרענעצטקייט, פון „אתה בחרתנו׳איזם“, פון „נישט צולאָזן דעם מאָרגן“ (לויט פרצעס אַן אויסדרוק). ער האָט געלערנט צו בויען קולטור ווי אַ מעכטיק געציייג קעגן רעאַקציע, קעגן מלחמה און פאַשיזם. ער האָט געלערנט צו בלייבן געטריי די פּראָגרעסיווע טראַדיציעס פונעם פאָלק, דער פּראָגרעסיווער קולטור פון קאַמף פאַר דעם לעבן און וואוילזיין פונעם פאָלק.

אָלגין, דער גרויסער וואָרט־מייסטער, דער לירישער דיכטער, האָט באמת געשריבן מיטן בלוט פון זיין האַרצן. ער, דער גרויסער באַגייסטערער פון ברייטע מאַסן, האָט זיין ענטוזיאַזם געשעפּט פון די קאַמפן פון די מאַסן. ער האָט, ווי דוד עדעלשטאַט, באַטראַכט זיין פען אַלס אַ „גייסטיקע שווערד“, און וועגן זיינע לידער און זינגענדיקער פּראָזע קאָן מען זאָגן, נוצנדיק עדעלשטאַטס אויסדרוק, אַז עס „רוישט דאָרט אַ טייך פון מענטשלעכע טרערן, צעמישט מיט דעם דיכטערס בלוט“.

אַזאַ איז געווען דער דיכטער פון שטורעם־ליד, דער שטורעם־פויגל פונעם יידישן אַרבעטער־פרילינג!

און מיר הערן זיין רוף: „נאָר ניט אַריינפאַלן אין פּאַניק“ און מיר שעפּן מוט פון זיין אָנזאָג: „עס וועט קומען ליכט, עס וועט קומען אמת. דער טאָג איז שוין ניט וויט“. און מיר פאַרצייכענען אין אונדזער זכרון זיין צורוף: „עס איז דאָ אַ וועלט מיט אַרבעט“.

און מיר זאָגן־צו, מיר זאָגן־צו: האַלטן ערלעך און טייער די רייכע גייסטיקע ירושה פון משה אָלגין; שעפּן פון די קוואַלן פון זיין ירושה: באַפעסטיקן זיין לעבנס־מאָנומענט — די „מאָרגן־פרייהייט“; פאָרזעצן זיין קאַמף פאַר אַ וועלט פון שלום און פעלקער־פריינטשאַפט, פרייהייט און ברידערלעכקייט.

נאָוועמבער 21, 1954.

4.

אוּן אַוועקגיין — און דאָך זיך נישט ענדיקן,
און אַוועקגיין — און דאָך נישט פאַרגיין,
און פאַרבלייבן לעבן און שטענדיקן,
אַזוי ווי דאָס פאָלק אַליין.

עזרא פינינבערג („ליריק“, 1940)

אויף דער וואַנט לעבן מיין שרייבטיש, איבער מיין קאָפּ, הענגט אַ בילד. אינדרויסן מעג שטורעמען, זאַווערוכעס מעגן וואָיען, שלאַקס־רעגנס מעגן שלאָגן איבער דעכער, — פון דעם בילד וואָס איבער מיין קאָפּ שטראַלט ז'ער פרילינג.

עס איז דאָס בילד פון משה אָלגין. פון זיינע אויגן שיינט דער מאַי. עס איז דער כאַראַקטעריסטישער אָלגין־שמייכל. אַ שמייכל פון טריאומף. עס שטראַלט און מוטיקט דער אָלגין־פּאָרטרעט: אַ קוואַל פון אָפּטימיזם, פון זיכערקייט אין זיג. דער אָלגין־שמייכל זאָגט: יאָ, „וויכערס פיינטלעכע וואָיען איבער אונדז“; קעמפן דאַרף מען, ברודערקע, פאַרשטאַרקן דעם קאַמף. אונדזערער איז דער זיג. שטיינערדיק איז דער וועג, פול מיט שווע־ריקייטן און שטערונגען, נאָר ער פירט פאָראויס, צום „נייעם טאָג“, צום העלן מאָרגן, צו אַ נייער ערד, צו גרינע בליענדיקע סעדער פון פרידן, פרייהייט און פעלקער־פריינטשאַפט.

איך טראַכט אָפט: ווי גליקלעך עס איז דאָס יידישע פאָלק, וואָס עס האָט געגעבן דער מענטשהייט אַזאַ פּרעכטיקע מתנה, אַזאַ געטרייען, מוטיקן, מסירת־נפשדיקן קעמפער פאַר פרייהייט און סאָציאַליזם, אַזאַ גייסטיקן ריז, וואָס האָט געווידמעט זיין לעבן און טאַלאַנט דעם קאַמף פאַר סאָציאַלן יושר און ברידערלעכקייט.

אין 1914 איז ער צום ערשטן מאָל אַרויפגעטראָטן אויפן אַמעריקאַנער באָדן. געקומען איז ער פון זיין „שטעטל אין אוקראַינע“, בוקי, פון דעם וואַלד וואו זיין טאַטע האָט שווער געהאָרעוועט; פון קיעווער אוניווער־סיטעט, און שפּעטער פון ווילנע, פון הינטער די גראַטעס; געקומען איז ער, דער שרייבער פון פייערדיקע רעוואָלוציאָנערע פּראָקלאַמאַציעס, דער מחבר פון „געלעבט — געקעמפט“, פון די נאָוועלן און דערציילונגען „ווען קייטן קלינגען“ („ווען דאָס לעבן רופט“) און פון דער כרעסטאָמאַטיע „דאָס יידישע וואָרט“ (איינע פון די ערשטע יידישע כרעסטאָמאַטיעס).

און געבראַכט האָט ער, משה־יוסף נאָוואָמיסקי, מיט זיך אַ ריזיקן, פיל־זייטיקן, בריליאַנטענעם טאַלאַנט און אַ האַרץ, וואָס קרענקט פאַרן פאָלק, און אַ שטיק פון דעם שענסטן, בעסטן, פּראָגרעסיווסטן טייל פון אַלטן רוס־לאַנד: די איינפלוסן פון די רוסישע פאָלקס־דיכטער ניקיטין, ניעקראַסאָוו, קאָלצאָוו; פון די רעוואָלוציאָנערע מאָטיוון פון פּושקינס און שעווטשענקאָס ווערק; די ווירקונג פונעם פּיאָנער פון דער רוסישער פּראָלעטאַרישער לי־

טעראַטור — מ. גאָרקי; די השפעה פון די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטן — בעלינסקי, טשערנישעווסקי, דאָבראָלובאָוו; די טראַדיציע פון אונדזערע גרויסע קלאַסיקער מענדעלע, שלום־עליכם, פּרץ. ער האָט שפּעטער גע־שעפּט פולע הויפנס פון דער נייער סאָציאַליסטישער סאָוועטישער ליטע־ראַטור, און איז צונויפגעוואַקסן געוואָרן מיט דער אַמעריקאַנער ערד, מיט דער פּראָגרעסיווער אַמעריקע, מיט דער אַמעריקע פון עמערסאָן, וויטמאַן, דזשעק לאָנדאָן, טעאָדאָר דרייזער, פרענק נאָריס, דזשאָן ריד. ער איז שפּע־טער געוואָרן דער מחבר פון די ענגלישע ווערק: „אַ וועגווייזער צו דער רוסישער ליטעראַטור" (ניו־יאָרק, 1920) און „מאַקסים גאָרקי — שרייבער און רעוואָלוציאָנער (ניו־יאָרק, 1933); אויך דער איבערזעצער פון דזשעק לאָנדאָנס „די שטימע פון בלוט" און דזשאָן רידס „צען טעג וואָס האָבן אויפ־געטרודערט די וועלט".

ער האָט אַרונטערגעריסן דעם געלן, וואולגאַרן, ביליקן, אַלראַיטניקישן, אייב קאַהאַנישן, אָדער קאַהאַניסטישן, „אַמעריקאַניזם", וואָס שעמט זיך צו ריידן יידיש בפרהסיא, וואָס זאָגט־אָפּ דאָס לעבן דעם יידישן לשון, וואָס בראָקט אַ „פּאַטעיטאָ"־יידיש. ער האָט גערופן דעם יידישן אימיגראַנטישן אַרבעטער „צו פאַרבינדן זיין אייגענעם גורל מיטן גורל פונעם גאַנצן פּראָלעטאַריאַט פון לאַנד. דאָס איז אמתע אַמעריקאַניזאַציע".

ס'איז אַ גרויסן פאַרלוסט דאָס יידישע פאָלק האָט געליטן מיטן פּריצײ־טיקן טויט פון אָט־דעם שטאַלצן, ווירדיקן פּאָליטישן פירער און קעמפער, קולטור־שאַפער און בויער, לערער און וועגווייזער, ליטעראַטור־קענער און פאָרשער, לאַנגיאָריקער רעדאַקטאָר פון דער „מאָרגן־פרייהייט", דיכטער, פּובליציסט, בעלעטריסט און ליטעראַטור־קריטיקער!

ווען ער לעבט איצט, וואָלט זיין פלאַמיק און שיינענדיק וואָרט געדונערט פון דער טריבונע און דורך שריפט קעגן די צוגרייטער פון אַ נייער וועלט־מלחמה און פון נייע טרעבלינקעס, קעגן דער באַוואָפענונג פון נאַצי־אַדענ־אוער דייטשלאַנד און קעגן יענע יידישע פאַרפירער און פאַררעטער, וואָס פירן איצט אונטערהאַנדלונגען מיט די היטלעריסטישע מאַסן־מערדער, וועלכע האָבן אומגעבראַכט זעקס מיליאָן יידישע נפשות. אָלגינס מעכטיק וואָרט וואָלט געצאָרנט קעגן דער ווילדער רעאַקציע, וואָס בושעוועט איצט אין אונדזער לאַנד, קעגן דעם ווילדן מכשפה־געיעג, קעגן די סמיט־און מעקאַרען־געזעצן, קעגן די רדיפות אויף פרידן־קעמפער.

עס זאָגט אַ רוסיש ווערטל: „וואָס פינצטערער די נאַכט, אַלץ העלער לויכטן די שטערן". וואָס געדיכטער דער איצטיקער חושך, אין וועלכן די רעאַקציע זוכט איינצוהילן די געמיטער און מוחות פון די פאָלקס־מאַסן, אַלץ העלער שטראַלט־אַרויס די פּערזענלעכקייט פון אָט־דעם גרויסן יידישן אַר־בעטער־און פאָלקס־פירער, אָלגין.

אַ שווערע צייט לעבט איצט דורך דאָס אַמעריקאַנער פאָלק. היסטעריע פון קריג־צינדער, וואָס זוכן אַריינצושליידערן די וועלט אין אַ נייער שריפה. מען קאָן ממש אָנטאַפּן די ירידה און הפקרות פון דער בורזשואַזער מאָראַל,

געזונקענקייט פון בירגערלעכער עטיק, אפגעשוואכטקייט פון אחריות־געפיל. וואשינגטאן באוואפנט נאצי־דייטשלאנד, נאצי־גענעראלן, שטעלט־אויף א נאצי־ארמיי, אן ארמיי פון מערדער, וואס האבן זיך געבאדן אין יידיש בלוט — און יידישע אזוי־גערופענע פירער און אינטעלעקטואלן פארטיידיקן אזא פאליטיק, זוכן ריינצוואשן די אדענאוערס מיט זייערע מלחמה־פארברעכער. און פיל יידישע שרייבער שוויגן — און אנדערע באַרעכטיקן. אין לאנד: א וואקכאנאליע פון דער רעאקציע, אן אנגריף אויף אלץ וואס איז פראגרע־סיוו, אויף קאנסטיטוציאנעלע רעכט פון בירגער, אן אויפשטייג פון אנטיסע־מיטיזם, לינטשערייען און „פרעים־אפס" קעגן נעגערס; „מענטשלעכע נשמות, מענטשלעכע והערדע ווערן געקרענקט און באליידיקט" — און וואו זיינען די פראטעסט־שטימען פון יידישע שרייבער אין בירגערלעכן לאגער? און אט אין אזא צייט, ווען עס הוליען די פלעדערמייז און די שאקאלן, ווען מען פארהערלעכט היטלער־גענעראלן (ראמעל), ווען מען באליידיקט גראב און פרעך דאס יידישע פאלק (מיטן פילם „אליווער טוויסט"), ווען מוסרים קעגן ארבעטער־קעמפער ווערן באהאנדלט ווי בכבודיקע לייט — אט אין אזא צייט, פון פחדנות פון פיל „ליבעראלן", פון שרעקלעכער מאראלישער דעגראדא־ציע, טורעמט הויך, ווי א בארג, די אלגין־פערזענלעכקייט, פינקלט ווי טויזנט זונען די פערלדיקע, וואונדערלעכע געשטאלט פון עכטן אידעאליזם, די גע־שטאלט מ. אלגין.

אלגין — דאס צויבער־ווארט, אלגין — דער שטורעם־פויגל פון ברויזנ־דיקן קאמף פאר מענטשן־רעכט און דעמאקראטיע, אלגין — דער דערציער פון דורות ארבעטער און אינטעלעקטואלן, דער ליבלינג פון גרויסע מאסן יידישע ארבעטער און פאלקס־מענטשן אין די אמעריקעס, אין אייראפע, און אומעטום, וואו יידן לעבן און ווירקן.

אין די איצטיקע אלגין אנדענק־טעג שעפן מיר אויפדאסניי מוט און אפטימיזם פון אלגינען, און אזעלכע טעג זיינען א דערמאנונג צו פארזי־כערן, בויען און פארשטארקן דעם ליכטיקן אלגין־מאנומענט: די אלגין־צייטונג — די „מארגן־פרייהייט".

נאוועמבער 24, 1951 (צום צוועלפטן יארצייט פון מ. אלגין).

5.

אין 1917 איז אין ניו־יארק דערשינען אין ענגליש מ. אלגינס וויכטי־קער בוך: „די נשמה פון דער רוסישער רעוואלוציע" (מיט אן אריינפיר פון פראפ. וולאדימיר ג. סימכאוויטש און מיט אילוסטראציעס). דער בוך באַ־שטייט פון פיר טיילן: סאציאלע כוחות; די גרויסע דראמע: 1905־1906; קעמפער און טרוימער; מערץ, 1917.

אט־דער בוך (423 זייטן) האט א סך אויפגעטאן אויף צו באקענען דעם ענגליש־לייענענדיקן עולם מיט די קאמפן פון דער רעוואלוציאנערער רוס־לאנד. ביז דאן איז נאך אין ענגליש ניט געווען א בוך פון אזא פארנעם,

פון אַזאַ טיפן און גרינטלעכן אַנאַליז פון דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער אַנטוויקלונג אין רוסלאַנד ביז דער רעוואָלוציע פון 1905 און 1906, מיט אַזאַ אויספירלעכער און לעבעדיקער באַשרייבונג פון דער רעוואָלוציע גופא פון 1905־1906, פון די סאָציאַלע און פּאָליטישע געשעענישן נאָך 1907 און פון דער פעברואַר־מערץ רעוואָלוציע פון 1917.

בלעטערן מיר אָט־דעם ווערטפולן בוך, אָט־דעם ליטעראַרישן דאָקומענט, וואָס איז שוין איצט אַ יקר־המציאות, און מיר באַוואונדערן דעם מחברס רייכע קענטעענישן פון דער רוסישער געשיכטע און ליטעראַטור, זיין טיפן ווייסן, זיין פאַרשטענדעניש פאַר די גרויסע היסטאָרישע געשעענישן פון זיין צייט, און זיין פיאיקייט צו באַהערשן אַ נייע פאַר אים שפּראַך — ענגליש — אין משך פון אַזאַ קורצער צייט (אָלגין איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1914 !) און אויסהאַמערן אַזאַ פּרעצטיקן, קרעפטיקן סטיל.

ריכטיק באַמערקט פּראָפ. סימכאָוויטש אין זיין אַריינפיר־וואָרט : „דער סטיל פונעם בוך, זיין לייכטקייט און פלעסיקייט, דאַרף ניט פירן דעם לייענער צו אַן אונטערשאַצונג פון זיין געלערזאַמען כאַראַקטער. אָט־דער בוך, וואָס לאָזט זיך לייענען אַפשר מער פון אַלע אַנדערע ביכער וועגן דער רעוואָלוציע, איז אין דערזעלבער צייט דאָס סאַמע וויסנשאַפטלעכסטע ווערק, וואָס איז ביז איצט דערשינען אין דער ענגלישער שפּראַך".

דער דריטער טייל פון מ. אָלגינס בוך איז אַ פּאַרזוך צו ווייזן און אויס־טייטשן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין צאַרישן רוסלאַנד דורך ברענ־גען ביישפּילן און אויסצוגן פון דער רייכער רוסישער ליטעראַטור. דורך אָט־דער רעאַליסטישער ליטעראַטור ברענגט דער מחבר ראַיעלע, אמתדיקע בילדער פונעם לעבן־שטייגער און געדאַנקען־גאַנג פון רוסישע אַרבעטער און פויערן, אינטעלעקטואַלן, פאַרשיידענע רעוואָלוציאָנערע פיגורן, און — צאַ־רישע „טשינאָווניקעס", ביוראָקראַטישע באַאַמטע, פּריצים און אַנדערע זיילן פונעם צאַריזם. אויף אָט־דעם זייער אינטערעסאַנטן טייל, וואָס הייסט „קעמ־פער און טרוימער", וועלן מיר זיך דאָ אָפּשטעלן. אין אָט־דעם טייל גייט דער מחבר אַריבער, ווי ער אַליין דערקלערט, „פון דער געשיכטע פון באַ־וועגונגען צו דער געשיכטע פון מענטשן". נוצנדיק מוסטערן פון דער רו־סישער ליטעראַטור אַלס אַ מאַטעריאַל־קוואַל פאַר אַרויסברענגען, שיל־דערן און כאַראַקטעריזירן פאַרשיידענע סאָציאַלע טיפּן, דערקלערט מ. אָלגין : „אין משך פון דער גאַנצער צייט, דורך אַלע היסטאָרישע אַנטוויקלונגען פונעם 19טן און 20טן יאָרהונדערט, האָט דער אידעאַל פון סאָציאַלער גע־רעכטיקייט, פון פריהייט פאַר די אונטערדריקטע, פון וואָלוויליין פאַר די באַרויבטע, באַלויכטן דעם וועג פון דער רוסישער בעלעטריסטיק".

דער האַזיקער — דריטער — טייל פונעם בוך איז אומדירעקט אַן אי־בערבליק איבער אַ וויכטיקן טייל פון דער רוסישער פּראָגרעסיווער לי־טעראַטור. דורך איר שפּיגל ווייזט אונדז דער מחבר די רוסישעווירקלעכ־קייט פון דעם דערמאָנטן היסטאָרישן פּעריאָד.

ער ווייזט אונדז די גאַנצע פאַרדאָרבנקייט, צעפוילטקייט, ברוטאַלקייט

און לעכערלעכקייט פונעם צארישן באאמטנטום, שרויפן אין דער מאנאר־כיסטיש־פריציישער אונטערדריקערישער מאשין, דורך דעם באריכמטן ווערק „פאמפאדור" פונעם גרויסן רוסישן ראדיקאל און סאטיריקער מ. סאלטיקאוו־שטשעדרין. דער צארישער באאמטער פיאדאר קראטיקאוו ווערט דא גע־וויזן ווי א טיפ אין זיין פולער נבזהדיקייט, ווי א דינער פונעם בעסטיאלישן רעזשים.

און אט איז א טרעפלעך בילד פונעם צארישן לאקיי, איוואן קאלאמי־צעוו, א פאליציי־הויפט, ווי אפגעפארטרעטלט אין מאקסים גארקיס פיעסע „דער לעצטער". ער שטייט דא פאר אונדז אין זיין גאנצן ציניזם, אין זיין גרויזאמקייט, גייציקייט נאך געלט און מאכט, חיה׳שקייט און בלוטיקע אטאַ־קעס אויף פאליטישע ארעסטירטע, און — מיט זיינע קאמישע כאראקטער־שטריכן. איר זעט אט־די פארקויפטע נשמה דורך די אויגן פון זיין אייַ־גענער פרוי. פארשיקן אן אומשולדיקן מענטשן צום טויט איז ביי אים א קלייניקייט — אבי ער, דער אויסוואורף, זאל קענען שטייגן צו א הע־כערן אמט.

די רעוואלוציאנערע באוועגונג שטייגט. עס וואקסט דער כוח, וואס פאדערט יושר, וואס קומט צו משפטן. די רשעים ציטערן. עס פאלט א שרעק אויף די צאר־ישע באאמטע, וואס פארגיסן דאס בלוט פון פאלק. אט־די שרעק אין די הערצער פון די מערדערישע באאמטע שילדערט אלגין דורך לעאניד אנדרעיעווס דערציילונג „דער גובערנאטאר". דער „העלד" פון דער דער־ציילונג, דער גובערנאטאר, וואס האט דערהרגעט און פארוואונדעט צענ־דליקער אומשולדיקע ארבעטער־דעמאנסטראנטן, ווייסט, אז זיין גורל איז פארזיגלט. די שרעק פארן זיכערן אומקום לאזט אים ניט אפ. די האנט פון נקמה איז אויסגעשטרעקט. ער קריגט זיין שטראף.

און אט קומען קאפיטלען, וואס שילדערן דאס דארף אין צארישן רוס־לאנד צום סוף פונעם 19טן יארהונדערט. דער מחבר ברענגט מעכטיקע, כאראקטעריסטישע בילדער פונעם פויערן־לעבן דורך די ווערק פון גליעב אוספענסקי און דורך א. סעראפימאוויטשעס דערציילונג „מיטנאכט". איר האט דא שילדערונגען פון דלות און חושך אין אמאליקן דארף, פון פריצי־שער שוידערלעכער עקספלואטאציע, פון פארשיידענע כאראקטערן און איי־דיעען אין דעם ווייסטן, צוריקגעשטאנענעם צארישן דארף; די געשטאלטן פון אזעלכע פויערים ווי איוואן יערמאלאיעוויטש און איוואן אפאנסיעוו, און דער עיקר, דעם פויערס איינקלאמערן זיך אין דער „מוטער־ערד", זיין ליב־שאפט און צוגעבונדנקייט צו איר, ווי צום „פונדאמענט פון לעבן".

און אט קומען אנדערע בילדער, רירנדיקע בילדער פון געהיימע רע־וואלוציאנערע פויערישע גרופן און ארגאניזאציעס. דער שרייבער סקיטאַ־ליעץ ברענגט־ארויס אין זיין דערציילונג „דער ברענענדיקער וואלד" א נייעם העלד, מיראן. דער הויפט־העלד פון דער דערציילונג, מיראן, אליין א יונ־גער פויער, איז דער פיאיקער, מסירת־נפשדיקער ארגאניזאטאר פון א פוי־ערן־רעוואלט. מיראן איז דער צייכן, סימבאל, אנזאג פון דער נייער צייט

— פונעם אנקומענדיקן שטורעם פון דער רעוואלוציע. ער רופט: „די צייט איז געקומען פאר אונדז אלעמען צו גיין און נעמען אונדזער פויערן־גליק מיט אונדזערע אייגענע הענט". פריצישע וועלדער ברענען, פריצישע מאיאנטקעס ווערן אונטערגעצונדן. מיראן און די אָרעמע דאָרפסלייט, זיינע נאכּפּאלגער, טראגן די פייער־פאקלען אין די דערפער פון 1905.

פונעם רייכן אוצר פון די רוסישע דערציילונגען וועגן ביטערע געראנגלען צווישן פריצים און פויערן, וועגן ברענענדיקע מאיאנטקעס, קאזאקישע אָנפאלן אויף די דערפער, געשמיסענע פויערן, פארגוואלדיקטע פויערטעס, בילדער פון בלוט און שווייס, נויט און טויט, קלייבט־אויס דער מחבר מ׳ יזשעלס דערציילונג „ארענדע": אַ דאָרף אין רעוואלט קעגן צאַריש־פּריצישן יאָך. פון איין זייט — דער פּריץ לאַפּטיעוו און די קאַזאַקן; פון דער צווייטער זייט — די אָרעמע פויערן און זייער אָנפירער אַבראַם. דער העלדישער אָנפירער ווערט געשטעלט צום קריג־געריכט; אָבער קלאָר איז: סוף־כל־סוף וועט זיגן דאָס גאַנצע פון רעוואלטירנדיקן פאָלק.

דער מחבר גיט אונדז בילדער פון נויט, אָרעמקייט, הונגער, קראַנקהייטן, פּריצישע אכזריותן אין דאָרף, ווי געשילדערט אין יעווגעני טשיריקאָווס דראַמע „מוזשיקעס"; און אויטענטישע בילדער פון פויערשע אַטאַקעס אויף די גיטער פונעם פּריץ ניקאַלאַ טערעשטשענקאָ אין פעברואַר, 1905, ווי באַריכטעט אין „געריכט־דראַמען" פון דעצעמבער, 1905.

און איצט קומען מיר צו צו די קאַפּיטלען וועגן אַרבעטער אין די גרויסע אינדוסטריעלע צענטערס אין אַלטן רוסלאַנד. דורך דער דערציילונג „אַרויפּשטייגנדיק" פונעם באַוואוסטן שרייבער־נאַראָדניק נ. פּעטראָפּאַוולאָווסקי קאַראָנין ווייזט אונדז אַלגין דעם מערקווירדיקן פּראָצעס, ווי אַזוי פונעם געוועזענעם אָרעמען, צוריקגעשטאַנענעם פויער מיכאַילאָ לונין מיט אַלע זיינע באַגרענעצטקייטן ווערט (מיט דער הילף פונעם שלאָסער פּאַמיטש) אַ קלאַסן־באַוואוסטזיניקער, געבילדעטער שטאָטישער פּראָלעטאַריער, גרייט און פייאיק צו אָרגאַניזירן אַרבעטער און צו פירן פּאָליטישע אויפקלערונג־אַרבעט אין די פאַבריקן. מיכאַילאָ האַלט אין שטייגן.

וואונדערלעכע בילדער פון די נייע, יונגע, רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער אין די פאַרשטעט, בילדער פון געהיימע שטודיר־קרייזלעך, פון מסירת־נפשדיקע העלדישע רעוואָלוציאָנערע טאַטן ווערן אינעם בוך געגעבן דורך אַ טיפן אַריינבליק אין גאָרקיס אומשטערבלעכן ווערק „מוטער". דער אַרבעטער־פירער פּאַוועל וולאַסאָוו, זיין פריינט אַנדרעי, דער דיכטער און וויזיאָנער אַנדרעי נאַכאָדקאַ, זייער חבר ניקאָלאַי וועסאָווטשיקאָוו, אַ פּשוטער אַרבעטער, און פּאַוועלס מוטער — פּעלאַגיאַ וולאַסאָוו — די צענטראַלע פיגור אינעם ווערק, שטעלן־איין זייער לעבן אין קאַמף פאַרן פאָלק, פאַר פרייהייט און יושר. זייער אָרגאַניזיר־אַרבעט ברענגט פרוכט. די פּראָלעטאַרישע פאַרשטעט באַזאָרגן שוין די דערפער מיט אַגיטאַטאָרס און פלוגבלעטלעך. די רעוואָלוציע מאַרשירט פאָראויס. קיין קייטן און סיבירן שטעלן זי ניט אָפּ.

1907. ביטערע צייטן פון דער צעיושעטער רעאַקציע נאָכן דורכפאַל פון

דער רעוואָלוציע פון 1905. די טראַגישע איבערלעבונגען פונעם רעוואָלוציאָנערן אָרגאַניזאַטאָר סערגעי פעטראָוו אין די צייטן פון דער צווייטער דומע ווערן אַרויסגעבראַכט דורך דער דערציילונג „אָפּגעוועלקט“ פון ר. גריגאָריעוו, געשריבן אין 1913. בילדער פון אַפּאַטיע. פיל אינטעליגענטן פאַרשווינדן פון די רעוואָלוציאָנערע רייען. פעטראָוו ווערט היגעריכטעט; אַרבעטער־מיטינגען ווערן ניט גוט באַזוכט. אָבער — די זאַך פון דער רעוואָלוציע איז נאָך ניט פאַרלוירן. מיט צוויי־דריי יאָר נאָך דעם צאַרס אויפלייזונג פון דער דומע אין יוני, 1907, קומט אַ ווידער־אויפלעבונג אין די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־רייען. אַלגין אונטערשטרייכט אַט־דעם פינאַל אינעם בוך: אַן אַרבעטער באַגעגנט זיך מיט אַן אינטעליגענטקע. ער רעדט מיט אַ קעמפערישן טאָן. זי חידושט זיך: „צוליב וואָס דערמאָנען די פאַרגאַנגענהייט. צי זיינען מיר דען ניט אַלע געשלאָגן?“

„אָ, ניין!“ — ענטפערט איר דער אַרבעטער. „איר מאַכט אַ טעות, חברטע! מיר זיינען ניט געשלאָגן. איר זייט פון אונדז אַוועק. מיר אָבער זיינען ווייטער געוואַקסן אַ נייע אינטעלעקטועלע קראַפט. מיר וועלן האָבן אונדזערע אייגענע פּראָלעטאַרישע פירער. צי פילט איר ניט, אַז די שווערסטע צייטן זיינען שוין פאַריבער! ס'אַראַ יוגנט ס'איז אויסגעוואַקסן צווישן די אַרבעטסלייט!“. אַ נייע רעוואָלוציאָנערע כוואַליע האָט זיך אַ גאָס־געטאָן איבער דער רוסישער הויפּטשטאָט.

דער מחבר שילדערט אויך די באַציאונגען צווישן אינטעלעקטואַלן און פּשוטע אַרבעטער אין זייער שטעלונג צו דער רעוואָלוציע. מיר זעען דעם געדאַנקען־גאַנג פונעם רעוואָלוציאָנערן סטודענט אין וו. דמיטריעוואַס דערציילונג „וואָלקנדלעך“. דער מחבר דערציילט־איבער און אַנאַליזירט דאָס פּרעכטיקע ווערק פון וו. ווערעסאַיעוו „דער ווענדפּונקט“, וואָס שילדערט די איבערלעבונגען, שטימונגען און פּסיכאָלאָגיע פון אַ גרופּע אינטעלעקטואַלן אין אָנהייב פונעם איצטיקן יאָרהונדערט אין זייער צוגאַנג צו דער רעוואָלוציע. אַ סך פון די אינטעלעקטואַלן זיינען אַריינגעצויגן און מיטגעריסן געוואָרן מיטן מעכטיקן שטראָם פון דער רעוואָלוציע.

אַלגינס בוך, פאַרעפנטלעכט אַ פּאָר יאָר איידער דער מחבר איז געוואָרן דער אָנערקענטער פירער פון דער לינקער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג דאָ אין לאַנד, איז אַ זעלטן־שיינער און באַלערנדיקער דאָקומענט פון פאָלקס־גבורה, וואָס האָט שפּעטער געפירט צום מעכטיקן אָקטאָבער 1917 און צו דער דערפאָלגרייכער בויאונג פון סאָציאַליזם אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, און שפּעטער אין כינע און אין די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס אין אייראָפּע.

נאָוועמבער 22, 1959.

6.

עס איז געווען אַ גרויסער פריידיקער מאָמענט. איך האָב ווידעראַמאָל געזען מיין לערער און פירער, מיין פריינט, וועלכער איז געווען ערנסט

קראַנק. איך האָב געזען אונדזער מ. אַלגין, דעם רעדאַקטאָר פון דער „מאָרגן־פרייהייט״.

ס׳איז געווען אַ פרייד צו זען, ווי מיין ליבער לערער גייט שוין אַרום געמיטלעך איבערן צימער, רעדט רואיק ווי אַ פולשטענדיק־געזונטער. ס׳איז געווען אַ פרייד צו זען און דערפילן דעם כאַראַקטעריסטישן אַלגינישן ענער־גיע־שטראָם אין זיינע פּנים־מוסקולן, אין זיינע פלינקע באַוועגונגען.

איך האָב באַלד ביים אַריינקומען אין צימער דערפילט אַ וואַרעמקייט, וואָס האָט זיך באַלד איבערגעגעבן דורכן חברישן, קרעפטיקן האַנט־דרוק, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דער פּערזענלעכקייט אַלגין, פון די רויטע, שמע־קעדיקע, לעבעדיקע בלומען אויפן טיש, פון די ביכער, וואָס שטייען אין אָרדנונגפולע רייען.

אין די סאַמע שווערסטע מינוטן פון זיין קראַנקהייט האָט מ. אַלגינס געדאַנק ניט אויסגעלאָזט דעם פּאָליטישן אַרום, ניט אָפּגעשוואַכט דעם אינ־טערעס צו די גרויסע געשעענישן פון טאָג. מיטן כוח פון זיין אַנטשלאָסנ־קייט האָט ער געקענט גובר זיין פיזישן פּיין, כדי צו קענען נאָכפאָלגן די פּאַסירונגען פון אונדזערע טעג, דעם גאַנג פון דער באַוועגונג, די אַרבעט פון דער „מאָרגן־פרייהייט״. ער האָט געלייענט מער ציטונגען און ביכער, ווי אַ היפּשע גרופּע געזונטע לייענער.

אַ פּעקל נעכטיקע ציטונגען ווערט אַרויסגעטראָגן פון צימער. אָבער אַלגין באַטראַכט פריער יעדע ציטונג באַזונדער, ער וויל זען צי זי איז שוין אַן איבערגעלייענטע...

אונדזער געשפּרעך האָט זיך געדרייט אַרום פיל פאַרשיידענע פראַגן. אָבער אין צענטער פון געשפּרעך איז געשטאַנען די „מאָרגן־פרייהייט״.

וויפל טיפע באַדויערונג איז געווען אין אַלגינס טאָן, וואָס ער אַליין איז ניט אימשטאַנד צו באַטייליקן זיך אין דער געלט־קאַמפּאַניע: גיין, פאָרן, רעדן, אַפּעלירן, מאָנען, זאַמלען דעם פאַרזיכערונג־פאָנד פאַר אויפהאַלטן דאָס לעבן פון דער פאָלקס־ציטונג.

„איך האָף, אַז צום יובילי פון דער ,מאָרגן־פרייהייט׳, דעם 2טן אַפּריל, וועל איך שוין קענען קומען — און רעדן אויך״. אַלגין זאָגט עס מיט אַ שטראַלנדיקן שמייכל. איך פּרוּוו ביי אים אָפּדינגען דאָס רעדן: „ס׳איז בעסער פאַר אייער געזונט, איר זאָלט זיך נאָך אָפּהאַלטן פון רעדן״. אָבער עס איבערציגט ניט. „וואָס הייסט, זיצן און ניט רעדן?״ — קאָן נאָך אַלגין ניט צולאָזן אַזאַ געדאַנק.

מיר רעדן וועגן דעם אינהאַלט פון דער ציטונג, וועגן דעם ווי אַזוי זי האָט אָפּגעשפּיגלט די־און־יענע וויכטיקע געשעענישן. מען זעט, אַז דער רע־דאַקטאָר האָט קראַנקערהייט נאָכגעפאָלגט יעדן אַרטיקל, יעדן עדיטאָריעל, יעדע דערציילונג, יעדעס שטיקל נייעס. אַזאַ־און־אַזאַ אַרטיקל האָט געטראָפן אין פּינטל — און דאָס האָט אים געפרייט. דאָ־און־דאָ איז עפּעס ניט אינ־גאַנצן קלאָר אַרויסגעבראַכט געוואָרן — און דאָס האָט אים געערגערט. ער

האָט געלייענט די נייעס — און אפילו אין זיי דערקענט דעם סטיל פון דעם אָדער יענעם שרייבער.

ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל קומען־אַרויף אין געשפּרעך די פּונקטן: טשעכאָסלאָוואַקיע, דער 18טער צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, די ליבעראַלע אַמעריקע, די פאַרקויפטע פּרעסע.

דער געשפּרעך גליטשט זיך אַריבער צו פראַגן פון ליטעראַטור, צו די נייסטע באַדייטנדיקע ווערק, און ווידעראַמאָל — צו דער אַמעריקאַנער טאָגטעגלעכקייט. צום קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם, צו די דערמוטיקנדיקע אַרויסטרעטונגען פון אַ ריי אָנגעזעענע אַמעריקאַנער פּערזענלעכקייטן און רעגירונגס־מענטשן קעגן דעם היטלער־אָנגריף.

און דאָ ווייזט מיר אַלגין דריי ביכער, וועלכע ער האָט ערשט דורכגעשטודירט: מאַקס לערנערס „עס איז שפּעטער ווי איר דענקט"; „אַן עקאָנאָמישע פּראָגראַם פאַר דער דעמאָקראַטישער אַמעריקע", אויסגעאַרבעט און צוזאַמענגעשטעלט דורך זיבן פּראָמינענטע אַמעריקאַנער קאָלעדזש־פּראָפעסאָרן, און לואיס מאַמפאָרדס „עס איז צייט צו האַנדלען". דריי עקאָנאָמיש־פּאָליטישע שטודיעס.

אָט־די דריי ביכער צוזאַמען גיבן אַ בילד פון דער ערלעכער, ליבעראַלער אַמעריקע", זאָגט מיר אַלגין, און ער קלייבט זיך שרייבן וועגן זיי פאַר דער „מאָרגן־פרייהייט".

אין אָט־דעם צימער, וואָס אָטעמט מיט אַלגינס פּערזענלעכקייט, זע איך אַ מין זעלטענע איינהייטלעכקייט: וועלט־איך־אידייען־ביכער־בלומען. דאָס גרויסע, ברייטע און אוניווערסאַלע ווערט אָרגאַניש דורכגעוועבט מיטן יחיד־מיטן אינדיווידועלן וועזן.

איך זע ווי דער פרילינג קלאַפּט אין די שויבן. איך פיל אַ פרילינג אין צימער, אין דער אַטמאָספער אַרום מיר.

ס'איז שוין שפּעט. זיך צופיל פאַרזעסן. פירן אַ צו־לאַנגן געשפּרעך קאָן נאָך שאַטן אַלגינס געזונט. דערצו פיל איך, אַז מיין אָנוועזנהייט גופא פאַרשטאַרקט בלויז ביי מיין רעדאַקטאָר די בענקשאַפט צו קומען אויפן „6טן שטאָק", — פאַרזעצן זיין אַרבעט אין דער רעדאַקציע — און ער דאַרף נאָך האָבן אָפּרו. געזעגן איך זיך אויף גיך: נו, אויף ווידערזען! אינגיכן צוריק צו דער אַרבעט: צוריק מיט אונדז אויפן זעקסטן שטאָק!

זונטיק, מערץ 19, 1939

ישראל־בער ביילין

(1961־1883)

.1

אַ לאַנגער, וואַרעמער שטראָם פון האַרציקע באַגריסונגען קומט אָן פונעם גאַנצן לאַנד צום שריפטשטעלער, קול־טור־שאַפער און קולטור־בויער, קעמ־פער פאַר שלום און סאָציאַלן יושר — י. ב. ביילין, צו זיין זיבעציקסטן גע־בוירנטאָג.

אַט־די בריוו, באַגריסונגען און גוטע וואונטשן זיינען עדות פון טיפער אַכטונג און ליבשאַפט, מיט וועלכער די טויזנטער תלמידים, לייענער און פאַרערער פונעם יובילאַר רינגלען אים אַרום פון נאָענט און וויט.

ישראל־בער ביילין איז זיבעציק יאָר יונג. ער, דער מענטש פון וויסן און פון טאַט, איז גייסטיק־פעסט, מונטער און מוטיק. ער איז איצט, פונקט ווי אין זיין פריער יוגנט, אַ געטרייער לומד ומלמד, אַ געטרייער קעמפער פאַר די בעסטע אינטערעסן פון פאָלק. פון זיינע מידע, בלויע, וואַרעמע אויגן פינקלט אַרויס אַ גליענדיקער וויסן־דורשט און אַ גרייטקייט איבער־צוגעבן דעם פאָלק די אוצרות פון קענטעניש, וואָס ער האָט מיט גרויס פלייס אָנגעזאַמלט אין משך פון צענדליקער יאָרן.

אין די בריוו און באַגריסונגען צום יובילאַר שטעלן זיך אייניקע אָפּ אויף דעם, וואָס ער האָט אין משך פון פופציק יאָר פאַרפלאַנצט ליכט און וויסן אין צוויי דורות מענטשן, געלערנט מאַסן לייענער און צוהערער דורך שריפטלעכן און מינדלעכן וואָרט, ווי אַ שרייבער, לערער און לעקטאָר. אַנ־דערע ווייזן ריכטיק אָן, אַז דער יובילאַר מעג זיין שטאָלץ, וואָס אַלס אַ בן־שבעים שטייט ער אומדערמידלעך אויף זיין פּאָסטן גרייט צו דינען דעם אַרבעטנדיקן פאָלק.

אייניקע בריוו־שרייבער באַטאָנען ריכטיק, אַז דעם יובילאַרס 70־סטער געבוירנטאָג איז נישט קיין פּריוואַטער ענין, נאָר אַ חשובע דאַטע אין דעם געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן פונעם כלל, פון די יידישע פאָלקס־מאַסן.

ווען מען זאָל אָפּדרוקן אַלע בריוו פון דאַנק און ליבע וואָלט זיך באַקו־

מען גאָר אַן אינטערעסאַנטע אַרבעט וועגן אונדזער חשובן יובילאַר. עס איז קלאָר: י. ב. ביילין האָט אָפּגעשפּאָרט אַ ריזיקן פּאַרמעגן, אַ גרויס עשירות: אַן אוצר פון אויפטוען פאַרן פאָלק; אַ רייכטום, וואָס באַשטייט פון פיל געטרייע תלמידים און נאָכפאָלגער, פריינט און פאַרערער, פאַר־זעצער, וויטערדיקע פּלאַנצער און זייער פון זיין טיף־עטישער סאָציאַליס־טישער אידייע.

און טאַקע, ווי קאָן מען ניט ליב האָבן און אויך שאַצן אָט־דעם ליבן מענטשן? אַז שטענדיק איז ער גרייט צו אַרבעט לטובת־הכלל, אַז תמיד איז ער גוטמוטיק און פריינטלעך, תמיד באַשיידן, בנעימותדיק, אַ נוח לבריות, אַ געבוירענער לערער, אַ קוואַל פון אומאויסשעפּלעכער ענערגיע, אַ מענטש מיט אַ וועלט וויסן, מיט אַ זינגענדיקער נשמה, מיט אַ ריזיקן אוצר פון ידיעות, מיט אַ קאָלאָסאַלן סכום פון קולטור־דערגרייכונגען און אויפטוען.

אונדזער יובילאַרס לעבן, רייך און אָנגעפּילט מיט גוטע מעשים, איז אַ מוסטער פון מאָראַל, פון עכטער זויבערער עטישקייט אין אַ סביבה פון קאַפּיטאַליסטישער מאָראַלישער הפקרות און פאַרדאָרבנקייט.

אונדזער יובילאַר האָט פון זיין פריסטער יוגנט אָן געמאַכט פאַר זיין מאָטאָ דעם „ובחרת בחיים" — און זאָלסט אויסקלייבן דעם וועג, וואָס פירט צום אמתן, שיינעם, פרייען, קולטורעלן לעבן פון פאָלק.

ביילינס לעבן איז ענג פאַרבונדן מיטן לעבן און וואוקס פון דער ידיי־שער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער „אַלטער היים", אין צאַרישן רוסלאַנד, און אין דער נייער היים, אין די פאַראייניקטע שטאַטן. זיין שפּעריש, פּרוכטבאַר, פּראַצע־פול לעבן איז אַליין אַ שטיק געשיכטע. דאָס איז אַ קאַלירפול לעבן, פול מיט איבערלעבונגען און שוועריקייטן פון אַ פאַרפאָלגטן רעוואָלוציאָנערן קעמפער און אַרבעטער־אָרגאַניזאַטאָר אונטערן צאַרישן רע־זשים אין אַמאָליקן פוילן, און מיט די נייע פיאָנערישע שוועריקייטן פון אַ בויער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און פון דער יידישער פּראָגרע־סיווער קולטור אין אַמעריקע.

מען רעדט־אַרויס דעם נאָמען י. ב. ביילין — און פאַר די אויגן שטייען־אויף צאַרישע טורמעס, אין וועלכע ער, דער פּאָליטישער אַרעסטאַנט, האָט „פאַרבראַכט" שטיקער פון זיין לעבן, און איז דאָרט אויך געווען אַן אָנפי־רער פון קורסן. פאַר די אויגן וויקלט זיך פאַנאַנדער ביילינס „לאָדזשער פעריאָד", דער פעריאָד פונעם פרילינג פון דער יידישער אַרבעטער־באַ־וועגונג, ווען ביילין איז געווען אַן אָנפירער אין דעם לאָדזשער קאָמיטעט פון „בונד"; די צייטן פון די „סכאָדקעס" און „מאַסאָווקעס", די באַגעגענישן אויף דער בירזשע אויף דער לאָדזשער ווסכאָדניע גאַס. עס שווימען־אַרויס געשטאַלטן פון לאָדזשער יידישע וועבערס, פון די „פריקאַזטשיקעס" פון נאַוואָמאַיסקער און דלוגער גאַסן אין לאָדזש, וועמען ישראל־בער האָט דאָן געבראַכט דאָס וואָרט פון אויפקלערונג און דערמוטיקונג.

איניקע באַגריסער דערמאָנען אַ וויכטיקן פעריאָד אין ביילינס ווערט־פולן לעבן: זיין „שיקאַגער פעריאָד", זיין פירנדיקע ראָל דאָן אין גרינדן

דעם ערשטן יידישן אַרבעטער־כאָר אין שיקאַגע. זיי געדענקען ביילינען פון דער שיקאַגער „יידישע אַרבעטער־וועלט“. זיי געדענקען אים אַן ענערגיש־פּאַרטאָנענעם אין זיין אַרבעט אין משך פון יאָרן אַלס דער יידישער „טראַנסלעיטאָר סעקרעטערי“ ביים צענטראַל־קאָמיטעט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין אַמעריקע (וואָס האָט געהאַט דעם נאַציאָנאַלן אָפיס אין שיקאַגע) אויף צו באַדינען די „יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע“. ווידער זיינען פאַראַן פיל, וואָס געדענקען און לויבן שטאַרק ביילינס ביטראָג אַלס בילדונג־דירעקטאָר פונעם אַרבעטער־רינג, זיינע ביטראָגן צו דער בויאונג פון דער יידישער וועלטלעכער שול. פיל שרייבער דערציילן וועגן זיין פּרעכטיקער האַלטונג אַלס רעדאַקטאָר פונעם חודש־זשורנאַל פון אַרבעטער־רינג — „דער פריינד“, און אַלס נאַציאָנאַלער דירעקטאָר פון די אַרבעטער־רינג־שולן.

אָט־דער גאָלדענער פאָדעם ציט זיך זינט לאָדזש, דורך צאַרישע טורמעס, דורך שיקאַגע און ניו־יאָרק, דורך זיין לאַנגיאָריקער מיטאַרבעט אין דער „מאָרגן־פריהייט“ — ביז היינט.

י. ב. ביילין איז געקומען קיין אַמעריקע אין אָנהויב 1911. זינט דער סאַמע גרינדונג פונעם „לינקן פליגל“ אין דער אַמעריקאַנער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג שטייט ביילין אומדערמידלעך אויף זיין פּאָסטן אַלס שרייבער און דערציער, אַלס פאָלקס־לערער און פאַרשפּרייטער פון פּראָגרעסיווער קולטור צווישן מאַסן.

ביילינס געזעלשאַפטלעכע און שריפטשטעלערישע טעטיקייט איז ברייט־פאַרצווייגט. זיינע אויפטוען נעמען־אַרום פיל פאַרשיידענע געביטן פון סאָציאַלער און קולטור־טעטיקייט. ער האָט זיך באַטייליקט אַלס מיטאַרבעטער אין פיל זשורנאַלן, צייטונגען, צייטשריפטן. בלויז אַ קליינער טייל פון זיינע שריפטן איז אָפּגעדרוקט אין בוך־פאָרם. ער האָט אין משך פון פיל יאָרן געשריבן ווערטפולע עסייען און אָפּהאַנדלונגען איבער פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און קולטור־פראַגן. ער האָט אין פיל אַרטיקלען באַהאַנדלט ליטעראַרישע פּראָבלעמען. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס באַדייטנדיקער פאָרשער פון דער יידישער געשיכטע אין אַמעריקע. ער איז אַ לערער פון קולטור־געשיכטע און פילאָסאָפיע. אונטער פאַרשיידענע פעדער־נעמען האָט ער אויך געשריבן פיל פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען, באַהאַנדלט טעמעס פון „יומען אינטערעסט“ (פון מענטשלעכן אינטערעס).

אַלס לערער האָט ער תמיד אַרויסגעוויזן האַרציקע באַציאונג צו זיינע תלמידים, אַלס שרייבער האָט ער אַרויסגעוויזן דרך־ארץ פאַרן לייענער, אַלס רעדאַקטאָר און מיטרעדאַקטאָר האָט ער אַרויסגעוויזן אַ וואַרעמע באַציאונג צום יונגן שרייבער: תמיד באַמיט זיך צו דערמוטיקן ליטעראַרישע אָנפאַנגער, געהאָלפן זיי שטעלן זייערע ערשטע וואַקלדיקע טריט.

ישׂראל־בער איז פון די פאַרזייער פון סאָציאַליסטישע געדאַנקען, פון יושר־און אמת־אידייען. זיין געדאַנק איז אַלעמאָל קלאָר און לויטער, און רייף מיט דערפאַרונג און אויסגעפּרואווטקייט.

זאָל דאָ פאַרצייכנט ווערן אַ צאָל הויך־פּונקטן אין ביילינס ליטעראַרי־שער אַרבעט. אָט איז אַ רשימה פון זיינע אַרויסגעגעבענע בראָשורן און ביכער: 1) „אייער חלק עשירות", אַרויסגעגעבן דורך דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע; 2) „קאַרל מאַרקס", ביאָגראַפיע, אַרויסגעגעבן דורך דעם בילדונג־דעפּאַרטמענט פונעם אַרבעטער־רינג, 1923; 3) „פערדינאַנד לאַסאַל", ביאָגראַפיע, אַרבעטער־רינג, 1924; 4) „די יידישע אַרבעטער־שול", אַרבעטער־רינג, 1925; 5) „דער בירגער־קריג אין שפּאַניע", יידישע ביוראָ, 1937; 6) „יעקב שייפער, זיין לעבן און שאַפן", אַ מאָנאָגראַפיע אין צוויי טיילן (370 זייטן), יידישער מוזיק־פאַרבאַנד, 1937; 7) „די מלחמה אינעם פּאַסיפיק", יידישער קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג, 1942; 8) „עמאַ לאַזאַרוס", ביאָגראַפיע, אַרויסגעגעבן דורכן פאַרלאַג פונעם יידישן פראַטערנאַלן פאָלקס־אָרדן, 1947.

י. ב. ביילין האָט רעדאַגירט: „מאַי־בלאַט", 1912, שיקאַגאָ־ניו־יאָרק; „דער פריינד", אָרגאַן פונעם אַרבעטער־רינג, פון 1918 ביז 1924; „די קאָאָפּעראַטיווע וועלט", 1919־1921; „קינדערלאַנד", צוזאַמען מיט יעקב לעווין און י. שטיינבוים, 1920־1925; „איקאָר־אַלמאַנאַך", 1932, דעם אינפאָרמאַציאָן אַפּטייל, צוזאַמען מיט ש. אַלמאַזאָוו; „דער האַמער", חודש־זשורנאַל, אונטער דער אָנפירונג פון מ. אָלגין, 1933־1939. ער האָט אויך רעדאַקטירט אַ צאָל פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע ביכער פונעם אַרבעטער־רינג אין די יאָרן 1918־1926. אין משך פון די יאָרן 1918־1950 האָט ער אויך רעדאַקטירט די ביכער פון אַ צאָל דיכטער און דערציילער.

מען וואָלט געדאַרפט אָפּשטעלן זיך אויף פיל פון ביילינס אויבן־דערמאָנטע ביכער און בראָשורן. דאָ ווילן מיר בלויז זאָגן אַ וואָרט וועגן זיין י. שייפער־מאָנאָגראַפיע. אָט־דעם בוך האָט ביילין אָנגעשריבן אַ קנאַפּן יאָר נאָכן טויט פונעם באַליבטן יונג־פאַרשטאָרבענעם קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט. דאָס ווערק איז געשריבן געוואָרן מיט גרויס קענטעניש און מיט עכטער ליבשאַפט און פאַרערונג. עס איז גאָר אַ פיינע ביאָגראַפיע פון שייפערן, דעם „פּיאָנער אויפן געביט פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער פאָלקסטימלעכער מוזיק" (פונעם מחברס פאָררעדע צום בוך). דאָס בוך גיט אַ ברייט, גענוי, שיין־געצייכנט בילד פון דער אומפאַרגעסלעכער, שעפערישער, דינאַמישער פערזענלעכקייט פון יעקב שייפער. גלייכצייטיק גיט דאָס בוך אַ טיפן אַנאַליז פונעם מוזיקערס באַזונדערע קאָמפּאָזיציעס. די שייפער־געשטאַלט ווערט געשילדערט אין די ראַמען פון סביבה און עפּאָכע, און דער לייענער קריגט אַ באַלערנדיק בילד פון אַ שטיק יידיש לעבן אין אַמעריקע אין אַ צייט־אָפּשניט פון אַ פערטל יאָרהונדערט. דאָס בוך איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די מערסטע שריפטשטעלערישע אַרבעטן פונעם בעל־היובל.

די לעבנס־באַשרייבונג פון י. ב. ביילין וואָלט געקאָנט זיין אַ גאָר דאַנקבאַרע טעמע פאַר אַ ביאָגראַפער, פאַר אַ דערציילער אָדער פאַר אַ שרייבער פון היסטאָרישע ראָמאַנען. עס איז אַ רייכער לעבנס־וועג, וואָס פירט פון

חדר און רבס היים, פון תנ״ך און גמרא צו דער פריידיקונג פון וויסנשאַפט־לעכן סאָציאַליזם. לאָמיר אָט־דאָ איבערגעבן כאָטש בלויז איניקע מאָמענטן פונעם יובילאַרס לעבן, אומגעפער אַזוי ווי ער אַליין האָט עס אונדז דער־ציילט אויף זיין ביילינישן שטייגער.

י. ב. ביילין איז געבוירן געוואָרן דעם 28טן יולי, 1883 (כ״ז תמוז, תרמ״ג), אין נאָוואָרעדאָק, לעבן סלאָנים, דאָס געבורט־פּלאַץ פונעם גרויסן פּוילישן דיכטער אַדאַם מיצקעוויטש. ישראל־בער האָט געשטעלט זיינע ערשטע טריט אין דעם דאָרף קאָטלאָווע, לעבן נאָוואָרעדאָק, וואו זיינע עלטערן האָבן גע־וואוינט ביזן סוף פון 1885. זייער דירה איז פאַרבראַנט געוואָרן אין אַ שריפה. די מוטער האָט אַרויסגעראַטעוועט דעם קליינעם ישראל־בערן און זיינס אַ קליין שוועסטערל און ברודערל פון די פלאַמען. דער פאָטער איז אָפּגעפאָרן קיין לאָדזש.

אין 1886 האָט דער פאָטער אַריבערגעבראַכט די פאַמיליע קיין לאָדזש, וואו ער האָט געעפנט אַ רעפאָרם־שול: וועלטלעכע בילדונג מיט רעליגיעזע לימודים. דער פאָטער איז געשטאָרבן אין אָקטאָבער, 1889. ישראל־בער קריגט אַ „היים״ אין דער דירה פונעם לאָדזשער רב, ר' אליהו־חיים מייזעל (אַן עלטער־פעטער). דער רב לערנט מיט אים רש״י. צו זיבן יאָר קען ישראל־בער גרויסע טיילן פונעם חומש אויף אויסנווייניק. ער ווערט פאַר די שכנים אַ „פּראָפעסיאָנעלער״ לייענער פון בריוו פון אַמעריקע און שריי־בער פון בריוו קיין אַמעריקע. ער ווערט פּאָפּולער אין דער תלמוד־תורה און אין שכנישן הויף. זיין „טעמע״ צווישן די קינדער איז — אַמעריקע. אין 1891 ווערט ער געראַטעוועט פון דער כאָליערע, וואָס האָט דאַן אויסגע־בראָכן אין לאָדזש. אין מאַי 1892, בעת דעם פּאָגראָם אויף יידן אין לאָדזש, העלפט ער אָנקלייבן שפּיציקע שטיינער אין קאַמף פון דער יידישער זעלבסט־שוץ קעגן די כוליגאַנעס. ער לייענט דעם „קב־הישר״ און ווערט אַנגעפילט מיט שרעק פאַר „שדים״. אין 1893 אין נייעם שול־חדר לערנט ער גמרא, אויך רוסיש, העברייאיש און אַביסל פּויליש און געאָגראַפיע. אין 1894 ווערט ער אַ „פּאָליטיקער״, לייענענדיק אין דער „הצפירה״ וועגן דער כינעזיש־יאַפּאַנישער מלחמה; ער לייענט אויך אַרטיקלען און ביכלעך וועגן דעם דעמאָלטדיקן דרייפוס־פּראָצעס. אַ בר־מצוה בחור אין 1896, הויבט ער אָן אַלץ מער „שלינגען״ ביכער אין העברייאיש, רוסיש, דייטש. מיט אַ יאָר שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן לערנען אין דער לאָדזשער ישיבה. „מבינים״ הויבן־אָן לויבן די העברייאישע לידער, וואָס ער שרייבט געהיים. אין 1899 האָט ער אָנגעהויבן לערנען אין דער לאָדזשער ישיבה. דאָרט ווערט ער „פּאָפּולער״ צוליב זיין העברייאישן ליד צום יאָר תר״ס. צוויי ישיבה־בחורים שרייבן־איבער דאָס ליד אין פערציק קאָפּיעס, און פאַרשפּרייטן עס. ישראל־בער אָרגאַניזירט אַ ישיבה־בחורים־גרופּע צו לערנען געשיכטע — „דברי ימי עולם״ פון קלמן שולמאַן.

אין 1900 האָט ישראל־בער אָנגעהויבן גיין צו די „מוסר־אָוונטן״ און זיך „רייניקן פון זיינע זינד״. ער גיסט טרערן אויף זיינע „עבירות״...

ער לייענט מיט באַזונדערן אינטערעס משיח־געשיכטעס; וועגן שבתי־צבי און „פראַנק ועדתו". ער ווערט אין דער ישיבה פאַרמסרט אין „אפּיקורסות".

דעם 1טן מאַי, 1900 (אויף זיין וועג צו דער ישיבה אין „דער מיר"), אָפּשטעלנדיק זיך אין וואַרשע, ווערט ער אַרעסטירט פאַר באַטייליקן זיך אין דער דעמאָנסטראַציע (אויף מאַרשאַלקאָווסקע גאַס). נאָך עטלעכע וואָכן אַרעסט און עטאַפּ, האָט אים דער רב אַרויסגענומען, געבנדיק אַ „גאַראַנטיע"... ער בלייבט שוין דערנאָך אין לאָדזש; ער איז נאָך אַלץ פרום, לערנט אין בית־מדרש צו קריגן אַ היתר הוראה, און לערנט אויך פליסיק די אומלעגאַלע ליטעראַטור „נבתקה"... אין ווינטער 1900־1901 שיקט אים דער לאָדזשער רב לערנען אין בריסק. ער לערנט האָרט אין „גרויסן בית־מדרש" און גרייט זיך גלייכצייטיק צו אַן אוניווערסיטעט. מיט עטלעכע חדשים שפּעטער פאַרענדיקט ער יורה־דעה אין שניאַרעווער רבס הויז אין לאָדזש, הויבט־אָן טראַכטן, אַז די יידישע געזעצגעבונג איז אויך אַ קלאַסן־יוסטיץ.

אַ נייער פעריאָד הויבט זיך אָן מיטן שפּעט־זומער 1901. ישראל־בער דרינגט־אַריין אין דער „בונדישער" באַוועגונג. מאַסן־מיטינגען אין וואַלד, דיסקוסיע־קרייזן און אומלעגאַלע קוואַרטירן, לייענונג פון רוסישער און פּאַליטיש אומלעגאַלער ליטעראַטור. ווינטער 1901־1902 גיט ער לעקציעס (אין רוסיש, יידיש, אַריטמעטיק, א. אַנד.), דעבאַטירט וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, ווערט אַקטיוויזירט אין „בונד". אין פרילינג פון 1902 שיקט אים דער „בונד" צו ווערן אַ האַנדלס־אָנגעשטעלטער, כדי צו העלפן אָרגאַניזירן דעם האַנדלס־פּראָלעטאַריאַט אין לאָדזש און אומגעגנט. ער באַקענט זיך מיט דער לאַגע פון די אָנגעשטעלטע.

פרילינג פון 1903 גרינדעט ער אַ „בונד"־אָפּטייל אין טאָמאַשאָוו און באַטייליקט זיך אין פּראָטעסט־מיטינג קעגן קעשעניעווער פּאָגראָם. סוף זומער 1903 שרייבט ער אַן אַרטיקל פאַרן „לאָדזשער אַרבעטער". אין 1904 קריגט ער מער פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבעס אין די העכערע קרייזן פון „בונד", און ווערט אַרעסטירט. עס הויבט זיך אָן אַ פעריאָד פון 28 טורמעס. צוערשט לאָדזשער טורמע אויף דלוגע גאַס, דערנאָך קאַלישער טורמע. אין תפיסה שרייבט ער (מיט אַנדערע) און פאַרשפּרייט פּראָקלאַמאַציע־רופן פאַר בעסערע טורמע־באַדינגונגען. אויפן פערטן טאָג פון אַ הונגער־סטרייק פירט מען אים אַוועק אַ פאַרהלשטן אין טורמע־שפּיטאָל. ער קעמפט קעגן צווינגען אים מיט געוואַלט צו עסן. ער באַטייליקט זיך דערנאָך אין דעם טורמע־בונט פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע, און ווערט אַרויסגעשיקט צו דער סעראַדזער טורמע. ער באַטייליקט זיך דאָרט אין דעם הונגער־סטרייק פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע; העלפט אַרעסטירטע לערנען רוסיש. דעם 22טן יולי ווערט ער, מיט אַ היפּשער גרופּע, אַרויסגעלאָזט פון טורמע אונטער פּאָליציי־אויפזיכט. ער טרעט־אויף אויף געהיימע פאַרזאַמלונגען אין באַלוט און ראַדאָגאָשטש.

האַרבסט 1904 שטעלט ער זיך צום פּריזיוו אין דזשעטל און ווערט

באפרייט צוליב פיזישער אויסגעדארטקייט. אין נאָוועמבער פון יענעם יאָר איז ער שוין צוריק אין סאַמע קאָך פון דער „בונד"־באַוועגונג אין לאָדזש, אין סאַמע צענטער פון די קרייזן־אָנפירער. ער נעמט אין 1905 אָנטייל אין העלפן אָרגאַניזירן דעם ערשטן גענעראַל־סטרייק אין לאָדזש (נאָך די פעטערבורגער געשעענישן פונעם „9טן נאָוועמבער").

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער „שטורעם" פון 1905. ישראל־בער רעדט (אין יוני) אויף געהיימע מיטינגען אויף די בית־עולמס אין נאָוואָרעדאָק, לובץ, דזשעטל, קאָרעליץ, מיִיטשעט. אין יולי „גנבעט ער אַרויס" אַ פּאַרוואונדעטן אַרעסטירטן חבר פון שפּיטאָל אין לאָדזש. אין לאָדזש ווערט פאַרשטאַרקט דער קריג־צושטאַנד: תליות און מאַסן־הינריכטונגען פון רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער. ישראל־בער רעדט אויף געהיימע מאַסן־מיטינגען אין הינטערשטאָטישע פאַרבאַרגענע מקומות; העלפט אָנפירן מיט עקאָנאָמישע סטרייקס. אין אָקטאָבער עפנט ער צוזאַמען מיט „אַדאָשן" דעם ערשטן אָפענעם סאָציאַליסטישן מאַסן־מיטינג (נאָכן צאַרס מאַניפעסט וועגן דער דומע); די פּאָליציי פאַרשווינדט פון די גאַסן; דער גענעראַל־סטרייק פלאַקערט; ישראל־בער און י. קאַציק רעדן אויף אַ גרויסן מאַסן־מיטינג אין פּאָגלס זאַל. אין דעצעמבער ווערט דער גענעראַל־סטרייק אין לאָדזש מערדערלעך דערשטיקט; ישראל־בער רעדט אויף פיל געהיימע און האַלב־געהיימע אַרבעטער־מיטינגען.

אין יאַנואַר 1906 ווערט ער דערוויילט אַלס סעקרעטאַר פונעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון די האַנדלס־אָנגעשטעלטע; ער פירט אַ ריי סטרייקס אין גרויסע פירמעס. סוף אַפּריל איז ער דערוויילט געוואָרן אין קאָמיטעט פון „בונד" און איז באַשטימט געוואָרן אַלס מיטגליד פון דער ליטעראַטור־קאָמיסיע. ער באַטייליקט זיך אין „וועקער" און אין „פאָלקס־צייטונג", אויך אין אַ צאָל פּראָקלאַמאַציעס. ער פאָרט אַרויס קיין וואַרשע און טרעפט זיך דאָרט מיט י. ל. פּרץ. ער ברעכט־צוזאַמען (צום צווייטן מאָל דעם זעלבן יאָר) פון אָנשטרענגונג מיט סטרייק־אָנפירונג, און חברים שיקן אים קורירן זיך אין דער שווייץ. אויפן וועג, אין בערלין, טרעפט ער זיך מיט בעבעלן אין דעם דייטשן פּאַרלאַמענט.

אין אָקטאָבער ווערט ער ווידער איינגענומען אין זשענעווע דורך דעם אויסלענדישן „בונד"־קאָמיטעט; פאַרברענגט דאָרט אַן אָרונט מיט פּלעכאַנאָוון און זיין פרוי. ישראל־בער באַזעצט זיך דערנאָך אין לאָנדאָן, שטודירט דאָרט פילאָסאָפיע און געשיכטע.

אָט־דאָ ביי אָט דעם פּונקט (ערב 1907) וועלן מיר זיך אָפּשטעלן. ביי אַ געלעגנהייט וועלן מיר מעגלעך ווייטער אָנגעבן נאָך מאָמענטן פון אָט־דעם שטורמישן און שעפערישן לעבן פון אונדזער ליבן יובילאַר.

1953 (צו ביילינס 70סטן געבוירנטאָג)

יעקב מעסטל

(1958־1884)

.1

דער טויט פון יעקב מעסטל איז אַ שווערער פאַרלוסט פאַר דער ברייטער יידישער קולטור־וועלט, באַזונדערס פאַר דער יידישער פּראָגרעסיווער קולטור. ער איז געווען איינער פון אונדזערע גדולי הדור, אַ פאָרשטייער פון אַ וואונדערלעכן אידעאַליסטישן דור, מיט פעסטע פּרינציפּן, מיט גרויס ליבשאַפט צו דער יידישער קולטור.

יעקב מעסטל איז געווען אַ פּרעכטיקע קאַלירפולע קולטור־פּערזענלעכקייט. ער איז געווען אַ שרייבער „פאַר עקסעלאַנס" — אַ טאַלאַנטפולער דיכטער, עסייאיסט, ליטעראַטור־קענער, טעאַטער־פאָרשער, אַ פּיאָנער פון דער יידישער פּאָעזיע אין גאַליציע. ער איז געווען אַ שרייבער מיט טיפער ערודיציע, ער האָט געשריבן מיט גרויס הנאה, מיט ברען, מיט ליבשאַפט צום יידישן וואָרט, מיט התמדה — און מיט גרויסער אחריות, מיט ערנסט, כוונה, פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

פינף־און־פופציק יאָר פון זיין רייכן, שעפערישן פיר־און־זיבעציק־יאָריקן לעבן זיינען געווען געווידמעט דער יידישער ליטעראַטור; פינף־צענדליק יאָר האָט ער געווידמעט דער בויאונג און אַנטוויקלונג פונעם יידישן טעאַטער, ווי אַ פיינער שוישפּילער, אַ גלענצנדיקער רעזשיסער, אַ מייסטער פון דער בינע, אַ קענער און פאָרשער פון טעאַטער־וועזן.

ער איז געווען דער מחבר פון אַ היפּשער צאָל זאַמלונגען לירישע לידער, דראַמאַטישע פּאָעמען, פּראָזע־ביכער (דער עיקר „מלחמה־נאָטיצן פון אַ יידישן אָפיצער", 2 בענד) און פון צוויי ווערטפולע ווערק וועגן דעם יידישן טעאַטער: „אונדזער טעאַטער" און „70 יאָר יידישער טעאַטער־רעפּערטואַר אין אַמעריקע". ער איז אויך געווען מיטרעדאַקטאָר פונעם יידישן

טעאַטער־לעקסיקאָן (צוזאַמען מיט זלמן זילבערצווייג), און איבערזעצער פון אַ צאָל וווערטפולע פּיעסן.

מעסטל איז געווען אַ געטרייער בויער און טרעגער פון דער יידישער פּראָגרעסיווער קולטור. אין משך פון יאָרן איז ער געווען אַ פירער פון „איקוף", אַ מיטרעדאַקטאָר פון דעם זשורנאַל „יידישע קולטור", אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פונעם יידישן שרייבער־פאַראיין און פון דער עקזעקוטיווע פונעם יידישן מוזיק־פאַרבאַנד. ער האָט זיין טאַלאַנט און זיינע טיפע קענטענישן געווידמעט דער באַפעסטיקונג פון דער פּראָגרעסיווער יידישער קולטור.

יעקב מעסטל האָט געלעבט אַ שיין, פּראָדוקטיוו, ניצלעך לעבן — אַ לעבן רייך אין מעשים און אויפטוען פאַר דער יידישער קולטור, פאַר דער יידישער ליטעראַטור און דעם יידישן טעאַטער, — אַ לעבן, געווידמעט דעם פאָלק. ער האָט מיט זיינע פילצאָליקע, פאַרטיפטע אָפּהאַנדלונגען און עסייען, מיט זיינע ווערטפולע ווערק וועגן טעאַטער און ליטעראַטור, באַרייכערט אונדזער יידיש ליטעראַריש שאַפן.

ער האָט זיך באַליבט געמאַכט צווישן ברייטע פאָלקס־קרייזן מיט זיין גוואַלטיקער געטריישאַפט דער זאַך פון פּראָגרעס, מיט זיין שטילקייט און באַשיידנקייט, מיט זיין ברויזנדיקער ענערגיע, אַרבעטזאַמקייט און ענוות־דיקייט. ער, וואָס האָט אין משך פון פיל יאָרן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין יידישן קולטור־לעבן, האָט זיך געהאַלטן פּשוט, פריינטלעך, צוגעלאָזט, גרייט צו העלפן זיינע פריינט און קאָלעגן.

אַ טרוימער פון שלום און פעלקער־פריינטשאַפט, פונעם פאַנאַנדערבלי פון קולטור אין טיפן זין פון וואָרט, איז ער געווען באמת אַ פלאַנצער און זייער פון אונדזער פּראָגרעסיווער יידישער קולטור, אירער אַ טרעגער און פאַרשפּרייטער — פריער אין אייראָפּע, און שפּעטער אין משך פון יאָרן דאָ אין לאַנד, אין אַרגענטינע און אַנדערע דרום־אַמעריקאַנער לענדער. און תמיד און אומעטום האָט ער געטאָן זיין אַרבעט — אַלס שאַפער און בויער פון קולטור, אַלס שוישפּילער, אַלס רעזשיסער און אויפפירער פון פּיעסן, אַלס טעאַטער־פּעדאַגאָג און אָנפירער פון טעאַטער־סטודיאָס — מיט האַרץ און מוח, מיט טאַקט, מיט פלאַנמעסיקייט און סיסטעם, מיט גרויסן פינקטלעכקייט.

***

יעקב מעסטלס לעבנסוועג האָט זיך אָנגעהויבן אין 1884, אין זלאָטשעוו, גאַליציע (די היים־שטאָט פון זיין חבר און מיטאַרבעטער, דעם גרויסן יידישן דיכטער משה־לייב האַלפּערן). אין דער היים פון אַן אָרע־מער יידישער אַרבעטער־פאַמיליע. אַט־דער וועג האָט זיך געצויגן דורך לעמבערג, ווין, דערנאָך — רומעניע, און דערנאָך — די שלאַכט־פראָנטן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אַלס אַן אָפיצער אין דער עסטרייכיש־אונגאַ־רישער אַרמיי, שפּעטער — ווידער דורך ווין, און דערנאָך — אַמעריקע.

דער יונגער סטודענט אין לעמבערגער לערער־סעמינאַר, גראַדואַנט פון דער אַפּיצירן־שול אין ווין, סטודענט פון רעזשי און דראַמאַטורגיע אין ווינער קאָנסערוואַטאָריע, איז אין 1910 געוואָרן אַ שוישפּילער אין דעם יידישן טעאַטער. אין די שלאַכטן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער פיל מאָל פאַרוואונדעט געוואָרן. געקראָגן אַ סך מעדאַלן. זיינע מלחמה־באַאַבאַכטונגען און דערפאַרונגען האָט ער שפּעטער פאַרפיקסירט אין צוויי בענד „מלחמה־נאָטיצן פון אַ יידישן אָפיציר" (וואַרשע, 1924).

אין זיין היימלאַנד, גאַליציע (אין לעמבערג) האָט זיך אָנגעהויבן מעסטלס ליטעראַרישע טעטיקייט — אין 1903. ער האָט דאַן דעביוטירט מיט פּובליציסטישע און קריטישע אַרטיקלען אין מ. ריכטערס „וואַרהייט". אין 1906 האָט מעסטל געשטעלט זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט אַלס דיכטער. צוזאַמען מיט די פּאָעטן מ. ל. האַלפּערן, שמואל־יעקב אימבער, דוד קעניגסבערג, האָט ער געהאָלפן אַנטוויקלען די יידישע פּאָעזיע אין גאַליציע. אין 1910 האָט ער צוזאַמען מיט גרשון באַדער און מיט זיין נאָענטן יוגנט־פריינט דר. צבי שפּיצער־ביקעלס רעדאַקטירט דעם זאַמלבוך „יונג־גאַליציישער אַלמאַנאַך" (לעמבערג).

אין 1909 איז אין לעמבערג דערשינען מעסטלס ערשטע לידער־זאַמלונג „פאַרחלומטע שעה'ן".

אין 1911 איז דערשינען זיין בוך „אַ ליבעס ליד" (קראָקע). מיט צוויי יאָר שפּעטער איז געקומען זיין פילאָסאָפישע פּאָעמע „וויטאַ הייזד" (קראָקע).

אַ־די ערשטע לידער־ביכער (מיט קענטיק השפּעות פון דער דייטשער און פּוילישער פּאָעזיע) זיינען נאָכגעפאָלגט געוואָרן דורך רייפערע קינסטלערישע ווערק: דראַמאַטישע טרילאָגיע אין פערזן „דמיונות" (ניו־יאָרק, 1921) און „סאָלדאַטן־און פּאַיאַצן־לידער" (וואַרשע, 1928). אַ שטאַרקן איינדרוק האָבן געמאַכט: זיין אויבנדערמאָנטער בוך „מלחמה־נאָטיצן פון אַ יידישן אָפיציר" און זיין ווערק „לוקרעציאַס טויט" (וואַרשע, 1936).

מעסטל איז פיל יאָרן געווען פאַרבונדן מיט מאָריס שוואַרצס קונסט־טעאַטער, און מיט יעקב בן־עמין. ער איז געווען דער הויפּט־לערער און אָנפירער פון דער ניו־יאָרקער דראַמאַטישער סטודיאַ, פון וועלכער ס'איז אַרויסגעוואַקסן דער „אַרטעף". מיט מעסטלס סטודיאַ־אויפפירונג פון ביינוש שטיימאַנס „ביים טויער" האָט דער „אַרטעף" אָנגעהויבן זיין טעטיקייט. מעסטל האָט אויך אָנגעפירט מיטן יידישן טעאַטער־אַנסאַמבל. ווי אַ שוישפּילער און רעזשיסער איז ער אַרומגעפאָרן מיט טעאַטער־טרופּעס אין פאַרשיידענע לענדער. זיין רייכע טעאַטער־קענטעניש האָט אים געטריי געדינט אין פיל פון זיינע גלענצנדע בינע־אויפפירונגען, אין וועלכע ער האָט אַרויסגעוויזן אָריגינעלקייט, המצאהדיקייט. אָפט פלעגט זיין שוישפּילערישער טאַלאַנט אַרויספינקלען ווי אַ דימענט פון מיניאַטור־ראָלן אָדער עפּיזאָדן־ראָלן.

זיין שריפטשטעלערישע טעטיקייט איז זיך באַזונדערס צעוואַקסן און האָט אַריינגעקראָגן מזל־ברכה מיטן אויפקום פונעם „איקוף", פון וועלכן ער איז געווען איינער פון די גרינדער, פירער און טוער. ווי נ. מ. (נחמן

מייזיל) וויזיט־אַן אין דעם „איקוף"־זשורנאַל „יידישע קולטור" (פעברואַר 1958), „האָט יעקב מעסטל פאַרעפנטלעכט אין דעם ,איקוף'־זשורנאַל ,יידישע קולטור' אַרום 150 [אויב נישט מער!] אַרטיקלען, אָפּהאַנדלונגען און רע־צענזיעס", — אַן עשירות!

אַן אוצר פון וויסן, פון טעאַטער־קענטעניש און דערפאַרונג, איז פאַראַן אין מעסטלס צוויי ווערק „אונדזער טעאַטער" (200 ז"ז, 1943) און „70 יאָר טעאַטער־רעפּערטואַר" (1954, 112 ז"ז) — ביידע אַרויסגעגעבן דורך דעם „איקוף"־פאַרלאַג. אגב, דאַרף מען באַטאָנען, אַז מעסטל איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע טוער און רעדאַקטאָרן פונעם „איקוף"־פאַרלאַג. דאָס האָט ער רעדאַקטירט און צוגעגרייט צום דרוק אַ היפּשע צאָל ביכער פון פאַרשיידענע שרייבער.

מעסטל איז געווען אַ לאַנגיאָריקער מיטאַרבעטער פון דער „מאָרגן־פרייהייט", „יידישע קולטור" און לעצטנס „זאַמלונגען". ער האָט זיך אויך באַטייליקט מיט וואָגיקע עסייען אין פיל אַנדערע ליטעראַרישע זשורנאַלן, צווישן זיי: „יידיש טעאַטער" און „ליטעראַרישע בלעטער" (וואַרשע); „טעאַליט", „קולטור", „די פעדער", א. אַנד. פיל פון זיינע ווערק זיינען געבליבן ניט־פאַרעפנטלעכט אין בוכפאָרם.

אין די צוויי בענד „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער" (1931 און 1936) איז פאַראַן אַ וועלט מיט אינפאָרמאַציע וועגן יידישע שוישפּילער און טעאַטער־גרופּעס — דער רעזולטאַט פון לאַנגיאָריקער פאָרשערישער מי פון די צוויי צונויפגעשטעלער און רעדאַקטאָרן, י. מעסטל און ז. זילבערצווייג (דער דריטער באַנד איז אין דרוק).

אַן ערנסט־קראַנקער אין משך פון אַ לאַנגער צייט האָט מעסטל ביז דער לעצטער רגע פון זיין האַרעפּאַשנעם לעבן ניט אַוועקגעלייגט די פּען פון האַנט. ער האָט געטריי געדינט דעם פאָלק. דאָס פאָלק וועט מיט ליבשאַפט האַלטן טייער און ערלעך זיין ליכטיקן אָנדענק!

אויגוסט 12, 1958.

2.

יעקב מעסטל: „70 יאָר טעאַטער־רעפּערטואַר" (צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע), 112 זייטן. אַרויסגעגעבן דורכן „איקוף"־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1954.

צום זיבעציקסטן געבוירנטאָג פונעם חשובן יידישן שוישפּילער און רע־זשיסער, טעאַטער־פאָרשער און טעאַטער־היסטאָריקער, יעקב מעסטל, האָט דער „איקוף" אַרויסגעגעבן אַ וויכטיק האַנט־ביכל פונעם יובילאַר: „70 יאָר טעאַטער־רעפּערטואַר". אָט־דאָס ביכל, קליין אין פאָרמאַט, איז אַ פיינער ביישטייער צו דער פאָרשונג און געשיכטע פונעם יידישן טעאַטער אין אַמעריקע.

מיט קענטעניש און גענויקייט, זאַכלעך און פּינקטלעך, אין אַ בצמצום־דיקן סטיל, אויף אַ קאָנדענסירטן אופן. וואַרפט דער מחבר אַ פּראָזשעקטאָר־ליכט אויף דעם וועג, וואָס דער יידישער טעאַטער אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט דורכגעמאַכט אין די 70 יאָר פון זיין עקזיסטענץ. דער מחבר וויזט אונדז אַ וועג פון זיגזאַגן, באַרג־אַרויפן און באַרג־אַראָפּן, דערפאָלגן און דורכפאַלן, ביז — דער גוואַלטיקער ירידה פונעם יידישן טעאַטער אין די לעצטע יאָרן.

דאָס ביכל, קליין אין כמות, איז גרויס אין איכות. פאַראַן דאָ אַן אוצר מיט אינפאָרמאַטיוון מאַטעריאַל וועגן דעם יידישן טעאַטער־רעפּערטואַר, דראַמאַטורגן, פּיעסן, שוישפּילער און רעזשיסאָרן, טעאַטער־ריכטונגען און אַנטוויקלונגען.

אין זיין אַריינפיר דערקלערט דער מחבר, אַז ער נעמט זיך אונטער צו פאַרצייכענען „קודם־כל דאָס מער כאַראַקטעריסטישע פונעם שפּיל־רעפּערטואַר״. ער דערקלערט, אַז ער שטעלט זיך די אויפגאַבע „צו פאַרצייכענען וואָס מער פונעם בעסערן רעפּערטואַר״; „צו פאַרצייכענען, ווי ווייט מעגלעך, די הויפּט־פּיעסן פון דעם ,ניט־ליטעראַרישן׳ רעפּערטואַר, כדי אויף דעם אופן ויי צו פאַרהיטן פון פולשטענדיקער פאַרגעסנקייט״. מען דאַרף זאָגן, אַז דער מחבר האָט זיך אויסגעצייכנט געשפּראָוועט מיט זיין אויפגאַבע. נאָך מער: ער האָט ניט בלויז גלאַט „פאַרצייכנט״: ער האָט אויך באַוויזן דאָ־און־דאָרט צו באַגלייטן זיין „פאַרצייכענען״ מיט באַלערנדיקע קאָמענטאַרן, מיט אַנאַליטישע באַמערקונגען, אָנוויזונגען.

דער מחבר האָט איינגעטיילט דעם אינהאַלט פון זיין ביכל אין די פאָלגנדיקע קאַפּיטלען: יידישער טעאַטער־רעפּערטואַר; די גאָרדין־עפּאָכע; פאַר און בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה; יידישער קונסט־טעאַטער; דער „אַר־טעף״ און אַנדערע טעאַטערס; פּעריאָד אַרום דער צווייטער וועלט־מלחמה; קורצער סך־הכל. דערויף קומען פיר זוכצעטלען: בינע־מחברים א. אַנד.; געזאַנג־פּיעסן און מעלאָדראַמעס; דראַמעס און קאָמעדיעס; איבערזעצונגען.

אַט־די איינטיילונג האָט געהאָלפן אַנהאַלטן אַ באַשטימטע מאָס אָרגאַניזירטקייט, סיסטעמאַטישקייט, פּלאַנמעסיקייט אין באַהאַנדלען דעם מאַטעריאַל; אויסמיידן צעשוואומענקייט און ווידערהאָלונג.

דער מחבר גיט דעם לייענער אַ קלאָרן באַגריף וועגן דער גאָרדין־עפּאָכע, וועגן די גרויסע בייטראָגן פונעם דראַמאַטורג יעקב גאָרדין צו דער אַנטוויקלונג פונעם יידישן בעסערן טעאַטער. ער שטעלט זיך אָפּ אויך גאָרדינס „פאָלקסטימלעכן, מערסטנס אויך סאָציאַלן רעפּערטואַר״, אָנרירנדיק אין ברייטע שטריכן אַ ריי גאָרדין־פּיעסן, זייער טעמאַטיק און צענטראַלע אידייע.

מיר קריגן אויך אַ באַגריף וועגן די פאַבריצירער און ליפעראַנטן פון יידישע שונד־פּיעסן, מעלאָדראַמעס, „היסטאָרישע אָפּערעטעס״. דער מחבר שילדערט „די ממשלה פון די לאַטיינערס און הורוויצעס איבער דעם יידישן רעפּערטואַר פון די אַכציקער און ניינציקער יאָרן״, און זייער השפעה און

פאַרזעצונג אין די „ווערק" פון די שפּעטערדיקע, מאָדערנערע שונד־און מעלאָדראַמע־עקספּערטן ביז די לעצטע יאָרן. דער מחבר גיט אָפּ אַ היפּשע צאָל זייטן פאַר דעם פּירלינג: לאַטיינער, שמ"ר, הורוויץ, זייפערט און זייערע נאָכפאָלגער, און ווייזט דעם גראַנגאַל אין משך פון יאָרן צווישן דער שונד־פּיעסע און מעלאָדראַמע פון איין זייט, און דעם „בעסערן" — אין דעם פאַל הייסט עס — ליטעראַרישן, קלאַסישן און מאָדערנעם רעפּערטואַר.

מיר זעען די שטופּנווייזע, בהדרגהדיקע, אַנטוויקלונג פונעם בעסערן יידישן טעאַטער. דער מחבר ווייזט, ווי יעקב גאָרדינס און לעאָן קאָברינס פּיעסן האָבן „דערצויגן אַ טעאַטער־עולם", און ווי דער יידישער בעסערער טעאַטער האָט זיך אַלץ מער באַרייכערט מיט די דראַמאַטישע שאַפונגען פון שלום־עליכם, פּרץ, אַש, הירשביין, פּינסקי, דימאָוו, גאָרין, ליבין, ווינטשעווסקי, רייזען, א. אַנד.

אינטערעסאַנט איז אויך דאָס קאַפּיטל וועגן דעם יידישן טעאַטער פאַר און בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה (1917־1910). יעקב מעסטל ווייזט דעם קעניג פון „פּראַכט און גלאַנץ" אויף דער יידישער בינע, באָריס טאָמאַשעווסקין, ביי דער אַרבעט. עס גיבן פאַר אונדזערע אויגן אַ בלענד מעלאָדראַמעס, מוזיק־קאָמעדיעס, „מאַכערייקעס", פּיעסן מיט עראָטישע מאָטיוון, מלחמה־פּיעסן, ב. קאָוונערס „יענטע טעלעבענדע", וואָס איז געוואָרן אַ שונד־שעדעוור, מיט וועלכן קאָוונער האָט דאָ קאָנקורירט אין אומריינעם הומאָר און צינישער פלאַכקייט. גלייכצייטיק זעען מיר די בעסערע דראַמע אין איר אַנטוויקלונג.

דער מחבר ווייזט אונדז (אין אַ באַזונדערן קאַפּיטל) דעם בלי־פּעריאָד, וואוקס און פאַנאַנדערבליי, אויפטו און בייטראָג פונעם יידישן קונסט־טעאַטער, אָנגעפירט דורך מאָריס שוואַרץ, זיין רעפּערטואַר פון די בעסטע יידישע דראַמאַטיקער און פון אַ היפּשער צאָל איבערזעצונגען פון דער וועלט־ליטעראַטור, זיינע סטיליזירטע אויפפירונגען פון גאָלדפאַדענס ווערק. מיר זעען, ווי אַזוי אָט־דער טעאַטער איז אין איין צייט „געוואָרן די היים פאַר דער בעסערער דראַמע און קאָמעדיע", און ווי אַזוי אָט־די היים איז אונטערגעגאַנגען, אויפגעגעבן געוואָרן.

אין אַ באַזונדערער אָפּהאַנדלונג ווערט אַרויסגעבראַכט די ראָל און דער גראַנדיעזער בייטראָג פונעם „אַרטעף" אין די העכער צען יאָר פון זיין עקזיסטענץ. דער מחבר גיט אַ לויפנדיקן איבערבליק אויך איבער די אַנדערע טעאַטערס מיט בעסערע פּיעסן אין זייער רעפּערטואַר (1938־1928). אַ היפּשע רשימה: „דאָס נייע יידישע טעאַטער", „ווילנער טרופּע", „אונדזער טעאַטער", „רודאָלף שילדקרויט טעאַטער", „יידישער אַנסאַמבל קונסט־טעאַטער", „ניו־יאָרקער דראַמאַטישע טרופּע". מיט רעכט ווייזט אָן מעסטל, אַז בעת זיי האָבן „קיין באַשטימטע, אויסגעהאַלטענע רעפּערטואַר־ליניע ניט געהאַט", האָט זיך דער „אַרטעף" געשטעלט פאַר זיין אויפגאַבע צו „געבן דעם טעאַטער־גייער אַ פּיעסע פון פאָלקסטימלעך־פּראָגרעסיוון אַרבעטער־כאַראַקטער". ריכטיק איז אויך דעם מחברס אָנווייזונג, אַז „אונטערן איינ־

פלוס פון די דערפאָלגן אינעם „קונסט־טעאַטער" און שפּעטער אין „אַרטעף", האָבן אויך אַנדערע, אין הילכות רעפּערטואַר ניט־איבעריק אָפּגעהיטענע טעאַטערס, געגומען שפּילן פון צייט־צו־צייט בעסערע פּיעסן".

איידער דער מחבר ציט־אונטער אַ סך־הכל, שטעלט ער זיך אָפּ אויפן פּעריאָד אַרום דער צווייטער וועלט־מלחמה און ערב דער מלחמה: די אַרבעט און בייטראָגן פונעם יידישן אָפּטייל ביים פעדעראַלן טעאַטער־פּראָיעקט; צום סוף — די ראָל פונעם יידישן טעאַטער־אַנסאַמבל און פון דער „פרייער יידישער פאָלקס־בינע".

דער מחבר ווייזט אויך די קעגנזייטיקע איינפלוסן, השפעות און ווירקונגען פונעם יידישן טעאַטער און דער אַמעריקאַניש־ענגלישער בינע. ער שטעלט פעסט, אַז דער אויפשוואונג פונעם מאָדערנעם יידישן און אַמעריקאַניש־ענגלישן רעפּערטואַר „הויבט זיך פּאַקטיש אָן ערשט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה". ער גיט אַ רשימה פון 243 בינע־מחברים און איבערזעצער מיט 267 געזאַנג־פּיעסן און מעלאָדראַמעס, 243 דראַמעס און קאָמעדיעס און 166 איבערזעצונגען, — צוזאַמען 676 רעפּערטואַר־פּיעסן. ער האַלט, אַז די צאָל געשפּילטע פּיעסן אין יידישן טעאַטער אין אַמעריקע זינט 1884 ביז איצט „איז מינימום איבער צוויי טויזנט".

אין זיין סומירונג, ביים שטעלן די אונטערשטע שורה, קאָנסטאַטירנדיק, אַז דער דראַמאַטישער יידישער טעאַטער האָט „פאַרמאַכט די טירן — ווער ווייסט אויף ווי לאַנג", פרעגט דער מחבר אַ ביטערע, האַרבע פראַגע: „מיינט דאָס דער סוף?"

ער אַליין גיט אַן ענטפער: „עס עקזיסטירט נאָך אַלץ אַ יידישער טעאַטער־גייער וואָס איז דשעדנע צו זען אַן אָנשטענדיקע פּיעסע... אַ געזעלשאַפטלעכער טעאַטער מיט אַ געקליבענעם רעפּערטואַר וואָלט נאָך באַוויזן וועג אַן מורא, אַ וועג פון הומאַניזם, פון אמת און יושר, אַ וועג פאַר דעם געזעלשאַפטלעכקייט קאָן נאָך, גלויבן מיר, באַווייזן אָט־דעם „נס"".

יעקב מעסטלס ביכל איז אַ וויכטיקער אויפטו, אַ נויטיק און ניצלעך ווערק, אַ שיינער בייטראָג צו דער פאָרשונג פון יידישן טעאַטער־רעפּערטואַר.

1954

.3

די יידישע פּראָגרעסיווע קולטור־געזעלשאַפטלעכקייט פאַרצייכנט איצט דעם זיבעציקסטן געבוירנטאָג און פופציק יאָר ליטעראַריש־קינסטלערישע טעטיקייט פון יעקב מעסטל.

דער יובילאַר איז אַ וויכטיקע קולטור־פּערזענלעכקייט: אַ טאַלאַנטפולער און פּראָדוקטיווער שריפטשטעלער, טעאַטער־פאָרשער, שוישפּילער, רעזשיסער, לערער, קולטור־טוער און קולטור־בויער. אַלס שרייבער איז ער אויך אַקטיוו אין אַ ריי פאַרשיידענע געביטן: דיכטער, עסייאיסט, מעמואַרן־שרייבער, קריטיקער, איבערזעצער, רעדאַקטאָר און מיטרעדאַקטאָר.

זיין וועג פון קולטור־בויאונג, קולטור־שאַפונג און פאַרשפּרייטונג האָט זיך אָנגעהויבן נאָך מיט העכער פופציק יאָר צוריק און האָט זיך געצויגן פון גאַליציע, זיין היים־געגנט, דורך עסטרייך, דייטשלאַנד, רומעניע קיין צפון־אַמעריקע און פונדאַנען צו לענדער פון דרום־אַמעריקע און צוריק צו די פאַראייניקטע שטאַטן.

אומעטום, וואוהין ער איז אין משך פון אָט־דעם האַלבן יאָרהונדערט געקומען, האָט ער אחריותפול געבראַכט און געהאָלפן בויען יידישע קולטור — געבויט יידיש טעאַטער, באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור, געהאָלפן צעאַקערן דעם באָדן פאַר וויכטיקע קולטור־ווערטן.

לאָמיר דאָ, צו דער געלעגנהייט פונעם יום־טוב פונעם חשובן יובילאַר, פאַרצייכענען איניקע „טרוקענע" פאַקטן, סיי ביאָגראַפישע, סיי וועגן מעסטלס ליטעראַרישער און טעאַטער־טעטיקייט.

קודם אַ פּאָר ביאָגראַפישע מאָמענטן: דער יובילאַר איז געבוירן געוואָרן דעם 25טן פעברואַר, 1884, אין זלאָטשעוו, מזרח־גאַליציע. פון 1905 ביז 1907 איז ער געווען אַ לערער אין דער הויפּט־שול אין לעמבערג. אין 1908 האָט ער אין ווין — הויפּטשטאָט פון דער אַמאָליקער עסטרייך — געענ־דיקט די אָפיצירן־שול.

זינט 1909 ביז 1913 האָט ער זיך באַטייליקט אַלס שוישפּילער און רעזשיסער אין דעם יידישן סטעפּאַני טעאַטער אין ווין. דערנאָך האָט ער גע־שפּילט אין יידישן טעאַטער אין בערלין און אין יאַסי.

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער, דאַן אַן אָפיצער אין דער עסטרייכיש־אונגאַרישער אַרמיי, געקעמפט אויף פאַרשיידענע שלאַכט־פראָנטן און איז עטלעכע מאָל פאַרוואונדעט געוואָרן.

אין 1918 האָט ער געהאָלפן גרינדן אין ווין די „פרייע יידישע פאָלקס־בינע", און איז געוואָרן איר רעזשיסער, קינסטלערישער אָנפירער, שוישפּי־לער. ער איז אין ווין אויך געווען צווישן די פּיאָנערן־שעפער פון דער ערשטער יידישער דראַמאַטישער שול.

אין יולי 1920 איז יעקב מעסטל אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע. אין משך פון די יאָרן זינט דאַן האָט ער, אַ שרייבער, שוישפּילער און רעזשיסער מיט אַ ברייטער ערודיציע, מיט אַ היפּשן באַגאַזש פון אייראָפּייאישער קולטור, מיט אַ טיפער ליבשאַפט צו ליטעראַטור און טעאַטער, געמאַכט גאָר־באַדייטנ־דיקע בייטראָגן צו אָט־די צווייגן פון אונדזער יידישער קולטור. ער האָט זיך אויסגעצייכנט אַלס אַקטיאָר אין פיל וויכטיקע ראָלן אין אַ גרויסער צאָל פּיעסן; ער האָט רעזשיסירט פיל פּיעסן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, אַרגענטינע, אורוגוואַי, בראַזיל. ער איז געווען אַ לערער און אָנ־פירער פון אַרבעטער־דראַמקרייזן. ער איז געווען אַן אָנפירער פון אַ צאָל קונסט־טעאַטערס און טעאַטער־גרופּן.

אין 1925 איז ער געוואָרן דער אָנפירער פון דער „פרייהייט דראַמאַ־טישע סטודיאָ", איר לערער און רעזשיסער. ווען אָט־די סטודיאָ איז אין

1928 פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם שפּילער־קאָלעקטיוו „אַרטעף", האָט ער רעזשיסירט די ערשטע פּיעסע פֿון דעם קאָלעקטיוו: ב. שטיימאַנס „ביים טויער" (מעכטלס בינע־טעקסט). ער האָט געטריי מיטגעהאָלפֿן דער אַנטוויקלונג און דעם קינסטלערישן וואוקס פֿונעם „אַרטעף". אין משך פֿון יאָרן האָט ער מיטגעאַרבעט אַלס שוישפּילער אין שוואַרצס „קונסט־טעאַטער", און מיטגעאַרבעט מיט יעקב בן־עמין און אַנדערע טעאַטער־קינסטלער אַלס רעזשיסער.

צווישן די פֿיל פּיעסן, וואָס י. מעסטל האָט, אַליין אָדער צוזאַמען מיט אַנדערע, רעזשיסירט, זיינען: „יעווּרעיאינאָווס „די שיף מיט צדיקים", לייוויקס „שאָפּ", בערקאָוויטשעס „פֿון יענער וועלט", גאַלסוואָירטיס „גערעכטיקייט", זשולאַווסקיס „שבתי צבי", קליפֿאָרד אָדעטס „וואַך־אויף און זינג", א. אַנד.

זיין ליטעראַרישע טעטיקייט האָט מעסטל אָנגעהויבן מיט פּובליציסטישע און קריטישע אַרטיקלען נאָך אין 1903 (אין דער „וואַרהייט", אין לעמבערג). זיין סאַמע ערשט ליד, „אַ ווייסע נאַכט", איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין 1906 אין לעמבערגער „טאָגבלאַט" (אונטער דער רעדאַקציע פֿון משה קליינמאַן). זינט דאַן האָט ער אין פֿאַרשיידענע צייטונגען און זשורנאַלן (אין משך פֿון פֿיל יאָרן אין דער „מאָרגן־פֿרייהייט" און אין „יידישע קולטור") אָפּגעדרוקט פֿיל עסייען, רעצענזיעס, קריטיק און פּובליציסטיק, באַזונדערס איבער ליטעראַטור און טעאַטער־ענינים. אין פֿיל אויסגאַבן אין גאַליציע האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט לידער. אין 1910 איז ער געווען מיטרעדאַקטאָר פֿונעם זאַמלבוך „יונג־גאַליצישער אַלמאַנאַך" אין לעמבערג.

ואלה שמות, און אָט איז אַ רשימה פֿון די ביכער, וואָס אונדזער יובילאַר האָט ביז איצט פֿאַרעפֿנטלעכט: לידער־זאַמלונגען: „פֿאַרחלומטע שעה'ן" (לעמבערג, 1909), „אַ ליבעס־ליד" (קראָקע, 1911), „וויטאַ הייזד" (קראָקע, 1913), „דמיונות" (דראַמאַטישע טרילאָגיע, ווין־ניו־יאָרק, 1921), „סאָלדאַטן־און פֿאַיאַצן־לידער" (וואַרשע, 1928); פּאָעזע: „מלחמה־נאָטיצן פֿון אַ יידישן אָפֿיציר" (2 טיילן, 756 ז"ז, וואַרשע, 1924), „לוקרעציאַס טויט" (וואַרשע, 1936); וועגן טעאַטער: „אונדזער טעאַטער" (אַן אינפֿאָרמאַטיוו, וויכטיק ווערק וועגן דעם כאַראַקטער און דער געשיכטע פֿונעם יידישן טעאַטער, ניו־יאָרק, 1943; 200 ז"ז), „70 יאָר יידישער טעאַטער־רעפּערטואַר" (צו דער געשיכטע פֿון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע; ניו־יאָרק, 1954).

יעקב מעסטל איז מיטרעדאַקטאָר פֿונעם זשורנאַל „יידישע קולטור" (אין וועלכן ער האָט אָפּגעדרוקט העכער הונדערט אָפּהאַנדלונגען וועגן קולטור־ענינים). ער איז אויך מיטרעדאַקטאָר (צוזאַמען מיט זלמן זילבערצווייג) פֿונעם „לעקסיקאָן פֿון יידישן טעאַטער" (צוויי בענד) און „טעאַטער־העפֿטן" (פֿאַר דעם דריטן באַנד). ער איז אויך געווען אַ מיטאַרבעטער פֿון דער „יידישער ענציקלאָפּעדיע" (באַטייליקט זיך מיט אַ ריי אַרבעטן וועגן יידישן טעאַטער). ער איז אַ מיטאַרבעטער פֿונעם „גרויסן יידישן ווערטערבוך", וואָס ווערט איצט צוגעגרייט אין אַמעריקע. ער האָט זיך באַטייליקט

אין דעם אָרדן־אַלמאַנאַך, אין דעם „אַרכיוו פון יידישן טעאַטער", אין דעם אַלמאַנאַך „צען יאָר ,אַרטעף'," אין די „יוואָ־בלעטער", אין די „ליטעראַ־רישע בלעטער", אין „טעאַליט", א. אַנד. ער האָט אויך געהאָלפן דעם „אי־קוף"־פאַרלאַג רעדאַקטירן און צוגרייטן צום דרוק אַ ריי ביכער.

מעסטל האָט איבערגעזעצט אויף יידיש פיל פּיעסן (און אַנדערע ווערק) פון דייטש, פּויליש, ענגליש; צווישן זיי: אַרטור מילערס „דער טויט פון אַ סעילסמען" (1950); „דעטעקטיוו סטאָרי" פון ס. קינגסלי (געשפּילט אין 1952); „לינקאָלן אין אילינאָי" פון ראָבערט שערוואוד; „די פאַמיליע זאָ־נענברוך" פון לעאָן קרוטשקאָווסקי (געשפּילט דורכן יידישן טעאַטער־אַנ־סאַמבל, מיט וועלכן מעסטל האָט אין משך פון אַ צייט אַנגעפירט); „ירמיהו" פון סטעפאַן צוויג; לעאָן פויכטוואַנגערס „יוד זיס" (געשפּילט דורך בן־עמי און ס. גאָלדענבורג); אַרנאָלד צוויגס „סעמאַעלס זענדונג", שענערס „קינ־דער־טראַגעדיע", ווידעס „פאַטאַ מאַרגאַנאַ", לאַנגערס „פּעריפעריע"; לעאָ קאַצס ראָמאַן „זריעה־צייט", אַלעקסאַנדער גראַנאַכס אויטאָביאָגראַפיע „אַט גייט אַ מענטש"; האָוואַרד פעסטס „פּיקסקיל", א. אַנד. טיילן פון מעסטלס „מלחמה־באַטיצן פון אַ יידישן אַפיציר" (דריי אויפלאַגעס) זיינען איבערגע־זעצט געוואָרן אויף דייטש און אונגאַריש.

מעסטל אַלס אַ קולטור־טוער: חוץ דעם, וואָס ער איז אַ לערער פון דראַ־מאַטישע גרופּן און סטודיעס, טרעט ער אָפט אויף מיט לעקציעס. אַלס לי־טעראַט און טעאַטער־קענער און היסטאָריקער שפּרייט ער זיין ברייטן וויסן סיי בכתב, סיי בעל־פּה. ער איז אַקטיוו אַלס מיטגליד פונעם פּרעזידיום פונעם „איקוף", אַלס מיטגליד פונעם ניו־יאָרקער שטאָט־קאָמיטעט פון „אי־קוף", אַלס דעלעגאַט פונעם „איקוף" צו דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פו־נעם יידישן מוזיק־פאַרבאַנד, אַלס מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פונעם יידישן שרייבער־פאַראיין ביים „איקוף". קיין קולטור־אַרבעט איז פאַר אים ניט צו־שווער. צוזאַמען מיט זיין פרוי (די באַגאַבטע שוישפּילערין און שרייבערין, שרה קינדמאַן) באַשיינט ער אָפט יום־טובים פון דער יידישער פּראָגרעסיווער קולטור (דורך שוישפּיל און רעציטאַציע).

(אַ זייטיקע באַמערקונג: אַט זוי די גרויסע „קולטור־מאַכער" אין דעם געמויזעכץ האָבן באַערט און באַדאַנקט דעם פאַרדינסטפולן יידישן שרייבער און טעאַטער־פאַרשער: דעם 20טן סעפּטעמבער, 1953, האָט די עקזעקוטיווע פונעם יידישן פּען־קלוב געלאָזט וויסן יעקב מעסטלען, אַז זי וויזט־צוריק זיין אַפּליקאַציע צו ווערן אַ מיטגליד פונעם פּען־קלוב...)

מעסטל אַלס יוניאָן־טוער: אין 1921, זעקס חדשים נאָך זיין אָנקומען קיין אַמעריקע, איז שוין מעסטל געוואָרן אַ מיטגליד פון דער יידישער אַק־טיאָרן־יוניאָן. זינט 1923 ביז 1953 (דרייסיק יאָר!) איז ער געווען (מיט קליינע איבעררייסן) דער סעקרעטאַר פון דער עקזעקוטיווע פון דער יו־ניאָן (אַ ניט־באַצאָלטער אַמט!). די לעצטע צוויי יאָר, זינט מען האָט אין דער יוניאָן פאַרגרינגערט די עקזאַמענס פאַר אַפּליקאַנטן, איז מעסטל גע־ווען דער פאָרזיצער פון דער עקזאַמינירקאָמיסיע. אין 1953 איז ער גע־

ווען דער אָפּיציעלער דעלעגאַט פון דער יוניאָן צו אַ ריי אָרגאַניזאַציעס, צו געזעלשאַפטלעכע פייערונגען און פאַרזאַמלונגען.

דאָ האָבן מיר אָנגעצייכנט בלויז די ראשי־פּרקים פונעם לעבן און שאַפן פון אַ קרעפטיקער, רייכער און באַרייכערנדיקער קולטור־פּערזענלעכקייט. דאָ, גלויבן מיר, זיינען פאַראַן רוי־מאַטעריאַלן־נאָטיצן פאַר אַ גרויס קריטיש־אַנאַליטיש ווערק, פאַר אַ ביאָגראַפישן ראָמאַן: „יעקב מעסטל — געטרייער בויער און שאַפער פון יידישער פּראָגרעסיווער קולטור". שליסן מיר זיך אָן אין דער יובילײ־פייערונג לכבוד דעם יוגנטלעכן, אימפּעטפולן, ענערגישן בן־שבעים, וועמענס לעבן און ווירקן עס איז אַ קוואַל פון אינספּיראַציע און לערע פאַר אַלע פּראָגרעסיווע קולטור־כוחות.

אַפּריל 9, 1954 (צום פופציקסטן יובילײ פון דער ליטעראַריש־קינסטלערישער טעטיקייט פון יעקב מעסטל).



משה כץ

(1960־1885)

.1

משה כץ — אַ שאַפערישע, גייסטרייכע פערזענלעכקייט, אַ יחיד במינו. דער סטיל — ווי דער מענטש, און דער מענטש — ווי דער סטיל: מאַסיוו, פעסט־געבויט, זיכער, מונטער, יונגנטלעך.

אַ שליח־ציבור פון „אַ דור, וואָס האָט פאַרלוירן די מורא״. דער וועג פון זיינע פופציק יאָר ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט — אַ וועג אָן מורא, אַ וועג פון הומאַניזם, פון אמת און יושר, אַ וועג פאַר דעם פאָלק, אַ וועג פון שווער־קייטן, קעגן שטורעמס, קעגן זאַווערוכעס, אַ וועג פון אַרעסטן, טורמע, אָבער אויך: פרייד פון שאַפן, פרייד פון פאָלקס־דער־הויבונג, דערגרייכונג, זיג.

זיין פאָן: פרייהייט, ברידערלעכקייט, פעלקער־פריינטשאַפט; אַ וועלט פון שלום און פּראָגרעס, אַ וועלט פון מענטשלעכער ווירדע, פון פאַנאַנדער־בלי פון דערהויבנדיקער, דורכגעלויכטענער קולטור. זיין דערפאָלג, זיין ריי־זיק פאַרמעגן, זיין גרויס עשירות: די ליבשאַפט פון טויזנטער יידישע אַר־בעטער און פאָלקס־מענטשן, די ליבשאַפט פון פאָלק צום קעמפער פאַר סאָציאַלן יושר, צום שרייבער, צום קולטור־בויער און שאַפער, וואָס הייסט משה כץ.

משה כצס וועג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין ניקאָלאַיעוו, אין אַלטן צאַרישן רוסלאַנד, האָט אים געפירט דורך 1905, 1917, 1922 (גרינדונג פון דער „פרייהייט״ — „מאָרגן־פרייהייט״), תמיד מיטן פאָלק, ביז צו זיין איצטיקן יובילעי פון אַ בן־שבעים און אַ בן־חמשים, פון פרוכטבאַרע, שע־פערישע פופציק יאָר.

משה כץ (געבוירן דעם 24טן סעפטעמבער, 1885), אַ לערער און דער־ציער פון צוויי דורות יידישע האָרעפּאַשניקעס אין אַמעריקע און אויף יע־נער זייט ים. אַ פילזייטיקער פובליציסט, אַ פּאָליטישער קאָמענטאַטאָר פון אַ הויכער מדרגה, אַ זעלטן־פייאיקער רעדנער און לעקטאָר, האָט, משה, אַ

זון פון דער ניקאָלאַיעווער אַרעמשאַפט, אַ בן־שניידער, גאַר אויף אַ באַ־דייטנדיקן אופן רייכער געמאַכט אונדזער לעבן און אונדזער ליטעראַטור.

אין די קאַלאָסאַלע ענדערונגען אין דער וועלט־לאַגע, אין דער וועלט־געשיכטע, אין משך פונעם לעצטן הרת־עולמדיקן האַלבן יאָרהונדערט, אויפן וועג צו ליכט און פֿרייהייט, צו שלום און פעלקער־פריינטשאַפט, האָבן אויך אונדזער משהס פופציק יאָר זייער חלק, זייער בייטראַג, זייער ראָל.

אַ שרייבער מיט אַ זעלטן־ברייטער, טיפער ערודיציע, אַ למדן אין די געביטן פון טעאָריע און געשיכטע פון ליטעראַטור, פילאָסאָפיע, וויסנשאַפט, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, יידישע פראַגן, וועלט־פּאָליטיק, אַ מומחה אין נאַטור־וויסנשאַפט, אַ ידען פון וועלט־געשיכטע, איז ער, אַ שעפערישע, זוכערישע נאַטור, שטענדיק באַהערשט פון אַ דראַנג צו וויסן, שטודירן, פאָרשן, שאַפן, אַליין לערנען און אַנדערע לערנען.

ער איז אַ קוואַל פון באַלערנדיקע דערפאַרונגען, אינטערעסאַנטע זכרונות, איינדרוקן, באַגעגענישן, מיט אַ קינסטלערישער פייאיקייט אויפצולעבן די אַלע עפּיזאָדן, אַריינאָטעמען אין זיי אַ רוח־חיים. פון גאָר גרויסן אינטע־רעס זיינען זיינע שילדערונגען וועגן זיינע באַגעגענישן מיט מענדעלע מוכר־ספרים, שלום־עליכם, י. ל. פּרץ, חיים־נחמן ביאַליק, און אַנדערע באַרימטע יידישע און ניט־יידישע שרייבער.

משה כץ צייכנט זיך באַזונדערס אויס — אין זיין פּובליציסטישער אַר־בעט, ווי אין זיינע לעקציעס און רעדעס — אַלס אַ זעלטענער פּאָפּולאַרי־זאַטאָר, מסביר, אויפקלערער און דערקלערער.

אין זיינע אָפּהאַנדלונגען איבער געשיכטלעכע ענינים האָט ער קלאָר געמאַכט די דערציערישע ראָל פון געשיכטע. זיין פאָרשונג־אַרבעט צילט צו שעפּן פון דער געשיכטע וואָס מער וויסן פאַר דעם היינט און פאַר דעם מאָרגן. אין דעם עבר פון פאָלק זעט ער און געפינט אַ סך מאָמענטן פון קאַמפּס־פייאיקייט, גבורה, העלדישקייט.

פול מיט לעבנס־פרייד, מיט שאַפונגס־פרייד, מיט יוגנטלעכקייט פון גייסט, פאַרזייט ער און פאַרפלאַנצט ער לעבנס־ענטוזיאַזם צווישן זיינע פיל־צאָליקע לייענער און צוהערער, פריינט, מיטקעמפער און מיטבויער. עס איז פאַראַן האַרמאָניע, גאַנצקייט, לאָגישע אויסגעהאַלטנקייט צווישן זיין ליטע־ראַרישער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

***

די ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט פון משה כץ האָט זיך אָנ־געהויבן מיטן שטורעם־פעריאָד פון 1905, מיטן פרילינג פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד, מיטן העלדישן פעריאָד פון „אַ דור, וואָס האָט פאַרלוירן די מורא“. די הייסע אַטמאָספער פון יענעם פעריאָד האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך. ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך קיין אַמעריקע דעם גייסט און די טראַדיציע פונעם קעמפערישן דור פון 1905. ער האָט געטראָגן אין זיך יענע גליענדיקע, גבורהדיקע אַטמאָספער. ער האָט איר לעצטנס

געגעבן ליטעראַרישן אויסדרוק, אַ תיקון, אין דער פאָרם פון זיינע זכרונות פון 1905.

עס איז קלאָר, אַז ווי אַ געטרייער פאָלקס־לערער, איז ער קיינמאָל ניט געווען קיין קאַלטער באַאָבאַכטער און זייטיקער אָפּשאַצער פון ליטעראַרישע ווערק און ווערטן — ער האָט באמת געהאָלפן פיל יונגע יידישע וואַקסנ־דיקע שרייבער שאַפן ליטעראַרישע ווערק. אייניקע פון זיי האָט ער געהאָלפן שטעלן זייערע ערשטע ליטעראַרישע טריט. פיל פון זיי האָט ער דערמונ־טיקט און געמונטערט אין דעם פּראָצעס פון זייער שאַפן. אין משך פון יאָרן איז ער געשטאַנען — און שטייט — אין שפּיץ פון דער פּראָגרעסיווער יידישער שרייבער־גרופּע און פון אירע ליטעראַרישע אויסגאַבן. ער האָט געהאָלפן גרינדן און אָרגאַניזירן דעם „יידישן שרייבער־פאַראיין ביים איקוף", איז געווען זיין ערשטער פּרעזידענט, און שטייט אויך איצט אין זיין פירער־שאַפט. ער האָט צום וואוקס פון אונדזער פּראָגרעסיווער ליטעראַטור גע־מאַכט וויכטיקע ביישטייערן אויך אַלס רעדאַקטאָר און מיטרעדאַקטאָר פון אונדזערע צייטשריפטן, און די לעצטע צוויי יאָר — אַלס אַקטיווער מיטרע־דאַקטאָר פון די „זאַמלונגען".

זיין וועג פון בילדונג האָט געפירט: פון חדר צו דער יידישער פאָלקס־שול — צו דער גימנאַזיע — צום אוניווערסיטעט פון פאָלק און לעבן, פון די אוצרות פון דער יידישער, רוסישער און וועלט־ליטעראַטור. שוין אין זיין פריער יוגנט איז ער געווען אַן אמתער באַשיצער פונעם לעבן און די אינטערעסן פון יידישן פאָלק. שוין אַלס יונגער בחור איז ער געוואָרן אַן אָרגאַניזאַטאָר און אָנפירער פון יידישע זעלבסטשוץ־גרופּן קעגן די פּאָגראָם־באַנדעס פונעם צאַרישן רעזשים. אין מאַי, 1905 איז ער אַרעסטירט גע־וואָרן אין אומאַן מיט געווער פאַר זעלבסטשוץ. נאָך פריער איז ער שוין „געזעסן" (צוזאַמען מיטן פאָטער, דעם שניידער און ליבהאָבער פון יידישער ליטעראַטור) אין אַרעסט־הויז אין זיין היים־שטאָט ביקאָליאָוו, פאַר באַלאַנ־גען צו אַן אומלעגאַלן בילדונג־פאַראיין.

ער איז געווען דער אָרגאַניזאַטאָר פון די אָדעסער טרעגער־אַרבעטער. ער איז פאַר זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט געווען פאַרשפאַרט אין די תפיסות פון ווילנע, וואַרשע, זשיטאָמיר, מינסק, סאָסנאָוויץ, און אַנדערע שטעט. פּאָליטיש איז ער געווען אַ מיטגליד פון די ערשטע ציוניסטיש־סאָ־ציאַליסטישע גרופּעס („ס־ס") אין דרום־רוסלאַנד.

זיין פּובליציסטישע טעטיקייט האָט ער אָנגעהויבן אַלס מיטאַרבעטער פון יידישע צייטונגען אין ווילנע, וואַרשע, קאַירא. אין 1913 האָט ער רעדאַק־טירט דר. זשיטלאָווסקיס „דאָס נייע לעבן". פון 1915 ביז 1917 איז ער געווען רעדאַקטאָר פונעם וואָכנבלאַט „אונזער וואָרט". ער איז געווען קאָר־רעספּאָנדענט פון צייטונגען אין יאָהאַנעסבורג, פּעטערבורג, קיעוו, ווילנע. אין 1914 איז ער געווען געהילף־רעדאַקטאָר פונעם ניו־יאָרקער „טאָג".

אין 1917 איז ער געווען דער רעדאַקטאָר פון דער טעגלעכער יידישער צייטונג „די נייע צייט" אין קיעוו. ער איז געווען אַ גרינדער פון דער אוק־

ראַינישער קולטור־ליגע. אין 1919 איז ער געווען דער פּאַרוואַלטער פֿונעם יידישן אָפּטייל פֿונעם קיעווער מלוכה־פֿאַרלאַג, דער רעדאַקטאָר פֿונעם קינדער־זשורנאַל „שרעטעלעך“, מיטאַרבעטער פֿון פֿאַרשיידענע יידישע אויסגאַבן אין קיעוו. אין 1920 איז ער געווען מיטאַרבעטער פֿונעם ניו־יאָרקער „פֿאָרווערטס“. אין 1921 איז ער געווען דער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פֿון דער „פֿרייע אַרבעטער־שטימע“.

אין 1922 איז ער געווען איינער פֿון די גרינדער און שאַפֿער פֿון דער „פֿרייהייט“ („מאָרגן־פֿרייהייט“), וואו ער פֿאַרנעמט זינט דאַן און אויך איצט אַ חשובֿ אָרט אַלס אַ זייל פֿון אָט־דער איינציקער יידישער פֿאָלקס־צייטונג אין אַמעריקע, אַלס לערער און וועגווייזער פֿון גרויסע מאַסן יידישע האָרעפּאַשניקעס. זינט דער גרינדונג פֿון דער „פֿרייהייט“ („מאָרגן־פֿרייהייט“) האָט ער זיך, ווי איינער פֿון אירע אָנגעזעענסטע מיטאַרבעטער, אויף שטענדיק נאָך פֿעסטער און ענגער פֿאַרבונדן מיט דער פּראָגרעסיווער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. אין משך פֿון זיין אַרבעט אין דער „מאָרגן־פֿרייהייט“ איז זיין טאַלאַנט געוואָרן רייפֿער, און זיין פּליסיקע פּען האָט פּראָדוצירט די מערסטע, וואָגיקסטע און בעסטע פֿון זיינע ווערק. זיינע ביז־איצטיקע 34 יאָר מיט דער „מאָרגן־פֿרייהייט“ באַצייכנט ער אַלס די בעסטע און גליקלעכסטע יאָרן פֿון זיין לעבן.

אַלס אַ ליטעראַטור־קריטיקער, איז משה כּץ אַ טעאָרעטיקער און אַ פּראַקטיקער. ער פֿאָלגט־נאָך מיט גרויס אויפֿמערקזאַמקייט און מיט וואַרעמער פֿריינטלעכער באַציאונג דעם קינסטלערישן אַנטוויקלונג־וועג פֿון כּמעט יעדן יינגערן קאָלעגע און זוכט צו העלפֿן אים אין זיין וואוקס (מיט אַן אָנווייז, אַן עצה, אַ רעדאַקציאָנעלער מיטאַרבעט). ער האָט, אָן צווייפֿל, אַ באַדייטנדיקן חלק אין דעם אַלגעמיינעם פֿאָרשריט און אין דער אַנטוויקלונג פֿון אונדזער יידישער פּראָגרעסיווער ליטעראַטור אין אַמעריקע. לויט דעם מענדעלע־כּלל מאָנט ער פֿונעם שרייבער: „אַ ווערק דאַרף מען פֿיילן און פֿיילן“. ער מאָנט אידייאישקייט און קינסטלערישע ווערטפֿולקייט. ער שטעלט אידייאיש־עסטעטישע און סאָציאַל־עטישע פֿאָדערונגען.

ווי אַ מאַרקסיסטישער קריטיקער אונטערשטרייכט ער די סאָציאַלע פֿונקציע פֿון ליטעראַטור. ער לערנט, אַז ליטעראַטור דאַרף באַטראַכט ווערן ווי אַ וויכטיקער אינסטרומענט פֿון די פֿאָלקס־מאַסן. דעריבער טאַקע פֿאָדערט ער פֿונעם פּראָגרעסיוון שרייבער צו שטודירן גענוי דעם ענין, וועגן וועלכן ער שרייבט, שרייבן מיט אחריות, אָנשטרענגען זיך צו באַנעמען, ווייזן, און אָפּשפּיגלען די סאָציאַלעווירקלעכקייט. ער לערנט דערביי צו געבן אמתדיקע, רעאַליסטישע בילדער, וואָס זאָלן אָפּשפּיגלען די אַרומיקע ווירקלעכקייט אין איר פֿולער אמת׳דיקייט, אָן מאַסקעס, אָן באַפּוצונגען — און ווירקן אויף דער ווירקלעכקייט. אין איניקע פֿון זיינע אָפּהאַנדלונגען וועגן שרייבער און ביכער נוצט ער דעם געשיכטלעכן אָדער ליטעראַריש־געשיכטלעכן צוגאַנג צו זייער שאַפֿן, מיט אַן אַריינבליק אין דעם היסטאָרישן פּעריאָד און אין דער געשיכטלעכער לאַגע בעת און פֿון זייער שאַפֿן. אין זיינע אָפּהאַנדלונגען

וועגן שרייבער באמת ער זיך צו זען דעם קינסטלער אלס א גאנצן — אין זיין דיאלעקטישער אנטוויקלונג, דעם דרך פון זיין שאפן, דעם פראצעס פון זיין וואקסן. ער לערנט דערביי, ניט אפצוטיילן דעם שרייבערס שאפן פון זיין פאליטישן דענקען אדער פון זיין געזעלשאפטלעכער טעטיקייט.

אין זיינע אפשאצונגען וועגן ווערק שטעלט ער די פראגע פון ביצלעכקייט פארן פאלק, די פראגע וועגן דער באציאונג פונעם קינסטלערישן ווערק צו דער ארבעטער־באוועגונג. דערביי טיילט ער ניט אפ דעם ענין ביצלעכקייט פונעם ענין עסטעטיק. ער לערנט: וואס קינסטלערישער דאס ווערק, אלץ שטארקער זיין ווירקונג. ער לערנט, ניט אפצוזונדערן די עסטעטישע אפשאצונג פון דער סאציאלער. ער לערנט צו באהאנדלען און דערקלערן די פארם פון א ליטערארישן ווערק, ניט אפגעריסן פונעם אינהאלט, נאר אין פארבינדונג מיטן אינהאלט, אין פארבינדונג מיט דער אידעאלאגיע פון שרייבער. ער פאדערט פון ליטעראטור אריינצוברענגען אינהאלט, דערהויבונג, פרייד, יום־טוב אין לעבן פון פאלק.

זיין קריטישער מעטאד איז דער דיאלעקטיש־מאטעריאליסטישער מעטאד פון באנעמען די פולע גאנצקייט פון א ווערק, דעם אידייען־גאנג פונעם קינסטלער. דאס איז א מעטאד פון ברייטן און טיפן אנאליז, פון פאנאנדערגלידערן א ווערק, פון באהאנדלען דעם וואס און ווי אזוי פון א ווערק. דאס איז אויך א מעטאד פון א קריטיקער, וואס איז ענג פארבונדן מיטן צוגאנג פון א פאלקס־לערער, א פובליציסט, א קולטור־טרעגער און קולטור־בויער. די כוונה פונעם קריטיקער איז ניט בלויז אפצושאצן, געבן צו פארשטיין, דערקלערן, פארטייטשן א ווערק ווי געהעריק, נאר אויך אריענטירן דעם לייענער, אנטוויקלען קודם־כל זיין אינטערעס צו געזונטער, ביצלעכער ליטעראטור און דערביי פארפיינערן זיין געשמאק.

אונדזער קריטיקער לערנט דעם שרייבער, ניט נאר שילדערן, מאלן, זינגען ריכטיק דאס לעבן, נאר שטרעבן צו ענדערן דאס לעבן אין דער ריכטונג פון סאציאלן יושר און פראגרעס, פון שלום און ברידערלעכקייט.

משה כצעס קריטישער מעטאד קומט צום פולסטן אויסדרוק אין זיין פרעכטיקן בוך „אונדזער שלום־עליכם" (ניו־יארק, 1941, צווייטע אויפלאגע). אין אט־דעם בוך ווייזט ער אן אויף שלום־עליכמס וועלט־באציאונג, אויף דעם קינסטלער און זיין צייט, אויף די „אידעאלן" פונעם לופט־מענטש מנחם־מענדל אין אונטערשייד פונעם פאלקס־מענטש און הארעפאשניק טביה און זיין פילאסאפיע, און זיינע „מאטעריאליסטישע, סאציאלע, אנטי־טראדיציאנעלע פארטייטשונגען".

אויך אין זיין ביכל „יצחק לייבוש פרץ" (ניו־יארק, 1940) ברענגט כץ ארויס די גרונט־שטריכן פון פרצעס שאפן אין ליכט פון זיין עפאכע און סביבה, אין ליכט פון די סאציאל־פאליטישע אומשטענדן און קולטור־אטמאספער פון יענער צייט. ער ווייזט דערביי אן, „וואס פאר א גוואלדיקער מהלך עס ליגט צווישן די צוויי פעריאדן פון איין שרייבער". ווי א קריטיקער א פובליציסט מיט א קולטור־געזעלשאפטלעכער מיסיע דריקט ער

אויס אין זיין פֿאָרוואָרט די האָפֿענונג, אַז זיין ביכל „וועט דערמאָנען אַ צאָל לייענער, אַז זיי זאָלן ווידעראַמאָל איבערלייענען פּרצעס ווערק, און וועט זיי העלפֿן צו פֿאַרשטיין אויף אַ געהעריקן אופֿן די גרונט־שטריכן פֿון י. ל. פּרצעס שאַפֿן".

אין משך פֿון יאָרן האָט אונדזער יובילאַר געשריבן הונדערטער אַר־טיקלען, אָפּהאַנדלונגען, כאַראַקטעריסטיקעס און אָפּשאַצונגען וועגן אַ ריי־זיקער צאָל יידישע און אויך ניט־יידישע שרייבער און ביכער. צווישן זיי: וועגן די פּיאָנערן פֿון דער יידישער אַרבעטער־דיכטונג אין אַמעריקע, וועגן דעם נאָך־קלאַסיקער שרייבער־דור, וועגן פֿיל בירגערלעכע שרייבער, וועגן די „יונגע", וועגן די „אינזיכיסטן", און דער עיקר און מיט וואַרעמער באַ־ציאונג — וועגן די יידישע פּראָגרעסיווע שרייבער אין אַמעריקע און אין אויסלאַנד.

אויף זיין אַנטוויקלונג־וועג זיינען זיכער געווען אויך טעותן. ער האָט זיי איינגעזען, אָנערקענט, פֿאַרריכט און באַזייטיקט. אויף אָט־דעם וועג, פֿון ניקאָלאַיעוו, דורך אָדעס, ווילנע, קיעוו, ביז ניו־יאָרק, ביז איצט; פֿון ציוני־זם־סאָציאַליזם („ס־ס") ביז וויסנשאַפֿטלעכן סאָציאַליזם זיינען געווען פֿאַר־שיידענע מדרגות. אויך זיין שרייבערישע טעטיקייט איז ניט „מעור אחד", פֿון איין אויסגוס. אָבער תמיד — אויף דער זייט פֿון פֿאָלק, אויף דער זייט פֿונעם אַרבעטער־קלאַס. תמיד האָט ער געשטעלט דעם מענטש אין צענטער פֿון זיין אויפֿמערקזאַמקייט, ווי ער האָט געשטעלט די יידישע קינדער־שול און די יידישע ליטעראַטור אין צענטער פֿון זיין קולטור־טעטיקייט. תמיד האָט ער זיך צוגעהערט צו דער שטים און צו די נויטן פֿון פֿאָלק. ער איז געווען און געבליבן אַן אויסגעהאַלטענער קעמפֿער פֿאַר דער זאַך פֿון פֿאָלק, פֿאַר דעמאָקראַטיע און פּראָגרעס, פֿאַר פֿאַרשטאַרקן אונדזערע פּראָגרעסיווע קולטור־פּאָזיציעס, קעגן פֿאַשיזם, מלחמה און ראַסן־דיסקרימינאַציעס, פֿאַר סאָוועטיש־אַמעריקאַנער פֿריינטשאַפֿט, קעגן די פֿאַרדאַרבער פֿון לעבן, קעגן נאַציאָנאַל־שאָוויניזם און קעגן דעם גייסט פֿון אַסימילאַציע.

אונדזער יובילאַר געפֿינט זיך איצט אין סאַמע בלי פֿון זיין ליטעראַריש־געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט. זיין טעטיקייט ווערט טאָג־טעגלעך פֿאָרגעזעצט, טאָג־טעגלעך באַנייט. המשך — „פֿאָרזעצונג פֿאָלגט". עס קומען נאָך אַ סך געזונטע, נייע, פֿרישע, פֿאַרכאַפּנדיקע קאַפּיטלען אין דעם פּרעכטיקן קינסטלערישן לעבנסווערק, וואָס הייסט משה כץ.

ווינטער, 1956

(צו די פֿייערונגען פֿון משה כצעס 50־יאָריקער ליטעראַריש־געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט.)

.2

(וועגן משה כצס בוך „אַ דור, וואָס האָט פֿאַרלוירן די מורא")

משה כצס נייער בוך „אַ דור, וואָס האָט פֿאַרלוירן די מורא" (בלעטלעך

זכרונות פון אַרום 1905) איז אַ וויכטיק, ווערטפֿול בוך. דאָס איז אַ פּאַר־כאַפּנדיק און באַלערנדיק בוך.

פּאַרכאַפּנדיק — ווייל עס האַלט דעם לייענער געשפּאַנט, ווי עס זאָל זיין אַ „העכסט־אינטערעסאַנטער" ראָמאַן, פֿונעם ערשטן ביזן לעצטן בלעטל.

באַלערנדיק — ווייל דער לייענער קריגט, פֿון דער ערשטער האַנט, אַ ברייט, פֿאַרטיפֿט בילד וועגן אַ וויכטיקן פּעריאָד אין דער געשיכטע: וועגן דעם העלדישן יאָר 1905 — דעם יאָר פֿון ערשטן גרויסן רעוואָלוציאָנערן אויפֿשטאַנד אין רוסלאַנד, דעם יאָר, וואָס האָט אויסגעפּלאַסטערט דעם וועג צו דער סאָציאַליסטישער אָקטאָבער רעוואָלוציע פֿון 1917.

דאָס ווערק (308 זייטן), אַרויסגעגעבן דורך דעם משה כץ־יובֿיליי־קאָ־מיטעט, ניו־יאָרק, 1956, איז אַ בוך געשיכטע דורך בילדער. דאָס איז אַ בוך מעמואַרן געשריבן מיט אַ פּליסיקער פּען, אין אַ רייכן, קאָלירפֿולן, זאַפֿטיקן, פֿאָלקסטימלעכן יִדיש. דאָס איז אַן אויטאָביאָגראַפֿיש ווערק, דורך וועלכן עס שטראַלט־אַרויס די פּערזענלעכקייט פֿונעם מחבר, ווען מיר זעען אין זיין וואוקס, רייפֿונג און אַנטוויקלונג. דורך די בלעטלעך פֿונעם בוך ווערט אונדז דער אויטאָר נאָך ליבער און טייערער, בעת מיר זעען אים ביים סאַמע אָנהייב פֿון צושטיין צו דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג — אַ מענטש, וואָס אין „הויכן" עלטער פֿון 15 יאָר ווערט ער צום ערשטן מאָל אַרעסטירט און אָפּגעהאַלטן עטלעכע וואָכן הינטער גראַטעס פֿאַרן „גרויסן פֿאַרברעכן פֿון פֿאַרזאַמלען זיך אין אָוונטן און לייענען צוזאַמען [מיט אַ גרופּע יונגוואַרג] יידישע געשיכטע און יידישע ליטעראַטור [דעמאָלט נאָך אין רוסיש]".

דער בוך (אַ גרויסער טייל זיינער איז געווען געדרוקט אין דער „מאָרגן־פֿרייהייט") איז אַן אוצר פֿון בילדער, עפּיזאָדן, געשעענישן, פּערזענלעכע און מאַסן־איבערלעבונגען, וואָס לעבן־אויף יענעם העלדן־פּעריאָד פֿון קאַמף קעגן צאַריזם, און דער עיקר, יענעם בראַוון, מוטיקן, מסירת־נפֿשדיקן „דור, וואָס האָט פֿאַרלוירן די מורא". דערביי איז דער מחבר ניט איינער, וואָס שטייט מן הצד און פֿאַרצייכנט, ניט קיין זייטיקער באַאָבאַכטער אָדער עדות — נאָר אַ דירעקטער אָנטיילנעמער, געשטאַלטיקער און פֿורעמער פֿון די געשעענישן, אַ באַוועגער פֿון פּאַסירונגען, אַ שטאַרקער נוגע בדבר, אַ העל־דישער יונגערמאַן, וואָס האָט מיט פֿיל אַנדערע דרייסטע יונגע זין און טעכ־טער פֿון זיין דור און פֿאָלק מוטיק געקעמפֿט קעגן צאַריזם און רעאַקציע, קעגן אַנטיסעמיטיזם און פּאָגראָמען, פֿאַר דעם וואוילזיין פֿונעם פֿאָלק.

דורך די בלעטלעך פֿונעם פּרעכטיק־געשריבענעם בוך אָטעמט מיטן גלי, מיטן ברויז און פֿייער פֿון 1905 — פֿונעם גרויסן רעוואָלוציאָנערן שטור־רעם. עס ווייעט מיט שרפֿענדיקן אָטעם פֿון רעוואָלוציע, פֿון שרעקלאָזן קאַמף קעגן אונטערדריקונג, חושך און אומרעכט. עכט, נאַטירלעך, מיט ליבשאַפֿט שילדערט דער מחבר די פּשוטע פֿאָלקס־מענטשן, קעמפֿער פֿון יענער צייט, וועלכע וואַקסן־אויס פֿאַר אונדזערע אויגן ווי ערלעכע, הערלעכע העלדן־געשטאַלטן, וואָס מיט זייער בלוט און לעבן האָבן זיי דורכגעטראָגן די

ערשטע רוסלענדישע רעוואָלוציע, און האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פאַר צע־שמעטערן דעם צאַריזם אין פעברואַר 1917 און פאַר ברענגען דעם סאָ־ציאַליסטישן אָקטאָבער פון 1917.

דירנדיקע מאָמענטן, פילפאַרביקע שילדערונגען. דינאַמיק פון רעוואָ־לוציע, סצענעס און סצענקעס, וואָס קריצן זיך איין אין זכרון. דורך זיי אַלע שפּירן מיר די ריזן־טריט פון קעמפער, פון אַ דור, וואָס האָט פון זיך אָפּגעוואָרפן די שרעק פאַר דעם מעכטיקן צאַריזם און זיין אַפּאַראַט פון דער־שטיקונג, פון משרתים און יוצר־משרתים.

אָט זעען מיר דעם מחבר אין זיין 1טן „ערשטן מאַי" (אין 1903, אין זיין היים־שטאָט ניקאָלאַיעוו) — אַן אָנטיילנעמער אין דער רעוואָלוציאָנערער אָקטאָבער־דעמאָנסטראַציע אַרום דעם גובערנאַטאָרס הויז. צווישן די דע־מאָנסטראַנטן — אַ צאָל פונעם מחברס „יוגנטלעכע באַקאַנטע און חברים, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין שייכות מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג... זיי האָט געבראַכט צום גובערנאַטאָרס הויז דער קעשעניעווער פּאָגראָם [פון ערב־פּסח, 1903], די שטימונג פון פּראָטעסט און זעלבשוץ און, וואַרשיינלעך, די אַלגעמיינע אַטמאָספערע פון ,פאַר דעם שטורעם', וואָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן פילן אין רוסלאַנד".

מיר זעען דעם מחבר, ווי אַ פּראָפעסיאָנעלן רעוואָלוציאָנער, וואָס ווידמעט זיין פולע צייט און אַלע זיינע פיזישע און גייסטיקע כוחות דער זאַך פון דער רעוואָלוציע. מיר זעען אים אין זיין צוזאַמענאַרבעט מיט אַנדערע רעוואָלוציאָנערע יידישע אַרבעטער און אינטעליגענטן — אין זיינע געפער־לעכע שליחותן צו באַזאָרגן די זעלבשוץ אין די פאַרשיידענע שטעט מיט וואָפן, אין איינשטעלן קאָנטאַקטן; אין דיסקוטירן און דעבאַטירן; אין פּרוּוון באַנעמען דעם כוח פון דער רעוואָלוציע, דעם וואָס, ווי און פאַרוואָס פון אירע דערפאָלגן און דורכפאַלן. מיר לייענען מיט גרויס אינטערעס זיינע לויטער־געמאָלענע בילדער פון אמתע פאָלקס־העלדן, גבורים פון פאָלק, וואָס האָבן זיך מוסר־נפש געווען אין קאַמף פאַר פרייהייט און סאָציאַלן יושר; אויך בילדער פון גלאַט־פלאַפלער, אפילו פּחדנים, אַנטוישטע, צעקראָכענע פאַרשויבען.

און ער איז געבליבן אויפן אָרט, געבליבן שטיין אין קאַמף — ביז היינ־טיקן טאָג, ווען ער האָט, צום נוצן און גוטס פון פאָלק, פאַראַיאָרן געפייערט (דאָס פאָלק האָט געפייערט!) זיין 70־יאָריקן געבוירנטאָג, און ער איז גע־וואָרן און געבליבן אַ באַגייסטערער צום קאַמף, אַ לערער און וועגווייזער פון ברייטע קעמפערישע יידישע פאָלקס־מאַסן אויף יענער זייט ים און דאָ אין אַמעריקע.

און מיר באַאָבאַכטן דעם מחבר אויף זיין שווערן, געפאַרפולן וועג פון קאַמף אין אַלטן צאַרישן רוסלאַנד: עטאַפּ נאָך עטאַפּ: רעוואָלוציאָנערע טע־טיקייט אין ניקאָלאַיעוו, אומאַן (זיין אַרעסט און טורמע), אָדעס, לייפּציג, קע־שעניעוו, פינסק, וואַרשע, זשיטאָמיר, ווילנע; אָפענער קאַמף קעגן די פּאָג־ראָם־באַנדעס; רעדעס אויף געהיימע פאַרזאַמלונגען אין ביטערן גרויסן

קעגן דער זעלבסטהערשאַפט און פאַר די אינטערעסן פונעם יידישן פאָלק.

טשיקאַווע זיינען דעם מחברס באַשרייבונגען וועגן זיינע „באַגעגענישן" מיט אַזוינע פאַרשוינען, ווי לאַשעוויטש (שאַיעוויטש), אַ חסיד פונעם גלחל גאַפּאָן, און שפּעטער מיטן „פאָטערל" איליאָדאָר, אַ העצער צו פּאָגראָמען.

איבער די צאָלרייכע, מחיהדיקע בילדער און באַשרייבונגען שוועבט דעם מחברס אידעלער, שטילער, געזונטער הומאָר. מיט הומאָר זיינען דורכגעוועבט זיינע באַשרייבונגען וועגן דעם, ווי אַזוי „אַ זשאַנדאַרם האָט געהיט מיין טשעמאָדאַנטשיק", ווי אַזוי ער האָט געזוכט שוץ קעגן פּאָליצייאישע אויגן „אין אַ וואַגאָן מיט חסידים"; זיין אַרעסט אין כריסטינאָווקע און דערנאָך זיינע איבערלעבונגען אין אַן איינצל-קאַמער אין משך פון עטלעכע וואָכן אין דער אומאַנער טורמע, און די הילף מצד אַ קרימינעלן אַרעסטאַנט: אין 1905 איז די באַציאונג מצד טורמע-נאַטשאַלסטווע „און ווער רעדט שוין פון די קרימינעלע אַרעסטירטע צו די פּאָליטישע געווען אַ סימפּאַטיזירנדיקע און אפילו אַן אונטער-חנפנדיקע, ווי צו מענטשן, וואָס וועלן מיט רעכט פאַרנעמען אַ הויכן פּלאַץ אין דעם מאָרגנדיקן טאָג".

רירנדיק זיינען דעם מחברס באַשרייבונגען פון זיין טאַטע-מאַמע, ברידערלעך, נאָענטע חברים און פריינט, מיטאַרבעטער און מיטקעמפער. נאָכדעם ווי ער ווערט באַפרייט, נאָך עטלעכע חדשים אומאַנער טורמע, קוקט זיין פאָטער אויף אים, „ניט ווי אויף אַ פאַרבלאָנדזשעטן זון, וואָס איז גרייט צוריקקערן זיך אַהיים, נאָר ווי אויף אַן עלטערן חבר, וואָס האָט אָפּגעטאָן אַ וויכטיקע אַרבעט".

דורכגעשפּרענקלט מיט חן און הומאָר איז דעם מחברס באַשרייבונג, ווי אַזוי ער האָט (אין 1905) אין דער אומאַנער גרויסער שול געהאַלטן זיין ערשטע עפנטלעכע רעדע — און דווקא אויף יידיש, אַ יידיש, וועלכער איז נאָך דאַן געווען אָנגעפּילט מיט רוסיציזמען — ווי אַזוי ער האָט „זיך אויפגעהערט שרעקן פאַר אַן עולם און גענומען ריידן..."

דער מחבר גיט-איבער דעם שוידער פון די צאַרישע אָרגאַניזירטע פּאָגראָמען (עטלעכע הונדערט פּאָגראָמען) דעם 21טן אָקטאָבער, 1905 — פיר טעג נאָכן „מאַניפעסט" פון 17טן אָקטאָבער, אין וועלכן דער צאַר האָט צוגעזאָגט דעם פאָלק „אַ פאַרלאַמענט און אַלע פרייהייטן". רירנדיק זיינען די בילדער פונעם אָרגאַניזירטן פּאָגראָם אין אומאַן און פון דער אומבאַהאָלפנקייט פונעם שטאָטישן רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט, אין וועלכן דער מחבר איז געווען אַן אָנפירנדיקער טוער. די פּאָליציי און די באַנדעס צוזאַמען מיט סאָלדאַטן האָבן אַרומגעזוכט די „אָראַטאָרס". דעם מחבר געלינגט קוים אַנטלויפן, אַרויסרייסן זיך פון סאָלדאַטיש-פּאָליצייאישע הענט, באַהאַלטן זיך ערגעץ אין אַ גערטנדל. קריסטלעכע פרויען האָבן אים אַ צעשלאָגענעם, אַן אויסגעשעפּטן, געראַטעוועט, אויסבאַהאַלטן ערגעץ אין אַ טונקעלן צימער. זייער הונט איז צוגעקומען טרייסטן דעם אַנטלאָפענעם פון די פּאָגראָם-באַנדעס: „ער האָט איינגענורעט דעם קאָפּ אין מיינע קני און איז געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך, ווי ער וואָלט מיר געוואָלט עפּעס זאָגן,

אָבער האָט ניט געהאַט קיין ווערטער. איך האָב שוין ניט געוויינט אַ סך יאָרן, אָבער דאָס מאָל האָב איך זיך צעוויינט... איך האָב געוויינט איבער דעם שרעקלעכן קלאַפּ, וואָס מיר האָבן פּלוצלינג באַקומען נאָך די קורצע טעג פון פרייהייט, איבער מיין אומבאַהאָלפנקייט, איבער דעם וואָס מיינע פריינט זיינען פיליכט שוין אומגעקומען, און איך זיץ דאָ אַליין; איבער דעם, וואָס דער איינציקער פריינט, וועלכער איז מיך געקומען טרייסטן, איז אַ הונט"...

ווי געזאָגט: אַ שלל, ממש, מיט לעבעדיקע בילדער, פילט־אָן אָט־דעם בוך. איניקע פון זיי איז כדאַי אַרויסצושיילן. צווישן זיי: דאָס בילד פון אַ פאָלקס־געריכט אין ניקאָלאַיעוו (אין אָנהויב נאָוועמבער, 1905) איבער פּאָ־גראָמשטשיקעס. דער מחבר ציט־אונטער אַ סך־הכל: „איך האָב ביי דער סצענע מער ווי ווען־עס־איז פריער דערפילט די מאַכט און דעם שטרענגן גערעכטיקייט־געפיל פון פאָלק".

אָדעס און די מאָלדאַוואַנקע (וואו דער מחבר איז געווען אַ תושב און האָט צייטנווייז אונטערגעהונגערט), איר אָרעמשאַפט, איר רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־באַוועגונג, אירע פּאָגראָמשטשיקעס, די יידישע קעשעניע־גנבים, וועלכע זיינען צוגעשטאַנען צו דער זעלבסשוץ, — פאַרנעמען אַ סך פּלאַץ אין דעם בוך. דעם מחברס באַגעגענישן מיט די יידישע קרבנות פונעם אָדעסער פּאָגראָם, זיינע שמועסן מיט זיי אין דעם יידישן שפּיטאָל, זיינען געווען מאַטעריאַל פאַר זיינע ערשטע פּובליציסטישע אַרטיקלען (אין רו־סיש). אָנהויבנדיק מיט יענע אַרטיקלען אין אַריבערגייענדיק צו יידישער זשורנאַליסטיק, האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט דעם מחברס לאַנגיאָריקע, ברייט־פאַרצווייגטע, שעפערישע און פרוכטבאַרע פּובליציסטישע טעטיקייט, וועלכע האָט אים אַוועקגעשטעלט אין אויבן־אָן פון יידישן זשורנאַליזם. צו יענעם פעריאָד געהערן אויך דעם מחברס שמועסן (אַלס אַ פאַרשטעלטער רוס אָדער אוקראַינער) מיט די אָרגאַניזירטע פּאָגראָמשטשיקעס אין אַן אָדעסער „טשאַי־נע" (רעסטאָראַנדל), וועלכע האָבן אויך געדינט ווי מאַטעריאַל פאַרן מחברס ערשטע פּובליציסטישע אַרטיקלען.

דערנאָך ציט זיך ווייטער דער רעוואָלוציאָנערער וועג פון אַרבעט און קאַמף: קעשעניעוו (עטלעכע וואָכן אַרבעט צו העלפן באַפעסטיקן די זעלבּ־שוץ), צוריק — אָדעס (פאַרטרעטער פון דער יידישער קצבים־אַרבעטער־יוניאָן אין דעם דאָרטיקן ראַט פון אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס), לייפּציג (סוף מערץ, 1906, אַ דעלעגאַט פון דער אָדעסער אָרגאַניזאַציע צום דריי־וואָכיקן צוזאַמענפאָר פון דער ס.־ס.־פּאַרטיי — באַגעגענישן מיט דייטשע רעוואָלו־ציאָנערע אַרבעטער, אָנגענעמע דערינערונגען וועגן זיי — ברייטע דיסקוסיעס וועגן טעריטאָריאַליזם — לעקציעס אין אינטערנאַציאָנאַליזם), אָפּשטעל אין וואַרשע אויפן וועג קיין ווילנע.

פון באַזונדערער באַדייטונג פאַר דער פאָרשונג פון דער פּרץ־געשטאַלט איז די באַשרייבונג פון דער דעמאָלטדיקער ערשטער באַגעגעניש פונעם יונגן רעוואָלוציאָנערן טוער מיטן גרויסן יידישן קלאַסיקער, מיט וועמען משה כץ

האָט זיך מיט יאָרן שפּעטער אָפּטער באַגעגנט. דער טאַטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור האָט דורך דעם יונגן זשורנאַליסט איבערגעשיקט אַ גרוס צום „זיידן" מענדעלע. און דאָ קומען מיר צו מענדעלען. סאַראַ אויפריכטיקייט עס קלינגט פונעם אויטאָרס באַשרייבונג וועגן זיין ערשטן שמועס מיט מענ־דעלען אין אָדעס אין 1907: „אַוועקגייענדיק פון אים האָב איך ניט געדענקט און האָב זיך קיינמאָל ניט געקאָנט דערמאָנען בוכשטעבלעך קיין איין וואָרט פון דעם וואָס ער האָט גערעדט צו מיר. איך האָב בלויז געקוקט אויף אים און בין געווען פאַרכאַפּט פון דעם בילד, וואָס איך האָב געזען פאַר זיך".

סאַראַ וואונדערלעכע נאַאיווקייט און וואָרעלע יראת־הכבוד פאַר פאָלקס־פירער און שאַפער פון גרויסע קולטור־ווערטן!

פון באַזונדערן אינטערעס פון אַ ליטעראַריש־געשיכטלעכן שטאַנדפּונקט זיינען די באַשרייבונגען פון משה כצעס ערשטע שרייבער־שריט אין ייִדיש: וועגן זיינע צוויי (ערשטע און לעצטע!) דערציילונגען אין ייִדיש אין דעם ווילנער „נייער וועג", וועכנטלעכער אָרגאַן פון דער ס־ס פּאַרטיי (די טע־מעס: אַ סטרייק, און דער טויט פון אַ פּראָוואָקאַטאָר), און אַן אַרטיקל וועגן דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. זינט יענעם יאָר, 1906, ציט זיך דעם מחברס וועג פון ייִדישער פּובליציסטישער אַרבעט. טאַקע אין יענעם יאָר זעען מיר דעם מחבר אַלס סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע פון „נייעם וועג" אין ווילנע — די שטאָט, וואו זיין ייִדיש פּובליציסטיש וואָרט ווערט רייף און רייך, געזעטיקט פון פאָלקס־לעבן און געגערט פון פאָלקס־לשון.

נאָכדעם ווי דער מחבר פירט־דורך זיין אויפגאַבע פון איינשטעלן און פירן אויפקלער־אַרבעט אין זשיטאָמיר קעגן די פּאָגראָם־העצעס פונעם „פּאָ־טערל" איליאָדאָר (אין אָנהויב פון 1907), האָט ער זיך אין פעברואַר פון יענעם יאָר צוריקגעקערט קיין ווילנע אָנצוהויבן אַרבעטן אין „נייעם וועג".

דאָס קאַפּיטל ווילנע האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דעם מחברס לעבן אַלס פּראָגרעסיווער געזעלשאַפטלעכער טוער און ייִדישער זשורנאַ־ליסט מיט אַן אויג אויף כלל־ענינים.

פון ווילנע האָט דער וועג געפירט צו וואַרשע, צו דעם מחברס אַרבעט אין דער רעדאַקציע פון „פריינד". פון באַדייטונג פאַר דער פאָרשונג פון אונדזער ליטעראַטור־געשיכטע זיינען דעם מחברס באַשרייבונגען און פּען־פּאָרטרעטן פון זיינע מיטאַרבעטער אין יענע און שפּעטערדיקע יאָרן: ר' מרדכילע פון מאָטילע (חיים טשעמערינסקי), דער מחבר פון אָריגינעלע „משלים" און גאָר אַ קאַלירפולע פּערזענלעכקייט; אונדזער ליבער י. ב. ביילין (ישראל־בער) — באַגעגנישן מיט אים אין לאָדזש אין 1908; ה. ד. נאָמבערג און ש. ראָזענפעלד, רעדאַקטאָר פון „פריינד" (אין וואַרשע), וואו כץ האָט אָנגעהויבן זיין אַרבעט מיט באַריכטן וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג.

סיי פאַר לייענער, סיי פאַר שרייבער איז פון גרויסן אינטערעס דעם מחברס שילדערונג פון זיין שרייבערישן וועג: „אַ בליק אויף צוריק און פאָראויס נאָך אַ האַלבן יאָרהונדערט אַרבעט": מיר באַקענען זיך מיטן שריי־בערס סאַמע ערשטע ליטעראַרישע אינטערעסן און אָנהויבן — זיינע ערשטע

רוסישע „סאטשיניעניעס“ אין דער ניקאלאיעווער „קאזיאנאיע יעווריעיסקאיע
אוטשילישטשע“; זיין ערשטער „פעליעטאן“ אין א געשריבענעם „זשורנאל“;
זיין ערשטער גרויסער ארטיקל אין דעם יידיש־רוסישן וואכן־זשורנאל „בור־
דושטשנאסט“ (צוקונפט) אין זומער פון 1904, ווען דער אויטאר איז אלט
געווען ניינצן יאר; זיינע ערשטע פראבעס צו שרייבן אין יידיש — אין
הארבסט פון 1906. דורך דער ארבעטער־באוועגונג איז דער אקטיווער,
ענערגישער, געטרייער רעוואלוציאנערער טוער געקומען צו דער יידישער
פרעסע, צום זשורנאליזם. זיינע ערשטע געדרוקטע זאכן — דערציילט דער
מחבר — „זיינען בלויז געווען ביי מיר ביי־פראדוקטן פון מיין טאג־טעגלע־
כער ארבעט“; אבער די עלטערע אנפירער פון „נייעם וועג“ (משה ליט־
וואקאוו, וויל. לאצקי־בערטאלדי א. אנד.) האבן אויפן גרונט פון זיינע ערשטע
„גרינע פרוכט“ באשלאסן, אז ער „קאן און דארף ווערן א יידישער שרייבער“.

דער בוך איז ממש אנגעפיקעוועט מיט גאר א גרויסער צאל לעבעדיקע
מענטשן; געשטאלטן, וואס רעגן דעם לייענערס פאנטאזיע. דאס זיינען,
פארשטייט זיך, ניט קיין אויסגעטראכטע פיגורן, נאר אמתע מענטשן, מיט
זייערע טרוימען,ליידן, קאמפן, האפענונגען און חלומות, זיגן און דורכפאלן.
צווישן זיי: העלדן, עכטע רעוואלוציאנערן, פאזיטיווע כאראקטערן, וואס האבן
באריכערט דאס לעבן פון פאלק; אויך רעאקציאנערן, סאנין־טיפן, פאר־
רעטער, פראוואקאטארס, דער אפפאל; אויך ערלעכע, ווייכהארציקע, נאך־
ניט־פארמירטע כאראקטערן אין פראצעס פון פארהארטעוועט ווערן ווי שטאל
אין דעם פייער־פראוו פון דער רעוואלוציע און שפעטער אונטער די קלעפ
פון דער צעווילדעוועטער רעאקציע פון 1907.

סך־הכל: א גרויס ווערק. א וויכטיקער ביישטייער פאר דעם היינטיקן
דור, פאר דעם היינט און פאר דעם מארגן. א ווערק, וואס לערנט און וואס
דערמוטיקט. א ווערק, וואס דארף זיך געפינען אין וואס מער יידישע היימען!

1956

.3

אונדזער יובילאר משה כץ איז א דאנקבארע, „טאלאנטפולע טעמע“.

משה כץ איז א סך טאלאנטן אין איין מענטשן. שרייבן וואלט מען גע־
דארפט באזונדערע אפהאנדלונגען וועגן משה כץ דעם פובליציסט, דעם לי־
טעראטור־פארשער און קריטיקער, דעם פאפולאריזאטאר פון וויסנשאפטלעכע
ענינים, דעם פעליעטאניסט, דעם איבערזעצער פון פאליטישע, וויסנשאפט־
לעכע און ליטערארישע ווערק, דעם לערער, לעקטאר און קולטור־בויער, דעם
אקטיוון, ענערגישן געזעלשאפטלעכן טוער.

די שפרודלדיקע, שעפערישע, אינטערעסאנטע פערזענלעכקייט, וואס
הייסט משה כץ, איז א לעבעדיקע ענציקלאפעדיע, וואס טראגט־אריין ליכט
און וויסן צווישן ברייטע פאלקס־מאסן.

אומגעהויער ברייט איז כצס קולטור־אינטערעס. ער פילט זיך היימיש

אין פאליטישער וויסנשאפט און אין דער טעאריע און געשיכטע פון ליטעראטור. ער אינטערעסירט זיך מיטן גייסטן ליד פון א יונגן אומבאקאנטן דיכטער. ער פילט זיך היימיש אויף די וועגן פון דער וועלט־ליטעראטור, ווי אויף סעקאנד עוועניו. ער איז דער שטענדיקער לערער, וואס זאמלט און פארשט די אוצרות פון וויסן. ער טיילט זיין אנגעזאמלטן וויסן מיט זיינע לייענער און צוהערער. סיי אלס פובליציסט, סיי אלס לערער און לעקטאר ווענדט ער אן דעם מעטאד פון זעלטענער פשטות און קלארקייט אין באלייכטן און אויפקלערן אן ענין, אין העלפן דערגרונטעווען זיך צום תוך פון א פראבלעם.

אלס ליטעראטור־קריטיקער איז ער, אין אונטערשייד פון אנדערע „געשוואוירענע" קריטיקער, פארשטייער פונעם עלטערן דור, סענסיטיוו און ווארעם צו די שאפונגען פונעם יינגערן דור, באזונדערס צו די פראגרעסיווע שרייבער. ער האט, סיי שריפטלעך, סיי מינדלעך, א סך געהאלפן דערציען און אנטוויקלען ליטעראריש א היפשע צאל פון די „פראלעטפען"־ישע און פיל אנדערע פראגרעסיווע שרייבער. ער האט אין משך פון פיל יארן אין זיינע אפשאצונגען וועגן שרייבער און ווערק, אין זיינע אפהאנדלונגען וועגן ליטערארישע פראבלעמען (סטיל, אינהאלט און פארם, פונקציע פון שרייבער, ריכטונגען און „שולן", ווירקונגען און השפעות, א. אנד.), קלאר געמאכט פארן לייענער פיל גרונט־ענינים פון ליטעראטור און אים געהאלפן באנעמען און אויפנעמען, אפשאצן און געניסן א ליטעראריש ווערק.

משה כץ האט זיין אייגענעם, אייגנארטיקן סטיל. זיין פען איז לייכט און שארף און פלינק. ווען נויטיק, איז זיין ווארט פלאם־פייערדיק. ווען נויטיק, איז עס א האמער אויף א קאוואדלע, אויף וועלכער דער שונא ליגט א נעבעכדיקער, א צעהרגעטער. זיין צוגאנג צו אן ענין איז קאנקרעט און דירעקט. דאס איז: „אננעמען דעם אקס ביי די הערנער". כץ איז א שונא פון אבסטראקציע אין מליצה, פון פראזע צוליב פראזע. סיי וועגן די שווערסטע וויסנשאפטלעכע ענינים, סיי וועגן עקאנאמישע, פאליטישע, ליטערארישע פראבלעמען שרייבט ער פשוט, קלאר, לעבעדיק און מיט א באשטימטן חן, אן אן אנשטעל, אן א סימן פון טרוקנקייט. די שפראך, „דאס וויכטיקסטע מיטל פון מענטשלעכן פארקער", איז אין כצס טויזנטער ארטיקלען א פאלקסטימלעכע, קלארע און פארשטענדלעכע, אן נעפלהאפטע נאכשלעפעניש, אן אומנויטיקע טראלדן.

אונדזער משה כץ דארף זיך קיינמאל ניט אנשטרענגען צו באנוצן אן „איראנישע שרייב־מאניר". זיין פרעכטיקער, נאטירלעכער הומאר, זיין שארפע, בייסיקע סאטירע, זיין ביטערע איראניע טרעפן דעם שונא אין דער זיבעטער ריפ. אין פרט פון „לערנען בלק" מיטן שונא, פון אויפדעקן אים אין זיין פולן עקל, איז כץ איינער פון די בעסטע „דערלאנגיסטן".

און פונקט ווי די געפילן פון אויפגעבראכטקייט און אויפגערודערטקייט, פון סאציאלן פראטעסט און צארן, קריגן אויסדרוק ביי כצן אין זיין שארפער סאטירע, אזוי געפינט ער די פאסיקע פארמען פון אויסדרוק פאר זיינע

געפילן פון פרייד און באגייסטערונג, פון שטאלץ מיט א נייער וויכטיקער דערגרייכונג פון פאלק, פונעם ארבעטער־קלאס, פון די פארשטייער און וואָרטזאגער פון פאלק.

כץ, דער ארבעטזאמער און פראדוקטיווער, איז דער פאלקס־מענטש פון פשטות: צוגעלאזן, פריינטלעך, תמיד מיט זיין כאראקטעריסטישן שמייכל פון א תלמיד־חכם, אן גאווה, אן אנגעבלאזנקייט. מיר, זיינע נאענטע פריינט און קאלעגן, רופן אים פשוט: משה. אויך א סך לייענער און צוהערער פון זיינע לעקציעס רופן אים גוט־ברודעריש און מיט ליבשאפט: משה. אין סאמע ברען פון שווערער ציטונג־ארבעט קומט־צו משה מיט א ווערטל, א וויץ, אן אנעקדאט, א פיינעם זאג — און עס פארשווינדן די וואלקנס פון אנגעשטרענגטקייט צי פון צער. עס ווערט לייכט און ליכטיק.

כצס בעסטער אטעסטאט, דוכט זיך מיר, איז די שנאה פון אונדזערע שונאים צו אים, און די טיפע ליבשאפט, מיט וועלכער עס באציען זיך צו אים די מאסן פון פאלק.

משה כץ האט פארטיק צום דרוק א גאנצע ריי וויכטיקע נאך־ניט־פאר־עפנטלעכטע ווערק. עס איז די אויפגאבע פון דער ברייטער פראגרעסיווער יידישער געזעלשאפטלעכקייט צוצוטרעטן צום ארויסגעבן אט־די ווערק צום ברייטן נוצן און גענוס פון די יידישע לייענער.

משה כץ איז ניט בלויז א שרייבער פון קאמף. ער איז א דירעקטער אנטיילנעמער אין דעם קאמף פון פאלק און א טייל פון אים. אט פארוואס זיין וואָרט איז וואגיק און ברענגט פרוכט. ריכטיק האט געזאגט דער קעמ־פערישער, פראגרעסיווער דיכטער וויליאם קאלען בראיענט:

„אויב פונעם שטורעם ווילסטו זינגען,
צי וועגן שלאכטן דערציילן —
ווער אליין א טייל פונעם גרויסן ברויז.

אונדזער משה כץ איז א וויכטיקער, ווירקנדיקער כוח און א חשובער טייל „פונעם גרויסן ברויז".

1950 (צו משה כצס 65סטן געבוירנטאג).

.4

עס איז ניט אפצוטיילן משה כצן דעם פילזייטיקן, פראדוקטיוון שריי־בער פון משה כצן דעם מענטש, פון משה כצן דעם אקטיוון געזעלשאפטלעכן טוער, דעם ענערגישן קעמפער, דעם אומדערמידלעכן בויער און שאפער פון דער פראגרעסיווער יידישער קולטור.

ער איז א זייל פון אונדזער ליטעראטור, א פעסטונג פון דער פראגרע־סיווער יידישער ארבעטער־באוועגונג.

א קאנסטרוקטיווער, בויענדיקער, שאפערישער ליטעראטור־קריטיקער

און פאַרשער; אַ טאַלאַנטפולער, אָריגינעלער, אידייען־רייכער פובליציסט; אַ ליבלכער, פריינטלעכער, וואַרעמער מענטש; אַ געטרייער פאָלקס־פירער, איז ער באַליבט צווישן טויזנטער און טויזנטער יידישע אַרבעטער־און פאָלקס־מענטשן, צווישן אינטעלעקטואַלן, פּראָפעסיאָנאַלן, שרייבער און קינסטלער, דאָ אין לאַנד און אויף יענער זייט ים.

משה — אַזוי רופן מיר אים, זיינע נאָענטע פריינט און קאָלעגן — איז אַ זעלטענע, גרויסאַרטיקע פערזענלעכקייט. אַ שטראַלנדיקע געשטאַלט, אַ קלוג פּנים, וואָס רעדט, דערציילט, באַטייליקט זיך אין מסביר זיין אַן ענין. די אויגן דורך די ברילן קוקן אויף דער וועלט מיט ווייכע, מילדע, פאַרשערישע און אַמאָל דורכדרינגענדיקע בליקן. זייער שמייכל איז האַרציק, מחיהדיק. אַ שמועס מיט משהן, אפילו אַ פשוטער שיחת־חולין, רעגט צו געדאַנקען, מישט־אויף זכרונות. ווי די געשפּרעכן צווישן פיל פון אַנאַטאַל פראַנסעס העלדן פירט אָפט אַזאַ שמועס צו — שרייבער, ביכער, ליטעראַטור פון אַמאָל און היינט, צו ליטעראַרישע עפּאָכעס און סביבה׳ס. זיינע מינדלעכע רייד, ווי זיינע שריפטן, זיינען באַטעמט, דורכגעוועבט מיט אַ משל, צוגעווירצט מיט אַ פאַסיקן וויץ, באַפאַרבט מיט פאָלקלאָר. זיי אַנטפּלעקן וויסן, שאַרפזין, געזונטן הומאָר, קרעפטיקע לאָגיק. זיי ווייזן אַן עשירות פון לעבנס־דערפאַרונג, פון לעבנס־חכמה.

אויף זיינע ברייטע פּלייצעס טראָגט אונדזער ליבער יובילאַר אַ האַלבן יאָרהונדערט פון פרוכטבאַרער און באַפרוכפּערנדיקער ליטעראַרישער שאַפונג און פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

זיינע אויגן טוען אַ בליק אויף צוריק און אין זיי (ווי אין זיינע פּרעכטיקע, לעבעדיקע „זכרונות") שפּיגלען זיך אָפּ: די עפּאָכע פונעם פינצטערן צאַריזם, פון וויסטע בלוטיקע צאַריש־כוליגאַנישע פּאָגראָמען אויף יידן; יאָרן פון העלדישן ווידערשטאַנד און קאַמף קעגן דער הערשאַפט פון די צאַרן, פּריצים און די אינדוסטריעלע בלוטזויגער; בראַווער אָנטייל פון יידישע אַרבעטער אין אָט־די קאַמפן; זיין אייגענער רייכער ביישטייער, — מאָמענטן פון טיפע לײַדן, פון לעבנס־געפאַר, איבערלעבונגען אין די צאַרישע טורמעס, אויך מאָמענטן פון פאָלקס־זיג, פון פרייד, דערהויבונג, עקסטאַז.

איך שמועסט מיט אים און איך שפּירט: פאַר אים שטייט אייגע פון די דינאַמישע פערזענלעכקייטן, וואָס האָבן געהאָלפן שאַפן געשיכטע, וואָס פורעמען און געשטאַלטיקן די געשיכטע פון היינט, און בויען דעם מאָרגן פון שלום, פּראָגרעס און פּאָעזיע.

משה איז אַ מומחה אין יידישער און וועלט־געשיכטע; אַ בקי אין דער יידישער און וועלט־ליטעראַטור. ער פילט זיך היימיש אין דער געשיכטע פון קולטור, אין קונסט־ענינים. זיין אוצר פון וויסן דינט אים אין זיין קאָלאָסאַלער פּובליציסטישער אַרבעט און אין זיינע עפנטלעכע רעדעס און לעקציעס.

מיר שאַצן אין משהן ניט בלויז דעם שרייבער, נאָר דעם פאָלקס־לערער,

דעם וועקער און רופער, דעם מאַנער און דערמאָנער, דעם זייער און פלאַנ־צער, דעם אָרגאַניזאַטאָר, דעם טוער — דעם קולטור־טרעגער און קולטור־טוער.

אין דעם וואָרשטאַט פון דער טאָג־טעגלעכער צייטונגס־אַרבעט אין משך פון עטלעכע צענדליק יאָר איז דער טאַלאַנט און דער אינטעלעקט פון אָט־דער פילזייטיקער קולטור־פערזענלעכקייט ניט נאָר ניט „איינגעשלונגען" אָדער אָפּגעשוואַכט געוואָרן, נאָר פאַרקערט: נאָך מער געניבערט, באַרייכערט און געשטאַרקט געוואָרן. עס איז הויפּטזעכלעך דערפאַר, וואָס אין אָט־דער טעגלעכער אַרבעט איז תמיד פאַראַן אַיין ציל, איין מיסיע: דינען דעם פאָלק, ברענגען אים אויפקלערונג, באַרייכערן זיין וויסן, העלפן אָריענטירן אים אין פראַגן פון קולטור, פאַרפיינערן זיין ליטעראַרישן געשמאַק, העלפן אים אין זיין קאַמף פאַר אַ בעסער לעבן, פאַר אַ וועלט פון שלום און פעל־קער־פריינטשאַפט.

אַ מענטש אַ קלאָר־אויגיקער, אַ שרייבער מיט אַ ליכטיקער וויזיע, אָטעמט פון אַלע זיינע שריפטן מיט אַ געזונטן, קרעפטיקן, נאַטירלעכן אָפּ־טימיזם, מיט אַ פאָלקס־אָפּטימיזם, מיט בטחון, מיט גלויבן אין פאָלק. זיין גאַנצער לעבנס־דרך, אָנהויבנדיק פון די יינגל־יאָרן אין זיין היים־שטאָט ניקאָלאַיעוו, דורך און אין משך פון די תפיסות אין צאַרישן רוסלאַנד, ביז ניו־יאָרק, ביז היינט — איז באַלויכטן מיט זיין נאַטירלעכער, טיפער ליב־שאַפט צום לעבן, צום פאָלק, צום מיט־מענטש, דער עיקר צום אַרבעטס־מענטש, צום געקריוודעטן און אונטערדריקטן, צו די שיינקייטן און וואונ־דער פון דער נאַטור און צו די אוצרות און ברכות פון דער מענטשלעכער קולטור. אין אָט־דער עכטער ליבשאַפט צום פאָלק, אין אָט־דעם גלויבן אין די פרייהייט־און שלום־טרוימען פון פאָלק איז פאַראַן דער שליסל צו משה כצעס פּראָדוקטיווער, שעפערישער טעטיקייט און צו זיין דערפאָלג.

משה כץ איז אַ פאָלקס־פּערזענלעכקייט, אַן אָנשפּאַר, אַ כוח. איך גראַטולירן אָט־די פּערזענלעכקייט, אָט־די באַליבטע פאָלקס־אינסטיטוציע, וואָס הייסט משה כץ. איך גראַטולירן אים אַלס מענטש, שרייבער, געזעלשאַפטלעכער טוער, קולטור־בויער, חבר און פריינט. איך באַגריס זיין געזונטע, וועגווייזערישע השפעה אויף צוויי דורות לייענער און שרייבער, אויף צוויי דורות מיט־קעמפער אין אַמעריקע און אין אויסלאַנד.

יאַנואַר 7, 1956 (צו כצס 50סטן יובליי פון שעפערישער טעטיקייט).

5.

ניט יעדער שרייבער פון אַרטיקלען, און אפילו פון ביכער, וועגן ליטעראַטור, איז אַ ליטעראַטור־קריטיקער. משה כץ, לאַנגיאָריקער מאַרק־סיסטישער פאָרשער פון ליטעראַטור־טעאָריע, איז אַ ליטעראַטור־קרי־טיקער אין פולן און ווירדיקן זין פון וואָרט, צוליב דעם וואָס ער האָט מיט זיינע עסייען וועגן ליטעראַרישע פּראָבלעמען, שרייבער און ביכער, מיט

זיינע רייכע ליטעראַטור־קענטענישן געהאַט און האָט אַ באַשטימטע, באַ־דייטנדיקע השפּעה אויף אונדזער יידישער פּראָגרעסיווער ליטעראַטור.

אים איז די גאַנצע צייט שטאַרק אָנגעגאַנגען די אינדיווידועלע שעפע־רישקייט פון די שרייבער באַזונדער, און דער אַלגעמיינער געזונטער וואוקס און אַנטוויקלונג פון אונדזער פּראָגרעסיווער יידישער ליטעראַטור אַלס אַ גאַנצע. ער ווענדט דערביי זיין קאָנצענטרירטן ליטעראַרישן בליק מהפּרט אל הכלל און מהכלל אל הפּרט — צום יחידס בייטראָג צו דער ליטעראַ־טור און זיין פּלאַץ אין איר, און צו דער ווירקונג פון דער ליטעראַטור אויפן יחיד — אינזינען האַבנדיק דעם דיאַלעקטישן געזעץ פון קעגנזייטיקער ווירקונג.

נוצנדיק דעם מאַרקסיסטישן מעטאָד אין דער ליטעראַטור־קריטיק, האַלט אונדזער חשובער קריטיקער אַן אויג אויף דעם, ווי נאָענט אַ ליטעראַריש ווערק איז פאַרבונדן מיטן לעבן. ער פאָדערט פונעם שרייבער געזעלשאַפט־לעכע אחריות, צוגעבונדנקייט צום פאָלק. ער פאָדערט, אַז ליטעראַטור זאָל קודם־כל אויספילן אַ סאָציאַלע פונקציע, אַז זי זאָל אויף איר ספּעציפישן אופן, מיט אירע אייגנאַרטיקע קינסטלערישע מיטלען, דינען און ברענגען נוצן דעם פאָלק, דינען ווי אַן אינסטרומענט אין קאַמף פאַר דעם וואוילזיין און גליק פון פאָלק, פון דער מענטשהייט. ער שטעלט דעם שרייבער פאַ־דערונגען סאָציאַל־פּאָליטישע, פאָלקס־עטישע און קינסטלעריש־עסטעטישע.

אין זיינע פיל ליטעראַרישע עסייען, קריטישע אַנאַליזן, איבערזיכטן און איבערבליקן, רעצענזיעס און גרויסע אָפּהאַנדלונגען זעצט ער פאָר, ברייט־טערט־אויס און פאַרטיפט די פאָדערונגען, וואָס אונדזערע גרויסע קלאַסי־קער האָבן געשטעלט צו דער ליטעראַטור און צום שרייבער אַלס יחיד: די פאָדערונג פון שאַפן פאַרן פאָלק, שעפן פון די קוואַלן פון פאָלקס־לעבן; געבן אַ קינסטלערישן, אמתדיקן שפּיגל פון לעבן; דורך קינסטלערישע ביל־דער געשטאַלטיקן דאָס לעבן, ווייזן דערביי ווי דאָס לעבן איז און ווי עס קאָן זיין; ניט שטיין מן הצד, ווי אַ קאַלטער לונג־און־לעבער, נאָר אַריינמישן זיך אין לעבן, העלפן ענדערן די ווירקלעכקייט אין דער ריכטונג פון סאָ־ציאַלן יושר, פרייהייט און פּראָגרעס.

משה כץ — אַן אמתער פּאָנען־טרעגער פון אונדזער יידישער פּראָגרע־סיווער ליטעראַטור, באַנוגנט זיך ניט מיט שטעלן אוטיליטאַרע פאָדערונגען דעם שרייבער און זיין ווערק. אים גייט אין לעבן, צי דאָס ווערק איז קינסטלעריש, צי דאָס ווערק לעבט ווי אַ זאַך פון קונסט, ווייל ער ווייסט און לערנט, אַז וואָס קינסטלערישער אַ ווערק איז, אַלץ טיפער, קרעפטיקער זיין ווירקונג.

וואָס הערט זיך — וויל ער וויסן — מכוח האַרמאָניע צווישן דעם אינ־האַלט און דער פאָרם אין דעם געגעבענעם ווערק? וואָס פאַראַ פּראָבלעמען שטעלט דער מחבר, צי זיינען דאָס וויכטיקע פּראָבלעמען, און ווי אַזוי לייזט ער זיי? צי שפּיגלט ער אָפּ ריכטיק, געטריי, רעאַליסטיש דאָס אַרומיקע לעבן, די סאָציאַלע און גייסטיקע סביבה? צי לעבן אין בוך די מענטשן, אָדער

צי זיינען זיי בלויז מאַנעקענען, אָדער דרייען זיך אַרום ווי שאָטנס? וואָס זיינען דעם שרייבערס קונסט־מעטאָדן? צי דענקט ער דורך ווערטער אָדער דורך בילדער? און וואָס איז מכוח זיין שפּראַך, דעם דיאַלאָג, דעם אויטאָרס לשון — צי איז פאַראַן לעבן, אַ רוח חיים אין זיינע ווערטער, צי העלפן זיי אַרויסברענגען בוילעטער, קלאָרער, עכטער די כאַראַקטערן, סיטואַציעס, אידייען, דעם ספּור־המעשה, די פאַבולע אין דעם ווערק?

משה כץ האָט אַלס ליטעראַטור־קריטיקער און פאָרשער געהאָלפן באַ־קענען דעם יידישן לייענער נעענטער און טיפער מיט די ווערק פון אונדזערע קלאַסיקער מענדעלע, שלום־עליכם, פּרץ, אונטערשטרייכנדיק די סאָציאַלע באַזע און געשיכטלעכע עפּאָכע פון זייער שאַפן און אַרויסווייזנדיק אויפ־ריכטיקע ליבשאַפט און גרויס דרך־ארץ פאַר די גרונטלייגער פון אונדזער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. ער האָט געהאָלפן אונטערשטרייכן און אַרויסברענגען ווי געהעריק דעם גרויסן אידייאיש־קינסטלערישן באַדייט פון די שאַפונגען פון אונדזערע פיר פּיאָנערן פון דער יידישער אַרבעטער־דיכ־טונג אין אַמעריקע: ווינטשעווסקי, עדעלשטאַט, ראָזענפעלד, באָווּשאָווער — זייער באַדייט פאַר דעם לעבן און דער ליטעראַטור פון די יידישע פאָלקס־מאַסן. ער האָט אין זיינע פילצאָליקע, געדאַנקען־רייכע אָפּהאַנדלונגען אַרויס־געוויזן זיין פאַרערונג און געהעריקע אָפּשאַצונג פאַר דעם בעסטן, דויער־האַפטסטן אין די ווערק פון אברהם רייזען, שלום אַש, ליעסין, יהואש, משה־לייב האַלפּערן, משה נאַדיר. ער האָט מיט זיין קריטיש־אַנאַליטישן צוגאַנג צו די ווערק פון אָט־די און פיל אַנדערע שרייבער, פון די עלטערע דורות און פונעם איצטיקן, יינגערן דור, געהאָלפן אַנטוויקלען דעם ליטעראַרישן חוש ביים לייענער, געבן אים אַ געהעריקע אָריענטאַציע אין ליטעראַטור־ענינים, אין קענען אַנאַליזירן דעם מהות, תוך און טאָן פון אַ ווערק.

משה כצעס אַרטיקלען, עסייען און אָפּהאַנדלונגען וועגן שרייבער און ביכער, וועגן ענינים פון ליטעראַטור, זיינען צעוואָרפן איבער די קאָלומס פון דער „מאָרגן־פרייהייט״, „האַמער״, „סיגנאַל״, „יידישע קולטור״, „זאַמלונ־גען״ און פיל פאַרשיידענע אַנדערע יידישע ליטעראַרישע צייטשריפטן אין אַמעריקע און אין אויסלאַנד. איצט, ווען די יידישע פּראָגרעסיווע געזעל־שאַפטלעכקייט פייערט אין ניו־יאָרק און איבערן לאַנד דעם פופציק־יאָריקן יובילײ פון משה כצעס רייכער, ברייט־פאַרצווייגטער, טיף־ווירקנדיקער קול־טור־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, איז די פּאַסיקסטע צייט אַרויסצוגעבן אַ זאַמלונג פון אָט־די ווערטפולע, ניצלעכע, באַלערנדיקע שריפטן פונעם בעל־היובל אין בוך־פאָרם. זיי וועלן באַרייכערן אונדזער ליטעראַטור און לעבן.

יאַנואַר 8, 1956.

6.

ביטאָ מער משה...

וואו נעמט מען ווערטער — די פּאַסיקע ווערטער — אויף אויסצודריקן

דורך זיי דעם ווייטאָג, דעם צער, דעם וויי־געשריי?! ווערטער — טרערן, וואָס זאָלן געבן דערלייכטערונג?

משה! — איך האָב פאַרלוירן אַזאַ ליבן לערער און פריינט, אַן אָנשפּאַר, אַ טרייסט, אַ דערמוטיקונג, אַ ציל, אַ פעסטונג. איך אַליין? מיר אַלע, זיינע תלמידים און פריינט, האָבן פאַרלוירן אַן אוצר.

משה — אייביקער שאַפער, בויער, אומדערמידלעכער טוער, לערער, וועגווייזער, לעקטאָר, באַגייסטערער.

ער וועט אונדז פעלן אויף שריט און טריט.

עס וועט אונדז פעלן זיין האַרציק, וואַרעם, באַלערנדיק וואָרט. עס וועט אונדז פעלן זיין תורה און חכמה. עס וועט אונדז פעלן זיין רייכער וויסן, זיין עשירותדיקע דערפאַרונג, זיין העלדישער מוט.

עס וועט אונדז פעלן זיין פיינער, ברילִיאַנטענער הומאָר, דער וואַרע־מער שמייכל פון זיינע קלוגע, וויטזיכטיקע אויגן — אַ שמייכל, פול מיט גלויבן אין דעם נצחון פון דער מענטשהייט.

פרומע יידן זאָגן ביי אַ לוויה: „צדק לפניו יהלך“ — צדק (צעדעק) — גערעכטיקייט האָט אים באַגלייט אויף זיין גאַנצן לעבנס־וועג. אוי, ווי משה האָט פיינט געהאַט אַלץ וואָס איז אומווירדיק, אומיושרדיק! אוי, ווי ער האָט ליב געהאַט אמת און שיינקייט אין לעבן! אוי, וועט אונדז פעלן זיין וויטער בליק!

דאָס פאָלק האָט אים ליב געהאַט! דאָס פאָלק פילט, באַנעמט, דער־שפירט אַזוי שאַרף. דאָס פאָלק האָט זיך צוגעבונדן צו אים פונקט ווי ער האָט זיך מיט אַלע זיינע חושים און לעבנס־פעדים און טאַלאַנט באַהאָפטן מיטן פאָלק. דאָס פאָלק האָט הויך אָפּגעשאַצט זיין טאַלאַנט און ערודיציע, און דער עיקר, זיין געטריישאַפט צו די אינטערעסן פון פאָלק, זיין ערלעכ־קייט און שרעקלאָזיקייט אין קאַמף קעגן אַלערליי מעקאַרטיס, זיין שטענדיקן אָפּטימיזם.

ער האָט אַזוי וואונדערלעך געקענט דערמוטיקן, קרעפטיקן, דערהויבן. אַז משה האָט אַ זאָג־געטאָן צו אַ שרייבער: „כ׳האָב הנאה געהאַט פון אייער אַרטיקל — כ׳האָב ליב אַ גוט שטיקל אַרבעט“, — האָט זיך דער שרייבער דערפילט באַפליגלט. סיי דער אינהאַלט פון די האַרציקע ווערטער, סיי זייער שטילער, לאַשטשענדיקער קלאַנג, זייער טאָן, האָט אויפגעעפנט פרישע קוואַלן פון מוט און שעפערישקייט.

גרינג און פריידיק איז געווען צו אַרבעטן מיט משהן — סיי אין דער רעדאַקציע „מאָרגן־פרייהייט“, סיי אין רעדאַקציע „זאַמלונגען“, סיי אין שריי־בער־פאַראיין צי ביי אַנדערע פּראָגרעסיווע קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטי־קייטן. ער איז געווען דער מוסטערהאַפטער בויער: בויער פון דער „מאָרגן־פרייהייט“, בויער פון דער פּראָגרעסיווער יידישער קולטור, פון די פּראָגרע־סיווע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס. זיין פשטות, זיין אומאויסשעפּלעכע ענערגיע, זיין איבערגעגעבנקייט צום פאָלק וועלן אונדז אַלעמען דאַרפן און קענען דינען ווי אַ מוסטער. מיר האָבן פון אים אַ סך געלערנט — און צו זיין

וואָרט, וואָס איז געבליבן בירושה און איז נאָך ניט אויפגעזאַמלט געוואָרן אין פיל בענד, וועלן מיר זיך צוריקקערן וואָס אָפטער — און פון דאָרט שעפן וויסן און מוט.

משה איז מיר געווען ווי אַן עלטערער ברודער, אַ געטרייער, דערמוטיקנדיקער ברודער. געבליבן בין איך פאַריתומט! קליינערהייט בין איך געבליבן פאַריתומט, ווען כ׳האָב פאַרלוירן מיין טאַטע־מאַמע (דעם טאַטן, אין עלטער פון איין יאָר, און די מאַמע — ווען כ׳בין אַלט געווען צוועלף יאָר). צום צווייטן מאָל בין איך געבליבן פאַריתומט, ווען אונדזער גרויסער פאָלקס־פירער מ. אָלגין איז אַוועק פון אונדז, אין 1939. איצט בין איך צום דריטן מאָל געבליבן אַ יתום.

פאַריתומט בלייבט אונדזער געטרייע משפחה, פריינט און פאַרערער פון משהן. אין זיין שעפערישן, צום־פאָלק־געטרייען, ווירדיקן לעבן וועלן מיר זוכן און געפינען אַ טרייסט.

ניט־געקוקט אויף זיין שווערער, ביטערער האַרץ־קראַנקהייט, ניט־געקוקט אויף זיינע שאַרפע פיזישע, מאַטערנדיקע ליידן, האָט ער פאַרגעזעצט זיין אַרבעט אַלס שרייבער, לעקטאָר, רעדנער, בויער, שאַפער, ביז דער סאַמע לעצטער מינוט פון זיין לעבן. דערפון אַליין קענען מיר דאָך אַזוי פיל לערנען!

גרויסער, געבענטשטער זון פון ידישן אַרבעטער־פאָלק! זון פון אַרע־מען ניקאָלאַיעווער שניידער, וואָס האָט זיך פון קליינערהייט־אָן פאַרבונדן מיט דער יידישער זעלבשוץ קעגן דעם צאַרס פאָגראָם־באַנדעס, וואָס איז שוין יונגערהייט געוואָרן אַן אָרגאַניזאַטאָר פון די אָדעסער טרעגער־אַרבעטער, וואָס איז אָפּגעזעסן טערמינען אין דעם צאַרס טורמעס, — אַלץ אין קאַמף קעגן אומגערעכטיקייט, פאַר די רעכט און ווירדע פון מענטשן, פאַר פראָגרעס, פאַר ברידערלעכקייט.

מיר וועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן זיין לערע, זיינע ווערק, זיינע אויס־טייטשונגען וועגן מענדעלע־פרץ־שלום עליכם, וועגן פיל, זייער פיל, יידישע און אויך ניט־יידישע שרייבער. איך וועל אויף אייביק טייער האַלטן זיין פריינטשאַפט, זיין וואַרעמקייט צו מיר, זיין אָנערקענונג פון מיין אַרבעט. איך וועל תמיד שאַצן הויך זיין אַקטיווע מיטאַרבעט מיט מיר ביים פּלאַנירן און צוזאַמענשטעלן (אינאיינעם מיט אַנדערע רעדאַקציע־מיטגלידער) די „זאַמלונגען״. איך וועל תמיד געדענקען זיין אויפמערקזאַמקייט, וואַרעמע, דערמוטיקנדיקע באַציאונג צו יונגע שרייבער — זיין ערנסטע אַרבעט ביים רעדאַקטירן מאַנוסקריפּטן, זיין ליבער, חברישער פריינטלעכער בליק פון אַ פיזיש־ליידנדיקן מענטשן, פון אַ שווערן אַרבעטער, אַ זעלנער אויפן פּאָסטן, אַ וועכטער אויף דער וואָך, אַ פירער אַן דעם מינדסטן סימן פון גדלות, וועט מיך וואַרעמען אויף מיין גאַנצן לעבנס־וועג.

אינעם טאָג פאַר זיין אָפּפליען מיט אַ דזשעט־עראָפּלאַן קיין מאָסקווע — זיין לעצטע נסיעה — האָט ער זיך מיט אונדז אַלעמען אין דער רע־

דאַקציע „מאָרגן־פרייהייט“ אַזוי וואַרעם און האַרציק געזעגנט. צי הט ער געהאַט אַ פאָרגעפיל וועגן דעם אומפאַרמיידלעכן ?...

ער האָט זיך מיט אַ שוואַכער שטימע געזעגנט מיט מיר יענעם טאָג, דאַכט זיך, צום דריטן מאָל און אַזוי חבריש־ריירנדיק אַ זאָג געטאָן: „לאָמיך ווידעראַמאָל אַ דריק־טאָן די ערלעכע האַנט פון אַ האָרעפּאַשניק“. געווען זיינען יענע ווערטער פאַר מיר דער העכסטער אַטעסטאַט, וואָס אַ מענטש קאָן קריגן.

ניטאָ מער משה ? זיין בילד, זיין וואָרט, זיין לערע לעבט אין אונדז, אין דעם דור, וואָס ער האָט געהאָלפן דערציען, אין דעם „דור, וואָס האָט פאַרלוירן די מורא“.

יוני 26, 1960.

נחמן מייזיל

(געבוירן אין 1887)

(זיין ווערק „נאָענטע און אייגענע״)

„דער זייער טראָגט צום פעלד זיין זריעה״.
(ז. ווײַנפּער)

נחמן מייזילס נייער בוך „נאָענטע און אייגענע״ (פון יעקב דינעזאָן ביז הירש גליק), וואָס דער „איקוף״־פאַרלאַג אין ניו־יאָרק האָט ערשט אַרויסגעגעבן, איז אַ באַדייטנדיקער בייטראַג צו אונדזער ליטעראַטור־פאָרשונג און קריטיק.

דער בוך (384 זייטן) איז, ווי דער מחבר ווייזט־אָן אין זיין וואָרט „צו די לייענער״, אַ המשך פון זיין בוך „פאַרגייער און מיטצייטלער״, אין וועלכן עס זיינען אַריין אָפּהאַנדלונגען וועגן צוואַנציק עלטערע און ייִנגערע ייִדישע שרייבער. אין דעם איצטיקן, צווייטן באַנד זיינען אַריין אָפּהאַנדלונגען און אָפּשאַצונגען וועגן 25 ייִדישע שרייבער.

אין זיין אַריינפיר צום בוך ווייזט אָן נחמן מייזיל, אַז ביים אָפּקלייבן די שרייבער פאַר דעם איצטיקן, צווייטן באַנד, איז זיין בפירושע כוונה געווען: „אַרויסצוברענגען דורך די באַהאַנדלטע שרייבער, די עלטערע ווי די ייִנגערע, די דורות שאַפער, דורות קינסטלער, וואָס האָבן געבראַכט צום אויסדרוק דורך זייערע פאַרשיידענע ווערק דאָס לעבן, די פאַרשיידענע תקופות, און די אידייאישע און געזעלשאַפטלעכע געראַנגלענישן, וואָס זיינען אָבגעגאַנגען אין דער ייִדישער וועלט די לעצטע פינף־זעקס יאָרצענדליקער״.

אין דעם בוך ווערן באַהאַנדלט די פאָלגנדיקע שרייבער („אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר, לויט די יאָרן פון זייער געבוירן״): יעקב דינעזאָן, מרדכי ספּעקטאָר, מאַרק וואַרשאַווסקי, דר. נתן בירנבוים, מיכה־יוסף בערדיטשעווסקי, אברהם ליעסין, דוד פּינסקי, בעל מחשבות, ה. ד. נאָמבערג, אברהם רייזען, קלמן מרמר, לאַמעד שאַפּיראָ, ב. ריווקין, ז. סעגאַלאָוויטש, יוסף אָפּאַטאָשו, אָשר שוואַרצמאַן, משה בראָדערזאָן, אהרן קושנירעוו, ז. ווײַנפּער, אפרים

קאַגאַנאָווסקי, פּרץ מאַרקיש, ד״ר. עמנואל רינגעלבלום, ברוך אַליצקי, משה שולשטיין, הירש גליק. ס׳איז כדאי צו פאַרצייכענען די דאַטעס פונעם ערשטן און פונעם לעצטן אין דעם בוך: יעקב דינעזאָן, 1856־1919; הירש גליק, 1922־1944.

נחמן מייזיל, דער פּראָדוקטיוו־שעפערישער ליטעראַטור־פאָרשער און קריטיקער, אַן אַקטיווער, אומדערמידלעכער קולטור־געזעלשאַפטלעכער בויער, צייכנט זיך אויס מיט זיין אייגענעם דרך אָדער נוסח, מיט זיין אייגנאַרטיקער שיטה אָדער סיסטעם אין באַהאַנדלען שרייבער און זייערע ווערק. ער נוצט געוויינלעך דעם מעטאָד פון קינסטלערישער קריטיק, באַגלייט דורך ליטעראַטור־געשיכטע. זיין אינפאָרמאַטיוו־באַלערנדיקע אָפּשאַצונג וועגן שרייבער און זייערע שאַפונגען קומט צוזאַמען מיט אַ פּאָפּולערער אויסטייטשונג (הסברה), מיט אַ באַלייכטונג פונעם שרייבערס ביאָגראַפיע — אַן עלעמענט, אויף וועלכן ער לייגט גרויס געוויכט ווי אויף אַ וויכטיקן פּאַקטאָר אין אויסגעשטאַלטיקן די קינסטלערישע פּערזענלעכקייט פונעם שרייבער.

אין אַנווענדן אָט־דעם מעטאָד קומט דעם מחבר שטאַרק צונוץ זיין ענערגישע, טיף־ערנסטע פאָרשערישקייט, וואָס איז שייך פאַקטן פונעם שרייבערס לעבן און שאַפן, פאַקטן וועגן דער ווירקונג פונעם שרייבערס אָפּשטאַם און סאָציאַלער סביבה אויף זיין שאַפן; וועגן זיינע באַציאונגען מיט אַנדערע שרייבער, מיט מענטשן פון זיין דור, וועגן זיינע געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן און טעטיקייטן, זיינע קולטור־אינטערעסן און פאַרבינדונגען.

דער מחבר פון „נאָענטע און אייגענע" זוכט אויפצושטעלן, געבן דעם לייענער אַ פּילזייטיק בילד, אַ פּאָרטרעט פונעם באַהאַנדלטן שרייבער — ניט בלויז זיין ליטעראַרישע פיזיאָנאָמיע אַלס שאַפער, נאָר אויך זיין פּנים אַלס מענטש, אַלס פאַקטאָר אין אַ באַשטימטער סביבה. זיין צוגאַנג דערביי איז אַ פּרינציפּיעלער, אַ סאָציאַל־אידייאישער, ניט נאָר אַ קינסטלערישער. ער באַטאָנט געוויינלעך די גרונט־שטריכן פון דער באַהאַנדלטער ליטעראַרישער פּערזענלעכקייט, און דאָס סאַמע תוכיקע, פונדאַמענטאַלע אין זיין שאַפן.

דער מחבר זוכט און געפינט אָפט דעם שליסל צום שרייבערס אינערלעכער וועלט. ער זוכט צו באַנעמען, באַלייכטן און פאַרטייטשן דעם שרייבערס שאַפונגען דורך באַמיען זיך אַריינצודרינגען אין דעם סאַמע מהות און תוך, אין דעם חדרי־חדרים פון זיינע ווערק. אָפט ווענדט ער זיך צום שרייבערס זעלבסטפּאָרטרעט, וואָס איז אַנטהאַלטן אין זיינע שאַפונגען. אויך זוכט ער באַקענען דעם לייענער דערמיט, וואָס אַנדערע וויכטיקע שרייבער־קינסטלער, קריטיקער, האָבן געהאַט צו זאָגן וועגן דעם באַהאַנדלטן שרייבער, אָנווייזנדיק דערביי אין וואָס ער איז מיט זיי מסכים, אָדער וואו זיי זיינען, לויט זיין אָפּשאַצונג, אומגערעכט. אָפט באַלייכט ער אַ שרייבערס לעבן און שאַפן דורך פאַרגלייכן זיינע זכרונות מיט די זכרונות פון אַן אַנדער שרייבער־מיטצייטלער (ווי, למשל, וועגן פּרץ און ליעסין).

נ. מייזיל באַלייכט דאָס קינסטלעריש־אידייאישע אין די באַזונדערע ווערק פון אַ שרייבער. דערביי זוכט ער אַרויסצואַנטפּלעקן דאָס אייגנאַרטיקע

אין אים. דאָס וואָס עס אונטערשיידט אים פון אַנדערע וואָרט־קינסטלער. ער שילדערט אָדער ווייזט אונדז אָפּט דעם שרייבערס ליטעראַרישן דורך אָדער גאַנג, אויך דעם פּראָצעס פון זיין אַנטוויקלונג און אויספורעמונג. ער ברענגט אים ניט פאַר אונדז אין זיין סך־הכל, אין אַ פאַרטיקער, פאַרענדיקטער פאָרם אָדער סטאַטישן צושטאַנד, נאָר אין דער דינאַמיק, און אויך אין זיין ווירקונג און באַווירקט ווערן דורך דער צייט, סביבה, פּאָליטיש־סאָציאַלע און קולטור־געזעלשאַפטלעכע כוחות. ער באַמיט זיך אַרויסצוברענגען ניט נאָר דעם קינסטלערישן פּרצוף פונעם שרייבער, נאָר אויך זיין אידייאישן אַני־מאַמין. דער לייענער קריגט דערביי אויך אַן אַנאַליז פונעם שאַפונגס־מעטאָד, פון די קינסטלערישע כוחות און מיטלען פונעם באַהאַנדלטן שרייבער.

ניט פאַרזעענדיק די שיינקייט און גוטיקייט פון בלומען, זוכט אָבער דער מחבר נאָך מער די פּרוכט אין אַ שרייבערס שאַפן. צומאָל באַנוצט ער אונטערשטרייכונג, באַטאָנונג, כדי וואָס קלאָרער און בולטער אַרויסצוברענגען זיין געדאַנק. דערביי האָט ער תמיד אינזינען דאָס אַלגעמיינע — די ליטעראַטור, דאָס בולטדיקע, דאָס קאָלעקטיווע, און שטענדיק אין פאַרבינדונג מיטן לעבן, מיטן פאָלק, און זיין הויפּט־כוונה איז: ברענגען די ליטעראַטור צום פאָלק, ענגער פאַרבינדן דאָס פאָלק מיט זיין ליטעראַטור, אויסברייטערן און פאַרשאַרפן אַלץ מער דעם אינטערעס פונעם לייענער צו ליטעראַטור. דערפון נעמט זיך אויך דעם מחברס באַמיאונג אַרויסצוברענגען דעם שרייבערס אָרט און ראָל אין אונדזער ליטעראַטור, די גרויס און באַדייטונג פון זיינע ביישטייערן צו איר, זיין אָרט צווישן די דורות און גרופּירונגען פון אירע שאַפער.

אין זיין אַריינפיר אונטערשטרייכט דער מחבר, אַז „מער פון אַלץ איז געווען דער ווילן, דער פאַרלאַנג דורך דעם שרייבער אַרויסצואווייזן די סביבה, די תקופה, אין וועלכער דער שרייבער האָט געלעבט, וואו ער האָט געווירקט און איז געווען באַווירקט". עס דאַרף אָבער געזאָגט ווערן, אַז ב. מייזיל, וועלכער איז ניט קיין פאָרמאַליסט־עסטעטיקער, באַהאַנדלט ברייט, ערנסט און מיט טיפער קענטעניש, דירעקט און אומדירעקט, אויך פראַגן פון עסטעטישע ווערטן, סטיל, טעכניק, פאָרם, שפּראַך, פערזן־בוי, מעלאָדיע, ריטם, פּסיכאָלאָגישע פאַרטיפונג, קאָנסטרוקציע. ניט תמיד איז ער אפשר גענוג שטרענג־קריטיש. אָבער דאָ האַנדלט זיך דאָך וועגן שרייבער, וואָס זיינען באמת נאָענטע און אייגענע.

דאָס אויבן־געזאָגטע קאָן קלאָר אילוסטרירט ווערן דורך יעדער איינער פון די 25 זייער געלונגענע אָפּהאַנדלונגען, אָפּשאַצונגען, טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיקעס, אין דעם בוך. מען וואָלט געדאַרפט אָפּשטעלן זיך באריכותדיק אויף יעדער איינער פון זיי. דאָ וועלן מיר מוזן אָנרירן אייניקע פון זיי.

אין זיין ברייטער, פיל־אַרומנעמענדיקער עסיי וועגן י. דינעזאָהן, ווערט מען מייזיל באַצייכנט אַלס „אַ טייערן, גוטמוטיקן פעטער אָדער עלטער־פעטער אין דער געהויבענער ליטעראַטור־משפחה", ווייזט־אָן דער מחבר, אַז דינעזאָנס שאַפן „איז געווען אַ נאַטירלעכע שטופּע, אַן איבערגאַנג פון

דער פאָלקס־ליטעראַטור צו דער העכערער פון מענדעלע און פרץ און שלום־עליכם־שניט".

אַטוואַיזנדיק אויף מרדכי ספעקטאָרס ליטעראַרישע בייטראַגן, אויף זיין ראָל ווי אַ „פּיאָנער, „בראשית־אָנהייבער" אין אייניקע געביטן, וואַרפט־אָפּ דער מחבר דעם געדאַנק, אַז ספעקטאָר איז געקומען אין אונדזער ליטעראַטור „אַן טראַדיציע, אָן ירושת־אָבות, אָן אַ קולטור". ער אונטערשטרייכט אויך, אַז „מ. ספעקטאָר איז פון זיין יונגן עלטער געווען אונטער דער השפעה פון גאַנץ רוישיקע און וויכטיקע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע געשעעניש".

אין זיין קאַרטיפטער אַרבעט וועגן דעם פאָלקס־דיכטער און פאָלקס־קאָמפּאָזיטאָר מ. מ. וואַרשאַווסקי, וועמען שלום־עליכם האָט אַנטדעקט אין 1897, דערציילט מייזיל גאָר אינטערעסאַנטע פּרטים — וועגן וואַרשאַווסקיס לעבן און שאַפן, וועגן די נאַטעס און טענער פון זיינע פאָלקס־לידער, וועגן דעם שטייגער־עלעמענט און דעם „סוד" פון אָט־דעם וואונדערלעכן רוסיש־יידישן אינטעליגענט.

אין אַן אָפּשאַצונג וועגן אברהם ליעסין ווייזט ריכטיק אָן דער מחבר, אַז „מען האָט אים נישט געשעצט און ניט אָפּגעשאַצט לויט זיין ווירקלעכן ווערט און אַנגעזעענעם אָרט אין דעם היגן יידישן שאַפן". מייזיל באַווייזט דורך פיל מוסטערן און ביישפּילן, אַז ליעסינס „פאַרנעם, דער קרייז פון זיין אויג, אויער, הארץ און געמיט איז געווען פיל ברייטער, פאַרשיידנאַרטיקער ווי עס איז אָנגענומען ביים לייענער און קריטיקער". ער אונטערשטרייכט, אַז ליעסין איז געווען „געקניפּט און געבונדן מיט דער מאַרטיראָלאָגישער און העראָאישער יידישער געשיכטע", אַז ער האָט אריינגעבראַכט „עלעמענטן פון דער פאָלקיסטישער פּאָעזיע", אַז „ער איז אָפט געווען פּובליציסט אין זיין דיכטונג, און דיכטער — אין זיין פּובליציסטיק", אַז „מ'האָט אים נישט געשעצט די אויפמערקזאַמקייט און אינטערעס, וואָס ער פאַרדינט".

גאָר באַלערנדיק ווייזט אונדז נ. מייזיל, ווי אַזוי דער וויכטיקער דראַ־מאַטורג און דערציילער דוד פּינסקי האָט אין משך פון פיל יאָרן „געזוכט דעם וועג און אַלץ געהאַלטן אין אַדורכשלאָגן וועגן אין דעם ווילד־וואַלד פון זיין אייגענעם שאַפן"; ווי אַזוי אין זיין שאַפן ווערט פּינסקי „שטאַרק גע־שטויסן פון אויסערלעכער און דרויסנדיקער טעמאַטיק", ווי אַזוי און פאַר־וואָס ער איז „אָפטמאָל מער דראַמאַטיקער ווי דערציילער", ווי אַזוי פּינסקי „האָט זיך כסדר געענדערט, נישט געשאַפן אין איין סטיל".

אַ וויכטיקע אַרבעט וועגן פּינסקין! ס'איז אַ שאָד, וואָס עס ווערן דאָ ניט באַלויכטן אויך פּינסקיס דערציילונגען פונעם פּעריאָד, אין וועלכן ער האָט געווידמעט זיין פּען דער אַרבעטער־טעמאַטיק.

באַזונדערס געלונגען איז מייזילס באַלייכטונג פון דער ראָל פון ב. ריווקין אַלס ליטעראַטור־קריטיקער. דער מחבר ברענגט אַרויס קלאָר און שאַרף ריווקינס פאָדערונגען צו דער יידישער ליטעראַטור, אַז „זי דאַרף פאַר־בייטן רעליגיע, טעריטאָריע, זי מוז אַדורכגעדרונגען ווערן מיט גאולה־צוועקן, מיט קיום־אויפגאַבן". מייזיל שטעלט זיך אָפּ אויף ריווקינס קאַמף קעגן

דער שעדלעכקייט פון דער טעאָריע „קונסט לשם קונסט", אויף זיין פאָדע־רונג, אַז „די ליטעראַטור זאָל דערפילן איר פונקציע פון אָרגאַניזירן דעם פאָלקס־באַוואוסטזיין".

דער מחבר אַנטפּלעקט פאַר אונדז דאָס עיקרדיקע אין ז. ווײַנפּערס מענטש און דיכטער אין זיין „פולער אחריותפולער דערהויבנקייט און ציל־אַנגעווענדקייט". זיין עסיי וועגן זיין יאָרן־לאַנגן פריינט, מיטבויער און מיט־קעמפער סומירט נ. מייזיל מיט די ווערטער: „יאָ, ז. ווײַנפּערס צעלויכטענע ירושה, וואָס איז אָנגעזאַמלט געוואָרן אין זיינע דיכטערישע אוצרות איבער פיר־צענדליק יאָר, איז פאַר אונדזער דור און פאַר דורות נאָך אונדז לויטערע קדושה..."

דעם גרויסן יידישן שרייבער א. קאַגאַנאָווסקי, מייסטער פון דער קורצער דערציילונג, כאַראַקטעריזירט מייזיל ווי „אַ בצמצומדיקן שרייבער", וואָס „קאָן אין אַ פּאָר ווערטער אַרויסברענגען מענטשן, צונויפשטויסן, קאָנפליקטן".

פון באַזונדער באַדייטונג איז דעם מחברס אויספירלעכע אָפּשאַצונג וועגן „דער פּיליטיקער און רייכער קינסטלערישער פּערזענלעכקייט פון פּרץ מאַרקיש — דעם דיכטער און פּראָזאַיקער", דעם „גרויסן דיכטער און ייד".

דער מחבר באַנוצט זיך מיט פיל קוואַלן אויף אַרויסצוברענגען די געשטאַלט פונעם טראַגיש־אומגעקומענעם נאַצי־קרבן הירש גליק — „דער צאַרטער, טרוימערישער און רעאַליסטישער דיכטער".

בקיצור: עס ליגט „אַ וועלט מיט אַרבעט" אין אָט־דעם ווערטפולן בוך פון נ. מייזיל. דאָס ווערק איז געשריבן מיט קאָפּ און מיט האַרץ, מיט אַ סך ליבשאַפט און צערטלעכקייט צו די אוצרות פון יידישן שאַפן.

דער בוך איז ממש אַ נויטווענדיקייט אין דער היים פון יעדן יידיש־לייענער און יידיש־ליבהאָבער. דעם מחבר און דעם „איקוף" — אַ יישר־כוח!

נאָוועמבער 17, 1957.

2.

דאָס מענדעלע בוך — גרויסער קולטור־היסטאָרישער אויפטו..

„... עס זאָל זיין אייך גליען דער פונק פון דעם יידישן גייסט
פון ליבשאַפט צו אונדזער פאָלק און זיין ליטעראַטור!"

פון מענדעלעס אַ בריוו געשריבן אין אָדעס אין אָנהייב 1910
צום „אידישער טאָגעבלאַט", ניו־יאָרק.

שוין לאַנג ניטיק געווען אַזאַ ווערק, און ענדלעך איז עס דאָ! „דאָס מענדעלע־בוך", אַרויסגעגעבן דורך דעם איקוף־פאַרלאַג אין ניו־יאָרק, בריוו און אויטאָביאָגראַפישע נאָטיצן, אַרויסזאָגונגען און שמועסן, בילדער, צייכענונגען און פאַקסימיליעס פון מענדעלע מוכר ספרים, אַרטיקלען און אָפּ־האַנדלונגען וועגן ש. י. אַבראַמאָוויטש — מענדעלע מוכר ספרים, צונויפ־

געשטעלט און געשריבן פון נחמן מייזיל. 512 זייטן פון גרויסן פאָרמאַט.

מיר בלעטערן מיט יראת־הכבוד דעם גרויסן בוך פון און וועגן אונדזער ליבן זיידן, און מיר מאַכן דערביי אַ „שהחיינו". און וואָס מער מיר באַקענען זיך מיטן אינהאַלט און פאַרנעם פונעם בוך, זאָגן מיר זיך: אַ מאָנומענטאַל ווערק, אַ גרויסער היסטאָרישער און קולטור־היסטאָרישער אויפטו! אַ יישר־כוח, איקוף! אַ יישר־כוח, נחמן מייזיל!

אַ וועלט מיט אַרבעט (און מיט קענטעניש און בקיאות) האָט אונדזער אומעטומיקער, שעפערישער ליטעראַטור־פאָרשער נחמן מייזיל אַריינגעלייגט אין אָט־דעם ווערק. אַ וועלט אויך מיט ליבשאַפט און פאַרשטענדעניש פאַר אונדזער וועלטלעך יידיש־שאַפן און פאַר די גרונטלייגער, פיאָנערן, ראשונים פון אונדזער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

ענדלעך קריגן מיר אַ רונדיק, אינטים בילד פון דער גרויסער מענדעלע־פערזענלעכקייט, אַ קינסטלערישן פאָרטרעט פון אונדזער ערשטן קלאַסיקער. אַ מאָנאָגראַפיע וועגן שלום־יעקב אַבראַמאָוויטש — מענדעלע מוכר ספרים, דעם מענטש און וואָרט־קינסטלער, אַ ביאָגראַפיע פון אונדזער ליבהאַרציקן, אומשטערבלעכן זיידן פון דער יידישער ליטעראַטור (1917־1836).

אין זיין פאָרוואָרט „צום לייענער", ווי אויך אין זיין נאָכוואָרט צום סוף פונעם בוך, דערקלערט נחמן מייזיל, דער שאַפער פון „דאָס מענדעלע־בוך", די אויפגאַבן, וואָס ער האָט זיך געשטעלט מיט אַרבעטן אויפן ווערק, זיינע כוונות, צילן און מעטאָדן. אָט־די אויפגאַבן, בקיצור, זיינען: „באַהאַנדלען די קאָמפּליצירטע און קאָלירפולע מענדעלע־געשטאַלט", אַרויסברענגען וואָס מער שטריכן פון דער דאָזיקער ליבער געשטאַלט, „אַרויסאַנטפּלעקן אויף פאַרשיידענע אופנים די דרויסנדיקע פּאַסירונגען, וואָס האָבן געווירקט אויף מענדעלען און געענדערט זיין געמיט־צושטאַנד"; „זען ווי פאַרשיידענע שרייבער האָבן אויפגעפאַסט מענדעלען, דעם מענטש און זיינע ווערק, און ווי זיי האָבן געזען מענדעלען און זיין ראָלע און באַדייט פאַר דער יידישער ליטעראַטור און דעם יידישן שאַפן"; „געבן דעם פולן, גאַנצן מענדעלען, דעם מענטש און דעם קינסטלער". אָט־די און אַנדערע אויפגאַבן, וואָס נ. מייזיל האָט זיך געשטעלט, האָט ער דורכגעפירט בשלימות — אויף וויפל נאָר עס איז אונטער די אומשטענדן מענטשלעך מעגלעך.

ריכטיק ווייזט־אָן דער מחבר: פאַראַן ביז איצט אַ היפשע באַדייטנדיקע ליטעראַטור וועגן מענדעלען, וועגן זיין לעבן און שאַפן — אָבער „עס האָט געפעלט אַ מער־ווייניק פולערע סיסטעמאַטישע שילדערונג פון זיין פערזענלעכן לעבן", „האָבן מיר אין סך־הכל פיל ציגל, מאַטעריאַלן פאַר אַ מענדעלע־בנין, אָבער דער בנין גופא איז נאָך ווייט ניט אויפגעשטעלט".

עס פרייט מיך צו קענען באַריכטן, אַז איצט האָבן מיר אַזאַ בנין, אַ מענדעלע־בנין, אַ שיינעם, פיינעם, מאַסיוון בנין.

דעם בנין האָט נ. מייזיל, ווי אַ געניטער און פאַראַנטוואָרטלעכער אַרכיטעקט, געבויט מיט אַ געניטען פלאַן און סדר, אײַנזינען האָבנדיק קודם־כל אויפצושטעלן אַ זיכערן, פעסטן פונדאַמענט, אַז דער בנין זאָל האָבן אַ

דויערהאַפטן ווערט, זאָל זיין אַ דבר של קימא. די פיל פאַראַנענע, צעזייטע און צעשפרייטע דאָקומענטן און מאַטעריאַלן צו דער מענדעלע־געשטאַלט און מענדעלע־ביאָגראַפיע האָט ער גענוצט ווי חומר ולבנים, ווי ציגל, פאַר דעם פּרעכטיקן מענדעלע־בנין.

קאָמבינירנדיק זיינע פיאָיקייטן און קענטעניש, דעם דרך און די מעטאָדן פון אַ ליטעראַטור־פאָרשער און ליטעראַטור־קריטיקער, האָט נ. מייזיל איינגעטיילט דעם ריזיקן מאַטעריאַל אין עטלעכע טיילן. דער מחבר איז געגאַנגען מיטן דרך, אַז קודם דאַרף מען געבן דאָס וואָרט מענדעלען גופא. ווער קען זיך נאָך אַזוי גוט, ווער ווייסט אַזוי פיל וועגן זיין לעבן און ווער איז מער מבין אויף זיין שאַפן, ווי מענדעלע אַליין? קומען דעריבער אַריין אין דעם ערשטן טייל מענדעלעס אויטאָביאָגראַפישע פאַרצייכענונגען, זיינע בריוו (גאָר אַ וויכטיקער עלעמענט אין דעם בוך!) און די הקדמות, וואָס דער זיידע האָט געשריבן צו זיינע ווערק. מענדעלע וועגן מענדעלען, מענדעלע שבעל־פה, זיינע שמועסן, זיין „שיחת־חולין" פאַרנעמען העכער אַ העלפט פונעם בוך. זיי זיינען דער געזונטער, קרעפטיקער יסוד פונעם בנין. דערנאָך קומען מייזילס ברייטע, אויספירלעכע, פאַרטיפטע אָפּהאַנדלונגען וועגן דעם זיידן, זיין לעבן און שאַפן. די אָפּטיילונג לידער וועגן מענדעלען העלפט נאָך מער באַלייכטן די מענדעלע־געשטאַלט. דאַן קומען דעם מחברס אָפּהאַנדלונגען, וואָס ווייזן מענדעלען אין פאַרשיידענע פעריאָדן פון זיין לעבן, אין זיין היים, אין דער סביבה פון זיין משפחה און פריינט, אין פאַרשיידענע מאָמענטן פון זיין שעפעריש לעבן.

מיר דערזעען מענדעלען ווי מיר האָבן אים נאָך קיינמאָל ביז איצט ניט געזען. אַ פולע, פולבלוטיקע געשטאַלט.

איינער פון די וויכטיקסטע אויפטוען אינעם בוך איז די זאַמלונג פון מענדעלעס בריוו — די גרעסטע בריוו־זאַמלונג ביז איצט. די 215 בריוו פון מענדעלען, געשריבן פון 1857 ביז 1917, ווערן דאָ געבראַכט מיט אַ סדר, כראָנאָלאָגיש, אַלע געגעבן אין יידיש, מיט פיל נויטיקע באַמערקונגען און דערקלערונגען. דער זיידע האָט זיינע בריוו געשריבן אין יידיש, העברייאיש און רוסיש. נ. מייזיל האָט איבערגעזעצט די העברייאישע און רוסישע בריוו.

די בריוו גיבן אונדז אַ טיפן אַריינבליק אין מענדעלעס גרויסער, ליכטיקער נשמה. מיר זעען דעם זיידן אין זיינע געמיטן־צושטאַנדן; מיר זעען דעם אַרבעטזאַמען סאָציאַלן קינסטלער אין זיין היים און אין זיינע וואַנדערונגען; מיר זעען ניט בלויז אַ גרויסן, געניאַלן קינסטלער, אַ למדן און אַ חריף, נאָר אויך אַ הויך־עטישע פערזענלעכקייט און אַ געטרייען זון פון פאָלק, אַ לערער און מדריך. די בריוו, עכטע דאָקומענטן, זיינען אַ געטרייער שפיגל פון דעם זיידנס לעבנסוועג און פון זיינע שטימונגען און איבערלעבונגען. מיר זעען דורך זיי זיין גייסטיק קלסתר־פנים, זיין טיף־מאָראַלישן בליק אויף לעבן און ליטעראַטור, זיין ליבשאַפט צו זיין פרוי און קינדער און צו זיינע פריינט און קאָלעגן, און דער עיקר — זיין אהבת המענטש, אהבת הפאָלק, אהבת המענטשהייט. מיר פאַרשפּאָרן צו זאָגן, אַז די מענדעלע־בריוו, וואָס

נעמען־אַרום אַ שטרעקע פון זעכציק יאָר, לעבן־אויף און באַלייכטן אַ וויכטיקן פעריאָד אין אונדזער יידישן לעבן און שאַפן, און זיינען פון אַ גרויסן געשיכטלעכן און קולטור־היסטאָרישן ווערט.

מענדעלעס ערשטער בריוו באַהאַנדלט פראַגן פון דערציאונג. מענדעלעס לעצטע צוויי בריוו (אין דער בריוו־אָפטיילונג) זיינען: „צו מיינע ליבע יידן און בירגער פונעם גרויסן זיך באַפרייטן און וועלט־באַפרייענדן רוסלאַנד" (געשריבן אין זומער 1917, ווען אָדעס איז באַפרייט געוואָרן פון די ווייס־גוואַרדייער) און אַ באַגריסונג־בריוו „צום צוזאַמענפאָר פון יידישע אַרטיסטן אין רוסלאַנד" (אָפּגעהאַלטן אין קיעוו, דעם 29טן אויגוסט, 1917).

מיט גרויס אינטערעס וועט דער לייענער לייענען דעם זיידנס בריוו, וואָס אַנטפּלעקן זיינע בענקשאַפטן, ליבשאַפטן, פאַרדרוסן; זיינע בריוו צו זיין כלה, פעסיע־פאַוולינע לעווין; צו זיינע פריינט און קאָלעגן שלום־עליכם, דינעזאָן, ש. דובנאָוו, י. ח. ראַבניצקי, מ. בן־עמי, ח. נ. ביאַליק, דר. י. קלויזנער און פיל אַנדערע; ווי אויך צו זיין פאַרלעגער ש. שרעבערק, א. אַנד.

רירנדיק זיינען דעם זיידנס בריוו וועגן זיינע דאגות־פרנסה, וועגן זיין בענקשאַפט צו קענען שרייבן אומגעשטערט, וועגן זיינע שטימונגען נאָך די צאַרישע פּאָגראָמען אין אָדעס אין 1905; זיינע פאַרדרוסן אויף די גרייזן און דרוק־פעלערן; זיין באַקלאָגן זיך אויף די אַמעריקאַנער פאַרלעגער, וואָס האָבן אים באַרויבט און באַגזלט, אַרויסגעבנדיק זיינע ווערק אין משך פון יאָרן אָן זיין צושטימונג און אָן באַצאָלט. אין די בריוו ווערט דערמאָנט אונדזער מ. אָלגין, וועלכער האָט איבערגעזעצט איינינקע דערציילונגען פון מענדעלען פון העברעיאיש אויף יידיש. אין אַ בריוו צום פאַרלעגער י. לידסקי אין וואַרשע האָט מענדעלע געשריבן פון אָדעס (יאַנואַר 16, 1912): „אויב איר ווילט וואָס־גיכער אַרויסגעבן די קליינע איבערזעצונגען פון ספורי מענדעלע׳, הוצאת ראבניצקי, בהעתקה הר״ר אָלגין, זאָלט איר אַרויסגעבן נאָר דווקא מיט אַן אויפשריפט, אַז דאָס איז אַן איבערזעצונג".

ריכטיק באַמערקט נ. מייזיל אין זיין אָפּהאַנדלונג „מענדעלע מוכר ספרים און זיינע בריוו": „די אַלע בריוו, וואָס זיינען אויפגעזאַמלט אין בוך, זיינען אַ צוגאָב, אַ דערגאַנצונג צו דער מענדעלע־געשטאַלט; זיי זיינען אויך אַ שליסל, אַ וועג־אָנצייכענער פון די פאַרשיידענע מאַטעריעלע און גייסטיקע איבערוואַנדלונגען, וואָס אַבראַמאָוויטש־מענדעלע האָט אַדורכגעמאַכט".

פון גאָר גרויס וויכטיקייט פאַר דעם ערנסטן אינטעליגענטן לייענער זיינען די מענדעלע־הקדמות „אמר מענדעלע מוכר ספרים" און דער אויסצוג פון זיין העברעיאישן בוך „עין משפט". דאָ זעט איר מענדעלען, דעם עכטן רעאַליסט און סטיל־מייסטער, ווי אַ וועגווייזער פון אונדזער ליטעראַטור, ווי אַ קעמפער פאַר אמתדיקייט אין קונסט; דאָ באַקענט איר זיך מיט זיין ערנסטן בליק אויף „די אויפגאַבן און פליכטן פון דעם שרייבער און פון דער ליטעראַטור". אין גייסט און אין דער טראַדיציע פון פאָלקס־געטרייער ליטעראַטור און ליטעראַטור־פאָרשונג, אונטערן געזונטן איינפלוס פון די פאָרגעשריטענע, רעוואָלוציאָנערע רוסישע ליטעראַטור־קענער און קריטיקער, בע־

לינסקי, טשערניִשעווסקי, פיסאַרעוו און דאָבראָליובאָוו, לערנט ער, אַז ליטעראַטור דאַרף דינען דעם פֿאָלק. ריכטיק באַמערקט נ. מייזיל, אַז די מענדעלע־הקדמות „זיינען אייגנטלעך ווי אָווערטיורעס צו די מענדעלע־קאָמפּאָזיציעס".

גאָר אַ באַזונדערע אָפּשאַצונג פֿאָדערן און פֿאַרדינען מייזילס טיף־פֿאַרטראַכטע, שיין־און קלאָר־געשריבענע, אָפּט גלענצנדיקע, אָפּהאַנדלונגען וועגן מענדעלען דעם מענטש און שרייבער, וועגן די באַציאונגען צווישן דעם זיידן און פּרצן און דעם „אייניקל", שלום־עליכם; וועגן דעם ווי פֿאַרשיידענע שרייבער האָבן באַנומען מענדעלעס ראָל און אָרט אין אונדזער ליטעראַטור. די ראַמען פֿון אָט־דעם אַרטיקל דערלויבן ניט אָפּצושטעלן זיך אויף די דאָזיקע אָפּהאַנדלונגען, וואָס זיינען אַ ווערטפֿולער און לויבנסווערטער ביישטייער צו דער מענדעלע־פֿאָרשונג. עס איז כּדאַי (נויטיק) כאָטש בלויז אויסצורעכענען די נעמען פֿון נ. מייזילס אָפּהאַנדלונגען, כּדי דער לייענער זאָל קריגן אַ באַגריף וועגן זייער טעמאַטיק. ואלה הם: מענדעלע דער ערשטער: די ערשטע ליטעראַרישע שריט אין העברייאיש און אין יידיש; די גרענעצן צווישן ש. י. אַבראַמאָוויטש און מענדעלע מוכר ספרים; די שייכותן צווישן מענדעלע, שלום־עליכם און פּרץ; מענדעלע און פּרץ; די השפּעות פֿון דער וועלט־ליטעראַטור אויף מענדעלען.

דעם מחבר איז געגאַנגען אין לעבן, אַז „זאָל דער לייענער פֿון דעם מענדעלע־בוך האָבן פֿאַר זיך וואָס־מער פּרטים, וואָס־מער מאַטעריאַל וועגן דעם גרויסן יידישן קינסטלער און וואָרט־מייסטער". נאָך דעם בנין־אָפּטייל „לידער וועגן מענדעלע" (15 דיכטער) קומען דעריבער אייניקע פֿיינע „מענדעלע־זאַלן" — קאַפּיטלען פֿון מענדעלעס לעבן: „ווען איז מענדעלע געבוירן"; „מענדעלע אין זיין אָדעסער היים"; „מענדעלע אין דער שווייץ": מענדעלעס טריאומף־רייזע זינט 1909; פֿון מענדעלעס שמועסן; די מענדעלע־ביבליאָגראַפֿיע; צו דער מענדעלע־פֿאָרשונג; מענדעלע אין דער תּלמוד־תּורה; דער „זיידע" מיטן „אייניקל"; מענדעלעס ווערק אויף דער בינע; די פֿייערונגען פֿון מענדעלעס 75טן געבוירנטאָג; מענדעלעס ווערק, איבערגעזעצט אויף אַנדערע שפּראַכן; מענדעלעס אַ באַגעגעניש מיט אַ יונגן לייענער. ווי איר זעט: אַ רייכער אוצר!

אויפֿריכטיק און ערלעך און באַשיידן שרייבט דער מחבר נ. מייזיל, צום סוף פֿון זיין נאָכוואָרט: „דער בנין איז פֿאַרענדיקט. מיר זעען־איין האָ־און־האָרט אַ בלויז. מיר האָבן געטאָן דאָס בעסטע, וואָס די באַדינגונגען פֿון אונדזער אַרבעט אויף דעם בוך האָבן דערלויבט. זאָלן אַנדערע פֿאַרזעצן די מענדעלע־פֿאָרשונג. עס איז נאָך דאָ אַ סך וואָס צו פֿאָרשן און צו שטודירן". ריכטיק ווי געזאָגט!

נחמן מייזילס אַרבעט דאַרף נאָך מער פֿאַרגעזעצט, אויסגעברייטערט און פֿאַרטיפֿט ווערן דורך די היינטיקע און קומענדיקע דורות.

די רייכע מאַטעריאַלן אין זיין בוך שאַפֿן די מעגלעכקייט פֿאַר די קו־

מענדיקע פאַרשער נאָך ברייטער אויסצושעפּן די מענדעלע־טעמע. טרעפלעך איז דער פּסוק, וואָס ער ברענגט: „לא עליך המלאכה לגמור".

ברייטע יידישע לייענער־קרייזן, פאָלקס־מענטשן, שרייבער, אינטעלעקטואַלן וועלן לייענען „דאָס מענדעלע־בוך" מיט גרויס הנאה און וועלן דאַנקבאַר זיין נחמן מייזילן, דעם „איקוף"־פאַרלאַג, און אַלע געטרייע קולטור־טוער, די בײַשטייערער פאַר דעם מענדעלע־בוך.

זאָל זיך דאָס מענדעלע בוך געפינען אין יעדער יידישער היים!

העצעמבער 27, 1959.

פּ. נאָוויק

(געבוירן אין 1891)

עס גלויבט זיך בשום אופן ניט, אַז פּ. נאָוויק איז שוין אַ בן־שבעים. אַ מענטש ברויזט מיט ענערגיע, טוט אַ וועלט מיט אַרבעט — און גיי גלויב, אַז ער איז אַ זיבעציקער!

אונדזער יובילאַר, דער בן־שבעים, באַליבט צווישן טויזנטער און טויזנטער יידן, איז קודם־כל יוגנטלעך. יוגנטלעכקייט איז זיין הויפּט־כאַראַקטער־שטריך, דער הויפּט־אויסדרוק פון זיין פּערזענלעכקייט. ווייל עכטע, אמתע יוגנטלעכקייט מיינט, דער עיקר, מוטיקייט, שרעקלאָזיקייט, גלויבן אין מענטש און אין זיין ליכטיקן מאָרגן, גלויבן, אַז „מענטש — דאָס קלינגט שטאָלץ".

פּ. נאָוויק רופט צו זיך אַרויס דרך־ארץ דורך זיין ברייט־פאַרצווייגטער, שעפערישער טעטיקייט, ווי אַ שרייבער און פּובליציסט, קולטור־בויער, מחבר פון ביכער און בראָשורן, קעמפער און לעקטאָר, פאַרזעצער פון דער הערלעכער סאָציאַליסטישער טראַדיציע.

אָפט שטעלט זיך די פראַגע: וואו נעמט ער צייט און כוח פאַר אַלע זיינע קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן? קודם־כל איז ער אַקטיוו פיל שעה'ן אין טאָג ווי דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער „מאָרגן־פרייהייט". אַ זשורנאַליסט פון אַ הויכער מדרגה, מיט אחריות פאַרן געדרוקטן וואָרט, רעאַגירט ער שנעל, מיט טיפן ערנסט, אויף פּאָליטישע געשעענישן און אַנטוויקלונגען. ער רעאַגירט דורך אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען, פּאָליטישע נאָטיצן, פּרעסע־איבערזיכטן, פעליעטאָניסטישע קאָלומס אין דער „מאָרגן־פרייהייט". דערצו געפינט ער צייט פאַר אַקטיווער מיטאַרבעט אינעם איקוף חודש־זשורנאַל „יידישע קולטור" (וואו ער איז אַ מיטגליד אין דער רעדאַקציע־קאָלעגיע), אין „זאַמלונגען", און אַנדערע פּראָגרעסיווע צייטשריפטן.

עס אַרט אים. זאַכן גייען אים אָן. אין דעם — דער קען־צייכן פון זיין יוגנטלעכקייט, און פון זיין פלאַמיקן אמת־יידישן גייסט. ווייל פּ. נאָוויק איז אַ ממשיך, אַ פאַרזעצער פון גרויסע הערלעכע טראַדיציעס פון קאַמף פאַר סאָציאַלן יושר, פון דער הומאַניסטישער, סאָציאַלער, פּראָגרעסיווער טראַדיציע פון אונדזערע יידישע קלאַסיקער. ער איז אַ שטאָלצער ייד, אַן

אויסגעפּרואוווטער קעמפער קעגן פאַשיזם, ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם. ער שטייט טאָג־טעגלעך אויף דער וואַך! די אינטערעסן פונעם יידישן פאָלק, די אינטערעסן פון דער יידישער וועלטלעכער קולטור, די אינטערעסן פון אונדזער לאַנד אַמעריקע, זיינען זיינע אינטערעסן. ער לעבט מיט זיי, ער אָטעמט מיט זיי.

דורך זיין פילזייטיקער אַרבעט אַלס שרייבער און לעקטאָר האָט ער מיטגעהאָלפן אַריינברענגען קלאָרקייט אין די מוחות פון פיל טויזנטער יידישע פאָלקס־מענטשן דאָ אין לאַנד און אין פיל אַנדערע לענדער.

פּ. נאָוויק אימפּאָנירט מיט זיין אחריותדיקייט פאַרן יידישן לעבן, פאַר יידיש־שאַפן. מיט זיין דרך־ארץ פאַר דער יידישער קולטור, פאַר אירע פּראָגרעסיווע טראַדיציעס; מיט זיין אָריענטאַציע אויף אַמעריקע, אויף אירע פרייהייט־דעקלאַראַציעס, אויף דער אַמעריקאַנער אַרבעטער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ער אָריענטירט זיך שאַרף אין פּאָליטישע ענינים, אין קולטור־פראַגן, אין ענדערונגען אין דער וועלט־לאַגע, אין דער לאַגע אינערן לאַנד. ער פאַרטיפט כסדר זיין וויסן, טיילט זיך מיט זיין וויסן. זיינע ביכער און בראָשורן, ווי זיינע לעקציעס און בכלל עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען, זאָגן עדות, אַז אָט־דער זון פון אַ יידישן פאָלקס־מענטשן, איז אויסגעקאָכט אין ענינים פון יידישן לעבן: ענינים, וואָס זיינען נוגע יידישע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, פאַרשיידענע ריכטונגען און שטרעמונגען אין יידישן לעבן, יידישע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, און ענינים פון יידישער שפּראַך (ווי אַ וויכטיקער אינסטרומענט אין זשורנאַליזם, אין ליטעראַטור) און יידישער ליטעראַטור: אירע ריכטונגען, איר מצב, אירע פּראָבלעמען.

אַ באַאָבאַכטער פון לעבן, איז ער ניט בלויז אַ לערנער און פאָרשער, נאָר גלייכצייטיק דערמיט אַ טוער. זיין געזעלשאַפטלעכע טועריי באַרייכערט ממילא זיין וויסן. מיר האָבן אויבן דערמאָנט: יידישע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס. פּ. נאָוויק איז איינער פון די הויפּט־בויער און אָנפירער פונעם „איקוף", אַ מיטגליד פונעם „איקוף"־פּרעזידיום, אַן אָנטיילנעמער אין די וויכטיקע „איקוף"־טעטיקייטן, צוזאַמענפאָרן, קאָנפערענצן, זיצונגען, אַרבעט־פּלאַנירונגען און אויספירונגען.

ער טראָגט־צו זיין חלק שפּעטערישע מי צו דער בויאונג פונעם יידישן מוזיק־פאַרבאַנד און זיינע כאָרן און אָרקעסטערס (געווען לאַנגע יאָרן אַ מיטגליד אין דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע), פונעם יידישן שרייבער־פאַראיין ביים „איקוף" (וואו ער באַטייליקט זיך מיט אַרויסטרעטונגען, פאָרטראַגן), פונעם איקוף־פאַרלאַג, איז אַקטיוו פאַראינטערעסירט אין דער אַרבעט פון די יידישע פּראָגרעסיווע קינדער־שולן, פּראָטערנאַלע קולטור־קלובן, „דזשואיש קאָרענטס" און אַנדערע קולטור־געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און אַנשטאַלטן. ער איז אַ וואָרט־זאָגער פון די פּראָגרעסיווע יידישע מאַסן, אַ געטרייער בויער־טוער; קיין בייזע שטורעמס פון דער רעאַקציע שרעקן אים ניט אָפּ. (ער האָט, אגב, געהאַט דעם „כבוד" גערופן צו ווערן אויף פאַרהערן פון דער איסטלענד־קאָמיטע און דער אומאַמעריקאַנער קאָמיטע).

מיט ענערגיע, מיט זיכערקייט אין דעם ענדגילטיקן זיג פון די אַמעריקאַנער פרייהייט־לאָזונגען, פון מענטש און פון דער מענטשהייט, פירט ער די „מאָרגן־פרייהייט“ — אָפט דורך ברויזנדיקע שטורעמס און צעקאָכטע כוואַליעס — פאָראויס צו אַ וועלט פון שלום און פעלקער־פריינטשאַפט. אין קאַמף פאַר אַזאַ וועלט פון שלום און ברידערלעכקייט האָט ער, אַ שטאַלפעסטער אין זיינע פרינציפן, אין משך פון יאָרן געהאָלפן איינפלאַנצן צווישן די יידישע פאָלקס־מאַסן ליבשאַפט און געטריישאַפט צום יידישן פאָלק און צו זיינע הערלעכסטע טראַדיציעס, צוגעבונדנקייט צו די רייכע אוצרות פון יידישן פאָלקס־שאַפן, פון דער רייכער יידישער קולטור־ירושה; ליבשאַפט און געטריישאַפט צו די אַמעריקאַנער פרייהייט־טראַדיציעס. ווי דער אומשטערבלעכער מ. אָלגין, לערנט אויך זיין בעסטער תלמיד פ. נאָוויק דרך־ארץ פאַר די קעמפערישע יידישע פאָלקס־טראַדיציעס, פאַר די גייסטיקע ווערטן פון אונדזער פאָלק — פון נעכטן און פון היינט; פאַר די קאַמף־טראַדיציעס פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע.

אַליין אַן אַרבעטזאַמער, גלענצנדער פובליציסט שוין העכער פיר־צענדליק יאָר איז זיין דרך אין זשורנאַליזם אַ פשוטער און דירעקטער: זע תמיד פאַר זיך דעם לייענער. דערפון איז געדרונגען: תמיד שטרעבן צו פשטות, רעדן קלאָרע דיבורים. פ. נאָוויק, דער פיינער אויסטייטשער־פאַרטייטשער, דער זשורנאַליסט־לערער, אַ שרייבער מיט אַ שאַרפער פען, האָט פיינט מליצות, „אַרבעטלאָזע“ ווערטער אָדער זאַצן. אַ וואָרט, האַלט ער, דאַרף האָבן וואָס צו זאָגן, אַז נישט — איז עס איבעריק. דער זשורנאַליסט, ווי דער בעלעטריסט, דאַרף תמיד אינזינען האָבן דעם „וואָס“ און דעם „ווי אַזוי“. דער „וואָס“ מיינט: אינהאַלט, אמת, פאַקטן; דער „ווי אַזוי“ מיינט: אַזוי פשוט און לויטער ווי נאָר מעגלעך; דערביי — אָנגענעם, אַז דער לייענער זאָל הנאה האָבן ביים לייענען. פ. נאָוויק קען גרינטלעך דעם צייטונג־פאַך, איז אַ בקי אין דער געשיכטע פונעם יידישן צייטונג־וועזן, וועלכן ער האָט יאָרן־לאַנג מיט גרויס התמדה געפאָרשט און וועגן וועלכן ער האָט אַ סך געשריבן.

מיט מאַרקסיזם אַלס זיין קאָמפאַס, איז ער פאַרבונדן מיט דער „פרייהייט־ — „מאָרגן־פרייהייט“ — שוין באַלד פערציק יאָר. איינער פון די פיאָנערן־גרינדער פון דער פראָגרעסיווער יידישער פאָלקס־צייטונג, וועלכע ווערט באַטראַכט ווי די „מוטער“ פון פראָגרעסיווע, ייגנערע יידישע פאָלקס־צייטונגען אין אַ צאָל לענדער. ס׳איז דעריבער קיין חידוש ניט, וואָס די פייערונגען פון זיין זיבעציקסטן געבוירנטאָג (וואָס איז אויסגעפאַלן דעם 7טן סעפטעמבער 1961) זאָלן פאַרבונדן ווערן איבערן גאַנצן לאַנד (און אויך אין אויסלאַנד) מיטן יובליי פון פערציק יאָר „מאָרגן־פרייהייט“. פ. נאָוויקס לעבן איז דירעקט, ענג פאַרבונדן מיטן לעבן פון דער „מאָרגן־פרייהייט“ — דער אינסטרומענט, וואָס שטייט טאָג־טעגלעך צו דינסט די בעסטע אינטערעסן פון יידישן פאָלק — דאָס געצייג, וועלכן פ. נאָוויק (צוזאַמען מיט זיין קאָלעקטיוו מיטאַרבעטער) האַלט אין איין שלייפן — די קעמפערישע טרי־

בונע, וואָס די געטרייע יידישע פּראָגרעסיווע מאַסן האַלטן כסדר אין בויען, אָפּהיטן ווי דאָס אויג אין קאָפּ.

* * *

זיין וועג, ווי דער וועג פון פיל אַנדערע יידישע רעוואָלוציאָנערע קעמ־פערס, לערערס, שרייבער און טוער, האָט געפירט פון חדר און ישיבה צום סאָציאַליזם, פון דער ישיבה־באַנק צו דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַ־וועגונג, צו קריסטי סטריט, צו יוניאָן־סקווער, צו צוועלפטער גאַס, ניו־יאָרק.

שוין אין 1907 איז פּסח נאָוויק, דאַן אַ מעכאַניקער ביי גילזנמאַשינען, אַקטיוו אין „בונד". אין די יאָרן 1912-1910 האָט ער געאַרבעט אין ציריך, שווייץ, אַלס אַ מאַשיניסט אין אַ סיגאַרעטן־פאַבריק און גלייכצייטיק שטו־דירט. אין יאַנואַר 1913 קומט ער קיין אַמעריקע, וואו ער הויבט אָן באַלד זיך איינוואָרצלען, אַרבעטנדיק אין אַ שאַפּ, שטודירנדיק אין די אָוונטן און ווערט טעטיק אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אין 1915 פאַרנעמט ער אָן אַמט אין דער צענטראַלער ביוראָ פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע אין אַמעריקע — אין ניו־יאָרק — און ווערט סעקרעטאַר פון איר וועכנטלעכן אָרגאַן, „די נייע וועלט".

נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע פון 1917 פאָרט פּ. נאָוויק קיין רוסלאַנד, פריער קיין פּעטראָגראַד און דערנאָך קיין מאָסקווע, וואו ער וואוינט — פון די אָקטאָבער־טעג אין 1917 ביז סוף 1918. אַרבעטנדיק אין אַ גילזן־פאַבריק אַלס מעכאַניק, באַטייליקט ער זיך מיט אַרטיקלען אין דער „קיעווער פאָלקס־צייטונג" און פון סוף 1918 ביז אָנהייב 1919 אַרבעט ער אין מינסק, אין „וועקער", אונטער דער רעדאַקציע פון אסתּר פרומקין. אין פעברואַר 1919 ווערט ער דער רעדאַקטאָר פון דער ווילנער בונדישער צייטונג „אונזער שטימע", וועלכע איז אונטערגעגאַנגען, ווען די ווייס־פּאָליאַקן האָבן אין אַפּריל (1919) פאַרנומען ווילנע. פּ. נאָוויק ווערט דאַן איינער פון די גרינדער און הויפּט־מיטרעדאַקטאָרן פון ווילנער „טאָג"; ווערט שפּעטער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג צוזאַמען מיט זלמן רייזינען.

אין פרילינג און זומער 1920 האָט נאָוויק מיטגעאַרבעט (אַלס נייעס־רעדאַקטאָר) אין דער וואַרשעווער בונדישער „לעבנס־פראַגן", אונטער דער רעדאַקציע פון וולאַדימיר מעדעם. אין אָקטאָבער, 1920, איז ער צוריקגע־פאָרן קיין ניו־יאָרק, וואו ער האָט אַ קורצע צייט מיטגעאַרבעט אין „פאָר־ווערטס". נאָך דער שפּאַלטונג אין דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַ־ציע, אין סעפּטעמבער 1921, האָט ער צוזאַמען מיט אָלגינען און אַנדערע פאַרלאָזט דעם „פאָרווערטס" און מיטגעאַרבעט, זינט דעם ערשטן טאָג פון איר דערשיינונג, אין דער ניי־געגרינדעטער „פרייהייט", איצט „מאָרגן־פריי־הייט", ווי איינער פון אירע גרינדער און ביי וועמענס רודער ער שטייט אַלס הויפּט־רעדאַקטאָר זינט נאָוועמבער 1939, ווען מ. אָלגין איז געשטאָרבן. פּ. נאָוויק, מ. אָלגינס נאָענטסטער מיטאַרבעטער (געהילף־רעדאַקטאָר) אין משך פון יאָרן, זעצט־פאָר די טראַדיציעס פון מ. אָלגין און „זיידע" מאָריס ווינטשעווסקי (מיט וועמען ער איז געווען נאָענט נאָך פון די צייטן פון דער

יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע), די ראשונים־גרינדער פון דער „פריי־הייט״ — שכנא עפשטיין, קלמן מרמר, משה כץ, נ. בוכוואַלד — און פון דער רעוואָלוציאָנערער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

אין משך פון זיין שפּעטערישער שרייבער־קאַריערע האָט פּ. נאָוויק אַ סך אויפגעטאָן אויך אין פרט פון רעדאַקטירן וויכטיקע, ניצלעכע, דויער־האַפטע ווערק. צווישן זיי זיינען: דער „פרייהייט־יאָרבוך״, 1926; מ. אָל־גינס ביכער: „1905״ (מיט אַן אַריינפיר וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905 און אָלגינס ראָל), „אַמעריקע״, „סאָוועטן־פאַרבאַנד״, „קולטור און פאָלק״ (מיט אַ פאַרטיפטן עסיי־אַריינפיר וועגן מ. אָלגין), א. אַנד. איצט אַרבעט פּ. נאָוויק אויף צונויפשטעלן און רעדאַקטירן אַ מאָנומענטאַל ווערק, וואָס וועט איינשליסן די וויכטיקסטע טיילן פון משה כצעס רייכער ליטעראַרישער ירושה.

אין 1924 זיינען אין שיקאַגע דערשינען אין בוך־פאָרם פּ. נאָוויקס אי־בערזעצונגען פון וואַשינגטאָן אירווינגס „ריפּ וואַן ווינקעל״ און „די לע־גענדע פון פאַרשלאָפענעם טאָל״. אין 1925 איז אין ניו־יאָרק דערשינען פּ. נאָוויקס „רעוואָלוציאָנערער אַלבאָם״ (פאַרלאַג „פרייהייט״). אין 1926־1928 איז ער רעדאַקטאָר פון דער וועכנטלעכער „איינִיקייט״, אָרגאַן פון די קעמפנדיקע נאָדל־אַרבעטער אין ניו־יאָרק. פּ. נאָוויקס וויכטיקע אינ־פאָרמאַטיווע פובליציסטישע ווערק זיינען: „פּאַלעסטינע, די אַראַבער, דער ציוניזם״ (פאַרלאַג אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדן, ניו־יאָרק, 1932, 157 זייטן); „די ס. פּ.״ — אַן אַנאַליז פון דער געשיכטע פון דער סאָציאַליסטי־שער באַוועגונג אין אַמעריקע, ניו־יאָרק, 1935; 176 זייטן); „יידן אין ביראָבידזשאַן״ (אַרויסגעגעבן פון „איקאָר״, ניו־יאָרק, 1937) — באַזירט אויף אַ באַזוך אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט.

פינף מאָל האָט פּ. נאָוויק, ווי דער שליח פון דער „מאָרגן־פרייהייט״, פון די אַמעריקאַנער פּראָגרעסיווע יידישע פאָלקס־מאַסן, דורכגעמאַכט ריי־זעס איבער אייראָפּע, אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו ער האָט שטודירט דאָס אַלגעמיינע לעבן און, דער עיקר, דאָס לעבן פון די יידישע מאַסן; אין 1929, 1932 (געווען אויך אין ארץ־ישראל), 1936 (געווען אויך אין ביראָבידזשאַן), 1946־1947, 1958־1959 (געווען אויך אין ישראל). אין 1950 מאַכט ער אַ גרויסע רייזע איבער לאַטיין אַמעריקע (בראַזיל, אורוגוואַי, אַרגענטינע, טשילי, פּערו, קאָלאָמביע, מעקסיקע). פינף מאָל האָט ער באַזוכט קובאַ — דעם לעצטן מאָל אין מערץ 1960, ווען ער האָט געבראַכט אַ באַריכט וועגן דער קובאַנער רעוואָלוציע. די רייזעס האָבן, אָן ספק, באַרייכערט און פאַר־טיפט זיין אייגענעם וויסן — זיי זיינען אָבער דערביי געווען אויך אַ גרויס געווינס פאַר די יידישע לייענער־קרייזן דאָ אין לאַנד און אין אַנדערע לענ־דער. זיי האָבן געבוירן פּרעכטיקע סעריעס אַרטיקלען, רייזע־בילדער, באַ־שרייבונגען און פאַרצייכענונגען, אייניקע פון זיי פאַרקערפּערט אין בוך־פאָרם.

פון גאָר באַזונדערער באַדייטונג איז זיין בוך רייזע־בילדער און באַ־

טראַכטונגען: „אייראָפּע — צווישן מלחמה און שלום“ („איקוף“־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1948, 416 זייטן). אין זיין אַריינפיר צום בוך האָט דער מחבר אויס־געדריקט די האָפענונג, אַז זיין בוך „וועט זיין אַ ביישטייער צו דער דערקענ־טעניש פון דער איצטיקער אייראָפּע“. דער בוך איז באמת אַ הילפס־מיטל צו זען און באַקענען זיך מיטן צושטאַנד אין אייראָפּע, דער עיקר אין סאָ־וועטן־פאַרבאַנד, פּוילן, טשעכאָסלאָוואַקיע, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה — באַזונדערס מיט דער לאַגע פון די יידישע מאַסן. דער מחבר האָט גע־וויזן ניט נאָר דעם חורבן, וואָס די נאַציס האָבן געבראַכט דעם יידישן פאָלק, נאָר אויך דעם יידישן העלדישן ווידערשטאַנד־קאַמף קעגן די נאַציס, — און די רישטאָוואַניעס פון ווידעראויפבוי אויף די חורבות. ער האָט אונ־טערשטראָכן: „...דער גרעסטער ווייטאָג איז — „עס איז ניטאָ גענוג יידן אין אייראָפּע“... שילדערנדיק דעם חורבן וואַרשע און די היסטאָריש־וויכ־טיקע אַרבעט פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן, האָט ער אונטערשטראָכן דעם מוט, דעם בטחון פון די דאָרטיקע לעבן־געבליבענע יידן: „...ניט נאָר אַש פירט איר אַוועק מיט זיך פון דער וואַרשעווער געטאָ, איר פירט מיט זיך אויך אַוועק פונקען. און אַזוי וועלן זיי גליען אויף דור־דורות“. דער גאַנצער בוך, רייך אין ניצלעכע באַלערנדיקע מאַטעריאַלן (דאַ־טעס, דאָקומענטן, פעסטגעשטעלטע פאַקטן) וואַרפט אַ העל ליכט אויף דער יידישער מאַרטירער־געשיכטע, דערציילט וועגן דער גרויסער אויפבוי־אַרבעט אין ערשטן לאַנד פון סאָציאַליזם, אָטעמט מיט גלויבן, טרייסט, בטחון.

ווי אַ המשך פון יענעם ווערק — נאָר אין ליכט פון די גרויסע ענ־דערונגען זינט דאַן אין דער גאַנצער וועלט־אַרענע, אין ליכט אויך פון דער פאַרשטאַרקטער קריגס־געפאַר מצד דעם ווידעראויפגעבויטן מיליטאַריזם בראש מיט נאַצי־גענעראַלן אין מערב־דייטשלאַנד — איז געווען נאָוויקס סעריע רייזע־באַשרייבונגען, באַריכטן, בילדער, איינדרוקן פון זיין באַזוך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און אַנדערע לענדער אין 1958־1959. אַ שאָד, וואָס זיי זיינען ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין בוך־פאָרם.

אין די דרייסיקער יאָרן האָט פּ. נאָוויק פאַרעפנטלעכט אַ ריי בראָשורן — וועגן אַמעריקאַנער פּראָבלעמען, וועגן ציוניזם, וועגן קאַמף קעגן פאַ־שיזם־נאַציזם, וועגן פּאָגראָמען. אין די לעצטע יאָרן זיינען דערשינען אַ ריי זיינע בראָשורן, אין יידיש און ענגליש, — באַריכטן צו „מאָרגן־פריי־הייט“ צוזאַמענפאַרן, וואָס באַלויכטן אַלגעמיינע און יידישע פּראָבלעמען.

צו זיין זיבעציקסטן געבוירנטאָג איז פּ. נאָוויקס וואָרט פריש, מוטיק, וואַגיק, באַלויכטן מיט גלויבן אין די כוחות פון פּראָגרעס. ברייטע יידישע מאַסן דאָ אין לאַנד און אין פיל אַנדערע לענדער שאַצן־אָפּ זיינע באַדייטנ־דיקע ביישטייערן צום יידישן פאָלקס־לעבן. מיר ווינטשן אים נאָך פיל־פיל געזונטע, שעפערישע יאָרן!

1961 (צו נאָוויקס 70סטן געבוירנטאָג)